STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03297

KHULYO KHURENITO UN ZAYNE TALMIDIM

Ilia Erenburg

Permanent preservation of this book was made possible
by Arthur & Shirley Siegel
in honor of
their 50th wedding anniversary

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אילִיא ערענבורג

כוליא כורעניטא

ייִדיש: מנחם פלאַקסער

איבערזעצט מיט דער ערלויבניש פון מחבר.

הילע געצייכנט: י. טיקאָצינסקי.

איליא ערענבורג

אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען פון

כוליא כורעניטא

און זיינע תּלמידים:

מסיע דעלע, קאַרל שמידט, מיסטער קול, אַלעקסיי
טישין, ערקאָלע באַמבוטשי, איליא ערענבורג
און דעם נעגער איישאַ

אין טעג פון פרידן, קריג און רעוואָלוציע, אין פּאַריז, מעקסיקע,
אין רוים, אין סענעגאַל, אין קינעשמאַ, אין מאָסקווע
און אין אַנדערע ערטער און אויך פאַרשידענע

מיינונגען פון לערער:

וועגן פּייקעס, וועגן טויט, וועגן ליבע,
וועגן פרייהייט, וועגן שאַך־שפּיל,
וועגן יהודהשן שבט, וועגן
קאָנסטרוקציע און
וועגן אַ סך אַנ־
דערע זאַכן

צווייטע אויפלאַגע

פאַרלאַג „קולטור־ליגע" וואַרשע

Printed in Poland

געדרוקט אין 700 עקזעמפּלאַרן

דרוקעריי „הצפירה“ וואַרשע, לעשנא 54.

JULIO JURENITO — Ilia Erenburg

Wyd. „Kultur-Liga“ 1927

Druk. „Hacefira“, Warszawa, Leszno 54

פאָרוואָרט

צו דער יידישער איבערזעצונג פון

„כּוליאַ כּורעניטאָ"

איך ווייס נישט, צי אייגנטלעך האָט מען געדאַרפט איבערזעצן דאָס בוך אויף יידיש. קיין פּראַקטישע באַשטימונג, אַלנפאַלס, האָט עס נישט. די געדאַנקען פונם פאַרשטאָרבענעם לערער ערגערן נישט ווייניק אַנדערע פעלקער. „דאָס איז אַ פּאַסקוויל אויף דער קולטור און אויף די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן" זענען נישט צופרידן די ווייסע. „דאָס איז אַ פּאַסקוויל, אַ געמיינער פּאַסקוויל אויף דער רעוואָלוציע" ענטפערן די רויטע. די דייטשן האַלטן פאַר געשיכטלעך נישט-פּינקטלעך די באַשריבענע אייגנשאַפטן פון זייער פאַר דער צייט אונטערגעגאַנגענער (נישט צוליב זייער שולד) אימפּעריע... וואָס ס'איז שייך די פראַנצויזן, דערגייען זיי אין זייער שוימיקן כמעט פּשוט צו אַבסורדן. אַזוי, צום ביישפּיל, לייקענען זיי בכלל די עקזיסטענץ פון מיין פריינט, מסיע דעלע, מיט וועלכן כ'האָב נאָך דאָ נישט לאַנג אין קאַפע "רעזשאַנס" געטרונקען צוזאַמען זיין באַליבטן אַפּעריטיוו. און אַזוי אויך אַנדערע פעלקער זענען גרייט צו דורסן דעם יערער. טייל זענען אַפילו גרייט זיך צו לערנען ביי אים. ווען איך בין פאַראַיאָרן פרילינג געווען אין כאַרקאָוו, איז צו מיר געקומען אַ דעלעגאַציע פון שילער פון 2-טן קורס אַרבעטס-שול און מיטגעטיילט, אַז דער קרייז

פון יונגע נאָכפאָלגער נאָכן גרויסן מעקסיקאַנער אַרבעט פלייסיק (צום באַדויערן איז מיר נישט געלונגען קלאָר צו ווערן, אין וואָס עס דריקט זיך אויס די דאָזיקע אַרבעט). אין מאָסקווע האָט מיר אַ ראַבפאַק (אַרבעטער-סטודענט) לאַנג געדריקט די האַנט און גע-שעפטשעט: „איר, וואָס האָט געקענט כורעניטאָן, זאָגט מיר ווי אַזוי לעבט מען? ווערט פאָרקומען אין ענגלאַנד אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע? זאָל איך חתונה האָבן אָדער זיך באַגיין בלויז מיט פרייער ליבע?"

— אין דער שטאָט מאַגדעבורג איז אַ גאַנץ ערנסטער ציין-דאָקטאָר, קויפנדיק, נאָך אַ ביבליאָגראַפישער נאָטיץ אין „בערלינער טאַגע-בלאַט", די דייטשע איבערזעצונג פון „כורעניטאָ", אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דער לערע. אין באַדעצימער האָט ער אויסגעהאָנגען עקספּרעסיאָניסטישע בילדער, דאָס ווייב האָט ער געגומען צווינגען, זי זאָל אים ליב-האָבן „מעכאַניש" (וואָס ס'איז בכלל נישט געווען צוטריטלעך פאַר איר), און, צום סוף, ערקלערנ-דיק זיך פאַר דעם אַכטן תלמיד פון כורעניטאָ אָדער גאָר פאַרן דאָקטאָר קאַליגאַרי, האָט ער פון שטאָטישן פאַנאָפּטיקום אַרויסגע-גנבעט די וואַקסענע פיגור פונם יונגן שיידעמאַן.

נאָר אויך אין דער ברייט באַקומען דעם לערערס אידעען אַלץ אַ גרעסערע אויסשפּרייטונג. זיי שמעקן אָן אפילו די ענגלישע לאָרדן. איך צווייפל, צי עמיצער פון ליטעראַריש-באַהאַוונטע מענ-טשן וועט אָפּלייקענען, אַז אין דעם באַרימטן בריוו, וואָס האָט באַשלאָסן דעם גורל פון מאַקדאָנאַלדן, זענען פאַראַן סימנים פון דעם לערערס אומדערגרייכבאַרן סטיל.

זאָלן זיי זיין נישט-צופרידן! זאָלן זיי זיך לערנען!

מיט יידן שטייט די זאַך אַ סך שווערער. זיי האָבן נישט מיט וואָס צו זיין נישט-צופרידן און וואָס זיך צו לערנען. יעטוועדער פון זיי, אפילו דאָס דראָבנע שניידערל פון באַלטע, איז פאַר זיך אַליין אַ כורעניטאָ. נאָר אָן אַ מעקסיקאַנישן פאַס און אָן אַ נישט-דורכנעצבאַרן מאַנטל. יעטוועדער פון זיי קאָן גלענצנד אָנגיין פאַר אַ טייוול. און נישט איינמאָל אויך איז ער פאַר אַזעלכן אָנגעגאַנגען אין דער קינדערישער פאָרשטעלונג פון נאַיווע שבטים.

„וואו שטעקט די עיקר-אידעע פון דעם דאָזיקן בוך?"—פרעגט

אַ רוס אָדער אַ דייטש, בעת ער קומט צו צו די טראַגישע פּאָר געלע שטיוול. נאָר דאָס פאָלק, וואָס פאַבריצירט שוין צוויי צענדליק יאָרהונדערטן פאַרשידענע רעליגיעזע, פילאָזאָפישע, סאָציאָלאָגישע אמתן, וואָס פאַבריצירט זיי מיט שכל, סעריעס־ווייז, — די דאָזיקע באמת פאָנענטרעגערישע אמתן — דאָס דאָזיקע פאָלק גלויבט אַליין אין זייער רעטונגס־קראַפט אַזוי פיל, וויפיל דער ערשטער בעסטער פאַבריקאַנט גלויבט אין דעם ווערט פון זיינע אויסאַרבעטונגען. מיר דאַכט, אַז די פאַרשטאָרבענע אלמנה קליקאָ האָט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין שאַמפּאַניער, האַלטנדיק בעסער פון ראָם אָדער פון זעלצער־וואַסער. איין זאַך איז שאַפן אמתן, און אַן אַנדער זאַך איז זיך באַנוצן מיט זיי.

פאַרשטייט זיך, ס'איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן אַזעלכע מענטשן, וואָס באַגייען זיך איבגאַנצן אָן אמתן. ס'איז נישט, חלילה, אַזאַ שווערע זאַך. מ'געוואוינט זיך צו דערצו. מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק האָט מיין עלטער־זיידע רבי שם־טוב (אויף שפּאַניש: Sem Tobh) געשאָנקען דעם שפּאַנישן קעניג פּעדראָ דעם גרויזאַמען אַ בוך מיט „טרייסטונגען". אויפן ערשטן זייטל האָט ער באַשלאָסן צו טרייסטן דעם קעניג מיט דעם פאָלגענדן שיר:

נישטאָ קיין זאַך,
וואָס זאָל אייביק בלייבן;
ווען דער מולד ווערט צייטיק
הויבט ער אָן אָפּפאַלן.

איך מיין, אַז דעם קעניג איז שווער געווען זיך צו טרייסטן מיט אַזעלכע שורות, נאָר אַלס אַ וועלטלעכער קאַסטיליאַנער האָט ער באַשיידן געענטפערט דעם פּאָעט, אַז פונקט אַזוי ווי אין אַ שלעכטער פאַס קאָן זיך אַמאָל געפינען גוטער וויין, אַזוי קאָן זיך אַמאָל אויף די ליפּן פון אַ ייד געפינען אַן אמת. דאָס באַווייזט, אַז דער קעניג האָט נישט דערלייענט דאָס ביינטע זייטל פונם דערמאָנטן ביכל, וואָרים דאָרט וואָלט ער איבערגעלייענט עטלעכע געדאַנקען וועגן וויין: „וואָס איז בעסער וויין אָדער דורשט? שוטה! דער בעסטער אַנדאַלוזער וויין וועפּט אויס. דער דורשט אָבער פון דעם, וואָס האָט נישט אָנגערירט דאָס פעסל, בלייבט אייביק".

Free Public Library, Newark, N. J.

און אַזוי איז פֿאַרטיילט געוואָרן די גרויסע וועלט. אויף אונזער גורל איז אויסגעפֿאַלן דער דורשט. זייענדיק די בעסטע וויין=מאַכערס, צושטעלענדיק דער מענטשהייט ראָמאַנטיקער, משוגענע קעפּ און פּראָוואָקאַטאָרן, שאַצן מיר אַליין נישט באַזונדערס דעם וויין, מיט וועלכן מיר ווייסן זיך אַזוי צו רימען. מיר האַלטן בעסער פֿון טרוקענע ליפּן און אַ קלאָרן קאָפּ. ביים אָנבליק פֿון שכּורע קרומט זיך אַ שמייכל אויף אונזערע ליפּן. וואָס איז שייך אויגן, די דאָזיקע עלעגישע, אַביסל בלינדלעכע, קלאַסישע יידישע אויגן, — ווענדן זיי זיך צום הימל=לאַזור. און אַזוי ווערט געבוירן אַ ראָמאַנטישע איראָניע. דאָס איז נישט קיין וועג און נישט קיין אידעע: דאָס זענען נעגל פֿון אַ קאַץ.

קיין אמתע נעגל האָבן מיר נישט. מיר האָבן זיי שוין לאַנג אויסגעריבן אויף אַלע שאָסעען פֿון דער וועלט. מוז מען זיך באַנוגענען מיט איראָניע. אין דעם קאָן אפשר זיין אויך די באַרעכטיקונג פֿון דער דאָזיקער איבערזעצונג. פֿאַר אַ צוטריטלעכן פּרייז (איין דאָלאַר?) וועט יעדער ייד קריגן עטלעכע הונדערט נייע שמייכלען, גאַנץ ניצלעכע צום געברויך.

אַלעמען איז באַקאַנט, אַז יידן, נישט געקוקט אויף זייער ערגייץ, האָבן ליב אַ סך צו גיין, אַפּילו לויפֿן. דאָס דרינגט אַרויס נישט פֿון דעם פֿאַרלאַנג גיכער צו קומען צום ציל, נאָר פֿון דער האַרטער זיכערקייט, אַז אַזאַ ציל איז בכלל נישטאָ. אַ גוטע מוסקולן=איבונג און גאָר. ווי טיפּוס=קראַנקע, ווילן זיי *אַפּילו שטאַרבן גייענדיק*. די וואונדערלעכע לעגענדע וועגן דעם „אייביקן ייד" האָט געשאַפֿן נישט דער קריסטלעכער מוח, נאָר די סעמיטישע רויגן.

אין די סקלאַדעס (אויסשליסלעך אויף עקספּאָרט) געפֿינען זיך, פֿאַרשטייט זיך, גענוג אידעאַלן, אָנהויבנדיק פֿון „משיח"=אידעאַל און ענדיקנדיק מיט אַ „מוסטערהאַפֿטער קאָמונע". נאָר דאָס שניידערל פֿון באַלטע — פֿאַרוואָס=זשע שמייכלט ער? און, אגב, וואָס וואָלט ער געטאָן, דער דאָזיקער שניידער, אין אַ „אידעאַלער וועלט"? — ער איז באמת צו נעבעכדיק און צו קלוג, אַז ער זאָל,

צושטייענדיק צו די „עלוויסטן" *), זיך נעמען ניאַנטשען מיט מאַשי נעס. וואָס ס'איז שייך דעם גן־עדן אין סטיל פון רוסאָ, — האָט דאָס דאָזיקע שניידערל אַ קאָמיש־איינגעפּאַלענעם קערפּער און די אויגן זיינע זענען צעפּרעסן פון טראַכאָמע. און צו דעם אַלעם האָט ער מוראַ פאַר בוים־ווערימלעך. איבעריקנס, אַזעלכע געדאַנקען גייען אים בכלל ווייניק אָן. צופּינטלענדיק מיט אַ פּאַרטרערט אויג צו זיינע עלטער־זיידעס און אור־אייניקלעך, איז ווי ער וואָלט זאָגן: „קאָמונע? זאָל זיין קאָמונע. וויין לאָזט זיך גיך אויס. און נישט שטענדיק איז דער וויין גוט. דער דורשט אָבער בלייבט". הייסט עס, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג.

דאָס דאָזיקע בוך פאַרענדיקט זיך מיטן וואָרט „אוראַ", וואָס ווערט געבראַנגט אויף אַלע שפּראַכן. איך ווייס נישט ווי אַזוי „אוראַ" קלינגט אויף יידיש. איך מיין, עס קלינגט בכלל נישט. מסתמא דערפאַר איז דאָס, אין יענעם געשיכטלעכן אָוונט פון 26־טן מערץ 1913, אָנהויבנדיק זיין לערע, דער טייערער כוליאַ כורעניטאָ צוגעגאַנגען דוקא צו מיר, הגם אין קאַפע „ראָטאָנד" האָבן זיך צו דער זעלבער צייט געפינען נישט ווינציקער פון 30 מענטשן, לויטן אויסזען אַ סך סימפּאַטישערע פון מיר.

איליאַ ערענבורג

---

*) אַ פּאַרטיי אין רוסלאַנד, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט און לערנט אַרבעטן.

אַרײַנפיר

מיט דער גרעסטער אויפגערעגטקייט טרעט איך צו צום ווערק, אין וועלכן כ'זע דעם ציל און באַרעכטיקונג פון מיין אָרעם לעבן, צו באַשרייבן די טעג און מחשבות פון מיין לערער כוליאָ כורעניטאָ. אונטער דער לאַסט פון דער קאַליידאָסקאָפּישער שפּע נעבעכדיקע אָנשטרענגונגען פון יענעם וועלט-כראָניקער, וואָס שאַפט איצט די קינפטיקע לער ביכער פאַר געשיכטע, איז מיין זכרון פאַרטרויערט און איינגעשרומפן געוואָרן; צו דעם האָט נאָך מיטגעהאָלפן די נישט-געניגנדיקע דערנערונג און רוסלאַנד, הויפּטזעכלעך דער מאַנגל אין פעטקייטן. מיט שרעק טראַכט איך וועגן דעם, אַז פיל פון דעם לערערס דערציילונגען און מיינונגען זענען אויף תמיד פאַרלוירן געגאַנגען אַזוי פאַר מיר ווי פאַר דער וועלט. נאָר דאָס בילד זיינס איז קלאָר און לעבעדיק. ער שטייט פאַר מיר, אַן אויסגעמאָגערטער, אַ גרויליקער, אין דער וועסט פון אָראַנזשען-קאָליר, מיט דעם אומפאַרגעסלעכן שניפּס, באַשאָטן מיט גרינע אַרבעסלעך און שמייכלט שטיל. לערער, איך וועל דיך נישט פאַרראַטן!

טיילמאָל, פון אינערציע, שרייב איך נאָך לידער פון דורכשניטלעכן ווערט, און אויף דער פראַגע: וועלכע באַשעפטיקונג איך האָב, ענטפער איך אומפאַרשעמט: „אַ ליטעראַט“. נאָר דאָס איז אַלץ שטייגער: אין תוך אַריין האָב איך מיך שוין לאַנג צעשיידט און פאַרלאָזן דעם דאָזיקן אומפּראָדוקטיוון אופן פון צייט-פאַרטרייבעס וואָלט מיר געוועזן זייער פיינלעך, ווען עמיצער וואָלט אויפגע-

נומען דאָס דאָזיקע בוך ווי אַ ראָמאַן, אַ מער אָדער ווייניקער
אינטערעסאַנטן. דאָס וואָלט באַדייט, אַז ס'איז מיר נישט געלונגען
אויסצופילן די אויפגאַבע, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן אין יענעם
ווייטאָקלעכן טאָג פון 12-טן מערץ 1921, אין טאָג פון לערערס
טויט. זאָלן מיינע ווערטער זיין וואַרעם, ווי זיינע האָריקע הענט,
באַנט און היימיש, ווי זיין מיט טאַבאַק און שווייס דורכגעזאַפטע
וועסט, אויף וועלכער דער קליינינקער איישאַ האָט אַזוי ליב געהאַט
צו ווייגן, און זאָלן זיי ציטערן פאַר ווייטאָק און צאָרן, ווי די
אויבערשטע ליפ זיינע בעת אַ „טיק"-אָנפאַל.

כ'רוף אָן כוליאָ כורעניטאָ פשוט, כמעט פאַמיליאַריש „לע-
רער", הגם ער האָט קיינמאָל קיינעם גאָרנישט נישט געלערנט; ער
האָט נישט געהאַט נישט קיין רעליגיעזע קאַנאָנען, נישט קיין עטי-
שע פרינציפן, ער האָט נישט פאַרמאָגט אַפילו קיין פשוט, פאַרדאַרט
פילאָזאָפיש סיסטעמל. כ'וועל זאָגן נאָכמער: אָרעם און גרויס, האָט
ער נישט פאַרמאָגט אַפילו די געבעכדיקע רענטע פונם געזייגלעכן
בירגער — ער איז געווען אַ מענטש אָן איבערצייגונגען. איך ווייס,
אַז אין פאַרגלייך מיט אים וועט דאָס מינדסטע דעפוטאַטל אויסזען,
ווי אַ מוסטער פון אידעען-שטאַנדהאַפטיקייט, דער ערשטער בעסטער
ליפעראַנט — פאַר אַ גאָון פון ערלעכקייט. ברעכנדיק אַלע פאַרבאָטן
פון די היינט-עקזיסטירנדיקע קאָדעקסן פון עטיק און געזעץ, האָט
דאָס כוליאָ כורעניטאָ נישט באַרעכטיקט מיט אַ וועלכער דאָרט
נייער רעליגיע, נייער וועלט-דערקענונג. דורך אַלע בית-דינס פון
דער וועלט, איינשליסנדיק אַהער אויך דעם רעוואָלוציאָנערן טריבו-
נאַל פון ר. ס. פ. ס. ר. און דעם גייסטלעכן-מאַראַבוט אין צענטראַל-
אַפריקע, וואָלט ד. ר לערער געמשפט געוואָרן ווי אַ פאַררעטער,
ליגנער און שולדיקער אין אומצייליגע פאַרברעכנס. וואָרים ווער
דען, אויב נישט די ריכטער, זאָלן זיין יענע גוטע הינט, וואָס
שיצן די אָרדנונג און דעם שטייגער פון דער דאָזיקער וועלט?

כוליאָ כורעניטאָ האָט געלערנט פיינט האָבן דאָס געגנווער-
טיקע, און כדי די דאָזיקע שנאה זאָל זיין קרעפטיק און הייס, האָט
ער אויפגעעפנט פאַר אונז, דרייפאַך פאַרחידושטע, די טיר צו דעם
גרויסן, אומפאַרמיידלעכן מאָרגן. נאָכן געוואוירי-ווערן וועגן זיינע

מעשים וועלן אַ סך זאָגן, אַז ער איז געווען נישט מער ווי אַ פּראָוואָקאַטאָר. אַזוי האָבן אים גערופן ביים לעבן קלוגע פילאָזאָפן און פריילעכע זשורנאַליסטן. נאָר דער לערער האָט, נישט אָפּפרעגנדיק דעם דאָזיקן בכבודיקן נאָמען, געזאָגט צו זיי: „אַ פּראָוואָקאַטאָר — דאָס איז דער גרויסער אַקושער פון דער געשיכטע. אויב איר וועט נישט אויפנעמען מיך, דעם פּראָוואָקאַטאָר מיטן פרידלעכן שמייכל און מיט דער „סטילאָ“-פעדער אין קעשענע, וועט קומען אַן אַנדערער אויף צו מאַכן דעם קייזער-שניט, און שלעכט וועט זיין צו דער ערד“.

נאָר דער געגנוואַרטיקער דור וויל נישט, קאָן נישט אויפנעמען דעם דאָזיקן הייליקן — אָן רעליגיע, דעם חכם — וואָס איז נישט אויסגעגאַנגען קיין פילאָזאָפישן פאַקולטעט, דעם נזיר — אין אַ קרימינעלן כאַלאַט. פאַרוואָס-זשע האָט דער לערער מיר באַפוילן אָנצושרייבן דאָס בוך פון זיין לעבן? כ'האָב מיך לאַנג געפּלאָגט מיט די דאָזיקע ספקות, ווען כ'האָב אָנגעקוקט די ערלעכע אינטעליגענטן, וואָס זייער אַלטע חכמה קאָנסערווירט זיך, ווי פראַנצויזישער קעז, אין דער היימישקייט פון זייערע קאַבינעטן מיט טאָלסטאָיען איבערן טיש, — אויף די מעגלעכע לעזער פון מיין בוך. נאָר דער פאַרעטערישער זכרון האָט מיך דאָס מאָל אַרויסגעראַטעוועט. כ'האָב מיך דערמאָנט, ווי דער לערער האָט אַמאָל, אָנווייזנדיק אויף קלאָן-זאָמען געזאָגט צו מיר: „דיין זאַך איז זיכערער, וואָרים עס פליט נישט בלויז אין שטח, נאָר אויך אין דער צייט“.

און אַזוי: נישט פאַר די געבירגיקע מוזות, נישט פאַר די הויכקייטן, פאַר די איצט אויסדערוויילטע, אומפּרוכטבאַרע און פאַרמשפטע, שרייב איך, נאָר פאַר די קומענדיקע נידעריקייטן, פאַר דער ערד, וואָס וועט מיט אַן אַנדער אַקער-אייזן געאַקערט ווערן און אויף וועלכער עס וועלן אין אַ געבענטשטער זאָרגלאָזיקייט זיך קוילערן זייערע קינדער — מיינע ברידער.

איליאַ ערענבורג

דאָס ערשטע קאַפּיטל

מיין באַגעגעניש מיט כוליאָ כורעניטאָ. — דער טייוול און די האָלענדישע פייקע

דעם 26=טן מערץ 1913 בין איך, ווי שטענדיק, געזעסן אַ=
קאַפע אויף בולוואַר מאָנפּאַרנאַס פאַר אַ טעפל לאַנג-אויסגעטרונ=
קענער קאַווע און אומזיסט געוואַרט, אַז עמיצער זאָל קומען מיך
אויסלייזן און באַצאָלן דעם געדולדיקן קעלנער זעקס סו. דעם דאָ=
זיקן אופן פון דערנערן זיך האָב איך אַנטדעקט נאָך ווינטער און
ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גלענצנד. און ווירקלעך, כמעט
שטענדיק אַ פערטל שעה פאַרן פאַרמאַכן דאָס קאַפע=הויז האָט זיך
באַוויזן אַ גאָר=אומגעריכטער באַפרייער — אַ פראַנצויזישע פאָעטע=
סע, וואָס אירע לידער האָב איך ווי=נישט=איז איבערגעזעצט אויף
רוסיש, אַן אַרגענטינער סקולפּטאָר, וואָס האָט, כ׳ווייס נישט פאַר=
וואָס, געהאַפּט דווקא דורך מיר צו פאַרקויפן זיינע שאַפונגען „איי=
נעם פון די פירשטן כטיוקין״, אַן אַפעריסט פון אומבאַקאַנטער נאַ=
ציאָנאַליטעט, וואָס האָט ביי מיין פעטער אין סאַן=סעבאַסטיאַנאָ
געוואונען אַ שפּאָרע סומע און האָט מסתמא דערשפּירט, אַז דאָס
געוויסן אין אים נישט אין אָרדנונג, און ענדלעך מיין אַלטע ניאַניע,
וואָס איז מיט די פּריצים מיטגעקומען קיין פּאַריז און איז, מסתמא
צוליב דער צעשטרייטקייט פון פּאָליציאַנט, וואָס האָט שלעכט גע=
זען דעם אַדרעס, אַריינגעפאַלן, אָנשטאָט אין דער רוסישער צערקווע

אויף דאַרי, — אין קאַפּע אַריין, וואו ס'זענען געזעסן רוסישע שלעפּערס; די לעצטע האָט מיר, אויסער די געשוואוירענע זעקס סוגעשאַנקען אויך אַ גרויסע בולקע, און אַ שטאַרק געריטע דריי מאָל מיך אַ קוש געטאָן אין נאָז.

כ'בין געווען געשטימט זייער מיסטיש — ניעגלעך צוליב די דאָזיקע אומגעריכטע באַפּרייאונגען, און מעגלעך אונטער דער ווירסונג פון אַגדערע באַדינגונגען, ווי: כראָנישער הונגער, דאָס לייענען די ביכלעך פון לעאָן בלוּאַ, פאַרשידענע ליבע־אַנטוישונגען. אין די געוויינלעכסטע ערשיינונגען האָב איך געזען עפּעס סמנים פון דער העכערער השגחה. די שכנותדיקע געוועלבער — דאָס קיילער־ און דאָס קאָלאָניאַל־געוועלב — האָבן ביי מיר אויסגעזען, ווי גהינם־קרייזן, און די באַוואָנסעטע געבעקס־פאַרקויפערין מיטן הויכן טשיפּעק,—אַ כשרע גויע פון אַ יאָר זעכציק — ווי אַן אומפאַרשעמטער עפּעב. כ'האָב אויסגעאַרבעט אַ געגויען פּלאַן איינצולאַדן קיין פּאַריז דריי טויזנט אינקוויזיטאָרן, כדי עפּנטלעך אויף די פּלעצער צו פאַרברענען די אַלע, וואָס טרינקען אַפּערעטיוון*). דערנאָך פּלעג איך אויסטרינקען אַ גלאָז אַבסענט און, אַ שכורער, דעקלאַמירן די לידער פון דער הייליקער טערעזע; דעם צו אַלעם צוגעוואוינטן קאַפּע־אייגנטימער האָב איך אויפגעוויזן, אז שוין באָסטראַדאַמוס האָט פאָרגעזען אין דער „ראָטאָנדע" אַ נעסט פון טויטשפּרייטנדיקע סקאָלאָפּענדערס, און נאָך האַלבער נאַכט פּלעג איך בחינם גיין קלאַפּן אין די אייזערנע טויערן פונם קלויסטער סען־ושערמען־דע־פּרע. מיינע טעג פלעגן זיך געוויינלעך אויסלאָזן ביי דער געליבטער, אַ פראַנצויזין מיט אַ בכבודיקן סטאַזש, נאָך אַ גוטע קאַטוילין, פון וועלכער כ'האָב אין די סאַמע נישט פּאַסיקע דערצו מינוטן פאַרלאַנגט ערקלערונגען: וואָס איז דער חילוק צווישן די זיבן „שטערבלעכע" עבירות און די זיבן „עיקרדיקע". און אַזוי איז צו־ביסלעך פאַרגאַנגען די צייט.

אינם דערמאָנטן אָוונט בין איך געזעסן אין טונקעלן ווינקל פון קאַפּע, אַ ניכטערער און אויסטערליש־רואיקער. לעבן מיר האָט,

---

*) אַלקאָהאָל־געטראַנק, וואָס פראַנצויזן טרינקען פאַרן עסן. — איבערז.

אײַנגעבצן אַ נאַקעטער, געסאַפּעט אַ פֿעטער שפּאַניער, און אויף זײַנע קניִען האָט געפּישטשעט אַ אָן־בריסטיק, בײַנערדיק מײדל, אויך אַ נאַקעטע, נאָר מיט אַ ברייטן קאַפּעלוש, וואָס האָט איר פֿאַרשטעלט דאָס פּנים, און אין געגילדטע פּאַנטאָפּעלעך. אַרום האָבן פֿאַרשידענע מער אָדער ווייניקער אויסגעטוענע מענטשן געטרונקען „מאַר". דאָס דאָזיקע פֿאַר דער „ראָטאָנדע" גאַנץ געוויינלעכע בילד האָט זיך דערקלערט מיט אַ קאָסטיום־באַל ערגעץ־וואו אין אַ „נעאָ־סקאַנדינאַווישער אַקאַדעמיע". נאָר מיר, פֿאַרשטייט זיך, האָט זיך דאָס אַלץ אויסגעוויזן, ווי די לעצטע הילות־מאָביליזאַציע קעגן מיר. כ'האָב געמאַכט פֿאַרשידענע קערפּער־באַוועגונגען, ווי בעתן שווימען, כּדי זיך אָפּצוגרענעצן פֿונט שווייסיקן שפּאַניער, און דער עיקר פֿון די קעגן מיר אַרויסגעשטעלטע שווערע היפּטן פֿון דער מאָדעלקע. כ'האָב אומזיסט געזוכט אין קאַפֿע־הויז די געבעקס־פֿאַרקויפֿערין, אָדער עמיץ אַנדערש, וואָס וואָלט זי געקאָנט פֿאַרטרעטן, ד. ה. — דעם הויפּט־מאַרשאַל און באַגייסטערער פֿון דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער פֿאָרשטעלונג.

די טיר פֿון קאַפֿע־הויז האָט זיך געעפֿנט און מיט פּאַמעלעכע טריט איז אַרײַנגעקומען אַ גאַנץ־געוויינלעכער מאַן אין אַ האַרטן קאַפּעלוש און אין אַ גרויסן גומענעם מאַנטל. אין דער „ראָטאָנדע" פֿלעגן קומען אויסשליסלעך אויסלענדער, קינסטלער און סתּם שלעפּערס, מענטשן פֿון אַ נישט־זויבערער אויסערלעכקייט. דערפֿאַר האָבן נישט געצויגן אויף זיך קיין אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די באַזוכער, נישט דער אינדיאַנער מיט די הינער־פֿעדערן אויפֿן קאָפּ, נישט מײַן פֿרײַנט דער פּויקן־קלאַפּער פֿון מוזיק־האָל אין צילינדער פֿון זאַמד־קאָליר, נישט די קליינע מאָדעלקע, די מולאַטקע אינעם שרײַיִקן קעפּי, מענעריש צוגעשניטן. נאָר דער מאַן אינעם האַרטן קאַפּעלוש איז געווען אַזאַ אויסטערלישקייט, אַז די גאַנצע „ראָטאָנדע" האָט אַ ציטער געטאָן, אַ מינוט שטילגעשוויגן און דערנאָך פֿול געוואָרן מיט אַ שעפּטשערײַ פֿון פֿאַרוואונדערונג און שרעק. נאָר איך האָב גלײַך אַלץ פֿאַרשטאַנען. באמת, מ'האָט געדאַרפֿט בלויז אויפֿמערקזאַם אַ קוק טאָן אויף דעם אַרײַנגעקומענעם, אַז מ'זאָל פֿאַרשטיין דעם גאַנצן באַשטימטן ציל אי פֿון דעם געהיימניספֿולן

קאַפּעלושל אי פון דעם ברייטן גרויען מאַנטל. איבערן שטערן האָבן אים פון אונטער די לאָקן קלאָר אַרויסגעקוקט געדרייטע הערנערלעך, און דער מאַנטל האָט זיך אומזיסט באַמיט צו פאַר־דעקן דעם שאַרפן, קריגעריש אויפגעהויבענעם ווײדל.

כ׳האָב געוואוסט, אַז דער קאַמף האָט קיין צוועק נישט און איך האָב זיך בעגרייט צום סוף. ווי צעריסענע שמאַטעס האָבן זיך געשאַרט דורך מיין קאָפּ ווייטע ערינערונגען — די זומער־וואוינונג מיטן סמאָלע־גערוך אונטער מאָסקווע, איך אין דער קינדער־וואַנע, אַ רויזלעכער און שיצלאָזער, די שפּאַציר־גענג מיט דער גימנאַ־זיסטקע נאַדיאַ איבערן זובאָווער בולוואַר, די אָוונטן אין סיענאַ ביי די שפּיציקע פּעלזן, באַווירצט מיט מירטן־געשמאַק. נאָר די לעצטע זיסע זעונגען האָט פאַרטריבען פון מיר דער אַלמעכטיקער, נישט־באַזיגבאַרער ווײדל.

כ׳האָב געוואַרט אויף אַ באַלדיקער שלאַכט, אויף חוזק־מאַ־כעריי, מעגלעך אויף די טראַדיציאָנעלע נעגל, און מעגלעך באָך פּראָסטער, אויף אַ באַפעלערישער איינלאַדונג נאָכצוגיין נאָך אים אין „טאַקסי״ אַריין. נאָר דער פייניקער האָט אַרויסגעוויזן אַ זעל־טענע אויסגעהאַלטנקייט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים שכנות־דיקן טישל און, צומאָלט נישט קוקנדיק אויף מיר, פאַנאַנדערגע־וויקלט אַן אָוונט־צייטונג. ענדלעך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר און געעפנט דאָס מויל. כ׳בין אויפגעשטאַנען. נאָר דערנאָך איז געשען עפּעס גאָר אַן אומבאַגרייפלעכע זאַך. נישט הויך, אפילו אַביסל פויל, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „גאַרסאָן, אַ באָק*)״, און אין אַ מינוט אַרום האָט אויף זיין טישל זיך געשוימט אַ שמאָלער באָקאַל.

דער טייוול טרינקט ביר! דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט איבער־טראָגן, און, איידל, אָבער גלייכצייטיק אויפגערעגט, האָב איך זיך געווענדעט צו אים:

„איר וואַרט אומזיסט. איך בין גרייט. צו אייער דינסט. אָט איז מיין פּאַס, אַ ביכל לידער, צוויי פאָטאָגראַפיעס, גוף און נשמה. מיר וועלן דאָך, מסתמא, פאָרן אין אַן אויטאָמאָבילי?...״ איך חזר אי־בער, כ׳האָב זיך באַמיט צו רעדן רואיק און זאַכלעך, ווי ס׳וואָלט

*) קעלנער אַ קליינע גלאָז ביר. — א י ב ע ר ז.

זיך געהאַנדלט נישט וועגן מיין סוף, וואָרים כ'האָב גלייך באַמערקט, אַז מיין טייוול האָט אַ פלעגמאַטישן טעמפּעראַמענט.

דער מאָנענדיק זיך איצט אָן דעם אָוונט, וואָס איז געווען פאַר מיר דער וועג קיין דמשק, בוק איך זיך פאַר דער קלאָרזעעוודיקייט פונם לערער. אין דעם ענטפער אויף מיינע נישט־קלאָרע רייד האָט זיך כוליאָ כורעניטאָ נישט פאַרלוירן, נישט גערופן דעם לאַקאַי, נישט אַוועקגעגאַנגען, ניין, שטיל און קלאָר, קוקנדיק מיר אין די אויגן, האָט ער געענטפערט: „איך ווייס, פאַר וועמען איר נעמט מיך אָן. נאָר ער איז נישטאָ". די דאָזיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך נישט קיין סך אונטערגעשיידט פון די געוויינלעכע אָנווייזונגען פונם נערוון־דאָקטאָר, וואָס האָט מיך געהיילט, האָבן זיך דאָך מיר אויסגעוויזן, ווי אַן ענטפּלעקונג — אי אַ משונהדיקע, אי אַ שווער־דריקנדיקע. מיין גאַנצער אויפגעבויטער בנין איז איינגעפאַלן, וואָרים אָן דעם טייוול איז געווען אַן אומזין אי די „ראָטאָנדע", אי איך, אי דאָס גליק, וואָס עקזיסטירט דאָרט ערגעץ־וואו. כ'האָב דערפילט, אַז איך גיי פאַרלוירן און האָב זיך אָנגעכאַפּט אָנם לעצטן רעטונגס־רינג: „אָבער דער ווידל, דער ווידל..." כורעניטאָ האָט אַ שמייכל געטאָן: „און קיין ווידל איז נישטאָ — נישט קיין קאַראַמאַזאָוויש־דעבישער, און נישט קיין שאַרף־שפּיציקער, קיין שום נישט. באַמיט זיך צו לעבן אָן אַ ווידל. אָט האָט איר ליב, ווי איך, אַ פּייקע. איך האָב אַ פּרעכטיקע קאָלעקציע — ענגלישע פון אַלטן „טרי־בי"־האָלץ, אונגאַרישע פון קאַרשןהאָלץ, טערקישע פון דער רויטער לעוואַנטישער ערד מיט מונדשטיקן פון יאַסמין, האָלענדישע..." כ'האָב לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָב שטיל אָפּגעזיפצט, קוקנדיק מיט דער לעצטער האָפענונג אויפ' ווידל, וואָס איז געווען פאַרדרייט אויף לינקס. דעמאָלט האָט כורעניטאָ, אויפשפּילענדיק דעם מאַנטל, אַרויסגענומען פון דער זייטיקער הויזן־קעשענע אַ לאַנגע האָלענדישע פּייקע, וואָס איז שוין גוט געווען אויסגערויכערט. מער איז שוין נישט געווען אויף וואָס צו האָפן, וואָרים דער ווידל איז נעלם געוואָרן. אויסער דעם האָט ער אויסגעטאָן דעם קאַפּעלוש און די פאַרגעשטעלטע הערנער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט מער, ווי

שטאַרקע, געדיכטע האָר, געקרייזלט, ווי ביי אַ נעגער. מיט פּיין און שרעק האָב איך געקוקט אויף דעם נישט אומישבֿעדיקן גענאַרער, און כורעניטאָ האָט זיך רואיק גערויכערט זיין פּייקע.

כ'האָב זיך כּלל נישט געפֿרייט, וואָס כ'האָב נישט מער קיין שונא, וואָס ער איז נישט מער ווי מיינס אַ נאַריש אויסטראַכטעניש. פֿאַרקערט, צוזאַמען מיטן טייוול איז פֿאַרשוואונדן די גאַנצע היימישקייט, זאָל זיין פֿון גהינום. אָבער פֿאָרט אַן אייגענע, אַ פֿאַרשטענדלעכע, אַ פּילבאַרע. כ'האָב זיך געפֿילט, ווי אין אַ מדבר און, וועלנדיק געפֿינען כאָטש אַ וואָסער נישט איז אָנשפּאַר-פּונקט צווישן די פֿליענדיקע זאַמדן, האָב איך געפֿרעגט כורעניטאָן: „גוט, לאָמיר זאָגן, אַז ער איז נישטאָ. נאָר עפּעס מוז דאָך זיין?...“ כוליאָ האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, ווייזנדיק די ציין, אַזעלכע גלייכע און ווייסע, אַז כ'האָב זיך דערמאָנט אָן דעם שילדל אין די טראַמווייען „באַנוצט נאָר דענטאָל“, און איידל, כמעט הכנעהדיק האָט ער געענטפֿערט: „ניין“. דער „ניין“ האָט געקלונגען אַזוי, ווי כ'וואָלט געבעטן ביי אים אַ שוועבעלע, אָדער ווי כ'וואָלט אים געפֿרעגט — צי ער האָט געלייענט דעם לעצטן נומער „קאָמעדיאַ“.

„אָבער אויף עפּעס האַלט זיך דאָך דאָס אַלץ? עמיצער פֿירט דאָך מיט דעם דאָזיקן שפּאַניער? עפּעס אַ זין האָט ער דאָך?...“ —

„דער דאָזיקער שפּאַניער איז געבוירן געוואָרן מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק. ער איז געווען אַ הויליקער, דערנאָך איז ער באַוואַקסן געוואָרן מיט האָר. ער גיט זיך אָן פֿאַ״ אַ דעקאָראַטאָר, אין דער אמתן האַנדלט ער אויף דער בערזע, היינט האָט ער פֿאַרדינט פֿערציק לואַי. ער איז צופֿרידן. דער מאָגן אַרבעט אין אָרדענונג. די איבעריקע אָרגאַנען אויך. נאָר וואָס האָט ער געגעסן אָוונט-ברויט (דריי פֿראַנק, וויין איינגעשלאָסן), גענומען אַ מיידל (פֿינף פֿראַנק). דערנאָך וועט ער פֿאַרלירן אויף דער בערזע צוואַנציק לואַי. דערנאָך וועט ער קראַנק ווערן אויף פּאָדאַגרע און וועט טרינקען שטינקענדיק וואַסער. דערנאָך וועט ער שטאַרבן, פֿאַרפֿוילט ווערן, אַ גרעזל וועט אויסשפּראָצן, איר ווייסט דאָך, אַזאַ „אַ האָן אָדער אַ הון“. און אונטער דעם אַלעמען האָט מען אייך פֿאַר אומזיסט געגעבן דאָס פֿאַרגעניגן צו געפֿינען עפּעס אַ באַהאַלטענעם ציל און אַ אינערלעכן

זיך". „ניין,—כ'האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, כ'האָב געשריגן —דאָס קאָן נישט זיין! איר האָט נישט קיין ווידל, נאָר איר זייט פאַרט ער. ס'מוז זיין גוטס, איר פאַרשטייט?—אייביקס און אבסאָלוטס!" כורעניטאַ איז נישט טרויעריק געוואָרן, ער האָט אפילו נישט אויפגעהויבן דאָס קול: „אָבער ניין, באמת, איך בין נישט דער טייוול. איר חנפעט מיך צופיל. די אַלע וואונדערלעכע באַשעפענישן, אַך, זיי זענען כלל נישטאָ! איר קאָנט שלאָפן רואיק אַפילו קיין בראָם איז נישט נויטיק. נאָר קיין גוטס איז נישטאָ. און אויך נישט דער אַנדערער, אָט דער, וואָס שרייבט זיך מיט אַ גרויסן בוכשטאַב, איר הערט, ליבינקער, לחלוטין נישטאָ. אויסגעטראַכט. פון לאַנגווייליקייט האָט מען דאָס אויפגעריסעוועט. וואָסער גאָט איז דאָס אָן אַ טייוול? „גוטס", זאָגט איר? איז אָט קוקט אָן דאָס מיידעלע. זי האָט היינט קיין מיטאָג נישט געגעסן. איר פאַרשטייט? כמעט אַזוי ווי איר. עסן ווילט זיך, עס נאָגט אונטערן לעפעלע, און בעטן קאָן מען נישט. מ'מוז טרינקען, זיסן חלשותדיקן ליקער. עס נודיעט צום ברעכן. אויך דער שפּאַניער נודיעט, זיינע קאַלטע, פייכטע הענט קריכן, טאַפּן. אַ יינגעלע האָט זי—האָט זי עס אַוועקגעגעבן אַן אַלטער פרוי צום דערציִען, אַ הונדערטער אַ חודש דאַרף מען צאָלן. היינט האָט זי געקריגן אַ קאַרטל—ער איז קראַנק, אַ דאָקטאָר, אַ רעצעפּט, און אַזוי ווייטער. גיי און פאַרדין, און נאָך פרייליך זיין, און אויפן באַל גיין, און נישט אַזוי ווי דאָס מיידל מאַרגאָ, נאָר ווי די קאַרטאַגינערין סאַלאַמבאָ, און דעם שפּאַניער קוש אין די ליפּן, די גליטשיק-פייכטע, שנעל, אָפּגעריסן, ווי דו וואָלסט ממש דעם זינען פאַרלוירן פון ליידנשאַפט. אפשר וועט ער צולייגן נאָך צוואַנציק סו. מיט איין וואָרט, אַלטעגלעכקייט, נאַרישקייט, כראָניק. און אָט פון אַזאַ נאַרישקייט ווילן אייערע הייליקע און מיסטיקער אַ פּלי טאָן אין דער לופטן. אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז איינגעטיילט אין רובריקעס: דאָס איז גוטס, דאָס איז שלעכטס. נאָר אַ קליינער טעות איז אַרויסגעקומען, אַ מיספאַרשטענדעניש. יושר? פאַרוואָס האָט איר נישט אויסגעקליבן קיין בעסערן בעל-הבית, וואָס ביי אים אין מאָלוואַרק זאָלן צועלכע געשיכטעס נישט טרעפן? אָדער, אפשר, גלויבט איר, אַז „שלעכטס" דאָס איז—

בטיון", „אויסקויפֿונג פֿון זינד"? דאָס וואָלט געווען אַ יינגלשע פֿאַרענטפֿערונג פֿון גאָר נישט קיין יינגלשע ענינים. דאָס מיידל דאָ פּרוּווט מען דאָס אַזוי אויס? ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, בנאמנות! און פֿאַרוואָס טאַקע נישט דעם שפּאַניער? אַ וואָגשאָל אָן געוויכטער. אויף יענער וועלט? יאָ, יאָ! און וואו געפֿינט זי זיך די דאָזיקע וועלט? אויף וועלכער לאַנדקאַרטע? לעת עתה איז „נשמה" אַן אַבסטראַקציע, און העלנטלעך־פּיסלעך, ווי נאָר די שטאַרבסט—הויבן זיי אָן שמעקן, דערנאָך ביינדלעך, דערנאָך שטויב"

כ'בין לאַנג געזעסן און געשוויגן, דערדריקט פֿון די דאָזיקע רייד. נאָר מיטאַמאָל איז פֿון דעם אומזיניק־ווירבלענדיקן כאַאָס אַרויסגעשפּרונגען אַ פֿינטל, אַ קליין, שוואַרץ פֿינטל; כ'האָב מיך גיך אַרויפֿגעכאַפּט דערויף. „זאָל זיין אַזוי, נישטאָ נישט קיין באַשעפֿער, נישט קיין זין, נישט קיין גוטס, נישט קיין יושר. אָבער ס'איז דאָך דאָ גאָרנישט. און קוים איז דאָ גאָרנישט, איז שוין דאָ רעאַליטעט איז דאָ זין, איז דאָ אַ גייסט און אַ בורא". — „מיין פֿריינט, איר לאָזט זיך נישט רעדן. אייער „גאָרנישט" האָט דאָך אויך נישט קיין ווידעלע. און אָט איז די פּייקע דאָ, און איך בין דאָ, און דער שפּאַניער איז דאָ. אין דעם טאַקע ליגט די גאַנצע ביטערקייט. וואָס אַלץ איז פֿאַראַן און הינטער דעם אַלעם איז גאָר נישטאָ. אין דער רגע שטאַרבט דער אַלטער זשאַן, און ס'צעפּישטשעט זיך צום ערשטן מאָל אַ קליינער זשאַנטשיק. נישט לאַנג איז געגאַנגען אַ רעגן, איצט האָט שוין אויסגעטריקנט. עס יאָגט זיך, דרייט זיך, דאָס איז אַלץ."

„אָבער אַזוי קאָן מען דאָך נישט לעבן, ס'שטיקט דאָך, ס'איז אַ חרפּה, און סוף כּל סוף איז עס דאָך פּשוט נישט נייטיק!" — „וואָס קאָן מען מאַכן — נישט איר האָט אויסגעקליבן! אייך שטעלט מען פֿאַר אַ געשעענעם פֿאַקט. אַ אויסמעבלירטע שטוב. טייל געפֿעלט דאָס — ס'איז היימלעך, די אַנדערע זענען פֿאַרזאָרגט און ביז־וואָס־ווען טוען זיי פֿרידלעך איבערהענגען די בילדלעך פֿון איין וואַנט אויף דער אַנדערער."

אין דער מינוט האָט מיך פֿאַרכאַפּט אַ גלענצנדער און בלייכצייטיק פּשוטער געדאַנק. כ'מיין, אַז ער האָט געשטאַמט פֿון

כּורעניטאָ און דאָס איז געווען זיין ערשטע אַנטפּלעקונג פאַר מיר, נישט לייגנדיק קיין צאַכט אויף די געסט און קעלנערס, בין איך אויפגעשפּרונגען, אָפּגערוקט דעם שטול און אויסגעשריען: „טאָ קאָן מען דאָך פאַרניכטן די שטוב?" כּוליאָ האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און געבעטן איך זאָל מיך אַנידערזעצן. „אַ פולשטענדיק געראַכטער פאַרלאַנג. אָט וואַרט אויס, מיר וועלן זיך נעמען דערצו." — ער איז אַוודאי אַן אַנאַרכיסט, אין שפּאַניען זענען דאָ אַ סך אַנאַרכיסטן — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און שטילערהייט געפרעגט: „אַ באָמבע? אַ טייוול-מאַשין?" — „איר זענט אַ פּרעכטיק קינד", האָט כּורעניטאָ געענטפערט, „מיט אַ באָמבע קאָן מען צעמזיקן עטלעכע גראָבלעכע זשאַנדאַרמען, אין בעסטן פאַל אַ וועלכן ס'איז קיסר, וואָס קאָלעקציאָנירט כינעזישע געטשלעך און האָט הנאה פון שפּילן אין טעניס. ניין, מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש". כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ווייטער פרעגן פּאַסט נישט און, פאַרגוניגנדיק זיך צערעמאָניאַל, האָב איך געזאָגט: „איך וועל זיין אייער תלמיד, געטריי און פלייסיק. נאָר גיט מיר אַ רעאַליטעט, אויב נישט קאָן איך היינטיקע נאַכט אָדער מאָרגן אינדערפרי אַראָפּ פון זינען". ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליינע פייקע און אויסגעשטרעקט זי צו מיר. „שטופּט זי אָן מיט גוטן „קאַפּאָראַל" און פאַררויכערט — דאָס איז רעאַליטעט".

מיר האָבן געגעסן נאַכט-עסן און, באַשטעלנדיק נאָכן קעז 2 גלעזלעך „קלאָ-וואוזשאָ", האָט מיר כּורעניטאָ ווידער פאַרזיכערט אַז דאָס, — ס'הייסט, „קלאָ-וואוזשאָ" — איז וואָר, און נישט קיין חלום. פאַרטאָג, אין דער „נעאָ-סקאַנדינאַווישער אַקאַדעמיע", באַקענענדיק זיך מיט דער אויפגעבלאָזענער שוועדין, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ דורכזיכטיקער טוניק און איז ענלעך געווען אויף אַ פרישע זעמעלע, אָנגעשמירט מיט דאָרפישע צערונענע פּוטער, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז ווירקלעכקייט, דאָס איז נישט אייער גוטס". און פריינטלעך אַ קלאַפּ געטאָן מיר איבערן פּלייצע: „איצט אַ גוטע נאַכט! ביז מאָרגן!"

דאָס צווייטע קאַפּיטל

די קינדהייט און יוגנט פון לערער

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וויל איך טיילן מיטן לעזער די אומבאַליקע און אָפּגעריסענע ידיעות וועגן לעבן פון כּוליאָ כּורעניטאָ ביזן באַרימטן אָוונט אין „ראָטאָנדע", וואו כ'האָב אים באַגעגנט. אָפטמאָל פלעגט מיר דער לערער דערציילן איינצלנע עפּיזאָדן פון זיינע יונגע יאָר, איך וועל זיך פּרוּוון זיי אויפלעבן, צוזאַמענבינדן, כּדי אַלע זאָלן גלייבן, אַז כּוליאָ כּורעניטאָ איז נישט קיין מיט, נישט קיין לעגענדאַרער העלד, נאָר אַ זון פון דעם צוקער־פאַבריקאַנט פון האַוואַנאַ, פּעדראָ לואיס כּורעניטאָ.

וועגן דעם לערערס אָפּשטאַמונג זענען אַרומגעגאַנגען אומזי־ניקע לעגענדעס. אַממייסטן איז מיר אויסגעקומען צו הערן אַ מעשה וועגן דעם, ווי אַזוי בודאַ האָט זיך פאַרקערפּערט אין דעם דאָזיקן הויכן, מאָגערן מאַנסביל מיט אויגן פול באַוועגונג, וואָס פאַרמאָגן די מיסטישע קראַפט אָפּצושטעלן די צייט. אַלס אַ גרונט צו די דאָזיקע מחשבות האָט געדינט דאָס פאָלגנדיקע, פאַר זיך אַליין גאָרנישט באַדייטנדיקע, געשעעניש. אין מערץ חודש פון 1888־טן יאָר, איז אין דער שטאָט אַלעהאַבאַד אין מיטל־אינדיען פון קלויסטער פאַר־שוואונדן געוואָרן אַ ווערטפולע סטאַטוע פון בודאַן, וועלכע די געלערנטע האָבן פאַררעכנט, אַז זי שטאַמט פונם דריטן אָדער פערטן יאָרהונדערט פון אונזער צייט־רעכנונג. דאָס איז וואַרשיינלעך

געשען צוליב דער שלעפּעריקייט פונעם וועכטער און צוליב דער שוואַכקייט פון געוויסע ענגלישע באַאַמטע צו אַלטערטימלעכקייטן פונעם מזרח. מיט פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט מען אין די טעאָזאָפישע קרייזן עקשנותדיק איבערגעגעבן, אַז נאָכן פאַרוואַרפן זיין פריערדיקע פאַרהילונג האָט זיך בודאַ פאַרקערפּערט אין דעם מעקסיקאַנער כורעניטאָ, און אַ דאַנק דעם האָט מען אויפגעהערט זען די וויזיע פון זיין פריערדיק געשטאַלט. די דאָזיקע לעגענדע האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג, אַז ווען דער לערער האָט אַמאָל גע-נעכטיקט אין אַרבעטס-צימער פון אַ רוסישן פּאָעט-טעאָזאָף איז גע-שען אַ טשיקאַווע געשיכטע. ביינאַכט האָט זיך דער טעאָזאָף אין איין העמד צוגעגנבעט צום שלאָפנדיקן לערער און גענומען טאַפּן אים דאָס פּנים. אַ געפּאַטשער און אַ לייכט-באַשולדיקטער אין שלעכ-טע כוונות, האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט געזוכט אויף כורעני-טאָס שטערן אַ בראָדעווקע — דאָס דריטע אויג, דעם באַזונדערן סימן פון בודאַס פאַרקערפּערונגען. די דאָזיקע און ענלעכע לעגענ-דעס, פאַרשטייט זיך, פאַרדינען נישט קיין שום צוטרוי.

דער לערער איז געבוירן געוואָרן דעם 25-טן מערץ 1888 אין מעקסיקע, אין דער נישט גרויסער שטאָט הואַנאַכואַטאָ, וואָס איז באַרימט מיט אירע גאָלד-גרובן. ער איז געטויפט געוואָרן לויטן צערעמאָניאַל פון דער קאַטוילישער רעליגיע און האָט געקריגן די נעמען כוליאָ-מאַריאַ-דיעגאָ-פּאַבלאָ-אַנכעליקאָ. איך רעכן, אַז אַלס קינד איז ער געווען ניגיריק און אומרואיק. אַזוי איז מיר באַקאַנט, אַז אַלס יינגל פון פינף יאָר האָט ער מיט אַ זעגל אָפּגעזעגט אַ קעצל דעם קאָפּ, וועלנדיק דערגיין דעם חילוק צווישן לעבן און טויט. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אָנהויבנדיק צווייפלען אין דער הייליקער מוטער און אין אַ סך אַנדערע זאַכן, האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין אַ קלויסטער, אַרויסגעלקחנט די סטאַטוע פון דער מאַדאָנע, וואָס איז געווען אַרויפגעצויגן אויף אַ מאַנעקן פון סאַמעט, אויסגע-האַפטן מיט זילבער, און ער איז געווען זייער צופרידן פון דער געמאַכטער דערפאַרונג.

צו זעכצן יאָר האָט ער זיך פאַרליבט, גענומען קוקן אויף די שטערן און טראַכטן וועגן דער אייביקייט. נאָר איבערלעבנדיק

עטלעכע פֿאַרבײַגײיענדיקע פֿאַרגעניגנס, האָט ער וועגן די שטערן און דער אײביקײט פֿאַרגעסן, פֿון דעם מײדל זיך גיך דערווײטערט און אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרלוירן דעם חשק צו דעם, וואָס מענטשן רופֿן „ליבע". צום גליק האָט דאָס מײדל אינגיכן געפֿונען אַ טרײסט און האָט חתונה געהאַט מיט אַ ליפֿעראַנט — פֿון ווערא־קרוז. כורעניטא האָט קײן טרערן צוליב דער ערשטער ליבע נישט פֿאַרגאָסן, נאָר דער דאָזיקער אײנצינער פּרוּװ, וועלכע ער האָט באַמערקט אין לעבן, האָט ער געשיקט אַ פּלאַטינענעם סערוויז אויף צוועלף פּערזאָן.

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן גאָלד אין על־אָראָ, נאָר נישט וועלנדיק פֿאַרלירן קײן צײַט אויף אַרבעטן אין די גרובנס, האָט ער אויסגעטרונקען אַ קריגל שטאַרקע „פּולקע", אַרויסגענומען אַ גרויסן מעסער פֿון קעשענע און פֿאַר דער מאַסע גרובן־אַרבעטער, וואָס זענען צוריקגעגאַנגען פֿון דער אַרבעט, געמאַכט אַ קרײַז אויף דער ערד און געזאָגט: „פֿון הײַנט אָן איז דאָ דאָס געביט פֿון הוּ־אַנאַכואַטאַ און קײנער פֿון אײַך וועט נישט אַריבערגײן די דאָ־זיקע גרענעץ, נישט באַצאָלנדיק אויסלײז־געלט, שלעפּט אַרויס דאָס גאַנצע גאָלד אײערס". אין על־אָרא זענען די מענטשן געווען גײַציק, אָבער פּחדנותדיק, און בײַם בלויזן דערמאָנען דעם רויבערישן נאָ־מען פֿון הוּאַנאַכואַטאַ זענען זײ גרײט געווען אָפּצוגעבן אַלץ אין דער וועלט, אַבי צו ראַטעווען דאָס לעבן. אין אַ שעה אַרום האָט כורעניטא געקלעטערט איבער די וואַלדיקע בערג מיט אַ זעקל גאָלד־. בײַ די אינדיאַנער האָט ער געקויפֿט אַ פֿערד און איז בשלום אָנ־געקומען צו דער גרענעץ פֿון די פֿאַרײניקטע שטאַטן. וועגן דעם דאָזיקן פֿאָרפֿאַל האָב איך געהערט פֿון כורעניטאס און מײַן פֿרײַנט — דעם קינסטלער דיעגאָריוועראַ, וואָס האָט זיך אים דערמאָנט טאָג געפֿונען אין על־אָראָ, האָט געזען דעם קרײַז אויפֿן זאַמד, די דערשראָקענע אַרבעטער און שטיקער גאָלד אין כורעניטאס ברײט היטל, וואָס איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ לעדערנעם פּאַס.

אין אײנעם פֿון די דרום־שטאַטן האָט דער לערער פֿאַרקויפֿט גאָלד פֿאַר אַכט טויזנט דאָלאַר און האָט זײ גענומען אויסגעבן, צו דעם צוועק האָט ער אָנגעטרונקען מיט דזשין יעדן געטראָפֿענעם

גענער, האָט אויפגעקויפט זעלטענע פּאָסט־מאַרקעס און האָט באַשטעלט אין די אַממערסטן אומאָפּהענגיקסטע צייטונגען לויב־אַרטיקלען וועגן זיך, ביילייגנדיק צו זיי בילדער פון עפּעס פּאַרדעפּיקע יונגעלייט פון די דמשקער מאַרקן. אַרבעטנדיק ענערגיש אויף אַזאַ אופן, האָט ער באַוויזן צו פּטרן זעקס טויזנט, די איבעריקע צוויי האָט ער בשום אופן נישט געקענט בייקומען. דעמאָלט האָט ער צונויפגערופן די רייכע, באָר קאַרגע, סוחרים פון שטאָט אויף אַ פּאַראַד־מיטאָג, נאָך וועלכן מ'האָט זיי מכבד געווען מיט די פּרעסטיגע ציגאַרן „לאַ קאָראָנאַ", דערביי האָט ער אָנגעצונדן די צונויפגעדרייטע אין הונדערט־דאָלאַר־שטיק, כדי אַלע זאָלן אַזוי אַרום קאָנען פאַררויכערן און מ'זאָל נישט דאַרפן אָנצינדן קיין שוועבעלע. די סוחרים זענען געקראָכן אויף די קני, צונויפקלייבנדיק דעם לייכטן, זילבערנעם שטויב. זייער פאַרדייאונגס־קראַפט איז זיכער געוואָרן אָנגעגריפן, נאָר כורעניטאָ האָט זיך באַפרייט פון דער לאַנגווייליקער צוגעגעסענער באַשעפזיקונג פון אויסגעבן געלט.

נאָך דעם איז כורעניטאָ צוריקגעקומען קיין מעקסיקע און האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרנעמען מיט רעוואָלוציע. דאָס זענען געווען די שטורעמדיקע יאָרן פון דער יונגער רעפּובליק. פון אַלע פּאַרטייען האָט כורעניטאָ אויסגעקליבן זאַפּאַטאַן און זיינע פּראָסטהאַרציקע בונטאַרן, וואָס האָבן פיינט געהאַט שטאָטישע קולטור, מאַשינען פון צוקער־פאַבריקן, לאָקאָמאָטיוון, מענטשן, וואָס טראָגן טויט, געלט און סיפיליס. קאַראַנצאַ האָט, דערהרגענענדיק פאַררעטעריש זאַפּאַטאַן, פאַרנאַרט כורעניטאָן. כוליאָ האָט זיך צופעליק געראַטעוועט. אין די שעהן פון אָפּוואַרטן דעם טויט האָט ער אין געגנזאַץ צו די דורך פּאָעטן באַשריבענע פייערלעכקייטן, איבערגעלעבט אַ שטאַרקע לאַנגווייליקייט און שלעפעריקייט, און נאָך דעם דאָזיקן עקספּערימענט, האָט ער שוין פּראָסט און פּשוט געמאָרדעט אַנדערע: ער האָט אָנגעפירט מיט די אינדיאַנער אין דער באַריםטער שלאַכט ביי סעלאַי, וואו עס איז צעשמעטערט געוואָרן וויליס פּרעכטיקע אַרמעע. פון זיין מוט, גוטע איינפאַלן און פעיקייטן איז געווען אַנטציקט אָברעגאָן, דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער

מעקסיקאַנישער רעפובליק. נאָר אומוואַרפן אַ מאַכט, דערשיסן, נאָכיאָגן דעם שונא האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אַלס אַן איינטאָניקער און לאַנגווייליקער ענין. נאָך דער זיבעטער רעוואָלוציע האָט כורעניטאָ געקויפט אַ מיקראָסקאָפּ, אַ געשטעל, פיר קאַסטנס ביכער און האָט גענומען מאַכן פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען קורץ נאָכדעם האָט ער באַזוכט לימאַ און בוענאָס-איירעס, באַזעצט האָט ער זיך אין ניו-יאָרק.

כורעניטאָ האָט זיך אויסגעלערנט מאַטעמאַטיק, פילאָזאָפיע, טעאַטער, עלעקטראָטעכניק, הידראָלאָגיע, עגיפּטאָלאָגיע, שפּילן אויף אַ אָקאַרינאָ, שאָך-שפּיל, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, גראַמען-מאַכן און אַ גאַנצע רייע אַנדערע וויסנשאַפטן, מלאכות, קונסטן, שפּילן. מיט אַן אויסערגעוויינלעכער לייכטקייט האָט ער זיך אויסגעלערנט שפּראַכן. אָט אויף וועלכע שפּראַכן ער האָט גערעדט פּאָרוואורפסלאָז: שפּאַניש, ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש, איטאַליעניש, אַראַביש, אַצטעקיש, כינעזיש. צענדליקער אַנדערע שפּראַכן און דיאַלעקטן האָט ער באַהערשט פולשטענדיק קאָרעקט.

גלייכצייטיק דערמיט האָט זיך כורעניטאָ פאַרנומען מיט קונסט. זיינע אַרבעטן אויף דעם געביט וועל איך באַשרייבן אין איינעם פון די קומענדיקע קאַפּיטלען.

די אַלע אַרבעטן האָבן כורעניטאָן נישט באַפרידיקט, און נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָט ער באַשלאָסן — דאָס איז געווען דעם 17-טן סעפּטעמבער 1912 — אַז קולטור איז — שלעכטס און מ'דאַרף קעגן איר דורכאויס קעמפן, אָבער נישט מיט די נעבעכדיקע מעטערס פון זאַפּאַטאַס פּאַסטוכער, נאָר מיט דעם געווער, וואָס זי אַליין אַרבעט אויס. נישט אָנפאַלן אויף איר דאַרף מען, נאָר מיט אַלע מיטלען היילן אירע וואונדן, וואָס צעקריכן זיך און זענען גרייט אויפצוצערן דעם האַלב-פאַרפוילטן קערפּער. אויף אַזאַ אופן איז דער דאָזיקער טאָג — די דאַטע, ווען כורעניטאָ האָט דערקענט זיין מיסיע — צו זיין אַ גרויסער פּראָוואָקאַטאָר.

דער אָנהויב פון זיין טעטיקייט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אומדערפאָלג. כורעניטאָ איז געווען יונג, אומדערפאַרן אין לעבן און אייגזאַם. ער האָט געוואָלט ווירקן אויף דעם נאַיוון וועג פון

איבערצייגן,—און מיט דער הילף פון ספּעציעלע אַפּאַראַטן, האָט ער אויסגעשטעלט ליכט־פּלאַקאַטן אויפן נאַכטיקן הימל פון ניו־יאָרק. די איינוואוינער פון דער דאָזיקער שטאָט געדענקען גוט דעם אָרי־גינעלן אָנהויב. די שטערן זענען פאַרשטעלט געוואָרן און מיט אַ געוואַלדיק ליכט האָבן געלויכטן די אויפשריפטן: „הונגעריקע — ס'זענען נאָך דאָ פליישן פון בעקאָסן. גרויסט־זשע און לויבט די געשאַנקען פון דער ציוויליזאַציע!” און נאָך אַנדערע. אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס מוזן זיין רעקלאַמען פון אַ גרויס גאַסטראָנאָ־מיש געוועלב. נאָר וויין שלעפער, אַ אירלענדער, האָט פון זיך אַליין גלייך דעם ערשטן אָוונט געוואָרפן אַ באָמבע אין דעם פּרעכ־טיקן רעסטאָראַן „בריסטאָל”. דעם אירלענדער האָט מען אומגע־בראַכט אויפן עלעקטרישן שטול, און כורעניטאָ, נישט וועלנדיק זיך מער אָפּגעבן מיט אַזעלכע פּראָווינציעלע אידיליעס, האָט זיך אויפגעזעצט אויפן שיף „רעקס” און איז אָפּגעשוואומען קיין אייראָפּע, וואו ס'איז געווען אַ מער דאַנקבאַרער באָדן פאַר זיין טעטיקייט, איידער אין דער צ ו ־ נ י י ע ר און נאָך ווייניק אָפּגעלעבטער וו ע ל ט. אַ פּאָר חדשים נאָך זיין קומען קיין אייראָפּע האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט און געוואָרן זיין ערשטער תלמיד.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן די ערשטע פינף און צוואַנציק יאָר פון לערערס לעבן. מיר ווילט זיך פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיט ווערטער פון ליבשאַפט פאַר דער ערד, וואָס האָט געבוירן דעם גרויסן מענטשן. צוויי לענדער וועלן באַערט ווערן דורך ווייטע דורות: דאָס היימלאַנד פון לערער — מעקסיקע, און רוסלאַנד, וואו ער האָט פאַרענדיקט זיינע טעג און זיינע באַ־מיונגען. צוויי שטעט וועלן אייביק ציען צו זיך עולה־רגלניקעס: דאָס קליינע, ברודיקע קאָנאָטאָפּ און די ווייטע הוואַנאַכואַטאַ.

רוסלאַנד איז אויך מיין היימלאַנד. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין מעקסיקע. נאָר כ'האָב טיף ליב דאָס דאָזיקע הייליקע פאַר מיר לאַנד. כ'האָב ליב דאָס שטעטעלע אויפן באַרגל, מיט די אויסגעקרומטע הייזלעך, דאָס שאַרפע און נאַקעטע שטעטעלע, וואָס איז באַדעקט בלויז מיט קאַקטוסן און שוואַרצע פלעקן „קוועבראַ־פּלאַטאָס”, ווען ס'איז באַשערט געווען צו זיין דאָס וויגעלע פון

לערער. מיט אַ טיפן יראת־הכבוד דערמאַן איך די נעמען פון די מענטשן, וועלכע כּורעניטאָ האָט געקענט אין די טעג פון זיין יוגנט — דעם פּרעזידענט אָברעגאָן, דעם באַדייטנדן אינזשינער פּאַניקי, דעם קינסטלער ריווערא, דעם פּאָעט מאָראַלעס און דעם פילאָזאָף וועסקוסעלאָס. טאָמער וועט דערגיין צו זיי דאָס דאָזיקע בוך — זאָלן זיי מיט גלויבן אָננעמען די ווערטער פון פּאַרערונג און אָנערקענונג. און אויב ווער פון די לעזער פון מיין בוך וועט האָבן דאָס גליק צו זען אויף דער וואָר הואַנאַכואַטאַ, זאָל ער פון מיינעטוועגן אַ קוש טאָן איר טונקעלע, צעבּרענטע, געבענטשטע ערד

דאָס דריטע קאַפּיטל

דאָלאַרס און די ביבל. — ווי מיסטער קול פאַרברענגט דריי טעג

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין אַ פרימאָרגן געקומען צו מיר כורעניטאָ און גלייך, נישט גריסנדיק זיך אַפילו, אויסגעצויגן צו מיר אַ נומער „פטי פּאַריזיען” מיט אַן אַרומגערעמלטן אַנאָנס. אין דער אָפּטיילונג „פאַרשידענע”, צווישן אַן אַנאָנס וועגן אַ נייער היילונג פאַר היבער, וואָס זענען קראַנק אויף דיפטעריט, און אַ בריוו פון עפּעס-איינעם פּאָל צו זיין אומזיסט-אייפערזיכטיק „קע-צעלע”, וועלכער ער איז איינדעראמתן טריי ביזן טויט, איז געווען אָפּגעדרוקט דאָס פאָלגנדיקע:

אַן אקציאָנערע מיסיאָנערישע געזעלשאַפט פאַר ביבל-בילדונג פון די איינוואוינער פון אייראָפּע

(סאַן-פראַנציסקאָ — טשיקאַגאָ — ניו-יאָרק)

זוכט

טעטיקע מיסיאָנערן אין פאַרשידענע לענדער און אויך אַגענטן אויף צו פאַרקויפן פּאַטענטירטע אַפּאַראַטן

זיך מעלדן:

האָטעל דע לאַ קרואַ 10, מ. קול.

„דו פאַרשטייסט, ווי דאָס קאָן אונז נוצן", — האָט כורעניטאָ געזאָגט (גלייך דעם ערשטן אָוונט נאָכן נאַכט-עסן האָט ער מיר גענומען זאָגן „דו", פריינטלעך און גלייכצייטיק באַפעלעריש). אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען מיר שוין געזעסן צוזאַמען אין קאַבינעט פון מיסטער קול. דאָס ברייטע, פלאַכע, זאַטע פנים זיינס האָט קיין שום באַזונדערס נישט דערציילט. דערפאַר האָט ער געהאַט אויסערגעוויינלעכע פיס, אין שפּיציקע רויטע שיך, וואָס זענען געלעגן אויף צוויי ספּעציעלע באַוועגלעכע שטענדערס, עטוואָס העכער פון דער פלאַך פון זיין קאָפּ. אין דער אייגענער צייט האָט ער געלייענט די ביבל, דיקטירט אַ בריוו צום קונסט-מיניסטער פון טשילי, אויסגעהערט דורכן טעלעפאָן די נעכטיקע פרייזן אויף בהמות אין טשיקאַגאָ, זיך אונטערגעהאַלטן מיט אונז, געריכערט אַ דיקן ציגאַר, געגעסן אַ שיטער איי און אָנגעקוקט די פאָטאָגראַפיע פון עפּעס אַ קאָרפּולענטער אַרטיסטין. צו דעם צוועק זענען צו זיין שטול, וואָס האָט דערמאָנט דעם שטול פון אַ ציין-דאָקטאָר, געווען צוגעמאַכט אַלערליי, רעדלעך, אויטאָמאַטישע צוהאַלטערס אין דער פאָרם פון דאַמען-פינגער, און אַ גאַנצע קלאַוויאַטור פון אומפאַרשטענדלעכע דריק-קנעפּלעך. אַזאַ אַרט צייט-פאַרטרייב האָט, פאַרשטייט זיך, אַריינגעלייגט אַ שטעמפּל אויף מיסטער קול. אַזוי האָב איך שפּעטער באַמערקט, אַז אויך אין געוויינלעכע געשפּרעכן ווענדט ער אָן דאָס סיסטעם פון טעלעפאָן-געשפּרעכן. איינמאָל אין אָוונט, זיצנדיק אַליין אין רעסטאָראַן און לאַנגווייַלנדיק זיך, האָט ער מיטאַמאָל אַ געשריי געטאָן צו אַ פאַרבייגייענדיקער אַקטריסע: „האַלאָ! פרוי? דאָס בין איך—מיסטער קול. פריי? איר ווילט מיט מיר? האַלאָ! שטעלט פאַר דעם קאָסטן-פּרייז. איך גיב אַ וועטשערע און צען דאָלאַר". גאַנץ אָפט האָט ער געפילט אַ באַדערפעניש צו דריקן די קנעפּלעך, און די דאָזיקע גאַנץ פאַרשטענדלעכע געוואוינהייט האָט זיך נישט אָנגענעם אָפּגערופן אויף די אַרומיקע מענטשן. נאָר אין סך-הכל איז דאָס געווען אַ מענטש אַ דערציגענער, ער האָט אונז פריינטלעך אויפגענומען, אָנמאַרמאָרירנדיק גלייך כורעניטאָן דאָס וועזנטלעכע פון אַלע זיינע פּלענער.

נאָכן אָפּלעבן אַ גרעסערע צאָל יאָרן אין אַמעריקע, איז

מיסטער קול, לויט דערציילונגען פון געקומענע און לויט צייטונגס־אַרטיקלען, דערגאַנגען, אַז אייראָפּע האָט נישט קיין מאָראַל און קיין אָרגאַניזאַציע. די צוויי מעכטיקע שלעפּ־מאַשינען פון דער ציוויליזאַציע—די ביבל און דער דאָלאַר—גייען דאָרט נישט האַנט ביי האַנט. מיסטער קול האָט פאַרשטאַנען, אַז אַמעריקע דאַרף מיט דאַנקבאַרקייט אָפּצאָלן פאַר דעם גרויסן מאָמענט, ווען דער מאַטראָס כּואַן לואיס, דער אין ביידע קאַסטיליענס באַקאַנטער באַנדיט, האָט פאַרן שעכטן דעם אינדיאַנער אויסגעשעפּטשעט אַ תּפילה און אים באַשפּריצט מיט ים־וואַסער, און אַזוי אַרום געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַרן נצחון פונם קרייץ. איצט איז געקומען די ריי פאַר אַמעריקע צו ראַטעווען אייראָפּע, וואָס האָט פאַרלוירן דעם שכל. כּדי דורכצופירן דאָס אין לעבן, האָט מיסטער קול אָרגאַניזירט אַן אַקציען־געזעלשאַפט מיט גאָר אַ סאָלידן גרונט־קאַפּיטאַל און, קומענדיק קיין אייראָפּע, האָט ער גענומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון טעטיקייט. מיטטיילנדיק דאָס אַלץ דעם לעזער, האָט ער גענומען דריקן אויף די קלענסטע קלעפּלען, און אויסנעמענדיק פון די אָפּערשפּרינגענדיקע טעקסט פאַרשיידענע פּראָיעקטן, האָט ער זיי אונז פאָרגעלעגט. עטלעכע פון זיי זענען מיר געבליבן אין זכּרון און איך וועל זיי דאָ ברענגען, צום באַדויערן, אָן איינצלהייטן, ציפערן און ציכענונגען.

1. ס'איז אומבאַדינגט נייטיק אַן עק צו מאַכן מיט גנבה, נישט גאָר מיט רעפּרעסיווע מיטלען. צו דעם צוועק דאַרף מען אָפּצוימען די וואַקלדיקע נשמות פון די אָרעמע לייט פון די שטאָטישע פאַרגעניגנס, דערמאָנענדיק זיי וועגן דעם אייביקן גוטס, וואָס איז צוגעטיילט פאַר אַלעמען. די „אַקציאָנערע געזעלשאַפט" פאַרטיקט אויס פאַרשיידענע דידאַקטישע רעקלאַמען: פאַר די בעקערייען הענגט מען אויס טייערדיקע קרייזן מיט דער אויפשריפט: „נישט בלויז מיט ברויט זעטיקט זיך דער מענטש", פאַר די ביר־שענקען: „גליקלעך זענען די דורשטיקע", פאַר די געוועלבער מיט פאַרטיקע מלבושים: „דאָס הימלישע קעניגרייך איז אין אונז" א. אַז. וו.

2. פאַרפליכטן אַלע אייגנטימערינס פון שאַנד־הייזער, אַז זיי זאָלן אין די געשעפטן אַריינשטעלן אויטאָמאַטן מיט די נייטיקע

היגיענע־ארטיקלען. אויף די פּאַקעטן דאַרף זיין אָפּגעדרוקט: „ליבער פריינט, פּאַרגעס נישט אָן דיין ריינער און אומשולדיקער כּלה״. די דאָזיקע אַפּאַראַטן האָבן, לויט די ווערטער פון מיסטער קול, געדאַרפט זיין אַ גאַנץ רווחדיק געשעפט, וואָרים קאָסטנדיק דריי הונדערט פראַנק, האָט יעדער אויטאָמאַט דורכשניטלעך געקאָנט אַריינטראָגן ביז טויזנט פראַנק אַ חודש ריינע הכנסה.

3. אַ געניער מעמאָריאַל צום גערעכטיקייטס־מיניסטער פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק. אַזוי ווי ער, מיסטער קול, איז עטלעכע מאָל בייגעווען ביי עקזעקוציעס אין דער תּפיסה סאַנטע, שטעלט ער דעריבער פעסט מיט פרייד אַ גרויסע צונויפזאַמלונג פון המון און דאָס שאַרף־אַנטוויקלטע געפיל פאַר גערעכטיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם נישט־באַהאַלטענעם ענטוזיאַזם ביים אָנקוקן די דאָזיקע אימפּאָנירנדיקע צערעמאָניע. ער שטרייכט אונטער די אונטערנעמונגס־פעיקייט פון די קליינע קרעמער, וואָס האָבן בעת דער עקזעקוציע אַרומגעשטעלט די תּפיסה מיטביידלעך מיט זיסיקייטן, קילע געטראַנקען און אפילו מיט שפּילצייג פאַר די קינדער, וואָס ס׳האָבן מיטגעבראַכט די קלוגע און ענערגישע מוטערס. נאָר מיסטער קול חידושט זיך, פאַרוואָס די דאָזיקע יום־טובים זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן פאַר מאָראַלישער פּראָפּאַגאַנדע און, פאַרשטייענדיק גאַנץ גוט געוויסע אייגנאַרטיקייטן פון דער פראַנצויזישער וועלטלעכער מאַכט, לייגט ער פאָר איבערצוגעבן דער „אַקציאָנערער געזעלשאַפט״ דאָס אָרגאַניזירן די זאַך. אַרום דער גיליאָטינע זאָלן אַוועקגעשטעלט ווערן באַזונדערע טריבונעס, פאַר אַ געצאָלט, וואָס זאָל זיין צוטריטלעך אפילו פאַר די אַרבעטערשיכטן פון דער באַפעלקערונג. געוועלבער, אין וועלכע ס׳זאָלן זיין אויסער די געוויינלעכע סחורות, אויך פאָטאָגראַפיעס פון די פאַרברעכער פאַרן און נאָכן אַקט פון גערעכטיקייט, גייסטלעכע און מאָראַלישע ביכער, און ענדלעך אויך בינאָקלען אויף נוצגעלט. נאָכן פאַרענדיקן דעם אָפיציעלן טייל פון דער פייערונג — אַ קינעמאַטאָגראַפישע פאָרשטעלונג: די קינדהייט פון אַ פאַרברעכער און פון אַן אָרנטלעכן מענטשן: דער ערשטער — ווילד, דערנאָך גנבעט ער, דערנאָך פאַרגוואַלטיק ער, דערנאָך דערהרגעט ער, און דער־

נאָך געפינט זיך זיין קאָפּ אין די הענט פונם געהערטן הער דעבלער: דער צווייטער — אַ וואויל קינד, זאַמלט די סוען, וואָס ער קריגט אויף שאָקאָלאַד, האָט חתונה, אַ ביכל אין דער שפּאָרקאַסע, אַ רענטע, אַ באַשטאָטנטן קבר און אַ מצבה „אַלס אַן אייביק אייגנטום". נאָך דעם אַלעם — אַ קורצע דרשה, וואָס זאָל קאָנען באַפרידיקן די שטרעבונגען פון דעם וועלטלעכן טייל פון דער געזעלשאַפט: דער פאַרברעכער האָט פאַרגעסן די שול, די געזעלשאַפט, וועגן זיי געפליכטן אַלס וועלער, וועגן העכערן וועזן — „פאָטערלאַנד". ביים פאַנאַנדערגיין זיך — „אַ תפילה פון אַ מיידעלע פאַר דער נשמה פון פאַרברעכער" און די „מאַרסעליעזע".

4. פאָרזועענדיק, נאָכן קאָנפליקט אין מאַראָקאָ, אַ מעגלעכקייט פון מלחמות, האָט מיסטער קול מורא געקריגן, אַז מיליאָנען קריסטן וועלן דאַרפן פאַרגיסן בלוט, האָט ער דעריבער פאָרגעלייגט אַלע אייראָפּעישע מלוכות, וואָס האָבן קאָלאָניעס אין אַפריקע, אַז זיי זאָלן זיך באַצייטנס פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן שוואַרץ מיליטער. דאָס אַרויסכאַפּן איבערסגעוואַלט דעוואַקסענע מאַנסלייט פון די דערפער האָט ער געהאַלטן פאַר גרויזאַם און, דער עיקר פאַר אומפּראַקטיש. די ערפאַרונג מיט הויסטערן, שטרויסן און פאַרשידענע מינים חיות זאָגט אונז אונטער די. אידעע פון איבערפלאַנצונג. מ'נעמט צו די נקבות פון די אַממערסטן-פּרוכטבאַרע שבטים און אין דרייסיק יאָר אַרום וועט זיך יעדע מלוכה האָבן איר מיליטער, וואָס איז פולשטענדיק גרייט צום געברויך, נישט אָנרירנדיק דערביי נישט די מאָראַלישע געפילן און נישט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון איר אייגענער באַפעלקערונג.

באַקענענדיק אונז מיט די דאָזיקע אָריגינעלע און דרייסטע פּראָיעקטן, האָט זיך מיסטער קול געקלאָגט פאַרן לערער אויף דער קאָנסערוואַטיווקייט פון אייראָפּע. דער גערעכטיקייטס-מיניסטער האָט אים נישט געענטפערט. אין אַ סך עפנטלעכע הייזער זענען אַרייַנגעשטעלט זיינע אַפּאַראַטן, נאָר די מאָראַלישע אויפשריפטן זענען גרינטלעך אויסגעמעקט געוואָרן. די אין לאָנדאָן אויסגעהאָנגענע ליכט-רעקלאַמען קעגן גנבות זענען ביידערנאַכט צעהאַקט געוואָרן דורך פאַרברעכער, מסתמא, דורך רוסישע אַנאַרכיסטן. ענדלעך

אָנשטאָט מיט „שוואַרצע איבערפלאַנצונגען" קוויקט זיך איירָאַפּע מיט שלום־קאָנגרעסן און מיט געזעצן וועגן פאַרגרעסערן די אַרמעען. דערפאַר טאַקע האָט ער באַשלאָסן דורך צייטונגס־אַנאָנסן אָפּצוזוכן ענערגישע און דערפאַרענע אַגענטן.

כּורעניטאָ, אַרויסזאָגנדיק זיין גאַנצע פייערלעכע באַוואונדערונג פאַר דער אַקטיוויטעט פון מיסטער קול און פאַר דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון זיינע אידעען, האָט באַשיידן אָבער נישט אָן ווירדע אָנגעוויזן אויף זיין מיסיאָנערישע פאַרגאַנגענהייט אין מעקסיקע און האָט מאָרגעלייגט זיין דינסט. זיין קורצע רעדע האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיסטער קול, אַז דער לעצטער האָט, אוועקוואַרפנדיק דאָס איי און נישט דערהערנדיק דעם לעצטן קורס אויף באַראַנעס, אויסגעשריגן: „איר זענט אויך אַ גרויסער מענטש! האַלאָ? איר וועט זיין מיין שליח פאַר איירָאָפּע. הוצאות און אַלץ וואָס מ'דאַרף. האַלאָ? שטעלט צו אַ בודזשעט". אָפּגעזעגנט זיך און אַרויסגעגאַנגען.

אַ טיפער אָפּגרונט איז געלעגן צווישן דעם היינטיקן און נעכטיקן טאָג. האָבנדיק אַלץ פאַרלוירן, האָב איך שוין נישט אויפגעפּאַסט מער מיסטער קולן אַלס אַ טייוול, נישט געקוקט אויף זיינע פאַרדעכטיקע פיס, קנעפלעך און פּראָיעקטן. אָבער דאָך האָט ער מיר אויסגעזען גענוג עקלדיק און מער געפערלעך, ווי די בעקעריאָדער דער שפּאַניער. כ'האָב דאָס געזאָגט דעם לערער. כּורעניטאָ האָט מסכּים געווען מיט מיר: „קלאָר, אַז ער איז גאָר באַזונדערס עקלדיק, נאָר ביים אויסקלויבן תּלמידים איז פאַר מיר מאָסגעבנד נישט דאָס, ווי אַזוי זיי ווירקן אויף מיין אויפגערייצטן מאָגן־קאַנאַל, נאָר די מדרגה פון זייער ניצלעכקייט פאַר דער זאַך. כּדי דו זאָלסט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ קראַמפּ ס'איז באַהאַלטן אינם דאָזיקן מענטשן, וועלן מיר פאַרברענגען מיט אים די דריי באָענטסטע טעג. קוק און לערן זיך. דאָס איז אַ סך מער באַלערנד, ווי די אַלע גהינום־וויזיעס פון דיינע פרומע בזירים".

לערער, ווי שטענדיק ביסטו גערעכט געווען! וואָס זענען אַלע שייטערהויפנס פונם הייליקן איגנאַצי, וואָס איז חערט דער גאַנצער גייסטיקער פייער פון זאָסימאַ אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע דריי

שעג, וואו די הויפט־ראָל האָט געשפּילט דאָס ווייזערל פון אַ זייגער און אַ קליין בלוי ביכל אין מיסטער קולס אַ זייטן־קעשענע? זייענען פאַרגאַנגען, שנעלע און אומדערבאַרעמדיקע, די ערינערונגען ווען זיי דערמאָנען אַ קינעמאַטאָגראַפישען פילם.

דינסטאָג. נאָך פרישטיק, איינס אַ זייגער בייטאָג, מיסטער קול פאָרט אויף דער אויסשטעלונג. צווישן אַנדערן ציען זיין אויפמערקזאַמקייט די קוביסטישע „נאַטיר־מאָרטן“ פונם יונגן קינסטלער דאָראָ. צוויי טעפּלעך, אַן אוגערקע און אַ קרויט־קעפּל, צעלייגט אויבער פלאַכן. כורעניטאָ דערקלערט. מיסטער קול באַהאַלט נישט זיין אויפגערעגטקייט. „דאָס איז גראָבער מאַטעריאַליזם! האַלאָ? אומזאַרעלישקייט! געפאַלענער גייסט! כ׳פאַרשטיי נאָך אַן אוגערקע אין די הענט פון דער מאַדאָנע. אַ באַגייסטיקטע אוגערקע. נאָר איר זאָגט „פאָרם“? האַלאָ! פוילעניש! איך קויף“. ער נעמט אַרויס דאָס טשעק־ביכל. קויפט ביים גאַלעריע־אייגנטימער אַלע לייוונטן פון דאָראָ. דריי אַ זייגער בייטאָג. דער צעשטראַלטער קינסטלער ברענגט צו מיסטער קול זיינע בילדער, אַכט און צוואַנציק שטיק. ווידער אַ טשעק. און דערנאָך, גלייך דאָראָען אין די אויגן צעשניידן צוויי נגעגערס די בילדער אויף קליינע שטיקעלעך. „האַלאָ, יונגערמאַן, איר דאַרפט אָפּלאָזן די קונסט. אָט דאָס איז שיין און מאָראַליש (ווייזט אויף די זעקס ווייסע מיידלעך אונטער ציפּריסן־ביימער). דאָס איז נישט דאָראָ, נאָר ווי הייסט ער דאָרט?...“ כורעניטאָ זאָגט אונטער: „מאָריס דעני“. פאַר דעם געלט, וואָס איר קריגט פון מיר, פאַרלייגט אייך אַ נישט גרויס געוועלב פון געפעס, אָדער פאַרנעמט זיך מיט פאַרקויפן מיינע פאַטענטירטע אויטאָמאַטן. האַלאָ? דיסקוטירן איז איבעריק. אַלץ, וואָס איר וועט מאַכן, וועל איך אויפקויפן דורך מיינע אַגענטן און גלייך פאַרניכטן. פּראָטעסטירן? אָבער דאָס איז דאָך מיין אייגנטום. געקויפט. וואָס איך וויל, דאָס טו איך. דער דאָלאַר, מיין פריינט, איז אַ העכערע קראַפט. דער דאָלאַר און די ביבל“. פינף אַ זייגער בייטאָג. אַ סענסאַציאָנעלע ידיעה אין „ענטראַנסיזשאַן“: דער יונגער קינסטלער דאָראָ האָט זיך אויפגעהאָנגען. די סבות זענען נישט באַקאַנט. זעקס אַ זייגער באַשטעלט כורעניטאָ אין שליחות פון מיסטער קול אַ קראַנץ מיט דער אויפ־

שריפט: „שרעקט זיך נישט פאַר די, וואָס דערהרגענען דעם קערפער—וואָס דעם גייסט אָבער קענען זיי נישט דערהרגענען”.

מיטוואָך האָט מיסטער קול באַשלאָסן זיך צו פאַרנעמען מיט פאָליטיק. פון דער מאָרגן-צייטונג ווערט ער געוואויר, אַז אין מעדאָן, הינטער פאַריז, שטרייקן פרידלעך די אַרבעטער פון אַ טאַפעטן-פאַבריק שוין צוויי וואָכן, פאָדערנדיק, אַז דער אַרבעטס-טאָג זאָל זיי פאַרקלענערט ווערן אויף אַ שעה. די דאגות פון די נידעריקערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג וועגן זייערע גראָב-מאַטעריעלע אינטערעסן און זייער פאַראַכטונג צו דער גייסטיקער וועלט האָבן שטענדיק טרויעריק געווירקט אויף מיסטער קול. עלף אַ זייגער אינדערפרי נעמט ער שוין אויף פריוואַט-דעטעקטיוון, וואָס ברענגען אים אויספירלעכע ידיעות וועגן פיר מיטגלידער פון שטרייק-קאָמיטעט. באַקומענדיק אָנווייזונגען, טרעטן זיי צו צו דער אַרבעט. פיער גראַניע, דעם אַלקאָהאָליקער, פאַרבעטן די אומבאַקאַנטע אין באַר אַריין. אַרום פינף אַ זייגער, נאָך אַ טוץ פיקאָנען, וואַלגערט ער זיך אַ טויט-שכורער אין רינשטאָק. בידאָ האָט אַ טאָכטער, וואָס איז קראַנק אויף סוכאָטע,—זי איז דער ליבלינג פון דער משפחה. אַ פאָרשלאָג צו פאָרן אויף דרום. אַ פערטל שעה נסיון—און אַ טשעק פון דעם זעלבן בלויען ביכעלע. מיטן צוג, וואָס גייט 8 אַ זייגער 20 מינוט, פאָרט בידאָ אָפּ קיין ניצע. דעם אַלטיטשקן בעדיע שרעקט מען אָפּ מיט פאָטאָגראַפיעס פון תפיסה, מיט עפּעס איבערגעכאַפּטע באַפעלן און מיט מעדאַלן, וואָס איינער פון די אַגענטן האָט זיך ספּעציעל צוגעשפּיליעט צו דער ברוסט. ער אַנטלויפט קיין פאַריז צו זיינעם אַ קרוב. בלייבט נאָר ליז — טרינקען טרינקט ער נישט, קיין געלט נעמט ער נישט, און פאַר מעדאַלן שרעקט ער זיך נישט. דריי אַ זייגער. אַ לאַנגע באַראַטונג אין קאַבינעט פון מיסטער קול. די אַגענטן פאָדערן אַ טאָפּלטן לוין. ווידער דאָס ביכל. זיבן אַ זייגער אַ פאַרזאַמלונג פון די שטרייקנדיקע. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דריי אָנפירער זענען אַנטלאָפן, דער פערטער, ליז, זיצט אין טורמע: ביי אים הינטערן שטרוי-קישן האָט מען געפונען טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט דערקלערן זייער אָפּשטאַמונג. „גנבֿ!” „אונטערגעקויפטער!” „נידער!” דער פאָרשטייער פונם בעל

הבית, אַן אַלטער אָנגעשטעלטער, דערקלערט פרייַנטלעך: „שטעלט
זיך צו דער אַרבעט, קיין שום שטראָף וועט נישט זייַן". אַן אַלגע=
מיינע פרייד. דער שטרייק איז געענדיקט. מיסטער קול באַשטעלט
אַן אָנדענק=ברעטל, נאָר ער וואַקלט זיך וואָס פאַר אַ טעקסט ער
זאָל אויסקלייבן; ער פרעגט זיך אָן דורכן ראַדיאָ בייַ זייַן פרייַנט
דעם פאַסטאָר באָנס פון טשיקאַגאָ, צי ס'איז מעגלעך, נעמענדיק
אין אַכט דעם איבערגאַנג פון אַפעאָדאַלער צו אַ קאַפּיטאַליסטישער
אָרדנונג, צו מאַכן אַקלייגע ענדערונג אינם טעקסט פון דער היי=
ליקער שריפט. אַ באַפרידיקנדיקער ענטפער. אויף די טויערן פון
פאַבריק וועט שטיין אויפגעשריבן: „צו גאָט—דאָס געטלעכע, צום
בעל=הבית—דאָס בעל=הבתישע".

דאָנערשטאָג. פרילינג. מיסטער קול איז שפילעוודיק געשטימט
ער רוט זיך אָפּ. „ליבע, ליבע, דו מאַכסט שכור דאָס בלוט!"
אַ וואונדערבאַר מיידל. האַלאָ! ווער איז? די יונגערע פאַרקויפערי=
פון דער הענטשקע=אָפּטיילונג אין מאַגאַזין „לוור". איינלאַדן די
נעכטיקע אַגענטן. האַלבטאָג. פרייַלין לוסי, ווייזט זיך אַרויס, האָט
אַ חתן, מסיע פּאָל, ער איז אָנגעשטעלט אין דער „ליאָנער באַנק"
ווערט געוואויר די שוואַכקייטן. פינף אַ זייגער בייטאָג פאַרשפּילט
מסיע פּאָל 1800 פראַנק אין באַקאַראַ. זעקס אַ זייגער טרעט ער אָפּ
נאָך לוסי. פאַר די טירן פון מאַגאַזין צעשיידן זיי זיך. דאָס מיידל
וויינט. אַכט אַ זייגער ברענגט מען איר אַ בריוו מיט אַ פאָרשלאָג
צו קומען אין „קאַפע ראָיאַל", קאַבינעט נומער 8, וואו זי וועט גלייך
באַקומען די 1800 פראַנק. מיר פאָרן מיט מיסטער קול אין רעסטאָ=
ראַן. ביים אַרייַנגאַנג בעטלט עפּעס אַ בעטלער אַ סו. איך בין ווי=
דער איבערראַשט פון דער ענערגיע פון אונזער נייַען פרייַנט. ער
דרייט זיך אויס צום אָרעמאַן, הויבט אויף די האַנט צום הימל:
„שטאַרק זיך, מייַן פרייַנט, דאָרט וועלן די לעצטע זייַן די ערשטע"
אין קאַפע זיצן מיר, איך און כורעניטאָ, אין אַלגעמיינעם זאַל. אין
אַ שעה אַרום קומט אַרויס צו אונז אויף אַ רגע מיסטער קול, ווי=
שטענדיק אַ לעבנסלוסטיקער, שרייבט אויס אין ביכעלע פאַר מאַד=
מואַזעל... 1800 פראַנק... נאָך אַ רגע טראַכטן, שרייבט ער אויף

אויף דער אַנדערער זייט פון טשעק: „ליבע איז אַלץ מכפּר".
(קאָרינט 13.5).

אַזוי זענען פאַרביי דריי טעג פון מיסטער קולס טעטיקייט-
אַרויסגייענדיק ביינאַכט מיטן לערער פון קאַפּע, בין איך געווע-
פאַרזאָרגט, ס'האָט געשמעקט מיט אַ וואַרעם רעגנדל, די קאַשטאַנ-
קנאָספּען האָבן אַרויסגעשפּראָצט, און מיין האַרץ האָט זיך אונטער-
געגעבן דער פרייד פון זיין. כ'האָב זיך דערמאָנט דאָראָען, אַ בלוי-
געוואָרענעם, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג, ליזן, וועלכן די
זשאַנדאַרמען האָבן אונטערגעשטאָכעט אין די זייטן, און צום סוף
ווי די קליינע לוסי האָט אין וועסטיביל פון קאַפּע, אונטער די
חוזק-מאַכנדיקע בליקן פון די קעלנערס, זיך באַמיט צו פאַרדעקן
מיט פּודער די פאַרווייטע רויטע נאָז. כ'האָב זיך דערמאָנט דאָס
אַלץ און נישט אויסגעהאַלטן: „זאָגט מיר, ווי אַזוי האָט איר קול,
נישט דערהרגעט?" כורעניטאָ האָט זיך צעלאַכט: „פריינט מיינער-
ווער צעשטערט דאָס אַ האַרמאַט, בעת ער גייט אין דער מלחמה
געדענקט, מיר ווילן אַלץ צעשטערן. און קול — דאָס איז אַ טייע-
רער, שווערער האַרמאַט".

און אַזוי איז מיסטער קול, אַליין נישט וויסנדיק דערפון
(וואָרים ער האָט געהאַלטן כורעניטאָן פאַר זיין אַגענט און אים
פּינקטלעך אויסגעצאָלט 100 דאָלאַר אַ חודש), געוואָרן דער צווייטער
תלמיד פונם גרויסן לערער.

דאָס פערטע קאַפּיטל

איישאַס סימפּאַטישע געטער. — דעם לערערס פאַרשיי־ דענע מיינונגען וועגן רעליגיע

אינדערפרי, אין האָטעל „מאַזשעסטיק", נאָכן אָנשרייבן איבער צוואַנציק געשעפטס־בריוו, האָט כוליאָ כורעניטאָ אָנגעקלונגען צום דינער, ער זאָל זיי באַזאָרגן אויף פּאָסט. איילנדיק זיך, האָט ער גיכער געוואָלט אָנקלעפּן די מאַרקעס, צו דעם צוועק האָט ער געהייסן דעם קליינטשיקן נעגערל אַרויסשטעקן די צונג. דער דאָזיקער אופן פון פאַרקלעפּן האָט ביידע באַפרידיקט, און אויפן אַנדערן טאָג איז דער דינער שוין געקומען אומגערופן, זיך אַנידערגעשטעלט ביים טיש און גרייט אַרויסגעשטעקט די שאַרפע, שאַרסטקע צונג. אַז די פּראָצעדור איז געווען געענדיקט, האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט צו כורעניטאָן: „גיכרע קאָן דאָס אויך מאַכן". אויף אונזערע פאַרחדושטע פראַגן האָט ער אונז פאַרטרויאונגסמעסיק געבעטן צו גיין מיט אים. מיר זענען אַריין אין אַ ענג שמוציק קעמערל אונטער אַ שוואַרצן לייטער, וואו דער דינער האָט געוואוינט. — אויף דער ערד האָבן מיר דערזען אַ קליין נעגריטאַניש געטשל, נאָר וואָס אויסגעשוויצט פון דער שאָלעכץ פון אַ קאָקאָסנוס. ער איז געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס, און אויף דער אַרויסגעשטעקטער צונג איז געווען אָנגעקלעפּט אַ פּאָסט־מאַרקע. איישאַ — (אַזוי האָט מען גערופן דעם דינער) האָט מיט אַ מוטערלעכער

צערטלעכקייט געקוקט אויפן געטשל, און געזאָגט: „גיכרע איז זייער אַ קלוגער, ער קען אַלץ". דערנאָך האָבן מיר געזען נאָך צוויי געטשלעך: איינער פון זיי האָט געפוצט שיך, דער צווייטער איז געשטאַנען פאַר אַ טיר, אין וועלכער ס'איז געווען אַריינגעפּאַסט אַ שטיקל שפּיגל. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שיריק און גמעכאַ (אַזוי האָט מען גערופן די צוויי ברידער גיכרע) זענען אויך אַלמעכטיק און זענען פעיק אויף קאָמפּליצירטע און אומפאַרשטענדלעכן מעשים. דער לערער איז געווען דערפרייט און אפילו גערירט. „איר זעט", האָט ער געזאָגט צו מיסטער קול און צו מיר, „דאָ, אין האָטעל „מאַזשעסטיק", ווערט געשאַפן אַ גלענצנדע מיטאָלאָגיע. אין הונדערטער יאָרן אַרום וועט שיריק אַראָפּשאַרן דעם ערדישן שטויב פון בלאָנדזשענדיקע נשמות, גמעכאַ וועט זיי אַריינלאָזן אין די הייליקע טויערן, און דער ליבער גיכרע מיט דער פּאָסט-מאַרקע פאַר צוויי סו, וועט דינען אַלס דער אייביקער שליח, וואָס פאַרבינדט אונזער וועלט מיט דער טראַנסצענדענטאַלער. האָט איר פאַרגעסן די נאָכמיטאָגדיקע גלייכווערטלעך פון די קלוגע העלענער? — „דו, ייד", האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, „געדענקסט, ווי יהוה האָט זיך באַליידיקט אויף דייגע מיידלעך, ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיט יעקבן, ווי ער איז אייפערזיכטיק געווען אייף יעטווידן בבלשן אָפּגאָט פון ישראל און האָט זיך געדונגען צוליבן נעבעכדיקן סדום? און איר, מיסטער, האָט איר דען נישט צוגעאייגנט גאָט אַלע מענטשלעכע מלאכות, פון געבוירן ווערן ביז שטאַרבן, באַוואָרענענדיק זיי בלויז מיט עטלעכע אָפּווייכונגען פון דער פיזיאָלאָגיע?

ראַפּאַעלס אָרעמע פרוי, וואָס האָט, איבעריקנס, געטריי דערפילט אירע פליכטן צום מאַן, — וויפיל פרומע טרערן פון האָפענונגסלאָז-אַלטע מיידן אין דייטשלאַנד האָט זי אַרויסגערופן אין איר דרעזדענער אריכת-ימים! האָבן דען די מענטשן פאַר זייער פאַרשידנראַסיקן אָלימפּ צוגעטראַכט אַנדערע אָרדנונגען, ווי פּשוט פאַר דער כינעזישער אימפּעריע, אָדער פאַר דער רעפּובליק סאַן-מאַרינאָ? (די מאָנאַרכיע פון יהודה, די אָליגאַרכיע פון אינדיען,

און ענדלעך די פּלוטאָקראַטיע פון די טויזנטער, וואָס האָבן אָפּגע-לעקט אַ ביינדל ביי דער הייליקייט פון גוטן קאַטאָליק. איינע מאַכן מילדער די טיראַנישקייט פונעם יושר דורך דער קאָנסטיטוציאָ-נעלער אַריינמישונג פון רחמנות, אַנדערע, פּאַרקערט, רעסטאַווירן פּייערלעך די זעלבסטהערשונג. די הימלישע מיניסטעריומס — דאָס מלחמה-מיניסטעריום מיט די פאַרשידענע טיטלען פון שׂרפים, כּרובים, איבער-מלאכים און מלאכים. — דאָס גערעכטיקייטס-מיניסטעריום — געריכט, פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער, מילדערנדע אומשטענדן, די וואָג פון אַ קרעמער, טערמיניקע און אַנטערמיניקע קאַטאָרגע; דאָס בילדונגס-מיניסטעריום — נביאים, פּראָפּאַגאַנדע, אפילו ליכט-רעק-לאַמען אויף די ווענט פון בבל-טורם. איר, קינדער מיינע, קייט איבער אַ מאכל, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען דורך אַלע פיר גע-זעצלעכע מאָגנס, און איישאַ גרייט צו אַ נייעם פאַר די קלאָדעלס אָדער בולהאַקאָווס פונעם דרייסיקסטן יאָרהונדערט".

איישאַ האָט געהערט די רייד פון לערער אַ פאַרכשופטער ווידער מיט אַן אָפן מויל, נאָר דאָס מאָל שוין אָן שום פּראַקטישע צוועקן. די גרויסע צאָל געהיימניספולע ווערטער און משוגעהדיקע נעמען האָט אים אַזוי איבערראַשט, אַז אַנידערקניענדיק, האָט ער אַ קוש געטאָן דעם שפּיץ פון כורעניטאָס שוך. דער לערער האָט געזאָגט צו אים: „פון איצט אָן וועסטו אומעטום גיין מיט מיר".

„אַ שאָד, וואָס כ'האָב נישט געוואוסט, כ'וואָלט אייך פאָרגעלייגט אַ בעזערן דינער", האָט מיסטער קול באַמערקט. איך, דאַגעגן, האָב געפרעגט דעם לערער, פאַרוואָס האָט ער עפּעס אויסגעקליבן גראָד דאָס קליינטשיקע נעגערל. „ער גלויבט", האָט כורעניטאָ גע-ענטפערט, „און דאָס איז אַזוי זעלטן אין אייער אייראָפּע, ווי אַ שיינע בתולה אָדער אַן ערלעכער מיניסטער. אייער גלויבן איז פּחדנותדיק, ווייל עס פעלן אויף אים שאָטנס פון צווייפל און אי-ראָניע, פון יינגלשער נייגיריקייט און פון דער אויסגערעכנטקייט פון אַ קרעמער, וואָס האָט מורא, אַז ער נאַרט זיך אָפּ אויף זיין סחורה. וועלכער אַבאַט קוקט דאָס נישט שטילערהייט אַריין אין לערביכל פון נאַטור-געשיכטע, ווי גרויס עס איז דער מאָגן פון אַ ים-פיש און פרווט זיך נישט דערקלערן די בתולהקייט פון דער

הייליקער מוטער דורך אַ פּאַרפּלאָנטערטן סימבאָליזם פון אַ מאָדער־נעם פילאָזאָף? אייער אומגלויבן איז נישט העלדישער פון אייער גלויבן, וואָרים פון אונטן שלעפּט זיך אים נאָך דער אַבערגלויבן פון תשובה־טאָן אַ האַלבע שעה פאַרן טויט, שטייגערס ביכלעך, דאָס אייביקע קלאָגן פאַר די טירן פון דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט. אייערע אַטעיסטן, נאָכן אויסטרינקען אַ גלעזל ווערמוט, מאַכן זיי העלדישע אָנשטעלן און זידלען זיך, און דערנאָך, דערמאָנענדיק זיך דעם ריח פון אַ בית־עולם אין אַ זומער־טאָג, האַלטן זיי אויף אַן עת־צרה דעם עוואַנגעליום אונטערן אָרעם, זאָגן מייניגנען וועגן דעם אומבאַגרייפבאַרן גייסט (אַזאַ אומבאַשטימטע באַוועגונג מיט די פינגער) און שלאָפן נישט אַ גאַנצע נאַכט, ווען דאָס ווייב האָט צע־בראָכן דעם טואַלעט־שפּיגל. איך נעם איישאַן, ווייל אין אים לעבט אַ נאַקעטער, נישט־שעמעוודיקער, דערקוויקנדיקער גלויבן, און דאָס וועט זיין אַ קרעפטיק געווער אין מיינע הענט. אַנדערע וועלען זען אין מיר אַ לערער אָדער אַן אַוואַנטוריסט, אַ חכם אָדער אַ הפקר־יינג, פאַר אים אָבער וועל איך זיין אַ גאָט, וואָס קאָן אויפקלעפּן מאַרקעס און רעדן אויסערגעוויינלעכע רייד, וועלכן ער וועט קאָ־נען שניצן, צייכענען, קלעפּן, און וועמען ער וועט פאַרבלייבן טריי ביז צום גוססן".

אַזוי האָט גערעדט דער לערער. מיסטער קול, וואָס איז גע־ווען דורכגענומען מיט די דאָזיקע געדאַנקען, האָט זיך אומזיסט באַמיט זיך נישט אויפצורעגן, און צום סוף, כּדי צו באַרעכטיקן זיך, זיין שמייכל פון מיטגעפיל פאַר אַזעלכע אוממאָראַלישע מיינונגען, האָט ער געזאָגט: „מיין פריינט, איך ווייס, אַז איר טרייבט שפּאַס. איר זענט אומבאַדינגט אַ גוטער קריסט און, אַחוץ דעם, אַן אויסערגע־וויינלעכער אַגענט", און האָט מילד אַ שטויס געטאָן כורעביטאָן מיטן גראָבן פינגער אין דער זייט.

שפּעטער האָט זיך דער לערער נישט איינמאָל אומגעקערט צו די פראַגן פון גלויבן, אַבערגלויבן און רעליגיע. ער האָט גע־רעדט וועגן דעם, — איבעריקנס אַזוי ווי וועגן אַנדערע, אַזוי געררו־פענע, וויכטיקע פּראָבלעמען, — שפּאַסנדיק און חוזק־מאַכנדיק. דער לערער האָט געהאַלטן, אַז רעדן ערנסט, אַקאַדעמיש, מיט אַ דורכ־

געדרינגענער שטים אָדער מיט ביבליאָגראַפישע דאַטן. פון דער טיף פון האַרצן אָדער ציטירנדיק דייטשע מחברים, קאָן מען נאָר וועגן דעם אופן פון רויכערן פייקעס, וועגן פאַרשידענע אופנים פון שפייען — מיט אַ פייף, אָדער אָן אַ פייף, — וועגן דעם בוי פון די פיס ביי דעם אומפאַרגלייכלעכן טשאַרלי טשאַפלין. אין אַלע איבעריקע פאַלן האָט ער גיכער געהאַלטן פון אַ שמייכל, ווי פון אַ תפילה, פון אַ פרייליכן פעליעטאָן, ווי פון אַ פיל־בענדיקער חקירה.
„ווען דער גאַנצער גאָרטן איז שוין לאַנג אויסגעפאָרשט, פלעגט ער זאָגן, איז אַ בחינמדיקע אַרבעט אַרומצוגיין איבער די סטעזשקעס מיט אַ טיף־פאַרטראַכטן בליק און מיט אַ באָטאַנישן אַטלאַס. בלויז ביי אַ פריילעכן, הפקרדיקן שפרונג איבער די קלאָמבעס, סראַכטנדיק וועגן אַ נישט־דערגעבענעם קוש אָדער וועגן קרעם פון סמעטענע, קאָן מען נאָך צופעליק זיך אָנשטויסן אויף אַ ביז איצט אומבאַקאַנט בלימל".

שטרעבנדיק איבערצוגעבן דאָ פאַרשידענע מיינונגען פון כוליאָ קורעניטאָ וועגן גלויבן, האָב איך מורא, אַז צוליב דער מרה־שחורהדיקייט און שווערקייט פון מיין כאַראַקטער, וועל איך זיי צוגעבן אַ פאַלשע ערנסטקייט. די דאָזיקע געדאַנקען זענען געווען לייכט און אומשולדיק, ווי דאָס פלידעריי פון אַ זעכצנייעריק מיידל וועגן פאַרשידענע סיסטעמען פון פראָפאָרציאָנעלער פאָרשטייערשאַפט.

איבערטראָגנדיק איינמאָל פונם „מאַזשעסטיק"־קעמערל צו זיך אין אַרבעטס־צימער אַריין די ברידער גיכרע, — גמעכאָ און שיריקאָ, האָט דער לערער געזאָגט: „ס׳וועט זיי זיין היימלעך צווישן קריסטוסן אינם קאַסטילישן לייבל און דעם בראָנזענעם בודאַן, וואָס גלעט זיך מיטן פינגער דעם בויך. געטער זענען אַלע גלייך וואונדערלעך־שיין. און פאַרדינען גלייכן כבוד. נאָר אומזיסט איז אייער מי צו בלייבן איישאַ. ער האָט זיין גאָט נאָר וואָס געמאַכט, ווי אַ יונגינקער פאָעט, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד, לויפט אַרום דערמיט אַן אויפגערעגטער, דאָס פופעק־שנירל באַמבלט זיך נאָך, ס׳איז נאָך פול מיט לעבן. און איר דערלאַנגט אין אַ לייוונט־איינבאַנד (לעדערנע ווינקלען, איניציאַלן) ביכער פון עפּעס אַ גאון, וואָס איז

פאַרפוילט געוואָרן נאָך מיט פינף הונדערט יאָר צוריק — טויזנט, צוויי טויזנט — דאָס גימנאַזיסטל חזרט איין, איר לייענט, אָבער עס אינטערעסירט אייך נישט; נאָר זעלטן, זעלטן, אין אויסנאַם־ציימער פון ציין־דאָקטאָר, לאַנגווייליגדיק זיך גוט, עפנט איר אויף מיט דרך־ארץ די צוויי הונדערט זעקס און פערציקסטע אויסגאַבע. פאַר אייך איז גאָט נישט קיין ברויט, נישט קיין לעבן, אפילו נישט קיין לוקסוס־אַרטיקל, נאָר עפּעס אַ פודעלע מיט זאַלב (ווער ווײַסט — עס פאַרגעשריבן? דער רעצעפּט איז שוין לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען), וואָס שטייט אויפן פּאָליצקעלע אין וואַנע־צימער און וועלכעס איר וואַרפט נישט אַרויס נאָר דערפאַר, ווייל עס שטייט שוין אַזוי לאַנג, אַז איר האָט עס שוין אויפגעהערט צו באַמערקן".

„פאַרשטייט זיך, די עקספּערימענטן מיט איובן, האָט איינמאָל דער לערער באַמערקט, זענען געווען אַ ביסל צו־ריזיקאַליש. איצט, מסתמא, וואָלט אַ „געזעלשאַפט צו קעמפן מיט ווויוויסעקציע" צוגע־צויגן ביידע צדדים צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. נאָר על כל פנים האָט מען דאָך פאַר די הזיקות, פאַר דער קראַנקהייט, פאַרן אומקומען פון דער פרוי, קינדער, בהמות געגעבן אַ גוטע פאַרגיטיקונג. וועגן תחית המתים האָט מען נאָכנישט געוואוסט, האט מען געבערענגט אַ ניי ווייב, דערצו נאָך זייער אַ פרוכפּערדיקע. ס'איז מעגלעך, אַז איוב האָט נאָך אויף דעם עפּעס געוואונען, אַלנפאַלס די טוגענט האָט געזיגט. אָבער וואָס קאָן מען זאָגן וועגן בערן, וועגן דעם אַלטן קירזשנער בער, וואָס איז געווען פרומער אַפילו פון איובן, האָט געלויבט די גערעכטיקייט פונם באַשעפער ביי טאָג און ביי נאַכט און איז געשטאָרבן מיט אַן אויפגעריסענעם בויך אין אַ רינשטאָק פון באַלטע? די קינדער וועלן זיין גליקלעך? די אייניקלעך? יאָ, יאָ, אַן ערך ביז צום צוואַנציקסטן דור... אָבער מ'שניידט דאָך שוין די בייכער ביים דרייסיקסטן, מ'שניידט פינקטלעך, די האַנט טוט קיין ציטער נישט. האָט ווידער דער אַלמעכטיקער פאַרפירט דאָס געוועט? נאָר פאַר־וואָס־זשע דאַרפן מיליאָנען בערס אומקומען פון אַזאַ אומגעצוימטן אַזאַרד? ניין, ס'איז קלאָר, אַז דאָ איז דער ענין נישט קיין ריינער. און דעמאָלט קומט מען צו דעם, וואָס ס'איז שוין שווערער.

צום באַטראַכטן. מילא די ערד, ווי די ערד, אָבער וואָס איז איבער דער ערד? גערעכטיקייט, באַלוינונג. פאַרשטייט זיך, מעגלעך אויך, אַז אַש אָדער פאַרע, און אויב נישט? ווער ווייס? — לעבט זיך אַזוי אַ מענטש, אַרום און אַרום איז כאָלערע, באַן-קאַטאַסטראָפעס, יאַפּאַנער, און ער לעבט אַלץ, מיט אַמאָל עסט ער אַ קאַרעש אין סמעטענע, ווערגט זיך מיט אַ קליין ביינדעלע און — פאַרטיק. אַ צופאַל, און אפשר איז דער דאָזיקער צופאַל אַ קליגינקער, דעם טעאָלאָגישן פאַקולטעט געענדיקט און אָפּגעגעבן עקזאַמען אויפן טיטל „השגחה עליונה"? — שטייט זיך אַזוי אַ באָבעלע אין צערקווע, איז מתפלל פאַר איר „מליץ-יושר" — פאַר וועמען? מאַך, היי-ליקע מוטער, אַז די קו מיינע זאָל זיך אָפּקעלבן! (פאַר די עבירות — אַ קעלבל). אָגשטאָט דאָס באָבעלע — די הייליקע זשענעוויעוו אָנשטאָט דאָס קעלבל — די גאָטן, און ס'איז פאַרטיק אַ פּרעסק פון פּיוויס-דע-שאַוואַן. דאָס איז וועגן דעם ערדישן, און וועגן דעם איבער... — נאָך צווייפלהאַפטער. נאָר אומזיכערקייט איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן. אַזאַ בריוו איז יעדערן אַנגענעמער אַוועקצושיקן רעקאָמענדירט, איידער געוויינלעך. מ'שרייבט אויך ביכער. פאַראַן שולן... עס גייט אַן אומגלויבן, ד. ה. די וואַלוטע פונם הימלישן קעניגרייך איז געפאַלן אין איר ווערט ביז צום לעצטן. דער קאַסירער ווערט צערונען, ער ווערט פאַרזונקען אין די געפלען, וואָס האָבן אים אַליין באַשאַפן".

אַן אַנדערש מאָל האָט דער לערער אונז געזאָגט וועגן דער ווירקונג פון געשלעכט אויף רעליגיע: „אַ ווילדן אָקס דערהרגעט מען. אויב מ'גיט נישט דער שקאַפע אַן אָגער צו דער צייט — ווערט זי קראַנק. נישטאָ קיין קעץ, וואָס זאָלן זיין פאַרליבט אין סוקעס, און אַפילו דער פאַרדאָרבנסטער פאָקסטעריער שלעפּט זיך נישט נאָך קיין שעפּס. ביי אונז איז אַנדערש. אַזוי ווי דער שפּיץ באַרג איז אַליין שוין דער אָנהויב פון אַראָפּלאָזן זיך, און דער יצר-הרעדיקער פאָרגעשמאַק איז לענגער און תענוגדיקער פאַרן צאַפּל פון דער ליידנשאַפט, דעריבער געפינען אַ סך פאַרגעניגן אין נישט-חתונה-האָבן. אויפן געלעגער ווערט דאָס בילד פאַרטונקלט, אַפילו ביי אַ מאָמענטאַלער באַפרידיקונג, אויפן וואַנט אָבער איז

פּס גאַנץ. אַ צאַרט מיידל אויפֿן חתונה-געלעגער — (ווען די הבֿאַרינס האָבן דערציילט — איז אַלץ אויסגעקומען בעסער) — גיך בולט און נישט-געשמאַק. אַ חוץ דעם אַלעם סאַפּעטער. און יענער דער אַנדערער, מיט די גאָלדענע לאָקן, דער שטערבלעך-טרויעריקער, דער אומצוטריטלעכער... אָך, וואָס גיכער ברייט אויס ווייסע בעגינאַזשן מיט מעשענע הענגלייכטערס און אָנגעקראָכמאַלטע פֿאָרהאַנגען! הערן גלחים — פֿון הינטער די ראָלעטן, אין אייערע קעמערלעך, וועט איר דערהערן מיליאָנען זיפֿצן און ווידויס, וועגן וועלכע עס חלומען בחינם אַגראָנאָמען און ביר-ברויערס. עס שאַדט נישט, אויב אַמאָל וועט געשען אַ קליינע פֿעלשונג — אַ קליינע צוריקקערונג צו דער מוטער-נאַטור. און זיי, די סאַפּענדיקע און נישט-סאַפּענדיקע, וואָס תּחילת צינדן זיי זיך אָן, דערשפּירנדיק דעם ריח פֿון שוויס-בענדער, און דערנאָך פֿילן זיי אַן עקל, צי האָבן זיי נישט געשריבן קיין לידער וועגן דער הימלישער שיינקייט פֿון דער, יענער, אומבאַגרייפֿלעכער, וועלכע דאַרף נישט קיין שוויס-בענדער, האָבן זיי זי נישט געצייכנט אויף יעדן ברעקל האָלץ אָדער שטיקל געוואַנד? אין גאַנאַהאָ, אויגוסטער בורגאָס, האָב איך געזען אַ פֿאַסטוך, אַ האָרעפּאַשנעם ייִנג פֿון אַ יאָר צוואַנציק, וועלכער האָט זיך מיט אַ מלכותדיקן זשעסט קאַסטרירט אין דאָרפֿישן קלויסטערל פֿאַרן הייליקן בילד פֿון דער מוטער און אַ שעה שפּעטער איז ער געשטאָרבן, טריפֿנדיק מיט בלוט. דאָס איז אַן אויסנאַם, אַ פֿאַרזעעניש, וואָרים אַנדערע באַגיסן זיך בלויז מיט שפּייעכץ פֿון גיריקייט אָדער מיט טינט פֿון לעכצעניש. און די געהיימניספֿולע ס'קטעס פֿון די בלאָנדזשענדיקע, און די פֿאַרברעכערישע פֿאַרערער פֿון די הייליקע בילדער, און די אַלטע מאָנאַשקעס, וואָס שאָקלען אַראָפּ אָוונט-צייט דעם שטויב פֿון די סטאַטועס, און דער צעקראָכענער ווערלען, וואָס וואַרפֿט זיך אַריבער פֿון דער געשרומפּענער און ברודיקער זקנה צום צאַרטן שטייגערנעם מיידל מיט אַ רויז אין האַנט?...״

זייענדיק אין ליידען זענען מיר אַריינגעגאַנגען מיטן לערער אין אַ פּראָטעסטאַנטישער קירכע. אויף די נאַקעטע ווענט זענען געהאָנגען בלויז צדקה-פּושקעס און אַ לערפּלאַן פֿון די לעקציעס.

אין דער זונטאָג=שול. דער פריסטער האָט שיין דערציילט וועגן דער דערהויבנקייט פון אויסלייזער און וועגן דער שעדלעכקייט פון אַלקאָהאָל=געטראַנקען. דער לערער האָט געזאָגט צו אונז; „אָרעמע מענטשן, זיי חזרן נאָכאַמאָל איבער די באַוועגונג פונם קינד, וואָס רייסט אַראָפּ פון שפּילצייג אַלע בענדער און קלימפּערלעך, כּדי צו זען אינעווייניק נישט מער, ווי אַ הויפן טראָטשינעס. מ'האָט זיי געגעבן אַ וואונדערלעכע ליאַלקע — רוים. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער טיפסטער זין אירער ליגט דווקא אין די האַפטן פון די צערעמאָניעס, אין די סטענגעס פון דאָגמעס, אין דעם געוויש פון די מעסעס, אין דער פאַרביקייט און גאָלדיקייט פון די מאַלערייען. זיי האָבן גענומען אַראָפּרייסן די מלבושים, אויסטאָן דאָס אָנגעטועכץ, — זיי האָבן מורא געקריגן, אַז דער לעבעדיקער קערפּער וועט ווערן נישט מער ווי אַ קלייד, זיי האָבן נישט קיין טראַכט געטאָן, אַז אונטער די קושן פון מענטשלעכע ליפּן זענען די קליידער — ווערטער, ווערטער און ווערטער — געוואָרן ציטעריק און וואַרעם, און אַז אויסער זיי איז קיין קערפּער מער נישט געווען. רייסנדיק פון דעם הייפּטל בלאַט נאָך בלאַט, האָבן זיי צערעמאָניאַליש אויפגע־שטעלט פאַר זיך — אַ גלאָמב, אַ צדקה=פּושקע און אַ פּריסטער, וועלכער האַלט נישט פון (אַגב אורחא, אויסגעצייכנטן) „שידאַם".

אויפקלערנדיק אונז, תּלמידים, האָט כּוליאָ כּורעניטאָ ליב געהאַט אונז צו ווייזן פאַרשידענע עקזעמפּלאַרן פון דעם אָדער יענעם מענטשן=מין. איך האָב שטענדיק באַוואונדערט די גרויסע צאָל מענטשן, מיט וועלכע ער האָט אונטערגעהאַלטן פריינטלעכע, געשעפטלעכע, און אָפטער פון אַלעם אומבאַשטימטע און אין פלוג אומניצלעכע באַציאונגען. אַזוי האָט ער אונז אין גענט באַקענט מיט אַ געוויסן זיוט, אַ פלעמער, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט שפּילן אויף אַ טראָמבאָן, מיט רויכערן לאַנגע דיימענע ליולקעס און מיט קאָכן קאַווע אויף די קאָמפּליצירטע מאַשינקעס — „פּילט=רעס". דער דאָזיקער זיוט איז אַ הויז די דערמאָנטע מעלות געווען נאָך, לויט מיינע השערות, אַ קרוב פונם פּאָעט מעטערלינק. איך האָב דאָס דערקענט לויט אַ סך סמנים. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען מיר האָבן אויף אַ מינוט אויפגעהערט צו רעדן און אין צימער איז גע־

האָרן שטיל, האָט זיוט באַדייטנד אָפּגעזיפּצט, און דערנאָך האָט ער דעם דאָזיקן זיפץ פאַרטייטשט: „אין צימער איז עמיצער געווען". בכלל איז זיין שווייגן נישט געווען קיין פשוט שווייגן, נאָר עפּעס זייער פייערלעך איז עס געווען. די ליבסטע ווערטער זיינע זענען געווען „עמיצער", „עפּעס" און „משונהדיק". ער פלעגט זיך אויסדריקן אויף אַזאַ אופן: „ס'איז מיר טרויעריק — דורכן גאָרטן איז עמיצער פאַרבייגעגאַנגען", „נאָר וואָס איז ערגעץ־וואו מיט אַ מיידל עפּעס־וואָס געשען, דערפאַר זענען מיר שווער די אויגן־לעפלעך", „איר הערט ווי משונהדיק דער זייגער שלאָגט, ער זאָגט עפּעס אָן". ביי דער אינדערפריעדיקער קאַווע איז ער פול געווען מיט ערינערונגען וועגן די נאַכטיקע חלומות, ביים מיטאָג מיט טרויעריקע רעפלעקסיעס פון אַנדערע וועלטן, ביים נאַכט־עסן מיטן פאַרגעפיל פון אומבאַקאַנטע באַגעגענישן (וואָס ס'האָט אים, איבעריקנס, נישט געשטערט צו עסן מיט אַ גוטן אַפּעטיט). אין אַלצדינג האָט ער געזען אַ סוד — אין דער געשטאַלטונג פון אַ וואָלקן, אין דעם פויגעלע, וואָס איז אַריינגעפלויגן אין צימער אַריין, אַפילו אין דער יויך־וואַזע, וואָס זיין דינסט, די נישט־געשיקטע פלעמערין, האָט צעבראָכן.

אָפּזיצנדיק מיט אים אַזוי אַ צוויי שעה, האָב איך אים געקענט חושד זיין נישט נאָר אין קרובישע באַציאונגען מיט מעטערלינקן, נאָר אויך, אַז ער ליידט אויף אַ געוויסע נערוועזע קראַנקהייט. כ'האָב דערציילט מיינע השערות דעם לערער, נאָר ער האָט מיר אָפּגעענטפערט: „וואָס דו רעדסט. זיוט איז פולשטענדיק געזונט און כ'גלויב אַפילו נישט ער זאָל זיין אַ קרוב פון מעטערלינקן, אַזעלכע קרובים, מיין איך, קאָן מען אָנציילן ביים חשובן פּאָעט נישט איין טויזנט. אויף דעם הייזל, וואו זיוט וואוינט, געפינט זיך אַ דונער־אָפּלייטער, און אין פאָדערצימער — אַ באַראָמעטער; אַז ער ווערט קראַנק, רופט ער דעם בעסטן דאָקטאָר, און ער קאָן נישט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט פון אויפרעגונג, ביז דער דאָקטאָר וועט נישט אַריינלייגן דאָס רערל אין קעשענע און וועט, ענדלעך, נישט אַרויסמורמלען דעם נאָמען פון דער קראַנקהייט אויף לאַטייניש. ער האָט זייער ליב איבערצוחזרן דאָס וואָרט „השגחה

עליונה", נאָר, אַגב, האָט ער זיך געלאָזט שטעלן פּאָקן און אַ בי־הימפּן קעגן דיפטעריט און טיפוס. פאַרשטייט זיך, אַז איר וועט אים פרעגן וועגן דעם — וועט ער זיך נישט פאַרלירן און ענטפערן עפּעס, ווי אַ שטייגער, „מ'דאַרף זיך נישט רייצן מיטן גורל", און דאָס גלייכן. אָבער אין אים קאָנט איר אָבסערווירן אַ מענטשן, וואָס קאָן נישט לעבן אָן אַ סוד. ווערסט זאָגן, אַז אַ סך זאַכן אויף דער וועלט זענען נאָכנישט קלאָר פאַרן שכל. פאַרשטייט זיך, נאָר אין דער לאַנגער שורה פאַרחתמעטע צימערן זענען עטלעכע טירן שוין אויפגעבראָכן און דאָרט האָט מען דערזען די פּשוטסטע אויס=מעבלירונג פון אַ מיטל=מעסיקער שטוב. דאָס קילט אָפּ די אַלע זיוטס, דאָס צווינגט זיי צוריק אַרויפצוטאָן די חתימות. דערנאָך קומט שוין קאָסמעטיק, לאַטעניש פון צעריסענע הויזן און די פאַר=שידענע מיטלען פון אַן אַלטער קורטיזאַנע זיך אַרויסצושטעלן פאַר אַן אומשולדיקע בתולה".

זיך אומקערנדיק צו די רייד וועגן סוד, האָט ער מיך איינ=מאָל צונויפגעפירט מיט אַ געוויסן דייטשן טעאָזאָף, וואָלף.

אין אַלטעגלעכן לעבן איז זיך וואָלף געווען אַ פּשוטער דייטש, האָט פאַרמאָגט עפּעס ענלעכס אויף אַ ווייב, ד. ה. אַזאַ מין אויסגעמאָגערטע בתולה, מאַטילדע, וואָס האָט אויסגעפילט אין שטוב די פאַרשידנסטע פליכטן. נאָר איינמאָל, נאָכן אויפעסן אַ געהערי=קע פּאָרציע חזיר=פלייש און נאָכן פאַרטרינקען מיט ביר, אויך לרוב, און נאָכן אויסרויכערן אַ ציגאַר און, נישט וויסנדיק וואָס ס'וועט ווייטער פּאָרקומען, דאָס הייסט, אין אַזעלכע שעהן, ווען פּשוטע בשר ודמס לייענען דעם לייט=אַרטיקל וועגן מיניסטער=קרי=זיס אָדער כאַפּן פליגל און דערשטיקן זיי צווישן די נעגל, אָדער פּשוט, רייניקן זיך אויף פאַרשידענע אופנים די נאָז, אויערן און עפּעס אַנדערש — דעמאָלט איז וואָלף מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט, האָט פאַרשפאַרט אין קיך דאָס מ'שטיינסגעזאָגט ווייב, זי זאָל אים נישט שטערן מיטן קלאַפּעריי פון געפּעס און האָט דערקלערט, אַז איצט געפינט זיך זיין גייסט אין אַ העכערן צושטאַנד, ווייל ער טראָגט זיך איבער פון דער אַסטראַלער וועלט (ד. ה. פון חזיר=פלייש און מאַטילדע) צו בודאַן, און אַז איצט קאָנצענטרירט ער

זיך עקשנותדיק און זעט אַלץ. ווייטער זענען געשען גאָר אומהאַרשיינלעכע זאַכן — ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואָלף איז פריער געווען נישט קיין וואָלף, נאָר אַ פויגעלע, אַ פירער פונם אַצטעקישן שבט און אַ געליבטע פון לודוויק דעם פופצענטן. אַ חוץ דעם האָט ער געקענט נישט נאָר די נעמען פון אַלע אַטלאַנטידע־שטעט, נאָר אַפילו דעם טראַמווייען־מאַרשרוט פון איר הויפט־שטאָט. זיינע קאָלעגן האָט ער געוויזן עפעס אַן אָפּגעריבענעם פוילישן גראָשן און פאַרזיכערט, אַז דאָס איז איינס פון די זילבער־שטיק, וואָס יהודה האָט געקריגן. דער געבוירענער פלעק אויף זיין קערפער, נידעריקער פון דער פלייצע, האָט געזאָלט זיין אַן אָפּדרוק פון דעם קאַסיאָפּישן שטערן, וואָס איז אים געווען באַשטימט. ווען ער איז זומער אַוועקגעפאָרן אויף אַ חודש זיך אָפּרוען, איז ער אָפּגעטרעטן אין דאָרן ביי זיין מורה־דרך שטיינער און דאָרט האָט ער זיך עפעס געגראַבלט ביי שטיינער, בויענדיק אַ טעמפּל. וועגן אים האָט כורעניטאָ גערעדט, ווי וועגן אַ כשופדיק־כיטרען מענטשן: „וואָלף ווייס אַלץ, נאָר ס׳איז אים לאַנגווייליק צו איבן זיין שכל מיט מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען אָדער סאָציאַלע טראַקטאַטן. אַ חוץ דעם האָט מען אים צופיל אָפּפיר־געטראַנק איינגעגעבן פון דער רעפאָרמאַציע, אַז ער זאָל זיך קאָנען צוריקקערן צו דער ליבער מיסטיק פון אַ מיטלאַלטערלעכן קצב. דערפאַר האַלט ער ליבערשט פון אויסטראַכטן זיך אַ פאַרוויילערישן סוד, כדי ער זאָל אים דערנאָך אויף אַ שאַרפזיניקן אופן קאָנען דעמאַסקירן. דאָס איז גאָרנישט ערגער פאַר די רעטענישן, וואָס ערשיינען אין די זונטאָגנומערן פון די צייטונגען. דאָס איז זייער אַן אָרנטלעכער און פּראַקטישער ספּאָרט, און איצט — צי זעסטו נאָך נישט דעם וועג פון איישאַן ביז וואָלפן?...״

רייזנדיק איבער איטאַליען, זענען מיר אָפט אַריינגעגאַנגען אין פאַרשידענע קלויסטערס, ס׳רוב איז אין זיי געווען היימלעך, נאָר שמוציק, וואָרים זעלטן ווער האָט זיך גערעכנט מיטן כּלאַקאַט „מ׳בעט נישט צו שפּייען צוליב דעם בכבודיקייט פונם אָרט״. אָפּטמאָל האָבן מיר אין די קלויסטערס, אַ חוץ אַלטע גויעס, וואָס האָבן אונטערגעבאָמקעט תפלות, און קינדער, וואָס האָבן זיך גע־

שפּילט אין באַהעלטעניש, אויך געטראָפן קאַליקעס, הינט, אַפילו הינער. מיר האָבן אָנגעקוקט נישט־ווייניק אינטערעסאַנטע צערעמאָניעס. אין סענטיניאַנאָ האָבן באַגראָבן קריסטוסן איבערגעטוענע רייטער, פאַרשוינען אין מאסקעס מיט פינאטשינקע לעבעלעך־אויגן אַלמנות אין שוואַרצן, מיידלעך אין חתונה־מלבושים. דאָס איז געשען ביינאַכט, ביים ליכט פון אָנגעצונדענע פאַקעלן. אונטער געפּיקעריי פון באַראַבאַנען און ברומעריי פון מאַנאַכן. אין פלאָרענץ האָט מען צו דער קירכע צוגעפירט אַ ווייסן אָקס, אויף וועלכן ס'האָט זיך אַרויפגעזעצט עפּעס א פאַרשוין אין אַ פאַנצער מיטן פּנים צום ווידל. פאַרענדיקט האָט זיך דאָס אַלץ מיט אַ ראַקעט אין דער פאָרם פון אַ פויגל, וואָס איז אַריינגעפלויגן אין קירכע אַריין און האָט אָנגעצונדן אַלע פייערן. אין רוים, אין אַ אונטערערדישער קירכע, האָט א גלח מיט א שרעקלעך געשריי געפירט נאָך זיך די מתפללים פון איין אַלטער צום אַנדערן, געקאַטעוועט זיך דאָס לייב מיט שטריק און דערנאָך געלייגט זיך אין קבר אַריין. און ענדלעך אין נעאַפּאָל, ביים ליכט פון הונדערטער שייטערהויפנס, ביי א טראַסקעריי פון פעטאַרדעס און פיסטאָלעטן, האָט געגומען קאָכן דאָס בלוט אויף אַ סטאַטוע פון עפּעס אַ הייליקן מיט א ווייניק־באַקאַנטן נאָמען. דאָס הייסט, תחילת האָט דאָס בלוט צוליב עפּעס אַ סיבה נישט געוואָלט קאָכן און דער המון האָט מכבד געווען דעם הייליקן מיט אַזעלכע ספּעציפישע איטאַליענישע אויסדריקן, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ צונויפמיש פון דערהויבענע און וואולגאַרע ווערטער. דערנאָך האָט דאָס בלוט שוין געקאָכט, אַלע האָבן צוגעקלאַפּט מיט די הענט, געשריען „בראַוואָ" לכבוד דעם הייליקן, און די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט טענץ.

צוקוקנדיק זיך צו דעם אַלעם, האָט דער לערער געזאָגט:

„אָרעמער וואַטיקאַנישער געפאַנגענער, ווי עס פאַסט פאַר זיין הויכגעשטעלטקייט, דרעמלט ער מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ אויף אונטן. עס חלומט זיך אים דער שונא וואָלטער און ער איז אַפילו נישט חושד, אַז עס עקזיסטירט א מאַקס לינדער. אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרהונדערטן האָט די רעליגיע ערלעך דערפילט איר ראָל פון אויסלאָדן מענטשלעכע עמאָציעס. צו דעם צוועק האָט זי אויך אויסגע-

האָדעוועט די קונסט און איצט שטאַרבט זי אָפּ צוליב דער קאָנקורענץ מצד דעם אייגענעם קינד. אָנשטאָט די טראַכטענישן פון די קירכע־פּאַטערס — פּאָפּולערע לעקציעס אין פאָלקס־אוניווערסיטעט, אָנשטאָט דעקאַלאָגן — אַ אומשעדלעכע מאָראַל פון צונויפגעזונגענע קרעמערס. וואָס וועט פאַרטרעטן די פּרעכטיקע ליידנשאַפטן, דאָס שעפּטשעניש, דעם גלאַנץ, די פּיאַלעטענע צודעקן און דעם געבריל פון אָרגאַנען? טשאַפּלינס גרימאַסן, פּעגוס טויטע שלייפן און די מיליאָנען פייערן פון די קומענדיקע קאַרנאַוואַלן".

מיר זענען געווען מיטן לערער אין די קאַטאַקאָמבעס לעבן רוים אויפן אַפּיאַ־וועג. מיר האָבן אָנגעקוקט די שוואַרצע גליטשיקע דורכגענג, אַריינגעאָטעמט אין זיך דאָס פוילעניש און שטינקעכץ, געקוויקט זיך צו זען מיטן פּריסטער דעם זקן, וואָס האָט פאַר אַ צוגענגלעכן פּרייז פאַרקויפט אַ פרישינקן ריפּ פון עפּעס אַ מאַרטירער צו צוויי ביירישע פויערטעס, און מיר זענען אַרויס אויפן אַס. ס'איז געווען רחבותדיק, פריש און ווייניק מענטשן. כ'האָב מיר דעמאָלט גענומען די דרייסטקייט צו פרעגן דעם לערער, וואָס ער טראַכט וועגן דעם גורל פון דער רעליגיע. כורעניטאָ האָט געענטפערט: „סוף כל סוף וועלן צעפאַלן ווערן אַלע ביינער און אַלע געטער. די קלויסטערס וועלן חרוב ווערן און די תפלות וועלן פאַרגעסן ווערן. באַדויער דאָס נישט. זעסט דאָרט, אויף דער זון, ווי, פאַרוואַרפנדיק די פיס, שפּרינגט איבערן סטעפּ אַ קליין יונג פערדל. דריקט ער דען נישט אויס די גאַנצע אומענדלעכע פייערלעכקייט פון אונזער זיין? און דאָ לעבן הייזל, מיט אַ פאַרריסענער מאָרדע צום הימל און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם וויידל, וואָיעט דער הונט — הילכט דען נישט דער גאַנצער טרויער פון דער ערד אין דעם דאָזיקן וואָיען? צי זיי וועלן זיין ענלעך די קומענדיקע מענטשן, זיי וועלן נישט מער פאַרשליסן זייערע געפילן אין טויזנטפודיקע פאַרהילענישן.

קוק אָפטער אויף קינדער; איך האָב ליב אין זיי נישט נאָר די ערינערונג וועגן די לייכטע טעג פון דער מענטשהייט, ניין, אין זיי זע איך דאָס פאָרבילד פון דער קומענדיקער וועלט. כ'האָב ליב דאָס פּיצל קינד, וואָס ווייס נאָך וועגן גאָרנישט, וואָס רייסט זיך

מיט אַ מלכותדיקער באַוועגונג אַראָפּצוּרייסן, וואָס? — די בראָשקע אויף דער מוטערס ברוסט? אַן עפּל אין גאָרטן? אָדער אפשר גאָר אַ שטערן פון הימל? דערנאָך וועט מען אים שוין לערנען, ווי אָנ־צוטאָן אַ קליידל, ווי צו קושן דעם טאַטן אין האַנט, ווי צו זיין אָרנטלעך און ווי אַזוי צו דאַווענען. דערווייל איז ער נאָך ווילד, ליידיק און שיין. אויב דו ווילסט זיך אויסלערנען אויף אַן אמת פיינט צו האָבן מענטשן, האָב ליב, האָב שטאַרק ליב קינדער! טרעט די הייליקטימער, זיי עובר אויף די געבאָטן, לאַך, העכער לאַך, רעדן לאַכן איז פאַרבאָטן, מיט געלעכטער, מאַטערניש און פייער ליידיק אָפּ אַן אָרט פאַר אים, פאַר דעם קומענדיקן, כדי פאַר דעם ווּסטן זאָל בלייבן — אַ פוסטקייט".

דאָס פינפטע קאַפּיטל

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש זוכט אַ מענטשן

אויף צומאָרגנס נאָך אונזער באַגעגעניש מיט איישאַן זענען מיר אַלע צוזאַמען אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין האָלאַנד, וואו כוליאָ כורעניטאָ האָט געהאַט אַ ריי עסקים — אַ זיצונג פון די אַקציאָנערן פון דער געזעלשאַפט צו קאַנאַליזירן דעם אינזל „יאַוואַ", אַ רעפּעראַט פאַרן האַאַגער פרידנס־טריבונאַל, אַ קניה פון אַ גרויסער פּאַרטיע בילדער פון די קלענערע מייסטערס פון זייבעצנטן יאָרהונדערט, פון קאַווע און מעסערס פון מענטשן־פּרעסערס מיט פּרעכטיקע שניצערייען לויט די צייכענונגען פונם דייטשן עקספּרעסיאָניסט אָטאָ. אויפן וועג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַנטווערפּן און אין אָוונט זענען מיר אַוועק צום פּאָרט. אַ לאַנגע רייע שענקלעך האָט אונז געלאָקט צו זיך מיט די מעשענע באַנאַנען, מיט די זיך ווינדיקע פּאַפּוגייען און מיט די נעגערס, וואָס האָבן אין די בלעכענע ליפּן געהאַלטן פייקעס פון קירביס. מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין איינעם אַ שענקל, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דאָס רויִקסטע (מיסטער קול האָט זיך אַלץ געשראָקן, די ביבל און די דאָלאַרס זאָלן דאָ נישט מיאוס אָפּשניידן). אויף די טישן און אונטער זיי זענען געזעסן מענטשן פון די פאַרשידנסטע קאָלירן: ווייסע סקאַנדינאַוון, אונטערגערויטלטע פלעמער, גוט דורכגעברענטע אויף דער זון איטאַליענער, איבערגעברענטע אַראַבער,

און שוין גאָר שוואַרצע סאַמאַליער. די מענטשן אונטער די טישן האָבן שרעקלעך געקוויטשעט, און מיסטער קול, וועלכער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די דאָלאַרס, האָט אין געדאַנק ציטירט די ביבל, זייענדיק זיכער, אַז אָט גלייך וועט זיך אָנהויבן אַ שלאַכט אויף מעסערס, און אפשר אויך אויף רעוואָלווערן. נאָר דער לערער האָט אים באַרויִקט און דערקלערט, אַז דאָס רעדן אַזוי די קאַסטיליאַנער גאָר פריינטלעך וועגן די מעלות, וואָס עס האָבן די לידקעס פון דעם שענקערס טאָכטער. אַ מרה־שחורהדיקער ענגלענדער איז געזעסן איינער אַליין אויף אַ שטייג, אַרויסשפּייענדיק אַלע פינף מינוט דאָס וואָרט „וויסקי". שפּעטער אַביסל איז ער לעבעדיק געוואָרן, האָט זיך אַליין געמאַכט עפּעס אַ קינדערשן פאָקוס, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין קאַפּעלוש האָט זיך אים אויף אַ געהיימניספולן אופן באַוויזן אַ מטבע, און מאַכנדיק די דאָזיקע קונץ, האָט ער אַליין לאַנג און אָפנהאַרציק געלאַכט.

די פראַנצויזן האָבן ווייניק געטרונקען, אַ סך געטומלט, געריימט זיך—איינער דערמיט, וואָס אין מאַראָקאָ האָט ער אין משך פון איין טאָג דערשטאָכן צוועלף מערדער, אַן אַנדערער דערמיט, וואָס ביי זיך אין נים האָט ער אין פאַרלויף פון איין נאַכט באַוויזן צו פאַרשאַפן אַ ריי פאַרשידענע פאַרגעניגנס צו פונקט אַזאַ צאָל מיידלעך. ביידע האָבן זיי, ווען ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען די דינסט, אַ מיאוסע גויע פון אַ יאָר פופציק, זי אַ קניפּ געטאָן אין אָרעם און אויסגערופן: „זע נאָר דאָס שענקייט!" וואָס ס׳האָט אויך געהערט דאָ אַ פּנים צום ריטואַל.

פלוצלינג האָט אין אַ ווייטן ווינקל עמעץ אַ זיפץ געטאָן אויף רוסיש: „פריינט מיינער, ברודער מיינער, זאָג מיר, בין איך אַ מענטש אָדער נישט?" כ׳האָב זיך אומגעקוקט און דערזען פאַר זיך אַ גאַנץ אָנשטענדיקן רוסישן אינטעליגענט, מיט אַ שיטער בערדל, חי ס׳וואָלט אויפגעגאַנגען אין אַ יאָר פון אומגערעטעניש, אין פענסנע מיט איין אויסגעהאַקט גלעזל, אין אַ פילצענעם קאַפּעלוש, אויף וועלכן ס׳זענען שוין זיכער געזעסן און געלעגן באַזוכער פון כלערליי שענקען.

ער האָט שטאַרק געטרייסלט אײנעם פֿון די נעגערס, װעלכער האָט אויף קײן פֿאַל נישט געקאָנט ענטפֿערן אויף זײַן טיפֿזיניקער פֿראַגע, — בפֿרט נאָך אויף אַ שפּראַך, װאָס ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, — אָבער פֿון גרויס אויפֿרעגונג און אָנשטרענגונג צו פֿאַרשטײן האָט ער אַרויסגעשטעקט די שפּיץ צונג און גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ אויף אַלע זײַטן. דאָס דאָזיקע בילד איז געװען אַזוי מאָלעריש און רירנד, אַז מיר האָבן זיך אַריבערגעװאָרפֿן צום טישל פֿון רוס, װעלכער האָט זיך אומגעהויער דערפֿרײט, דערזעענדיק פֿאַר זיך אַ לאַנדסמאַן, און האָט מיר גלײַך אויפֿן אָרט פֿאָרגעלײגט צו לייזן דאָס פּראָבלעם, װאָס איז נישט פֿאַרענטפֿערט געװאָרן דורכן אָרעמען סאַמאַליער.

דערנאָך האָט ער, צעברעכנדיק פֿריער אַ קריגל מיט פּיר גלעזער, זײַענדיק איבערצײַגט דערקלערט, אַז „אַלץ איז נישט מער װי אַ פֿיקציע”! — דאָס איז געפֿעלן געװאָרן דעם לערער, ער האָט דעם רוסישן פֿילאָזאָף גענומען װײַזן נישט קײן גרויסע, אָבער טשיקאַװע עקספּערימענטן, אָדער, אויסדריקנדיק זיך מער פּאַטעטישער, „נסים”, װאָס האָבן געדאַרפֿט באַשטעטיקן, אַז ס'איז נישטאָ קײן רעאַלער שטח און קײן רעאַלע צײַט. דער רוס איז געװען אַזוי גערירט, אַז ער האָט זיך גענומען טאַפּן בײַ די קעשענעס, האָט אָנגעטאַפּט דעם נעגערס נאָז, דערנאָך איז ער געזעסן לאַנג און טיף־דענקענדיק און צוגעלײגט זיך די האַנט מיטן בראַסלעט צום אויער, נאָכקאָנטראָלירנדיק מסתמא, צי זײַן זײגער גײט. נאָכדעם, װי ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דער נעגער האָט אַ נאָז, אַז דער זײגער גײט, און פֿונדעסטװעגן עקזיסטירט נישט נישט קײן צײַט און נישט קײן שטח, און נישט װיסנדיק װי אַזוי מ'ברענגט אין אײנקלאַנג דאָס אַלעם, האָט ער אַ שלוקערץ געטאָן, געהײסן זיך דערלאַנגען נאָך אַ ליטער בראָנפֿען און שטאָלץ דערקלערט: „אַלץ איז אַ פֿיקציע, נאָר ס'איז פֿאַראַן — דער מענטש!” דערזעענדיק דאָס מילדע שמײכעלע פֿון לערער, האָט ער זיך באַלײדיקט, געװאָלט אַװעקגײן, נאָר איז נישט אַװעקגעגאַנגען, ער האָט געפּונגען פֿאַר נויטיק זיך פֿאָרצושטעלן: „אַ פֿרײַער מענטש, דאָס הײסט אַלעקסײ ספּירידינאָװיטש טישין”. גלײַך דערנאָך האָט ער אויסגע-

דריקט זיין שטאַרקן פאַרלאַנג צו דערציילן כורעניטאָן זיין לעבנס־געשיכטע און האָט געפרעגט, צי מיר וואָלטן נישט געקאָנט גיין מיט אים אויפן וואָקזאַל און זיך אַריינזעצן אין אַ ליידיקן וואַגאָן. אפילו איך האָב נישט פאַרשטאַנען זיין געדאַנקען־גאַנג. דעמאָלט האָט אונז טישין דערקלערט, אַז ער איז געוואוינט צו דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע פאַר פרעמדע מענטשן אין וואַגאָן, און אַזוי ווי ער איז שוין איבער דרייסיק, איז שוין שווער זיך אָפּצוגעוואוינען, אָבער זיין לעבנס־געשיכטע מוז ער דערציילן, אַז נישט וועט ער צעמזיקן דעם בעגער, אָדער ער וועט זיך דערטרינקען, אָדער דאָ אויפן אָרט וועט ער מאַכן באַריקאַדעס. די אַלע דריי מעגלעכקייטן האָבן קנאַפּ נושא חן געווען אין אונזערע אויגן, נאָר גיין צום וואָקזאַל דורך דער גאַנצער שטאָט האָט זיך אויך נישט געגלוסט. דער לערער האָט מיט זיין אייגנטימלעכן טאַקט איבערציייגט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן, אַז דאָס שענקל ביים פּאָרט איז דאָס אייגענע, וואָס אַ וואַגאָן, און אַז דערציילנדיק דאָ זיין לעבנס־געשיכטע, וועט ער נישט אָפּטרעטן נישט פון די גרויסע טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור, און נישט פון זיינע דרייסיקיעריקע געוואוינהייטן.

געבוירן געוואָרן איז אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש אין דער שטאָט יעלעץ און דאָרט אויך האָט ער פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן. אינגיכן נאָכן געבוירן אַליאָשען איז די מאַמע זיינע אַוועק מיטן פראַנצויז זשאָרזש, דעם פריזירער פונעם שטאָטישן זעמסטוואָ־אָנפירער. אין מאָסקווע האָט זשאָרזש באַקומענדיק פון איר „אומשאַצבאַרע געדענק־מתּנות", ד. ה. אַ קעסטעלע מיט פאַמיליען־בריליאַנטן, באַטראַכט זיין מיסיע אין דעם ווילדן לאַנד פאַר געענדיקט און איז אַוועקגעפאָרן אין זיין היימישן טולוז. אַליאָשעס מוטער האָט נאָך געפּרוווט עקזיסטירן, האָט געשריבן פאַרשידענע בריוו, איז געגאַנגען צו כּלערליי קרובים, נאָר אָפּוואַלגערנדיק זיך צוויי יאָר, איז זי געשטאָרבן. דאָס יינגל האָט זיך געכאָוועט ביים טאַטן, דעם דימיסיאָנירטן גענעראַל און גרויסן פּרא־אדם. אַכטונג געגעבן האָבן אויף אים פאַרשידענע זיך אָפט בייטנדיקע גוווערנאַנטינס, וועלכע האָבן, אַגב, אין דער פרייער צייט געזאָרגט אויך פאַרן גענעראַל.

נאָך די נעכט אין פּאָטערס קאַבינעט, האָבן זיי געשלאָגן אַליאָשען־
אויסגעקנייפּט פון אים שטיקער און דערביי געלאַכט: „אַ נו, לאָמיך
זען, גיי נאָר קלאָגן זיך אויף מיר פאַרן טאַטן!” דערפאַר אָבער־
אויב ס'האָט זיך געמאַכט, אַז זיי האָבן געמוזט פאַרברענגען לאַנגע
וואָכן אין קינדער־צימער, ווען דער גענעראַל האָט אָפּגעטאָן זיין
חסד פון זיי, פלעגן זיי שענקען אַליאָשען קרעם־קיכלעך און דערביי
צושעפּטשען: „דו ביסט אַ גוט קינד, גיי זאָג דעם טאַטן, אַז איך
האָב דיך זייער ליב, אים אויך. נאָר געדענק, זאָלסט נישט זאָגן,
אַז איך האָב דיר געזאָגט”. דער גענעראַל האָט געטרונקען גאָר
אָן אַ מאָס. אָפּטמאָל פלעגט ער אַראָפּנעמען דאָס בייטשל, וואָס איז
געהאָנגען איבערן טערקישן דיוואַן, און שמייסן, אַזוי־זיך, אַליאָשען
איבער דער פּלייצע, זאָגנדיק: „אָט האָסטו דיר, פאַרלוירענער
זאָמען איינער! דער טייוול ווייסט דיך, פון וועמען דו ביסט! דו
באָרד־גאָלער, פאַרשאָלטענער! גיי, זייף איין די מאָרדע!” — דער־
נאָך, ביינאַכט, פלעגט ער וועקן דאָס ייִנגל, וואָס האָט מיט שרעק
געקוקט, ווי דער אַלטער שטייט אויף אַלע פיר פאַרן שאַטקע־בע־
טל און וואָיעט: „ריין מלאכל מיינס! זונעלע מיינס! דעם מינדסטן
נאָגל דיינעם בין איך נישט ווערט, אַ וואָרעם! צעטרעט מיך! שפּיי־
גן, גיב אַ שפּיי אויפן טאַטן!” ער האָט זיך נישט באַרויִקט, ביז
אַליאָשע האָט נישט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געשפּיגן
אויפן טאַטן.

אָפּטמאָל איז דער גענעראַל נאָך דעם פרידלעך אַוועק־
געקראָכן אויף אַלע פיר, ווי אַ הונט, צו זיך אין דער באָרע אַריין,
אָבער אָפט אויך איז ער אויפגעשפּרונגען, אַ ריטש געטאָן: „ווי,
אויף אַ טאַטן שפּייסטו, דו כּלב איינער?” ער האָט אַ כאַפּ געטאָן
די בייטש און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אויף דאָס ניי.

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן איז באַזונדערס געבליבן אין זכּרון
איין נאַכט. דער גענעראַל האָט געהאַט אַהיימגעבראַכט צו זיך אויפן
הויף אַ קליינעם בער, וואָס איז געוואָרן אַליאָשעס בעסטער פריינט
און אַן אָנטיילנעמער אין אַלע זיינע שפּילן. דעם בער האָט מען
גערופן „בומבאַ”, ער איז געווען מגושמדיק און אַ גרויסער בעלן
אויף זיסוואַרג און האָט ליב געהאַט מ'זאָל אים צערטלען.

איינמאָל ביינאַכט וועקט אויף דער גענעראַל אַליאָשען, זוויקלט אים איין זאָרגעוודיק אין אַ קאָלדרע און טראָגט אים אין גערטנדל אַריין. דאָרט איז אויף די אונטערשטע לאַפּעס געשטאַנען „בומבאַ“, צוגעבונדן צו אַ ביידל. דער גענעראַל פּאָכעט מיטן ביקסל און קייכט פאַר געלעכטער: „די עקזעקוציע איבערן הייליקן סעבאַסטיאַן, אַ בילד, וואָס דאַרף געמאָלט ווערן דורך אייוואַזאָווסקין, כי־כי־כי! מישקע, ברענג אַהער אַ פלעשל בראָנפן, מירן טרינקען פאַרן גלגול פון גאָטס קנעכט, בומבאַס נשמה!“ דאָס בערל האָט געמיינט, אַז מ׳שפּילט זיך מיט אים. האָט ער זיך באַלעקט און געמרוקעט. דער גענעראַל שיסט אויס אַ שכורער, בלויז דורכגעשאָסן אַ לאַפּע. „בומבאַ“ וואָיעט פאַרצווייפלט, ווי אַ הונט, וועלכן מ׳איז אַרויפגעטרעטן אויפן וויידל. ענדלעך, געענדיקט. אַליאָשען טראָגט מען צוריק אַרויף אין שטוב. היץ, ס׳פיבערט אים. נאָר נישקשה — אויסגעלייגן זיך.

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט נאָך דערציילט וועגן זיינע קינדערשע שפּילערייען. מער פון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו כאַפּן פליגן אויפן פענסטער און אָפּצוררייסן זיי די פליגעלעך, פיסלעך. נאָר דערנאָך האָט ער געקריגן אויף זיי רחמנות און ס׳איז אים געוואָרן לאַנגווייליק. דעמאָלט האָט ער געמאַכט פאַר זיי אַ „פליגן־שפּיטאָל“ — אין איין קעסטעלע פון שוועבעלעך האָט ער אַריינגעלאָזט די פליגן אָן כליגעלעך, אין אַן אַנדער קעסטעלע די איינפליגלדיקע, אין אַ דריטס די אָנפיסיקע און אַזוי ווייטער. אָפּטמאָל האָט ער געבעטן פאַרן בילד פון דער הייליקער מוטער, אַז זי זאָל זיך מיען אין גן־עדן פאַר אים, פאַר בומבאַן און פאַר דער מאַמען (וועגן וועלכער ער האָט געהערט פון דער אַלטער דינסט). נאָר דערנאָך איז ער בייז געוואָרן, פאַרוואָס פּעטיאַ האָט, וואָסיאַ האָט, אַלע האָבן — נאָר ער האָט נישט קיין מאַמע, און פאַרוואָס דער טאַטע האָט געשאָסן אויף בומבאַן — און האָט פון דער גוווערנאַנטינס קאַפּעלוש אַרויסגענומען אַ גרויסע שפּילקע און גענומען אויסשטעכן די הייליקע מוטער די אויגן: „אָט האָסטו דיר, אָט האָסטו דיר!“

ווען אַליאָשע איז געווען אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע, איז

דער גענעראַל, — נאָכן אָנטרינקען זיך מיט בראָנפן און נאָכן כאַפּן אַ פאַרקילונג בעת ער האָט מיט דער מויד ליובקאַ און מיטן „פרויליין" שאַרלאָטע עולה רגל געווען צום הייליקן טיכאָן — געשטאָרבן מיט תשובה און ווידוי און איבערגעלאָזט דעם זון אַ געוויסע סומע געלט און לאָבוסעוואַטע אַפּוטרופּסים. קורץ דערנאָך האָט אַליאָשע דאָס ערשטע מאָל דערפילט ליידנשאַפטלעכע נטיות. ביז איצט האָט ער בלויז, איבערלייענענדיק שטילערהייט אין דער „ניוואָ" טאָלסטאָיס ראָמאַן „תחית המתים", אומזיסט זיך געמיט איבערצומאַכן די דינסט לענאַ אויף קאַטיושאַן, בעת ער האָט אַמאָל אין קאָרידאָר, אַזוי ווי נישט ווילנדיק, געגלעט מיט די פינגער איר קערפּער און געברענגט דערצו, זי זאָל אומבאַרחמנותדיק ברעכן טעלער. נאָך לאַנגע אויפרעגונגען, וואַקלענישן און שרעקן איז אַליאָשע, מיטן קאַמטשאַטקע־בירגער, דעם לאַנג־וואָנסיקן פּוקלאָוו, אַוועק אין אַנשטאַלט פון אַנזשעליקאַ קאַרפּאָוונאַ און דאָרט האָט ער פאַר דריי רובל באַקומען פון דער פּול־גופיקער, נאָר באַוועגלעכער סטעשאַ אַ געוויסע עלעמענטאַרע דערציאונג. ווען אַליאָשע איז פון קעמערל אַרויסגעקומען אין סאַלאָן אַריין פון אַנזשעליקאַ קאַרפּאָוונאַ, האָט פּוקלאָוו אים פייערלעך, זופנדיק דאָס מוטנע ביר, געפרעגט; „נו, וואָס ווערסטו זאָגן, ברודערל? אַן ענין, וואָס? דאָס איז מיין אַנטדעקונג, אין אַ געוויסן זין „קאָלומבוס"! נאָר אַליאָשע האָט פאַרדעקט דאָס פּנים און די אויגן און געמורמלט: „וואָס האָב איך געטאָן?" און מיט אַ געוויין איז ער אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס אַרויס. אינדערהיים האָט ער זיך מיט כוונה אָפּגעוואַשן, דערמאַנט זיך אָן דער מאַמען און געזיפצט. אויף צומאָרגנס האָט ער באַשלאָסן אָנצוהויבן אַ ביי בכבודיק לעבן, איז אַוועק אין ביבליאָטעק אַריין, פאַרשריבן זיך אויף דער צווייטער מדרגה און אויסגעקליבן די ביכער פון מערעזשקאָווסקי און בערדיאַיעוו.

דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, האָט אים נישט געשטערט אינגיכן ווידער צו גיין, וואָס אַן אמת שוין נישט צו סטעשאַן, נאָר צו מאַרוניאַן, דער שוואַרצער און שווייסיקער מאָלדאַוואַנערין, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ צערונענעם, גלאַנציקן איילבירט. לייענען ביכלעך וועגן זינד און וועגן אַנטיכריסט האָט ער אויך נישט אויפגע־

הערט. ער האָט זיך פאַרשאַפט אַן אַלבאָם, וועלכן ער האָט צעטיילט אויף אָפּטיילונגען: „ליבע", „גאָט", „נאַטור" און אַנדערע, און אַהינצו האָט ער אַריינגעשריבן די געדאַנקען, וואָס האָבן אים אַמשטאַרקסטן אויפגעטרייסלט. אַזוי איז אין דער אָפּטיילונג „דער מענטש" געשטאַנען: „אַ מענטש איז באַשאַפן צו גליק, ווי אַ פויגל צום פליען" — וו. קאָראָלענקאָ. „מענטש—דאָס קלינגט שטאָלץ"— מ. גאָרקי און אַזוי ווייטער.

שפּעטער האָט ער זיך פאַרליבט אין דער בלוי־אויגיקער ניוראַ, די טאָכטער פונם פּאָסט־באַאַמטן; אירע כאַראַקטער־שטריכן זענען געווען: פיר לאָקעלעך, ווי וואורשטלעך, אַ מעדאַליאָן, וואו ס'איז אויסגעמאָלט געווען אַ קעצל, און אַ ליידנשאַפטלעכע ליבע צו שאָקאָלאַד געפילט מיט ניסלעך. פאַרליבנדיק זיך, איז ער אַרומגעגאַנגען, געזיפצט און ענדלעך, נאָך לאַנגע שמועסן וועגן זיין איינזאַמקייט און נאָכן צורוקן־זיך נעענטער צו איר אויף דער סאָפקע האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ לאַנגן און גרינטלעכן קוש. נאָך דעם האָבן אים אַרומגעכאַפּט ספקות. ווי דערהויבן און פאַרפירעריש די ליבע זאָל נישט זיין באַשריבן אין די ווערק פון אַלע בעסטע שרייבער, ווי זיס עס זאָלן נישט האָבן געווען ניוראַס פולע ליפּעלעך, איז ער דאָך איבער אַ סך זאַכן געצוואונגען געווען זיך צו פאַרטראַכטן. ניוראַ איז נישט סטעשאַ און נישט מאַרוניאַ, זי האָט אַ טאַטן און אַזוי ווייטער, הייסט עס — חתונה־האָבן. נאָר ניוראַ איז אויך נישט בעאַטריטשע, זי ברענט נישט מיט אַ געטלעכן און הייליקן בונט. הייסט עס — אַ פּאָסטן, ווינדעלעך און דאָס איבעריקע קלאַפּערגעצייג. דער עיקר קינדער — איז דען געמאָלט מ'זאָל קאָנען לייענען ניטשען אָדער שאָפּענהויערן, בעת דערלעבן פּישטשעט אַ קליינס? פאַרשטייט זיך, נישט שטענדיק קומען קינדער, מ'זאָגט אַפּילו, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַ מיטל. נאָר „עפּעס אַ מיטל" איז דאָך נישט קיין טורקוס־רינג, פאַר אַ מתנה דער כּלה קאָן מען עס דאָך נישט דערלאַנגען. דערצו נאָך אַזוי פאַרשמוצן אַן אידעאַל!... ער האָט אויפגעעפנט דעם אַלבאָם, די אָפּטיילונג „ליבע", און איבערגעלייענט: „בלויז דער פרימאָרגן פון דער ליבע איז גוט" — ס. נאַדסאָן. דאָס האָט אים ענדגילטיק געשטויסן צו אַ קלאָרן

באַשלוס און ער האָט אַוועקגעשיקט צו ניוראַן אַ בריוו אויף
וועכצן זייטן וועגן „דעם גרויסן קאָנפליקט צווישן שכל און תאווה”
און וועגן „די נישט־דערגרונטעוועטע וועגן פון דער השגחה־עליונה”.
אין אַ האַלב יאָר אַרום, בעת ער איז געוואָרן גענאויר־געוואָרן, אַז
ניוראַ גייט חתונה־האָבן פאַר אַ געהילפס־פּראָקוראָר, האָט ער
זיך געקרומט: „אָט האָסטו דיר אייביקע ליבע! אידעאַל! איבעריקנס,
אַרט עס מיך נישט און כ'ווינטש איר גליק”.
צו צוואַנציק יאָר האָט זיך אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש אָגגע־
הויבן פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, ד. ה. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט
אַ קאָנספּעקט איבער באָגדאַנאָווס פּאָליטישע עקאָנאָמיע און גענומען
טראַכטן: איז דאָס אַ חטא אָדער איז דאָס נישט קיין חטא צו
דערהרגענען דעם גובערנאַטאָר? איינמאָל האָט זיין פריינט פון די
קינדער־יאָרן, פּולקאָוו, וואָס איז געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ געהיי־
מער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, געבּרענגט צו אַלעקסיי ספּירי־
דאָנאָוויטשן אַ געלן יונגנמאַן און מיט אַ גראָב קול אַ מורמל גע־
טאָן: „אים זוכט מען, אַלע נאַכטלעגערס האָט מען שוין אַנטדעקט,
אַזוי אַז ער וועט שוין ביי דיר איבערנעכטיקן”. אַלעקסיי ספּירי־
דאָנאָוויטש האָט מסכּים געווען, און אַ גאַנצן אָוונט האָט ער זיך
געפּרוווט אַרויסצובאַקומען פון גאַסט, וואָס טראַכט ער וועגן רעוואָ־
לוציע, וועגן גענואַלט־טאַטן און וועגן אויסקויפן די זינד. נאָר
דער יונגערמאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ שווייגנדיקן, ער האָט
רעאַגירט סימפּאַטיש בלויז אויף די פּוטער־ברויטן, און אויך אויפן
אַלבאָם מיט בילדער פון דער איטאַליענישער ריוויערע. אַלע ווייַ־
טערדיקע טעג האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה: און אפשר
האָט ער דערהרגעט, אָדער ער וועט דערהרגענען. איך האָב אים
אויסבאַהאַלטן, געראַטעוועט. הייסט עס, איך באַהאַלט אויס אַ מאָרד,
איך — אַ מערדער. וואָס אַן אמת, „נישט פרידן, נאָר שווערד”,
אָבער ווי אַזוי זאָל מען דאַן פאַרשטיין דעם אַפאָריזם: „ווער
ס'הויבט אויף אַ שווערד — וועט פון דער שווערד אומקומען?” מיט
איין וואָרט, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן האָט טיף געמאַטערט און
געדריקט דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. צו דעם אַלעם איז אים,
בשעת ער איז געגאַנגען אין ביבליאָטעק אַריין, דעם גאַנצן וועג

נאָכגעגאַנגען עפּעס אַ פֿאַרדעכטיקער סוביעקט. קלאָר, אַז מ'האָט אים נאָכשפּיאָנירט. די פֿריערדיקע גײַסטיקע יסורים האָבן זיך פֿאַרביטן אויף פּשוטע, לעבעדיקע. ער האָט זיך געזען, ווי ער זיצט אין תּפֿיסה, מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, אין קייטן, טײלמאָל אַפֿילו, ווי מ'פֿירט אים צו דער תּליה. דאָס האָט פֿאַרבעסערט זײַן מאָראַלישן צושטאַנד, וואָרים ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי אַ העלד, אָבער רואיק לעבן האָט עס אים אַלץ נישט געלאָזן. נאָך אַ וואָך מאַטערניש האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן קיין אויסלאַנד, נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מ'מאַכט דאָס, האָט ער דערלאַנגט אַ בקשה צום אָרלאָווער גובערנאַטאָר. דרײַ טעג האָט ער געוואַרט מ'זאָל אים קומען אַרעסטירן, און ער איז געווען אומגעהײַער פֿאַרוואונדערט בעת מ'האָט אים דעם אויסלענדישן פּאַס געברענגט אין שטוב אַרײַן. „כ'האָב זיי אָנגענאַרט, אַ שפּיצל אָפּגעטאָן", האָט ער זיך געטראַכט אין שלאָפֿוואַגאָן, יאָגנדיק קיין בערלין.

אין אויסלאַנד האָט זיך די דאָזיקע איבערצײַגונג נאָך מער געשטאַרקט, און אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך באמת געהאַלטן פֿאַר אַ פּאָליטישן עמיגראַנט. בײַם באַשטעלן זיך מאָדישע אָנצוגן בײַ די פּאַריזער שנײַדערס, בײַם אײַנשטײן אין די ערשט־קלאַסיקע האָטעלן און בײַם אײַנקויפֿן זיך הונדערטער זאַכן, וואָס האָבן אים אַנטציקט אין די שוי־פֿענסטערס, ווי אַ שטײַגער — אַ ספּעציעלע קאָלעקציע פּאַסטעס און בערשטלעך צו רייניקן ציגאַרן־שפּיצלעך, עלעקטרישע צווענגלעך צו די וואָנצעס א. ד. גל. — האָט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש ליב געהאַט אַרויסצווײַזן זײַן אומגעהײַערן אָפּשוי פֿאַרן „שערמענגישן רוסלאַנד" און אַנטקעגנצושטעלן דער טעמפּער און זאַטער אײראָפּע רוסלאַנדס „הכנעהדיקע באַקעטקייט". ער האָט זיך מיט גאָרנישט באַשעפֿטיקט און אין די מעלדונגס־קוויטלעך פֿון די האָטעלן פֿלעגט ער אין דער רובריק „פּראָפֿעסיע" מיט שטאָלץ אַרײַנשרײַבן „אינטעליגענט", וואָס ס'האָט דעם שווייצער נישט ווייניק קלאָפּאָט פֿאַרשאַפֿט. טײלמאָל איז אים באַפֿאַלן אַ טרויער און ער האָט באַשלאָסן, אַז מ'מוז אומבאַדינגט עפּעס טאָן פֿאַרן „קומענדיקן רוסלאַנד". אין אײנער פֿון די דאָזיקע מינוטן האָט ער זיך

פאַרשריבן אין ווערסאַילער שול פאַר גערטנעריי, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דער גראָבער מאַטעריאַליזם איז פרעמד דעם סלאַוונטום, און דאָס פאָטערלאַנד וועט זיך נויטיקן אין בלומען. נאָר אויסהערנדיק איין לעקציע וועגן באַמיסטיקונג, איז ער אַנטלאָפן קיין פאַריז און זיך אָנגעטרונקען טויט-שכור. אַן אַנדער מאָל האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש אַרייַנצוטרעטן אין אַן אָרגאַניזאַציע און ער האָט זיך לאַנג געקווענקלט אין דעם אויסקלייב צווישן דער „גרופּע צו אונטערשטיצן די פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" און דער „געזעלשאַפט צו פאַרבעסערן דעם צער-קווע-כאָר", האַלטנדיק, אַז סאָציאַליזירן די ערד און אויפלעבן די קירכע זענען ביידע גלייך וויכטיק. מיט אַ געוויסן מרה-שחורהדיקן עס-ער, וואָס האָט זיך קודם-כל באַשעפטיקט מיט שפּילן אין דאַמקע און מיט מאַכן פּאַפּיראָסן, האָט ער געשמועסט אויף כלערליי אַבסטראַקטע טעמעס, דערנאָך איז ער געגאַנגען אין קאַפע מיטן גערטנדל, וואו דער געשטופּלטער אָרגל-שפּילער האָט ליב-געהאַט אויסצוגענאַרן ביי די פּראַנצויזן געלט אין קייקעלע-שפּיל, און גענומען צושטיין צום לעצטן מיט די זעלבע פראַגן. סוף-כל-סוף האָט ער זיך פאַרשריבן אין ביידע אָרגאַניזאַציעס, האָט איינגעצאָלט מיטגלידס-אָפּצאָל, אָבער אויף קיין איין פאַרזאַמלונג איז ער נישט געגאַנגען, וואָרים ס'זענען אָנגעקומען די זומערדיקע היצן און ער האָט געהאַלטן פאַר גלייכער צו פאַרהענגען דאָס פענסטער מיט אַ פייכטן ליילעך און אין די בלויזע אונטער-הויזן צו זיצן און טרינקען אמתן רוסישן וויסאָצקי-טיי.

איירָאָפּע האָט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן נישט פאַרדאָרבן, און אַזוי ווי פריער, האָט ער מורא געהאַט פאַר זינד. ווי נאָר ער האָט זיך אין שענקל באַקענט מיט דער פריילעכער פראַנצויזין מיטן נאָמען יוויו, איז ער אַוועק מיט איר און איז שוין גרייט געווען צו טאָן אַלץ, וואָס מ'טוט אין אַזעלכע פאַלן, אָבער פלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז זי ווייזט נישט אַרויס צו אים קיין שום אויפמערקזאַמקייט, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעטראַכט און זיך גענומען אָנטאָן. אויף די פאַרחדושטע פראַגן האָט ער איידל געענטפערט, אַז ער קאָן זיך אָפּגעבן צו ערדישער פרייד אָן אַ גייסטיקער פאַר-

בינדונג, וואָרים אַזוי איז שוין געווען אין עלאַדאַ, אָבער נישט אָן קעגנזייטיקער ליידנשאַפט — און איז אַוועקגעגאַנגען, באַקומענדיק אויף באַגלייט אַ בינטל קללות און עפּעס אַ זאַך, וואָס פּאַסט זיך נישט צום וואַרפן, וועלכע האָט זיך גראָד געפונען ביי יויון אונטער דער האַנט.

און דערווייל זענען די יאָרן געגאַנגען, און צוזאַמען מיט זיי אויך דאָס געלט. נישט ווייניק האָבן מיטגעהאָלפן דערצו די געוועזענע אַפּיטראָפּסים און איצטיקע פאַרטרויונגס־מענער. די געלט־בריוו זענען געוואָרן וואָס אַמאָל איינגעשרומפּענער. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך איבערגעצויגן אין אַ בוידעם־שטיבל און אָנשטאָט אין „קאַפע דע מאָניקאָ" האָט ער אָנגעהויבן קומען אין פאַרשידענע שענקלעך לעבן די מאַרקן און וואָקזאַלן. אַזוי ווי פריער, איז ווי נאָר ער האָט אויסגעטרינקען אַ האַלב פלעשל, האָט ער אָנגעהויבן צו ברעכן גלעזער, טראַגיש רייבן זיך דעם שטערן און וואַרפן, אַליין נישט וויסנדיק וועמען, ביטערע אמתן: אַלץ איז אַ פיקציע, נאָר דער מענטש איז פאַראַן..." „וואָס איז די וועלט? — גאָרנישט, דער מענטש איז אַ גייסט!..." א. אַ. וו.

ביי דער באַשעפטיקונג האָבן מיר דאָס אים געטראָפן אין שענקל אין אַנטווערפן, וואוהין ער איז אַריינגעפאַלן, ארומפאָרנדיק באַקוקן פון לאַנגווייליקייט די אַלטע בעלגישע קלויסטערס, און דאָס איז, מער ווייניק, געווען זיין ביאָגראַפיע, וועלכע ער האָט אונז דערציילט, קענטיק, נישט דאָס ערשטע מאָל, אָבער דאָך מיט פאַטאָס, טרערן און טיפער גערירטקייט. נאָכן דערציילן האָט ער אַ געשריי געטאָן: „זאָל זיין, אַז איך בין אַ בהמה, אַ קריכעריש באַשעפעניש, אָבער דער מענטש איז פאָרט פאַראַן!" דער לערער האָט מילד געענטפערט: „מיין פריינט, אייער אינטערעסאַנטע און באַלערנדע דערציילונג באַשטעטיקט נאָך איבערצייגנדיקער, אַז דאָס, וועגן וועלכן איר חלומט, איז פונקט אַזוי אילוזאָריש, ווי אַלצדינגס אויף דער וועלט". טישין איז טרויעריק געוואָרן, און אַזוי ווי מיר האָבן שוין געוואוסט, אַז שטאַרקע מאָראַלישע איבערלעבענישן זענען ביי אים פאַרבונדן מיט ברעכן געפעס, האָבן מיר אים אויף גיך אַוועקגעפירט פון שענקל.

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט דערקלערט, אַז ער פֿאָרט תּיכּף אַוועק מיט דער שיף „רעדזשינאַ" קיין ריאָ-דע-זשאַנעיראָ זוכן אַ מענטשן. דער לערער האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז אויב דער מענטש עקזיסטירט, פֿאַרשפּרייט זיך דאָס געביט פֿון זיין קיום איבער ביידע האַלב-קוילן, אַזוי אַז ער האָט נישט באַדאַרפֿט צו פֿאָרן דווקא קיין בראַזיליען. ער — כורעניטאָ און מיסטער קול וועלן גערן שטעלן אין רשות פֿנים הער טישין די מיטלען, וואָס זענען נויטיק פֿאַר די דערמאָנטע זוכעניש. ס'וועט געגרינדעט ווערן אַ „געזעלשאַפֿט אויסצוזוכן דעם מענטשן". און אויב די דאָזיקע אַרבעט וועט נישט ברענגען צו קיין תּכלית, און ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער מענטש עקזיסטירט נישט — דעמאָלט וועט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש דאַרפֿן געבן געדעכט כורעניטאָן און פֿון דעמאָלט אָן גיין מיט אים. „כ'וועל זיך זייער פֿרייען צו האָבן לעבן זיך אַן אמתדיקן רוס. יעדעס מאָל, ווען איך רעד מיט אַ סלאַוו, האָב איך דאָס טייערע געפֿיל נישט פֿון האַרטער ערד, נאָר פֿון צעקריכנדיקער בלאָטע. אָ, פֿאַרשטייט זיך, איר האָט אויך פֿאָעטן, בערזעס און, דאַכט זיך, אויך אַ פּאַרלאַמענט! נאָר אַלץ, וואָס אויף מערב איז עס אַזוי קרעפּטיק און מאָנומענטאַל, וואַרט ביי אייך נישט אויף קיין הורדאַגאַן, נאָר בלויז אויף אַ לייכטן בלאָז, אַ צופֿעליקן זיפֿץ, אַז עס זאָל פֿאַרשוואונדן אָן אַ זכר. כ'בין נישט נאַיוו, כ'ווייס, אַז יִי פּרוּיען, האַלט איר בעסער פֿון אָפּגעבן זיך, ווי פֿון נעמען, איך ווייס, איר זענט שוואַך, אומאַנטשלאָסן און גענויגט צו אַלעם, אויסער צו רעאַלע ענינים, איך ווייס, אַז נישט פֿאַר אייערע כּוחות איז אומצוּוואַרפֿן די דאָזיקע איינגעפֿונדעוועטע שטעט, וואָס זענען צעמענטירט געוואָרן מיט דעם בלוט פֿון פֿיל הונדערטער דורות. נאָר איר זענט גרויס, און אַזאַ מדבּר וועט נישט אויסהאַלטן די צעקראָכענע וועלט — דער קאָפּ וועט זיך איר פֿאַרשווינדלען. איר וועט קיינעם נישט אומוואַרפֿן, נאָר פֿאַלנדיק וועט איר אַ סך מיטשלעפּן מיט זיך. דערפֿאַר האָב איך אייך ליב און איך גלויב, אַז איר, הער טישין, וועט זיין מיט מיר". אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט מסכּים געווען און האָט פֿייערלעך דערלאַנגט כורעניטאָן די האַנט. דאָס איז געווען באַגינען, אין פּוסטן פּאָרט, צווישן אויף די

בעבעכעס דרעמלענדיקע יידישע עמיגראנטן פון גאליציען און שלעפער אין מיצלעך, וואס האבן געשיט קללות איינס אויף ס׳אנדערע צוליב עפעס א גרויסן געלן האלז-טוך. דאס בילד איז געווען אביסל אפערע-מעסיק, און כורעניטא האט מיט א שמייכל גענומען זינגען: „און וואו איז דאס מיידעלע? און וואו איז מארגאריטקעלע?” פון וואס אלעקסיי ספירידאנאוויטש האט זיך געפילט באליידיקט.

כ׳וועל נישט נעמען דא באשרייבן גענוי די טעטיקייט פון דער „געזעלשאפט צו זוכן דעם מענטשן” צוליב איר זייער קאמפליצירטן און פארשידנארטיקן כאראקטער. איבערהויפט ווען די ארבעטן פון דער אקאדעמישער סעקציע פון דער געזעלשאפט זענען צונויפגעזאמלט געווארן דורכן דענישן פסיכאלאג פאלס און דארפן איינגיכן דערשיינען פון דרוק. ווי ס׳איז געווען פארויסצוזען, האבן זיי געגעבן גאר נישט קיין גינסטיקע רעזולטאטן פאר אלעקסיי ספירידאנאוויטשן, ווייל זיי האבן אפגעלייקנט די עקזיסטענץ פון ספעציעלע, דורך אים אנגעצייכנטע סכעמען און האבן פעסטגעשטעלט די פולע ענלעכקייט פון די אויסגעפארשטע עקזעמפלארן צו די דעגענערירטע פארשוינען, וואס זענען שוין פון פריער באקאנט געווען די זאאפסיכאלאגן. וואס ס׳איז שייך דער פראקטישער טעטיקייט פון דער געזעלשאפט ד. ה. דאס אוממיטלבארע זוכן דעם מענטשן, וואס ס׳איז געווען אין אלעקסיי ספירידאנאוויטשעס פלאן — האט זי געברענגט בלויז צו א ריי מער אדער ווייניקער מאלערישע קוריאזן. תחילת האבן די גוט-באלוינטע אגענטן פון דער געזעלשאפט געשמעקט אומעטום, מיט אנקעטעס אין די הענט, וואס זענען צונויפגעשטעלט געווארן דורך אלעקסיי ספירידאנאוויטש און זענען באשטאנען פון 38 פראגן, און האבן געזוכט די, וואס זאלן באפרידיקן די ארויסגעשטעלטע פאדערונגען. אין דער פארוואלטונג פון דער געזעלשאפט אויף רי דע לא באעסי פלעגן זיי ברענגען צופירן די סאמע אומדערווארטעטסטע קאנדידאטן אויף דעם טיטל: מענטש — פארטרונקענע פושקע-גבאיטעס, אידיאטן מיט וואליעס פון די אלפן, פילאזאפיע-דאקטוירים פון היידעלבערג, יודישע יוגנטלייט „בונדיסטלעך”. נאר צוליב אלעקסיי ספירידאנאוויטשעס שטרענגקייט האבן זיי זיך איינגיכן אנטוישט און איבערגעגאנגען

אַרבעטן צו מיסטער קול, פאַרנעמענדיק זיך מיט פאַרשפּרייטן זיינע סודותפולע אויטאָמאַטן.

אַלנפאַלס, דאָס זוכן דעם „מענטשן" איז אַריין אין דער מאָדע, און מעגלעך, אַז אַ טייל לעזער פון דעם בוך געדענקען נאָך דעם קאָנקורס, וואָס איז דערקלערט געוואָרן דורך דער פאַריזער צייטונג „מאַטען" גלייך נאָכן קאָנקורס פון די בעסטע טענץ און פון דער שאַרפזיניקסטער דעפיניציע פון אָפגענאַרטער ליבע. די צייטונג האָט פאַרעפנטלעכט אַ בילד פון אַ יונגער פרוי אין שמאַטעס מיט אַ קינד ביי דער ברוסט. אונטן איז געווען אָנגעשריבן: „די דאָזיקע פרוי זאָגט, אַז שוין דריי טעג האָט זי גאָרנישט געגעסן און אַז זי האָט נישט וואו צו שלאָפן. וואָס דאַרף טאָן אַן אמתדיקער „מענטש", ווען ער זעט די פרוי?" די ענטפערס זענען געווען גאָר פאַרשידנאַרטיק און אַלזייטיק: „זאָרגן פאַר דער מאָראַלישער דערציאונג פון יונגע מיידלעך", „אָפּרייניקן אונזערע גאַסן פון די שלעפערס", „איבערגעבן זי צו אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג", „אויספרווון ווי לאַנג נאָך זי וועט קאָנען אויסהאַלטן אין אַזעלכע באַדינגונגען", „אומוואַרפן דעם מיניסטאָרן-קאַבינעט", „איבערגעבן דער וועלט אירע ליידן אין פערזן אָדער, ווען דאָס איז נישט מעגלעך, אין פראָזע". די פרעמיע האָט באַקומען דער אַמעריסטן פאָפולערער (13.426) ענטפער: „זאָגן איר: שעמט זיך! איר זענט אַ יונגע פרוי און דאַרפט גיין אַרבעטן". ווי אַ קוריאָז האָט די צייטונג פאַרצייכנט דעם איינציקן וואונטש, סך-הכל, וואָס זי האָט באַקומען, נעמלעך: „מ'זאָל זי אַוועקפירן אין אַ אינטערנאַט און איינמאָל געבן אָפּצוּעסן צו דער זעט אויפן חשבון פון דער מלוכה".

אַ נישט צופרידענער מיט דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט, האָט טישין געפרווט אויף דער אייגענער האַנט מאַכן זוכונגען. נאָך דריי מאָל איז ער באַגנבעט געוואָרן, און אַן אויסגעטועגער געשלאָגן געוואָרן דורך עפעס אַ וועכטער און, ענדלעך, אַריינגעפאַלן אין תפיסה אַריין, פונוואַנעט דער לערער האָט אים געמוזט באַפרייען.

נאָך דעם האָט זיך דער לערער אַנטשלאָסן צו פרעגן דעם

עקשן, צי ער באַטראַכט זיך שוין ענדלעך פאַר אַ באַזיגטן. „אָ, ניין, — האָט אַלעקסיי ספּירידינאָוויטש אויסגעשריגן — פּאַרשטיי מיך! (מ'דאַרף צוגעבן, אַז ער איז געווען זייער פאַמיליאַר און אויפן אַנדערן טאָג באַקן באַקענען זיך מיט כורעניטאָן האָט ער פאַרלאַנגט צו טרינקען מיט אים אויף ברודערשאַפט און האָט איינגענעצט מיט שפּייעכץ דעם לערערס באַקן, צוליב וואָס דער לעצטער איז, קרומענדיק זיך, אַוועק צום האַנטפּאַס זיך אָפּוואַשן), זאָל זיין, אַז כ'האָב נישט געטראָפן דעם אמתן מענטשן, אָבער עקזיסטירן עקזיסטירט ער! גלויבסט נישט? אָט האָסטו אַ באַווייז — איך בין אַ מענטש! דו שמייכלסט? יאָ, כ'בין אַ חיה! אַ נידעריקע! געמיינע! שמוציקע! נאָר כ'האָב ליב גאַטאַשען און איך בין אַ מענטש, אָ גאָטן הערסט?"

דערנאָך האָט ער אויספירלעך און פּאַטעטיש דערציילט וועגן זיין ליבע צו אַ געוויסער קורטיסטקע אָרלאָוואַ, וואָס האָט זיך געלערנט אין פּאַריז פּראַנצויזיש. אין די אָוונטן שפּילט זי פאַר אים טשייקאָווסקיס „ליד אָן ווערטער" און אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש שפּירט, אַז ער איז אַ „מענטש". „דאָס איז אַלץ אויסגעצייכנט, שוין טשייקאָווסקי אַריינגערעכנט", האָט אָפּגעשפּאַרט דער לערער, „נאָר מיט וואָס אייגנטלעך אונטערשיידט זיך דיין (אַגב, גאַנץ געזעצלעך) געפיל פון געוויסע עמאָציעס, אַ שטייגער, פון מיין קאַץ דזשאָ? מיט דעם, וואָס דאָס קעצל נעמט נישט צו דעם צוועק קיין פּיאַנינאָ אויף אָפּנוץ-געלט, נאָר באַנוגנט זיך מיט די איינגעבוירענע מוזיקאַלישע אייגנשאַפטן?" אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז אַריין אין גרימצאָרן, שרייענדיק, אַז „זיין ליבע — איז די ליבע פון אַ מענטשן", וואָרים „זי פאַרלאַנגט גאָרנישט", און „זי איז אַ' אייביקע". „נו, מילא, מירן זען..." האָט דער לערער געענטפערט, „די לעזונג פון אונזער שפּאַרעניש וועלן מיר זאָפּ'ייגן אויף עטלעכע חדשים".

כורעניטאָס נביאות איז באַשערט געווען אינגיכן מקוים צו ווערן, לײדער, ביי גענוג טראַגישע באַדינגונגען. אין מאַי חודש, ד. ה. פינף וואָכן נאָכן באַשריבענעם געשפּרעך, איז נאַטאַשאַ אָרלאָוואַ געשטאָרבן. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, אַלס אַ מענטש מיט אַ נישט-געצוימטן, כאַאָטישן כאַראַקטער, האָט איינמאָל, אַן אויסגעטרונקענער, געהאַט די העזה צו באַשולדיקן דעם לערער אין טויט

פון זיין געליבטער. דאָס איז געווען אַ קלאָרער אומזין, וואָרים נאַטאַשאַ איז געשטאָרבן נאָך אַן אומגעלונגענער אָפּעראַציע פון דער בלינדער קישקע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך איינעם פון די בעסטע כירורגן אין פראַנקרייך. דער לערער האָט אין אַן אויסערגעוויינלעך ווייכער פאָרם אים געענטפערט, אַז אַזוי ווי ער פירט אַ גרויסע שפּיל נויטיקט ער זיך נישט אין אַ קליינעם אונטערקויף-געלט און, כדי צו דערווייזן אים, אַז ער איז גערעכט, וואָלט ער גיכער געמאַכט, אַז פריילן אָרלאָוואַ זאָל לעבן ביז הונדערט יאָר, וואָרים איר טויט קאָן בלויז פאַרשלעפּן דאָס אומפאַרמיידלעכע. און ווירקלעך, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך גאָר די ערשטע צייט נישט געקאָנט טרייסטן. איינמאָל אין אַ רעגנדיקער נאַכט האָט ער אויסגעמיטן די וואַכזאַמקייט פונם בית-עלמין-שומר, איז צוגעקראָכן צו נאַטאַשאַס קבר און פאַרגראָבנדיק דאָס פנים אין דר'ערד, איז ער אַזוי געלעגן ביז מ'האָט אים נישט באַמערקט און אַוועקגענומען. ביסלעכווייז האָט ער געגומען צוריקקערן צום לעבן, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיין געליבטער, וועגן דעם, ווי זי האָט ליב געהאַט פאַרטעגישע פייגלעך און מוזיק, ס'אַרע קליינע הענטלעך זי האָט געהאַט (הענטשקעס „פינף מיט אַ האַלבס") און ווי ליב ער האָט זי געהאַט. אַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: „איך מיין, פאַר איר איז בעסער, וואָס זי איז געשטאָרבן, זי האָט נישט פאַרזוכט דאָס גאַנצע ביטערקייט פון לעבן!' דער לערער האָט מיר איינגערוימט: „ס'הייבט זיך אָן! ער זוכט שוין אַ טרייסט". דערנאָך האָט זיך אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש געגומען אינטערעסירן מיט פשוטע טאָג-טעגלעכע זאַכן, לייענען צייטונגען, שפּילן אין שאָך. דערמאָנענדיק זיך אָן נאַטאַשען, פלעגט ער פּלוצלינג שטיל ווערן, ווי ער וואָלט אָפּגעטרעטן אָן אַ זייט. נאָר דאָס איז געוואָרן וואָס אַמאָל זעלטענער. איינמאָל, ווען איישאַ האָט אים געשאָנקען אַ קרענצל פייגלעך און געזאָגט: „דאָס האָט ליב געהאַט דיין דאַמע", האָט ער זיך צעבייזערט, און כורעניטאָ האָט באַמערקט: „דער ווייטערדיקער פּעריאָד — ער וויל פאַרגעסן" — דערנאָך האָט שוין אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש אין משך פון אַ גאָר לאַנגער צייט מער וועגן נאַטאַשען נישט דערמאָנט, ער איז געווען

פרייליך, רואיק. אַז ער האָט נאָך דעם דאָזיקן איבעררייס, ווידער־אַמאָל זיך דערמאָנט און זיך צערעדט מיט מיר וועגן איר, האָט ער שוין גערעדט אָן אויפגערעגטקייט, אַזוי צו זאָגן „עפּיש“, ווי מ׳רעדט וועגן די ערינערונגען פון די קינדער־יאָרן, וועגן דער באָבען אָדער וועגן אַ שטיק יחוסדיק מעבל, ד. ה. מיט מיטגעפיל און גוטע כוונות. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער, און אין נאָוועמבער האָט ער זיך באַקענט מיט דער פראַנצויזין מאַדמואַזעל וויל, אַ קינסטלערין, אַ פּלוידערזאַק, וואָס קאָן שטאַרק געפעלן־ווערן. אַלץ איז געגאַנגען כשורה: זיפצן, פאַרזיצן שפּעט, איינזאַמקייט, נאָר דאָס מאָל אָן דעם אומבאַקוועמען טאַטן און אָן אַן אָפּעראַציע פון דער בלינדער קישקע. ער איז געקומען צו אונדז און דערקלערט, אַז „אין גורל שטעקט אַ העכערע חכמה. נאַטאַשאַ איז געווען אַ צו־שטילע און אַ צו־פאַרקלערטע, זי וואָלט זיך מיט אים בלויז געמאַטערט, איצט איז איר בעסער, און מאַדמואַזעל וויל אויך, נו, פאַרשטייט זיך, אויך אים...“

דערזעענדיק דעם הוזקדיקן בליק פונעם לערער, איז ער טרויעריק געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל אָן אַלץ דערמאָנט, האָט אויסגעשריגן, אַז כורעניטאַ איז גערעכט און אַז ער, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, „איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ בהמה“, און אַז „פונדעסטוועגן איז דאָס לעבן פאָרט שיין“.

אין אַ חודש אַרום האָט מאַדמואַזעל וויל, — וועלכער ס׳האָבן אַ פּנים, דערעסן די לירישע זיפצן און די פילאָזאָפיע וועגן אומענדלעכקייט, — פאַרטוישט טישיבען אויף אַן אַרגענטינישן דזשאָקיי, און אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז צוריקגעקומען צום לערער מיט זיינע קלאָגעדיקע „לעבן, וואָס איז נישט מער, ווי אַ פּיקציע“, און פון דעמאָלט אָן האָט ער נאָכגעפאָלגט נאָך אים. אַלס אַן אָפּגעלאָזטער און צעשטרייטער מענטש, האָט ער כורעניטאָס אידעען נישט תופס געווען און אָפט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג, ווערנדיק פאַרבליפט, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, פון פאַרשידענע „פּיקציעס“. נאָר דעם לערער האָט ער ליב געהאַט, וויפיל נאָר ער האָט געקענט. אָט אַזעלכער איז געווען דער פערטער תלמיד פון כוליאָ כורעניטאָ.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

פאַרשידענע מיינונגען פונם לערער וועגן ליבע

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועל איך איבערגעבן עטלעכע מיינונגען און אויך פּאַסירונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם לערערס באַציאונג צו ערד־שער ליבע. בייזע מיילער האָבן פאַרשפּרייט רכילות, אַז כורעניטאָ איז אַן עולם־הזהניק, וואָס פאַרגוואַלטיקט מיידלעך, און אַז ער פירט מיט זיך אין אַ ספּעציעלער וואַליזע־שאַפּע אַזאַ מין אַנדרוגינוס, האַלב־פרוי, וועלכן ער האָט געפונען אויף די אַנדן־שפּיצן, אויף צו באַפרידיקן זיינע אומטענטשלעכע ליידנשאַפטן. דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ פּרעכער ליגן. קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל דערציייל איך אַלץ וועגן דעם לערערס לעבן, און מלמד זכות זייענדיק אויף מענטשן, באַהאַלט איך גאָרנישט אויס פון זיין פּרעכטיקער ירושה. וועגן פיזישער ליבע און וועגן גיריקער ליידנשאַפט פלעגט דער לערער רעדן שטענדיק רואיק, ריין און לייכט, אָן פאַרלעגנהייט, אָן געלעכטערלעך, הפסקות און סלינעדיקע ווערטערלעך. מיט דער אייגענער אויפמערקזאַמקייט האָט ער געקוקט אויף דער שילערין פון פינפטן קלאַס, ביי וועלכער ס'הויבן זיך ערשט אָן אויספאָרמען די בריסטלעך, און וואָס בעט ביי אים שעמעוודיק זיין אונטערשריפט פאַר איר אַלבאָם, — ווי אויף דעם גראַנדיעזן געשעעניש, ווען ווילדע בלוט־אויגיקע אָקסן פּאָרן זיך.

איינמאָל, ווען דער לערער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַן אָקס,

וואָס האָט זיך מיט קריצעניש און מאַטערניש אַרויפֿגעזשאָטלט אויף אַ יונג קעלבל, — האָט ער אויסגעטאָן דעם קאַפּעלוש, און אויף דער פֿאַרחידושטער מינע פֿון מיסטער קול, האָט ער געענטפֿערט: „כ׳מאַך נאָך אייער לאַנגווייליקן און קאָנווענציאָנעלן זשעסט. טוט אויך אויס אייער קאַפּעלוש, מיסטער קול. אויב שוין אָפּדעקן דעם קאָפּ (אויסער אַלעם, איז עס דאָך היגיעניש), איז נישט פֿאַר די אָפּגעבלאַקירטע יפֿת־תּוארס מיט די גאָלדענע קרענצלעך אַרום די קעפּ, נישט פֿאַר אַ נבֿלה, וועלכע האָט שוין אַ ריח, — אין פֿאַרשפּעטיקטע בלומען און בענדלעך — ניין, דאָ, פֿאַר דער דאָזיקער באַוועגונג פֿונעם אַקערגייער, וואָס צעאַקערט די גרויזאַמע ערד, פֿאַר דעם דאָזיקן אין מאַטערניש אויסגעשפּריצטן זאָמען, פֿאַרן שווייס, פֿאַרן בלוט, פֿאַרן לעבן״.

מיסטער קול האָט אומבאַדינגט געהאַלטן דעם לערער פֿאַר אַ טיף אוממאָראַלישן און אויסגעלאַסענעם מענטשן, וואָס ס׳האָט, איבעריקנס, לויט זיין מיינונג נישט געשטערט, אַז ער זאָל זיין אַ גוטער פֿאַרטרויאונגס־מאַן. נאָר צייטנווייז פֿלעגט דער אַמעריקאַנער אַריינפֿאַלן אין אַ מוסר־זאָגערישן צושטאַנד און נעמען דערעסן דעם לערער מיט כלערליי צווייפֿלהאַפֿטע עצות, ווי אַזוי ער זאָל זיך פֿירן.

כ׳געדענק, ווי איינמאָל אינדערפֿרי האָט כורעניטאָ באַגעגנט אין גאָרטן אונזער מיסיאָנער און געזאָגט צו אים: „מיסטער קול, נעכטן אין אָוונט האָב איך אויף מיין נאַכט־טישל געפֿונען אַ שמוציקע און געמיינע בראָשור. איך היט אָפּ ביי זיך אין צימער די שטאַרקסטע ריינקייט, כ׳שלאָף שטענדיק ביי אַן אָפֿענעם פֿענסטער, ווייל כ׳האָב ליב פֿרישע לופֿט, און כ׳קאָן נישט דערלאָזן, אַז אַזעלכעס זאָל פֿאָרקומען. זייט אַזוי גוט און טראָגט איבער אייער טעטיקייט אויסער די גרענעצן פֿון מיין שלאָפֿצימער״. — „איר טרייבט שפּאַס? — כ׳האָב דאָך אייך אַריינגעטראָגן אַ הויך־טאַלענטירטע און אומבאַדינגט־מאָראַלישע אַרבעט פֿון אונזער יונגן פּרעדיקער כעל: „וועגן לעבן פֿון מאַן און ווייב לויט די אָנווייזונגען פֿונעם אַפּאָסטאָל פּאַול״. — „אָט, וועגן דער דאָזיקער צינישער ליטעראַטור רעד איך טאַקע. תּחילת איז געווען דאָס קערנדל און דאָס שטענגל, דער

באָק און די קאָזע, דער בחור און דאָס מיידל! זענען געקומען אייערע אַפּאָסטאָלן און נביאים, קירכע־פּאַטערס און קאַסטראַטן, און האָבן דאָס גרויסע דערקלערט פאַר אומפאַרשעמט, דאָס דערהויבּ־סטע פאַר קוים צום פאַרטראָגן, זיי האָבן אויסגעטראַכט דעם שכר ועונש און אָנגעפלאָדעט כּלערליי שטראָפן און דאָס עקלדיקע סודען זיך אין ווינקעלע, און דאָס צאַצקען זיך מיט דער ריינקייט, ד. ה. מיט דער בּלוטלאָזער, אויסגעקוואַרטער אָנמעכטיקייט, וואָס גייט איבער בהדרגה אין אויסגעלאַסנקייט. אָנשטאָט דעם ערשטן מענטשן, וואָס האָט פריילינג־צייט אַ נעם געטאָן די פריילעכע מויד און זי אַ שליידער געטאָן איז גראָז אַריין, האָט מען אויף אַן אונטער־הויף, דאָרט ערגיץ לעבן מיסט־קאַסטן, אַוועקגעשטעלט אַ בעט, אויף וועלכער ס'ווערט, מיט דער באַווילינונג פון דער אַלצנועהדיקער קירכע, ערלויבט דעם מענטשן, צוליב זיין מענטשלעכער, ד. ה. ערדישער און נעבעכדיקער שוואַכקייט, צו שלאָפן מיט זיין געזעצלעך ווייב. „פאַרשטייט זיך, בעסער איז איר זאָלט נישט חתונה האָבן", האָט געעצהט אייער באַליבטער אַפּאָסטאָל. האָט איר אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם? — בעסער געבוירט נישט. מ'האָט באַשאַפן דעם קולט פון מוטער, איר ברוסט האָט מען אַרומגעהילט מיט מלאָכיש ליכט, מ'האָט זי אַריינגעבּרענגט אין טעמפל, נאָר דעם וועג צום טעמפל האָט מען באַלייגט מיט בּלאָטע, פאַרשפיגן מיט דעם מיאוסן שפייעכצל פון די מאָנאַכן — פאַרשטייט זיך, כּסדרס זיין די מענטשהייט האָט מען נישט געקענט — ס'האָט קיין פולווער נישט געקלעקט — און דערפאַר זענען זיי געווען „טאָלעראַנט". איז וואָס איז זיך דאָ צו חידושן, אַז נאָכדעם איז די וועלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויס „הויז פון טאָלעראַנץ". איר האָט געזאָגט: „דאָס ערדישע איז שלעכט", און מיליאָנען האָבן געגלויבט. איינע האָבן אָנגעטאָן האָר־ליבּלעך און זיך גענומען באַשעפטיקן מיט אומפרוכטבאַרקייט, ד. ה. טאָג און נאַכט האָבן זיי געקלערט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי האַלט מען איין דעם קאָרעק אין פלעשל מיט גאַז־וואַסער. און די דערוואַרעמטע פליסיקייט שטויסט אַלץ שטאַרקער אַרויס דעם קאָרעק. וואו, אין וואָס פאַר אַ געביידע טראַכט מען נאָך אַזוי פיל וועגן יצר־הרע, ווי אין דעם קעמערל פון אַס־

קעס, אָדער אין אַלקער פון דער אַלטער בתולה? מ'טראַכט, נישט חיסנדיק וועגן דעם, מ'טראכט מיטן גוף, און מיטן רעיון, און מיט די דמיונות וועגן דער אייביקער בתולה אָדער וועגן הימלישן חתן. אַנדערע ווידער — דער רוב — האָבן זיך אַנטשלאָפן: שלעכט איז שלעכט. דאָס, וואָס האָט געקאָנט זיין אַ הייליקייט, איז געוואָרן אַ מיסט-קאַסטן, אָנשטאָט אַ וואונדערלעכן מיט — ציגאַרן-פושקעס מיט טאָפּעלע דעקלען: אויפן ערשטן אַ פייזאַזש אָדער נישט-פאַר-געס-מיך-בלימעלעך, און אויפן אַנדערן, דעם געהיימען, פאַר פריינט — שוין גאָר עפּעס מיאוסעס. דעם דאָזיקן ציגאַרן-טאַש, דאָס הייסט, זייט מוחל, דאָס גייסטיקע ספר אייערס, מיסטער קול, בין איך גע-צוואונגען געווען, פון ריינקייט- און היגיענע-וועגן, משלח צו זיין פון מיין צימער מיט דער גרעסטער איילן־קייט".

דער לערער האָט פיינט געהאַט די אינסטיטוציע פון אונזער חתונה, שטעלנדיק אַ סך העכער פון איר אפילו די איצטיקע פּראָ-סטיטוציע. אויף דעם געביט איז אים אויסגעקומען צוזאַמענשטויסן זיך מיט דעם אינערטקייט און פיינטלעכקייט פון דער געזעלשאַפט. אַזוי איז איינמאָל געקומען צו אונז כוריעניטאָס אַ באַקאַנטער, לעאָנידאָ, וועלכער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און האָט געפּאָ-כעט מיט אַ בייטשל. די געשיכטע פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעענער משפחה, איז געווען אַזעלכע. נאָכן פאַרשפּילן אין ביאַריצער קאַזינאָ די לעצטע פּרוטות פון זיין ירושה, און נאָכן אָנבאָרגן כלערליי מעגלעכע און אומ-מעגלעכע געלטער, האָט ער זיך באַקענט מיט אַן אַלטער אַמערי-קאַנערין, מיס האָפּס, וועלכע האָט געגאַרט נאָך ליבע, נאָך צערט-לעכע ליבע-דערקלערונגען און נאָך אַ הערבּ אויפ'ן וויזיט-קאַרטל. וואָס ס'איז ווייטער פאָרגעקומען — איז קלאָר, מ'דאַרף נאָך צו-געבן, אַז מיס האָפּס איז געווען זעלטן מיאוס, אַזוי אַז איר פּנים האָט אויסגעזען גאָרנישט ענלעך אויף אַ פּנים, נאָר ווי עפּעס אומפאַרשעמט נאַקעט, זי איז אויך געווען נישט ווייניק לייבדשאַפט-לעך, פאַרלאַנגנדיק אָן שום בושה אויפ'ן שטראַנד, אַז מיטאַמאָל זאָל זי דער חתן אַרומנעמען פאַר דער טאַליע, אָדער אָנרירן איר ברוסט. ווען כוריענטאָ האָט דערהאַלטן זייער חתונה-בריוול, איז

ער געווען זייער פאַרטרויערט און באַזאָרגט צוליב דער שווערער צוקונפט פון דעם דאָזיקן פּאָר. אויף דער חתונה איז ער נישט געגאַנגען, נאָר ער האָט זיי געשיקט דרשה-געשאַנק אַ גרויס שיין טיכל פון מעקסיקאַנישער אַרבעט און אַ ציטאַט פון „קאַלענדאַר פאַר דאָרפס-ווירטשאַפט" וועגן די אופנים פון צונויפפּאָרן אַ פערד מיט אַ שקאַפע. דעם פערד ווייזט מען אין אַזעלכע פאַלן פריער די שקאַפע, און דערנאָך פאַרבינדט מען אים פעסט די אויגן. כורעניטאָ האָט, ביילייגנדיק דאָס טיכל, פאָרגעלייגט צו באַנוצן זיך מיט דער דאָזיקער מעטאָדע לטובת דעם געמיינזאַמען גליק פון מאַן און ווייב. ווי כ'האָב שוין דערציילט, איז דער וויקאָנט אויף צומאָרגנס נאָך דער חתונה געקומען צום לערער מיט אַ גאָר אומצווידייטיק בייטשל אין האַנט. נאָר דער לערער האָט אַליין אָנערקענט זיין פעלער: „דאָס איז געווען אומפאַרציילעך פון מיין זייט, כ'האָב אייך געשיקט אַלץ, אויסער אַ... שקאַפע. נאָר כ'האָב געמיינט, אַז איר האָט דאָ גרויסע קענטשאַפטן. כ'פאַרשטיי אייער אומצופרידנקייט, נאָר פאַרגיט מיר גרויסמוטיק. קענט איר דאָס פריילן טאָנעט?..." דער וויקאָנט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שטעקן, זיך צעלאַכט און איז אַוועקגעגאַנגען, מיטנעמענדיק עטלעכע אַדרעסן.

אַן אַנדערש מאָל איז אין קאַפע, וואו מיר זיינען געזעסן, — אַריינגעקומען ה' בעק, אַ נעבעכדיק זשורנאַליסטל, וואָס זוכט זשעדנע אַרום אַ גאַנצן טאָג אַ סענסאַציעלע פון אַ צוואַנציק שורות און איז געצוואונגען זיך צו באַנוגענען מיט דריי-שורהדיקער כראָניק וועגן גנבות, וואָס ער באַקומט ביים פּאָליציי-באַאַמטן, וועמען ער גיט דערפאַר דאָס רעכט פון אומקאָנטראָלירטע וויזיטן צו מאַדאַם בעק. דער זשורנאַליסט האָט גענומען צושטיין צו כורעניטאָן, בעטנדיק וואָסער נישט איז, כאָטשבי קליינטשיק סענסאַציעלע, נו, עפּעס אַזעלכס וועגן דער רעוואָלוציע אין מעקסיקע, אָדער וועגן די נייע ערפינדונגען פון מיסטער קול. דער לערער האָט זיך תחילת געפּרוווט אַרויסדרייען, נאָר שפּעטער, אַלס אַ זייער מיטפילנדיקער מענטש, האָט ער בעקן אויפגעגעבן די פאָלגנדע נאָטיץ, וועלכע האָט געהאַט אַן אומדערוואַרטעטן ערפאָלג: „אַן אויסערגעוויינלעך פאַרברעכן. נעכטן אָוונט איז אין דעם לעבעדיק-

סך טייל פון פאַריז, אויף סען-האָנאָרע, דער באַקאַנטער פאַריזער אַדוואָקאַט, ה׳ טריק, וויצע-פּאָרזיצער פון דער „ליגע צו קעמפן מיט גאַסן-אויסגעלאַסנקייט”, באַגאַנגען אַ געמיינע פאַרגוואַלדיקונג איבער דעם יונגיטשקן מיידעלע לוצי ז. זעכצן יאָר אַלט. דאָס שרעקלעכסטע אין דעם דאָזיקן פאַרברעכן איז דאָס, וואָס ס׳איז באַגאַנגען געוואָרן מיטן וויסן פון דעם מיידלס עלטערן, אייגנטימער פון אַ גרויסער זייף-פאַבריק, וועלכע האָבן זיך צו דער צייט געפונען אין דער זעלבער וואוינונג”. ה׳ בעק איז אַנטלאָפן מיט אַן אומבאַגרייפלעכן ענטוזיאַזם. די נאָטיץ איז געווען אָפּגעדרוקט, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער זשורנאַליסט געקומען צו כורעני-טאָן מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. — „איר האָט מיך אָפּגענאַרט. אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ליגן. דער דאָזיקער אויסוואורף, טריק, האָט פּשוט חתונה געהאַט מיט לוצי און זיי וואוינען ביי אירע עלטערן אויף סען-האָנאָרע. מיך האָט מען שוין דריי מאָל אויסגעהרגעט און מ׳קלייבט זיך נאָך שלאָגן. איך נעכטיק נישט אינדערהיים און קום נישט אין רעדאַקציע אַריין. אויסער אַלעם האָב איך נאָך געקריגן אַן אויפפאָדערונג צום געריכט. איר האָט מיך געמאַכט פאַר דעם אומגליקלעכסטן מענטשן אויף דער וועלט...” דער לערער האָט געענטפערט: „מיין פריינט, איך האָב גרויס צער פון די צרות, וואָס איר שטייט אויס, אָבער קעגן אמת האָב איך נישט געזינדיקט. די זעכצניעריקע לוצי האָט נישט געקאָנט געבן קיין שום הסכמה אויף דעם אַלעם, וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען, ווייל מ׳האָט זי דערצויגן אין ריינקייט און מאָראַלישקייט. זי האָט צומאָל נישט געוואוסט פאַרוואָס מענטשן קושן זיך. איר חתן האָט זי געזען סך-הכל צוויי מאָל, און האָט פאַר אים שטאַרק מורא געהאַט. אירע עלטערן, פאַרשטייט זיך, האָבן געוואוסט וועגן פאַרברעכן...” בעק איז בשתומם געוואָרן: „אָבער, איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט כדת וכדין!...” — „בלויז דערפאַר, כדי צו פאַרשפּאָרן איין נאָך גרעסערע אומאָנגענעמלעכקייטן האָב איך נישט דערמאָנט אין דער נאָטיץ וועגן דעם, אַז אין פאַרברעכן זענען אויך געווען פאַרמישט פאָרשטייער פון דער מלוכה, ד. ה. באַאַמטע פון דער פּרעפעקטור, וועלכע האָבן פאַרזיגלט דעם חתונה-קאָנטראַקט.

די דאָזיקע באַחייזן האָבן בעקן נישט איבערצייגט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַ צעשטרייטער, מיטנעמענדיק בלויז דאָס גאַנצע קלייינגעלט פון כורעניטאָס בייטעלע, וואָס איז אים פרייַנטלעך פאַרגעלייגט געוואָרן. דער לערער האָט זיך זייער געפרייט, ווען ער איז אין אַ וואָך אַרום געוואוירגעוואָרן, אַז ה׳ טראַק, טריקס אַ קאָנקורענט און פאַרביסענער שונא, האָט אָפּגעזוכט דעם אָרעמען זשורנאַליסטל און אים אָנגעבאָטן אַ באַלוינונג פאַר די רכילות.

דער לערער האָט געזאָגט: „ווען צוויי מענטשן שליסן אַ האַנדלס-אָפּמאַך, אינטערעסירן זיי זיך מיטן קאַפּיטאַל און מיט די אַנטשפּרעכנדיקע פעיקייטן פון יעדן פון זיי, און נישט מיט זייער ליבע צו פּאָעזיע אָדער פוטבאָל-שפּיל. אַז מ׳וויל פאַרפלאַנצן אַ בוים אין גאָרטן, באַשעפטיקט מען זיך נישט מיט חקירות: וואָס אַזוינס איז ערד — שטויב צי הייליקייט, מ׳קוקט זיך נישט מיט איר, ווי מיט אַ פּייזאַזש, נאָר מ׳פּאָרשט נאָך צי זי פּאַסט זיך פאַר אַזאַ בוים. אַז מ׳גייט אַריין אין אַ געוועלב קויפן אַ קאָלנער, איז ווי שיין דער קאָלנער זאָל נישט זיין געפּאַרבט און ווי בידעריק ס׳זאָל נישט זיין דער פּרייז, וועט קיינער נישט קויפן נישט מיט אַ נומער גרעסער און נישט מיט אַ נומער קלענער. דערפאַר אָבער ווען מ׳פירט צונויף מענטשן צו דער חתונה, פּאָרשט מען אויס אַלצדינג, אויסער דאָס, צוליב וואָס אייגנטלעך זיי ווערן צונויפגעפירט. מ׳פּאָרשט אויס, וויפיל נדן די כלה האָט און וויפיל זילבערנע לעפל זי פאַרמאָגט; וויפיל ס׳פאַרדינט דער חתן און צי ס׳איז פאַראַן אַן אויסזיכט פון אַ פאַרגרעסערטן פאַרדינסט, צי ער האָט ליב צו שפּילן אין ברידזש אָדער נישט, צי זי קען קאָכן קרעפּלעך, צי זיי האָבן גוטע הערצער, געזונטע לונגען, צי זיי קענען פרעמדע שפּראַכן א. אַז. וו. אָבער אַז מ׳איז שוין געוואָר-געוואָרן, פירט מען זיי אַוועק, נישט אין אַ וואוילטעטיקער געזעלשאַפט, נישט אויף אַן עקזאַמען פון פילאָלאָגיע, נאָר צום ברייטן באַקוועמען בעט, צו וועלכן זיי גענענען מיט שעמעוודיק-אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דערנאָך וואונדערט מען זיך, וואָס די סטאַטיסטיק ווייזט אַזאַ צאָל פון „אומגליקלעכע חתונות”. אָ, איר חניפהניקעס, טאַטעס, מעבער, שדכנים אַלוועלטלעכע, וואָס די ערדישע פרייד טוט איר אַרומשלעפן איבער די ברודיקע טעקעס.

פון די רעיִענטן, איר מעקלערס פון פלאָמבירטע סחורות, און איר, וואָס מורמלט=צו פלערליי פרומע ווערטערלעך ביים שליסן די דאָזיקע טראַנזאַקציעס: גלחים, פּאַסטאָרס, רבנים — וואָסער געמיין הייזל וועט דאָס נישט רויט ווערן פון חרפּה, אייך דערזעענדיק?"

אין סעזור האָט אונדז דער לערער באַקענט מיטן פּאָר=פאָלק נאָלוואָ. ביידע זענען זיי געווען ענטאָמאָלאָגן, דאָס הייסט, מער פון אַלץ האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן ביים=ווערימלעך. פאַרדעסטוועגן זענען זיי נאָך געווען יונג, נישט מיאוס, ליבע מענטשן, געלעבט אין אַ געמיטלעכער דירה, וואו צווישן גלעזערנע סלאָיען מיט ווערים זענען געשטאַנען פאַרצעלייענע סטאַטועטלעך און וואַזעס מיט בלומען, מיט איין וואָרט, זיי האָבן געהאַט דאָס אויסזען פון גליקלעכע מענטשן. מיר האָבן דעמאָלט געלעבט אין שכנות, פלעגן זיך אָפט טרעפן מיט די נאָלוואָס און לויט דער ספּעציעלער פאַרביטערטקייט פון אַזעלכע אַגב=אורחה=ווערטערלעך און לויט קוים=אויפגעכאַפּטע באַוועגונגען האָבן מיר באַמערקט, אַז נישט אַלץ איז געהויבן אין דעם דאָזיקן כישופדיקן הייזל. און ווירקלעך, איינגיכן האָט נאָלוואָ דער מאַן געמאַכט דעם לערער די געהעריקע דערקלערונגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַן און ווייב האָבן זיך צערטלעך ליב און פילן אַ קעגנזייטיקע נאָענטקייט און פאַרשטענדניש, בעת זיי זיצן אָפּ גאַנצע טעג איבער די פּאַנאַדערגעלייגטע ווערימלעך, אָדער ווען זיי לייענען, אָוונט=צייט, ביים אָפּרו, די רירנדיקע עלעגיעס פון מאַדאַם דע נאָאַי. „אונדזערע נשמות זענען באַשאַפן איינע פאַר דער אַנדערער, — האָט נאָלוואָ געזאָגט, — נאָר...״ און ווייטער האָט ער אומעטיק גערעדט וועגן דעם, וועגן וואָס היינט=צייטיקע מאָראַליסטן און צנועות דערלויבן זיך צו רעדן בלויז אין קאַבינעט פון פּסיכיאַטאָר און ביי דער פאַרהאַנדלונג אין געריכט — וועגן דער פאַטאַלער דיסהאַרמאָניע פון זייערע קערפּערס. דאָס דערשלאָגט די פרייד, דאָס פאַרוואַנדלט די ליידנשאַפט אין אַ קנעכטשאַפט, וואָס ווערט צוליב עפּעס אַ סיבה אויסגעפּילט דורך צוויי קאַטאָרגע=פאַרשיקטע. נאָכן אויסהערן די דאָזיקע קלאָג=רייד, האָט דער לערער באַקענט דעם אָרעמען געלערנטן מיט פריילין זיל, וועלכע האָט שוין צו דער צייט

געהאַט פולשטענדיק אויסגעשעפּט איר אַרגענטינער, און אונז אַלעמען האָט ער פאַרגעלייגט זיך אָפּטער צו באַגעגענען מיט מאַדאַם נאַלוואַ. די ליידן פון פאַר־פאָלק האָבן, זעט אויס, געמוזט זיין לאַנגע און אויסערגעוויינלעכע, וואָרים אַלץ איז אַוועק מיט אַ שנעלן טעמפּ.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, ווען נאַלוואַ איז צוריקגעקומען פון פּאַריז, נאָך אַ זעונג מיט וויל, האָט ער שוין מער נישט געקאָנט באַהאַלטן דעם שמייכל פון פולשטענדיקער באַפרידיקונג. מאַדאַם נאַלוואַ האָט, ווי משוגעהדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, באַשלאָסן אויסצוקלייבן איישאַן, און לויט די דערציילונגען פון אונזער נאַיוון ברודער, האָט זי אויך נישט חרטה געהאַט. — איצט, דאַכט זיך, האָט שוין געדאַרפט קומען דאָס אמתע גליק. גאָר מאַן און ווייב האָבן, — אָנשטאָט פאַרטצוזעצן אין דער צייט, וואָס זיי זענען פריי פון פריילן וויל און איישאַ, די אויספאָרשונגען איבער די בוים־ווערימלעך און לייענען לידער, — גענומען זיך פאַרטראַכטן איבער גייסטיקער און נישט־גייסטיקער ליבע. דערבאָך האָט נאַלוואַ־ער אַוועקגעפירט צו פריילן וויל אַ קאָלעקציע באַזונדערס אינטערעסאַנטע ווערימלעך, וועלכע ער האָט אָפּגעזוכט צווישן פאַרשידענערליי סאָרטן קעז, און האָט פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל טיילן מיט אים אַלע איינע ענטציקונגען פאַר די מאָגנדלעך פון די דאָזיקע באַשעפענישן, און איז דערפאַר דורך זיין געליבטער אַרויסגעיאָגט געוואָרן ענדגילטיק און אויף שטענדיק. נאַלוואַ־זי האָט באַשלאָסן צו לייענען פאַר איישאַן סאָנעטן וועגן דער ליבע פון די גריכישע נימפן, און ווען דער קליינער איז, אַ פאַרוויגטער פון איר קול, איינגעשלאָפן, האָט זי גענומען שרייען אויפן קול: „דו פאַרשטייסט נישט די שיינקייט פון גייסטיקער ליבע...” דאָס אַלץ איז זיך פאַרלאָפן, מער־ווייניק, פאַר אונזערע אויגן, וואָרים סיי ה' נאַלוואַ, סיי איישאַ האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט פאַרשלאָסנקייט.

„אָט האָט איר נאָך אַ ביישפּיל פון עראָסעס אָפּשטאַרבונג”, האָט געזאָגט צו אונז דער לערער. „נאַלוואַ וויל אומבאַדינגט אי קושן באַקומען, אי גייסטיקן קאָנטאַקט האָבן און שלעפּט אַרויס פון קע.

שענע די ווערים. ווייל זיינע אייגענע געשלעכט - באַדערפעניש איז ער געוואוינט געוואָרן צו באַטראַכטן ווי עפּעס נידעריקס, נישט קיין זאַך, נאָר אַ פאָדער-צימער. און ער וועט פאַרראַטן זיין קערפּער, זיין באַגייסטערונג, זיין ליבשאַפט, וועט זיך אומקערן צו מאַדאַם גאָלוואָ, וועט זי צערטלען און ליידנשאַפט, און פאַרלאַנג, און פרייד, נאָר דערפאַר, ווייל אָפּשלאָפנדיק מיט איר אַ נאַכט, וועט ער אינדערפרי געפינען אַ גייסטיקן קאָנטאַקט, צווי מיקראָסקאָפּן און אַ ביכעלע אין זאַמשענעם איינבאַנד".

און אַנדערש מאָל איז אונז אויסגעקומען צו צעשטערן פאַמיליען-גליק אין מילאַן, ווען מיר פלעגן אָפט אַריינקומען צום דעפּוטאַט סטרעקאָטיני. דער דאָזיקער מאַן איז געווען עקלדיק און נעבעכדיק, נאָר ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ ווילדן רעוואָלוציאָנער, פאַר אַ נישט-פאַרשטאַנענעם ברעכער פון נייע וועגן, מיט איין וואָרט, עפּעס ענלעכס אויף בראַנדן, וואָס איז געוואָרן אַ מאַרקסיסט. אַראָפּרייסנדיק פון זיך דעם קאָלנער און נישט באַווייזנדיק אָפּצווישן פון זיך דעם שווייס, פלעגט ער ליב האָבן צו קלאַפּן מיט דער פויסט איבערן פיינעם טישל „אַמפּיר" און זיך אויסטענהן ברייט וועגן די „אייגנטום-אינסטינקטן" און „פיליסטערישקייט" פונם היינטיקן בורזשוי. זיין ווייב, די איטאַליענערין לוימן קערפּער, האָט געהערט די דאָזיקע דרשות מיט אַ קוים-באַמערקבאַר חוזק-שמייכעלע, ווי זי וואָלט געהאַט אַ סך פרייליכע באַמערקונגען צו מאַכן צו זיי. און הערנדיק אַזוי, האָט זי וואָס אַמאָל אָפטער און וואָס אַמאָל צערטלעכער גענומען קוקן אויף אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן, וועלכער האָט צו דער צייט איבערגעלעבט אַ פרישע לויט דער ריי אַנטוישונג אין ,עבן, איינער פון די דאָזיקע פיל-צוזאָגנדיקע בליקן איז איבערגעכאַפּט געוואָרן דורכן חבר סטרעקאָטיני, וועלכער האָט איבערגעריסן זיין דרשה וועגן „פאַרשאָלטענעם אייגנטום" אויף דער סאַמע פּאַטעטישסטער שטעל, האָט אָוועקגעשיקט דאָס ווייב פלומרשט צוליב אַ ענין אין רעדאַקציע אַריין, און אַליין האָט ער גאַנץ אויסדריקלעך נאָך אָפּגעוואַרט די מינוט מיר זאָלן אַוועקגיין.

אין אָוונט האָט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש געקריגן אַ בריוו:

„בירגער, כ'האָב אייך געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן מענטשן, פאַר אַ

רוסישן סאָציאַליסט און אַריינגעלאָזט אייך צו זיך אין שטוב אַריין, איר האָט פאַרשוועכט אַלע הײליקע מנהגים און געהאַט די חוצפה צו האַלטן זיך אַרויסרופנדיק לגבי מיין פרוי. אַלס אַ פיינט פון בירגערלעכע פאָרורטיילן רוף איך אייך נישט אַרויס אויף קיין דועל, נאָר איך בעט מער זיך פאַר מיר נישט צו באַווייזן. מיט סאָציאַליסטישן גרוס — סטרעקאָטינגי".

פון דעם דאָזיקן בריוו איז אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש געוואויר-געוואָרן וועגן די געפילן פון דעם דעפּוטאַטס ווייב און דערפאַר, בעת ער האָט אויף צומאָרגנס איבערגעלייענט אין „אַוואַנטי" אַ מודעה: „מלאך מיינער. לייג נישט קיין אַכט אויף דעם טיראַן. איך בין דיינע. קום דריי אַ זייגער אין דער גאַלערעע!" (דאָס ביכע באַווייזן זיך פון דער מודעה און די עקאָנאָמישקייט פון פלאַץ האָבן עדות-געזאָגט וועגן דעם פראַקטישן חוש פון מאַדאַם סטרעקאָטיני), האָט ער פאַרשטאַנען צו וועמען דאָס איז געווענדט, האָט אַוועקגעוואָרפן דעם פעסימיזם און איז געגאַנגען זיך אָפּגאָלן.

דעם לערער האָט זייער כּײַלעך געמאַכט דאָס דאָזיקע נישט-גרויסע געשעעניש. „וואָס האָסטו אָנגעמאַכט, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש? דו האָסט פאַרגעסן, אַז אַ שונא פון אייגנטום פאַרמאָגט נישט בלויז אַן אייגן דירהלע מיט עלעגאַנט מעבל, נאָר אויך אַן אייגן ווייב. און אַ ווייב אָדער אַ מאַן איז דאָך ווי אַ זאַך, מיינס, דיינס, פרעמדס. אַן אַטענטאַט אויף זיי — איז אַ גנבה, וואָס ווערט געשטראָפט דורכן געזעץ. אַ מאַן קאָן מען נעמען, ווי אַ גוטע הײלצערנע שאַפע, וואָס איז שוין געווען אין געברויך, נאָר, זעלבסט-פאַרשטענדלעך, אַז דערנאָך זאָל זיך מיט איר קיינער מער נישט באַנוצן, דאָס שליסעלע אונטערן גאַרטל. אַ ווייב, דאַגעגן, ווי אַ בעט, דאַרף זיין ניי און נישט-גענוצט און דינען בלויז איר בעל-הבית, דו, וואָס האָסט עובר געווען אויף דעם — ביסט אַ רויבער, נישט קיין בירגער, אַ פאַרברעכער, וואָס האָט אָנגערירט די הײליקע מנהגים פון דעם גרעסטן רעוואָלוציאָנער אויף דער וועלט".

זונטאָג האָט אונז דער לערער געפירט אין לאָנדאָנער הייד-פּאַרק. „קוקט אָן די, וואָס קאָנען, נאָר ס'איז זיי נישט דערלויבט". אין גראָז זענען געזעסן יונגינקע פּאָרלעך. דאָס זענען חתנים און

כּלות, וואָס זענען געצוואונגען אָפּצוּוואַרטן לאַנגע יאָרן אויף דער חתונה, ביז דער יונגערמאַן וועט זיך נישט „שטעלן אויף די פּיסדאָס הייסט, ער וועט נישט ווערן מער אָדער ווייניקער אַלט. זיי קאָנען זיך באַגעגענען אין אַ וואוינונג נאָר אין דער אָנוועזנהייט פון זייטיקע מענטשן, אָדער אין אַ יום־טוב־טאָג אין פּאַרק, וואו זיי באַמיען זיך טאַקע, ביי דער גאַנצער אוממעגלעכקייט, צו זעטיקן די אָנגעזאַמלטע ליידנשאַפט. די אויגן זייערע זענען אונטערגעשטראָכן מיט טונקעלע רינגען, פאַרגאָסן פון גיריקייט. ווי פאַרברענטער שאַרן זיי זיך איבערן גראָז, פאַרברענענדיק געפּייניקטע שעהן אין האַלבע אומאַרמונגען, צעפלאַמטע דורך געכאַפּטע קושן. עס וועלן פאַרבייגיין אַ יאָר פינף, און אפשר גאַנצע צען, וועט זיי, די מידע, פאַרדאָרבענע דורך די אַלע כיטרעקייטן, קראַנקע פון דער פאַרבאָרגענער תאוה, גנעדיק דערלויבט ווערן דורך די עלטערן, וועלכע האָבן אַליין זייער יוגנט און פרייד געפּטרט אין צעטרעטענעם גראָז—„איצט וויפיל דאָס האַרץ גלוסט".

די דאָזיקע פאַרלעך האָט כּורעניטאָ נאָכאַמאָל דערמאָנט אַריינגייענדיק מיט אונז אין אַזאַ מין אַנשטאַלט אויף פּיגאַל־פּלאַץ אין פּאַריז: „דאָ וועט איר זען די, וועמען ס'איז דערלויבט, נאָר וועלכע קאָנען נישט". אין זאַל זענען ביי גלעזער ביר פרידלעך ערנסט און שלעפעריק געזעסן גוטע בירגער. ס'איז מיר געבליב אין זכּרון דאָס פּנים פון איינעם, מיט אַ רויט סטענגעלע אין דער קלאַפּע. דערנאָך זענען אין דער אָפּטיילונג, וואָס איז געווען אָפּגעצוימט פון זאַל מיט אַ דראָטן ווענטל, אַרויסגעגאַנגען נאַקעט אַ מאַן מיט אַ פרוי און אָפּגעטאָן בוכשטעבלעך אַלץ, וואָס האָט די אָרעמע ווילדע מענטשן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט אויסגעזען צו זיין הייליק, און דערפאַר געקריגן צו צען פראַנק פאַר אַ סעאַנס. בּיסלעכווייז האָבן זיך די אויפגערעגטע דורך דער רייצנדיקער פאָרשטעלונג גוטע בירגער גענומען באַוועגן, אַ טייל האָבן געכיכיקעט, אַנדערע זענען מיט שפּייעכץ אויף די ליפּן געווען אויפגערעגט—„אָ, ס'אַראַ אָקס!.." די גאָר צעטרייסלטע זענען געקראָכן צו די אַקטיאָרן, וועלכע זענען לכתחילה געווען אָפּגעצוימט מיט אַ באַריער. מיין געדאַנק, אַז ס'איז שוין געקומען דער ריכטיקער

מאָמענט און אַז נאָך אַזאַ איינגאָמפונג וועלן די קליענטן שוין זיין פעיק צו דערקענען די פרייד פון זיין, האָבן זיך פון דער שכנות־דיקער שטוב אַ שאָט אַרויס געטאָן מיידלעך און פלינק צעכאַפּט די געסט. דער הער מיטן סטענגעלע אין קלאַפּע האָט לעבנער פון אַלע אַרויסגעוויזן גליקלעכקייט, און צום סוף האָט ער פאַרלאַנגט מ'זאָל אָפּלאָזן מיט אים די פרוי, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין אַקט.

אָנהייב איז 1914 אין לאָנדאָן דערשינען אַ בוך „ענציק־לאָפּעדיע פון מענטשלעכער ליבע", עפּעס אַ מין היינטמאָדישע קאַ־מאַ־סוטראַ. צוליב אַ מיספאַרשטענדניש מצד דער דרוקעריי איז דאָס בוך אַריינגעפאַלן אין אַ סקלאַד פון ענגלישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך בעגוסט מיט דער בהלה־ אין די ערשטע וואָכן פון קריג און האָט פאַרניכטעט די גאַנצע אויפלאַגע. ס'זענען געבליבן נישט מער, ווי זעקס עקזעמפּלאַרן, איינער פון זיי געפינט זיך, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, אין „ווינט" פון דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. דאָס בוך האָבן צונויפגעשטעלט עלף פון די סאַמע עלטסטע גאַס־פּריצן אין פּאַריז. ווי [illegible], ווערן אין פּאַריז פרויען פונעם דערמאָנטן פאַך ווייניק געשאַצט אין דער יוגנט, דעמאָלט האַלטן זיי זיך אויף אין די ביליקע קאַפע־הייזער אויפן לינקן ברעג אַלס מיידלעך אויף דער לער. ערשט ווען זיי ווערן אַלט אַ יאָר פינף און דרייסיק, נאָכן פאַרלירן די יוגנט און שיינקייט, נאָר דערפאַר באַהאַוונטע אין דער קונסט פון ליבע, ווערן זיי ערשט מאָדיש געשאַצט און איינפלוסרייך. פרויען מיט אַזאַ סטאַזש האָבן צונויפגעשטעלט די „ענציקלאָפּעדיע" און כורעניטאַ האָט גערן מסכים געווען אָנצושרייבן צו איר אַ פאָררעדע. אָט ווי אַזוי זי האָט זיך פאַרענדיקט: „איר האָט געמאַכט דאָס לעבן פאַר אַ קונסט, פאַר אַ שווערע וויסנשאַפט, פאַר אַ קאָמפּליצירטע מאַשין פאַר אַ פרעכטיקע אָרגאַניזאַציע, פאַר אַלץ, וואָס איר ווילט, נאָר נישט פאַרן לעבן אַליין. וואונדערט־זשע זיך נישט, וואָס אויך אין דער ליבע וועט איר זיך באַגעגענען מיט דער דאָזיקער דערשיי־נונג: די גרויסע קונסט פאַרטרעט די נאַיווע אומיטלבאַרקייט, פאַרשידענאַרטיי מעכאַניזירטע צערטלעכייטן — די נעבעכדיקע היי־

מישע קושן, איר זענט אויך זיבעצן מינוט געקומען צופאָרן צו אייער געליבטער, איר קוקט כמעט אויפן סעקונדע-ווייזערל כדי נישט צו פאַרשפעטיקן. פאָרן טויער וואַרט אייך דער אויטאָמאָביל. איר זענט געקומען פון דער בערזע, וואו איר האָט דורכן ראַדיאָ פאַרקויפט אַ באַנקיר אין מעלבורן די אַקציעס פון די באַוול-פּלאַנטאַציעס אין בראַזיל און באַלד טאַקע פאָרט איר אויפן אַעראָדראָם אָנקוקן די אינטערנאַציאָנאַלע געפעכטן. ריכט זיך נישט, אַז איך וועט באַגעגענען שולמית. ניין, איר וועט טרעפן פאַר זיך אַ וואונדערבאַרע, לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק פאַרפולקאָמטע מאַשין, וואָס וועט אייך אין משך פון זיבעצן מינוט דערלאַנגען, לויט אייער אויסוואַל, די בעסטע פון די 13.806 ביז איצט אויסגעקליבענע תענוגים, נישט אָפּשטייענדיק פון אייער דירעקטן טעלעפאָן, פּרעכטיקן „פאָרד" און באַוועגלעכער עלעקטרישער וואַנע".

כליאָ כורעניטאָ האָט אונדז דערציילט, אַז אין זיין צייט האָט ער אָרגאַניזירט אין מעקסיקע אַ „קרייזל פון גאַסן-פרויען צו טראָגן הילף די דאַמען פון דער געזעלשאַפט". די גאַסן-פרויען האָבן, זעענדיק מיט וואָס פאַר אַ קנאה עס קוקן אויף זיי אין קאַמפ די „אָרנטלעכע" פרויען און וועלנדיק אָפּגעבן מיט אַ גוטער טאַט פאַר די פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע מעשים פון די וועלטלעכע דאַמען, האָבן זיי זיך, ביי דער מיטווירקונג פון כורעניטאָ, געווענדעט צו זיי מיט דער פאָלגנדער אויפפאָדערונג: „טייערע חבר-טאָריגס, אונזער ענלעכע מלאכה איז גלייך שווער און פאַרלאַנגט מיר זאָלן זיין סאָלידאַר. אויב מיר ליידן פון פאַרשידנאַרטיקייט זענט איר, אָפּגעגעבן צום שטענדיקן געברויך פון אייערע אָפּטמאָל עקלדיקע מענער, פאַרמשפט אויף נישט קיין ווייניקער שווערע אַרבעטן. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן קומען אייך צו הילף. די פון אייך, וועמען ס'געפעלן די צערטלעכקייטן פון אייערע מענער, לייגן מיר פאָר צו מאַכן די געהעריקע מעלדונגען אין אונזער „סעקציע צו שיצן די חתונה-אינסטיטוציע". פאַר אַזעלכע מענער וועלן מיר באַגרענעצן דעם איינטריט אין אונזערע לאָקאַלן אויף איין מאָל אין חודש, און אַ חוץ דעם וועלן מיר זיי פאַרפליכטן, דורך אַ פאָרמעלער אונטערשריפט, צו ווידמען די אייגענע פרויען

נישט ווינציקער פון זעקס און דרייסיק אָוונטן אַ יאָר. נאָר צווישן אייך זענען פאַראַן אויך אַנדערע, אַזעלכע, וואָס חלומען בחינם וועגן קערפּערלעכער פרייד. מיר אָרדנען איין פאַר זיי ספּעציעלע געהיימע „דינסטאָגס" און מיר זאָגן צו צו האַלטן בסוד און צו פאַרזאָרגן זיי מיט אַ געזעלשאַפט פון די באַגאַבטעסטע מענער פון צווישן אונזערע געסט". כורעניטאָ האָט דערציילט, אַז דאָס „קרייזל" האָט געהאַט אַן אומדערהערטן ערפאָלג, נאָר מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער איז עס אַנטדעקט געוואָרן דורך דער „זיטן-פּאָליציי" און די פאָרזיצערין איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה.

כ'וועל אויך ברענגען דאָ די רעדע, וואָס דער לערער האָט געהאַלטן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס צו קעמפן מיט פּראָסטיטוציע, אין 1911, אין פילאַדעלפיע: „געערטע הערן. כ'ווייס, אַז מיינע ווערטער וועלן אַרויסרופן פּראָטעסטן, מעגלעך אויך אַן אויפרעגונג, נאָר כ'האַלט פאַר נויטיק צו דערפילן מיין בירגערלעכן חוב און אַרויסצוטרעטן דאָ אַנטשלאָסן אויף צו פאַרטיידיקן די פּראָסטיטוציע. אונזער געזעלשאַפט שטיצט זיך אויף דעם הויכן פּרינציפּ פון פרייען האַנדל און איך קאָן נישט דערלאָזן, אַז איר זאָלט מאַכן אַן אַטענטאַט אויף דעם דאָזיקן געהייליקטן יסוד פון דער ציוויליזאַציע. איך שעץ, פאַרשטייט זיך, אייער שטרעבונג אַרויסצוהייבן די וויכטיקייט פונם מענטשלעכן קערפּער, נאָר קיינער דאָ וועט נישט נעמען אָפּלייקענען, אַז ס'איז פאַראַן אויך שכל און גייסט. פאַרוואָס-זשע, פרעג איך אייך, פאַרבאָטנדיק די פּראָסטיטוציע, מאַכט איר שוין נישט ווייטערדיקע משוגעתן — איר שטעלט זיך נישט אַנטקעגן דעם רעכט פון אַ זשורנאַליסט צו פאַרקויפן זיך טאָג-טעגלעך פאַר אַ האָנאָראַר פון דער שורה? פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר נישט צו באַקעמפן די דעפּוטאַטן, וואָס טיילן צווישן זייערע וועלער ערדישע חסדים, און די מיסיאָנערן, וואָס באַלוינען די נעאָפיטן גאָרנישט מיט קיין מן פון הימל? הייליק איז דאָס רעכט צו געוועלטיקן איבערן אייגענעם קערפּער און צו פאַרקויפן אים פאַר גאָלד אָדער פאַר באַנקנאָטן: דער קערפּער איז אַ פּראָדוקט, אָבער די אַרבעט פון זיין באַזיצערין — איז אַ מלאכה. אויף אַזאַ אופן זעען מיר אין דער פרייער פּראָסטיטוציע אַ טאָפּלדיק רעכט —

צו פארקויפן אייגענע סחורה דעם געברויכער און צו פארקויפן אייגענע מלאָכה דעם אַרבעטסגעבער. אַזוי ווי די פראָסטיטוציע איז איינס פון די בולטסטע אויסדריקן פון אונזער קולטור, לייג איך פאָר נישט נאָר נישט צו קעמפן מיט איר, נאָר אַרונטערצונעמען זי אונטערן שוץ פון אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן און אַוועקצושטעלן זי אין איין ריי מיט די אַממערסטן געשעצטע אינסטיטוציעס, גלייך מיטן סענאַט, בערזע און קונסט־אַקאַדעמיע. כ׳בעט גלייך אָפצושטימען מיין פאָרשלאָג, איבערצוענדערן דעם נאָמען פון קאָנגרעס אויף „אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט צו קולטיווירן פראָסטיטוציע". — מיט דער הילף פון פאָליציי איז כוליאָ כורעניטאָ, אויף אַן אויסערגעוויינלעכן אופן, באַזייטיקט געוואָרן פון זיצונגס־זאַל.

דער לערער האָט אָפט גערעדט מיט אונז וועגן דער ערדישער ליבע פון דעם קומענדיקן מענטשן, ער האָט ווי צעשניטן די שווערע וואָלקנס פון יאָרהונדערטן, און מיר, פאַרכישופטע, האָבן געציטערט פאַר דער אומבאַשרייבלעכער גרויסקייט פון די טויזנטער־טויזנטער מענטשלעכע פאָרן, וואָס באַהעפטן זיך פריידיק אין דער נאַקעטקייט, נישט פון אייגעפאַלענע און פאָרמלאָזע קערפערס, וועלכע מיר זענען געוואוינט צו זען אין די אַלגעמיינע בעדער, נאָר פון נייע, ווי פון שטאָל געהאַרטעוועטע, און דאָך פרייע. ער פלעגט אונז זאָגן, אַז דער וועג צו די דאָזיקע ווייטע יום־טובים אויף די קאָסמישע פעלדער איז אַ שווערער און ווילדער. ער פירט דורך לייקענען אין דער ליבשאַפט, דורך פאַראומווירדיקן דעם קערפער, דורך אָפגעבן זיך מיט פאַרהאָנגענע פנימער, דורך אָפגעבן זיך לויט אַ האַרטער רעגלאַמענטירונג. ס׳וועט קומען אַ צייט און דער מאַן וועט פאַרגעסן וועגן דעם, אַז ער איז מאַן און אַנשטאָט אַ קוש וועט ער געבן דער פרוי אַ מעסט־רערל פון אַפטייק. נאָר דערנאָך וועט ער אָדער זיין אוראייניקל (וואָס באַדייט צייט?) פאַרייניקן די טרויעריקע אַטאַוויסטישע ערינערונגען מיט דער גליסטונג צו געשטאַלטן די בעסטע פון די וועלטן אין איין געבענטשטער, ביז איצט נאָך אין ערגעץ נישט פאַרזוכטער אומאַרמונג.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

ערקאָלע באַמבוטשי

פֿון האָלאַנד האָבן מיר זיך אָװעקגעלאָזט קײן איטאַליע, װאָר מיר האָבן, אױסער מיט די שױן באַשריבענע זײער־באַלערנדע שפּאַצירן איבער די קלױסטערס און קירכעס, זיך גוט באַשעפֿטיקט מיט אױספֿאָרשן אין שמוציקע טראַטאָריעס פֿלערלײ קיאַנטעס, באַרבערס, דזשענזאַנאָס, מיט קלײבן נדבות אױף אַ דענקמאָל פֿאַר ד׳אַנונציאָן פֿון קאַראַרישן מאַרמאָר און גאָלד פֿון 56־ער פּראָבע (צו דעם צװעק איז אײשאַ אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּושקע איבער די קאַפֿעען און מאָדע־מאַגאַזינען, קלאַפּנדיק אין אַ טעפּל און אױס־שרײענדיק „עװיװאַ!)" און אױך מיט אַרױסטרעטונגען צוזאַמען מיט די אָרטיקע פֿוטוריסטן — מיט אַרױסטרעטונגען, װעלכע זענען, צװישן זיך שמועסנדיק, געװען מאַנאַטאָן און האָבן זיך אױסגע־דריקט אין אַרױסװײזן קעלבערנע התפּעלות פֿאַר אַן אַלטער צע־בראָכענער מאַטאַציקלעטקע, װעלכע אַן אַמעריקאַנער טוריסט האָט שױן נישט מער באַדאַרפֿט און איבערגעלאָזט זי בײם לאָקײ פֿון האָטעל אין װענעדיג. אַזױ זענען פֿאַרפֿלאָסן די טעג, לײכט און זאָרגלאָז. ס׳האָט זיך דערנענטערט די צײט פֿון אָװעקפֿאָרן, װאָרים אַלע קלױסטערס זענען שױן געװען באַקוקט, אַלע סאָרטן װײן אױסגעפֿאָרשט, בײ אײשאַן אין פּושקע האָבן שױן געקלינגלט פֿיר ליר, עלף סאָלדן און אַ רינג פֿון אַמעריקאַנער גאָלד, װעלכן

נעוויסע מאַרקירן נוקאַפּרוטי האָט גרויסמוטיק אַראָפּגענומען פֿון פֿינגער, און די פּוטוריסטן מיט דער מאַטאָציקלעטקע האָבן אונז שוין נישקשהדיק גענוג דערעסן.

אין אַ הייסן זומערדיקן פֿרימאָרגן האָבן מיר באַשלאָסן צו באַזוכן דעם באַליבטן קוואַרטאַל פֿון רוים טראַנסטעווערע, נישט ווייסנדיק געווי נאָך וואָס — צי כּדי אָנצוקוקן די מאָזאַיק פֿון דער הייליקער פּאַראַסטעווע, צי כּדי צו טרינקען פֿון די ליימענע קריגלעך דעם אומשולדיקן פֿראַסקאַטי, צי גאָר פּשוט זיך געזעגענען מיט דער שטאָט, וואָס איז אונדז אַזוי באַליבט געוואָרן. מיר זענען געפֿאָרן מיט אַן אָפֿענעם וואָגן און גאָר אינגיכן, אַרײַנקומענדיק אין די שמאָלינקע געסלעך פֿון טראַנסטעווערע, האָבן מיר דער־שפּירט אַ משונהדיקן ריח פֿון אייל, פֿון ווינדעלעך, וואָס טריקענען זיך אויף אויסגעצויגענע שטריק איבער דער גאַס, פֿון קלויסטער־ווײַרוך, פֿון שווייסיקע און דורכגעפּעצטע הייזער — דער אומפֿאַר־געסלעכער ריח פֿון דער אייביקער שטאָט. מיטאַמאָל האָט דער בעל־עגלה פֿאַרהאַלטן די פֿערד, און מיר האָבן פֿאַרחידושטע גענומען קוקן דאָ אויף די רעדער, וועלכע זענען, דאַכט זיך, אַלע געווען אויף די ערטער, דאָ אויפֿן סוף געסל, פֿונוואַנעט ס'האָט אונדז גע־קאָנט אָנקומען אַנטקעגן אַ פּראָצעסיע, נאָר פֿונוואַנעט ס'איז קיינער אונדז אַנטקעגן נישט געגאַנגען. דער בעל־עגלה דזשעגן האָט זיך ליידנשאַפֿטלעך און באַרעדעוודיק איבערגעוועקלט מיט אַ מענטשן, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן איבער דער ברייט פֿון דער גאַס און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק ריין צו מאַכן דעם וועג. דער בעל־עגלה האָט אַרויסגעבראַכט זײַנע טענות: ער פֿירט אויסלענדער, צו דער הייליקער פּאַראַסקעווע קאָן מען מיט קיין אַנדער וועג נישט צופֿאָרן, אויפֿן גאַס ליגן איז נישט אָנגענומען, נאָר פֿאָרן מעג מען; און דער מענטש האָט אויסגעלייגט זײַנע טענות: היינט איז הייס, שוין צוויי מאָל איז צים אויסגעקומען אויפֿצושטיין, און אויפֿשטיין אַ דריטן מאָל איז אים אַ סך שווערער, ווי דעם בעל־עגלה צו פֿאָרן אַרום אין אַרום. דאָס שפּאַרעניש האָט אָנגעהאַלטן לאַנג, ס'האָט אפֿילו פֿאַרלוירן זײַן תּחילתדיקן פּראַקטישן זין און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין סתּם אַ פֿאַרהער אין רעדנערײַ, מיט

װעלכן דער אַלטערטימלעכער סענאַט װאָלט זיך נישט געהאַט צו שעמען. מיר זענען אַרויסגעקראָכן פון װאָגן און איך, װאָס אַן אמת, נישט־דרייסט, װי די דילעטאַנטן, דערלאַנגט אונזערע רעפּליקעס. מיסטער קול האָט געפּרוּװט געװינען דעם פוילענצער מיט אַ ליר, נאָר דער איטאַליענער האָט פלינק אַ שאַר־צו געטאָן מיטן פוס די מטבע, װאָס איז געפאַלן אָן אַ זייט, און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דעמאָלט האָט דער בעל־עגלה, װעלכער איז אַריין גאָר אין אַ באַזונדערן פּאַטאָס, גענומען אויספּרוּװן די לעצטע מיטלען: ער האָט געדראָט דעם שלעפּער מיט דער הייליקער פּאַראַסקעװאַ, װאָס ער פאַרשטעלט דעם װעג צו איר און װעלכע װעט אָנשיקן אויף אים קרעץ, אַ קאַטאַר און פליגן; מיט קאַראַבינערן, װאָס װעלן אים קינסטלעריש מכבד זיין מיט נאַסע האַנטיכער, צונױפגע־בונדענע אין קנופּן, און דערנאָך אים אַריינזעצן אין תפיסה אַריין; מיט מיסטער קולס שטעקן, מיט זיין אייגענער בייטש, מיט די פערדישע קאָפּיטעס. אַזוי װי דאָס אַלץ איז אַריבער די גרענעץ פון אַן אַבסטראַקטער דיסקוסיע, האָט דער איטאַליענער שוין נישט געפונען פאַר מעגליך עפּעס צו ענטפערן, נאָר פויל זיך אויסציענדיק האָט ער אַ גענעץ געטאָן, זיך אַ קראַץ געטאָן און דערנאָך הויך אַ שפּײ געטאָן אויפן שכנותדיקן הויז אַרויף און גע־טראָפן גלייך אין שילדל פון דער אַקושערקע איבערן צװייטן שטאָק. דער דאָזיקער זשעסט האָט שוין אינגאַנצן מנצח געװען דעם לערער, װעלכער האָט די גאַנצע צייט אַרויסגעװיזן סמנים פון מילדקייט; ער איז צוגעגאַנגען צום איטאַליענער, און פריינט־לעך אַ שטויס טוענדיק אים מיטן פוס אין בויך, האָט ער געזאָגט: „װילסטו מיטפאָרן מיט מיר אין װאָגן און בכלל לעבן מיט מיר?” דער איטאַליענער האָט זיך פאַרטראַכט, דערנאָך איז ער, קענטיק־מיד געװאָרן פון טראַכטן, װידער אַ שפּײ געטאָן אויפן אומגליקלעכן שילדל און נישט אויסרעדנדיק קיין װאָרט, איז ער צוגעגאַנגען צום װאָגן און זיך אַריינגעזעצט אויפן באַקװעמסטן אָרט פון מיסטער קול. דערנאָך האָט ער פריינטלעך געזאָגט צום לערער: „ס'איז מיר זייער הייס, נאָר פונדעסטװעגן געפעלט איר מיר... זעצט זיך אַנידער לעבן מיר!” און אַליין נישט טראַכטנדיק װעגן גאָרנישט

צוליב דער הויכער טעמפּעראַטור און געבענטשטער פּוילקייט, איז ער פון דער מינוס אָן געוואָרן דער פינסטער תּלמיד פון כוריענטאַ.

אויפן וועג האָט דער לעצטער באַמערקט, אַז זיין פרישער חדרניק איז אָנגעטון גאָר אייגנאַרטיק, דהיינו: ער איז אַרומגע־וויקלט מיט כּלערליי געפאַרבטע טראַנטעס, וועלכע האָבן זיך אָפּ־העגגיק פונ׳ם אָרט, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געפונען, געריפן קליגענדיק: העמד אָדער הויזן. כוריענטאַ האָט אים פאַרגעלייגט פאַרפאָרן אין אַ געוועלב אַריין און אויסקלייבן זיך מלבושים לויט זיין געשמאַק. דער איטאַליענער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר גאָר אַ באַשיידענעם, ער האָט זיך להלוטין אָפּגעזאַגט פון אַ גאַנצן אַנצוג, און גענומען בלויז אַ הויכן לאַקירטן צילינדער, און בישט קוקנדיק אויף דער היץ, אַ ווינטערדיקע שאָפּער־מאַרינאַרקע מיטן פעלץ פון אויבן און צום סוף אונטערוועש „זעפיר״ פון לאַקס־קאָ־ליר, אין קראַטן, און האָט זיי טאַקע גלייך אָנגעטאָן אָנשטאָט די טראַנטעס, וועלכע ער האָט גערופן הויזן. אויסגעפוצט אין אַזאַ הילוך האָט ער ערשט דערפילט סימפּאַטיע צום לערער און אפילו געוויסנס־פּייניקונג, וואָרים ער האָט אויסגערופן: „סיניאָר, כ׳בין אייער שליח!״ און ביים עק גאַס, לעבן אַ דריישטאָקיק הויז, וואָס איז נישט לאַנג אָפּגעברענט געוואָרן, האָט ער אָנגעכאַפּט כוריענ־טאָן פאַרן אַרבל: „קוקט, דאָס זענען די חורבות פון רוים!״, דער־נאָך איז ער פון מידקייט צוריקגעפאַלן און געבעטן אַ ליר אויף אַ קריגל ווייַן.

אין האָטעל „שטערן פון איטאַליען״ איז דער העפלעכער פּאָרטיער, באַהאַלטנדיק זיין ערשטוינונג ביים אָנקוקן דעם פּיי־זאַזש־פּאַרטיקן טוריסט, אונז אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ צעטל, און געבעטן עס אויסצופילן. נאָר דער אויסטערלישער גאַסט האָט אים חוצפּהדיק דערקלערט, אַז „אַ לויב דער מאַדאָנע, שרייבן קען ער נישט און לערנען זיך די דאָזיקע לאַנגווייליקע מלאכה וועט ער אפילו פאַר נאָך אַ פּאָר אַזעלכע טייערע הויזן אויך נישט אָנהייבן״. נאָמען? ערקאָלע גאַמבוטשי. פונוואַנעט געקומען? ביי טאָג ליגט ער שטענדיק אויף וויאַ פּאַסקודיני, און ביינאַכט אונטער דער אייזנ־באַן־בריק, וואָס געפינט זיך לעבן קלויסטער פון הייליקן פראַנציס־

קוס. באַשעפּטיקונג?—אַ רגע האָט ער זיך פאַרלוירן, אַ קוק געטאָן זיך אויף די פיס, אַרומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט עפּעס געהאַט פאַרלוירן, און דערנאָך שטאָלץ אַ געשריי געטאָן: „קיין שום נישט!"

מיסטער קול, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, אַפילו איישאַ האָבן זיך זייער פאַראינטערעסירט מיטן לערערס אויסוואַל און האָבן אויף כלערליי אופנים גענומען אינטערוויואירן ערקאָלען, וועלכער האָט זיך דערווייל אָוועקגעלייגט אויף דער סאָפע אין רויכער-סאַלאָן. מיסטער קול האָט זיך דער עיקר אינטערעסירט מיט באַמבוטשיס באַציאונג צו דער ביבל און צו דאָלאַרס. נאָר דער איטאַליענער האָט צו ביידע זאַכן אַרויסגעוויזן די גרעסטע גלייכגילטיקייט. איבעריקנס, געוואָרווערנדיק, אַז דאָלאַרן זענען עפּעס אַזוינס אַ שטייגער, ווי לירן, נאָך אַפילו בעסער, האָט ער דערקלערט, אַז ער זאָגט זיך פון זיי נישט אָפּ, נישט מער ער מיינט, אַז נישט באַמבוטשי דאַרף זיך יאָגן נאָך די לירן, נאָר מער-ווייניק פאַרקערט. אָפט האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז עפּעס אַן „ענגלישער חמור-קאָפּ" וועט אים געפינען ליגן אויף וויאַ פּאַסקודיני און וועט אים געבן טויזנט ליר. פאַר וואָס? דערפאַר, ווייל ער איז אַן אמתער רוימער, דערפאַר, ווייל ער איז ערקאָלע, און בכלל... די דאָזיקע חמור-קעפּ, (אַ זשעסט אין כורעניטאָס זייט) רוים האָבן זיי נישט, דערפאַר אָבער גרויסע קופּעס געלט. אַחוץ דעם האָט ער געהאַט נאָך אַנדערע פּלענער, — צום ביישפּיל, חתונה-האָבן מיט אַ רייכער אַמעריקאַנערין. „איר זענט אַן אַמעריקאַנער? באמת? אפשר האָט איר אַ טאָכטער, וואָס וואָלט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַן איידעלן און שיינעם רוימער, נו, מיט ערקאָלע באַמבוטשי? ניין? אַ שאָד! זאָגט מיר, כ'בעט אייך, אייערע עלטערן זענען נישט אַמאָל קיין אויסגעוואַנדערטע פון קאַווי-די-לאַוואַניאַ? איר פאַרשטייט, פון דאָרטן האָבן אַ סך איבעריקע אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און דאָס איז נישט קיין שלעכט מיטל אויסצוגעפינען אַ רייכן פעטער. ניין? נו, איז וואָס, אָן דעם איז אויך נישט שלעכט. גיט מיר צען סאָלד. אַזוי: פאַר צוויי סאָלד קאָן מען אויפעסן ביים טאַנבאַנק מאַקאַראָנען מיט פעטס, פאַר צוויי — לעבעדיקע פּאָליפּן, פאַר פיר — אַ ליטער וויין, און פאַר דעם איבעריקן — אַ שטיקל „טאָסקאַנאַ" —

אַ גוטע ציגאַר, גראָב, ווי אַ הינטישער ווײדל. אָדער גאָר פאַר אַלע זעקס—ווײַן, און לעבן קאָלאָסעום אויפקלײַבן אַ טוץ טײַערע פּאַפּיראָסן-שטיקלעך, וואָרים די דאָזיקע אײזל-קעפּ וואַרפן אַוועק נישט דערדרויכערטע ביז צום סוף פּאַפּיראָסן. און דערנאָך — אונטער דער בריק אַרונטער, און כ'פאַרזיכער אײַך, דאָס לעבן איז אַ טײַערע זאַך, און אײַערע דאָלאַרס — זענען גאָרנישט!" נאָך אַזאַ לאַנגער דרשה, פול מיט סענטענצן, האָט ערקאָלע זיך צוריקגענומען צו זײַן באַליבטער באַשעפטיקונג, דאָס הייסט ער האָט גענומען שפּײַען, באַשליסנדיק אַרומצורינגלען מיסטער קולס שיך מיט אַ קאָמפּליצירטער באַפּוצונג פון שפּײַעכץ. דער אַמעריקאַנער האָט זיך דערפילט שטאַרק אומבאַקוועם און האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ערקאָלע האָט אים אָפּגעהאַלטן: „האָט נישט קיין מורא! כ'וועל נישט זײַן ערקאָלע באַמבוטשי, אויב כ'וועל אײַנשמירן דעם שפּיץ פון אײַער שיך!"

נאָר אינגאַנצן זיך אָפּצוגעבן דער דאָזיקער פרידלעכער באַשעפטיקונג האָט ערקאָלען געשטערט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, וועלכער האָט מיט אַ ברומלדיק קול גענומען אים אויספרעגן: „זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, לעבט איר נישט איבער אַמאָל קיין מאַטערניש פּײַניקונג?"—„אָ יאָ, באַזונדערס הערבסט-צײַט, ווען ס'איז דאָ אַ סך פייגן און קירביסן, טרעפט אַמאָל, אַז כ'קאָן ממש נישט אַנטשלאָפן ווערן פאַר ווייטאָק". „נײַן, כ'מיין גײַסטיקע מאַטערניש. ווי זאָל איך דאָס אײַך געבן צו פאַרשטיין. פילט איר נישט אַמאָל אַ פאַרלאַנג אַלצדינג צו פאַרניכטן, צו פאַרברענען אַלע אַלטע טראַנטעס, אויפסנײַ געבוירן צו ווערן?"—„און נאָך ווי! ער—ערקאָלע פאַרגעטערט יום-טובים, ווען מ'שלעפּט אַרויס פון די הײַזער דאָס אַלטוואַרג, די מאַטראַצן מיטן צעקנאָרעטן שטרוי, די צעבראָכענע טישן, אײַנגעפאַלענע קופערס, און מ'לייגט דאָס אַלץ צונויף אויף אַ באַרג און מ'צינדט דאָס אונטער. אַ פעטאַרדע—בום-בום! און אַלץ „לכבוד דער הייליקער מאַריאַ".—„אָט זאָגט איר לכבוד דער „הייליקער", הייסט עס, איר פילט, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס איבער אונז, השגחה-עליונה?..." „נו, פאַרשטייט זיך! און „באַנקאַ-לאָטאָ"? קיינער נישט, איר הערט, קיינער נישט, אַפילו דער סאַמע קייסער

חייס נישט, וואָסערע נומערן ס׳וועלן אַרויסקומען!" ערקאָלע האָט זייער ליב צו שפּילן אין באַנקאָ־לאָטאָ, איינמאָל האָט ער אַפילו בשותּפות געוואונען פיר ליר. און פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי צוזאַמענגעשטעלט — נעכטן געוואונען, היינט באַגעגנט אַ רייכן אייזלקאָפּ, און מאָרגן קאָן־זיין וועל איך שטאַרבן — וועגן דעם לוינט זיך אַפילו נישט צו טראַכטן, וואָרים טראַכטן בכלל איז זייער אַ שווערע און לאַנגווייליקע זאַך, דערצו נאָך אין אַזאַ היץ. ס׳וועט זיין אַ סך גלייכער, ווען אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש וועט ברענגען צוויי „טאָסקאַנעס", וועט זיך אַנידערלייגן דערנעבן, פאַררויכערן און נעמען שפּייען אַרום דעם צווייטן שוך פון דעם דאָזיקן שלים־מזלדיקן אַמעריקאַנער, וועלכער האָט נישט קיין טאָכטער, איז נישט קיין פעטער, נאָר—אַזוי דאָרט עפּעס—מיט די דאָלאַרס.

איישאַ האָט געזאָגט: „איר ווייסט נישט, פאַרוואָס דער האַר האָט אים גענומען מיט זיך, אָבער איך ווייס. ער מוז, מסתּמא, אַזוי ווי איך, מאַכן געטער. זאָג, ערקאָלע, קאָנסטו מאַכן אַ גאָט?" דער איטאַליענער האָט זיך אויפגערעגט: „ווער פאַרנעמט זיך איצט מיט אַזעלכע זאַכן! ביי אונז האָט מען זיי אַזויפיל אָנגעמאַכט, מער נאָך וויפיל מענטשן, באמונות! אויף יעדן רוימער קומט אויס צוויי געטער, דריי הייליקע און נאָך איינע אַ מאַרטירערין. דו מיין נישט ווידער, אַז איך גלויב נישט אין גאָט (ערקאָלע האָט זיך אַפילו איבערגעצלמט), נאָר בכלל וויל איך זיך נישט פאַרנעמען מיט גאָרנישט, דערצו נאָך מיט אַזאַ לאַנגווייליקן פאַך. אויב כ׳וואָלט שוין יאָ עפּעס געמאַכט, איז בלויז שעלקעס. דאָס איז אַ וואונדערלעכע זאַך (ערקאָלע איז לעבעדיק געוואָרן). איך אַליין האָב זיי קיינמאָל נישט געטראָגן, נאָר כ׳האָב זיי געזען אויף דזשוזעפּאָ קראַפּאַפּוטשי און אַפילו ביינאַכט געפּרוווט זיי צולקחנען, נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַז ס׳קומט מיר אויס אַמאָל אויפצושטיין, קאָן איך נישט רעדן, וואָרים אַז כ׳וועל אָנהויבן רעדן, וועל איך דאָך מוזן מאַכן מיט די הענט, און אויב כ׳וועל מאַכן מיט די הענט, וועלן מיינע הויזן בלייבן אויף דער גאַס. דעמאָלט ווען איך ליג נישט, מוז איך זיי דאָך האַלטן — דאָס מאַכט זייער מיד. טיילמאָל לאָז איך זיי אָפּ, אַזוי זיך, אויף ערן־וואָרט, נאָר

זיי האָבן נישט קיין ערע, נישט קיין געוויסן, קריכן זיי טאַקע אַראָפּ ביז אונטן. ניין, קיין בעסערע זאַך ווי שעלקעס חעסטו שוין נישט אויסטראַכטן. ווייסטו גאָר וואָס, אויב ס'איז דיר נישט הייס און דו ווילסט דווקא עפּעס טאָן, טאָ וואַרף אַוועק דיינע געטער און נעם זיך אויסצואַרבעטן שעלקעס, נאָר פּורפּורנע און העל־בלויע".

פון די שמועסן אין די ווייטערדיקע טעג בין איך געוואויר־געוואָרן איינצלנע בלעטלעך פון ערקאָלעס ביאָגראַפיע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דריי געשעענישן האָבן אַמשטאַרקסטן אויפגעטרייסלט באַמבוטשין—דאָס צוגנבענען אַ ביינדל פון דער הייליקער פלאַקסידאַ, דאָס, וואָס די קאַראַבינערן האָבן אים אויסגעהרגעט צוליב אַ קינסטלערין, און דאָס מאַכן אַ רעוואָלוציע. נאָכן דאַווענען איינמאָל האָט ער צוגעגנבעט אַ ביינדל גאָר אַ קליינטשיקס, נאָך קלענער פונם קלענסטן פינגער און עס אַוועקגעשאָנקען דער דיקער ראָזאַליע, אָט דער, „וואָס איז אַזוי פרום, ווי די הייליקע פלאַקסידאַ", און וועלכע האָט דאָס ביינדל פאַרוויקלט אין אַ זיידן טיכל און אַוועקגעלייגט לעבן דעם פאַלמען־צווייגל, וואָס איז געהייליקט געוואָרן דורכן פויפּסט. ער, ערקאָלע, האָט געקראָגן דערפאַר אַ גרויס שטיק געפּרעגלט חזיר מיט געפּילעכץ און אַ פלאַש וויין. מיט דער קינסטלערין איז געווען אַ סך ערגער. ס'איז איר איינגעפאַלן צו צייכענען ערקאָלען,—„עפּעס אַן ענגלענדערין דאָרט... אַן אייזל־קאָפּ"—און האָט געצייכנט לאַנגווייליק, אַלץ ווי אין דער ווירקלעכקייט, אַפילו דאָס שילדל פון דער אַקושערקע. ערקאָלע האָט פאַרלאַנגט, אַז ראשית זאָל זי אים צייכענען אין צילינדער, וועגן וועלכן ער האָט שוין לאַנג געחלומט, און צווייטנס זאָל זי לעבן דעם הויז צומאַכן אַ פאַלמע און אַ פויגל און דריטנס זאָל זי די ווינדלעך, וואָס טריקענען זיך אויף שטריק, פאַרבייטן אויף שיינע פענער. די ענגלענדערין האָט נישט געוואָלט פאָלגן און האָט אָנשטאָט דעם אַלעם פאַרגעלייגט ערקאָלען אַ ליר. ערקאָלע האָט דעם ליר צוגענומען, נאָר ער איז צוגעגאַנגען צום בילד און, באַזייטיקנדיק איידל די קינסטלערין, האָט ער זיך אַליין גענומען צו דער מלאָכה. די ענגלענדערין האָט גענומען אַזוי ריטשען,

גלייך ווי ערקאָלע וואָלט די געשטיקט, און ער האָט נאָכנישט באַוויזן צו פאַרשמירן דאָס ברודיקע גרויע הויז מיט דער וואונ־דערלעך־בלויער פאַרב, ווי ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי קאַראַבינערן און אים גענומען מוראדיק שלאָגן. — די רעוואָלוציע, דאַגעגן, האָט ער שוין געמאַכט גאָר אָן ווייטאָקן, ס'איז אַפּילו נעווען זייער פריילעך. אין אויסלאַנד, דאַכט זיך, אין שפּאַניען, האָט מען דער־שאָסן עמיצן, ווען מ'האָט נישט געדאַרפט דערשיסן, — האָט מען געמאַכט אַ רעוואָלוציע. צו דעם צוועק האָט מען איבערגעדרייט די בענק, אָמניבוסן, לאַמטערנעס, אָנגעצונדן גאַז־פאָנטאַנען און געזונגען, און געשריגן און געשאָסן, אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז נאַכט. ס'איז נאָך בעסער ווי אַ יום־טוב, אַשאָד נאָר, וואָס ס'געשעט זעלטן און ס'ענדיקט זיך גיך...

איינמאָל זענען מיר אַזוי אין דרייען — דער לערער, ערקאָלע און איך — געפאָרן איבער רוים. ערקאָלע האָט געבעטן דעם בעל־עגלה צו פאָרן קיין טראַנסטעווערע. אויף וויאַ פאַסקודיני איז ער אַראָפּגעקראָכן, אויסגעשטאַן די מאַרינאַרקע מיטן צילינדער און געגעבן מיר צוהאַלטן, און אַליין האָט ער זיך אין די געקעסטעלטע אונטער־הויזן אַוועקגעלייגט אויף זיין שטענדיק אָרט און זיך פאַר־נומען מיט שפּייען אויף זיין באַליבט שילדל, בעטנדיק אונז, מיר זאָלן אים לאָזן אַזוי כאָטש אויף איין שעה. „זיי וואונדערן זיך", האָט געזאָגט צו מיר דער לערער, „פאַרוואָס כ'פיר מיט זיך אָט דעם זאַזיקן שלעפּער. וואָס דען זאָל איך ליב־האָבן, אויב נישט דינאַמיט? ערקאָלע איז נישט איישאַ, ער האָט אַלץ געזען און אַלץ געטאָן, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען. אין די דאָזיקע הענט זענען שוין געווען אַלע אַקסעסואַרן פון דער וועלט: סצעפּטער און קרייץ, לירע און דלוטע, געווען־בוך און פּענזל. ער האָט געצויגט פּאַלאַצן און שלעסער, טעמפּלען מיט פּיל־ברוסטיקע געטינס פון עלאַדע, מיט אויסגעמאָגערטע גאָטישע קריסטוסן, מיט באַפלי־גלטע הייליקע — באַראָקאָ. — קוק אים אָן — ווינע באַוועגונגען וועט נאָכמאַכן די פּרימאַדאָנע פון מינכן, אויף זיין רעדנער־קונסט וועט אים מקנא זיין דער בעסטער אַדוואָקאַט פון פּעטערבורג. פון קינד־וויז־אויף ווייסט ער אַלצדינג און קען אַלצדינג, און פונדעסט־

וועגן וויל ער ליבערשט שפייען אויפן מויער אַרויף, ווייל קרעפּ־טיק און ליידנשאַפטלעך האָט ער פיינט יעטוועדן זין און יעטוועדע אָרגאַניזאַציע. ער טוט אַלץ קאַפּריער. וועסט זאָגן, דאָס זענען שפּיצלעך פון אַ קלאָון? ס'קאָן זיין, נאָר ברענגען דען נישט גאָר די לעצטע אָפּגלאַנצן פון פרייהייט? — אַז ער האָט שוין געקריגן אַ צילינדער גיט ער אים דיר איידל צוריק. אין דעם דאָזיקן זשעסט איז די צוקונפטיקע אויפלעבונג פון דער וועלט. אין דער גרויסער צילינדער־פאַבריק — פאַרגעס נישט וועגן דעם. ערקאָלע וועט זיין מיט אונז, ווי אַ כאַאָטישע ליבשאַפט צו פרייהייט, ווי אַ באַנקעלע מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן אין אַ וואַליזקע, אין איין שורה מיט בריליאַנטין און מיט פּערפום קאָטי".

ערקאָלע האָט, ליגנדיק אַזוי און דרימלענדיק, מיט איין אויער געהערט אונזער געשפּרעך, און כיטרעדיק אַ פינטל־טוענדיק מיט׳ן אויג, האָט ער געזאָגט: „איך ווייס, איר ווילט מאַכן אַ רע־וואָלוציע, אָט אַזאַ ווי יענע, צוליבן שפּאַניער! מהיכא תיתי, איך האָב נישט דאַגעגן — ס'איז דאָך אַזוי פריילעך!... נאָר בכלל בין איך אייער שליח, סיביאָר, און אַהער צען סאָלד איך פּאַפּיראָסן!..."

דאָס אַכטע קאַפּיטל

דעם לערערס פאַרשידענע מיינונגען איבער קונסט

דער לערער האָט נישט ליב געהאַט ברייט זיך פאַנאַנדער צופירן איבער קונסט. באַציענדיק זיך ערנסט צו פּראַקטישע געשפּרעכן, ווי אַ שטייגער, וועגן די מעלות פון פאַרבן, וועגן די וואָרצלען פון וואָרט, וועגן פאַרשידענע בוי-מאַטעריאַלן, האָט ער נישט פאַרטראָגן קיין געוואַלדן וועגן מעטאַפיזישער קונסט, גלויבנדיק, אַז דערמיט דאַרפן זיך באַשעפטיקן בלויז געאָמעטרן, ליפעראַנטן און קונסט-קריטיקער. נאָר אַזוי ווי די אָרגאַניזירנדע און צעשטערנדע כחות פון דער קונסט זענען אים גוט באַקאַנט געווען, האָט ער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געמוזט קלאָר מאַכן זיין באַציאונג צו איר, בפרט אַז צווישן די דריי און צוואַנציק מלאכות וואָס כורעניטאָ האָט זיך אויסגעלערנט אין משך פון זיין לעבן, איז געווען אויך פּאָעזיע און אַרכיטעקטור. דורך עטלעכע פריינט, וואָס וואוינען אין מעקסיקע, זוך איך איצט דעם מאַנוסקריפּט פון זיין פּאָעמע אונטערן טיטל: „טרעפּפּערט 1717 №א", וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין דער יוגנט. לויט די פראַגמענטן, וועלכע דער לערער האָט מיר געלייענט אויסעווייניק, קאָן איך משפּטן וועגן די מעלות פון דער דאָזיקער איינציקער עפּישער פּאָעמע פון דער היינטיקער צייט, וואָס איז געווידמעט דעם קולט פון אַקציעס, דער רעקלאַמע פון לאַסט-אויטאָמאָבילן סיסטעם „נאָרט",

און דעם געוואַלדיקן געראַנגל פון ראַסן און קלאַסן. אויב דער מאַנוסקריפּט איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען, וועל איך אים תיכּף נאָכן דערהאַלטן אַרויסגעבן, ווי אין אָריגינאַל (ער איז געשריבן אויף שפּאַניש), אַזוי אויך איבערזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן.

אויפן געביט פון אַרכיטעקטור האָבן איך געזען צוויי פּראָיעקטן פון געביידעס, וועלכע דער לערער האָט געמאַכט. איינער האָט פאָרגעשטעלט געוואַלדיק-גרויסע שטאָלענע ווינדעס מיט גלעזערנע קוישן, וואָס באַוועגן זיך און פירן איבער אין דער לופטן טויזנטער מענטשן פון איין עק ניו-יאָרק אויפן אַנדערן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן איבער דער שטאָט, ווי ריזיקע אייזערנע בלומען מיט גלאַנצנדיקע קרוינען. דער צווייטער פּראָיעקט האָט פאָרגעשטעלט פאַרשידענע ראַדיקאַלע סיסטעמען פון אונטערערדישע פּיסואַרן, וואָס זענען אויסגערעכנט אויף טויזנטער באַזוכער. יידער! די טעקע מיט די אַרבעטן איז פאַרלוירן געגאַנגען אין טאָג פונם לערערס טראַגישן טויט!

כ'האָב אָנגעוויזן אויף כורעניטאָס אַרבעטן, כּדי עס זאָל פאַר אַלעמען קלאָר ווערן, אַז אין זיין פּערזאָן האָבן מיר צו טאָן נישט מיט קיין דילעטאַנט, נישט מיט קיין זייטיקן, נאָר מיט אַ מענטשן פון וויסן און דערפאַרונג. דאָס רוב פון לערערס אָנשויאונגען זענען פאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער געזעלשאַפט. כלערליי „באָוואַטאָרן", וואָס שטעקן אין די לאַפּעס פונם אַלטן, זענען אויף די שפּיץ פינגער נאָכגעקראָכן דעם לערער, און אויפגעכאַפּט זיינע סאַמע קירצסטע באַמערקונגען. מיט זייער איינגעבוירענער טעמפּקייט האָבן זיי דערנאָך צעקאַליעטשעט די דאָזיקע געדאַנקן און זיי אַרויסגעגעבן פאַר אייגענע. אַזוי האָט אַ געוויסער רעדאַקטאָר פון אַ פּאַריזער „שרעקלעך-פּראָגרעסיווער" צייטשריפט, וועלכער דערקלערט זיך פאַר אַ פּאָעט, און באמת גרעמפּלט ער אין קיך שעמעוודיקערהייט אויף אַ פידל און פאַר אַלעמען אין די אויגן שרייבט ער אומפאַרשעמט אַרטיקלען וועגן קונסט,—געלעבט בלויז דערפון, וואָס אויף די ווערניסאַזשן*) האָט ער ביים איינגאַנג

*) פייערלעכע ערעפנונג פון קונסט-אויסשטעלונגען.— איב.

אָפּגעוואַרט דעם לערער מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין האַנט און נישט אָפּגעטרעטן פון אים אויף קיין טריט. כּורעניטאָ, וועלכער האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס גאווה און האָט בלויז געזאָרגט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון זיינע אידעען, האָט אויך נישט געקעמפט געגן אַזעלכע דערשיינונגען און האָט מיר אַפילו אָנגעזאָגט קיינעם קיינמאָל אין פּלאַגיאַט נישט צו באַשולדיקן און נישט צו שרייבן קיין שום בריוו אין רעדאַקציע מיט „נויטיקע הכחשות". כ'וועל דאָ נישט נעמען רעסטאַווירן פאַרשידענע אָנשויאונגען פון כּורעניטאָן איבער קונסט, וועלכע זענען באַקאַנט, זאָל זיין אין אַ פאַרדאָרבענעם געשטאַלט, כ'וועל דאָ בלויז אָנווייזן אויף עטלעכע פּראַקטישע אַרויסטרעטונגען, וועלכע ער האָט אונטערגענומען.

כדי די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען זאָלן ווערן פאַרשטענדלעך דאַרף מען דערמאָנען וועגן דער גרויסער פאַראַכטונג, וואָס דער לערער האָט געפילט צו דער ראָל פון דער קונסט אין דער געגנוואַרטיקער געזעלשאַפט. איינמאָל, עסנדיק מיטאָג מיט מיסטער קול, וועלכער איז אונטערן איינפלוס פונם אַלטן פּואי געוואָרן סענטימענטאַל און דערקלערט כּורעניטאָן, אַז מער פון אַלץ אויף דער וועלט, אַפילו פון דאָלאַרס, האָט ער ליב שיינקייט און קונסט, האָט דער לערער זיך אָפנהערציק מתודה געווען פאַר אים: „און איך האַלט בעסער פון די דאָזיקע שחיין־קאָטלעטן מיט אַרבעסלעך". דער לערער האָט געזאָגט, אַז די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער קונסט ליגט אין דעם, וואָס פונקט אַזוי ווי אַלע איבעריקע קולטור־פאַקטאָרן העלפט זי מיט דער אָרגאַניזירונג פון מענטשן. אַזוי איז געווען אין אַלע געשיכטלעכע עפּאָכעס פון דער מענטשהייט. די קונסט האָט צונויפגעהאָפטן איינצלנע יחידים אין ענגע מהנות: נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע, סאָציאַלע — צו געמיינזאַמער ליבשאַפט אָדער שנאה, צו אַרבעט אָדער קאַמף, מיט איין וואָרט צום לעבן. נישט בלויז די פּיראַמידע אָדער גאָטישע קירכע, נאָר אויך אַ קלאָגליד אָדער אַ שמייכלענדע מאַדאָנע פון אַ וועלכן ס'איז טרעטשעניסט איז נישט מער, ווי צעמענט פאַר אַ גראַנידיעזער געבײַדע, ווי הייך־מאַטעריאַל אויף אונטערצוהאַלטן דאָס זיין. „וואָסער נישט־וויציקער שפּאַס, וואָסער נעבעכדיקער

כאַראַקירי איז אַלזאָ דאָס שטאָלצע צעשיידן זיך פון דער
קונסט מיטן לעבן. די קונסט טוישט פּייערלעך אירע באַשטימונגען:
איין פערד שפּאַנט זיך אויס פון וואָגן און פּרווט זיך מיט אומגע־
לומפּערטע שפּרונגען איינצוהאַלטן זיין אומפאַרמיידלעכן גאַנג. די
קונסט וויל נישט מער אָרגאַניזירן דאָס לעבן, פאַרקערט, ווי זי
וואָלט געשטרעבט דעם מענטשן פונם לעבן אַוועקצופירן. נאָר אַזוי
ווי העכער פון זיך אַליין וועסטו נישט שפּרינגען, מעגסטו זיין אַפילו
אַ גאון, בלייבן דעריבער די אַלע שפּרינג־קונצן אין די ראַמען
פונם לעבן גופא און דעזאָרגאַניזירן דאָס בלויז, אויף וויפיל דאָס
געלונגט זיי. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן און אַזוי ווערט פאָרטגעזעצט
דער געראַנגל פון דער קונסט מיטן לעבן. דאָס לעבן ווענדט־אָן
הונדערטער אַנדערע אָרגאַניזירנדע מיטלען און באַגייט זיך, ווע־
רנדיק בלויז שטרענגער און באַשווערטער. און די קונסט? די קונסט
ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּילעכל, אין אַ ספּאָרט פון געציילטע
אויסדערוויילטע, אין פאַרשידענע מינים גייסטיקע חולאתן, אין אַ
נאָכמיטאָגדיקן קאַפּריז פון מיסטער קול, וואָס איז ווייניקער נויטיק,
ווי אַ גלעזל „קאָרדיאַל מעדאָקאַ" אָדער אַ ווייך קישעלע. די קונסט,
דרייפאַכיק פאַראַכטעט, גוססט, מאַכנדיק אין די לעצטע יאָרן פון
פּראָפעסיאָנעלער געוואוינהייטס־וועגן דעם אָנשטעל. אַז זי האָט
באַזיגט דאָס לעבן, זי גוססט מיט אַ ראָמאַנטישן שטילעט אין האַנט
זי גוססט אָט־דאָ אין באַזונדערן קאַבינעט, וואו דער בעל־הבית
האָט פאַר די, מער־געבילדעטע קולס אויסגעהאָנגען די „טענצער"
פון מאַטיס, איינגעלאַדן אַקטיאָרן, וואָס דעקלאַמירן די לידער פונם
טרוימער דיוהאַמעל, און קלעזמער, וואָס שפּילן סטראַווינסקין. און
אַזוי ווי איך בין געטריי דער אַלטער חכמה, וואָס האָט געפּרעדיקט,
אַז „ס'איז בעסער אַ לעבעדיקער הונט, איידער אַ געפּגרטער לייב",
ווייז איך נישט, נאָר ערלעך זינג איך אַ לויב־געזאַנג פאַר שוויין־
קאָטלעטן מיט אַרבעסלעך, אָדער אַפילו אָן זיי".

און 1913 האָט „מערקיר דע פראַנס" איינגעאָרדנט אַ גרויסע
ליטעראַרישע אַנקעטע וועגן די דערגרייכונגען און מעגלעכקייטן
פון דער געגנווערטיקער פּאָעזיע. באַקומענדיק דעם פראַגע־בויגן,
האָט כוליאָ כורעניטאָ תיכף צוגעשיקט אַן ענטפער, וועלכער איז

צוליב עפּעס אַ סיבה נישט געוועזן אָפּגעדרוקט. אַ קאָפּיע איז געבליבן, און איך ברענג זי דאָ: „באַקומענדיק אייערע פראַגן, האָב איך זיך געפונען און אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, וואָרים כ'ווייס נישט גענוי, וואָס ס'ווערט און דער געגנוואַרט אָנגערופן „פּאָעזיע". אמת, צווישן פאַרשידענע אַרטיקלען אין די זשורנאַלן, און אָפטמאָל אין גאַנצע ביכער, קומט מיר אויס צו באַמערקן אַזעלכע אויף אַ ספּעציעלן אופן אָפּגעדרוקטע חקירות וועגן פּאָליטיק, וועגן ליבע, וועגן דעם הייליקן דריילינג און וועגן אַ קאַפּע-סערוויז, מיט קלינגענדיקע סופן און אָן זיי. אויב אָט די משונהדיקע חקירות רופט איר אָן פּאָעזיע, דאַן קאָן איך אויף אייער פראַגע נישט ענטפערן. כ'האָב אויך נישט קיין שום מיינונג וועגן אַריי אַנדערע אומזיניקע באַשעפטיקונגען, ווי אַ שטייגער וועגן פאַנאַנדערלייגן פּאַסיאַנסן אָדער וועגן קראַצן די פּלייצע מיט אַזעלכע כינעזישע הענטלעך. איבעריקנס, כ'בין מיך משער, אַז אַזאַ צייט-פאַרטרייב געפעלט איינצלנע מענטשן און כ'זע נישט דערין קיין שום אומנאָרמאַלעס. כ'מיין, אַז אין אַזעלכע פאַלן דאַרף מען אַרויסווייזן דעם פולן געדולד, זיך האַלטנדיק אין כלל, וואָס איז אויסגעקריצט אויפן האַלזבאַנד פון דיאָגענס הונט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ הינטישן גן-עדן: „דאָ ווילט זיך יעדער, ווי ער קאָן". אין אַנדערע עפּאָכעס האָט מען אונטערן וואָרט „פּאָעזיע" פאַרשטאַנען באַשעפטיקונגען, נישט ענלעכע אויף די אויבנדערמאָנטע, דערפאַר שכלדיקע און ניצלעכע. דאָס בלויזע וואָרט איז שוין געוועזן אַ טאַט, און דערפאַר האָט די פּאָעזיע, אַלס אַ באַקאַנטע שכלדיקע וואָרט-קאָמבינירונג, מיטגעווירקט צו די אָדער יענע לעבנס-אַקטן. מיר איז באַקאַנט די ווירדיקע פּאָעזיע פון אַ כישוף-מאַכער, וואָס האָט דורך ווערטער-קאָמבינירונג געקאָנט זיך דערשלאָגן, אַז אַ ווילדע קו זאָל זיך לאָזן מעלקן אין באַוואוסטזיניקער רואיקייט. נאָר ווי אַזוי קאָן איך אָנווענדן דאָס דאָזיקע דערהויבענע וואָרט צו די רעטענישן פון מאַלאַרמע, וועלכע דריי און דרייסיק ליידיקגייערס לערנען זיך טרעפן אין משך פון דריי און דרייסיק יאָר? דאָס וואָרט האָט אַמאָל געקאָנט דערה געגען אָדער אויסהיילן, צווינגען ליב צו האָבן אָדער פיינט צו קריגן. דערפאַר זענען די פאַרשווערונגען

אָדער פאַרכּישופונגען געווען פּאָעזיע. די פּאָעטן זענען געווען בלויז בעל־מלאָכות, וואָס האָבן געאַרבעט גלייך מיט אַלע מענטשן. דער שמיד האָט געקאָוועט דאָס געווער, דער פּאָעט האָט צוזאַמענגעשטעלט העראָישע געזאַנגען, וועלכע האָבן געפירט צום נצחון. דער סטאָלער האָט געטעשעט אַ וויגל אָדער אַ טרומנע, דער פּאָעט האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ וויג־ליד אָדער שרעקלעכע קלאָג־לידער. פרויען האָבן געוואַשן און ביי דער וועש געזונגען לידער, וואָס האָבן געגעבן פלינקייט און זיכערקייט צו זייערע הענט און די אַרבעט געמאַכט לייכט. ס'איז מיר אויסגעקומען צו לייענען די לידער, וועלכע איר דרוקט און אייער חשובן זשורנאַל, און כ'האָב זיך געפרעגט: ווען קאָנען זיי אויפוועקן און פירן צום קאַמף, וועלכער אַרבעט קאָנען זיי ברענגען פאַרלייכטערונג? זייער איינציקע באַשטימונג, וואָס דרינגט אַגב נישט אַרויס פון דעם מחברס כּוונות, איז איינצושלעפן דעם מענטשן, וואָס איז שוין צוגעגרייט געוואָרן דערצו דורך אַ פריערדיקן מאמר וועגן דער צאָל זעלבסטקלאַנגען און מיטקלאַנגען אין ראַסינס טראַגעדיעס. און אַזוי, חזר איך איבער, דערמאָנענדיק זיך די שיינע מלאָכה פון אַמאָל און פאַרגלייכנדיק זי מיט דער היינטיקער אומפאַרשטענדלעכער פאַר מיר באַשעפטיקונג, האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף אייער אין פלוג פּשוטער פראַגע. נאָר מיין יונגער פריינט ע., אַ רוסישער, מיט וועלכן כ'האָב געטיילט דידאָזיקע געדאַנקען, האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַן אויסטערלישן פאַקט, וואָס מאַכט אַ ביסל צונישט מיינע ספקות. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אין רוסלאַנד לעבט אַ פּאָעט (זיין צונאָמען איז מיר, צום באַדויערן, נישט געבליבן אין זכּרון) וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ליד, פול מיט אוממענטשלעכער ליידנשאַפט און אויסרוף־צייכנס.

ע. דערציילט, אַז ווען אין דער שטאָט צאַריצין האָט אַ געוויסער מיליטערישער דאָקטאָר דעקלאַמירט דאָס דערמאָנטע ליד פאַר אַ דינסט, וואָס איז לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט צו ראָמאַנסירן מיט אים,—האָט עס געהאַט אַן אַנטשיידנדע ווירקונג אויף אַזוי ווייט, אַז די דינסט האָט אַליין גענומען אויף געשווינד אָפּקנעפּלען די מלבושים. די דאָזיקע וויכטיקע מיטטיילונג באַווייזט מיר, אַז פאַר

דער היינטיקער פּאָעזיע זענען נאָך פֿאַראַן מעגלעכע וועגן, און דערפֿאַר קאָן איך אייך ענטפֿערן נישט נאָר מיט טרויעריקע זיפֿצן, נאָר אויך מיט ווערטער פֿון האָפֿנונג".

אויפֿ׳ן באַנקעט לכּבוד דעם נייעם „פּרינץ פֿון די פּאָעטן", אין פּאַריז, אין יאַנואַר 1914, איז כּוליאָ כורעניטאָ אַרויסגעטרעטן מיט דער פֿאָלגענדער רעדע:

„איך טרינק פֿאַרן געזונט פֿון איינעם פֿון די מאַרטירער פֿון דער היינטיקער ציוויליזאַציע. די לאַגע פֿון אַ פּאָעט אין אונזער געזעלשאַפֿט דערמאָנט מיר דאָס נעבעכדיקע, ערלעכע הינטל, וואָס מ׳האָט אַריינגעזעצט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן מיט דער פֿייערלעכער אויפֿשריפֿט, נישט „באַרבאָס", נישט „אַזאָ", נאָר „קאַניס וואולגאַריס". נאָך די לייבן און היענעס, גרייטן זיך די באַזוכער אָנצוקוקן ווילדע באַשעפֿענישן פֿון די טראָפּישע לענדער, גייען זיי צו צום שטייגל מיטן הונט, לייענען דעם אומפֿאַרשטענדלעכן לאַטיין און אָנשטאָט פֿריינטלעך אַ גלעט צו טאָן דאָס הינטל איבער דעם מאַר־דעלע, ווי טויזנטער אַנדערע „קאַניס וואולגאַריס", וואָס בלאָנדזשען פּשוט אַרום איבער די גאַסן, צעפּעגען זיי די מיילער, שטעכן דורך די קראַטן מיט די שפּיצן פֿון די שירעמס, דאָס פֿריילעכע בילן נעמען זיי אָן פֿאַר אַ מוראדיק געבֿרום און דאָס זיפֿצנדיקע וואָיען פֿאַר אַ קאַמפּס-סיגנאַל פֿונם פֿאַרציקער. דערנאָך גייען זיי אַוועק.

„אָרעמער הונט! אָרעמער פּאָעט! ערלעך וואָלסטו דיר געקאָנט טאָן דיין אַרבעט, פֿרידלעך זיצן און שרייבן לידער! נאָר פֿון דיר דערוואַרט מען אַלץ, אויסער אַרבעט! קודם-כּל ביסטו אַ „נביא", צווייטנס אַ „משוגענער", דריטנס אַ „נישט פֿאַרשטאַנענער פֿירער". „קאַניס וואולגאַריס!" ווען אַ כירורג שניידט אויף דעם בויך, ווען אַ שניידער שניידט-צו אַ וועסטל, ווען אַ מאַטעמאַטיקער שטודירט די געזעצן פֿון דער צייט—אַרבעטן זיי. דעמאָלט אָבער ווען דו שוויצסט איבער אַ בלעטל פּאַפּיר, מעקנדיק און שטרייכנדיק צום הונדערטסטן מאָל די ווערטער, כּדי צונויפֿצושטעלן אַ קרעפֿטיק ליד—דעמאָלט „שאַפֿסטו!" און די מויל-ווערים אַרום דעם שטייגל שטודירן דיינע אינגעווייידן: וואו אַ שטייגער האָט דאָס דיר דער מלאך אַריינגע־שטעלט דעם „פֿלאַמענדיקן פֿייער", וואָסער „מוזע" איז נעכטן גע־

שלאָפן מיט דיר און צי ס'האָט אַראָפּגעגידערט אויף דיר אין דעם זכות דער „רוח הקודש”. דאָס איינציקע, וואָס בלייבט דיר, איז— אָנצונעמען דאָס שפּיל פאַר ערנסט, עפענען די מאָרדע און פלייסיק נאָכמאַכן אַ לייב. „קניט אַנידער פאַרן נביא! אויף מיר גידערט אַראָפּ דער רוח־הקודש! טסס!...” און דער אָרעמער, טרויעריקער, באַליידיקטער הונט, וואָס אַרבעט מעשה־טיגער, כאַפּט אָן מיט די ציין דורך די קראַטעס פון דער שטייג די נאָז פון פריזירער, וואָס האָט זיך גאָר באַזונדערס צעגעגעצט. „בראַוואָ! פאַר אייער געזונט, בענגאַלישער טיגער!”

צו דער שטויגונג פון מיסטער קול האָט דער לערער אָפּט ליב געהאַט צו פאַרברענגען די אָוונטן אין דער געזעלשאַפט פון פּאָעטן, קינסטלער און אַקטיאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש, וואָס איז אַזוי איבערגעגעבן דער צוקונפט, ווי ער, קאָן זיך ערלויבן די שוואַכקייט פון ליב־האָבן צוויי־דריי אַלטמאָדישע ליידיקגייערס און די פריילעכע מחנה ציגיינער, וואָס פאַרענדיקן טומלדיק זייער ביסל יאָרן אויף די פלעצער פון די שטעט. „כ'האָב זיי ליב פאַר זייער צילאָזיקייט, פאַר זייער ראַנגלען זיך מיטן גורל, כ'ווייס אַליין נישט פאַר וואָס. יעדער פון זיי באַזונדער איז יונג, חוצפּה־דיק און לעבעדיק, אַלע צוזאַמען זענען זיי נאָך עלטער און איינ־געפאַלענער, איידער די מיטלאַלטערלעכע קירכעס. זיי האָבן ליידנ־שאַפטלעך ליב די געגנוואַרט, ס'איז דאָסזעלבע פּאַטאָלאָגישע באַ־גייסטערונגס־געפיל פון אַ פאַרמשפּטן צום טויט, ווען ער שטייט פאַרן עשאַפאָט. אָרעמע בעל־מלאכות, זיי האַלוציגירן וועגן אַ מאַשין, באַמיען זיך איבערצוגעבן אירע פאָרמען אין דער פּלאַסטיק, איר קלאַפּערײַ און באַוועגונג אין דער פּאָעזיע, און ווילן נישט טראַכטן דערפון, אַז אונטער די דאָזיקע רעדער זענען זיי פאַרמשפּט אומ־צוקומען. ווײַ די מאַשין פאַרלאַנגט־נישט קיין הויף־פּאָרטרעטיסטן, נישט קיין פּאָעטן־קורטיזאַנען, נאָר אַז דאָס לעבעדיקע לייב זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין רעדער, האָקעס, שרויפן. עס דאַרפן אָפּ־שטאַרבן פרייהייט און אינדיווידואַליטעט, פּנים און בילד, אין נאָמען פון דער איינאייניציקער מעכאַניזירונג פונם לעבן. פרייט זיך, מיסטער קול, די דאָזיקע גרויסע גאָרנישטן וועלן אָפּשטאַרבן צוזאַ־

מען מיט ליבע, בונט און אַנדערע זאַכן. איבעריקנס, ווי ס'איז אייך שוין באַוווּסט פון אייער געליבט ביכל („ניין, נישט פון דעם מיט די בלויע טאָוולען, נאָר אין סאַפיאַן-איינבאַנד), איז דאָס, וואָס שטאַרבט אָפּ, שטייט ווידער אויף תחית המתים. נאָר די דאָזיקע ציגיינער וועלן שוין קיינמאָל נישט ווערן קיין פּייזאַזש-פּאַרביקע סעקטע, אַ קליינע אָבער אַ בונטאַרישע קאַסטע; זיי ווערן צערונען איצט, און אויפצולעבן איז זיי באַשערט אין די ווייטע טעג פון דער ציל־לאָזער באַפרייטער מענטשהייט.

אַ צייט דערנאָך האָט זיך כּורעניטאָ געווענדעט מיטן פאָלגענדיקן בריוו צום מיניסטער פאַר בילדונג און שיינע קונסט פון איטאַליען.

„הער מיניסטער! די טעג האָב איך באַזוכט די רירנדיקע און באַשיידענע אויסשטעלונג פון מיינע פריינט פוטוריסטן. כ'האָב זיך אויך באַגעגנט מיט דער געגנווערטיקער פּאָעזיע און טעאַטער. ס'רופט אַרויס אין מיר דעם גרעסטן מיטגעפיל דאָס בוקן זיך פון די יונגע איטאַליענישע קינסטלער פאַר דער צעבראָכענער מאַטאָ-ציקלעטקע פון אַמעריקע, פאַר דער שלעכטער דייטשער צייןפּאַסטע און פאַר די פּאַראַיאָרעדיקע פּאַריזער מאָדעס. הגם דאָס געביט פון היגיענע געפינט זיך אויסער די ראַמען פון אייער אַמט, וועל איך דאָך וואַגן צו דערמאָנען אייך, ה' מיניסטער, וועגן דער נויטיקייט אָפּצוגעוואוינען אין אַ געוויסן עלטער דאָס קינד פון דער ברוסט, אין די אינטערעסן נישט בלויז פון דער מוטער, נאָר אויך פונם קינד. איינצלנע באַמערקטע פאַלן פון זויגן דריי און אפילו פינפיעריקע קינדער האָבן זיך, אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, פאַרענדיקט מיט אַ שוואַך-אַנטוויקלטן שכל. איך אַליין האָב זיך אין דעם געקאָנט איבערצייגן אויף מיין קעצל, וואָס, זייענדיק צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי די מוטער, האָט עס נישט אויפגעהערט זי צו זויגן, און ווען מ'האָט עס, ענדלעך, אָפּגעוואוינט פון דעם דאָזיקן אופן פון דערנערן זיך, האָט עס גענומען מאָגער ווערן, ביז ס'איז אינגיכן געשטאָרבן. איך מיין, אַז אין דער קראַפטלאָזיקייט און בלוטאָרעמקייט פון דער היינטיקער קונסט זענען שולדיק די, וואָס האָבן זי נישט אָפּגעוואוינט צו דער צייט פון דער מוטערס ברוסט.

נאָר פאַרקערט, צוגעגעבן און גיבן נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג צו חשק ווייטער צו נאָגן די לעצטע טראָפנס פון דער שוין שעד-לעכער מילך. אין סך-הכל האָבן מיר באַקומען מוראדיק-גרויסע מתנות אימפּאָטענטן, וואָס קאָפּירן שוין צום טויזנטסטן מאָל די קינסטלער פון רענעסאַנס אָדער די דאַנטישע טערצינען, און אינ-איינעם מיט זיי איינצלנע אויסגעדאַרטע און פאַרווילדעטע „נאָוואַ-טאָרן", וועגן וועלכע כ'האָב שוין פריער דערמאָנט. זייענדיק אַן אויסלענדער, נאָר ליב-האָבנדיק פון האַרצן אייער וואונדערשיין לאַנד, האָב איך די דרייסטקייט אייך פאָרצולייגן, ה' מיניסטער, די מיטלען, וואָס זענען לויט מיין מיינונג נויטיק אויף צו פאַרהיטן פון אומקום די ווייטערדיקע דורות. מ'דאַרף אַנטשלאָסן אָפּגע-וואוינען די קינדער פון דער מאַמקע, און צו דעם צוועק לייגן אַכט אויף די געפערלעכע קוואַלן פון דער דאָזיקער זויג-עפּידעמיע— אויף די אַלטע שטעט, מוזעומס און אויסגאַבן פון די אַזוי גערו-פענע „קלאַסיקער". הגם די מעטאָדע פון קינסטלעכן פאַרלענגערן דאָס לעבן, וואָס איר ווענדט אָן לגבי זיי, איז גאָר נישט קיין היגיענישע, וואָרים קיין שום באַלזאַמירונג פאַרהיט נישט פון פוילעניש און ממילא אויך נישט פון אָנשטעקונג, און הגם אייערע מוניציפּאַליטעטן זענען וואָס אַמאָל אָפטער געצוווּנגט צו פאַרבייטן די פוילנדיקע בית-עלמינס אויף פּראַקטישע קרעמאַטאָריומס, וואָס איך דאָך נישט אייך פאָרלייגן דאָס ראַדיקאַלע מיטל פון פאַרברע-נען אַלע בילדער פון דער טויטער קונסט, שוין בלויז דערפאַר, ווייל איך רעכן זיך מיט דעם, וואָס מענטשן זענען צוגעבונדן צו זאַכן, צו וועלכע זיי געוואוינען זיך צו פון קינדווייז-אויף, און אויך פשוט צוליב סיבות, וואָס האָבן אַ שייכות צום ביודזשעט. נאָר איך וויל ווענדן אייער אויפמערקזאַמקייט, ה' מיניסטער, אויף אַ רייע מיטלען, הגם פּאַליאַטיווע, אָבער דאָך אָנווענדבאַרע און ווירקזאַמע.

1. ס'ווערט געמאָלדן דער עפנטלעכקייט, אַז ס'עקזיסטירן מיקעל-אַנדזשעלאָ, ראַפאַעל, טיציאַן (אויב איר וועט דאָס האַלטן פאַר נויטיק, קאָן מען נאָך צוגעבן גווידאָ רעני), דאַנטע, טאָר-קוואַטאָ טאַסאָ, לעאָפּאַרדי, די באַזיליקע פונם הייליקן פּעטער, דער מילאַנער טעמפּל און נאָך אַנדערע לויטן איינזען. דערמיט ווערט

געגעבן אַ פולע באַפרידיקונג די געזעצלעכע ׳געפילן פון ליבשאַפט צו די אָבות און דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

2. באַזוכן מוזעומס, אַלטע קלויסטערס און לייענען די אַזוי גערופענע קלאַסיקער איז ערלויבט בלויז פאַר מענטשן, וואָס האָבן מיט דער קונסט קיין שום געמיינזאַמעס נישט, נישט אַלס פראָדוצירער און נישט אַלס קאָנסומענטן, דהיינו: פאַר סוחרים פון בהמות, קונסט-היסטאָריקער און טוריסטן פון דער אַנגלאָ-זאַקסישער ראַסע.

3. אַלע, וואָס באַשעפטיקן זיך אַקטיוו מיט קונסט, ווערן אויפן חשבון פון דער מלוכה איבערגעפירט פון די שטעט מיט אַ קונסט-פאַרגאַנגענהייט אין די אינדוסטריעלע צענטרן פון לאָמבאַר-דיען און פיעמאָנט. באַזונדערס שטרענג ווען פאַרפאָלגט ווערן די שפּאַצירן פון די קינסטלער איבער דעם רוימישן קאַמפּאַניען און דאָס אַרומפאָרן פון פאָעטן אין גאָנדאָלעס איבער ווענעדיג. איך בין איבערצייגט, ה׳ מיניסטער, אַז די דאָזיקע שכלדיקע מיטלען וועלן אַרויסרופן אַן אמתע פאַנאַגדערבליאונג פון דער איטאַליעני-שער קונסט. נעמט אָן און אַז. וו."

נאָכן אָפּשיקן דעם בריוו האָט דער לערער אָפּגעוואַרט אַן איינלאַדונג פון מיניסטער אויף אויפצוקלערן פאַרשידענע איינצל-הייטן, נאָר קיין איינלאַדונג איז נישט געקומען. שפּעטער האָט דער לערער אָנפאַרטרויט פאַר מיר די מורא, צי דער בריוו איז נישט אַמאָל פאַרלוירן געגאַנגען, — הגם ס׳איז אָפּגעשיקט געוואָרן רעקאָמענדירט,— צוליב דער איבערגעגעבנקייט פון דער איטאַליע-נישער פּאָסט צו די געהייליקטע טראַדיציעס.

דאָס זענען עטלעכע אָנשויאונגען פון לערער וועגן קונסט-שפּעטען וועל איך דערציילן, ווי אַזוי ער האָט אין די יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע געפרוווט זיי פאַרווירקלעכן אין לעבן.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

מסיע דעלע אָדער אַ נײַע פֿאַרקערפּערונג פֿון בודאַן

נאָכן צוריקקומען קיין פּאַריז האָבן מיר געהאַט דורכצומאַכן געוויסע פֿינאַנציעלע שוועריקייטן, צוליב די קאָמפּליצירטע דערפֿאַרונגען, וועלכע דער לערער האָט געמאַכט, צוליב מיסטער קולס אָוועקפֿאָרן — געשעפֿטלעך — קיין טשיקאַגאָ און צוליב אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשעס אומבאַרעכנטן געלט־פּטרן, מחמת אין יענעם פּעריאָד איז ער געווען זייער פּעסימיסטיש געשטימט. ווענדיק אַרויס מיט כּבוד פֿון דער באַשווערטער לאַגע, איז כורעניטאָ אַוועק אין אַ באַקאַנטן „ביוראָ אויף אויסצוזוכן קאַפּיטאַלן" און איז צוריקגעקומען פֿון דאָרט אַ פֿולשטענדיק באַפֿרידיקטער, מיט אַן אַדרעס פֿון אַ געוויסן רענטיע מסיע גאַסטאָן דעלע, וואָס וווינט הינטער פּאַריז אין מאַסי־וועריער און וויל אַרײַנלייגן אין אַ סאָליד געשעפֿט אַ קאַפּיטאַל פֿון אַ פֿערציק טויזנט. „כ'וועל אים פֿאָרלייגן אײַנצוּאָרדנען אַ מאָדערנעם קאַבאַרעט אָדער אַ גרויסן אַנשטאַלט פֿאַר קימפּעטאָרנס", האָט געזאָגט כוליאָ כורעניטאָ, און איז אַוועק צו מסיע דעלע.

דעם אַנדערן אָוונט האָט מיך דער לערער אין אַ באַזונדערן קאַבינעט פֿון „קאַפֿע דע לאַ בורס" באַקענט מיט אַ בידעריקן, פֿעטינקן הער. ער האָט געטראָגן מאָגערע, שאַרף פֿאַרדרייטע וואָנסעלעך אויפֿן רויזיקן, אויסגעוואַשענעם פּנים און דאָס אומפּאַרמײדלעכע אין אַזעלכע פֿאַלן שלייפֿעלע אין קלאַפּע. תּחילת האָבן

מיר באַשלאָסן אויסצוטרינקען „אַפּערעטיוון” און מסיע דעלע האָט אַ קלאַפּ טוענדיק זיך איבער די קניען, אַ געשריי געטאָן: „גאַרסאָן, אַ פּיקאָן-סיטראָן!” און האָט אונז דערקלערט — „דאָס איז זייער גוט צום מאָגן”. דערנאָך האָט ער געשוויגן, ס'האָט גערעדט דער לערער, וועלכער האָט מיך אַביסל טרויעריק געמאַכט, ווייל ער האָט נישט דערמאָנט קיין וואָרט נישט וועגן קאַבאַרעט און נישט וועגן אַנשטאַלט פאַר קימפּעטאָרנס, לחלוטין נישט, נאָר מיט אַ בלייפעדער אין האַנט האָט ער דערוויזן די אומגעוויינלעכע מעלות פון עפּעס אַן אַקציען-געזעלשאַפט „אוניווערסאַל-נעקראָפּאָל”. ס'איז קענטיק געווען, אַז מסיע דעלעס האַרץ רופט זיך אָפּ מיטפילנדיק אויף די אַלע רייד, נאָר די נולן פון די ציפערן האָבן אים געשראָקן. — „פאַרוואָס עפּעס גראָד קיילעכדיקע 300,000, אפשר עפּעס ווייניקער אָדער מער?” און כורעניטאָ האָט דערקלערט: „איר זענט גערעכט, 300,141 פראַנק מיט 80 סאַנטים ריינער ריוח.” נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט אין האַנדלס-אונטערנעמונגען, האָב איך מיך געלאַנגווייליקט, דערפאַר בין איך אָבער באַלוינט געוואָרן נישט בלויז מיט אַ טייערן מיטאָג, נאָר אויך מיט אַ וואונדערלעכער מעשה, וואָס מסיע דעלע האָט מיר טאַקע ביי דעם מיטאָג דערציילט. אומגעריכט האָט ער דערקלערט, אַז אַזוי ווי מיר ביידע זענען איצט זיינע שותפים אין אַזאַ גרויסער אונטערנעמונג, דאַרף ער אונז באַקענען מיט זיין פּערזאָן און מיט זיינע אידעען, וואָרים „געשעפט איז נישט קיין ליבע-אינטריגעלע און, זייט מוחל, אַלע קאָרטן אויפן טיש אַרויף!”

דאָס איז געווען גאָר אַן אויסטערלישע אויטאָביאָגראַפיע, באַגלייט מיט לויבגעזאַנגען פאַר די מאַכלים און מיט אויסקלייבן געטראַנקען. כ'וועל זי דאָ פּרוּוון איבערגעבן מיט מיין אָפּגעשוואַכטן זכרון און מיט מיין פאַרן לויף פון די יאָרן אָפּגעטעמפּטער פעדער.

„גאַרסאָן, איר קענט דערלאַנגען!

„מיין פריינט, איך רעקאָמענדיר אייך טאָן. דאָס איז דער איידלסטער מין פיש און דערביי אויסערגעוויינלעך לייכט צום פאַרדייען. איר חידושט זיך, וואָס איך בין אַזוי פריילעך? יאָ, איך בין שטענדיק פריילעך, וויציק, שאַרפזיניק! וואָס ווילט איר?

גלײַכער שכל! איר, אויסלענדער, דאַרפט זײַן גליקלעך, וואָס איר געפינט זיך אין אַזאַ לאַנד. אַ לאַנד פון שכל און פרײַהייט! איך אַליין וואָלט קיינמאָל קיין אויסלאַנד נישט געפאָרן — באַכהאָס? וויל איך דעם ים — ברעטאַניען! וויל איך בערג — סאַוואָיאַ! וויל איך זון — ניצע! וויל איך וואַלד — פאָנטענבלאָ! וויל איך תענוגים — כּי־כּי! — פּאַריז! איר, זעט איר, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש, בײַ אײַך.. איבעריקנס, לאָמיר נישט רעדן וועגן טרויעריקע זאַכן.

„אַ סך מאָל האָב איך געמוטשעט נפש — וויפיל שלעכטס ס'איז נאָך דאָ אויף דער וועלט! איר זענט דאָך אַ רוסישער, נישט אמת?... בײַ אײַך איז קאַלט! נאָר דערפאַר אַ גרויס לאַנד, און אחוץ דעם זענט איר דאָך אונזערע פאַרבינדעטע! און בײַ אײַך איז נאָך פאַראַן אַ שרײַבער... ווי הייסט ער דאָרטן, אָ, ווי שווער ס'איז צו געדענקען די סלאַווישע נעמען!..... אַ, דערמאָנט זיך! „טאָלסטאָי" — אַן ערך ווי אונזער דיומאַ. וואונדערבאַרער סאָלדאַט זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, וואָלט נישט בעסער געווען אָנשטאָט די אַקציעס צו קויפן רוסישע רענטע? איר זענט זיכער? מיט רענטע איז מען אַביסל רואיקער: טשיק! און פאַרטיק. איך עצה אײַך נישט קיין ראָסטבעף — אויף בײַנאַכט צערודערט עס דעם מאָגן איר, רוסישע — זענט מיסטיקער! און איר זענט אַ מעקסיקאַנער? דאָס איז דאָך אין אַמעריקע? אמת? יאָ! דער אָנקל סעם! נאָר איך בין רואיק, איר טויגט זיך צום עסק. און איצט — וועגן זיך. איך בין שוין אַלס קינד געווען געניאַל. מײַן פאַרשטאָרבענער פאָטער, וואָס האָט געגרינדעט דאָס ביוראָ פאַר אײַנאָרדענען לוויות, פלעגט שטענדיק זאָגן: „קוקט אָן גאַסטאָנען, ער וועט זײַן אַ דעפּוטאַט!" נאָר איך האָב נישט ליב קיין פּאָליטיק. דאָס שטערט צו געניסן פון לעבן.

— גאַרסאָן, אַ פלעשעלע „ווישי", נאָר זעט, ס'זאָל זײַן לײַכט אָנגעוואַרעמט!

„איך זאָג אײַך, כ'בין געווען געניאַל. פון די וויסנשאַפטן האָב איך ליב געהאַט בלויז אַריטמעטיק. כ'פאַרטראָג נישט די אַלע אויסטראַכטענישן און פלוידערייען. גיט מיר קלאָרקייט און לויטערקייט! צו פינף יאָר האָב איך שוין געוואוסט, אַז פאַלן, דער

ווערשינס ייִנגל, מעג מען אָנהערגעגען, און זיקטאָרן, דעם מערס ייִנגל, טאָר מען נישט. כי־כי, — די תורה פון לעבן! און שלאָגן האָב איך שוין געקאָנט אַזוי, אַז ס'זאָלן נישט בלייבן קיין בלויע סימנים. איר ווייסט נישט? „פּאַסאַזש אָ טאַבאַ”. ווייטער! אַז כ'בין שוין אַלט געווען זעכצן יאָר, האָט מיר דער טאַטע געגעבן אַ לואי און געזאָגט: „אין אַלץ, גאַסטאָן, זאָלסטו זיין געמעסיקט”. גרויסע ווערטער! אָרעמער טאַטע! זיי מאַכן דאָ גלענצנד שפּאַרגן! ליידער, געווען דעמאָלט יונג, כי־כי! פאַרגעסן דעם טאַטנס ווערטער. פאַרלוירן דאָס געפיל פון מאָס! אָ, איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט געפיל פון מאָס! דאָס איז שכלדיקע פּאָליטיק, שיינקייט, דאָס איז אַ פולער בייטל, אַ לייכטער מאָגן, אַן אָנגענעם ציטערל ביים אָנקוקן אַ שיינע פרוי. דאָס איז אַלץ! פרייַנט מייַנער (צום לערער), איר זענט נאָך יונג, איר געפעלט מיר, כ'וועל זאָגן נאָך מער — איר זענט ענלעך אויף אַ פראַנצויז, איר זענט כמעט אַ פראַנצויז — געדענקט — מאָס! מאָס! איך בין גרויזאַם באַשטראָפט געוואָרן. כ'האָב געקריגן אַ קאַטאַר. פון דעמאָלט אָן מוז איך זיין פאָרזיכטיק, זייער פאָרזיכטיק און נעמען די פילן „פינק” — אַן אויסגעצייכנט מיטל! איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, כ'בין געווען יונג, דאָס בלוט רוישט. הייליקער אַנטאָניוס! כי־כי! און אָט צו פינף און צוואַנציק יאָר שוין שוואַך געוואָרן.

„כ'גיי אַזוי איבער די בולוואַרן, די זון ברענט, אַזויפיל געשמאַקינקע הינדעלעך, און איך בין רואיק. איך בין אויף דיעטע. איך האָב געהאַט אַ ליבינקע מעטרעסע, מינעט, איר האָט אַזאַ קיינמאָל נישט געהאַט. און וואָס זי האָט אַלץ געקענט! כי־כי! זי פלעגט מיר שטענדיק זאָגן: „אָרעמער גאַסטאָן, געדענקסט, דאַנטאָן פלעגט נאָך זאָגן: „דרייסטקייט, דרייסטקייט און נאָכאַמאָל דרייסטקייט!” (אויפן דענקמאָל לעבן מעטראָ אָדעאָן). אויף אַן אויסשטעלונג האָב איך געקויפט אַ בילד פאַר זעכציק פראַנק — אַ יעגער ראַטעוועט אַ מיידל, וואָס טרינקט זיך אין טייך. אויפגעהאָנגען עס אין מינעטס שלאָפצימער. כ'ווייס נישט, נאָר ס'פלעגט צוגעבן חשק. וואָס? ס'ציט, האַ? כי־כי! —

— גאַרסאָן, דער קאַמעמבער איז גוט? און פריש איז ער?

„נאָר מיינט נישט, אַז אַחוץ ליבע איז גאָרנישט געווען, כ'האָב
זיך פאַרזוימען מיט געשעפטן. איבערגענומען דאָס „לויות־ביוראָ",
אַנטוויקלט עס, פאַרברייטערט, און עס געמאַכט פאַר דעם גרעסטן
געשעפט פונם גאַנצן קוואַרטאַל מאָנרוזש. וואָס איז דער טויט?
אַ סוף! אויס קושן, אויס ווייַן, אויס אַלץ! אַ לעכל! טויט אַ שמעק
דעם קאַמעמבער — ווי פיין ער שמעקט. איך גלויב נישט אין די
אַלע נאַרישקייטן. איך בין אַ פרייער מענטש, אָן פאָרורטיילן.
וועגן מיר האָט מען גערעדט אַפילו אין פאַרלאַמענט, דאָס הייסט
נישט וועגן מיר, נאָר ס'איז אַלצאיינס, איך בין דאָרט געווען. כ'בין
געפאָרן צום פעטער קיין פערפיניאַן. פאַראַן דאָרט אַ מער — אַ
ברייטער מענטש, אַ פילאָזאָף, אַן אמתער וואָלטער. ער האָט באַפוי-
לן אַרויסצוטראָגן פון קלויסטער די פליטעס מיט די כלערליי ביס-
קופן, הייליקע, מיט איין וואָרט די קלעריקאַלן, און אויסברוקירן
מיט זיי דעם עפנטלעכן קלאָזעט. איך בין אַליין בייגעווען ביים
פייערלעכן ווערניסאַזש. מ'האָט אונז גענוג אויסגעמאַטערט. און
דער קלעריקאַל באַרעס — אַן אָנפראַגע אין פאַרלאַמענט. איך בין
גרייט געווען צו ליידן פאַר דער אידעע, נאָר גאָרנישט. די אינ-
קוויזיציע־יאָרן זענען שוין אַריבער. סיי־ווי, וואָס איז דער טויט? —
אויס — און פאַרטיק! וואַרטן מער איז נישטאָ אויף וואָס! נאָר ד
לויה דאַרף זיין אַ שיינע, ווי דאָס גאַנצע לעבן. און אין „ביוראָ
איינצוואָרדנען לויות" האָב איך אַריינגעפירט די טיפסטע פילאָזאָפיע.
ביז מיר זענען געווען פופצן קלאַסן, איך האָב צוגעגעבן נאָך
צוויי — איינעם אַ העכערן, „אויסער די קלאַסן", נו, יאָ, פאַר
משוגעים, שוטים, וואָס וואַרפן געלט דורכן פענסטער: ס'וואָלט גע-
ווען אַן עבירה פון אונז, פראָסטע מענטשן, נישט אויפצוהויבן
נאָר דערפאַר די לויה אַ פראַכטפולע, קינסטלערישע. צווישן די
דאַמען צעטיילט מען אַפילו אָנגעפאַרפומירטע שפיצן־טיכעלעך. און
דערנאָך פאַר אָרעמע לייט — אַ זעכצנטן קלאַס. איך בין אַ מענטש
אַ גוטער, און דערצו האָב איך ליב גערעכטיקייט. מ'דאַרף, אַז אַלע
זאָלן האָבן דאָס רעכט צו ווערן באַגראָבן. צוליב־וואָס דערצערנען
אָרעמע־לייט, דאָס איז בלויז אויף דער האַנט די פאַרברעכער, ד'
פאַרשידענע סאָציאַליסטן. מ'דאַרף, פאַרשטייט זיך, זען, אַז יעדער

זאָל זיך האָבן זיין פּלאַן — פּראָסט, ערלעך, אויף דריי יאָר. דער־
נאָך, אָפּגעלעגן, גענוג, לאָז־צו אַן אַנדערן. אָנהייבנדיק פון זעקסטן
קדאָס — באַקומט שוין יעדער אַ מצבה אַלס זיין אייביק איי־
גנטום. סאָלידע מענטשן פאַרדינען רואיקייט. מיינע פריינט, דאָס
איז אַ גאַנץ סיסטעם אַזאַ, דערלייטער פון דער וועלט, אַ טיפקייט!
איך וואָלט געוואָלט, אַז מיך זאָל מען באַגראָבן לויט דער דריטער
אָדער פערטער ריי — ס'איז אָנגענעם, אָנשטענדיק, איך שריי
ישט: „איך אַזוינער און אַזוינער בין אויסער אַלע קלאַסן", — ניין,
איך זאָג איידל: „איך, דעלע, האָב געלעבט ערלעך, פאַרדינט ער־
לעך, געשטאָרבן, און אָט אויפ'ן עולם האמת, אָפּרו, שלאָף!" נישט
אמת? נאָר, גענוג שוין וועגן טויט. צו איינאונפערציק האָב איך
חתונה געהאַט. אגיסגעקליבן די יונגינקע, פרישינקע מאַד־מואַזעל
באָע—נישט געהערט פון איר? אַ טאָכטער פון דעם פאַבריקאַנט, וואָס
מאַכט קאַנאַליזאַציע־מכשירים. נאָך 20,000. כי־כי! כ'וועל גאָרנישט
זאָגן, וואָס ווייטער איז געווען!... טרעפט אַליין! כ'בין געווען
גליקלעך, אינדערפרי די קאַווע, אינאָווגט די צייטונג, און דערלעבן
זיצט מאַריע און וואַרט. נאָר ליידער! דער גורל האָט אַנדערש באַ־
שלאָסן. אַן אומגליקלעכער קימפּעט. דאָס קינד איז געבליבן לעבן,
מאַריע איז געשטאָרבן. אָרעמע מאַריע!

— גאַרסאָן, קאַווע און „קאַלוואַדאָס", און איר? — אַ נעקטאַר
אַזאַ! — דריי „קאַלוואַדאָסן"!

„דאָס יינגל! — קוקט אָן די פאָטאָגראַפיע. אַ כוואַט אַ יינג!
אַ גאָון! פיר יאָר אַלט, און ווי אַזוי ער לייענט שוין! אוועקגעפירט
אים צו דער שוועסטער. און אָט בין איך אַליין: לעב זיך שטיל.
נאָך דעם אַלעם האָב איך דאָס „ביוראָ" פאַרקויפט: מאַריען האָב
איך נאָך אַליין באַגראָבן. גענוג געהאָרעוועט: געקויפט זיך אַ שיינ־
טשיקע ווילע, פאַרזעץ מיר פאַסאָלעס און שמעקעדיקן ארבעס. ווי
וואונדערשיין ס'איז די נאַטור! איך האָב אַ בעל־הביתטע! כי־כי!
זיזי! ממש אַ קנאָספּעלע! איר האָט דאָך זי געזען! וואָס? ס'ווילט
זיך?... איך בין נאָך מונטער, פריש, איך לעב. איצט האב איך
באַשלאָסן אינוועסטירן מיינע קאַפּיטאַלן. כ'האָב אַפילו גערעכנט
רוסישע רענטע, נאָר ער האָט מיך איבערצייגט — „בעקראָפּאָל".

מילא, אינוועסטירן איז אינוועסטירן: דריי יאָר זיך אויסגערוט. קאָן מען ווידער אָנהויבן אַביסל אַרבעטן... דער עיקר, גוט פריער אויס־רעכענען, וועט זיין פּאַרדינסט — וועט זיין אי קאַלוואַדאָס, אי זיזי, אי אַרבעסלעך, נאָר אין דער מאָס, דעמאָלט איז דאָס לעבן פּרעכטיק !...״

מסיע דעלע איז עפּעס קענטיק מיד געוואָרן מיטאַמאָל. איי־דער ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם „קאַלוואַדאָס״, האָט ער אים אַביסל אונטערגעהאַלטן אין מויל, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון דער קאַנאַפּע, אָפּגעשפּיליעט דאָס לעצטע קנעפּל פון וועסטל און געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך, ווי פּאַרגליווערט.

דעמאָלט האָט דער לערער געזאָגט צו מיר: „מסיע דעלע וועט זיין מיין זעקסטער תּלמיד״. מסיע דעלע האָט זיך ווי אויפגע־כאַפּט אַ רגע און אַרויסגעמורמלט: „תּלמיד? ניין! מיר וועלן זיין צוויי גלייכע שותּפים... ער וועט זיך צעבליען — אונזער „אוניווער־סאַלער נעקראָפּאָל״, — נאָר גלייך איז ער צוריק אַריינגעפאַלן אין אַ באַוואוסטלאָזיקייט.

„ער איז רייף געוואָרן, ער איז פּאַרטיק, ער פליסט, אָט אַזוי ווי דער וואונדערלעכער קאַמעמבער! קינד, אויב אין דיין נשמה וועלן זיך אַריינגנבענען ספקות, טו גלייך אַ קוק אויף מסיע דעלע און וועסט פאַרשטיין, אַז דער סוף איז נאָענט. ס׳קאָן זיין, אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל זיין אַזוי ווייט פאַרגאַנגען פאָרויס אויפ׳ן וועג צו דער צוקונפט, ווי ער, ווייל דער פרימאָרגן ווערט געבוירן פון דער שפּעטער נאַכט״. דערנאָך איז דער לערער אויפגעשטאַנען און מיר באַפוילן אויפצושטיין: „קוק נאָך! קוק אים אָן!״

מסיע דעלע איז געזעסן מיט אַ פאַרגליווערטן, אומזיניקן בליק, אָנגעשטעלט אויף דער ווייטקייט, מיט אַ פאַרלאָשענעם פאַפּיראָסן, קאָרעק, צוגעקלעפּט צו דער אונטערשטער ליפּ, מיט איין האַנט דריי־קנדיק דאָס פּיילכן־בוקעטל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און מיט דער אַנדערער באַמבלענדיק די ברעלאָקלעך: „גלויבן, האָפנונג, ליבע״, וואָס זענען אים געהאָנגען אויף דער וועסט. „זע, דאָס איז שוין נישט מסיע דעלע. דאָס איז שוין בודא, וואָס זאָגט אָן די

לעצטע רו. צו נירוואַנע פירן צוויי וועגן — דורך פולן אָפּזאָגן־זיך, פולער פאַרניינונג, דער וועג פונם אַסקעט אָדער בודהיסט, אָדער דורך דעם דאָזיקן תענוג פון זיין, דורך דעם לעצטן קוויקן זיך. זע, מסיע דעלע איז שוין נישט אויפן וועג צום סוף: ער איז דער סוף אַליין, דער איבערריס, גאָרנישט!" און דאָס זאָגנדיק, האָט דער לערער, און דערנאָך איך, ביידע האָבן מיר זיך מיט ערפורכט פאַרנייגט פאַר מסיע דעלע. — מסיע דעלע האָט, וואַרפנדיק אויף אונז אַ ווינקל־בליק, אין פולער זיסקייט אַרויסגעשעפטשעט: „יאָ, יאָ, איך ווייס! דאָס זענען די באַרבאַרישע מנהגים פון אייערע לענדער! נאָר איצט זענט איר אין פראַנקרייך, איר זענט פרייע מענטשן, דערלאַנגט מיר בעסער אַ גלאָז וואַסער, איך מוז איינגעמען די פילן. אַז נישט — איז דער מאָגן, דער מאָגן, מיין אָרעמער מאָגן!..."

דאס צענטע קאַפּיטל

דײַטשלאַנדס — זעקס מאַרק שטראָף און שמידטס אָרגאַניזאַציאָנעלע פּעיקײטן

תחילת נײַנצן הונדערט פֿערצענטן יאָר איז אײנם לערערס כאַראַקטער און לעבנס-אַרט אַרײַנגעטרעטן אַ שאַרפֿע ענדערונג- נישט די דערפֿאָלגן פֿון מיסטער קול, װעלכער האָט נאָכן צוריקקומען פֿון אַמעריקע אַרױפֿגעפֿירט אױפֿן װעג פֿון אמת אײנעם פֿון די רױטשילדס (אָן אמתן), צװײ ראַדיקאַלע זשורנאַליסטן, װאָס זענען קראַנק געװאָרן אױף פּאָדאַגרע, און מער װי צװאַנציק פּאַפּיאַסן, װעלכע מ'האָט געבּרענגט אױף דער אינטערנאַציאָנאַלער אױסשטעלונג פֿון חיות-צוכט; נישט די דראַמעס פֿון אַלעקסײ ספּירידאָנאָװיטש, װעלכער האָט, אַזױ װי קײן גאָט איז נישטאָ, און אַזױ װי זײַן נײַע כּלה האָט זיך לײַכטזיניק אױפֿגעפֿירט, באַשלאָסן צו באַגײן זעלבסטמאָרד און צו דעם צװעק האָט ער טאָג-טעגלעך פֿאַר די אױגן פֿון דער דאָזיקער, איבעריקנס גאָרנישט שרעקעדיקער פּערזאָן, אײַנגענומען ענגלישע זאַלץ, זאָגנדיק, אַז דאָס איז ציאַן-קאַלי, און געפֿאָדערט דערבײַ פֿרישע שבֿועות פֿון געטרײַשאַפֿט; און אױך נישט אײַשאַס נײַער גאָט פֿליק-פֿליק, װאָס איז באַשאַפֿן געװאָרן לױטן מוסטער פֿון פּאָליציאַנט, װעלכער שטײט אַנטקעגן אונזער הױז און װעלכער איז זײער שטאַרק געפֿעלן געװאָרן מײַן שװאַרצן ברודער, — אַ שטאָלצער, אַ גרױזאַמער, װאָס װײַזט אָן די גורלות

פון די וועלטן מיט זיין באַפעלעריש שטעקעלע — דאָס אַלץ האָט שוין מער נישט אינטערעסירט דעם לערער. ער איז געוואָרן ערנסט כמעט פאַרמרה־שחורהט, פלעגט אָפּט אַוועקגיין פון אונז, און איך פלעג אים באַגעגענען אין דער געזעלשאַפט פון די פאַרשידנסטע מענטשן, ווי אַ שטייגער: סערבישע סטודענטן, דייטשע קאָמיוואָיאַזשאָרן, פאַרדעכטיקטע ביז גאָר, און פראַנצויזישע פיגאַנסיסטן. איינמאָל האָב איך אים אַפילו געטראָפן מיט אַ רוסישן מאָנאַך, אַ ליבלינג פון די אַריסטאָקראַטינס, וואָס לעבן אַ גוטן טאָג אין פּאַריז, וועלכער האָט געשריגן אויף כורעניטאָן: „כ׳שפּיי דיר אָן, זשאַבע איינע, אַ פול מויל! טראָג דיך אָפּ פונדאַנעט, אַנטיקריסט איינער!“ און דערנאָך האָט ער געשעפּטשעט: „וואַרפט צו, פּאָטערל, אַ הונדערט־רובל־שטיק, כ׳וועל אַריבערפירן אָן שהיות“. דער לערער האָט אונז נישט דערקלערט, צוליב וואָס ער האָט באַדאַרפט די דאָזיקע מענטשן. גאַנצע נעכט פלעגט ער אָפּזיצן איבער לאַנגווייליקע פאָרשונגען, ווי אַ שטייגער — איבער דער סטאַטיסטיק פונעם דייטשן אָדער ענגלישן עקספּאָרט, פון פאַרשידענע קוילנגרובנס, א. אַז. וו. איבער די בילדער פון פּיקאַסאָ און לעזשע זענען איצט אויף די ווענט געהאָנגען מאַפּעס פון אַפריקאַנישע קאָלאָניעס און קאָמפּליצירטע דיאַגראַמעס.

אין מערץ חודש האָט דער לערער דערקלערט, אַז ער מוז נויטיק אַוועקפאָרן קיין דייטשלאַנד אויף עטלעכע וואָכן און האָט פאָרגעלייגט, מיר אַלע זאָלן אים באַגלייטן, ווייל די דאָזיקע נסיעה וועט זיין זייער אַ באַלערנדע. מסיע דעלע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, דערקלערנדיק, אַז ס׳איז אים בכלל דערווידער צו פאָרן קיין אויסלאַנד, בפרט נאָך צו די פּרוסאַקעס. נאָר דער לערער האָט אים לייכט און שנעל איבערגערעדט. מיך האָבן שטענדיק איבערראַשט כורעניטאָס איינפאַלן און די פאַרשידנאַרטיקע מיטלען, וועלכע ער האָט אָנגעווענדט אויף צו דערנענטערן צווישן זיך פאַרשידענע פאָרשטייער פונעם מענטשלעכן מין. און באמת, ווי אַזוי האָט ער געפועלט ביים קאַרגן און כיטרען וואוכערער מסיע דעלע, אַז ער זאָל אים אָפּגעבן דאָס געלט זיינס, וואָס ער האָט צונויפגעשלעפּט פון כלערליי מתים? ווי אַזוי האָט ער איבערצייגט דעם דאָזיקן

בעל־גוף, וואָס איז ביז פֿינף און פֿערציק יאָר אָפּגעזעסן ביי זיך אין ביוראָ אָדער אין קאַפֿע ביי זיך אויף דער גאַס, אַז ער זאָל וואַרפֿן זיין זיזי און דעם גרינעם אַרבעסל און גיין אויף עק וועלט מיט עפּעס אַ צופֿעליקן פֿאַרבייגייער? אָ, פֿאַרשטענדלעך, אַז דער לערער האָט גענומען מסיע דעלען נישט מיט דער צוקונפֿטיקער מענטשהייט, ניין, מיט אַ סקרופּולעזער פּינקטלעכקייט האָט ער דערוויזן דעם פֿראַנצויז, אַז נאָר זיין וועג פֿירט צו רייכטום, צו גליק, צו די זיסקייטן פֿון לעבן. דאָס לעבן האָט דווקא אָפּגעלייקנט די דאָזיקע באַווייזן, וואָרים פֿערציק טויזנט זענען צערונען געוואָרן, און קיין ריווח האָט מען נישט געזען, נאָר דערפֿאַר כורעניטאָס פּינקטלעכע אויסרעכענונגען זענען געבליבן, און ווען מסיע דעלע איז מאָראַליש שוואַך געוואָרן, האָט זיך תּיכּף באַוויזן דער לערער מיטן בלייפֿעדערל אין האַנט, האָט אויסגעראַכט די קליינלעכע זאָרגן און פֿאַרגעסן גילדענע בערג אין דער צוקונפֿט. דאָס אייגענע איז אויך איצט געווען. דער לערער האָט באַוויזן מסיע דעלע, אַז די דייטשן זענען מער פֿון אַלע פֿאַראינטערעסירט אין „אוניווער־סאַל־נעקראָפֿאָל“ און אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע פֿאָרורטיילן, וועלן זיי דאָך אַוועקשטעלן די זאַך אויף די פֿיס. „נישטאָ קיין עצה — געשעפֿטן, געשעפֿטן!...“ האָט מסיע דעלע געזאָגט, אַריינזעצנדיק זיך אין וואַגאָן און געבנדיק די לעצטע אָנווייזונגען צו מאַדמואַזעל זיזי, ווי אַזוי צו באַגיסן די ביימן מיט די באַליבטע אַרבעסלעך.

און אַזוי זענען מיר אַריינגעפֿאַלן קיין דייטשלאַנד, און מ׳דאַרף מודה זיין, געפֿילט זיך דאָרטן נישט איבעריק גוט. מער פֿון אַלע האָט געליטן ערקאָלע, און זיינע ליידן זענען געוואָרן דער קראַנקער פּונקט פֿון אונזער בודזשעט. נישט מחמת שלעכטן ווילן, נאָר פּשוט צוליב זיין קינדערישער אוממיטלבאַרקייט האָט ער געטאָן אַלץ קאַפּויר, און מיר האָבן אַ פֿינף מאָל אין טאָג געמוזט באַצאָלן כלערליי שטראָפֿן. זיין באַליבטן „הינטישן ווידל“ האָט ער פֿאַררויכערט אין קופּע פֿאַר נישט רויכערער, שאָלעכץ פֿון באַנאַנען האָט ער געוואָרפֿן אַ שוצמאַן אונטער די פֿיס, ער איז געגאַנגען דווקא אויף די אַלעען, אויף וועלכע גיין איז געווען פֿאַרבאָטן, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען אויף די פּלייצעס

פון די מאַרמאָרנע ווייבער אַרום דעם ביסמאַרק-דענקמאָל, וועלכע זענען אויף צו להכעיס, געווען גאָר אַלעגאָריעס, און נאָך אַ רייע פאַרברעכנס איז ער באַגאַנגען. גאָר טייער האָט אים געקאָסט זיין אומשולדיקע ליידנשאַפט צו שפּייען. ווען אַ פּאָליציאַנט האָט אים אַרעסטירט אין פראַנקפורט און געבראַכט צו דער אויספאָרשונג, האָט ער אין קאַבינעט איינמאָל אַ שפּיי געטאָן — ווי ער אַליין פאַרזיכערט, זייער גראָטן — איבער די טעקעס מיט פּאַפּירן, צווישן דעם קאָפּ פון באַאַמטן און דעם ביוסט פון קייזער, אין שפּיקעסטל אַריין, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל; ער איז דערפאַר אויך אַריינגעפאַלן אין תפיסה אַריין, און כורעניטאָ האָט אים באַפרייט, באַצאָלנדיק אַ נישקשהדיקע סומע און פאָרשטעלנדיק אַ מעדיצינישע צייגניש, אַז ערקאָלע איז נערוועיש קראַנק.

מסיע דעלע איז שטאַרק טרויעריק געווען, ער האָט פאַרלוירן זיין מונטערקייט און „דראַנג", ער האָט געזאָגט, אַז ווען אַלע פרויען זאָלן האָבן אַזעלכע גראָבע לידקעס, און אין אַלע רעסטאָראַנען פון דער וועלט זאָל מען שפּייזן מיט צעקאָכטע קאַרטאָפל, וואָלט באמת נישט כדאי געווען צו לעבן אויף דער וועלט. „ס'איז קלאָר פאַרוואָס די דייטשן אינטערעסירן זיך מיט „נעקראָפּאָל". וואָס דען זאָלן זיי טאָן אין דעם דאָזיקן לאַנד, אויב נישט שטאַרבן?"

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט געזיפצט און געקרעכצט און ענדלעך געפּאַקט אַ פילאָזאָפיע-מאַגיסטער פון האַלע און באַשלאָסן אים אָנצוטרויען זיין נשמה, אַרויסזאָגן פאַר אים אַלע זיינע ספקות צי ס'איז בכלל פאַראַן אַ לאָגיק, און דערביי האָט ער דאָס צום טויזנטסטן מאָל אילוסטרירט מיט דער געשיכטע פון זיין לעבן. נאָר דער מאַגיסטער האָט אַרויסגעוויזן אַן אומפאַרשטענדלעכע גלייכגילטיקייט. אין אָנהויב פון געשפּרעך האָט ער דערלאַנגט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן אַ גענויע ביבליאָגראַפיע וועגן דער פראַגע, וואָס האָט אים אינטערעסירט, דערנאָך האָט ער דעם צעטל פון ביכער איידל צוגענומען און אים געגעבן אַן אַדרעס פון אַ היילאַנשטאַלט מיט וואונדערלעכע שפּריץ-בעדער. פון גרויס צרות האָט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש דעמזעלבן אָוונט דערציילט די געשיכטע

פון זיין לעבן פאַר דער קעלנערקע קלערכען, אַ קאָרפּולענטע בלאָנדינקע, וועלכע האָט פאַרגאָסן אמתע טרערן און האָט תיכף פאַרגעלייגט איר דינסט „ווי אַ ליבנדיקע שוועסטער", און פאַר דעם אַלעם האָט זי געבעטן בלויז צען מאַרק, ווייל זי האָט זיך געזאַמלט געלט אויף צו קאָנען חתונה־האָבן מיטן הער אָטאָ, דעם אָנגעשטעלטן אין ציגאַרן־מאַגאַזין.

איישאַ האָט פראָסט און שטיל געפּרירט, הילנדיק זיך אין לערערס געקעסטלטן פּלעד.

איך האָב געבענקט נאָך די פּאַריזער שענקלעך און אומזיסט זיך געמיט צו פּאַרטוישן די „ראָטאָנדע" אויף די קאַפע־הייזער מיט די געקעסטלטע צעראַטעס אויף די טישן און מיט די בתולות אין פּריזירטע טשעפּעקעס.

איין מיסטער קול האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סמנים פון אומצופרידנקייט, ער האָט ליב געהאַט צו רייזן און האָט געהאַלטן כּורעניטאָן פאַר אַ פעיקן פירער: אין יעדער שטאָט האָט ער זיך תיכף אינפאָרמירט, ווי עס האַלט דער קורס פון דאָלאַר, וויפיל קירכעס עס זענען פאַראַן און וויפיל שולן, און אויך צי ס׳זענען דאָ אַ סך אַנשטאַלטן, וואו מ׳וואָלט געקאָנט אַריינשטעלן זיינע אויטאָמאַטן.

דער לערער, וואָס פלעגט אין די פרימאָרגנס אַוועקגיין אויף חיכטיקע געשעפטלעכע זעונגען, פלעגט אין די נאָכמיטאָגס אַרומגיין מיט אונז באַקוקן די שטעט, וואָס מיר זענען פאַרבייגעפאָרן. אַלץ האָט געצויגן אויף זיך זיין אויפמערקזאַמקייט, און אַלץ, דאַכט זיך, האָט אים געבראַכט אין אַ גוטער שטימונג. באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט אונז צו ווייזן אוניווערסיטעטן, קאַזאַרמעס און שענקען; דאָס זענען, לויט זיינע ווערטער, די „עמבריאָנען פון דער נייער געזעלשאַפט". צעהאַקטע פון די כסדרדיקע דועלן, ווי קאָטלעטן, האָבן די „בורשן", ווי פּאָלגעוודיקע קינדער, אַרויסגעלייגט די נעגל פון די פינגער אויף די שטענדערס און אויפמערקזאַם פאַרגומען די וואונדערלעכע וועלט־קאָנצעפּציע אין דעם פּאַטאָס פון קאַנטן אָדער אין דעם שאַרפזין פון העגעלן, גרייטנדיק זיך צו דער ערלעכער קאַריערע פון דרעסירער פון פויערים־

קינדער אָדער פון באַאַמטע אינם מלוכה־אַקציז. אויף די זעלנערישע איבונגען האָט זיך דער לערער געקוויקט מיט די גלײכמעסיק־אויסגעשטרעקטע בריסטן, מיט די אויסגעגלײכטע בײכער, מיט די פּנימער, וואָס האָבן פאַרלוירן יעטוועדן אינדיווידועלן זין, און מיט די אַלע „רעכטס״־, „לינקס״־געשרייען, וואָס האָבן יעדע רגע איבערגעדרייט דאָס בילד. ווען דער אונטער האָט דערלאַנגט אין באַק אַריין איינעם אַ פּריק, וואָס האָט אַ קער געטאָן אָן אַ זייט זיין נאָכנישט־דיסציפּלינירטן קאָפּ, האָבן אַלע, און צווישן זיי אויך פּריץ אַליין, אויסגעדריקט זייער פולע באַפרידיקונג, וואָרים ס'האָט זיך געהאַנדלט נישט אין פּריצס אויסגעהאַקטן צאָן, נאָר אין פאַרריכטן דעם וואונדערלעכן מעכאַניזם. שפּעטער זענען מיר אַרייַנגעגאַנגען אין איינעם פון די פינף־שטאָקיקע שענקען, וואו צוויי טויזנט באַזוכער האָבן רעגולער אַדורכגעלאָזט דורך זייערע מאָגנס פון צען ביז פופצן טויזנט ליטער ביר. אַלע זענען געזעסן אַרום גלייכע טישן: מענער, פרויען, קינדער. די קעלנערינס האָבן פון די קראַנען, וואָס זענען געווען איינגעמויערט אין די ווענט, יעדע מינוט אָנגעפילט צענדליקער מאָנומענטאַלע ליימענע בעכערס. דערנאָך האָט זיך אַ פּאַרטיע באַזוכער אויפגעהויבן און אַרייַנגעגאַנגען אין שכנותדיקן גרויסן צימער, כדי נאָכן לייכטער מאַכן זיך ווידער צו באַנייען די איבערגעריסענע אַרבעט. איבעריקנס, האָט דאָס געהייסן פאַרווײלן זיך, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט קריגס־מאַרשן, עטלעכע טאַטעס האָבן געלייענט הומאָריסטישע זשורנאַלן און געלאַכט אויפן קול, אַנדערע האָבן טעמפּ געקוקט אויף די ווענט, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט גלייכווערטלעך און קלוגע סענטענצן: „טרינק רואיק, גאָט וואַכט איבער דעם דאָזיקן הויז!״

א. ד. גל.

„קוקט זיך צו״, פלעגט זאָגן דער לערער נאָך אַזעלכע שפּאַצירן, „אומעטום לעבן די מענטשן פּשוט צוליב דעם שטילן ביסל גליק, צוליב דער אומשולדיקער פרייד, זאָגן, אַז זיי האָבן ליב, קרענקען און מאַטערן זיך, און דערנאָך שטאַרבן זיי. דאָ אָבער זענען די מענטשן באַהערשט דורך איין פאַרלאַנג, סיי אין די שולן, סיי אויף די מיליטערישע פּלעצער און סיי אין די דאָ־

ריקע ביר-האַלעס,—זיי שמידן מיט פאַרקריצטע ציין פון פרי ביז נאַכט גרויסע קייטן פאַר זיך און פאַר אַנדערע, קייטן, אָדער מעגלעך אַזעלכע איידעלערע ווינדעלעך פון בלעך פאַר די שטאַרק-געליבטע קינדערז!"

ווען מיר זענען איינמאָל, בעת אַזאַ שפּאַציר איבער שטוט-גאַרט, פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ וואונדערלעכן בלומען-בייט אין שטאָטישן גאָרטן, איז געשען אַ זאַך, וואָס איז אומגעווייגלעך פאַר דייטשלאַנד און וועלכע האָט אַריינגעברענגט אין עקסטאַז אונזער ערקאָלע. איבער אַ ליידיקער סטעזשקע אַנטקעגן אונז איז געגאַנגען אַן אָרעמע פרוי מיט אַ קינדביים ברוסט און אויך אַ יונגער סטו-דענטל מיט אַ צעראַטן היטל, לויטן אויסזען אַ מילדער און טרוי-מערישער. דער סטודענט האָט איידל באַגריסט די פרוי, און רעדנ-דיק מיט איר אַ מינוט צוויי, איז ער פאַרטראַכטערהייט אַוועקגע-גאַנגען אַן אַ זייט. ביז איצט איז אַלץ געווען פולשטענדיק אין אָרדנונג, נאָר ווייטער איז געשען דאָס אומפאַרשטענדלעכע. דער סטודענט איז פולשטענדיק רואיק אַריבער די פאַרצוימונג אַרום דעם בלומען-בייט און פלייסיק גענומען טרעטן די ערשטע מערק-היאַצינטן. „אָט דאָס איז אַ זשעסט!" האָט ערקאָלע געשריגן אַ פאַר-שכורטער, „באַלד וועט מען אים אַ כאַפּ טאָן, אַזוי ווי מיך דע-מאָלט!.." נאָר אַרום איז קיינער נישט געווען. דער סטודענט איז אַ ווײַלע געשטאַנען, דערנאָך אַוועקגעגאַנגען צו די טויערן און, אָפּזוכנדיק אַ שוצמאַן, גענומען אים געבן דערקלערונגען. דאָס איז שוין געווען נאָר אינטערעסאַנט, און מיר זענען נאָכגעגאַנגען נאָך אים. אָט וואָס דער סטודענט האָט דערקלערט דעם שוצמאַן:

„איך הייס קאַרל שמידט, סטודענט פון טעכניקום. נאָר וואָס האָב איך אין פאַרק צעטרעטן דעם בלומען-בייט, אַלס פּראָטעסט קעגן דער שלעכטער אָרגאַניזאַציע פון דער מלוכה!" דער שוצמאַן האָט אים גלייכגילטיק אויסגעהערט און אַרויסגענומען אַ קוויטאַנציע-ביכל: „איר וועט דאַרפן באַצאָלן זעקס מאַרק שטראָף!" „איך האָב נישט מער, ווי 2 מאַרק 18 פעניג". „דאַן זייט אַזוי פריינטלעך און קומט מיט מיר!" מיר זענען אויך מיטגעגאַנגען אין דער שטאָטישער פּאָליציי, אויפן גאַס איז געבליבן בלויז ערקאָלע און

איישאַ, כּדי נישט צו ברענגען נישט זיי און נישט די פּאָליציי־באַאַמטע צו איבעריקע נסיונות.

„דערקלערט אייער טאַט", האָט געזאָגט צו שמידטן דער דיזשורירנדיקער באַאַמטער. „כ'האָב פּראָטעסטירט געגן דעם ווילדן סיסטעם פון געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט. אין גאָרטן האָב איך באַגעגנט די פרוי מילער, די אַלמנה נאָכן פאַרשטאָרבענעם שטיינהעקער. פאַראַיאָרן האָט זי מיר געוואַשן וועש לויט אַ ביליקן טאַריף. זי האָט זיך געפרעגט — צי כ'ווייס נישט וועגן עפּעס אַן אַרבעט פאַר איר, ווייל נאָכן טויט פון איר מאַן גייט איר זייער שלעכט. פרוי מילער האָט אַ קינד ביי דער ברוסט, קאָן זי נישט געפינען קיין שטעלע. זי האָט מיר איך דערציילט, אַז זי האָט געמוזט פאַרזעצן אַ קאָלדרע און אַז צוליב דער נישט־גענוגנדיקער דערנערונג קומט איר אַוועק די מילך. נאָך דעם האָב איך דערזען די בלומען־בייטן פונם שטאָטישן גאָרטן. אויף אויסצוהאַלטן די דאָזיקע בייטן ווערן אויסגעגעבן גרויסע סומעס, און דער זון פון פרוי מילער, אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, אַ קינפטיקער וועלער פון רייכסטאַג, קאָן דערווייל שטאַרבן צוליב אַ ביסל מילך. ס'גייט מיר גאָרנישט אין רחמנות אויף פרוי מילער, הגם זי איז אַ גאָר אָרנטלעכע פרוי. איך בין גרייט צו באַרעכטיקן די פאַרניכטונג פון טויזנטער זויג־קינדער פאַר דער טובה פון דער געזעלשאַפט, נאָר איך קאָן נישט פאַרטראָגן אַזאַ אומזיניקייט. כ'האָב צעטרעטן די בלומען, וועלכע כ'האָב אָגב בכלל פיינט, אַלס אַן אומניצלעכע זאַך, — בכדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט פרעסע און רעגירונג אויף די דאָזיקע בזיונדיקע ווידערשפּרוכן!"

דער שוצמאַן האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, פאַרשריבן די דערקלערונגען און דערנאָך געפאָדערט די זעקס מאַרק: „די שטראָף קאָן פאַרביטן ווערן אויף אַרעסט!" — דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער לערער. ער האָט פריינטלעך פאָרגעלייגט שמידטן די דריי מאַרק 82 פעניג, וואָס פעלן אים צו, זאָגנדיק, אַז אַ מענטש מיט אַזאַ שכל קאָן נישט פאַרלירן קיין צייט אין אַרעסט־הויז.

דערנאָך זענען מיר אַלע, צוזאַמען מיט ערקאָלע און איישאַ, אַוועק צו שמידטן. ער האָט געוואוינט אויף אַ בוידעם אין אַזאַ

ענגשאַפט, אַז מיר אַלע האָבן די גאַנצע צייט געמוזט שטיין אומ־באַוועגלעך, ווי אויף אַ טראַמוואַי־פּלאַטפאָרם, נאָר דערפאַר איז געווען זייער ציכטיק. אויף דער וואַנט זענען געהאָנגען פּאָרטרעטן פון פאַרשידענע פּערזאָנען, ווי אַ שטייגער: פון קייזער ווילהעלם, פון קאַרל מאַרקס, פון פילאָזאָף קאַנט, פון ה׳ אַשינגער, דעם אייגנטימער פון 170 רעסטאָראַנען אין בערלין, מיט וועלכנס אָר־גאַניזאַמאָרישן טאַלאַנט שמידט האָט זיך נישט ווייניק אַנטציקט, און אַ גרויסע מאַפּע: „סיסטעם פון פאַנאַנדערטיילן די וואָכעדיקע און יום־טובדיקע טעג פון טעכניקום־סטודענט קאַרל שמידט". די גאַנצע צייט, פון זיבן אינדערפרי, ווען שמידט איז אויפגעשטאַנען, ביז עלף אינאָוונט, ווען ער האָט זיך, אויסער שבת, געלייגט שלאָפן, איז געווען שטרענג פאַרטיילט פאַר פאַרשידענע באַשעפ־טיקונגען. אַזוי אַ שטייגער פון 10 ביז 11 יעדן שבת אין אָוונט האָט זיך שמידט אָפּגעגעבן דער ליבע. ער האָט אונז דערקלערט, אַז די ליבע אינטערעסירט אים ווייניק, אַז ער האָט אַפילו געהאַט בדעה צו בלייבן ביי דער אומשולד, נאָר דאָס וואָלט פאַרלאַנגט צייט און אָנשטרענגונג פון ווילן, וואָס ס׳איז אים נויטיק פאַר ערנסטערע זאַכן. דעמאָלט האָט ער זיך אַן עצה געהאַלטן מיט אַ באַקאַנטן סטודענט־מעדיקער און באַשלאָסן מקריב צו זיין איין שעה אין וואָך, און האָט אָפּגעזוכט דעם באַשיידענעם אָבער היגיענישן אַנשטאַלט פון פרוי כאַזע.

קומענדיק אַהיים, האָט שמידט פון עקאָנאָמיע־וועגן (ער האָט פאַרלעבט סך־הכל זעכציק מאַרק אַ חודש) אויסגעטאָן דעם אָנצוג, וועלכן ער האָט שוין באַנוצט פיר יאָר, האָט אים פאָרזיכטיק אריינגעלייגט אין קעסטל אַריין, וואָרים קיין אַנדער מעבל איז אין שטוב נישט געווען, און אַליין איז ער געבליבן אין דעם אונטער־שטן וועש. פון די שמועסן מיט אים זענען מיר געוואויר געוואָרן נישט־ווייניק אינטערעסאַנטע פאַקטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט זיין ליידנשאַפט צו אָרדנונג און סיסטעם. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ חוץ דעם פּלאַן פון אַרבעט האָט ער נאָך אַ פּלאַן, — געווידמעט די זעכציק מאַרק, — וואָס נעמט אַרום אַלע הוצאות, פון וואַשן די שקאַרפעטקעס ביז די שבתדיקע אָוונטן ביי פרוי כאַזע. מיט פינף

חדשים צוריק האָט שמידט באַקומען פון דער מוטער דריי מאַרק אַ צוגאָב אויף „פאַרוויילונגען". ער האָט לאַנג געטראַכט ווי אַזוי זיי אויסצוגעבן שכלדיק, נישט צו באַליידיקן דעם ווילן פון דער מוטער. ער האָט זיך געוואָלט קויפן אַ ניי רייסצייג, נאָר דאָס האָט געקאָסט פיר מאַרק. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן אין דעם געבורטסטאָג פון דער מומע בערטע צו מאַכן אַ יום־טוב, דאָס הייסט, אַוועקגיין אין קאַפע „מעטראָפּאָל", אויסטרינקען קאַווע און אויפעסן אַ קיכל מיט קאַרשן און סמעטענע, נאָר דאָס אַלץ וואָלט געקאָסט נישט מער, ווי 60 פעניג, און די געבליבענע סומע וואָלט געווען גאָר שווערער אויסצוגעבן. זענען די דריי מאַרק אַזוי געבליבן ליגן אין קעסטל, און שמידט האָט דערקלערט, אַז צוליב זיין טיפן ערע־געפיל פאַר דער מוטער, קאָן ער זיי נישט אַוועקגעבן כורעניטאָן.

דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען אויף ערנסטערע טעמעס. שמידט האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט אונז אַלע. די עקזיסטענץ פון איישאַן האָט אים זייער טרויעריק געמאַכט און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער קאָן נישט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז דאָס מוראדיק־גרויסע אַפריקע געפינט זיך נאָך אין דעם אַלטערטימלעכן צושטאַנד פון כאַאָס. נאָר ער איז אַן אָפּטימיסט און ער גלויבט אין אַ בעסערע צוקונפט. דער עיקר איז — אָרגאַניזירן די גאַנצע וועלט, אַזוי ווי דאָס אייגענע לעבן, וואָרים ער, שמידט, איז איבערצייגט, אַז אין זיין קעמערל לעבט ער פאַר זעכציק מאַרק קליגער און שענער, ווי אַלע מיליאַרדערן. ער קאָן גלייכצייטיק זיין אי אַ נאַציאָנאַליסט, אַן אָנהענגער פון קייזער, אי אַ סאָציאַליסט, וואָרים אין תוך אַריין איז עס דאָך איינס און דאָס זעלבע. אי ווילהעלם, אי דער ערשטער בעסטער סאָציאַליסט, ביידע האַלטן, אַז די וועלט איז נישט־אָרגאַניזירט, און אַז אָרגאַניזירן דאַרף מען זי מיט געוואַלט. אונזער שונא — איז דער אַנאַרכיזם, אַלץ איינס, זאָל דאָס זיין הער באַמבוטשי, דער רעוואָלוציאָנער מיט דער באָמבע, אָדער הער דעלע, וועלכער וועט מאָרגן ווערן מיניסטער, נאָר ער וועט בלייבן אַ רענטיער, וואָס אָנערקענט בלויז די תענוגים פון לעבן. (דינענדיק אַלס איבערזעצער, האָב איך איבערזעצט פאַר מסיע דעלע דידאָזיקע פראַזע, און ער האָט זיך זייער באַליידיקט, דער

עיקר האָדן פאַרגלייך מיט ערקאָלע, וועמענס געזעלשאַפט סיהאָט אים נישט פאַרשאַפט קיין כבוד). ער, שמידט, האָט אַ סך געאַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן אי פון מעכאַניק, אי פון כעמיע, אי פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ער האָט אַ סך פּלענער, נאָר צום באַדויערן, ביי דער הערשנדיקער אומאָרדנונג, איז זיי שווער צו פאַרווירקלעכן. אַ שטייגער, דאָס ענדגילטיקע אָפּטיילן די קאָמפּליצירטע געשלעכט־לעכע פּראָבלעמען פון דער פּרינציפּיעלער פראַגע וועגן פאַרגרע־סערן די באַפעלקערונג. ער איז פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון קינסטלעכער באַפרוכפּערונג. צום באַדויערן קאָן ער נישט דורכפירן די געהעריקע עקספּערימענטן. ער איז איבערצייגט אין ערפאָלג, און אויף דעם פאַל האָט ער אויך אויסגעאַרבעט אַ געזעץ וועגן אַ צוואַנגס־קינדער־געבורט. ווייטער, אַ נישט ווייניקער וויכטיקע פראַגע — פאַרבייטן די איצטיקע דערנערונג אויף אַ כעמישע: ס׳וועט אונ־טערגיין הונגער, אָרעמקייט, ס׳וועלן געוואונען ווערן מיליאָנען אַרבעטס־שעהן. נאָר ווען וועט ער שוין, ענדלעך, קאָנען צוטרעטן צו פּראַקטישער אַרבעט. ווילהעלם קוויקט זיך מיטן פאַציפיזם און די סאָציאַליסטן ווערן וואָס אַ יאָר אַלץ מער הויזלעכער. פונוואַנעט־זשע וועט קומען די רעטונג?

די אַלע אָנשויאונגען, וועלכע איך האָב איבערזעצט, האָבן אַרויסגערופן אַ שטורם פון אויפרעגונג. מסיע דעלע האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק און אַפילו, רעכענענדיק זיך מיטן אָרט, לאָגיש. „גוט! זאָל זיין, אַז די אַלע לעגענדעס קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן. איז וואָס? אָנשטאָט עסקאַלאָפּ־אַלאַ־זשאַרדיניער — פּילן (כ׳האָב נאָך ווייניק די פּינקס!) אָנשטאָט זיזי... אָ, ס׳אַרא שרעק! נישט קיין נאַטור, נישט קיין שיינקייט, נישט קיין ליבע, נישט קיין אַפּעטיט, גאָרנישט — אַ פּלאַן! טאָ פרעגט זיך, פרעגט אים — צוליב וואָס דעמאָלט לעבן?” ערקאָלע האָט פּשוט געזאָגט, אַז ווען דאָס זאָל זיין נישט אין דעם פאַרשאָלטענעם דייטשלאַנד, וואו פאַר אַלץ, אַבסאָלוט פאַר אַלץ צאָלט מען שטראָף, נאָר ביי זיך אינ־דערהיים, אין איטאַליען, וואָלט ער אים תיכף אַוועקגעלייגט דעמ־דאָזיקן מנוול. ס׳אַרא אויסוואורף! און ער האָט נאָך געמיינט, דעמאָלט אין גאָרטן, אַז דאָס איז אַן אָרנטלעכער מענטש! אַלעקסיי

פּירידאָנאָוויטש האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען. אַ צוגעדריקטער צו דער וואַנט דורך מיסטער קול, האָט ער זיך פלוצלינג נעבעכדיק צעוויינט און גענומען שעפּטשען: „אוי, אוי! גאָט! גאָט! האָב רחמנות!" איך האָב אין שמידטס אָנוועזנהייט געפילט אַ פאַרלוירנקייט און אַפילו אַ שרעק, ווי אין אַ פאַבריק פאַר אַן אומפאַרשטענדלעכער מאַשין אין גאַנג, וועלכע איז גרייט אָפּצורייסן דעם קאָפּ דעם אַרבעטער, וואָס פאַרגעסט זיך.

נאָר נישט קוקנדיק אויף די פּראָטעסטן און טרערן, האָט דער לערער, זיך אַדורכשטופּנדיק צו שמידטן, געזאָגט: „איך האָב איין גלייך אָפּגעשאַצט. איר וועט זיין מיין זיבעטער און לעצטער תּלמיד. אייערע האָפנונגען איז באַשערט פאַרווירקלעכט צו ווערן אַ סך גיכער, ווי איר מיינט, און גלויבט, אַז איך וועל אייך אין דעם מיטהעלפן. און איר אַלע, זעט — אָט איז איינער פון די, וועמען ס'איז באַשערט איצט און נאָך לאַנג צו שטיין ביים רודער פון דער מענטשהייט!"

שמידט איז געשטאַנען מיט די קרויזלעך אויפן קאָפּ, מיט די גרויסע ברילן, אין דעם פאַרלאַטעטן העמדל, און גוטמוטיק געשמייכלט. אויסהערנדיק דעם לערער, האָט ער אים קורץ אָפּגעענטפערט: „גוט, הער כורעניטאָ!"

דאָס עלפטע קאַפּיטל

דעם לערערס נביאות וועגן גורל פונם שבט יהודה

אין אַ וואונדערלעכן אַפּריל-אָוונט האָבן מיר זיך ווידער צונויפגעקליבן און לערערס אַרבעטס-צימער אין פּאַריז, אויפן זיבעטן שטאָק פון איינעם פון די נייע הייזער אויף גרענעל. לאַנג זענען מיר געשטאַנען ביי די גרויסע פענסטער און זיך אַנטציקט מיט דער געליבטער שטאָט און מיט דעם איינציקן אין זיין אַרט, כמעט אומבאַמערקבאַרן בין-השמשות. מיט אונז איז אויך געווען שמידט, נאָר אומזיסט האָב איך זיך באַמיט אים אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דער שיינקייט פון די הייזער אין בלויען, אויף די שטיינערנע וועלדער פון די גאָטישע קלויסטערס, אויף דעם בלייענעם אָפּשיין פון דער פּאַמעלעך-פליסנדיקער סענע, אויף די קאַשטאַנעס אין בליעכץ, אויף די ערשטע פייערלעך אינדערווייטנס און אויף דעם ריידנדיקן געזאַנג פון עפּעס אַ הייזעריקן אַלטן מאַן מיט אַ שאַרמאַנקע הינטער אַ פענסטער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ וואונדערלעכער מוזיי, און מוזייען פאַרטראָגט ער נישט נאָך פון די קינדערשע יאָרן, נאָר אַז עפּעס איז פאַראַן, וואָס פאַרכישופט אים, דאָס איז דער אייפל-טורם, אַ לייכטער, אַ שטאַלטנער, וואָס בויגט זיך אונטערן ווינט, ווי אַ טשערעט-שטעקל, און ברעכט זיך נישט, — די אייזערנע געליבטע פון פאַרלאָפענע עפּאָכעס אין דער צאַרטער בלויקייט פון אַפּרילישן אָוונט.

מיר האָבן אַזוי פרידלעך געפּלוידערט און געוואַרט אויפן לערער, וועלכער האָט געגעסן מיטאָג מיט עפּעס אַן אָנגעזעענעם אינטענדאַנט. אינגיכן איז ער געקומען און באַהאַלטנדיק אין סייף אַ פּאַק צעקנייטשטע דאָקומענטן, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע, האָט ער זיך פריילעך אָפּגערופן צו אונז:

„היינט האָב איך מיך גאַנץ נישקשהדיק אָנגעהאָרעוועט. דער ענין גייט אויף אַ וועג. איצט קאָן מען אַביסל אָפּרוען און פּלוידערן. נאָר פריער, איך זאָל נישט פאַרגעסן, וועל איך צוגרייטן אַ טעקסט פאַר דער איינלאַדונג, און דו, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, וועסט עס מאָרגן אָוועקטראָגן אין דער דרוקערייַ „אוניאָן".

אין פינף מינוט אַרום האָט ער אונז געוויזן דאָס פּאָלגנדיקע:

„אין דער נישט ווייטער צוקונפט וועלן פּאָרקומען פייערלעכע סעאַנסן פון פאַרניכטן דעם שבט יהודה אין בודאַפּעשט, קיעוו, יפו, אַלזשיר און אין אַ סך אַנדערע ערטער.

אין פּראָגראַם וועט אַרייַנגיין, אַחוץ די דורך דעם געשעצטן פּובליקום באַליבטע טראַדיציאָנעלע

פּאָגראָמען,

אויך דאָס פּאָלגנדיקע, רעסטאַווירט לויטן גייסט פון דער עפּאָכע: פאַרברענען יידן, באַגראָבן זיי לעבעדיקערהייט אין דער ערד, באַשפּריצן די פעלדער מיט יידיש־בלוט און אויך די נייע אופנים פון „עוואַקואַציע", „רייניקונג פון פאַרדעכטיקע עלעמענטן" א. אַז. וו. א. אַז. וו.

עס ווערן איינגעלאַדן קאַרדינאַלן, ביסקופּן, אַרכימאַנדריטן, ענגלישע לאָרדן, רוימישע באָיאַרן, רוסישע ליבעראַלן, פראַנצויזישע זשורנאַליסטן, מיטגלידער פון דער האָהענצאָלערן־דינאַסטיע, גריכן אָן אונטערשייד פון שטאַנד, און אויך ווער עס וויל.

וועגן אָרט און צייט וועט געמאָלדן ווערן באַזונדער. אייַנגאַנג אומזיסט".

„לערער!" האָט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש אויסגערופן אין שרעק, „דאָס איז נישט־מעגלעך! דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט און אַזעלכע מיאוסקייטן! ווי אַזוי קאָן איך גיין אָוועקטראָגן דאָס

אין „זוניאָן", — איך, וואָס האָב געלייענט מערעזשקאָווסקין!"

„אומזיסט מיינסטו, אַז איינס דאָס אַנדערע איז סותר. גאָר אינגיכן, מעגלעך אין צוויי יאָר אַרום, מעגלעך אין פינף יאָר אַרום וועסטו זיך איבערצייגן, אַז ס'איז פונקט קאַפּויר. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט וועט זיך אַרויסווייזן פאַר זייער אַ פרייליכן און זייער לייכטזיניקן יאָרהונדערט, אָן שום מאָראַלישע פאָרורטיילן, און די לעזער פון מערעזשקאָווסקין וועלן זיין די לײדנשאַפטלעכסטע באַוווּנדערער פון די דערמאָנטע סעאַנסן! פאַרשטייסטו מיך, די חולאתן פון דער מענטשהייט דאָס זענען נישט קיין פּאָקן ביי קינדער, דאָס זענען אַלטע פאַרוואָרצלטע פּאָדאַגרע-אַטאַקן, און דער פּאַציענט האָט זיך שוין זיינע רגילותן אויף צו היילן זיי... וואי וועט ער זיך דאָ אויף דער עלטער געמען אָפּגעוואוינען!

ווען אין מצרים האָט געשטרייקט דער נילוס, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ טרוקעניש, האָבן זיך די חכמים דערמאַנט, אַז ס'זענען דאָ יידן, האָט מען זיי פאַרבעטן, אויסגעשאָכטן ביים אָפּריכטן תפילות און געשפּריצט די ערד מיט פרישן יידיש בלוט: „זאָל אונז אויסמיידן דער הונגער!" פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נישט געקאָנט פאַרבייטן נישט קיין רעגן, נישט דעם צעגאָסענעם נילוס, נאָר דאָן אַ געוויסע באַפרידיקונג האָט עס געגעבן. איבעריקנס, אויך דעמאָלט זענען שוין געווען פאָרזיכטיקע מענטשן, מיט הומאַניטאַרע אָנשויאונגען, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז אויסשעכטן עטלעכע יידן איז טאַקע נישט שעדלעך, נאָר באַשפּריצן די ערד מיט זייער בלוט דאַרף מען נישט, ווייל דאָס דאָזיקע בלוט איז פאַרסמט און אָנשטאָט ברויט קאָן אויפגיין פאַרחיסטונג.

אין שפּאַניען, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די מגפות, דיזשומע, אָדער קאַטאַר, האָבן די הייליקע פּאָטערס פייערלעך מוחל געווען „די שונאים פון נוצרי און פון דער מענטשהייט", און באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, — איבעריקנס נישט אין אַזאַ מאָס, עס זאָל געניגן אויף צו פאַרלעשן די שייטערהויפנס, — האָבן זיי פאַרברענט אַ פּאָר טויזנט יידן: „זאָל אונז אויסמיידן די מגפה!" די הומאַניסטן האָבן פאָרזיכטיק, מורא-האָבנדיק פאַר דער הויכער טעמפּעראַטור פון פייער און פונעם אַש, וועלכן דער ווינט צעטראָגט

אומעטום, געשעפּטשעט זיך איפן אויער, אַז אַ פּאַרבלאָנדזשעטער אינקוויזיטאָר זאָל נישט דערהערן: „בעסער וואָלט געווען זיי פּשוט לאָזן שטאַרבן פון הונגער!...

אין דרום-איטאַליען בעת די ערד-ציטערנישן, איז מען תּחילת אַנטלאָפן אויף צפון, דערנאָך איז מען פּאָרזיכטיק, מיט געענגען-טריט, געגאַנגען אויף צוריק אַ קוק טאָן — צי זי טרייסלט זיך נאָך די ערד. די יידן זענען אויך אַנטלאָפן, אַפילו פריער פאַר אַלע, און האָבן אויך אהיים צוריקגעקערט די לעצטע הינטער אַלע. פאַרשטייט זיך, אַז די ערד האָט זיך געטרייסלט אָדער דערפאַר, ווייל זיי, די יידן, האָבן דאָס געוואָלט, אָדער דערפאַר, ווייל די ערד האָט נישט געוואָלט האַלטן קיין יידן. איןביידע פאַלן איז געוואונטשן געווען צו באַגראָבן לעבעדיקערהייט אייצלנע פאָרשטייער פון דעם דאָזיקן שבט, וואָס ס'איז אויך תּיכּף אויסגעפירט געוואָרן. וואָס האָבן געזאָגט דערצו די פאָרטגעשריטענע לייט? ... אַך, יאָ, זיי האָבן שטאַרק זיך געשראָקן, אַז די באַגראָבענע זאָלן ענדגילטיק נישט צעטרייסלען די ערד.

אָט איז, מיינע פריינט, אַ קורצער אויספלוג אין דער געשיכטע, און אַזוי ווי דער מענטשהייט שטייט נאָך פאַר אַי הונגער, אַי מגפות, אַי אַ נישקשהדיקע ערד-טרייסלעניש, ווייז איך נאָר אַרויס אַ פאַרשטענדלעכע פאָרזעעודיקייט, באַשטעלנדיק באַצייטנס די דאָזיקע איינלאַדונגען".

„לערער, — האָט אָפּגעשפּאַרט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוו — צי זענען דען די יידן נישט פונקט אַזעלכע מענטשן, ווי מיר?" — בעת כורעניטאָ האָט געמאַכט זיין „אויספלוג", האָט ער כסדר געזיפצט און געווישט זיך מיט אַ טיכל די אויגן, נאָר, אויף יעדן פאַל, האָט ער זיך געזעצט אַביסל ווייטער פון מיר.

„פאַרשטייט זיך, אַז ניין! איז דען אַ פוס-באַלעם און אַ באָמבע — איינס און דאָס זעלבע? אָדער קאָנען דען, לויט דיר נאָך, זיין ברידער דער בוים מיט דער האַק? יידן קאָן מען ליב האָבן אָדער פיינט האָבן, קוקן אויף זיי מיט שרעק, ווי אויף אונטערצינדער, אָדער מיט האָפענונג, ווי אויף רעטער, נאָר זייער בלוט איז נישט דיין בלוט, און זייער זאַך איז נישט דיין זאַך. פאַרשטייסט

נישט? ווילסט נישט גלויבן? גוט, כ'וועל זיך באַמיען דיר בעסער צו דערקלערן. דער אָוונט איז אַ שטילער און ס'איז נישט הייס, ביי אַ לייכט גלעזל וואוורע וועל איר אייך פאַרווײַלן אַביסל מיט אַ קינדערשער שפּיל. זאָגט מיר, איך בעט אייך, מײַנע פריינט, ווען מ'וואָלט מיך פאָרגעלייגט פון דער גאַנצער מענטשלעכער שפּראַך איבערצולאָזן נישט מער ווי איין וואָרט, דהיינו, „יאָ", אָדער „ניין", און די איבעריקע באַזייטיקן — וועלכעס וואָרט וואָלט איר אויסגעקליבן. מירן אָנהויבן פון די עלטערע. איר, מיסטער קולי?"

„פאַרשטייט זיך, אַז „יאָ", אין דעם איז: באַשטעטיקונג, גרונט. כ'האָט נישט ליב „ניין", דאָס איז אוממאָראַליש און פאַרברעכעריש. אַפילו אַן אָפּגעזאָגטן אַרבעטער, וואָס בעט זיך ביי מיר כ'זאָל אים צוריק צונעמען, זאָג איך קיינמאָל נישט „ניין", וואָס ווירקט גרויזאַם אויפן האַרץ, נאָר „פריינט מײַנער, וואַרט-צו אַביסל, אויף יענער וועלט וועסטו באַלוינט ווערן פאַר די „מאַטערנישן". אַז איך ווייז דאָלאַרס, זאָגן מיר אַלע—„יאָ". פאַרניכטעט די ווערטער, וועלכע איר ווילט, נאָר לאָזט איבער די דאָלאַרס און דאָס קלייניקע וואָרט „יאָ", און איך נעם זיך אונטער געזונט צו מאַכן די „מענטשהייט!" „איך מיין, אַז סיי „יאָ" און סיי „ניין" זענען עקסטרעמיטעטן—האָט געזאָגט מסיע דעלע—און איך האָב אין אַלעם ליב די מאָס, די מיטל-ליניע. נאָר וואָס, אויב מ'דאַרף קלייבן, דאַן זאָג איך „יאָ! „יאָ"—דאָס באַטייט פרייד, מיטגעריסן ווערן, וואָס נאָך... אַלץ! מאַדאַם, אייער אָרעמער מאַן איז געשטאָרבן. לויטן פירטן קלאַס—נישט אמת? יאָ! גאַרסאָן, דיובאָנע! יאָ! זיזי, דו ביסט גרייט? יאָ, יאָ!"

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז נאָך געווען אויפגערעגט פון דעם פריערדיקן שמועס, האָט ער נישט געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען, געמרוטשעט, אויפגעשפּרונגען פון אָרט, געזעצט זיך, און סוף כל סוף אַ געשריי געטאָן: „יאָ! איך גלויב, גאָט! „יאָ", דאָס געהייליקטע „יאָ" פונם ריינעם מיידל ביי טורגעניעוון! אָ, ליזאַ! באַווייז זיך, טייבעלע!"

קורץ און זאַכלעך, האַלטנדיק דאָס גאַנצע שפּיל פאַר נאַריש, האָט שמידט געזאָגט, אַז דעם ווערטער-בוך דאַרף מען באמת אי-

בערקיקן און אַרויסוואַרפן אַ רייע אומנויטיקע אַרכאַיזמען, ווי אַ שטייגער „גייסט", „הייליקטום", „מלאך" א. אַז. וו. דאַקעגן „ביין" און „יאָ" דאַרף מען לאָזן אַלס ערנסטע ווערטער, נאָר אויב ער וואָלט שוין יאָ געדאַרפט אויסקלייבן, וואָלט ער בעסער געוואָלט „יאָ" אַלס עפּעס אַזעלכס, וואָס אָרגאַניזירט און דערמאָנט אָן פעסטע פאַרקניפּונגס-האָקן.

„יאָ! סי!" האָט געענטפערט ערקאָלע, „אין אַלע אייגענעמע מאָמענטן פון לעבן זאָגט מען „יאָ" און בלויז, ווען מ'שלאָגט איך קאַרק אַריין, שרייט מען „ביין!"

איישאַ האָט אויך בעסער געהאַלטן פון „יאָ!" ווען ער בעט ביי קרופּטאָ (זיין בייעם גאָט) ער זאָל זיין צו אים גוט, ענטפערט קרופּטאָ „יאָ!" ווען ער בעט ביים לערער צוויי סו אויף שאָקאָלאַד זאָגט דער לערער „יאָ" און גיט.

„וואָס-זשע שווייגסטו?" האָט דער לערער מיך געפרעגט איך האָב פריער נישט געענטפערט, ווייל כ'האָב מורא געהאַט נישט צו צעבייזערן אים און די פריינט. „לערער, כ'וועל פאַר אייך נישט זאָגן קיין ליגן — איך וואָלט איבערגעלאָזט דעם „ביין". זעט איר, לאָמיר זיין אָפנהערציק, מיר געפעלט זייער, ווען אַ זאַך געלונגט נישט און קומט אום. כ'האָב זייער ליב מיסטער קול, נאָר ס'וואָלט מיר געווען אייגנענעם, ווען ער פאַרלירט אַזוי פלוצלינג זיינע דאָלאַרס, אַזוי פשוט און פלוצלינג, ווי אַ שטייגער אַ קנעפּל, אַלע ביז איינעם. אָדער ווען די קליענטן פון מסיע דעלע וואָלטן אַזוי פאַרמישט די קלאַסן. ווען עס וואָלט אַזוי אויפגעשטאַנען פון קבר דער פון 16-טן, וואָס דאַרף ליגן דריי יאָר, און וואָלט אַ געשריי געטאָן: „נעמט אַרויס די אָנגעפאַרפומירטע נאָז-טיכלעך — כ'וויל אויסער אַלע קלאַסן!" ווען אַ ריין מיידל, וואָס טראָגט זיך אַרום, אויפהויבנדיק דאָס קליידל, מיט איר צניעות איבער דער פאַרברודיקטער וועלט, פאַלט אַריין אין אונטערשטאָטישן וועלדל אין די הענט פון אַ שלעפּער—איז אויך נישט שלעכט. און ווען אַ קעלנער גליטשט זיך אויס און לאָזט אַראָפּ „דיובאָנע", איז אויך אויסגעצייכנט! פאַרשטייט זיך, ווי האָט דאָרט געזאָגט מיין עלטער-עלטער-עלטערזיידע, דער קלוגער שלמה המלך: „עת להשליך אבנים ועת

כּנס אבנים"... נאָר איך בּין אַ פּשוטער מענטש, כ'האָב נאָר איין פּנים און נישט קיין צוויי. צונויפֿגעמען וועט מסתּמא אויסקומען עמיצן אַנדערש, וואַרשיינלעך שמידטן. און בּינו לבינו מוז איך, נישט צוליב אָריגינאַליטעט, נאָר מיט אַ ריינעם געוויסן זאָגן: „פֿאַרניכט דעם „יאָ", פֿאַרניכט אַלצדינג אויף דער וועלט, און דעמאָלט וועט ממילא נישט בּלייבּן מער, ווי דער בּלויזער „ניין"!"

ווי לאַנג כ'האָב גערעדט, האָבּן זיך די פּרייגט, וואָס זענען געזעסן לעבן מיר אויף דער קאַנאַפּע, איבּערגעזעצט אין אַן אַנדער ווינקל. איך בּין געבּליבּן אַליין. דער לערער האָט זיך געווענדעט צו אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן:

„איצט זעסטו, אַז כ'האָב געהאַט רעכט. ס'איז געשען די נאַטירלעכסטע פֿאַנאַנדערטיילונג. אונזער ייד איז געבּליבּן אַליין. מ'קאָן פֿאַרניכטן אַלע געטאָס, אָפּשאַפֿן אַלע „תּחום-המושבֿס", צעגראָבּן אַלע גרענעצן, נאָר מיט קיין זאַך וועט איר נישט פֿאַר-פּילן די פֿינף איילן, וואָס טיילן אייך אָפּ פֿון אים. אַלע זענען מיר ראַבּינזאָנס, אָדער, אויבּ איר ווילט, קאַטאָרזשניקעס, און ווייטער איז שוין אַ זאַך פֿון כאַראַקטער. איינער דרעסירט אַ שפּין, שטודירט איין טאַגסקריט און פֿאַרקערט גערן די פּאָדלאָגע בּיי זיך אין קאַמער. אַן אַנדערער שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט—אַ בּייל, ווידער אַ זעץ! ווידער אַ בּייל! און אַזוי כּסדר. וואָס איז שטאַרקער—דער קאָפּ צי די וואַנט? זענען געקומען די גריכן, אַרומגעקוקט זיך—ס'קאָן זיין, אַז ס'זענען פֿאַראַן אויך בּעסערע דירות, אָן קרענק, אָן טויט, אָן מאַטערניש—דער אָלימפּ, צום בּיישפּיל! נאָר וועסט גאָרנישט מאַכן—מ'דאַרף זיך איינאָרדנען אין דער. און כּדי צו זיין אין אַ גוטער שטימונג, איז דאָס בּעסטע צו דערקלערן, אַז אַלע אומבּאַקוועמלעכקייטן—דער טויט איינגעשלאָסן (וועלכע מ'קאָן סיי-ווי נישט ענדערן), זענען דאָס גרעסטע גוטס. זענען געקומען די יידן און מיטאַמאָל—בּאַץ! אין וואַנט אַריין:

פֿאַרוואָס איז אַזוי איינגעאָרדנט? פֿאַראַן צוויי מענטשן, זאָלן זיי זיין גלייך. איז אָבּער ניין: יעקבֿ איז פֿאַוואָריזירט, און אויף עשׂו רוט נישט גאָטס גנאָד. הייבּט זיך אָן דאָס אונטערגראָבּעניש פֿון ערד און הימל, פֿון יהודה און מלכים, פֿון בּבֿל און רוים. די

שלעפּערס, וואָס נעבטיקן אויף די בריקלעך פון טעמפּל — די אביונים, זיי האָרעווען; ווי אויפרייס־מאַטעריאַלן אין די קעסלען, אַזוי קאָכן זיי אויס די נייע רעליגיע פון יושר און אָרעמקייט. איצט וועט דאָס אַ פלי־טאָן דער אומצעשטערבאַרער רוים! און געגן דעם וואוילזיין, געגן דער חכמה פון דער אַנטיקער וועלט טרעטן אויף די אָרעמע, נישט־איידעלע, טעמפּע סעקטאַנטן. עס ציטערט רוים! דער ייד פּוילוס האָט באַזיגט מאַרק אַורעליוסן! נאָר מענטשן פּשוטע, וואָס האַלטן בעסער פון אַ געטלעכער שטוב ווי פון דינאַמיט, הייבן אָן היימיש ווערן מיטן נייעם גלויבן, נעמען זיך איינאָרדנען אין דעמדאָזיקן הוילן ביידל אַזוי אויף גוט, באַלעבאַטיש. קריסטנטום איז שוין נישט מער קיין מאַשין, וואָס ברעכט דורך ווענט, ניין, ס'איז שוין אַ נייע פעסטונג—די שרעקלעכע, נאַקעטע, צעשטערנדיקע גערעכטיקייט איז פאַרטוישט געוואָרן אויף מענטשלעכער, באַקוועמער פּערלמוטערנער באַרמהאַרציקייט. רוים איז ביגעשטאַנען די וועלט. נאָר דאָס דערזעענדיק, האָט זיך דער יידישער שבט אָפּגעזאָגט פון זיין קינד און אויפסניי געגומען מאַכן אונטערגראָבונגען. אַפילו ערגעץ־וואו דאָרט אין מעלבורן זיצט איצט איינער און גראָבט זיך אונטער רואיק, נישט אונטער דער ערד, נאָר אונטער די געדאַנקען. און ווידער מישט מען עפּעס אין די קעסלען, און ווידער גרייט מען עפּעס אַ נייעם גלויבן, אַ נייעם אמת. און אָט מיט פערציק יאָר צוריק זענען די ווערסאַילער פאַרקן אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון די ערשטע פיבער־אַטאַקן, אַ האָר אין אַ האָר פונקט אַזוי, ווי די גערטנער־פּאַלאַצן פון אַדריינוס!

„און ס'באַרימט זיך רוים מיט זיין חכמה, עס שרייבן ביכער די סענעקאַס, העלדישע חיילות זענען גרייט. ער ציטערט ווידער, דער „אומצעשטערבאַרער רוים!”

„ישראל האָט אויסגעטראָגן אַ פריש קינד. איר וועט נאָך דערזען זיינע ווילדע אויגן, געלע הערלעך, און קרעפּטיקע, שטאָלענע הענטלעך. געבוירנדיק, איז ער גרייט צו שטאַרבן. אַ העלדישער זשעסט—„נישטאָ מער קיין פעלקער, נישטאָ מער איך, נאָר אַלע זענען—מ י ר!” אָ, נאַיווע, גאָרנישט־לערנענדיקע סעקטאַנטן! אייער קינד וועט מען נעמען, עס אויסבאָדן, אָנטאָן, און זיין וועלן זיי

צאַלע ענלעך אויף שמידטן! נאָכאַמאָל וועט מען זאָגן „גערעכטיקייט", נאָר מ'וועט עס פאַרבייטן אויף צוועקמעסיקייט. און ווידער וועט איר אַוועקגיין, כדי פּיינט צו האָבן און אָפּצוואַרטן, ברעכן די וואַנט און זיפצן: „עד מתי?"

„כ'וועל ענטפערן — ביז די טעג פון אייער און זייער וואַנ־זיניקייט, ביז די טעג פון דער קינדהייט, ביז די ווייטע טעג. און דערווייל וועט זיך דער דאָזיקער שבט באַגיסן מיט געבירטס־בלוט אויף די פּלעצער פון די איראָפּעיִשע שטעט, געבוירנדיק נאָך איין קינד, וואָס וועט אים פאַרראַטן.

נאָר ווי אַזוי זאָל איך נישט ליב־האָבן דעם דאָזיקן שפּאַדעל אין דער טויזנטיעריקער האַנט? מיט אים גראָבט מען אויס קברים, נאָר צי אַקערט מען דען נישט איבער מיט אים די ערד? ס'וועט פאַרגאָסן ווערן יידיש בלוט, ס'וועלן אַפּלאָדירן פאַרבעטענע געסט, נאָר לויט די מיטלאַלטערלעכע גלויבענישן וועט עס נאָך מערער פאַרסמ'ען די ערד. די גרויסע רפואה פון דער וועלט!"

און דערנענטערנדיק זיך צו מיר, האָט מיך דער לערער קרעפּטיק אַ קוש געטאָן אין שטערן.

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

דעם לערערס געהיימניספולע אַרומפאָרענישן און דאָס לייכטזיניקע אויפפירן זיך פון די תּלמידים

ס׳זענען געשטאַנען דעמאָלט אויסערגעוויינלעך-ליכטיקע טעג, וואָס האָבן אויסגעזען צו באַגיסן די גרויע גאַסן מיט בלויען עמאַל און פליסיקן גאָלד. כ׳האָב געזען נישט ווייניק פרילינגס, דרומדיקע און צפונדיקע, צאַרטע, מעסיקע און גרויזאַמע, נאָר דאָס איז געווען נישט קיין צייט פון יאָר, נישט קיין לעגענדע, וואָס באַנייט זיך כסדר, נאָר עפּעס פלאַטערנדיקס און יום-טובדיקס וואָס גלייכצייטיק עפנט עס פאַנאַנדער אַלע זיסקייטן פון הערבסטיקן אָפּשטאַרבן, וואָס שוין אין אָנהייב דערמאָנט עס וועגן סוף... אַ פאַרשפּעטיקטער פרילינג, וואָס האָט זיך אומבאַמערקט, אָן גערויש און אָן טרערן, פאַרוואַנדלט אין אַ טרויעריקן און דומפּיקן זומער.

דאָס ערשטע מאָל, נאָך יענעם באַרימטן אָוונט אין דער „ראָטאָנדע”, האָב איך זיך דערפילט איינזאַם, שוואַך און פאַרלוירן. דער לערער פלעגט אָן אויפהער אַרומפאָרן, דאָ קיין דייטשלאַנד, דאָ קיין ווין, דאָ קיין לאָנדאָן. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו דערציילן עפּעס וועגן די דאָזיקע רייזעס, און אויך קיינמאָל שפּעטער בין איך שוין נישט געוואויר געוואָרן, צוליב וואָס ער האָט זיך געאײַלט אוי אַ זעונג מיט עפּעס אַן אָנגעזעענעם

פאַבריקאַנט אין בערלין און וואָס אַזעלכס ער האָט געטאָן אין פאַרלויף פון 2 וואָכן אין דעם ליבן, פריילעכן ווין. אין זיין ברייטן רייזע-מאַנטל, מיט דעם אומפאַרמיידלעכן פאָרטפעל, איבער-וואַרפנדיק זיך פון איין אינטערנאַציאָנאַלן עקספּרעס אין אַנדערן, האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן אַמאָל ווי אַ יעגער, וואָס יאָגט זיך איבער די הויפּט-שטעט פון אייראָפּע און וויל אַרויסטרייבן די חיה פון דער באַהאַלטענער נאָרע, און אַמאָל פּשוט ווי מיין מומע מאַריאַ באָריסאָווגאַ, וואָס פלעגט זיך בעת איר געבורטס-טאָג-פייערונג פלאָנטערן אַרום די געסט און לויפן יעדע מינוט פון קיך אין טאַנץ-זאַל אַריין.

„וואָס אייגנטלעך טוט דער לערער?" האָב איך מיך געמאַטערט צו דערגיין, זיצנדיק אין „ראָטאָנדע", וועלכע כ'האָב נאָך פער אָפּגעשאַצט, אַלס אַן אָרט, וואו איך פאַרקער. שאַפט ער אַ נייע רעליגיע? אָדער אפשר וויל ער אויפרייסן דעם פּאַלאַץ פון עפּעס אַ גרויסאַרטיקן ראַדזשי? כ'האָב מיר אויסגעמאָלט ווילדע און פּרעכטיקע בילדער: עקספּעדיציעס קיין צענטראַל-אַפריקע, דרשות פון אַ נייעם סאַוואָנאַראָלאַ אויף פּלאַס-ד'אָפּערא, דעם עקס-טאַז, וואָס כאַפּט אַרום דאָס הויז פון די לאָרדן, וועלכע נעמען רייסן פון זיך, פון גרויס באַגייסטערונג, די מלבושים און הייבן זיך אָן שפּילן אין דער רירנדיקער שפּיל פון ציג און וואָלף. נאָר די אַלע בילדער זענען פאַרשוואונדן, ווי נאָר כ'האָב מיך דער-מאָנט אָן די שרעקלעכע דיאַגראַמס, וואָס זענען געהאָנגען אין לערערס וואַרשטאַט און האָבן מיר, כ'ווייס נישט פאַרוואָס, דער-מאָנט שמידטן, וועלכער האָט מיט זיינע געל-געוואָרענע שיך לאַנג און מעטאָדיש געטרעטן די רויזע קנאָספּן פון די פאַנאַנדערגע-בליטע היאַצינטן.

כ'האָב אָנגעהויבן אַ סך שכורן און לויט אַ עצה פון מיינעם אַ פריינט, אַ יונגן סקולפּטאָר, האָב איך פון צייט צו צייט אַראָפּ-געשלונגען אַ צוויי-דריי קערנדלעך האַשיש כדי צו דערגיין דעם שכל פון די געשעענישן. נאָר, ליידער, דאָס רעאַלע איז אַלץ מער און מער פאַרשוואונדן. אין דער „ראָטאָנדע" האָב איך מיך גע-

פילט אַמאָל ווי אַן איכטיאָזאַור *) און האָב מיט אַ פּרעהיסטאָרישן כעס געטרעטן די קאַפּעלושן פון די מאָדעל־מיידלעך, און אַמאָל ווי אַ ראַדזשאַ, וועמענס פּאַלאַץ דער לערער וויל אויפרייסן; כ'האָב געשריבן בריוו אין די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, און פון דעם קאַפע־אייגנטימער האָב איך פאַרלאַנגט ער זאָל אָפּריכטן רעליגיעזע צערעמאָניעס, כ'האָב געוויינט מיט ביטערע טרערן. איבעריקנס, דאָס האָט קיינעם נישט פאַרוואונדערט — אַ כוואַליע פון משוגעת האָט יענעם פרילינג פאַרגאָסן אויך דאָס קליינע קאַפע־הויז אויף מאָנפּאַרנאַס. די גאַנצע צייט האָב איך זיך געפונען אין דער געזעל־שאַפט פון דער „געשטרייפטער זעברע", וואָס האָט בעהלשט מ'זאָל איר אויסמאָלן קליינע קוואַדראַטלעך אויף דער הויט; פון דעם קינסטלער — דעם בעל־גוף, וואָס האָט געטענהט, אַז ער איז אין זיבעטן חודש און אַז געבוירן וועט ער אַ נביא — אַ מאַלפּע אין אַ קאַפּעלוש מיט שטרויספעדערן, און אַז די פעדערן שטעכן אים שוין אָנרחמנותדיק; און פון דער מולאַטקע, וואָס איז אַנטלאָפן פון מוזיק־האָל און האָט זיך געשוואוירן, אַז דער פילאָזאָף בערג־סאָן האָט איר באַפוילן צו דעראָבערן פּאָלינעזיע, און דערווייל האָט זי מיר געקלאַפט איבערן פנים מיט די שטיקלעך ראָסטבעף, וואָס די האָט אַראָפּגעגנבעט פון בופעט אַראָפּ. איך האָב געפאַרבט מיט טינט די „זעברע", געגעבן פריינטלעכע עצות דעם קינסטלער, און, אַ צעשלאָגענער דורך דער מולאַטקע, האָב איך געוויינט—פאַרוואָס זי איז אַזאַ שלעכטע? פאַרוואָס איז מיין פּאַלאַץ נישט פאַרזיכערט? פאַרוואָס איז געווען דער מבול? פאַרוואָס דאַרף איך דאָ ליידן איינער אַליין, אַ פאַרלאָזטער פון לערער? און צי בין איך דאָס טאַקע דער אייגענער? און כ'האָב געטאַפּט אונטערן העמדל מיין שווייסיקע, האָריקע ברוסט, און נאָכן איבערצייגן זיך, אַז דאָס בין איך טאַקע אַליין, איך — איליאַ ערענבורג, איליושאַ, פּאָעט, „ערײנבורג" — האָב איך נאָך מער געקלאָגט און געמאַטערט זיך. בעת איינעם פון זיינע קורצע באַזוכן אין פּאַריז, האָט מיך דער לערער געפונען אונטער אַ באַנק אין דער „ראָטאָנדע", די

---

*) אזא גרויסע ים־חיה פון פארן מבול. — איב.

וואונדערלעכע קערנדלעך האָט ער צוגענומען, אָנגעקאָרמעט מיך מיט אַ פֿיינקוכן און אַוועקגעפֿירט צו אונזערע פריינט. נאָך דעם זעלבן טאָג איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין ענגלאַנד און אונז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן זיך נישט צעשיידן און אויב, חלילה, מיר וועלן שוין מוזן אַראָפּ פֿון זינען, זאָלן מיר עס אויך אַדורכמאַכן צוזאַמען, זאַלבע־זיבן. כ׳האָב גלייך באַמערקט, אַז אויך מיט מיינע פריינט איז עס נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג, וואָס אַן אמת, אָן האַשיש און אָן דער „זעברע". אַלע זענען זיי געווען טרויעריק און דערדריקט צוליב דער אָפּוועזנהייט פֿון לערער. מסיע דעלע האָט זיך געקלאָגט, וואָס דער „אוניווערסאַלער געפּראַפּאַל" גוססט, מיסטער קול האָט זיך געלאַנגווייליקט, שמידט האָט נישט געקאָנט אַרבעטן צוליב דעם אַלגעמיין־דעזאָרגאַניזירנדן כאַראַקטער פֿונם פּאַריזער פֿרילינג; וועגן די איבעריקע איז אַפֿילו איבעריק צו רעדן. אַרומקוקנדיק זיך אין וואָס פֿאַר אַ מצב כ׳געפֿין זיך, האָב איך פֿאָרגעלייגט, אַז צוליב דער אַלגעמיינער דערדריקטקייט און דעם לערערס אָפּוועזנהייט זאָלן מיר זיך פֿאַרנעמען מיט נישט־אָנשטענדיקע זאַכן, ווייל מיין האַרץ פֿילט, אַז מ׳טאָר נישט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט פֿון דעם פֿרילינג, וואָס וועט זיך שוין נישט איבערחזרן. מסיע דעלע האָט גענומען רעדן עפּעס וועגן מעסיקייט און וועגן זיין עלטער, נאָר נישט זייער ענערגיש, וואָרים דעמאָלט, ווען ער איז אַליין נישט געוואָרן „מיטגעריסן", האָט ער ליב געהאַט צו קוקן ווי אַנדערע ווילן זיך, און טיילמאָל אַפֿילו, נישט קוקנדיק אויף זיין קאַרג־שאַפֿט, פֿלעגט ער שטעלן אַ נאַכט־עסן זיין בוכהאַלטער לעבן, מיטן תנאי, אַז ער זאָל מעגן בלייבן די גאַנצע צייט אין באַזונ־דערן קאַבינעט פֿון רעסטאָראַן.

און אַזוי האָט מיסטער קול אויסגעריסן נאָך אַ בלעטל פֿון זיין ביכל (מיט אַ באַוועגונג פֿון דעם, וואָס „האָט געמאַכט פֿון וואַסער־וויין") און מיר האָבן גענומען לעבן אַ גוטן טאָג. כּסדר האָבן צו אונז אָנגעהויבן צושטיין פֿאַרשידענע זייטיקע מענטשן, מיט אַ טייל פֿון זיי האָבן מיר פֿאַרברענגט גאַנצע וואָכן, נישט ווייסנדיק אַפֿילו ווי זיי הייסן. און צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט זיי געהערן. נאָר צוויי פֿון זיי זענען מיר געבליבן אין זכּרון. איינעם

דעם פּוילישן פּאָעט אָזאַרעווסקי, האָט געבּרענגט צו אונז ערקאָלע גלייך פון קאָמיסאַריאַט, וואו זיי האָבן ביידע פאַרבּרענגט אַ נאַכט: דער איטאַליענער דערפאַר, ווייל בעת אַ גרויסער היץ האָט ער זיך אָפּגעבאָדן אין איינעם פון די פאָנטאַנען אין טיולערי-גאָרטן, און דער פּאָעט — אויף דער פאָדערונג פון עפּעס אַן אַלטער צנועהדיקער סטרוזשקע, צו וועלכער ער איז, נאָכן אויסטרינקען אַ פלעשל מאַדערע, צוגעשטאַנען און פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך תיכף פאַרוואַנדלען אין אַ וואַקכאַנקע און אינאיינעם מיט אים שרייען „עוואָע"! אָזאַרעווסקי איז געווען זייער אַ שטאָלצער, ער האָט געטראָגן שוואַרצע האָר ביז די פּלייצעס, גייענדיק פון איין שענקל אין אַנדערן אַריין האָט ער כמעט די ערד נישט אָנגערירט פון פאַראַכטונג צו איר, דאָס הייסט, נישט געקוקט אויף זיינע פערציקיאָר, פלעגט ער גיין אויף די נעגל און בכלל פאַראַכטן אַלץ, וואָס איז גראָב און מאַטעריעליש. זיין יחוס האָט ער געצויגן אַמאָל פון די שפּאַנישע גראַנדן, אַמאָל גלייך פון אָזיריסן, אויסדריקן פלעגט ער זיך מיט באַפליגלטע ווערטער און האָט פאַרלאַנגט, אַז אַלע זאָלן אים אָפּגעבן כבוד, ער פלעגט זיך אַפילו באַליידיקן אויף די חשבונות אין די רעסטאָראַנען, („דער פּאָעט טרינקט דאָס פליסיקייט, דאָס גאָלדיק-שוימיקע, און צאָלט דערפאַר מיט געזאַנגען, סטרונעס-קלינגענדיקע") און ביי אַלע נישט-פּאַסיקע געלעגנהייטן פלעגט ער שרייבן לידער. אַ חוץ דעם איז ער, רעדנדיק מיט אַ גראָבער און מאַטעריעלישער שפּראַך, געווען אַ ווייבערניק פון ערשטער מדרגה, ער האָט נישט געקאָנט אַדורכלאָזן קיין איין קליידל, נישט אינטערעסירנדיק זיך אַפילו מיטן עלטער פון דער באַזיצערין, אַז ער זאָל נישט אויספּרוּוון זיין מזל. איינגעבן פלעגט זיך עס אים דער עיקר מיט זייער-נאַיווע פּוילישע מיידלעך, וואָס פלעגן קומען זיך לערנען אין דער סאָרבאָנע און האָבן געקענט אויף אויסנווייניק זיינע לידער וועגן „הימלישער ליבע" און האָבן געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער מזל צו ווערן באַמערקט דורך דעם דאָזיקן „שוואַרץ-טשופּרענעדיקן גאון". פאַר זיין „הימלישער ליבע" האָט אָזאַרעווסקי שוין נישט איינמאָל געקריגן אויסגעקלאַפּט די ביינער, איינמאָל אַפילו מיט נאַסע קאַלאָשן, אַז ער האָט פאַר-

לוירן דאָס באַוואוסטזיין, נאָר אין קיין מרה־שחורה איז ער נישט אַריינגעפאַלן. ער פלעגט אונז זייער ווייַלן, מוטיק פלעגט ער זיך צושאַרן צו די אַלטע אַמעריקאַנעריגס, צו די מיידעלעך, וואָס שפּילן זיך אין לוקסעמבורגער גאָרטן, צו די שאַנסאָנעטנס, וואָס זענען שוין געווען פאַרגומען מיט אַנדערע קאַוואַלערן, און אַלע־מען פלעגט ער מער־ווייניק זאָגן דאָס אייגענע, דאָס הייסט: „פלאָם—גאָט—אָזיריס—קומט צוגיין היינט אין אָוונט". אייגמאָל, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס דרייטאָגיקע שכורן אין ווערסאַיל, האָט ער באַמערקט, אַז איינע פון די קעלנערגס איז גאָר אַפּעטיטלעך. צוריקקומענדיק קיין פּאַריז, האָט ער איר תּיכּף געשיקט אַ טעלעגראַמע: „איר זענט אַ לאַ־אָז. כ'וואַרט אייך עלף אין אָוונט „האָטעל די שוואַל בלאַן", צימער 16. דער גרויסער טרובאַדור".

דער צווייטער איז געווען — אַ באַנקראָטירטער באַנקיר פון װענעצועלע, סעניאָר מאַדוראָס, אַן אַלטער פריינט פון לערער. וואו און מיט וועמען ער זאָל זיך נישט האָבן געפונען, אויף אַ שטול, אויף די קני, אויף אַ באַנק אין גאַס, — די מינוט האָט זיך גלייך באַוויזן אַ טאַש קאָרטן. ער האָט געשפּילט אין וועלכע שפּילן איר ווילט נאָר און אויף וויפל געלט איר ווילט נאָר. מ'האָט דערציילט, אַז דער אמתער נאָמען זיינער איז קאַפּאַנדעז, און מאַדוראָס איז ער געוואָרן נאָך דעם, ווי ער האָט אין מאָנטע־קאַרלאָ, צוזאַמען מיטן קרופּיע און צוויי אָנגעשטעלטע פון קאַסינאָ, אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל אַרבעט איבער דער רולעטקע פאַרן אָנהויב פון שפּיל. נעמלעך: ער האָט אָפּגעבויגן די דרעטלעך, וואָס האַלטן איין דאָס קייקעלע. נאָכן געווינען 180 טויזנט פראַנק, איז ער אַנטלאָפן נישט נאָר פון דער פּאָליציי, נאָר אויך פון זיינע שותּפים ביי דעם שטיקל מלאָכה, און דאָס געוואונענע געלט האָט ער אין פאַרלויף פון דריי טעג בשלום פאַרשפּילט אין סאַן־סעבאַסטיאַנאָ. ער איז געווען אַ זייער עלעגאַנטער ברונעט, נאָר ער האָט זיך געגאָלט נישט־ריין, דעם שוואַרצן אויסשיט פלעגט ער באַשיטן מיט פּודער, פון וואָס ער פלעגט אויסזען בלוי, און דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערע עלעגאַנץ. כּל זמן מיר האָבן געשיכּורט, האָט מאַדוראָס געשפּילט מיט אַלע: מיט די פרישע באַזוכער, מיט די מוזיקאַנטן,

פּיט די לאָקייען, איינמאָל אַפּילו מיטן פּאָליציאַנט, און ווען אַרום איז שוין מער קיינער נישט געווען — האָט ער גענומען שפּילן מיט אייזשאַן אויף אַ מאַראַנץ אָדער אויף אַ פּאַפּיראָס. אונז אין די אויגן האָט ער פאַרשפּילט דריי הונדערט טויזנט, אַ הויז אין ווענעצועלאַ, אַ ווילע אין אַסטענדע און אַ פרוי. מ'דאַרף צוגעבן, אַז מאַדוראָס איז געווען אַ קבצן, וואָס האָט געבאָרגט ביים מיסטער קול צוויי פראַנק אויף מיטאָג, און איז געווען אַ בחור), געוואונען האָט ער — אַז מ'זאָל נישט רעכענען די פאַנטאַסטישע ציפערן, וואָס זענען מער ווי ציפערן נישט געווען, — אַן ערך פופציק פראַנק, עמיצנס אַ געליבטע און אַ גרויסן יאַגד־הונט, וועלכער האָט אונז פון דעמאָלט אָן שוין נישט פאַרלאָזן און עקשנותדיק געפאָדערט ביי אונזער מאַמע־שפּייזערין, דעם טייערן מיסטער קול, ביינער אויף מיטאָג.

ווען אויף די בולוואַרן האָבן זיך אָנגעצונדן די ערשטע בלאַסע פייערן, האָבן מיר זיך אַלע צונויפגעקליבן אין נישט קיין גרויסן קאַפע־הויז אויף די פּאָבור־מאָנמאַרטר, און פון דאָרט זענען מיר שוין געגאַנגען ווייטער ווי אַ טומלענדיקע מחנה. גרויסע, גריגע און געל־רויטע שפּיגען זענען געלאָפן איבער די ווענט מיט זייערע לאַפּעס און פאַרלאַנגט מיר זאָלן טרינקען „קואַנטראָ". שלאַנקע יונגעלייט און ביבלישע זקנים אין רויטע צילינדערס האָבן געשריגן צו אונז: „נעמט אייך אין זינען אַריין, אויב איר ווילט גליק — גייט אין „ראָיאַל"! און דער ווילדער אויטאָ האָט, ריטשענדיק און בלענדנדיק מיט זיינע געלע אויגן, געוואָרפן זיך אויף אונז, ווי אַ מלאכיש פערד און אונז באַשוואוירן, אַז מיר זאָלן נישט אַנדערש, נאָר רויכערן די פּאַפּיראָסן „נעווי".

און הכנעהדיק זענען מיר געגאַנגען אין „ראָיאַל", געטרונקען „קואַנטראָ", גערויכערט „נעווי". הונדערטער לאָקייען, ערנסטע, פּליכיקע און קלוגע, ווי די רוימישע סטאָיקער, זענען נישט געשטאַנען און געטראַכט, נאָר געפלויגן, איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן, זשאָנגלירנדיק מיט די פלעשער, און גייענדיקערהייט אַריינכלאַפּענדיק עפּעס אין די גלעזלעך און קלינגענדיק מיט די מטבעות. אָ, די דאָזיקע פּידאַמידן פון פלעשער, לאַנגע ווי די קוגעלן, קיילעכיקע, ווי די באַלעמס. מיט די סודותפולע חתימות אָדער מיט די־

סעזוילער געמעלעכצן, געלע, גרינע, רויטע, ווייסע. פון די אַלערליי קאָלירן, וואָס קאָנען נאָר געמאָלט זיין! און אונטערן שטייבפעט האָבן די אַלכעמיקער אין די ווייסע פאַרמוכער צוגעגרייט כלערליי געמישעכצן, פאַרבייטנדיק בלויז דעם לאַטיין אויף ענגליש. און אויף די טישלעך זענען געוואַקסן זיגערישע שטויסן מיט טעצלעך, הונדערטער וואַנדזאַמישע זיילן. רומענער, ציגיינער, נעגערס האָבן געבלאָזן אין די טראָמבעס אַריין, מיט גרויזאַמקייט געריסן די סטרונעס, געגרילצט און געריטשעט. דערנאָך זענען אַפּערגעלאָפן פרויען — אַ געהיימניספולער שבט, כמעט אָן פנימער, מיט קעסעלעך אַראָפּגעלאָזטע איבער די אויגן, מיט שרייאיק-באַשמירטע באַקן צום קושן, מיט אָפּגעדעקטע בריסט און אויסגעפּאַשעטע היפּטן, וואָס בלישטשען פון די גלעזערנע קרעלן, פון דעם גלאַנצנדיקן זיידנס, פון די שטיינער און בענדער. זיי זענען אַריינגעפלויגן, ווי די היישעריקן, רוישנדיק, שפּרינגענדיק איבער די טישן, טאַנצנדיק צווישן די פלעשער, אַרויפפאַלנדיק צו די געסט אויף די קניען, בייגנדיק זיך, ווי אין קאָנוואולסיעס, און ווידער אַרויפפליענדיק אין דער הויך אַרויף און אָפּשטאַרבנדיק דאָרט ערגעץ אין די ווינקלען אויף די טיפע קאַנאַפּעס. אויך די מענער זענען אויפגעשפּרונגען, מיט די גאָרסן, באַגאָסענע פון וויין, מיט די צעקנייטשטע צילינדערס, געדרייט זיך, און געווישט מיט די באַנקנאָטן פון די טייסטערס, און פאַרשוואונדן געוואָרן, מיטנעמענדיק צוויי, דריי, צען, נישט ציילנדיק.

מיר זענען געגאַנגען איבער די גאַסן און זיי האָבן אונדז אָנגעיאָגט—די גיריקע מחנות, געפלאָכטן ווי קאַדריל-פּאָרן, אָדער אויסגעבויגן, ווי אַ געדיכטער ספּיראַל. מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין די קליינע באַרן: דיזעלבע פלעשער האָבן זיך איילך געבויגן, די סוען האָבן געקלונגען, די רויט-ליפּיקע מיידלעך האָבן זיך געחאַפּט פאָרויס, אָפּקלאַפּנדיק מיטן שפּיץ פּאַנטאָפל אָן צינקענעם בופעט, געדריקט זיך איינס צו ס'אַנדערע און געצויגן צו זיך. אויף יעדן טריט האָבן געשטשירעט שמייכלען די האָטעלן, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשלעפּט אויפן גאַס די מוראדיק-גרויסע שמוציקע, איינגעפאַלע בעטן. פּאַריז האָט געשמעקט מיט פּודער, בראָנפן און שווייס. מיר זענען אַוועק אויפן מאַרק און געקוקט ביז חלשות.

אויף די אָנגעוואַלגערטע נבלות, אויף די בערג מיט אייער און קעז, אויף די שטויסן פוטער, אויף די הויפנס ראַקעס, אויף די צעקוועטשטע בלומען, צונויפגעדריקט אין פודיקע פעק. דערנאָך איז אָנגעלאָפן די פאַרסיע טאָג-אַרבעטער, וואָס פאַרבייטן די נאַכטיקע. מחנות אויטאָמאָבילן האָבן פאַרטויבט מיט זייער ריטשערייען פייפעריי, האָבן געטאָטעמט מיט בענזין, היץ און שטויב. אַרום די מאַגאַזינען, גרויסע ווי גאַנצע שטעט, אויף די ברייטע טראָטואַרן, האָבן זיך אין בערג מיט העלע שטאָפן, אין קנוילן זיידנס, אין הויפנס בענדער און שפיצן געגראָבן צערייצטע מחנות ווייבער, שוויסיקע, גיריקע און פאַרשכורטע פון דעם גערויש, פון דעם קלאַנג און פון דעם צאַרטן קנאַקן פון די שטאָפן. צוועלף אַזייגער האָט זיך איבער אַלעם פאַרשפּרייט דער גערוך פון טויזנטער קיכן, דער גערוך פון פעטס, פיש און ציבעלעס. אויף די טעראַסעס פון די רעסטאָראַנען, אויף רעכטס, לינקס, אומעטום האָבן מענטשן מיט רויטע קאַרקן גלייכמעסיק, מיט כוונה, געקייט, געקלאַפּט מיט די ציין, געמאַכט מיט די ליפּן און נאָכאַמאָל איבערגעקייט. דערנאָך זענען מיר געגאַנגען שלאָפן, און אויפשטייענדיק אין אָוונט, האָבן מיר ווידער געזען דאָס אייגענע משוגעת.

ס'איז געווען די געמיינקייט פון דעם צופיל, די פאַרצווייפלונג פונם שפע, דער שווערער שלאָף פון פולבלוטיקייט ס'איז צופיל אי שמאַטעס, אי דיכטער, אי פרויען, אי בלומען, אי. פלעשער, אי מענטשן! אַלץ צופיל! און די בלענדנדיקע, אומברחמנותדיקע, כמעט פייגטלעכע זון האָט אויף די קערפּערס, אויף די צעקנייטשטע בלומען, אויפן שפּייז, אויף די פליכיקע קעפּ געגאָסן עמערוויז זודיקע היץ. ס'האָט זיך געדאַכט, נאָך אַ טאָג און נישט קיין אַפּאָקאַליפּטישער דונער, ניין, פשוט אַן אַפּאָפּלעקציע וועט אַרומכאַפּן די אָנגעפּרעסענע, אָנגעזויפּענע און אין פוך אַריין שלאָפן-געלייגטע שטאָט.

אין איינעם פון אַזעלכע יולי-אָווגטן איז ז'ער לערער, נאָכן צוריקקומען ענדלעך קיין פאַריז, געגאַנגען מיט אונז אין אַ נאַכטשענק אַריין. אויפן וועג, דערציילנדיק אים אָן אַ סדר וועגן אַלץ— וועגן די רעקלאַמעס, וועגן די העלדישע מעשים פון אָזאַרעווסקין

און וועגן מיין שרעק פֿאַר פּאַריז, האָב איך אויך געוואָגט צו פֿרעגן אים, וואָס ער טוט, צי ער האָט שוין נישט פֿאַרגעסן אָן מיר, אָן אונדז אַלע, און וואָס וועט זיין ווייטער?... ער איז נישט בייז געוואָרן, נאָר קורץ געענטפֿערט: „דאָס געשעפֿט מאַכט זיך, די דערצייל מיר ליבערשט נאָך עפּעס וועגן דעם פּאָעט!" דער לערער האָט זיך שטאַרק געביטן פֿאַר די דריי חדשים, ער איז קלענער געוואָרן, איינגעהויקערטער. און אויף זיינע שלייפֿן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן גרויע האָר. ער האָט נישט מער חוזק געמאַכט פֿון ערקאַלע, נישט געריצט מיסטער קול, נישט געקוישט אַפֿילו איישאַן. אין שענקל, וואו אַלע פֿערטל שעה האָט ער פֿאַרלאַנגט אַ וויסקי, האָט ער געשוויגן מרה־שחורהדיק, אָדער ער האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אונדז מיר זאָלן טאָן משוגעהדיקע זאַכן. מסיע דעלע און שמידטן האָט ער געצוואונגען צו טרינקען אויף ברודערשאַפֿט און דערביי האָט ער נישט־עסטעטיש געלאַכט. איישאַ, דער מילדער און איידעלער איישאַ, האָט געמוזט ווייזן, ווי אַזוי ער וואָלט מיט אַ טיש־מעסער געשאָכטן אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן. דערנאָך האָט ער אונדז פֿאַרגעלייגט צו דערשיסן דאָס אַרומבלאָנדזשענדיקע קעצל, נאָר דאָ האָבן מיר זיך אַלע אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט, און מיסטער קול האָט פֿייערלעך דערקלערט, אַז „קיינער פֿון אונדז וועט נישט פֿאַרגיסן קיין בלוט, אַפֿילו פֿון אַ חיה!" דאָס האָט שטאַרק פֿריילעך געמאַכט דעם לערער, ער האָט געשריגן „בראַוואָ", געפּאַטשט מיט די הענט און געהייסן אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן פֿאַרשרייבן אויפֿן וויין־קאַטאַלאָג די ווערטער פֿון מיסטער קול. מיט דעם אַלעם האָט מיך דער לערער ענדגילטיק אויפֿגערעגט און אומרואיק געמאַכט.

אויף צומאָרגנס בין איך אין צווייען מיטן לערער געגאַנגען דורך אַ שטיל געסל פֿון אונדזער קוואַרטאַל. אונדז אַנטקעגן האָט אַ פֿרוי געפֿירט אַ וועגעלע מיט אַ קינד. דאָס קליינס האָט פֿריילעך און אומזיניק געשמייכלט, און אויסגלייכנדיק זיך מיט אונדז האָט עס אויסגעצויגן די הענטלעך צום לערער, ווייל ס'איז פֿאַרבלענדט געוואָרן פֿון דעם בלישטשענדיקן קעפּל פֿון זיין שטעקן. דער לערער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט און הילפֿלאָז, ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ קינד, געמורמלט: „דאָס קאָן איך שוין נישט!...

דערוואַקסענע, מילא, נאָר קינדער, פאַרוואָס קינדער?... אפשר דאַרף מען אײַנגאַנצן נישט?... אַוועקוואַרפן!... אַנטלויפן!... אַ קויל אין קאָפּ!...״ קיינמאָל, נישט פֿאַר דעם און נישט נאָכדעם, האָב איך אונזער הזרט־האַרציקן, שטרענגן לערער נישט געזען אין אַזאַ צושטאַנד, כ׳האָב זיך דערשראָקן און אויסגעשריגן: „זאָגט־זשע, זאָגט־זשע מיר, וואָס איז מיט אײַך? וואָס אַוועקוואַרפן?...״ נאָר כורעניטאָ איז באַלד געקומען צו זיך, האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיט אַ טיכל און שוין אײַנגאַנצן אַ רואיקער געזאָגט צו מיר: „פּשוט אַ שוואַכקייט. לייג נישט קיין אַכט. כ׳בין פֿאַרמאַטערט, דערצו נאָך די היץ!״

אין אָונט, ווען מיר זענען אַלע געזעסן אונטער די פּלאַטאַנען־ביימער אויף דער וועראַנדע פֿון אַ שטילן קאַפֿע־הויז, איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן אַ ייִנגל און ווילד אַ געשריי געטאָן: „לאַ פּרעס!״ מיסטער קול האָט אים צוגערופֿן. ער האָט געוואָלט געוואויר־ווערן די רעזולטאַטן פֿון די לעצטע פֿערד־געיעגן, נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט ער מיר אַ דערלאַנג געטאָן אין פּנים אַרײַן דאָס בלעטל, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט פֿאַרב, און אַרויסגעברומט: „דעם עסטרײַכישן הערצהערצאָג האָט מען דערהרגעט! אָט וואָס!״ דער לערער האָט איבערגעפּרעגט און רואיק געבעטן די צײַטונג. לאַנג איז ער געזעסן און געשוויגן. מיר האָבן שוין געהאַט פֿאַרגעסן וועגן דער אין עצם פֿאַר אונדז גלײַכגילטיקער סענסאַציע, און מיסטער קול האָט זיך שוין אַנטציקט מיט דעם נצחון פֿון דער שקאַפּע „אירידאַ״ ווען דער לערער האָט מיט אַ גלײַכגילטיקער שטים דערקלערט: „הייסט עס, וועט זײַן אַ מלחמה!״ דאָס האָט אונדז אויסגעזען אַזוי קאָמיש און אומזיניק, אַז מיר האָבן גלײַך פּראָטעסטירט און בעסער פֿון אַלע האָט די אַלגעמיינע געפֿילן אויסגעדריקט מסיע דעלע: „אַ מלחמה קאָן זײַן ערגעץ־וואו צווישן ווילדע פֿעלקער, צום בײַשפּיל אויף די באַלקאַנען אָדער אין מעקסיקע, נאָר נישט בײַ אונדז! איר האָט פֿאַרגעסן, מײַן פֿרײַנט, אַז דאָס איז אייראָפּע!״ מיסטער קול האָט דערוויזן, — אַז די מענטשהייט איז פֿונדעסטוועגן צו־מאָראַליש אויף צו פֿירן אַ מלחמה און אַז דערבײַ איז אַ מלחמה נישט קיין רענטאַבעלע אונטערנעמונג. ערקאָלע האָט פֿאַרזיכערט, אַז קוים האָט

מען אים נישט געקאָנט צווינגען אויפצושטיין פון ברוק, טאָ וועלכער טייוול וועט אים שוין צווינגען מלחמה צו האַלטן. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט גערעדט, ווי שטענדיק געפּלהאַפּט, וועגן „גייסט״. ביי מיר האָבן דעם לערערס ווערטער פּשוט אויסגעזען ווי אַ פאָרטזעצונג פון דער אינדערפריִעדיקער פּלוידעריי, און כ׳האָב אים געפרעגט — צי ער פילט זיך גוט? בלויז שמידט און איישאַ האָבן זיך נישט געשפּאַרט. שמידט האָט אַ ברום געטאָן: „עפּעס גלויבט זיך מיר נישט איבעריק, ווידער מישן זיך אַריין די דיפּלאָמאַטן; איבעריקנס, וועט מען זען!״ איישאַ דאַגעגן האָט דערקלערט, אַז אין דער היים, ד. ה. אין סענעגאַל, האָט מען אים אַ סך דערציילט וועגן מלחמה, און אַז דאָס איז גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך. דער לערער האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין געשפּרעך, נאָר שפּעטער אַביסל האָט ער דערקלערט, אַז ער פילט אַ מידקייט, און איינער אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

דאַגעגן מיר זענען, פאַרגעסנדיק אָן דער מלחמה, נאָך אָפּגעזעסן צוזאַמען אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט און געשמועסט וועגן גאָר פרידלעכע זאַכן, ווי אַ שטייגער וועגן אַ צוזאַמענדיקער נסיעה אויף קאָרסיקע, וועגן די מעלות פון פאַרשידענע קעזן און וועגן ערקאָלעס לעצטער פאַרוויילונג מיט אַ אונגאַריש מיידל פון צירק, וואָס הייבט אויף צוואַנציק־פּודיקע געוויכטער. וועגן לערערס ווערטער האָט אונז דערמאַנט ביים געזעגענען בלויז איישאַ. אים, זעט אויס, איז געפעלן געוואָרן די שפּיל, וואָס כורעניטאָ האָט פאַרטראַכט; לאַכנדיק, שרייענדיק און שפּרינגענדיק האָט ער ווידער גענומען באַווייזן, ווי גוט ער וואָלט געקאָנט שעכטן אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן אָדער דעם אומדרייסטן, שטילן שמידטן.

דאס דרייצנטע קאַפּיטל

שטורמישע צעשיידונג.—איך לעב איבער די מלחמה אויף אַלערליי אופנים.

אינגיכן האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דער לערער טרייבט נישט קיין שפּאַס. כ׳וועל נישט נעמען באַשרייבן די טעג פון דערוואַרטונג, אַלע געדענקען זיי נאָך צו־גוט. דאָס, וואָס מיר האָבן געפילט פון איין צייטונג־ביילאַגע ביז דער אַנדערער, פון האָפענונג פאַר יעדן גרייז ביז טעמפּער פאַרצווייפלונג, האָבן אין די זעלבע טעג איבערגעלעבט הונדערטער מיליאָנען פאַרשידנשפּראַכיקע מענטשן. ענדלעך איז געקומען דער פאַטאַלער 30־טער יולי. די ספקות זענען פאַרשוואונדן, אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳לאָזט זיך מער גאָרנישט פאַרריכטן, און, נישט טראַכטנדיק מער וועגן גאָרנישט, געוואָרפן זיך אין דער בהלה אַריין.

נישט צוזאַמענגערעדט, נאָר באַוועגט פון איין און דעמזעלבן געפיל, זענען מיר זיך צונויפגעקומען צו כורעניטאָן, כדי צו געזעגענען זיך אויף לאַנג, און אפשר אויף אייביק. אַנקוקנדיק מסיע דעלע, האָב איך מיך דערשראָקן, ער איז געווען נישט ביי די געדאַנקען, האָט געשריגן, אַז ער וועט דערהרגענען שמידטן, אויב ער וועט וואַגן זיך צו באַווייזן, האָט געזונגען די „מאַרסעליעזע” און געפאָדערט, אַז כורעניטאָ זאָל תיכף גיין קעמפן פאַר דער ציוויליזאַציע. נאָר שמידט איז געקומען, לחלוטין אַ רואיקער, ער

האָט אַפילו עפּעס אונטערגעבורטשעט װעגן 28 גראַד היץ אין שאָטן, און מסתּמא דעלע האָט אים ניט דערהערט. דערפאַר האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אומגלויבלעכעס, און קוריעניטאָס אַרבעטס־צימער האָט זיך פאַרװאַנדלט דאָ אין אַ עסטרייכישן רייכסראַט, דאָ אין אַ רוסישן מאַרק, װאו בײַ דער פאַרקויפערין האָט מען צוגעגנבעט אַ בייגל פון טישל אַראָפּ. אַלע האָבן געשריגן, געשאָלטן, געזונגען און באַשולדיקט איינער דעם אַנדערן. ערקאַלע האָט געריטשעט, אַז מלחמה איז אַ װאונדערבאַרע זאַך און אַז ער װעט שיסן פון גרעסטן האַרמאַט. אין װעמען? דאָס װעט מען זען, נאָר שיסן װעט ער אומבאַדינגט, „עװיװאַ!"

צוליב די געװאַלדן איז איישאַ אַראָפּ פון זינען, ער האָט געכאַפּט דאָס מעסער אויף אויפצושניידן בײַכער און פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל אים די מינוט זאָגן, װעמען אייגנטלעך ער דאַרף שעכטן — מיסטער קולן צי מיך. מסתּמא דעלע האָט אים אויפמערקזאַם דער־קלערט, אַז ער — איישאַ — איז אַ פראַנצויזישער און שעכטן דאַרף ער דערפאַר שמידטן. אַנטציקט פון דער דאָזיקער פּערספּעקטיװ, האָט איישאַ באַשלאָסן זיך נעמען צו דער אַרבעט תּיכף און אויף אַזוי װייט ערנסט, אַז דער לערער האָט אים צוליב פאָרזיכטיקייט געמוזט פאַרשליסן אין אַ קליין קעמערל.

אָנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט פאַרן קאָפּ, האָט אַלעקסיי ספּירידאָנאָװיטש געפּרעדיקט: „ענדלעך איז געקומען די ריינע ליכטיקע אויסלייזונג! ראַסיי! משיח! אויף דער הייליקער סאָפיע — אַ צלם! ברידער — סלאַװן!" ער האָט זיך געװאָרפן אויף שמידטן און כליפּענדיק אַרומגענומען דעם דייטש: „שונא מיינער! ברודער! כ'האָב דיך ליב און מחמת איך האָב דיך אַזוי ליב — מוז איך דיך דערהרגענען! פאַרשטייסט? כ'װעל ניט דערהרגענען, נאָר הרגע־נענדיק װעל איך אַליין אומקומען פאַר אַ קרבן! מיר װעלן מנצח זיין דייטשלאַנד! קריסטוס איז לעבעדיק געװאָרן!" און ער האָט אַרומגעלעקט שמידטן, נאָר דער האָט זיך איידל אָפּגערוקט, האָט אָפּגעװישט דאָס פּנים מיט אַ טיכל און מיט אַ קליין קעמעלע האָט ער זיך גלייך געמאַכט די האָר.

מיסטער קול, וועלכער איז געווען גערירט פון דעם גאַנצן בילד, איישאַן איינגעשלאָסן, האָט פריינטלעך געזאָגט: „איך בין בייטראַל! נאָר כ׳האָב שוין אויך אָן צו פאַרשטיין, אַז מלחמה איז נישט אַזאַ אוממאָראַלישע זאַך, און אויך נישט אַזאַ אומבאַקוועמע זאַך, ווי מיר האָבן פריער גערעכנט״.

איך בין געזעסן אַ פולשטענדיק דערדריקטער פון דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען. מיטאַמאָל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַלע שרעקלעכע וויזיעס, וואָס האָבן מיך פאַרפאָלגט אין משך פון לאַנגע יאָרן, זענען נישט מער ווי אַ טאָג־טעגלעך שטיקל פעטיט־כראָניק אין פאַרגלייך מיט דער דאָזיקער רעאַליטעט. און זיך קלאָר מאַכנדיק דאָס אַלץ, האָב איך בכלל אויפגעהערט טראַכטן, פילן, לעבן מיט אַ באַזונדער לעבן, און אויף אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך פאַרלוירן.

ווען אַלע האָבן, פאַרמאַטערטערהייט, אַביסל שטילגעשוויגן, האָט שמידט גענומען דאָס וואָרט: „טייערע פריינט, צו קיינעם פון אייך פיל איך נישט קיין שום שנאה, הגם איר זענט מיינע שונאים. נאָר די זאַך איז גאָר פשוט. מיר מוזן אייך אָרגאַניזירן״. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַפע פון אייראָפּע, וואָס איז געהאָנגען אויפן וואַנט, און ווי אָפּגעשניטן מיטן פינגער אַ פערטל פראַנקרייך, אַן אַכטל רוסלאַנד, און אויפן וועג פאַרכאַפּט נאָך עפּעס דאָרט פון די קליינע לענדערלעך, „דערווייל וועלן מיר בלויז דאָס אוממיטל־באַר פאַרייניקן, און אויף דעם איבעריקן וועלן מיר סיסטעמאַטיש אויסאיבן אַן איינפלוס. פאַרשטייט זיך, דאָס איז נישט גאָר קיין גאַלאַנטע שטיקל אַרבעט, נאָר פאַרפאַלן, מיטן גוטן ווילן וועט איר זיך קיינמאָל נישט אָרגאַניזירן. אַלזאָ, צום ווידערזען. איך האָף צו באַגעגענען זיך מיט אייך אין איינער פון די נייע פראָווינצן פון דער דייטשער אימפּעריע״. דאָס זאָגנדיק, האָט ער געדריקט דעם לערער די האַנט, געזעגנט זיך מיט אונז און אַרויסגעגאַנגען.

ווידער האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווילדער ליאַרעם: מסיע דעלע האָט באַפרייט איישאַן און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל פאַרטיידיקן די ציוויליזאַציע און נאָכיאָגן שמידטן און אים שעכטן, נאָר איישאַ, וועלכער האָט זיך פאַר דער צייט פון זיין איינזאַמקייט אַביסל באַרואיקט, האָט ליבערשט געוואָלט זיצן אויפכורעניטאָס קאָנאַפּע

און צעקלאַפּן מיט אַ מעקסיקאַניש געטשל גריכישע ניס.

דאָס מאָל האָט איינגעשטעלט אָרדנונג דער לערער. וועלכער האָט אונז מילד געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז אים פֿאַרשטענדלעך און אַז עס פֿרייט אים אין אַזעלכע מינוטן צו זיין אינאיינעם מיט פֿריינט, נאָר צום באַדויערן, גייט אין אַ שעה אַרום אַוועק זיין צוג, און באַלד וועט ער זיך מוזן געזעגענען מיט אונז, מעגלעך אויף לאַנג. „ס'איז געשען עפּעס אומפֿאַרמיידלעכעס און נויטיקעס. מיינט נישט, אַז ס'וועט דויערן בלויז אַ וואָך, און דערנאָך ווידער „ראַיאַל". ניין, דער דאָזיקער הייסער טאָג איז די גרענעץ. כּל זמן ס'איז נישט שפּעט, קוקט אייך נאָכאַמאָל אַרום!... געזעגנט אייך מיט אַלעם, וואָס איר האָט געקענט. ס'איז נישט קיין פֿאַרמאַכט קענדל, נאָר אַ צעעפֿנטע אַרטעריע. ס'קלינגען אייך משונהדיק מיינע ווערטער, נאָר צי האָט איר דען נעכטן געקאָנט גלויבן אין היינט? וואָס-זשע זאָל איך אייך זאָגן וועגן מאָרגנדיקן טאָג? שרייען די באַקאַנטע, אינטימע, היימישע ווערטער: „פֿאָטערלאַנד", „ערע", „נצחון", „אין נאָמען"... וואָס איז פֿאַר אייך אַ נאָמען?... מ'האָרעוועט פֿאַר דעם פּנימלאָזן, גייסטלאָזן, נאָכנישט-געבוירענעם, אָבער שוין אין טראַכט גרויזאַמסטן — האָרעוועט אויך! גייט אַהין, וואוהין די נייטווענדיקייט וועט אייך פֿירן! זייט פֿורכטבאַר, שיסט, טרינקט וויין, וויינט, טוט אַלץ, וואָס איר דאַרפֿט טאָן! כ'גיי אַוועק, נאָר אַלע וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען. ווען? ווייס איך נישט. זייט געזונט, מיינע פֿריינט!"

דער לערער האָט גענומען אַ קליין רייזע-טעשל, אָנגעפּילט דער עיקר מיט פּאַפּירן, און איז אַרויסגעגאַנגען, בעטנדיק, אַז צום וואָקזאַל זאָלן מיר אים נישט באַגלייטן. נאָך אים זענען זיך אַלע פֿאַנאַנדערגעגאַנגען. איך מיט איישאַן זענען אין צווייען געבליבן אין די צימערן, וואָס האָבן נאָך פֿאַרבאָרגן אין זיך דעם לערערס אָטעם. די גאַנצע נאַכט האָב איך געקוקט אויף זיינע שרעקלעכע מאַפּעס, אויף די שטיינערנע געטשלעך, אויף דער פֿאַרגעסענער קורצער דורכגעברענטער פּייקע, מיט די צייכנס פֿון שטאַרקע ציין. איישאַ דאַגעגן האָט זיך צונויפֿגעקנוילט ביי מיינע פֿיס און גערייַשעט, געגריזשעט די אומערשעפּלעכע ניס, פֿון צייט צו צייט

נאָר אַרויסלאָזנדיק אַ צעצויגענעם זיפץ: „איי! דער האַר איז בעגאַנגען אויף מלחמה! איי, איישאַ!"... און דאָרט אונטערן פענסטער זענען ביז איינדערפרי נישט איינגעשטילט געוואָרן די געזאַנגען, די געשרייען פון די ציישונגס־פאַרקויפער, דאָס געפּויקעריי, דאָס טופּעריי פון די סאָלדאַטן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען צו די וואָקזאַלן, און עמיצנס אַ דורכנעמענדיק געוויין: „זשאַן! זשאַן! זשאַן!"...

ס'איז געוואָרן טאָג. דאָס טאָגיקע ליכט האָט לײדער נישט געהאָלפן צו פאַרשטיין, כאַפּן דעם זין, אָנהויבן ווי נישט איז לעבן אויפסניי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנג עקזיסטירן, ענלעך צו די וואָכן פון אַ טיפוס־קראַנקן אויפן בעטל אין שפּיטאָל. אַרום האָב איך געזען די אָנגעצונדענע אויגן און געהערט דאָס ריידן פון היץ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דאָס אַלטעגלעכע געשפּרעך. ווען כ'בלעטער איצט מיין פאַרגאַנגענהייט און דערקלייב זיך צו די דאָזיקע חדשים — זע איך פאַר זיך אַ גרוב, און נישט דערמאָנענדיק זיך קיין שום מעשים, געדאַנקען, ווערטער, שטיי איך און חדוש זיך, ווי אַרום איז מיר געלונגען זיך אַרויסצוקריגן פון דאָרטן.

אַלע מיינע פריינט זענען זיך צעפאָרן. מיסטער קיל איז פאַרבלענדט געוואָרן פון עפּעס קאָלאָסאַלע באַשטעלונגען און איז אַוועק קיין ניו־יאָרק, צוזאָגנדיק, איבעריקנס, אינגיכן צוריקצוקומען. מסיע דעלע האָט מען גערופן צו מיליטער־דינסט און מ'האָט אים אַוועקגעשיקט ערגעץ אויף דרום אָפּהיטן באַן־בריקן. ער האָט מיר געשריבן, אַז מ'האָט אים איבערגעשיקט קיין אַוויניאָן פאַרוואַלטן מיטן קריגס־בית־עולם, און אַז איסער דעם, אַזוי ווי ער ברענט פון ענטוזיאַזם און האָט נישט קיין מעגלעכקייט, צוליב זיין עלטער, זיך צו שלאָגן, — פאַרנעמט ער זיך מיט זשורנאַליסטיק און פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין „אַוויניאָנער מאָרגנשטערן", ער אָרדנט אויך איין פאַרשידענע פּאַטריאָטישע אונטערנעמונגען. ערקאָלע, וועלכער איז געבליבן אָן מיטלען, האָט זיך געפּרוווט אויסציען אויפן פּאַריזער ברוק, נאָר גאָר גיך האָט מען אים משלח געווען אין זיין פאָטערלאַנד אַריין. איישאַן האָט מען מאָביליזירט,

און אָפּלערענענדיק מיט אים אַ שטיקל צייט אין אַ דרומדיק שטעטל ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט געווער, וואָס איז אַנדערש, ווי אַ טיש-מעסער, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט.

ס'איז געקומען די ריי אויף אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן און אויף מיר. קיין רוסלאַנד זיך אומקערן האָבן מיר נישט געקאָנט און אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן זענען מיר אַוועק אין „אינוואַלידן-פּאַלאַץ" זיך פאַרשרייבן אַלס פרייוויליקע אין דער פראַנצויזישער אַרמעע. ער איז געלאָפן מיט באַגייסטערונג, רעדנדיק וועגן מערטירערישער העלדישקייט, וועגן קריסטוסעס אָדער גאָר מערעזשקאָווסקיס שווערד, וועגן צאַרגראַד *) און נאָך וועגן אַזעלכע זאַכן. אויפן וועג איז ער אַריינגעלאָפן אין די שענקלעך, אויסגעטרונקען צו גלעזלעך און געפּרוווט זיך קושן מיט די שענקערס: „פאַרבינדעטע! ברידער!" איך בין געגאַנגען אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרמרה-שחורהטער, און נישט געפילט גאָרנישט, אויסער די היץ, נישט צום פאַרטראָגן, און די זעלבסטפאַרניכטונג: כ'בין געגאַנגען, ווייל דאָס איז געווען דער לייכטסטער אויסוועג. אויסשטעלן דעם אייגענעם בויך אונטער עמיצנס באַגנעט אָדער מיט אַ באַגנעט אַדורכשטעכן עמיצנס בויך האָט מיר צו יענער צייט אויסגעזען אַסך איינפאַכער, ווי, אויפשטייענדיק אינדערפרי, קויפן פאַר אַ סו דעם „מאַטען", לייענען וועגן די אויפגעפּראַלטע בייכער און דערביי הייסן זיך דערלאַנגען אַ טעפּל קאַווע מיט קיכלעך.

אויפן פּלאַץ האָבן זיך געשטויסן טויזנטער מענטשן מיט פּעננער פון פאַרשידענע לענדער. אַלע צוזאַמען האָבן זיי געזונגען זייערע הימנען. פון דער זון, פון די בונטע שמאַטעס און פון די ווילדע קולות האָט געשווינדלט דער קאָפּ. מיר האָבן אָפּגעזוכט די רוסישע — זיי האָבן שוין געהאַלטן מלחמה צווישן זיך, פּאָכענדיק מיט די פאַרשידענע פּענער — דרייפאַרביקע, פּשוט-רויטע, רויטע מיט אויפשריפטן, וואָס דערקלערן די רויטקייט, פראַנצויזישע, און, צום סוף להלוטין אומפאַרשטענדליכע און משונהדיקע. זיי האָבן אויך געפּרוווט זינגען, אַזוי ווי אַנדערע, אָבער ווי נאָר מ'האָט אָנגעהויבן עפּעס אַ ליד, האָבן זיך גלייך אַ שאָט געטאָן פראָטעסטן.

*) קאָנסטאַנטינאָפּאָל

שפּעט'ר האָט מען זיך אויפגעהערט צו קריגן און איינצייטיק גע־נומען זינגען — „גאָט שיך דעם קייסער", „מאַרסעליעזע", „אינטער־נאַציאָנאַל", „פון אַ ווייטן, ווייטן לאַנד" און אַפילו דעם ראָמאַנס: „מוסר מיך נישט!"... דער איינדרוק איז געווען אַ שטאַרקער, ער האָט דערמאָנט אַביסל נעגריטאַנישע מוזיק און האָט, ס'קאָן שוין גאָר בעסער נישט זיין, האַרמאָנירט מיטן טומל, מיט דער היץ און מיטן גאַנצן האַרמידער פון דער פאַרשידנשפּראַכיקער מאַסע.

איבריקנס, גאָר אינגיכן האָט זיך איבער גאַנצן געטומל אויס־געשפּרייט דאָס פרידלעכע בילד פון אַ באָד. צוהאַלטנדיק די קאָלפּאָגען, בין איך אַוועק אויסערוווין מיין גורל צו דער קאָמיסיע, וואו מ'האָט געמאָסטן, געטאַפּט און אַרומגעקלאַפּט פאַרשידענע העראָישע קערפּערס. צושטעלנדיק דאָס רעדל צו מיינע ריפּן, האָט דער דאָקטאָר פלינק אַ קראַקע געטאָן: „טויג נישט, ווייטער! און איך בין געבליבן מיט מיין העראָיזם, פריי אָוועקצוגיין אין ווינקל און אָנצוטאָן דאָס העמדל, גיין לייגנען דעם „מאַטען" און עסן געפּוטערטע זעמעלעך. רירנד האָב איך מיך געזעגנט מיט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן, וועלכער איז אויך צומאָרגנס אָוועקגעשיקט גע־וואָרן אינאיינעם מיט דער הייליקער סאָפיע און מיט אַ קאָמפּאַניע פאַרדעכטיקע שפּאַניער קיין טירן אויף צו לערבען זיך. אויפ'ן וואָק־זאַל האָט ער מיר אונטערוואַרטעט דערקלערט, אַז כוריענטאָ איז אַ פאַררעטער, וואָרים „ער איז מיט דער נשמה נייטראַל, און די נייטראַלע — דאָס זענען באַהאַלטענע גערמאַנאָפילן", און ער האָט מיך געבעטן כ'זאָל אים צוריקגעבן דעם אַלטן פּראָיעקט פון דער „געזעלשאַפט אויסצוזוכן דעם מענטשן" און אויך דעם מעגיל פון „ראַיאַל", אויף וועלכן ער האָט פאַרשריבן דעם באַרימטן אַפאָריזם פון מיסטער קול.

גאָר כוליאָ כורענטינאָ איז, ליידער, פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער. אַוועקפאָרנדיק האָט ער קיינעם נישט געלאָזן זיין אַדרעס און קיינער האָט פון אים קיין בריוו נישט באַקומען. זיין אַרבעטס־צימער איז געשטאַנען פּוסט, נישט אויפגערוימט, צעקנאָרעטע צייטונגען און אַ געעפנטן קופער. די ערשטע צייט פלעג איך אָפט אַריינגיין אַהינצו, כדי איבערצולעבן די זיסע ערינערונגען פון די

פֿילע אָוונטן, וואָס כ׳האָב פֿאַרבראַכט אין דעם דאָזיקן טרויער, פֿאַרלאָזענעם געצעלט. נאָר כ׳האָב געמוזט איבעררײַסן די באַזוכן, צוליב פֿאַרשידענע אומאָנגענעמלעכקייטן. צו יענער צײַט האָט אין פּאַריז געהערשט די עפּידעמיע פֿון שפּיאָנאָמאַניע. דײַטשע אַגענטן האָט מען געפֿונען אין די קאַפֿעס, קאָנצעלאַריעס, אין די קינדער-גערטנער, אַפֿילו בײַ זיך אין דער היים — אין דעם ווײַבס בודואַר. אומדערוואַרטעט האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פֿאַררעטער: פּראָפֿעסאָרן-גינעקאָלאָגן, אַמען, בית-עולם-וועכטער, שוועסטער-קינדער און פֿיל אַנדערע. ווען מ׳האָט ענדלעך בײַ אַן אַלטן מאַן, אַ לערער פֿון געאָגראַפֿיע, געפֿונען אַ געצייכנטע מאַפּע פֿון די צוויי האַלב-קוילן, און בײַ אַ הענדלער פֿון אַלטוואַרג אויף מאַרשע-דע-פּיס אַ גענוצטן קאָמפּאַס פֿון דײַטשער אָפּשטאַמונג — איז דער חשד געשטיגן צו דער העכסטער מדרגה. די הויז-וועכטערין, וואָס האָט נישט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט כורעניטאָן, דאָס הייסט נישט אים, נאָר ערקאָלען, וועלכער האָט זיך נישט באַציגן מיט דער געהעריקער אַכטונג צו די שטיגן, — האָט איבערגעגעבן עמיצן, אַז דער לערער האָט געפֿירט אַ פֿאַרדעכטיקן אַרט לעבן, ס׳פֿלעגן קומען צו אים משונהדיקע מענטשן, קענטיק אָן אַ באַשטימטער באַשעפֿטיקונג, און פֿלעגן אָפֿט רעדן צווישן זיך אויף אַן אויסלענ-דישער שפּראַך, מסתּמא אויף דײַטש. און נאָך דעם איז געקומען פּאָליציי, און הגם קיין שום ערנסטעס איז נישט געשען, האָב איך דאָך געמוזט זיך צעשיידן מיט דעם קלײנעם פֿאַרלאָזענעם טעמפּל.

דעם הערבסט און ווינטער האָב איך לײדנשאַפֿטלעך בעוואַרט אויפֿן לערער; גייענדיק איבער די גאַסן, פֿלעג איך מיך אַרומקוקן, זיצנדיק אין צימער פֿלעג איך מיך אײַנהערן צו די טריט אויף די שטיגן; כ׳האָב אָפּגעהיטן דעם פּאָסט-טרעגער. וואו איז ער? אפֿשר אויפֿן פֿראָנט, פֿירט אָן מיט אַ דיוויזיע? אפֿשר אַרעסטירט? אין תּפֿיסה? אפֿשר דערטרונקען געוואָרן בײַם וועלן אַריבערשווימען צו זיך אַהיים? דערשאָסן? דערהרגעט אין שלאַכט? נאָר אויב אַזוי — צו וואָס האָט ער אונדז געלאָזן ברענען אויף דעם דאָזיקן אײַביקן פֿײַער? צו וואָס לעב איך אין אַזאַ פֿאַל? כ׳האָב געהאַט תּרעומות, כ׳האָב פֿאַרלאַנגט, כ׳האָב געוואַרט, נאָר קיין ענטפֿער איז נישט געווען...

פאַר מיר ווערן וואַך איצט יענע שטורמישע נעכט, ווען אַלע ווינטן האָבן געשליידערט מיין שוואַך שיפל אָן אַ רודער. מ'האָט געשאָסן, מ'האָט געשריגן, אַז די דייטשן וועלן נעמען פאַריז; מיט די סאַמעטענע פאָרהאַנגען, מיט די קאַנאַריקלעך, מיט די נאַכטטעפּלעך איז מען געלאָפן צו די וואָקזאַלן. און אין די נעכט פלעגט זיך מיר אויסווייזן, אַז צו מיר אין צימער גייט אַריין שמידט און הויבט מיך אָן אָרגאַניזירן: „הער ערענבורך עליאַס! שטייט אויף! דעם בויך איינציען! רעכטס גיין! צוויי שפּייז-פּילן! דריי ליטער ביר! ווילן זיך! לינקס גיין! פרוי כאַזע! לייגט זיך!" און איך בין אויפגעשפרונגען, געלאָפן אַראָפּ אונטן צו דער הויז-וועכטערין, כּדי צו איבערצייגן זיך, אַז שמידט איז נישטאָ.

דערנאָך האָב איך אויף אַ רעאַלן, פיזישן אופן אָנגעהויבן איבערלעבן מאָרד. אַרום מיר האָט מען זיך אויסשליסלעך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער, פריער פאַרבאָטענער, מלאכה. כ'האָב געלייענט: „דריי, פינף הונדערט, צענטויזנט געהרגעטע", „מיר האָבן דורכגעשטאָכן", „אויפגעריסן", „דערשטאָכן", „דערשטיקט", „פאַרשיט", „דערטרינקען", „דערהרגעט, דערהרגעט, דערהרגעט!" יינגלעך אויף די בולוואַרן האָבן געקוויטשעט: „אַלע דערשטאָכן"; דער קעלנער האָט געענטפערט: „75 מ"מ שיסט טרעפלעך"; די קרעמערין האָט צוגעברומט: „אַרומגערינגלט, צעקלאַפּט, אויסגעהרגעט!"—אַנטקעגן מיר האָט געוואוינט אַ שטילער אַלטיטשקער, אַ גאַנצן טאָג האָט ער געלייענט צייטונגען, און שפּעט אין אָוונט פלעגט ער מיך רופן צו-גאַסט און אָנהייבן שטעכן מיט אַן אַלטער צעבראָכענער קאָטשערע אין אַ קאַרטל מיט אַ באַוואָנסעטן דייטש, וואָס ער האָט ספּעציעל צו דעם צוועק אויפגעהאָנגען. אַן אַנדער שכן, מסיע איבי, אַן אָנשטעלער פון פאָרטעפּיאַנען, האָט פאַרלאַנגט כ'זאָל אים ווייזן, ווי אַזוי די קאָזאַקן אַרבעטן מיט די פּיקעס. כ'האָב נישט געקאָנט, נישט געוואוסט, נישט געוואָלט, נאָר ער פלעגט אַלץ זאָגן: „מ'שניידט, מ'שעכט, מ'דערהרגעט", און איינמאָל ביינאַכט בין איך אין אונטערוועש אַריינגעלאָפן צו אים מיט אַ קליין שפּיצרוטל און האָב אים שרייענדיק „הוראַ" גענומען שלאָגן איבערן ווייכן, צעגאָסענעם בויך, ביז ער האָט נישט געשריגן „בראַוואָ".

דערנאָך האָב איך גענומען צווייפלען, צי בין איך נישט אַמאָל
אַ דייטש? תּחילת האָב איך צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע גענומען
זוכן אַרום זיך אַלץ, וואָס איז דייטשיש. מ׳האָט צעטראָגן דאָס מילך-
געוועלב „מאַגי״, וואו איך פלעג קויפן צוואַרעכן. כ׳האָב אַרויסגעוואָרפן
דעם גאָל-מעסער מיט דער פאַרדעכטיקער אויפשריפט. כ׳האָב אָפּ-
געריסן פון מיינע הויזן אַלע קנעפּלעך, וואָס ס׳איז קלאָר געווען,
אַז זיי זענען פיינטלעכע, און כ׳בין גרייט געווען צו צערייסן די
הויזן גופא, נאָר מסיע זייני האָט מיך אָפּגערעדט דערפון. עמיצער
אין שכנותדיקן הויז האָט געהאַט די העזה צו שפּילן באַך, וואָס
הייסט דאָס? כ׳בין געלאָפן, בעוואויר-געוואָרן, מ׳האָט מיר געוויזן
אַן אַרטיקל אין אַ צייטונג — באַך איז נישט קיין דייטש, באַך איז
כמעט אַ פראַנצויז. פון גרויס פאַרצווייפלונג האָב איך נישט גע-
וואָלט גלויבן. דערנאָך איז געשען דאָס שרעקלעכסטע: כ׳האָב אָנ-
געהויבן צווייפלען אין זיך אַליין. דאָס איז געשען באַכרעם, ווי
דאָס פריילן פון „פּאָסט-רעסטאַנט״, וואו כ׳פלעג באַקומען בריוו,
האָט מיר פריינטלעך געעצהט: איר האָט נישט קיין גוטן צונאָמען.
בייט איבער די „נאָמען-ענדונג״. כ׳וואָלט גערן דאָס געטאָן, נאָר
כ׳האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי מ׳מאַכט דאָס, האָב איך אַוועקגע-
שיקט אַ בקשה קיין מאָסקווע צום פרידנס-ריכטער פון כאַמאָווני-
קישן באַצירק. נאָר וואָס באַדייט דער צונאָמען — עס זענען
געווען ערנסטערע זאַכן. צופעליק איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט
אַריין די פּראָווינצער צייטונג „פּטי ניסואַ״ און דאָרט האָט זיך אין
לייטאַרטיקל קלאָר גערעדט וועגן דעם, אַז דייטשן קאָן מען דער-
זענען לויט אַ ספּעציעלן, זיי אַליין געאייגנטן ריח, לויט וואָסערן —
איז נישט געשטאַנען; קלאָר, אַז יעדער וועט שוין אַליין דערשפּירן.
ווי כ׳האָב דאָס איבערגעלייענט, האָב איך זיך גענומען אַרומשמעקן;
נאָר דעם אייגענעם ריח איז שווער צו דערשפּירן, כ׳האָב בלויז
געשפּילט דעם גערוך פון טאַבאַק און פון שלעכטן אָדעקאָלאָן, ווייל
דעם פרימאָרגן האָב איך מיך געגאָלט. איך האָב נישט געשפּירט —
אָבער אַנדערע שפּירן. כ׳האָב דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן;
אַהיימקומענדיק שפּעט, האָב איך אויפגעוועקט די הויז-וועכטערין און
זייער איידל געבעטן: „שמעקט מיך אַרום״, נאָר דאָס האָט זיך

נישט איינגעגעבן. כ׳האָב זיך געמוטשעט איבערצייען אין אַן אַנדער דירה, און דער ריח, שפּייער איז פֿאַר מיר גופֿא געבליבן אַ סוד.

אין לייד, אין פּאַטערניש און אין באַוואוסטלאָזיקייט האָב איך דערלעבט דעם פֿרילינג. נישט האָבנדיק קיין געלט, האָב איך גאָר [illegible]קשהדיק געהונגערט, אויספֿאַרקויפֿט אַלץ און געבליבן בלויז אין אַ פּאָר פֿאַרדעכטיקע הויזן און אין אַ גרויסן ברייט־ראַנדיקן קאַפּעלוש, און געמוטשעט זיין אַרבעטן ביינאַכט אויפֿן וואָקזאַל איווריי, וואו כ׳האָב צוגעפּידעט קליינע וואַגאָנעס, געלאָדנס מיט קעסטלעך. אויף די קעסטלעך איז געווען אַן אויפֿשריפֿט: „פֿאָרזיכטיק!", און די חברים פֿלעגן זאָגן, אַז דאָס איז פּאָרצעליי. איך דאַגעגן בין געווען איבערצייגט, אַז דאָרט געפֿינען זיך קוילן, און אַהיימקומענדיק אינדערפֿרי, זיס אויסציענדיק די גלידער, האָב איך געשריגן: „נישט — דערפֿלויגן! אַריבערגעפֿלויגן! בום! טראַך! דריי און און זעכציק צעריסן!" די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, דערצו נאָך איז מיין אויסזען, דער עיקר דער קאַפּעלוש, געווען קאָמיש אין די אויגן פֿון די חברים, און זיי האָבן פֿון גוטסקייט זיך צוזאַמענגעלייגט און מיך מכבד געווען מיט ביליקן ראָם. איך האָב מיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די כּחות; שוין נישט מיט די הענט, נאָר מיטן מויל האָב איך געשטופּט דאָס וועגעלע, און פֿון דעם בראָנפֿן זענען די שינעס געשפּרונגען, די קעסטלעך איבערגעקערט זיך און די מוראדיקע אייזערנע שרצים — אויפֿגעריסן געוואָרן. איך בין געפֿאַלן אין אָנמאַכט.

אין דער פֿאָרשטאָט פֿון פּאַריז, וואוהין כ׳האָב מיך אַריבערגעקליבן, האָט מען געבראַכט פֿאַרוואונדעטע מיט פּנימער, אַרומגעוויקלטע מיט מאַרלע, בלינדע, לאָמע, וואָס שפּרינגען אַרום אויף די קוליעס. עס פֿלעגט נאָך קומען צופֿליען עמיצער און וואַרפֿן באָמבעס, נישט אַזעלכע, ווי איך האָב געפּירט, אַנדערע, דייטשע. כ׳האָב געזען אַ מיידעלע אין אַ בלוי קליידל מיט צעפּגעריסענע פּיסלעך העכער פֿון די קני. און די הייזעריקע יינגלעך האָבן אַלץ געשריגן: „דערהרגעטע, פֿאַרשוואונדענע, אויפֿגעריסענע!" כ׳האָב מיך געשטיקט פֿון די ריחות פֿון בלוט, יאָדאָפֿאָרם און דרוק־פֿאַרב. כ׳האָב שוין מער אויף גאָרנישט געקלערט. כ׳האָב פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען אַ מענטש, וועלכן כ׳האָב גערופֿן לעזשער.

Free Public Library Newark, N.J.

דאָס פֿערצנטע קאַפּיטל

די מיסיע פֿון לאַבאַרדאַן — 155 מילימעטערדיקע האַרמאַטן

אין אַ מײַ־פֿרימאָרגן, ווען כ'בין נאָך דער אַרבעט געשלאָפֿן אומרואיק אין דעם שמוציקן קעמערל פֿון אַ אונטערשטאָטישן האָטעל, האָט מיך אויפֿגעוועקט די צעשראָקענע בעל־הביתטע: „עס פֿרעגט זיך אויף אײַך אַ הער, ער איז געקומען אין אַן אויטאָמאָביל!" כ'האָב נאָכנישט באַוויזן צו זיך צו קומען, ווי אין צימער איז אַרײַנגעקומען אַן אויסערגעוויינלעך עלעגאַנטער הער, לויטן פּנים באַקאַנט: „נישט דערקענט? דאָס בין איך, קוליאַ! געכטן געקומען קיין פּאַריז און קוים דיך אָפּגעזוכט".

יאָ! יאָ! דאָס איז געווען דער לערער! ער האָט זיך געענדערט, שטאַרק אָפּגעברענט געוואָרן און פֿאַרלאָזן זיך נישט קיין גרויסע וואָנסעס. שווײַגנדיק האָב איך אים אָנגעקוקט, געקוקט גיריק און פֿײַערלעך, וואָרים מיט יעדער מינוט בין איך אויסגעהיילט געוואָרן פֿון דעם משוגעת. מיר האָט זיך אַפֿילו געדאַכט, אַז ס'איז גאָרנישט פֿאָרגעקומען, אַז כורעניטאָ איז געקומען מיר זאָלן גיין צוזאַמען אין דער פֿלאָרענטינער קירכע אָדער אין „טאַווערן אַמסטערדאַם".

„לערער, ס'איז דאָך אמת, אַז איר זענט נישט געווען? וואוזשע זענט איר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף אַזוי לאַנג? אויפֿ'ן פֿראָנט?"

„אין? נײַן, דער עיקר האָב איך זיך פֿאַרנומען מיט כאַפּן פֿיש,

כ׳האָב אויך געגעסן ווייַנטרויבן און פייגן אויף די באַלעאַרישע אינזלען. דעם 30=טן יולי בין איך פון פּאַריז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין מאַיאָרקאַ. כ׳האָב נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין אייראָפּע. אַלץ האָט זיך דאָ געטאָן פון זיך אַליין. כ׳האָב נישט געקאָנט זיין קיין פאָלק-פירער און נישט געוואָלט זיין קיין פּאַציפיסט. דער שכל האָט זיך בלויז הילפלאָז געקאָנט ראַנגלען אין דעם דאָזיקן תהו-ובהו. און ווייטער... ווייטער זענען דאָרט געווען וואונדערלעכע ווייַנטרויבן, גרויסע, שמעקעדיקע, ווי די „איזאַבעלאַס״, נאָר נאָך בעסער. און אין טייכל — גאָלד-פישלעך. ווארפסט אַריין אַ ווענטקע... ניין הדשים האָב איך נישט געלייענט קיין צייטונגען. איצט איז עפעס אַנדערש, איצט נעמט דער כאַאָס אָן אַ פאָרם, דאָס משוגעת הויבט אָן ווערן אַלטעגלעך לעבן. לענגער זיצן ביים טייכל קאָן איך נישט. טו דיך אָן, מיין ליבער, צוזאַמען וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט. זעסטו, איצט בין איך אַ באַפולמעכטיקטער פאָר-שטייער פון דער לאַבאַרדאַנישער רעפּובליק, און דו ביסט מיין סעקרעטאַר״. און דער לערער האָט אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל עפעס אַזעלכע גרויסע בויגנס מיט רויטע חתימות, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר דיפּלאָמאַטישע פּעסער און האָבן אָנגעוואָר-פן אויף מיר אַזאַ שרעק, אַז כ׳בין אַנטלאָפן אונטער דער קאָל-דרע אַרונטער. שפּאַרן זיך פונדעסטוועגן האָב איך נישט געהאַט די העזה, כ׳האָב נאָר בלויז אָנגעוויזן אויף מיינע הויזן. האָט כורעניטאָ געזאָגט: „דאָס איז נישט שרעקלעך, מיר וועלן גלייך פאָרן צום שניידער און אין די געוועלבער אַריין. אַ סך ערגער איז דאָס, וואָס דו האָסט ליב צו דערציילן וועגן דיינע איבערלעבונגען. אויב דו קאָנסט בכלל נישט אויפהערן איבערצולעבן, טאָ שווייג-זשע. רעדן וועל איך, און אויב מ׳וועט דיך פרעגן — ענטפער עפעס אַן אומשול-דיק וואָרט, אַ שטייגער, „מערסי״.

אויפן אַנדערן טאָג זענען מיר צוגעפאָרן צום פּאַלאַץ, וואו ס׳האָט זיך געפונען דאָס מיניסטעריום. אין בוך, צווישן מיסטער אוילד, דעם אַמעריקאַנישן שיף-אייגנטימער, און די פאָרשטייער פון דער פּאָרטוגאַלישער פּרעסע, איז איינגעשריבן געוואָרן: „די מיסיע פון לאַבאַרדאַן״. מיט ציטערניש האָב איך אָנגעקוקט די

לאָקייען אין די מאַלינאָווע פּראַקן, און אײנעם, גאָר אַ ווינטיקן, האָב איך סתם אַזוי, נישט באַדאַרפנדיק, נאָר פון פאַרלוירנקייט, געזאָגט „מערסי". דער מיניסטער, פאַרקערט, האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר פאַר אַ פריינטלעכן מענטשן; דער לערער האָט אים פייערלעך דערקלערט, אַז לאַבאַראַדאָן וויל זיך פאַראייניקן מיט די פאַראײניקטע, און בעט דעריבער קלאָר צו פאָרמולירן די צילן, וועלכע זיי פאַרפאָלגן: „זיי זענען באַקאַנט דער גאַנצער וועלט", האָט די מיניסטער געענטפערט, „מיר קעמפן פאַר דעם רעכט פון אַלע, אפילו פון די קלענסטע פעלקער, אַליין צו באַשטימען זייער גורל, פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר פרייהייט". דער לערער איז קענטיק געווען געריירט פון דער דאָזיקער מעלדונג, און ער האָט נישט באַהאַלטן זיין באַגייסטערונג. דאַגעגן איך—האָב שוין פריער געהאַט געלייענט וועגן דעם אין די צייטונגען, און האָב מיר דעם לערערס אויפגערעגטקייט דערקלערט דערמיט, וואָס אויפן אינזל האָט ער קיין צייטונגען נישט געלעזן, אָדער מיט אַזאַ באַזונדערן דיפּלאָמאַטישן מנהג. איך האָב באַשיידן געזאָגט מיין „מערסי", און מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט.

אין אָוונט האָט דער לערער צונויפגעשטעלט אַ געהעריקע דעקלאַראַציע און האָט מיר געהייסן פאַנאַנערשיקן זי צו אַלע גרויסע צייטונגען פון דער וועלט. אָט איז איר נוסח: „די רעגירונג פון דער לאַבאַראַדאָנישער רעפּובליק קאָן נישט בלייבן ביי־טראַל אין דער גרויסער שלאַכט צווישן באַרבאַרנטום און ציוויליזאַציע. בעת די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון די פאַראײניקטע מלוכות זענען פאַר דער לאַבאַראַדאָנישער רעגירונג ענדגילטיק קלאָר געוואָרן די הויכע צילן פון די באַשיצער פון רעכט. אַלע פעלקער, אפילו די סאַמע קלענסטע, וועלן באַקומען די פרייהייט צו פאַרוואַלטן מיט זייער אייגענעם גורל. פּאָליאַקן, עלזאַסער, גרוזינער, פינער, אירלענדער, עגיפּטיאַנער, הינדוסן און צענדליקער אַנדערע פעלקער וועלן באַפרייט ווערן פון יאָך. ס'ענדיקט זיך דאָס אונטערדריקן פרעמדראַסיקע פעלקער, ס'וועלן נישט זיין מער קיין קאָלאָניעס. ענדלעך וועט אינם דעספּאָטישן רוסלאַנד, נאָכן זיג פון די פאַראײניקטע, איינגעפירט ווערן פרייהייט. די לאַבאַר־

אַנישע רעגירונג און דאָס פאָלק קאָנען זיך מער נישט וואַקלען׳ שטאָלץ טרעטן זיי אַריין אין די רייען פון די קעמפער פאַר דעם אמתדיקן רעכט״.

נאָר קיין איין פראַנצויזישע צייטונג האָט אונזער דעקלאַראַציע נישט אָפּגעדרוקט, אַלע האָבן זיך באַגרענעצט מיט קורצע באַמערקונגען, אַז ס׳זענען איבערגעריסן געוואָרן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן לאַבאַרדאַן און דייטשלאַנד. די דעפּעשן, וואָס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן צו אויסלענדישע צייטונגען, זענען צוריקגעקומען מיט דער צושריפט: „נישט דורכגעלאָזט דורך דער קריגס-צענזור״. דער סוף איז געווען, אַז אין האָטעל „לוקס״, וואו מיר האָבן געוואוינט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פאַרשידענע באַאַמטע פון דער פּרעפעקטור און זיך אינטערעסירט מיט אונז, קלאָר, נישט בלויז כדי אַרויסצווייזן גוטע געפילן צו פאָרשטייער פון אַ פרייַנטלעכער מלוכה. כ׳האָב געפרעגט דעם לערער, פאַרוואָס אַז מיר טייטשן אויס שכלדיק דעם מיניסטערס ווערטער, פירט עס צו נישט-אָנגענעמע רעזולטאַטן, — האָט ער מיר געעצהט מיט קיין אַבסטראַקטע טראַכטענישן זיך נישט צו באַלעסטיקן, און בעסער זאָל איך אים ברענגען אַלע פאַריזער צייטונגען. אין אַ שעה אַרום זענען אויף זיין טיש געלעגן, אונטערגעשטראָכענע מיט אַ רויטן בליַיפעדער, פאַרשידענע אַרטיקלען און נאָטיצן, ווי אַ שטייגער: „קאָנסטאַנטינאָפּאָל—פאַר רוסלאַנד״, „די דייטשע קאָלאָניעס און די אַפאַנער״, „דער ריין — אַ פראַנצויזישער טייך״, „די היסטאָרישע רעכט פון איטאַליען אויף דאַלמאַציען״ א. אַ. וו. דער לערער האָט געזאָגט צו מיר:

„איך בין אַליין שולדיק. כ׳האָב אַרויסגעוויזן אַן אומפאַרצייַלעכע וואולגאַריטעט, אויסטייטשנדיק בוכשטעבלעך, ווי אַ פשוטער מענש, די דערהויבענע ווערטער פונם ה׳ מיניסטער. אַמאָל אין אַמעריקע האָב איך דורכשטודירט דאָס „קורצע האַנט-בוך פאַר אָנפאַנגער דיפּלאָמאַטן״, נאָר אין דער אייגענער צייט האָב איך שטודירט עלעקטראָטעכניק, די פערסישע שפּראַך און סטענאָגראַפיע, אַזוי, אַז כ׳בין, ווייזט אויס, געווען צעשטרייט און נישט תופס געווען אַפילו די יסודות פון דער דאָזיקער מלאכה. נישטאָ קיין עצה,

מ'דאַרף וואָס גיכער פאַרריכטן דעם פעלער, מיר פאָרן אין מיניסטעריום!"

נאָר דאָס מאָל האָט אונז אויפגענומען שוין נישט דער מיניסטער, נאָר אַ באַאַמטער, און לויטן באַנעמען זיך, גאָרנישט פון די וויכטיקע. פּורעניטאַ האָט חעפּלעך, אָבער גלייכצייטיק אַנטשלאָסן, פאָרגעשטעלט די באַדינגונגען, אויף וועלכע לאַבאַרדאַן קאָן זיך פאַרייניקן מיט די פאַרבינדעטע:

1) אין דער שטאָט נירנבערג האָט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווי דאָס האָבן די היסטאָריקער גענוי אויסגעפאָרשט, געוואוינט אַ זייגערמאַכער, אַ בירגער פון לאַבאַרדאַן. דערפאַר דאַרף נירנבערג מיט אַלע אַרומליגנדיקע געביטן, מינכן איינגעשלאָסן, איבערגיין צו לאַבאַרדאַן.

2) די לעבנס־אינטערעסן פון לאַבאַרדאַן פאָדערן קאָלאָניעס. דאָס פאַסיקסטע אָרט פאַר קאָלאָניזאַציע וואָלט געווען האַמבורג.

3. הגם לאַבאַרדאַן האָט נישט קיין געמיינזאַמע גרענעץ מיט דייטשלאַנד, וועט איר דאָך דראָען די געפאַר פון אַ נייער מלחמה, אויב ס'וועלן נישט אַדורכגעפירט ווערן עטלעכע ענדערונגען אין דער מאַפּע פון אייראָפּע. דער פרידן פון לאַבאַרדאַן וואָלט געקאָנט פאַרזיכערט ווערן דורך באַקומען סמירנע, דעם פּראַטער־פּאַרק אין ווין און די שטאָט באַדן־באַדן.

דער באַאַמטער האָט דאָס אויפמערקזאַם אויסגעהערט, פאָרגעלייגט אונז דערווייל אַרויסצופאָרן צום פּראָנט צוזאַמען מיט די אַנדערע חשובֿע געסט, געשאָנקען אונז אַ טוץ קאַרטלעך מיט די בילדער פון די ערטער, וואָס די דייטשן האָבן חרובֿ געמאַכט, און האָט צוגעזאָגט וועגן איבעריקן צו וויסן צו טאָן דעם מיניסטער.

אויף צופאָרגנס זענען מיר, אינאיינעם מיט עפּעס אַ פאַבריקאַנט פון באַרצעלאָנע, אַ זשורנאַליסט פון פּערו און מיט אַ גאָר העפלעכן לייטענאַנט, אַרויסגעפאָרן צום פּראָנט. דער דאָזיקער לייטענאַנט האָט לאַנג געזוכט דאָס אָרט אויפן פּראָנט, וואו ס'זאָל נישט זיין קיין שום שפּור פון מלחמה. נאָר אפילו אַהינצו זענען מיר נישט דערפאָרן. ווי נאָר דער פּערואַנער האָט דערהערט די ווייטע אָפּקלאַנגען פון דער קאַנאָנאַדע, האָט ער זיך אָנגעהויבן

קלאָגן, אַז ס'שניידט אים שטאַרק אין מאָגן. ער האָט פאַרזיכערט, אַז פון דער רייזע איז ער זייער צופרידן און אַז איצט איילט ער צוריק, כדי אַוועקצושיקן אַ דעפּעש אין זיין צייטונג אַריין. מיר האָבן געהאַט צוויי אויטאָמאָבילן, מיט איינעם פון זיי איז דער פערואַנער צוריקגעפאָרן. דער פאַבריקאַנט, פאַרקערט, איז געווען זייער העלדיש און די גאַנצע צייט האָט ער דערוויזן דעם לייטענאַנט, אַז ווען אָנשטאָט די פראַנצויזן זאָלן זיין שפּאַניער, וואָלט בערלין שוין לאַנג געווען גענומען. אַז מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיקל ווייטער, האָבן מיר געגעסן פרישטיק ביי זייער אַ ליבן גענעראַל. דערנאָך האָבן מיר ביי אַ צווייטן גענעראַל געטרונקען טיי. ביי אַ דריטן געגעסן מיטאָג. אומעטום האָט מען געהאַלטן טאָסטן, צווישן אַנדערן אויך „פאַרן נייעם פריינט לאַבאַרדאַן!" אויפן אַנדערן טאָג האָבן מיר זיך נאָך אַביסל באַוועגט אין דער ריכטונג צום פראָנט און ענדלעך דערזען אַ באַטערעע פון אַרטילעריע. ווי דער פאַבריקאַנט איז געוואָר־געוואָרן, אַז אַהערצו דערפליען שווערע קוילן, איז ער תיכף געוואָרן אַן אַנדערער, ער האָט פאַרלאַנגט מ'זאָל אים געבן אַ קאַסקע, געגעבן מיר דעם אַדרעס פון זיין פאַמיליע און קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט זיך צו פאָרן ווייטער. ער איז אפילו נישט אַרויסגעגאַנגען פון אויטאָמאָביל, און דער לייטענאַנט האָט זיך בחינם באַמיט אים צו צעשטרייען מיט אַ געשפּרעך, אַז די פראַנצויזן שיסן בעסער פאַר די דייטשן. „אָבער פונדעסטוועגן, מיין איך,—די דייטשן שיסן דאָך אויך", האָט געזיפצט דער שפּאַניער און פאַרלאַנגט אַ בויגן פּאַפּיר כדי ער זאָל נאָך באַוויזן אָנצושרייבן צום ווייב דעם לעצטן בריוו.

מיר זענען אַוועק אָן אַ זייט. ס'איז געווען שטיל און פרידלעך. דער לערער האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט מיטן אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט די באַטערעע, און דער האָט פאָרגעלייגט, כדי צו ווייזן אונז אַן אַרטילערישן דועל, צו עפענען אַ שיסעריי. געוויינלעך האָט זי זיך אָנגעהויבן מיט צוויי שעה שפּעטער. אויסגעפּוצטע אין אַ רייע זענען זיי געשטאַנען די מוראַדיקע, לאַנג־האַלזיקע באַשעפענישן. פיטשינקע ברואימלעך האָבן זיך געפלאָנטערט אַרום זיי, אונטערגעקיילערט קוילן, געצויגן די שטריק, אַוועקגעלאָפן. די

באַשפּריצטע, באַשעפּענישן האָבן זיך אײנגעפּױגן, אַ שטײ געטאָן אין דער לופטן אַרײַן עפּעס שוואַרצס, וואָס אַ רגע בלויז האָט מען עס געזען, און אויסגעשעפּטע צוריק אַראָפּגעפאַלן. אַלס ענטפער איז געקומען דאָס געריש פון אַן עקספּרעס-צוג, וואָס לויפט אַרײַן אונטער די גלעזערנע געוועלבן פון אַ וואָקזאַל. דאָס איז געווען אַ דײַטשער שאָס.

דער לערער האָט לאַנג און מיט ערפורכט געקוקט אויף דעם צעקאָכטן און צעיושעטן באַשעפעניש, וואָס איז פול מיט ווילן און מיט פײַער. „קאָנסט אָפּלאַכן פון גאָט און פון פּאָעזיע, פון פאָטערלאַנד און פון פרײַהײַט", האָט ער מיר געזאָגט, „נאָר פאַר האַרמאַטן בוק דיך הכנעהדיק. פון זײַערע מײַלער פליט אַרויס נישט בלויז דער טויט פון הונדערטער מענטשן, נאָר אויך די שוואַרצע אומפאַרמײַדלעכע צוקונפט". דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: „וואָס עס איז שייך פרײַהײַט, האָסטו נישט באַמערקט — וועגן איר האָבן אַלע פאַרגעסן, אויסער, דאַכט זיך, די פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן. אָט אַזוי ווי די מענטשן האָבן אונטערטעניק געמאַכט די שכלדיקע מאַשינען צו אַלע זײַערע געפילן, געדאַנקען, טעג, אַזוי האָט זיך גאַנץ אײראָפּע איבערגעגעבן איצט דעם אײנציקן אײזערנעם געזעץ. וועגן פרײַהײַט, דער סאַמע פּשוטסטער, נישט וועגן דער פײַערלעכער פון די קאָנסטיטוציעס: „פון וואָרט, געוויסן און באַוועגונג" א. אַז. וו. נײַן, וועגן דער פרײַהײַט צו לעבן, צו חלומען וועגן פאָרן אויף אַ שיפל, צו הרגענען פליגן מיט אַ האַנטוך, צו שרײַבן לידער, אויפצוהענגען זיך אויף אַ שניפּס פון ליבע, וועגן דער מענטשלעכער פרײַהײַט האָבן אַלע פאַרגעסן, זי איז געוואָרן אַן אַנאַכראָניזם. זי איז בכלל נישט געווען, די דאָזיקע פרײַהײַט, ס'איז געווען אַ פעלשונג, אַ ליאַלקע, אַ שפּילצײַג. זי האָט גאָרנישט געקאָנט זײַן, כּל־זמן ס'איז געווען אַ פּאַלסיפיקאַט. די מלחמה האָט שוין, פאַרשטײט זיך, אויסגעהרגעט הונדערטער טויזנטער מענטשן, נאָר מיט אײן אײזערנעם בלאָז אונז, מיט אײן אויסגעשפּיגענע קויל האָט זי אויך פאַרניכטעט דאָס עקלדיקע, וואַקסענע ליאַלקעלע אין שוי-פענסטער פון אוניווערסאַל-מאַגאַזין, די פרײַהײַט אין גאָרטעט און אין רײַצנדיקן דעקאָלט, פאַרשטײט זיך, נישט נידעריקער פון צווייפל און אוייפל סענטימעטער..."

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסנדיקער געשריי פֿונם שפּאַניער, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלערליי פּורעניות, וואַרטנדיק אויפֿן טויט, ביז ער איז דערגאַנגען צום זיפֿץ פֿון גסיסה. עס איז נישט געווען וואָס צו מאַכן, מיר זענען צוריקגעפֿאָרן קיין פּאַריז.

אינדערהיים האָט אויף אונדז געוואַרט נישט קיין אָנגענעמע נייעס. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז סיי די דעפּעשן מיט דער דעקלאַראַציע, סיי די שטאָלצע פֿאַרלאַנגען צו אַנעקסירן פֿאַרשידענע געביטן זענען אָנשטאָט אין אויסערן-מיניסטעריום אַריינגעפֿאַלן אין דער פּאָליציי-פּרעפֿעקטור. אַחוץ דעם האָט אַן אָנגעזעענער געאָגראַף, אַ מיטגליד פֿון דער אַקאַדעמיע, געמאַכט פֿאַרשידענע נאָכפֿאָרשונגען און איז געקומען צו דעם אויספֿיר, וואָס האָט פֿאַרוואונדערט אַזוי אים, ווי אונדז, — אַז די מלוכה לאַבאַרדאַן איז כּלל נישט בנמצא, ס'איז פֿאַראַן בלויז אַ אינזל לאַבראַדאָר, דערנאָך איז דאָ לאַפּלאַנדיע, אָבער אויך נישט קיין רעפּובליק. זיין מיטטיילונג איז אָפּגעדרוקט געווען אין זונטאָגדיקן „פֿיגאַראָ" און איז אויך, מסתּמא צוליב דער גוט באַקאַנטער ליבע פֿון פֿראַנצויזן צו געאָגראַפֿיע, אַריינגעפֿאַלן אין דער פּרעפֿעקטור.

צו כורעניטאָן איז געקומען אַ פּאָליציאַנט און אָנגעהויבן מיט אים אַ שמועס, — גאָרנישט קיין דיפּלאָמאַטישן, וואָס ס'איז קענטיק געווען פֿון זיין קלאָרקייט און פֿון דער אוממעגלעכקייט צו פֿאַרשטיין אים צווייטייטיק. מיר האָט ער אויך געזאָגט עפּעס נישט-אָנגענעמס, נאָר כ'האָב מיך דערמאָנט אָן דעם נאָך עקזיסטירנדן בויגן פּאַפּיר מיט דער רויטער חתימה און אָן דעם לערערס פֿאַראָרדענונגען און האָב צום לעצטן מאָל אַרויסגעזאָגט מיין דיפּלאָמאַטישן „מערסי". אַלץ האָט אויסגעזען גאָר מיאוס, נאָר אַ דאַנק דעם לערערס גוטע איינפֿאַלן און טאַקט האָט זיך עס פֿאַרענדיקט מיט עטלעכע נישט-אָנגענעמע מינוטן און מיט דער וויזיט-קאַרטע פֿון אַ געוויסן סיטפּעטישן דעפּוטאַט.

דאס פופצנטע קאפיטל

„טשעמפיאָן פון ציוויליזאַציע״ און אײַשאַס קרעלן

אַדאַנק זײַנע הייסע סימפּאַטיעס פאַר די פאַרבינדעטע, זײַן רעדנער־טאַלענט און אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן, האָט כוליאַ כורע־ניטאָ אינגיכן געוואונען די אַלגעמיינע אַכטונג. ער איז געווען דער בעסטער איינאָרדנער פון פאַרשידענע פּאַטריאָטישע „מאַטינעען״, באַזאַרן, קאָנצערטן. די פּרעכטיקע גרעפין דע בוראַן האָט, באַקוי־מענדיק פאַר אַ בליטל הונדערט פראַנק „אויף אַנשטענדיקע פאַר־היילונגען פאַר אונזערע אָרעמע סאָלדאַטן״, לאַנג געוועקט קנאה און אייפערזוכט צווישן אירע פריינדינס מיט אירע דערציילונגען וועגן דעם וואונדערלעכן מעקסיקאַנער. ער האָט אויך געהאָלפן עפענען דעם אומגעהויערן לויט זײַן גרויס „טיר אָ פּיזשאָן״ *), וואו דאַמען, פול מיט הייליקער באַגייסטערונג, און אויך יונגעלייט פון גוטער געזעלשאַפט מיט אומהיילבאַרע האַרץ־שוואַכקייטן, האָבן געקאָנט שיסן אויב שוין נישט אין די בלוט־דורשטיקע „באָשן״, איז לכל הפחות אין די אויסגעמאַגערטע טויבן, וואָס קאָנען שוין מער נישט פליען. דאָס געצאָלט פאַרן איינגאַנג איז געגאַנגען לטובת פאַרוואונדעטע זעלנער. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן אָן די אומגליקלעכע היימלאָזע: פאַר זיי האָט ער אין קליינעם פּאַלאַץ פון דער מאַר קיזין דע־זשיביע איינגעאָרדנט אַ אינטימען באַל־מאַסקאַ־

*) אַ פאַרווײַלונג דורך ציל־שיסן אין טויבן.

ראַד. דער זאַל איז, אַ דאַנק די באַמיאונגען פונם מאָדערנעם קינסטלער האַפּאַראַנדי, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכט־פעלד, די געסט זענען געווען אָנגעטאָן ווי זעלנער: זואַוון מיט ברייטע הויזן, הינדוסן אין טיורבאַנען, מאַטראָסן, טורקאָסן און באַרמהאַר־ציקע שוועסטער. סענעגאַליער האָבן אין בעכערס, וואָס האָבן אויס־געזען ווי גראַנאַטן, דערלאַנגט פּשוטן זעלנערישן רום. פאַרפרוי־רענער שאַמפּאַניער איז געשטאַנען אין עמערלעך, וואָס האָבן דערן מאָנט קוילן. פאַרשידענע געמיטלעכע ווינקעלעך זענען געווע־אָפּגעצוימט מיט דראָט. און דאָרטן האָט מען אָן אויפהער געשאָ־סן פון ראַקעטן. די ריינע הכנסה לטובת די היימלאָזע איז דער־גאַנגען ביז אַכציק פראַנק. ער, דער באַגייסטערער און זייער טרייער מיטאַרבעטער פון די דאַמען, וואָס פאַרטראָגן נישט קיין פיידיק־אַרומגיין, ער האָט געהאָלפן איינאָרדנען נאָך אַסך ניצלעכע אַנשטאַלטן: אין איינעם—„די „צוריק באַקומענע היים" — האָט מען די איינוואוינערינס פון די חרוב־געוואָרענע ערטער פאַר עפּעס דאָרטן אַ צען שעה פראַצעווען געגעבן אַ ריין בעטל און אַ זעטיקן מיטאָג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ זופּ און געקאָכטע לינזן; אין אַ צווייטן—„אַ שטיקל צוקער"—האָט מען פאַר די קינדער, וואָס די פאָטערס זייערע זענען שוין נישט ווינציקער ווי דריי מאָל געווען פאַרוואונדעט—אַרויסגעגעבן אינגאַנצן בחינם איין מאָל אין וואָך אַ שטיקל צוקער.

נאָך מער פון אַלץ האָט כורעניטאָ ליב געהאַט צו אָרגאַני־זירן דעפּוטאַציעס צו פאַרשידענע דענקמעלער. דאָס איז געווען אַ וואונדערלעך עולה־רגל־זיין צו אַלע פערד־ און נישט־פערד־סטאַ־טוען אויף די פּאַריזער פּלעצער. אַ נישט־באַפרידיקטער מיט פּאַריז, פלעגט ער אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ אויף גאַסטראָלן. אויף אַזאַ אופן האָט ער באַזוכט: פערצן „רעפּובליקן", ניין „פרייהייטן", פיר „גאַמבעטאַס", עלף „זשאַנאַ ד'אַרק'ן", דעם מאַרשאַל נעי, אַבאַטן, וואָס האָבן אויסגעפונען כינין, אַן אומבאַקאַנטע גאַקעטע פרוי (לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן אויך אַ „פרייהייט"), אַלפרעד מיוסעען און אַ בראָנזענעם זעלנער פון פּאָעטיע. צו יענער צייט איז דעם לערערס אויסער לעבער אויסזען באַקאַנט געוואָרן דער גאַנ־

צער ציוויליזירטער וועלט, וואָרים טאָג-טעגלעך האָט זיך אין טויזנטער קינעמאַטאָגראַפן—צוזאַמען מיט די פּיצינקע בעבּיס, וואָס מאַכן שלום צווישן נישט-געטרייע מאַן-און-ווייב, צוזאַמען מיטן רויבער פון אינדאָסטאַנער סאַפּירן, וואָס ווערט געכאַפּט דורך אַ דעטעקטיוו—באַוויזן אויפן עקראַן אַ היכער פּאַטעטישער הער, וואָס האָט, אונטער די בראַוואור-קלאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע", אונטערגעטראָגן צו די פּיס פון לעצטן העלד אַ גרויסן קראַנץ מיט בענדער.

גאָר באַזונדער איז געלונגען די לעצטע מאַניפעסטאַציע. דאָס איז געווען אָנהויב אָקטאָבער. דער לערער האָט אַן איינזאַמער זיך אומגעבלאָנקעט איבער דער שטאָט, זוכנדיק כאָטש איין באַכנישט אויסגעצוצטע סטאַטוע, נאָר—בחינם. 2806 מאָל עולה-רגל-זיין האָבן אויסגעשעפּט די הויפּט-שטאָט פון דער וועלט. ער האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן נסיעות קיין אויסלאַנד—דאָרט איז געווען אַ נישט צעאַקערט פעלד: פאָלקן ענגלישע אַדמיראַלן מיט משונהדיקע נעמען, וויקטאָר-עמאַנועלס, סקאָבעלעווס, אַלץ, וואָס ס'גלוסט זיך און אין אַ גענוגנדיקער צאָל. נאָר גאָר אומערוואַרטעט, דורכגייענדיק איינמאָל דאָס שמאָלע געסל „מוטאָן—די ווערנע", נישט ווייט פונם מאָנפּאַרנאַסער בית-עולם, האָט דער לערער אַ ציטער געטאָן און פאַרגליווערט געוואָרן; פאַר אים, אין אַ שמוציקן הויף לעבן אַ וואַרשטאַט פון צינענע וואַנעס, איז געשטאַנען אַ סטאַטוע, זאָל זיין צעשעדיקט, פאַרשטויבט, אָן אַ פּיעדעסטאַל, אָבער אַן אמתע אומבאַקאַנטע סטאַטוע. דאָס איז געווען אַ מאַן, וואָס האָט אין איין האַנט געהאַלטן עפּעס ווי אַ בוך, און אין דער אַנדערער, אויפגעהויבן צום הימל, די רעשטלעך פון אַ וואָג.

ס'חאָט זיך אָנגעהויבן אַן ערנסטע ווייסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג. דער מיטאַרבעטער פון „לאַ קרואַ", אַן אַבאַט—אַרכעאָלאָג, האָט דערקלערט, אַז דאָס איז דער מלאך מיכאל, וואָס מעסט אויס די הטאים פון פראַנקרייך און זאָגט אָן איר באַפרייאונג. וואָס ס'איז שייך דעם מלאכס הלבשה (די סטאַטוע איז געווען אין אַ בגד), האָט ער איבערגעלייענט אַ ספּעציעלע לעקציע: „רעליגיעזע פאַרגעפילן און דער רוח הקודש פון אונזערע גאונים אין מיטלאַלטער",

דער פשוטער ארכעאָלאָג האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אוראַלטער גאַליער, אין די הענט האַלט ער נישט אַ בוך מיט אַ וואָג, נאָר אַ בויגן און אַ פעל פון אַ ווילדן בער. די אָפּשטאַמונג איז גאָר אַן אַלטע, דער בגד דאַגעגן איז צוגעאַרבעט בעת דער רעסטאַווראַציע אין מיטן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

בײַ גאָר אַן אַנדער מיינונג האָט זיך געהאַלטן די וועכטערין פון דעם הויף, וואו מ'האָט געפונען די סטאַטוע. אין איר באַיווער און וואולגאַרער פאָרשטעלונג האָט די דאָזיקע סטאַטוע מיט אַ יאָר צען צוריק באַשטעלט ביים מצבה־קריצער בעק די אַלמנה פון ה' קראַב, דעם אייגנטימער פונם גרויסן קאָלאָניאַל־געוועלב אויף די פּרוואַדעוחאָ. אויפן פאַרלאַנג פון דער אַלמנה האָט דער מצבה־קריצער פאָרגעשטעלט דעם פאַרשטאָרבענעם קרעמער מיט זיין באַליבטער וואָג און הכנסה־הוצאה־בוך. נאָר ווען די סטאַטוע איז שוין געווען פאַרטיק, האָט די לייכטזיניקע אַלמנה פּלוצלינג חתונה געהאַט מיטן אייגנטימער פון וואַנדער־צירק, איז מיט אים אַוועקגעפאָרן און האָט נישט אָפּגענומען די באַשטעלונג. ה' בעק האָט מיט פיר יאָר צוריק אַוועקגעוואָרפן דעם וואַרשטאַט (דעם זעלבן, וואו איצט אַרבעט מען אויס וואַנעס), איז שולדיק געבליבן דער וועכטערין געלט און דערפאַר איבערגעלאָזט איר די סטאַטוע פון ה' קראַב און אַן אַלטע פליכעוואַטע קאַץ. די קאַץ איז געפגרט, און די סטאַטוע איז געבליבן. אַזוי איז געווען דער וועכטערינס נוסח, וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן, צוליב זיין קינדישער אומשולדיקייט.

נאָר דער לערער האָט זיך נישט באַפרידיקט אפילו מיט די השערות פון די צוויי אַרכעאָלאָגן. ער האָט אויפגעשטעלט זיין אייגענע היפּאָטעזע, וואָס האָט אַלעמען איבערצייגט. די סטאַטוע — דאָס איז דער טשעמפּיאָן פון דער ציוויליזאַציע, ער האַלט אין האַנט די „דעקלאַראַציע פון רעכט” און אויך דעם סימבאָל פון אייביקער גערעכטיקייט — די וואָג. נאָכן פעסטשטעלן די פערזענלעכקייט פונם פאַרשטאָרבענעם האָט כוליאָ כורעניטאָ דערקלערט, אַז דעם 28־טן וועט פאָרקומען אַ פייערלעכער עולה־רגל־גאַנג צו דער סטאַטוע „טשעמפּיאָן פון דער ציוויליזאַציע”. ס'זענען אייגע־

לאַדן געוואָרן פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע און ספּאָרט-געזעלשאַפטן, און אויך אַקאַדעמישע דעלעגאַציעס פון די פאַרבינדעטע און נייטראַלע מדינות.

ס'איז געווען אַ וואונדערלעכער, זוניקער, וואַרעמער טאָג דער גאַנצער הויף פון דער פאַרשעמטער, סוף כל סוף, וועכטערי. איז געווען פאַרפולט מיט ערנסטע און וויכטיקע דעפּוטאַציעס. די וויסנשאַפטס-אַקאַדעמיע, דער „קרייז פון יונגע שווימער דורך דער סענע", דער קריגס-אַטאַשע פון טשערנאָגאָריען, די „געזעלשאַפט פון פּאַטריאָטן פון נישט-מיליטער-עלטער", די אַרטיסטינס פון טעאַטער „סאַן-פּרע-זשידיס" און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן געהאַלטן באַגריסונגס-רעדעס, האָבן אַוועקגעלייגט קרענץ. אומדערוואַרטעט און רירנד איז געווען דער אַרויסטריט פון דער וועכטערין: „זייט מיר מוחל, ה' קראַב, ד. ה. טשעמפּיאָן פון דער ציוויליזאַציע! טאָג-טעגלעך האָב איך אייך געזען ביים טאָנבאַנק און דאָ ביי זיך אויפן הויף. נאָר כ'האָב נישט געוואוסט, אַז אייער וואָג — איז דער סימבאָל פון גערעכטיקייט, און כ'האָב קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט אין אייער בוך אויפן שרייב-טישל. איצט, ווען צו אייך זענען געקומען אַזויפיל חשובע לייט, האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען! נעמט-זשע צו פון מיר אויך די דאָזיקע באַשיידענע מתנה!", און זי האָט געוואָרפן צו די פיס פון דער סטאַטוע עטלעכע פרישע אַסטרעס.

דער לעצטער איז אַרויסגעטרעטן כורעניטאָ. כ'האָב זיך געחדושט אים צו זען ביי אַזאַ געלעגנהייט דאָס ערשטע מאָל אָן אַ קראַנץ. ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען? אַ גאַנצע וואָך האָט דאָך דער לערער געוואַרט אויף דעם דאָזיקן יום-טובדיקן טאָג. ער האָט גערעדט מיט אויסדרוק און מיט אַ טיף געפיל: „טייערער טשעמפּיאָן פון דער ציוויליזאַציע! נאָך אַזויפיל וואונדערלעכע רעדעס וועל איך נישט אָנהויבן דאָ דערמאָנען וועגן דיינע פאַרגאַנגענע בצחונות. אין די טראַגישע טעג, וואָס מיר לעבן איבער, לייכט דיין בילד פאַר דער וועלט. דאָ, אויף דעם דאָזיקן באַשיידענעם הויף איז אָנגעצונדן געוואָרן דיין ליכט אויף אייביק. דו האָסט באַשאַפן די געטלעכע דעקלאַראַציע און כדי דאָס געשריבענע

זאָל נישט בלייבן בלויז אַ טויטער אות, האָסטו גענומען די וואָג און געוואויגן יעדערן לויט זיינע פאַרדינסטן. נאָר אָט זענען די באַרבאַרן, גאָטן, די מאָדערנע אַטילן, קאַניבאַלן, דעספּאָטן אויפגעשטאַנען קעגן דער ציוויליזאַציע, קעגן די הייליקע רעכט פון מענטש און בירגער. דו ביסט נישט אָפּגעטרעטן און צונויפזאַמלענדיק אַרום זיך אַנדערע, יונגערע פעלקער, האָסטו אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף פאַר דער מענטשהייט, פאַר דער הומאַניטעט, פאַר דער ליבע צו שוואַכע. איך האָב דיר נישט געבראַכט קיין קראַנץ. וועלכע בלומען זענען ווערט צו ליגן ביי דיינע פיס? נישט די פון די פרידלעכע גערטנער און אָראַנזשערייען, נאָר יענע, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויפן שלאַכט־פעלד. און איך גלויב, אַז איינער פון די מיליאָנען העלדן, וועט דיר ברענגען אַ גרעסערע מתנה—זיגערישע טראָפעען, גענומענע ביים באַזיגטן באַרבאַר!"...

דער לערער האָט נישט פאַרענדיקט זיין דורכנעמענדיקע רעדע. דורכשטופנדיק זיך דורכן המון און אומוואַרפנדיק אפילו איינעם פון די עלטערע אַקאַדעמיקער, איז צו אים צוגעלאָפן אַ נעגער, זעלנעריש אָנגעטאָן, מיט אַ ליידיקן אַרבל, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אָנשטאָט דער רעכטער האַנט. ס'איז מיר שווער איצט איבערצוגעבן די פאַרוואונדערונג און פרייד, וואָס כ'האָב געפילט, ווען כ'האָב אים גוט אָנגעקוקט—דאָס איז געווען אונזער טייערער קליינינקער איישאַ. ער האָט געקושט די הענט און די וועסט פונם לערער. ענדלעך, אָפּעטעמענדיק און אויפהערנדיק קושן, האָט ער גענומען רעדן:

„האַר! גוטער האַר — איישאַ האָט דיך געפונען! דו האָסט גוט גערעדט, און דיין גאָט איז אַ גוטער גאָט!

„ווען איישאָ וואָלט געהאַט די האַנט, וואָלט איישאַ אויך געמאַכט אַזאַ גאָט, נאָר איישאַ האָט נישט קיין האַנט. איישאַ איז געווען אויף דער מלחמה! שרעקלעך! תחילת איז איישאַ געווען אַ נאַר! ער האָט נישט געוואָלט גיין. דער הער קאַפּראַל, אַ גוטער הער, האָט געוואָלט הרגענען איישאַן. האָט איישאַ שטאַרק מורא געהאַט. די האַרמאַטן—או־או־או! דערנאָך איז איישאַ אַרויסגעשפּרונ-

גען, געוואָרפן די ביקס, אַרויסגענומען זיין מעסערל, געשריגן און אַנטלאָפן. געדענקסט, האַר, האָסט אַמאָל געפרעגט איישאַן, ווי אַזוי ער שעכט מיט זיין מעסערל? איישאַ איז צוגעלאָפן, אַ דייטש, צוויי, פינף, צען, אַ סך דייטשן, אַלעמען האָט ער די קעפּ אָפּגעשניטן. דערנאָך האָט אַ פראַנצויז געכאַפּט פינף דייטשן, האָט ער נישט געוואוסט וואָס מיט זיי צו מאַכן, זאָגט איישאַ — פיר זיי צום גענעראַל. איישאַ איז נישט קיין שוטה. דער גוטער קאַפּראַל האָט געלערנט איישאַן—אַ דייטש איז אַ שונא, אַ דייטש דאַרף מען דערהרגענען. האָט איישא געשאָכטן נאָך פינף. דערנאָך האָבן די האַרמאַטן ווידער געמאַכט בום-בום! איישאַ האָט פאַרשטאַנען—אַ שלעכטער גאָט, אַ כיטרער גאָט, מ'דאַרף זיך ראַטעווען, מ'דאַרף אָנטאָן אויפן האַרצן „גרי-גרי". איישאַ האָט אַרויסגעריסן די ציין ביי אַלע דערהרגעטע דייטשן, געמאַכט „גרי-גרי" און אָנגעטאָן אויפן האַרץ. דערנאָך איז אַ קויל פון אַ האַרמאַט געפאַלן גלייך אויף איישאַן אַרויף, אַ שלעכטע קויל. אויפן האַרץ איז געווען „גרי-גרי", איז איישאַ נישט געשטאָרבן, נאָר די האַנט האָט מען אָפּגעשניטן ביי איישאַן. ס'האָט זייער ווי געטאָן, האַר! איישאַ טראָגט שטענדיק מיט זיך זיין „גרי-גרי"! איישאַ האָט ליב זיין „גרי-גרי". נאָר דער האַר זאָגט, אַז דאָס איז אַ גוטער גאָט. דער האַר ווייס נישט, וואָס צו שענקען זיין גאָט. איישאַ האָט ליב זיין האַר, איישאַ שענקט אים זיין „גרי-גרי"!

איישאַ האָט אַפּערגענומען פון אונטערן בוזעם אַ גרויסן האַלזבאַנד פון געל-געוואָרענע מענטשלעכע ציין, קינסטלעריש דורכגעלעכערט און אַרויסגעצויגן אויף אַ בלוי שנירל. דער לערער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער סטאַטוע און פייערלעך געזאָגט: „גרויסער טשעמפּיאָן! איך שענק דיר אַוועק די העלדישע מתנה פון דיין ברודער—דעם באַשיידענעם, אומבאַקאַנטן קעמפער פאַר דער הייליקער זאַך פון דער וועלטלעכער ציוויליזאַציע. דאָס דאָזיקע נאַיווע און וואונדערלעכע געשענק לייג איך אַרויף אויף דער שאָל פון דער וואָג, וואָס וויגט זיך איצט אויף דעם פרשת-דרכים פון דער געשיכטע, און זאָל עס מכריע זיין מיט זיין גאַנצער שווערקייט פון ליבע, אָפּפערוויליקייט און הומאַנישקייט!" און באמת, אויף דעם

שטענגל פון דער וואָג האָט דער לערער אויפגעהאנגען איישאַס בייטשל קרעלן.

דאָס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע מינוט. אַ סך, אפילו מענער, אפילו דער קריגס־אַטאַשע פון טשערנאָגאָריען, האָבן פון גערירטקייט געוויינט אויפן קול.

אויפן אַנדערן טאָג איז די באַשרייבונג פון דער צערעמאָניע און פון איישאַס מתנה געווען אָפּגעדרוקט אין אַלע סאָלידע צייטונגען, און אין אַ וואָך אַרום האָט איישאַ, וואָס האָט זיך ווידער באַזעצט ביים לערער אין וואוינונג, באַקומען אַ דעפּעשע מיט דער מיטטיילונג, אַז דער ליסאַבאָנער אוניווערסיטעט האָט, זייענדיק אַנטציקט פון זיין אומפאַרגלייכלעכער העלדישקייט ביים פאַרטיידיקן די ציוויליזאַציע, באַשלאָסן צו געבן אים, איישאַן, דעם טיטל „האַנאָריס קאַוזאַ“. נאָר איישאַ האָט זיך נישט איבערגענומען מיט די אַלע כבודים. ווי פריער האָט ער, שטשירענדיק די ציין, שטילערהייט געבעטן ביים לערער קליינגעלט, אויף צו קויפן זיך געפילטן שאָקאָלאַד. ס׳האָט אים זייער געערגערט דער פוסטער מיט גאָרנישט אָנגעפילטער אַרבל. דעמאָלט האָט אים כורעניטאָ געקויפט אַ מעכאַנישע האַנט פון דער אַמעריקאַנער פירמע „אולטימא“. מיט דער האַנט איז איישאַ אויסערגעוויינטלעך שטאָלץ געווען, ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז ווען ס׳וואָלט נאָר נישט אַזוי שטאַרק וויי געטאָן, וואָלט ער זיך אָפּגעשניטן אויך די אַנדערע האַנט, כדי צו קריגן אַן „אולטימא“. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט מיט דער „אולטימא“ נישט געקאָנט מאַכן, איז געווען — אויסאַרבעטן זיינע געטער. דער לערער האָט אים געעצהט ער זאָל זיך אָנשטאָט דעם אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון אים און גיין צו־גאַסט צו פרעמדע געטער, דאָס הייסט צו פאַרשידענע פאַריזער סטאַטועס, וואָס איישאַ האָט אויך געפאָלגט מיט גרויס באַגייסטערונג. די געטער האָט ער זיך אויסגעטייטשט אויף זיין שטייגער אויף גאָר אַן אָריגינעלן אופן: „רעפובליק“ איז לויט זיין מיינונג געווען די געטין פון פרוכטבאַרקייט: אין בויך איז דאָ אַ קינד, אויך מילך איז דאָ“, „פרייהייט“ איז די געטין פון טענץ, אַ פריילעכע — באַלד וועט זי א פלי־טאָן „טשיק־טשיק“, דאַנטאָן — „אַ גוטער גאָט, די קאָפּ האָט ער אַראָפּגעשניטן,

איז ער וייער צופרידן", ראָדענס „דענקער", דאַגעגן, איז אַ „שלעכטער גאָט, ער זיצט, דער בויך טוט אים וויי", און אַזוי ווײַ־טער. איבעריקנס, האָט ער זיי אַלע אָן אונטערשיד אָפּט באַזוכט און אַוועקגעטראָגן זיי קנעפּלעך, אַלטע פּעדער. אפילו זילבערן פּאַפּיר פון שאָקאָלאַד, וואָס ער האָט אַליין שטאַרק ליב געהאַט.

אָפּטמאָל, אין די אָוונטן פון די דאָזיקע „אַטאַסטראָפאַלע יאָרן, זיצנדיק אַזוי אין דער געמיטלעכער עס־שטוב אַרום קײַלעכ־דיקן טיש מיט דער לאָמפּ, צוזאַמען מיטן לערער און אייזשאַן, האָב איך פאַרגעסן וועגן אַלע איבערלעבענישן און געפילט זיך אין אַ באַקאַנטער, צערטלעכער, נישט צעשיידבאַרער משפחה.

דאָס זעכצנטע קאַפּיטל

מיסטער קולס באַלעבאַטישקייט

אַ נישט־באַפרידיקטער מיט דער אידעאָלאָגישער און פילאַנטראָפּישער טעטיקייט, האָט דער לערער באַשלאָסן צוצוטרעטן צו פּראַקטישער אַרבעט. קודם כּל האָט ער זיך צוריקגענומען צו זיינע כעמישע אויספאָרשונגען; מיט אויסערגעוויינלעכן געדולד און עקשנות האָט ער זיך באַמיט צו געפינען פאַרשידענע ביז איצט נאָכנישט אויסגענוצטע מיטלען אומצוברענגען מענטשן. די שטיקנדע גאַזן און די פּלימפּלעך מיט פלאַמענדיקער פליסיקייט, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן אין 1913, האָבן אים אויסגעזען ווי אַ קינדערשפּיל. אַלע זיינע האָפנונגען האָט ער קאָנצענטרירט אויף באַשטימטע שטראַלן־עפעקטן, אויף עלעקטרישע פּאַליעס און אויף ראַדיום. ס'זענען פאַרגעסן געוואָרן די גרעפינס און מאַרקיזן, גאַנצע טעג איז דער לערער נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיין קאַבינעט. ער האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר אויף די ווייניקע מיטלען, — ס'האָט אים געפעלט סך־הכּל אַ דרייהונדערט טויזנט דאָלאַר אויף צו קויפן דעם נויטיקן סכום מעטאַלן צו מאַכן פּרוון. נאָך גרעסערע שוועריקייטן זענען געווען צוליבן מאַנגל פון עקספּערימענטאַלן מאַטעריאַל, וואָרים סיי קראָליקעס און סיי הינט האָבן אין דעם פאַל קיין מענטשן נישט געקאָנט פאַרבייטן. כורעניטאַ האָט זיך געווענדעט צו דער מאַכט מיט אַ ביטע, מ'זאָל אים אַרויסגעבן אַ פּאַרטיע געפאַנגענע אויף צו מאַכן איבער זיי זיינע וויכטיקע דערפאַרונגען, נאָר צוליב פאָרורטיילן האָט מען אים די ביטע אָפּגעזאָגט.

איינמאָל איז דער לערער אַרויס צו מיר אַ פריילעכער און אויפגעלעבטער: נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן האָט ער געפונען אַ מיטל, וואָס וועט באַדייטנד פאַרלייכטערן און פאַרשנעלערן דעם ענין פון פאַרניכטן די מענטשהייט. ער האָט מיר דערקלערט די יסודות פון דער געמאַכטער אַנטדעקונג, נאָר צוליב מיין איינגעבוירענער טעמפּקייט צו פיזיק און מאַטעמאַטיק, האָב איך גאָרנישט תּופס געווען אויסער דאָס, אַז מיט דער הילף פון עפּעס לופטפּאַליעס קאָן מען אין פאַרלויף פון אַ שעה אויף אַ הונדערט-קילאָמעטערדיקן פראָנט אויסהרגענען נישט ווינציקער ווי פופציק טויזנט מענטשן. „ווען מיסטער קול וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער מיר געהאָלפן רעאַליזירן די דאָזיקע דערפינדונג!", האָט דער לערער פאַרביטערט אויסגעשריגן, פאַרשטייענדיק, אַז נישט איך און נישט איישאַ קאָנען אים נישט אויסלייען די נויטיקע מיטלען אויף אויסצופּאַרטיקן די געגוג קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטן. ווענדן זיך דירעקט צו דער רעגירונג, נאָכן באַקומענעם אָפּזאָג, האָט ער שוין מער נישט געוואָלט.

מיר האָבן געפּרוּווט זוכן מיסטער קולן אין די קלויסטערס, אין די עפּנטלעכע הייזער, אין די קלובן. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אים אין דער ביבלישער געזעלשאַפט, אין די בענק, נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט זיין אַדרעס. נאָך די אומזיסטע זוכענישן האָבן מיר זיך שוין אינגאַנצן געהאַט מיאש געווען, נאָר איינמאָל, ווען מיר זענען אַזוי געזעסן אין אַ קליין שענקל ביים צפון-וואָקזאַל און געטרונקען עפּעס אַ געמיינעם ווין, — האָט זיך צו אונז צוגעזעצט אַ זעלנערל, וואָס איז נאָר וואָס געקומען צו פאָרן פון פראָנט. ער איז געווען אויף אַ פראָנט-שטח אין שכנות מיט די ענגלענדער, האָט ער דערציילט וועגן זיי קאָמישע מעשיות: „ס'אַרע רייניקע זיי זענען און ס'אַרע שוטימלעך! ראשית כל וואַשן זיי זיך אַלע טאָג! און נישט בלויז דאָס פּנים, — דעם גאַנצן קערפּער! נו, וואָס וועט איר זאָגן דערצו? דערנאָך גייען זיי אין קלויסטער אַריין און דאָרט זינגען זיי אַלע, און ס'איז פריילעך, ווי אין אַ שענק! ווייטער זענען דאָ אַזעלכע, וואָס גייען נישט אין הויזן, נאָר אין קליידלעך. תּחילת האָב איך געמיינט, אַז פון אונטן פונדעסטוועגן ווי-נישט-איז טראָגן זיי הויזן. אפילו געשפּאַרט זיך ווענ-

דעם מ'ט דער דינסט פון אַ ענגלישן גענעראַל. האָט זי אונטערגע־קוקט אויף די שטיגן, ווען דער דינער איז אַרויפגעגאַנגען אין דער הויך. ס'הויבט זיך נישט אָן!... און ווי נאָר זיי קומען צו פאָרן, איז באַלד געפרעגט: וואו קריגט מען פראַנצויזישן ווייַן? איינעם האָט מען געגעבן עסיק, האָט ער אויסגעטרונקען און אפילו קיין פינטל מיטן אויג נישט געטאָן. „יעס!" און אַז זיי פאָרן אַוועק אַהיים—גייט מען אין פערפום־געוועלב אַריין—מתנות פאַר די ווייבער! אין אַמיען שטייט יעדן טאָג אַ גאַנצע רייע. און וואָס מ'רוקט זיי אַלץ נישט אונטער, אָנשטאָט פערפום—אַ פליסיקייט אויף וואַנצן, אָנשטאָט מאַניקיר—פייל־מכשירים. „פרעזנט"! משונה דיקע מענטשן! אָדער דאָס, ענגלישע לופט־פליער וואַרפן אַראָפּ פיילן, איז אויף די פיילן פאַראַן אויפשריפטן, הימנען, דאַכט זיך! אָט גיט אַ קוק, איינס פיר איך אַ מתנה פאַר מיין זינדל!" דער סאָלדאַט האָט אונז געוויזן אַ פייל, אויף וועלכער ס'איז אויף ענגליש געשטאַנען אָנגעשריבן: „ברודער! קום אַריין אין הימלישן קעניגרייך"! דאָס דערזעענדיק, האָט דער לערער אין דער גרעס־טער אויפרעגונג אַ געשריי געטאָן: „דאָס איז מיסטער קול! איך ווייס!" און איז אַוועקגעלאָפן אין ענגלישן קאָנסולאַט וויזירן אונזערע פעסער.

אין פערלויף פון עטלעכע וואָכן האָבן מיר געזוכט די שפורן פון מיסטער קול אין קריגס־מיניסטעריום און אין פאַרשידענע פראָוויאַנטירונגס־דעפּאַרטאַמענטן. מ'קאָן נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע באַשעפטיקונג זאָל אונז געווען זיין שטאַרק איינענעם. מ'האָט אונז אָנגענומען פאַר דייטשע שפּיאָנען, אַרעסטירט, געגנוי חוקר ודורש געווען, אינטערעסירנדיק זיך מיט וואָס ס'האָט זיך באַשעפטיקט אין 1898־טן יאָר כורעניטאָס עלטער־פעטער, וואָס האָט געוואוינט אין מעקסיקע, און צי מיין שוועסטער־קינד אין נאָוואָראָד־סעווערסק פאַרמאָגט אומבאַוועגלעכע גיטער. דערנאָך האָט מען אונז געהייסן ברייט צעעפענען די מיי׳ער, זוכנדיק דאָרט עפּעס אויסער די ציין און צונג, געריבן מיט עפּעס אַ שטינקענדיקער פליסיקייט, פון וועל־כער ס'האָבן געדאַרפט אַרויסקומען אויף אונזער קערפּער די כלומר־שטע אויפשריפטן, און ענדלעך, נאָך דער ענערגישער אינטערווענץ

פינם מעקסיקאַנישן געזאַנדעטן — ארויסגעלאָזט. דערפאַר זענען מיר אין טאָג פון ארעסט געוואויר-געוואָרן דעם אַדרעס פון אַ פאַבריק אין שטאַט מיסורי, וואָס גיסט אויס פיילן פאַר אַעראָפּלאַנען.

מיר האָבן גלייך אַוועקגעשיקט אַ קאַבעל-דעפּעש לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס, דערבײַ איז דער לערער געווען אַזוי זיכער, אַז די פיילן ווערן אויסגעאַרבעט בײַ דער מיטווירקונג פון אונזער פריינט, אַז ער האָט די דעפּעשע אַדרעסירט גלייך אויף זיין נאָמען. קיין ענטפער איז נישט געווען און מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע. צוויי שעה פאַרן אָפּגיין פון אונזער שיף האָט דער לערער באַקומען אַ דעפּעשע פון קאַלע: „איך וואַרט. האָטעל בריטאַניק. קול".

מיר האָבן געטראָפן מיסטער קול אין ברען פון דער אַרבעט. ער האָט אונז באַגריסט מיסן אויסרוף „עו!" און מיט אַן ענערגישער באַוועגונג מיטן פוס, וואָס איז געלעגן אויפן שרייבטיש. דאַן האָט ער אונז געבעטן, מיר זאָלן אים דערלויבן פאַרענדיקן די גאָר בויטיקסטע אַרבעטן. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט, געהערט זיינע געשפּרעכן מיט פאַרשידענע מענטשן, וואָס זענען געקומען צוגיין, אָדער דורכן טעלעפאָן. נאָר כ'האָב מיר אויף קיין פאַל נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, מיט וואָס אייגנטלעך באַשעפטיקט זיך דער דאָזיקער אונטערנעמערישער אַמעריקאַנער. דערפאַר בין איך געוואויר-געוואָרן, אַז אין אויסטראַליען הערשט אַ מגפה אויף שעפּסן, אַז די אויטאָמאָבילן „בערמאָן" באַשטייען פון 108 צוזאַמענגעלייגטע טיילן, אַז שפּאַנישע מיידלעך זענען אויסערגעוויינלעך געדולדיק, אַז די גאַזן קענען די אויגן מאַכן אויס נישט-טייער און נאָך אַ סך אַנדערע וויכטיקע ידיעות.

נאָכן אַוועקגיין פון לעצטן באַזוכער, וועלכער האָט, כ'ווייס נישט צוליב וואָס, געבערעגט מיט זיך אַ גרויסן, קיילעכדיקן קעז, האָט מיסטער קול זיך פאַרנומען אויף אַ פריינטלעכן שמועס מיט אונז. קודם כל האָט ער, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויפן מזרח, פרידלעך, אפילו פּאַטריאַרכאַליש אַביסל געזאָגט: גרויס איז איצטער מיין באַלעבאַטישקייט, קוים, וואָס איך גיב מיר אַן עצה. אָ, מיינע פריינט, ס'אַרא גרויסע זאַך ס'איז אַ מלחמה — דאָס איז די געזונט-

מאַכונג פון אייראָפּע!" דערנאָך האָט ער אונז באַקענט געמאַכט מיט
די פאַרשידענע אָפּצווייגונגען פון זיין וואונדערלעכער ווירטשאַפט=
ער האָט געליפערט אַלץ, וואָס ס'זענען פעיק צו פּראָדוצירן אַלע
פינף טיילן פון דער וועלט. טאָג=טעגלעך זענען אין קאַלע, אין בו=
לאָן, אין דיעפּ אויסגעלאָדנט געוואָרן צענדליקער שיפן. פון אויסטראַ=
ליען האָט מען געבראַנגט געפרוירענע שעפסן=פלייש, פון אַמעריקע
קוילן און אויטאָמאָבילן, פון בראַזיליען — קאַווע, פון כינע — רייז,
פון צפון=אַפריקע — נידעריקע אייזלען. אַ חוץ מלוכה=ליפערונגען
האָט ער אויך אַרויסגעוויזן אַ פּריוואַטע איניציאַטיוו, קודם כל אויף
זיין באַליבטן געביט: אין די שטעט הינטערן פראָנט האָט ער מיט
אַ ברייטן פאַרנעם אַוועקגעשטעלט עפנטלעכע הייזער אויף צו באַ=
דינען די קריגס=לייט. אַזוי ווי אָרטיקע קרעפטן איז געווען ווייניק,
האָט ער אויסגעשריבן פרויען פון אירלאַנד, פון שפּאַניען, פון דרום=
פראַנקרייך. דערנאָך האָט ער געעפנט אַ פאַבריק פון ביליקע קרעלן=
קרענצלעך מיט נאַציאָנאַלע עמבלעמען. ענדלעך האָט ער אויך נישט
פאַרגעסן אָן זיין עיקרדיקן, טיף=מאָראַלישן ציל, ער האָט איינגע=
אָרדנט אַ רייע באַוועגלעכע באַראַקן — קלויסטערס, צוגעפּאַסט גלייכ=
צייטיק אויך פאַר קינעמאַטאָגראַפישע סעאַנסן און אויך מכבד צו
צו זיין די זעלנער מיט טיי, ער האָט געדרוקט און פאַנאַנדערגע=
טיילט אין אַ גרויסער צאָל באַלערנדיקע קאָמענטאַרן צו דער ביבל,
און אַפילו אויף די מלוכה=פיילן האָט ער, אַ דאַנק דער צעשטרייט=
קייט פונעם אָפיציר, וואָס האָט זיי אָפּגענומען, באַוויזן אַ ־ויפצושטעלן
די מאָראַליזירנדיקע אויפשריפטן.
זיין דערציילן האָט מיסטער קול געענדיקט מיט טיף=האָפנונגס=
פולע ווערטער: „די מלחמה בעסערט אויס די מענטשהייט. קיינמאָל
נאָך זענען דער דאָלאַר און גאָטס וואָרט נישט געווען אַזוי ענג צו=
זאַמענגעגאָסן אינאיינעם, ווי איצט. דאָ איז די גאַראַנטיע פאַר
דער אויסלייזונג!"
אויך צומאָרגנס האָט מיסטער קול באַשלאָסן צו ווייזן אונדז
כאָטש אַ קליינעם טייל פון זיין „באַלעבאַטישקייט". מיר האָבן באַ=
קומען די געהעריקע דערלויבענישן און אויף אַן אויטאָמאָביל זענען
מיר אַוועק אין דער ריכטונג צו סאַן=פּאָל. איבערן לאַנגן גלייכן

שאָסיי איז געקראָכן אַ רייע לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט די מחנות פון מיסטער קול, מיט קוילן, געפרוירן פלייש, קוילנוואַרפערס, קאָנדע־סירטע מילך, מאַרלע, אַפּאַראַטן אויף אויסצואַרבעטן שטיקנדע גאַזן, און אויך מיט די, פאַר וועמען דאָס אַלץ איז באַשטימט — מיט זעלנער, אָנגעקומענע פון ענגלאַנד. אַנטקעגן זענען געפאָרן פוסטע לאַסט־וועגענער, נאָר אויף עטלעכע זענען געלעגן אַזעלכע, וואָס האָבן שוין זייערס אָפּגעטאָן, אַרומגעוויקלטע מיט מאַרלע, אומבאַוועגלעכע. אויף די קרייץ־וועגן זענען געשטאַנען זעלנער־פּאָליציסטן, פונקט אַזוי ווי אויף פּיקאַדילי־סטריט, און האָבן מיט אַ פענדל רעגולירט די באַוועגונג פון די אויטאָמאָבילן. אַלץ איז געווען קלוג און געניאַל אין דער פּשוטקייט. דאָס פלייש האָט זיך געקאָכט. די זעלנער האָבן געגעסן זופּ. קוילן זענען אונטערגעקוילערט געוואָרן צו די האַרמאַטן. דערנאָך האָבן די האַרמאַטן, לויט אַ מינוט־ווייזער, געשאָסן, די זעלנער זענען אַרויס פון די גרובנס און פאַרנומען אַ שטח פון הונדערט טריט. דערנאָך האָט מען אַ טייל באַגראָבן, אַ טייל באַנדאַזשירט און געלייגט אויף די אויטאָמאָבילן, און גאָר אַ טייל האָט מען ווידער געגעבן עסן. מ'האָט אַוועקגעשיקט אַ מעלדונג אין שטאַב. אין שטאַב האָט מען צונויפגעשטעלט אַ ראַפּאָרט און אַרויסגעשיקט פרישע באַפעלן. און ווייטער האָט מען צוגעפירט סאָלדאַטן, קוילן, שעפּסן־פלייש און אַזוי ווייטער. אַזוי האָט זיך עס געצויגן פון טאָג אויף טאָג, חדשים, יאָרן־לאַנג, און מיסטער קול, פילנדיק, אַז ער לייגט צו זיין האַנט צו דער אַלגעמיינער זאַך, האָט געהאַט אַלע גרונדן צו זיין שטאָלץ.

שפּעטער זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין רואַן און געזען נאָך אַנדערע פאַרדינסטן פון אונזער פריינט. אויף די געוואַלדיק־גרויסע בית־עולמס מיט די ענגע אין שרענגעס אויסגעשטעלטע קברים האָבן מיר געקאָנט אָפּשאַצן די פּראַקטישקייט און שיינקייט פון זיינע קרענץ. אין אַ קליין שטעטל, וואו ס'איז געשטאַנען ענגליש, פראַנצויזיש און בעלגיש מיליטער, האָבן מיר זיך אַנטציקט מיט אַ וואונדערלעך עפנטלעך הויז, מיט אַ ריזיקער פּרעקווענץ, מיט ספּעציעל־באַשטימטע טעג פאַר פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, געפירט אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג. און אונזערע הערצער זענען טיף

גערירט געוואָרן פון די רעליגיעזע דרשות, וואָס מיסטער קולס חברים האָבן געהאַלטן פאַר די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן נאָך דער אַרבעט פרידלעך אויסגעריבן די באַגנעטן אין גראָז. „ברידער!" האָבן זיי געזאָגט, ס'איז „געזאָגט געוואָרן „לא תרצח!" הרגענען טאָר מען נישט און דערפאַר זיצט מען אין תפיסה, נאָר פאַרטיידיקן דאָס אייגענע פאָטערלאַנד און פאָלגן די עלטסטע איבער זיך איז דער חוב פון יעדן קריסט. ברידער! זייט פאַטריאָטן, פאַרניכטעט די אומווירדיקע שונאים פון קריסטוסן—די טעווטאָנען. און נאָך איינס, טרינקט נישט צופיל אַלקאָהאָל־געטראַנקען!" אַלץ צוזאַמען איז עס געווען זייער רירנד און האָט מיר דערמאַנט די ווייטע וויזיעס פונם אָרעמען פראַנציסקוס, וואָס האָט געפירט געשפּרעכן מיט די אײנוואוינער פון אומבריאַ.

נאָכן אָפּדאַנקען מיסטער קול פאַר דעם צוגעשטעלטן פאַר־געניגן, האָט כורעניטאָ אַנטוויקלט פאַר אים זיין דערפינדונג און זיינע האָפענונגען. צו מיין פאַרוואונדערונג האָט זיך מיסטער קול נישט נאָר נישט דערפרייט מיט דעם לערערס געניאַלער אַנטדע־קונג, נאָר ער איז געקומען דערפון אין אַ געדריקטער שטימונגן: „איך בעט אייך, טייערער פריינט", האָט ער געזאָגט צו כורעניטאָן, „ביד אַ געוויסער צייט קיינעם פון אייער דערפינדונג נישט דער־ציילן. וואָרים אויב מ'קאָן אַזוי פשוט און אַזוי לייכט אויסהרגענען מענטשן—וועט זיך דאָך די מלחמה אין אַ צוויי וואָכן אַרום פאַר־ענדיקן און מיין גאַנצע קאָמפּליצירטע ווירטשאַפט וועט אונטערגיין און מיין פאָטערלאַנד קלויבט זיך ערשט האַלטן מלחמה. מיר וועלן דאָס לאָזן אויפן לעצטן פאַל. כ'וועל אייך געבן די מעגלעכקייט אויסצואַרבעטן אייערע אַפּאַראַטן, אויב איר וועט מיר פאַרזיכערן דערווייל זיי נישט צו נוצן!" דער לערער האָט אַביסל געטראַכט און מסכים געווען. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען די לעצטע טעג, איז באמת ווערט עס זאָל געשטיצט און אַנטוויקלט ווערן. מיר איז באַוואוסט, אַז די אַפּאַראַטן זיינע האָט ער באַלד דערנאָך אויסגעפּאַרטיקט און איבערגעגעבן מיסטער קול צום באַהאַלטן. ווען אין אַ יאָר אַרום האָט ער זיי ענדלעך געוואָלט אויסנוצן, האָט מיסטער קול אויף כלערליי אופנים גענומען אָפּ־

שלעפּן דאָס עסק, פאַרזיכערנדיק, אַז די אַפּאַראַטן האָט ער אַוועקגעפירט קיין אַמעריקע, און פאַרטרויען עמיצן מ'זאָל זיי ברענגען — קאָן מען נישט א. אַז. וו. איך האָב גערעכנט, אַז מיסטער קול האָט דערביי אויסרעכנונגען פון פינאַנציעלן כאַראַקטער, נאָר נישט־ווילנדיק האָט ער זיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט, אַז די דייטשן קאָן מען דערהרגענען מיט פראַנצויזישע באַגנעטן, און אַז כורעניטאָס פּאָקוסן איז קראַנטער איבערצולאָזן פאַר די יאַפּאַנער. צום סוף האָבן זיך געשאַפן אַזעלכע פאַרהעלטענישן, אַז דער לערער האָט שוין קיינמאָל מער נישט דערמאָנט וועגן זיין דערפינדונג, נאָר אַלנפאַלס — כ'ווייס דאָס גאַנץ געוויס — די אַפּאַראַטן און די דערקלערונגען צו זיי געפינען זיך איצט ביי מיסטער קול אין די הענט.

באַקומענדיק פון כורעניטאָן די געהעריקע פאַרזיכערונג, איז מיסטער קול צוריק אַריין אין אַ גוטער שטימונג, אויפמערקזאַם האָט ער אויסגעהערט די פאַרשידענע פאַרפאָלקאָמונגען, וואָס דער לערער האָט צוגעטראַכט אויפן קריגס־געביט — נייע גאַזן, פלינקבייענדיקע טאַנקען און אַנדערע זאַכן, און האָט פאָרגעלייגט כורעניטאָן פון איצט אָן צו אַרבעטן אינאיינעם מיט אים אויף צו פאַרברייטערן און מאָדערניזירן די אונטערנעמונג. דער לערער האָט אַרויסגעזאָגט זיין פולן הסכם. דעמאָלט איז אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן מיר און וועגן איישאַן. ביידע האָבן מיר גאָרנישט פאַרשטאַנען אין מלחמה־טעכניק און נישט פאַרמאָגט קיין שום אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איישאַ וועט זיך פאַרנעמען מיט פאַרקויפן קרענצלעך מיט פאַטשערקעס — מיסטער קול געפינט, אַז זיין קינסטלעכע האַנט, שוואַרצע הויט און קלינגענדיקער טיטל: „דאָקטאָר האָנאָריס קאַוזאַ" פון ליסאַבאָנער אוניווערסיטעט וועלן, ס'קאָן גאָרנישט זיין בעסער, מיטהעלפן דעם האַנדל מיט דידאַקטישע פּאַטריאָטישע אויסאַרבעטונגען. מיר דאַגעגן איז פאָרגעלייגט געוואָרן צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון אַ קאַסירער אין איינעם פון די עפנטלעכע הייזער אין אַמיען, וואָס מיסטער קול האָט איינגעאָרדנט.

אין דריי טעג אַרום בין איך שוין געזעסן אין פּאָדער־

צימער פונם נישט=גרויסן הייזל ביי אַ טישל און יעדן באַזוכער
אַרויסגעגעבן אַ בילעט, אָפּהענגיק וויפיל ער האָט באַצאָלט, אויף
אַ שעה אָדער אויף אַ גאַנצע נאַכט, צוזאַמען מיט אַ מאָראַליזירנדיק
קוויטל „גאָט—דאָס איז ליבע!” כ׳בין געזעסן אינאָוונט, ביינאַכט,
געקוקט אויף די אומגעדולדיקע באַוועגונגען פון די אַריי.גייענ=
דיקע, אויפן גענעצן פון די אַרויסגייענדיקע. כ׳האָב געהערט
קלאַנגען פון די קריגס=מאַרשן, וואָס זענען דערגאַנגען פון זאַל,
געלעכטער, צייטנווייז זידלערייען און זיפצן. טיילמאָל האָבן זיך
געהערט דורכנעמענדיקע פרויען=געשרייען. איינמאָל האָט אַ אָנגע=
שיכורטער זעלנער געשאָסן אין פּאָרטרעט פון דער האָלענדישער
קעניגין, וואָס איז סתם אַזוי געהאָנגען אין איינעם פון די צימערן.
נאָר אין אַלגעמיין איז געווען שטיל. טאָג=טעגלעך זענען פאַרביי=
געגאַנגען פאַר מיר הונדערטער באַזוכער. כ׳האָב מיך געטראָפן
מיט די פרויען, זיי זענען געווען איבערגעמאַטערט, נאָר צופרידן
פון די באַדינגונגען. אַ סך זענען קראַנק געוואָרן, האָט מען זיי
אַוועקגעפירט און געבראַנגט אַנדערע. כ׳פלעג אויפשטיין אַרום
זעקס אין אָוונט, עסן מיטאָג, אַדורכקוקן די צייטונגען און גיין
צו דער אַרבעט. דאָרט האָב איך, קוקנדיק מיט אַ טעמפּן בליק
אויף די פאַרבייגייענדיקע זעלנער, אָפּגעריסן די בילעטן און אין די
הפסקות געשריבן מיין בוך „לידער”, וועגן וועלכע ס׳האָבן זיך
דערנאָך גוט אָפּגערופן אַ סך אָנגעזעענע קריטיקער, צווישן זיי
אויך וו. י. ברוכאָוו. נאָר אין אַ חודש אַרום האָב איך שוין מער
קיין לידער נישט געקאָנט שרייבן און צו אַלץ אַרויסגעוויזן אַ
פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט. ביז איינמאָל איז דער לערער געקו=
מען מיך באַזוכן. כ׳האָב אינגאַנצן אויפגעציטערט, אויפגעלעבט און
גענומען זיך קלאָגן אויף דער לאַנגווייל׳קייט, אויף דעם עקלדיקן
ריח, אויף דער מוזיק=גרילצעריי, אויף דעם שכורן שלוקערצן פון
די געסט; „כ׳קאָן נישט לענגער אַזוי לעבן! צו וואָס דאַרף איך
דאָס אַלץ?”—האָב איך געשריגן. „מיין פריינט, האָסטו דען נישט
געחלומט אין דער פרידלעכער „ראָטאָנדע”, צווישן אויסגעפוצטע
מאָדעלקעס, וועגן אַ באָמבע, וועגן אַ פיטשינקער באָמבעלע, וואָס
זאָל אַלץ פאַרניכטן. איצט דינסטו אין אַ גרויסער פאַבריק, וואָס

פאַרטיקט־אויס טאָג־טעגלעך טויזנטער באָמבעס און פאַרניכטעט מיליאָנען מענטשן.

כ'האָב גאָרנישט געענטפערט, בלויז קלאָגנדיק אָפּגעזיפצט און אָפּגעריסן אַ בילעט פאַרן פרישן גאַסט.

דאס זיבנצנטע קאַפּיטל

דער געבענטשטער סענעגאַל.—פאַרשידענע אויס־טייטשונגען פונם פראַנצויזישען וואָרט „פּואַר״

איצט דאַכט מיר, אַז כ׳וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ שטילער משוגעת, ווען דער לערער וואָלט אין אָנהויב 16־טן יאָר נישט געקומען קיין אַמיען און מיך געראַטעוועט. ווען ער איז געקומען צו מיר אין אַנשטאַלט אַריין, האָב איך שוין אַרויסגעוויזן אַזאַ גלייכגילטיקייט צו דער וועלט, אַז צומאָל נישט קוקנדיק אויף אים האָב איך אים אויסגעשטרעקט אַ בילעט. אַלס ענטפער האָט דער לערער באַמעלעריש געזאָגט:—„טו דיך אָן, די קאַסע גיב איבער דעם פאַרוואַלטער, מיר פאָרן קיין פּאַריז״.

אין אויטאָמאָביל האָב איך געטראָפן מיסטער קול און איישאַן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע זענען שרעקלעך מיד געוואָרן פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט און פילן אַ באַדערפעניש אין אַ לאַנגן אָפּרו. וואוהין? קיין סאַן־רעמאָ? קיין ביאַריץ? קיין סעוויל?... איישאַ איז אַרויסגעטרעטן: „צו מיר—קיין סענעגאַל!״ ס׳איז נישט בלויז געווען קאָמיש, נאָר ס׳איז אויך געפעלן געוואָרן. און מיסטער קול וועט דאָרט נישט פאַרלירן קיין צייט בחינם: פראַגן פון עקספּאָרטירן „רוי־שטאָף״, מענטשלעכן און אַנדערן. באַשלאָסן! ברעסט. דאַמפער „פּראָווידאַנס״. זון! איישאַ שפרינגט! איישאַ פרייט זיך, ער פאָרט צו זיך, ער וועט זיך קאָנען באַרימען פאַר אַלע מיט זיין האַנט „אולטימאַ״, מיט מיסטער קול, מיטן געחתמעטן דיפלאָם.

מיט די חזרימלעך פון שאָקאָלאַד, וואָס ער פירט אַ מתנה.

ס'איז שווער איבערצוגעבן דעם גאַנצן תענוג פון דער פול־שטענדיקער און טיפער רו, פון דעם געבענטשטן דרימל אין שאָטן פון אָרעמען געצעלט, פון דער איינגענעמער קילקייט פון טייך, וואָס האָט זיי אָפּגעוואַשן פון מיר דעם שטויב, שמוץ און טשאַד פון דער היימישער אייראָפּע. כ'בין אַמאָל געווען יונג, שטי־פעריש, פאַרליבט, געגאַנגען מיט בלומען אויף ראַנדעוואוען, גע־שריבן לידער, געבויטלט זיך פון באַגייסטערונג, ווען אַ וועלכער פּראָ־ווינצער זשורנאַליסטל האָט מיך געלויבט: „גאָר נישקשה... אַ פּאָעט פון גאָטס גנאָד"—מיט איין וואָרט, איבערגעלעבט גוטע צייטן. אָבער בלויז פינף וואָכן אין מיין לעבן בין איך געווען פשוט און פול־שטענדיק גליקלעך, די פינף וואָכן דאָרטן, ווייט, אויף די ברעגעס פונם ברייטן סענעגאַל.

כ'האָב פאַרגעסן אָן אַלעם—אָן מלחמה, קונסט, אָן די קרובים און פריינט, וואָס זענען פאַרבליבן אויף צפון. כ'בין איבערצייגט, אַז ווען אין די נעגערשע דערפלעך וואָלטן געווען פּאָליציי־לייט און איינער פון זיי וואָלט זיך געוואָלט נאָכפרעגן אויף מיין פּער־זענלעכקייט—וואָלט איך עפּעס אַרויסגעבאָמקעט, אָדער כ'וואָלט אים פריינטלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן בויך, אָדער כ'וואָלט אַנטלאָפן זיך באַהאַלטן אונטער די סטויגן טרוקענעם טשערעט, ווארים כ'האָב נישט געדענקט מער, ווי איך הייס. פון איישאַן האָב איך זיך נישט אָפּגעשיידט, צוזאַמען מיט אים געבאָדן זיך, געטרונקען שעפּסן־מילך, געגעסן פרישע טייטלען און פעטע, האַלב־רויע פלעצ־לעך, און ווען איישאַ האָט אין דער באַנגאַ, דאָס הייסט אין דער שטייג, פאַר געטער, לעבן שטוב, געגומען מתפלל זיין—בין איך אויך געקראָכן אויפן בויך פאַר די וואונדערבאַרע באַשעפענישלעך, געמאַכט פון האָלץ, פייגל־פעדערן, מושלען און שופּן פון פיש, און געריטשעט „או־או־או!" איישאַ האָט גלייך פאַרוואָרפן די אייראָ־פּעישע בגדים, ער האָט בלויז געלאָזן אויף זיך די ווייסע פיקענע וועסט און ער האָט אין איר זייער אייגנאַרטיק אויסגעזען מיט דער גלאַנצנדיקער, קינסטלעכער האַנט. וואָס אָן אמת, אָפּטמאָל פלעגט ער נאָך איבערוואַרפן עטלעכע ווערטער מיט זיינע לאַנדס־

לייט, וואָס איך האָב נישט געקאָנט טאָן. נאָר כ׳האָב אים נישט מקנא געווען און בין נישט טרויעריק געווען, אָן ווערטער האָב איך דאָ מער פאַרשטאַנען, ווי בעת די אָפּגעהאַרציקסטע, כאַר־טרויליעכסטע געשפּרעכן מיט די ווייסע.

כ׳האָב געפרעגט דעם לערער — וואָלט נישט בעסער געווען אַז אויך מיר זאָלן, לויט איישאַס ביישפּיל, אויסטאָן די הויזן און, פאַרבלייבן שוין אויף אייביק אין דעם דאָזיקן געבענטשטן לאַנד. נאָר דער לערער האָט מיר געענטפערט: „ס׳איז נישט ווירדיק פאַרן מענטשן זיך אומצוקוקן אויף צוריק. די קינדהייט—איז אַ געבענטשטע צייט, נאָר וואָס ווערסטו זאָגן וועגן אַ דערוואַקסענעם מאַן, וואָס רייסט אַרויס פון קינדס האַנט אַ שפּילעכל, כדי אַליין דערמיט צו שפּילן זיך? זאָג נישט קיינמאָל „זיי זענען גליקלעכע” וועגן מענטשן, וואָס זענען נאָכנישט דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום, גיכער באַדויער זיי. איישאַ וועט צוריק אָנטאָן זיינע הויזן! נישט קיין דונער וועט אַדורכגיין דורך דעם דאָזיקן לאַנד, נאָר דאָס טראַס־קעריי פון מאָטאָציקלען, קוילנוואַרפערס און שרייבמאַשינען. אויפן אָרט פון די ליבע באַנגאַס וועלן די דאָזיקע נאַיווע לייט, נאָכן באַוואוסטזיניק־ווערן, אויסבויען מיסטער קולס עפנטלעכע הייזער, מסיע דעלעס היעראַרכישע בית־עולמס. און מיר, וואָס רוען איצט דאָ אָפּ, אינם דאָזיקן פּרעהיסטאָרישן טרוויל, וועלן זיי מוזן העלפן. מילא, נאָך איין גן־עדן פאַרלוירן געגאַנגען, בלויז די התחלה איז דאָך שווער, איצט איז שוין נישט קיין באַוויגע!...”

כ׳האָב פּראָטעסטירט—פאַרוואָס העלפן, מ׳דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן א. אַז. וו. נאָר דער לערער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר זענען אַהער געקומען אָפּרוען און נישט פירן וויכּוחים, אַז כ׳זע זייער שלעכט אויס און דאָס קלוגסטע וואָלט געווען צו גיין זיך באָדן.

געוויסע דאגות האָט אונז פאַרשאַפט מיסטער קול. תחילת האָט ער זיך צווישן די ביידלעך ביים ברעג געפילט אויסגעצייכנט. דערנאָך האָט ער, וואָס העכער מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אַרויף־טייך־צו אין דער ריכטונג צו איישאַס פאָטערלאַנד, אַלץ מער און מער אַרויסגעוויזן זיין פאַרוואונדערונג און אָפּטמאָל אויך זיין אויפּ־

געררעכטיקייט צוליב די אָרטיקע מנהגים. ער האָט געזאָגט, אַז אַפֿריקע איז נאָך ערגער, ווי אייראָפּע. זייַנע דאָלאַרס האָבן אויף די נעגערס נישט געמאַכט קיין שום רושם, און וועגן דער ביבל האָט קיינער פֿון זיי גאָרנישט געהערט. מיסטער קול האָט אַ באַלייידיקטער צום סוף פֿאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן תּיכּף צוריקקערן. נאָר איישאַ האָט זייער געוואָלט נאָך פֿאַרבלייבן אין די היימישע ערטער און, ער האָט אַביסל באַרויִקט מיסטער קול, דערקלערנדיק אים, אַז אַנשטאָט די פּאַפּירלעך מיט די פּאָרטרעטן פֿון די אַמעריקאַנער פּרעזידענטן זעט מען דאָ דערפֿאַר אַזעלכע ספּעציעלע מושלען, און אַנשטאָט דער ביבל—קמיעות פֿון די מאַראַבוטן. דאָך האָט מיסטער קול וואָס אַ טאָג אַלץ ווינציקער פֿאַרשטאַנען. דער לערער האָט פֿון איינעם פֿון די פֿירער באַקומען אַ בויגן מיט אַן אויסשניצעכץ אויף עלפֿאַנטביין, וואָס נישט קוקנדיק אויף דער גראָבער אויסאַרבעטונג האָט דאָך מיסטער קול אָפּגעשאַצט, אַז ס'האָט די ווערט פֿון דריי דאָלאַר, נאָר צוריק קיין מושלען דערפֿאַר האָט ער נישט געגעבן: אַזוי אויך איז איישאַ, איינגאַנצן בחינם, געגאַנגען אונטער די פּאַלמען מיט די שוואַרצע פֿרויען, וועלכע זענען דאָך נישט געווען זייַנע געזעצלעכע ווייבער. „דאָס איז די גרעסטע אומאָרדנונג!" האָט געשריגן מיסטער קול, „איצט ערשט זע איך, ווי פֿיין אייראָפּע איז איינגעאָרדנט! מ'דאַרף אַ ריזיקע ענערגיע, מ'זאָל כאָטש אַ ביסל ציוויליזירן דאָס דאָזיקע לאַנד!" און אַזוי ווי ענערגיע האָט מיסטער קול שטענדיק געהאַט לרוב, איז ער ‧גלייך צוגעטרעטן צום עסק: מיט דער הילף פֿון פֿויקן האָט ער צונויפֿגערופֿן די איינוואוינער פֿונעם באָנטן דאָרף שאַנגאַ און מיט איישאַס פֿאַרמיטלונג זיי דערקלערט, אַז די הויפּט-זאַך, וואָס מ'דאַרף האַלטן בכּבֿוד, זענען דאָלאַרן, דאָס הייסט גאָלד, דאָס הייסט מושלען. נאָר דעם אומדערמידלעכן פֿריידיקער האָט געוואַרט אַ שרעקלעכער נסיון. די נעגער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אָנהענגער פֿון דער רעליגיע באָרי, וואָס לערנט, אַז אין מענטשן באַהאַלטן זיך בייזע גייסטער, וועלכע מ'דאַרף פֿאַר יעדן פּרייז אַרויסטרייבן; און צו מיסטער קולס אומגליק זענען זיי אין דער אויספֿירונג פֿון זייערע מאָראַלישע פֿליכטן געווען נישט ווייניקער פֿאַרביסן, ווי ער אַליין. אויסהערנדיק די

באַלערנדיקע רייד און אָנקוקנדיק דעם אַמעריקאַנער, וואָס האָט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ערנסט באַשטעטיקט איישאַס ווערטער, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז אינם אָרעמען גאַסט איז אַריין דער בייזער גייסט אַלאַדיענו און, מאַכנדיק אַרום אים אַ ענגן רינג, גענומען אַרויסטרייבן דעם גייסט. צו דעם צוועק האָבן זיי אין משך פון צוויי טעג און צוויי נעכט, בייטנדיק איינע די אַנדערע, געזונגען, געטאַנצט, געשריגן, געקלאַפּט אין מעשענע גאָנגעס, געשלאָגן אין גפּעלן, אַרויפגעצויגענע אויף שטעקעלעך, געפּויקט אויף ברעטלעך מיט אָנגעהאַנגענע טרוקענע קירבּיסן, געצויגן און געגרעמפּלט אויף די ציין פון גרויסע מעטאַלענע קעם און אויף סטרונעס, אַרויפגעצויגן אויף דער שאָל פון קאָקאָס-ניס, מיט איין וואָרט, געשראָקן אַ לאַדיענו מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. מיסטער קול האָט זיך געפּרוווט אַרויסרייסן, ער האָט געשלאָגן די זינגער אַרום זיך, געשריגן ביז אין הימל, נאָר דאָס האָט נאָך אונטערגעגעבן היץ די נעגערס, וועלכע האָבן געמיינט, אַז דאָס פּילדערט דער גייסט און פאַרלאָזט שוין דעם מענטשן, — האָבן זיי נאָך העכער געזונגען און געשפּילט. אויפן דריטן טאָג איז מיסטער קול אַנטשוויגן געוואָרן. ווי איך בין מיר משער — האָט ער אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון זינען, וואַרים זיצנדיק אויף דער ערד, האָט ער אַזוי אומזיניק און טעמפּ געשמייכלט. ווען די נעגערס האָבן זיך איבערצייגט, אַז אַלאַדיענו האָט פאַרלאָזן דעם מענטשן, האָבן זיי אַוועקגעוואָרפן די אינסטרומענטן און געגעבן מיסטער קול צו טרינקען זיסן פאַלמען-זאַפט.

מיר האָבן געצויגן ווייטער און ענדלעך דערגרייכט דעם טאָל, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס דאָרף אַלאַרום — איישאַס געבורטסאָרט. נאָר אָנשטאָט הייזלעך האָבן מיר געזען בלויז סימנים פון אַ נישט-לאַנג-פאָרגעקומענער שרפה. קיין מענטש איז נישט געווען. אויף אַן אַרומיק פעלד האָבן מיר געפונען אַ קליין נעגערל פון אַ יאָר פינף, וואָס האָט געצויגן דעם אייטער פון אַ פרידלעך זיך פּאַשענדיקער ציג. אַז דאָס יינגל האָט אונז דערזען, האָט עס זיך געוואָרפן אַנטלויפן, און ווען מיר האָבן אים פאַרהאַלטן, האָט ער, גאָרנישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט זאָגן. איישאַ האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן בויך און געוויינט, און געגראָבן די ערד, און

געקושט אירע בערגלעך. נאָר ווי גרויס עס איז נישט געווען זיין צער — האָבן מיר באַשלאָסן זיך אומצוקערן אַהיים.

אינגיכן האָבן מיר אין אַ קליין דערפל אָנגעטראָפן אויף אַ פּאָסטן זעלנער פונם „אויסלענדישן לעגיאָן", וועלכע האָבן אונז אויך דערציילט, אַז בעת דעם לעצטן בעיעג אויף רעקרוטן, האָבן די נעגערס פון אַלאַרום זיך צעבונטעוועט און ביינאַכט געמאַכט אַן אָנפאַל אויפן לאַגער און דערהרגעט צוויי זעלנער. דער אויפשטאַנד, אַרויסגערופן מסתמא דורך דייטשע אינטריגעס, איז שנעל געוואָרן דערשטיקט, די פאַרברעכער—באַשטראָפט, און דאָס דאָרף—פאַרברענט

אין איין גרעסער הייזל איז געווען אַ באַוועגלעכער שפּיטאָל, דאָרט זענען געלעגן צוויי זעלנער,—איינער, וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן ביים איינשטילן דעם אויפשטאַנד, און אַ צווייטער, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף אָרטיקן פיבער און איז געלעגן איינגענורעט מיטן קאָפּ אין דער קאָלדרע. דער ערשטער האָט אונז דערציילט עטלעכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון דער שלאַכט און מיר האָבן זיך שוין געקליבן אַוועקגיין, ווען פּלוצלינג האָט זיך פונם צווייטן בעטל דערהערט אַ קלאָרער געשריי אויף רוסיש: „נעגערל! אָרעמער, שוואַרצינקער!.. פון דער הויכקייט פון מיין געטלעכן „איך" באַשטעטיק איך די מענטשלעכע ווירדיקייט... טרינקען, טרינקען!.." כ'בין צוגעלאָפן, אָפּגעוויקלט די קאָלדרע. פאַר מיר איז געלעגן אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש. ער האָט געקוקט אויף מיר, גאָרנישט זעענדיק, און האָט פאָרטגעזעצט זיין אומזיניק פּלאַפּלעריי.

מיר זענען געבליבן אין דאָרף וואַרטן ביז דער קראַנקער וועט געזונט ווערן. אין זעקס טעג אַרום איז די היץ מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז געקומען צו זיך, און ווי אַ קינד האָט ער זיך שטורמיש דערפרייט, דערזעענדיק אונז, ווי מיר זיצן אַרום אים; בלויז פאַר איישאַן האָט ער זיך, כ'ווייס נישט פאַרוואָס, תחילת געשראָקן, נאָר איישאַ האָט אַרויסגעוויזן צו אים די גרעסטע צערטלעכקייט, האָט אים געקושט די שפּיצן פון די האָר און געשאָנקען אים אַ גרויסן קאָקאָס-נוס. ווי נאָר אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז אַביסל שטאַרקער געוואָרן, האָט ער אונז גלייך געוואָלט דערציילן זיין גאַנצע לעבנס-געשיכטע און ער האָט

אָנגעהויבן פון זיינע ערשטע יוגנטלעכע איינדריקן. נאָר דער לע־
רער האָט אים דערמאַנט, אַז דאָס אַלץ ווייסן מיר שוין, אפשר
פונקט אַזוי גענוי ווי ער אַליין, און אַז בעסער וועט זיין זיך באַ־
גרענעצן מיט די לעצטע יאָרן.

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשעס דערציילונג איז ווי שטענדיק
געווען צעצויגן, פול מיט פילאָזאָפישע הקירות, אָרעם אין פאַקטן,
נאָר גענוג טרויעריק. צוזאַמען מיט אַנדערע רוסישע, וואָס האָבן
געחלומט וועגן קרבנות, וועגן דער הייליקער סאָפיע און וועגן
פרייהייט, האָט ער זיך פאַרשריבן אין אויסלענדישן לעגיאָן. די
סערזשאַנטן און קאַפּראַלן האָבן זיי דערנידעריקט אויף כלערליי
אופנים און געמאַכט פאָרוואורפן: „געדענקט, אַז איר זענט געקומען
אַהער עסן אונזער פראַנצויזישן ברויט!” אַלע באַמיאונגען פון
אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש צו באַווייזן, אַז אַ פראָנט איז נישט אַזאַ
גאָר באַקוועמע עס־שטוב, האָבן אויף זיי נישט געווירקט. צוזאַמען
מיט די רוסישע זענען געווען נאָך אַנדערע לעגיאָנערן: דער פראַנ־
צויז קריק, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ בעלגיער און וועלכער
האָט זיך אין מאַרסעל אין פאַרלויף פון צוועלף יאָר פאַרנומען מיט
כשרן פרויען־האַנדל, נאָר אַ באַומרואיקטער דורך דער פּאָליציי
האָט ער זיך אויסגעאַרבעט אַ ריינינקן דאָקומענט; דער דייטש פון
דרעזדן, כון, וואָס האָט דערהרגעט זיין מומע, אַנטלאָפן קיין
פראַנקרייך און אַריינגעפאַלן אין לעגיאָן. כון האָט זיך פאַר אַלע־
מען געשוואוירן, אַז ער איז אָדער אַ פּאָליאַק, אָדער אַ עלזאַכער,
אָדער גאָר אַ האָלשטינער, און אַז אַלנפאַלס די דייטשן וועט ער
ממיתן נישט ערגער פון אַן אַנדערן; דער שפּאַניער כאָפּראַס, וואָס
האָט פיינט געהאַט אַלע מלאכות, אויסער מלחמה און אָקסן־קאַמף.
צו דער לעצטער אַרבעט האָט ער נישט געטויגט צוליב זיין גע־
בוירענער פעטקייט און שווערבאַוועגלעכקייט און דערפאַר האָט ער,
באַרויבנדיק אַ סאַלאַמאַנקער יוועליר, באַשלאָסן זיין ווייטערדיקע
באַשעפטיקונג צו פאַרבינדן מיטן לעגיאָן. די דאָזיקע און נאָך אַנ־
דערע קעמפער האָבן גערופן די רוסן „פּואַר”, וואָס לויט מאַקאַ־
ראָווס ווערטערבוך באַדייט דאָס אַ חוץ „באַרנעס” אויך „טפש”,
און האָבן געמאַכט איבער זיי, לויט זייער אַלטער ציווילער פּראַקטיק,

פלערליי עקספערימענטן. נאָך די דורכגעמאַכטע שלאַכטן און נאָכן אָפּזיצן ביי אַזעלכע באַדינגונגען אַ יאָר אין די אָקאָפּעס, האָבן די רוסן שטילערהייט געבעטן די מאַכט, אַז מ׳זאָל זיי איבערפירן אין געוויינלעכע פראַנצויזישע פּאָלקן. די דאָזיקע ביטע האָט אויסגעזען מער ווי פאַרדעכטיק, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, כדי אויסצוהיילן זיי פון די חלומות, אַ צענדליק צו דערשיסן. ווען די פאַרברעכער האָבן פאַרן טויט געגומען שרייען: „וויוו לאַ פראַנס!", איז פאַר אַלעמען געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז אַ חוצפּהדיקער אויפשטאַנד און די נישט-דערשאָסענע האָט מען אויף גיך אָפּגעשיקט קיין אַפריקע. צווישן זיי איז אויך געווען אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש. אין אַפריקע האָט ער צורעכט געמאַכט וועגן, געדרייניקט דאָרט עמיצנס שיך, געכאַפּט נעגערס, איינגעשטילט אַראַבער, און טוענדיק דאָס אַלץ — געמאַטערט זיך איבערן רעטעניש — וואו איז דאָ פאַראַן מסירת נפש, קריסטוס, הייליקע סאָפיע?

מיט אַ וואָכן צוויי צוריק האָט מען אים מיט נאָך אַנדערע געשיקט איינשטילן די נעגערס. איינער אַ שוואַרצער, אַ יונגינקער, איינגעבנצן ענלעך צו איישאַן, האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ לאָפּאַטע. האָט ער אויסגעשאָסן, דאַכט זיך דערהרגעט. דערנאָך דער פיבער — מער געדענקט ער גאָרנישט.

ווי איישא האָט דערהערט וועגן דערהרגעטן נעגער, האָט ער גענומען פייפן, שפּרינגען און וויינען. „דאָס איז אַגלאַך, איישאַס ברודער!" אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך אויך פאַנאַנדערגע-וויינט און געזוכט הילף ביי כורעניטאָן. „זאָג-זשע מיר, ווי איז דאָס געשען? איך האָב געוואָלט ראַטעווען רוסלאַנד, די מענטשהייט, געבן זיך פאַר אַ קרבן, פאַרטיידיקן קריסטוסן, און אַנשטאָט דעם אַלעם האָב איך דערהרגעט עפּעס אַ נעגער! פאַר וואָס? איך בין אַ מענטש! אין מיר איז די געטלעכע התחלה! ווי אַזוי האָב איך געקאָנט פאַלן אַזוי נידעריק?" נאָר דער לערער האָט נישט געוואָלט גלויבן נישט אין קרבנות, נישט אין קריסטוסן, נישט אין דער געטלעכער התחלה. מרה-שחורהדיק האָט ער געזאָגט: „דו ביסט אַ נעבעכדיקער קנעכט פון מיסטער קול, און מיסטער קול איז אַ קנעכט פון זיין בלוי ביכל, און דאָס בלויע ביכל ווייס שוין פאַרוואָס מ׳האָט געמוזט

דערהרגענען דעם נישט־פּאָרגעוודיקן נעגער. ס׳איז שוין צייט דו זאָלסט די מעטאַפיזיק פאַרבייטן אויף אַ פּרימיטיווער אַריטמעטיק! פשוטער און אמתער!״

איישאַן האָט ער באַרוּאיקט, גלעטנדיק אים צאַרט איבערן געקרייזלטן קאָפּ: „אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז נישט שולדיק. ער האָט אויך געהאַט אַ גוטן קאַפּראַל. אויפן דאַך פון דער איי־סאָפּיאַ, אַ הויז אַזאַ, האָט ער געוואָלט אַרויפשטעלן אַ קליין צלמל. און דער קאַפּראַל האָט געזאָגט: „שיס אין אַגלאַכן!״ דו האָסט אַ האַנט „אול־טימאַ״ און אַ דיפּלאָם, ער האָט גאָרנישט און ער ווייבט״. נאָך די דאָזיקע ווערטער איז איישאַ ערגעץ־וואו נעלם געוואָרן און איז צוריקגעקומען ימיט אַ גרויסער פּייקע, אויסגעשניצט פון קאַלאַ־באַש־פּרוכט ער האָט זי דערלאַנגט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן: „איישאַ האָט דיר געוואָלט געבן אַ האַנט, נאָר דו האָסט צוויי ווענסטו נישט האָבן וואו זי אויפצוהענגען. ס׳איז זייער אַ גוטע פּייקע איישאַ האָט זי געמאַכט. איישאַ האָט דיך ליב!״

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז פּאַמעלעך געקומען צו זיך דער פיבער האָט זיך קאָמפּליצירט דורך דער קראַנק־געוואָרענער לעבער, און כורעניטאָ האָט זיך גענומען באַמיען, אַז מ׳זאָל אים איינגאַנצן פּריילאָזן. אַ דאַנק די דאָזיקע באַמיאונגען איז אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש אין צוויי וואָכן אַרום אָפּגעשיקט געוואָרן, מיט דער אייגענער שיף, מיט וועלכער מיר זענען געפאָרן, אין שפּיטאָל אין טולאָן און דאָרט האָט מען אָנערקענט, אַז ער טויג נישט צו ווייטערדיקער דינסט.

דאס אכצנטע קאַפּיטל

דער פֿויפּסט בענטשט ג ב ד. — פּראַ דושוזעפּאָ

גרויסע אַנטוישונגען האָבן דערוואַרט מיסטער קולן נאָך אונזער צוריקקומען קיין אייראָפּע. זיין באַלעבאַטישקייט איז, אָן דעם זאָרגעוודיקן אויג פון באַלעבאָס, געוואָרן שטאַרק פאַרוואָרלאָזט כמעט אַלע מלחמה־באַשטעלונגען זיינע איבערגעגעבן צו די קאָנקורענטן. פיר שיפן מיט טייערער לאָדונג זענען דערטרונקען געוואָרן דורך דייטשע אונטערוואַסער־שיפלעך. איינער אַ פראַנצויז האָט אויסגעטראַכט קרענץ מיט שלייפלעך, אָנשטאָט מיט קאָקאַרדעס — ביליקער און עפעקטפולער. און ענדלעך, האָבן מיסטער קולס איייפעריקע מיסיאָנערן מיט דער הילף פון דער מאַכט, געשלאָסן עלף עפנטלעכע הייזער, וואָס האָבן אָנגעהערט טאַקע צו מיסטער קולן. „אידיאָטן", האָט ער אונז אָן אומצופרידענער דערציילט וועגן דעם, „זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז מיינע הייזער דאָס זענען — נעסטן פון מאָראַל, אַז ביידע אונטערנעמונגען קאָנען נישט לעבן איינע אָן די אַנדערע!" די אַלע אומגליקן האָבן געמאַכט אַזאַ רושם אויף מיסטער קול, אַז פון אַן אויסערגעוויינלעכן פאַטריאָט איז ער תּיכּף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ענערגישן און קאָנסעקווענטן שלום־אָנהענגער. — „מלחמה פאַרדאַרבט די זיטן און צעשטערט די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט", האָט ער אונז געזאָגט. מיר האָבן גערן מיט אים מסכּים געווען. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט, נאָך זיינע סענסאַציאָנעלע נצחונות, נישט געקאָנט מער אַרויסרעדן דאָס וואָרט

„זיג״, ער האָט געקויפט טאָלסטאָיס ביכער און האָט זיך געקליבן ווערן אַ וועגעטאַריאַנער. דעם אָרעמען, פּאַריתומטן איישאַן האָבן אויך אויפגעהערט געפעלן צו ווערן די „גוטע קאַפּראַלן״. און איך מיט מיין שוואַכן כאַראַקטער האָב שטענדיק גיכער געהאַלטן פון פלאַטאָנישן צעשטערן אין לידער, אָדער אין פלאַמענדיקע „ראַ־טאָנדישע״ וויכוחים, איידער פון מיסטער קולס מוסטער־האַפּטער וירטשאַפט. און אַזוי זענען מיר אַלע פיר געווען פאַר שלום, וועגן וואָס מיר האָבן תיכף מיטגעטיילט דעם לערער.

כורעניטאָ האָט זיך קודם כל זייער פריילעך און אָפנהאַרציק פאַנאַנדערגעלאַכט. „נאַיווע קינדער, איר מיינט, ס׳איז אַזוי לייכט צו פאַרענדיקן די מלחמה? דאָס קאָן נישט קיינער, אַפילו די, וואָס האָבן זי אָנגעהויבן: דיפּלאָמאַטן, פירער, פאַבריקאַנטן, קיסרים, אינטריגאַנטן, פעלקער — קיינער נישט! מיר געפעלט זי אויך נישט איבעריק די מלחמה. תחילת איז געווען עפּעס אַנדערש — משוגעת־חיהשע ווילדקייט, שפּרונגען, ריטשעריי, אומדערוואַרטעטע היימישקייט מיטן טויט, באַנקראָט פון אַלע ערדישע גיטער, מיט איין וואָרט, אַ וואונדערבאַרער תהו־ובהו. איצט האָט מען זיך צופיל צונויפגעלעבט מיט דעם אַלעם. וואָס מאַכט עס אויס, וואָס מאָרגן אַ „פּגר״ — דערווייל אַ פוטער־בולקעלע! לעבנס־שטייגער! גלויבט מיר, ס׳איז מיר לייכטער אומצווואַרפן די דייטשע אימפּעריע, משלח זיין אויף יענער וועלט 15 מיליאָן מענטשן, איבערטאַשן אַלע שול־מאַפּעס, איידער דורכצולופטערן די דאָזיקע פאַרעיפּושטע, עקלדיקע, אייגנעזעסענע נאָרע פון דער מענטשהייט! נישט די מענטשן האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער מלחמה, נאָר די מלחמה צו די מענטשן. פון אַ זאַווערוכע האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נישט אָנגענעם צוגווינטל. מ׳פאַרקילט זיך, אָבער פונדעסטוועגן, מ׳לעבט. חי נישט איז. דערפאַר קאָן מען נישט פאַרניכטן די דאָזיקע מלחמה. וואָס האָט זיך אַזוי צוגעפּאַסט. זי איז — אַ פאַמעלעכיקער, פאָרזיכטיקער מיקראָב, וואָס ווייס זיין זאַך. ס׳איז אַ מלחמה אויף צענדליקער און מעגלעך אויף הונדערטער יאָרן. לאַכט נישט — אין דער צווישנצייט וועלן זיין פרידנס־אָפּמאַכן, און בכלל אַלערליי פלוידערייען, זי וועט טוישן אירע פאָרמען; ווי אַ וואַסערל וועט זי זיך טיילמאָל באַהאַלטן

אונטער דער ערד און ביז עקל מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ רירנדיקן פרידן. דער קראַנקער וועט גיין אין גערטנדל אַריין באַגיסן די רעזעדע, ביז ס׳וועט אים נישט ווידער אַ כאַפּ טאָן די טיפוס־היץ. די מלחמה וועט נישט זיין קיין מלחמה; זי וועט זיך קונציק צעפליסן איבער די הערצער; די ראָגאַטקע אַרום דער שטאָט, און דער פּאַרקאַן אַרום הויז און די שוועל פאַר דער שטוב וועלן דעמאָלט זיין פראָנטן. אָנגעהויבן אין אַן אַטאַק פון אַפּאָפּלעקציע צוליב דער שפּעבלינדע כּחות, צוליב דעם אומיושרדיקן, גיריקן, געגזלטן, פאַלשן רייכטום—וועט זי זיך ענדיקן נאָר נאָכן צעשטערן דאָס, אין נאָמען פון וועלכן זי האָט זיך אָנגעהויבן — די פאַלשע קולטור און די לויתן־מלוכה!"

„ביי אַלע אייערע פּראַקטישע פעיקייטן",—האָט מיסטער קול געענטפערט כּורעניטאָן,—„האָט איר שטענדיק געזינדיקט מיט אַ בטיה צו אוטאָפּיזם. צו־וואָס טויג צו רעדן וועגן זאַכן, וואָס וועל געשען ערשט נאָך אונזער טויט. לאָמיר ליבערשט טראַכטן וועגן צוריקשטעלן כאָטשבי אַ קליינטשיקן פרידן. אויב די, וואָס האָבן אָנגעהויבן די מלחמה, קאָנען זי נישט פאַרענדיקן, זענען דאָך פאַראַן אַנדערע כּוחות".

„וואָסערע?"

„קודם כּל רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, שוין בלויז רוים, נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע חסרונות! דערנאָך די איבערצייגטע פּאַציפיסטן, וואָס מאַכן צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן. און ענדלעך די... (מיסטער קול האָט זיך פאַרהיקעט און לאַנג האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרעדן דאָס שרעקלעכע וואָרט) סאָציאַליסטן! זיי זענען וואָס אַן אמת אוממאָראַלישע מענטשן און פאַרמעסטן זיך אויף אַלעם הייליקן, נאָר אין דעם פאַל קאָן מען זיי גלענצנד אויסנוצן".

„אייערע האָפנונגען זענען נישט באַגרינדעט, מיסטער קול! ווי אייך איז באַוואוסט, פירן די קריסטן, צו וועלכע, אויב איך האָב קיין טעות נישט, איר געהערט,—ווייטער די פאַרשידענע באַלעבאַטישקייטן, ענלעך צו אייערע, וואָס זענען לײדער אַזוי גרויזאַם צעשטערט געוואָרן. די פאַציפיסטן רעדן וועגן שלום ווירקלעך זייער זיס און רירנד, נישט ערגער פון אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן, נאָר

צווישן זיך שמועסנדיק איז אונטער דער קאָמאַנדע פֿון „גוטע קאַפּראַלן" שטעכן זיי דורך די בייכער פֿון אַנדערע פּאַציפֿיסטן מיטן זעלבן ברען, ווי אונזער שלום־ליב־האָבנדיקער איישאַ. וואָס ס'איז שייך די סאָציאַליסטן, דערמאָנט מיר שטאַרק זייער ראָל בעת דער מלחמה די בכבודיקע באַשעפּטיקונג פֿון אונזער טייערן ערענבורג דאָ נישט לאַנג, בעת ער האָט אָפּגעריסן די איינגאַנגס־בילעטן אין אייער אַנשטאַלט און אונטער די מוזיק־קלאַנגען געוויינט איבער זיין פּרעהיסטאָרישער אומשולד".

מיסטער קול, און מיט אים אויך אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, האָבן זיך געפּרוווט שפּאַרן. ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט אויסזען, האָבן זיי ביידע, — וואָס ביז דאָ נישט לאַנג האָבן זיי געזען אַרום זיך בלויז פּאַטריאָטישע התלהבות און דראַנג צו נצחון, — איצט, נאָך זייערע פֿערזענלעכע אומדערפֿאָלגן, האָבן זיי גלייך באַמערקט גאָר עפּעס אַנדערש און פֿאַרזיכערט כּורעניטאָן, אַז די פֿעלקער פֿאַרלאַנגען שלום. „ס'פֿעלט בלויז אַ פֿאַראייניקנדיקער צענטראַלער פּונקט! מיר מוזן אים געפֿינען!"

דעמאָלט האָט דער לערער געזאָגט, אַז אין דער צוועקמעסיקייט פֿון די דאָזיקע זוכענישן גלויבט ער נישט, נאָר אַזוי ווי ער איז שטענדיק גרייט מיטצוהעלפֿן אונזער קולטורעלער אַרבעט, לייגט ער פֿאָר, אויף אַ פּרווו, צו מאַכן עטלעכע נסיעות: קיין רוים, זשענעוו און האַאַג, בפֿרט אַז די דאָזיקע נסיעות וועלן אים, דעם לערער, אויך נוצן אויף צו שטודירן די ווייטערדיקע פּאַזעס פֿון דער מענטשהייטס חולאת.

דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן — מיר פֿאָרן קיין רוים. מיסטער קול האַלט נישט אַזוי שטאַרק פֿון די קאַטאָליקן: אָנשטאָט מאָראַל — פֿאַנטאַסטישע געשיכטעס; דערפֿאַר גלייבט ער אין כּוח פֿון דער קירכע. „אָבער דאָך זענען עס קריסטן". ער נעמט מיט זיך דעם נייעם קוילנוואַרפֿער פֿון סיסטעם ג ב ד; אַן אויסערגעוויינלעכן טויט־שפּרייטער, אויסגעפּאַרטיקט לויט די צייכנונגען פֿון לערער: זאָל דער פּויפּסט אַ קוק טאָן אויף דעם דאָזיקן טייוואָלאָנישן געווער און נשתּומם ווערן. (אַחוץ דעם, אָפּן זאָגנדיק, וואָלט נישט שלעכט געווען פֿאַרצווייגן דאָס דאָזיקע סיסטעם דעם איטאַליענישן

קריגס־מיניסטער). אַלעקסיי ספירידאָנאָוויטש גרייט־צו אַ רעדע, צוליב וואָס ער שטרייכט אַרום אומרחמנותדיק די ווערק פון סאָלאָוויאָוו, דאָסטאָיעווסקי און פון נאָך עמיצן. איישאַ אינטערעסירט זיך מיטן תוך פון דער זאַך—„וואָס איז דאָס אַזעלכעס—אַ פויפסט?”—„דער שטעל־פאַרטרעטער פון קריסטוס!” און וואָס איז דאָס אַ שטעל־פאַרטרעטער? גוט, איישאַ האָט פאַרשטאַנען. און „קריסטוס, וואָס האָט ער ליב, מלחמה צי שלום? דאַן האָט דער שטעל־פאַרטרעטער אויך ליב שלום!” און אַ מידער פון אַזעלכע קאָמפליצירטע אויספאָרשונגען, טראַכט שוין מער איישאַ וועגן גאָרנישט. ער שפרינגט אַרום איבערן קופע און שרייט: „ס׳וועט זיין שלום, שלום שלום!” נאָך גוט, וואָס ס׳איז נישטאָ קיין פרעמדע מענטשן. פאַר דעם וואָרט, וואָס איז דאָס אומווירדיקסטע פאַרברעכערישסטע פון אַלע מענטשלעכע ווערטער, וואָלטן מיר געדאַרפט טייער באַצאָלן. און דער לערער גרייט נישט צו קיין רעדעס, שפאַרט זיך נישט, הערט נישט, ער באַשעפטיקט זיך ווידער מיט זיינע לאַנגווייליקע ציפערן—דער עקאָנאָמישער מצב, די ירידה פון דער פראָדוקטיוויטעט, דער אומפאַרמיידלעכער קריזיס, און ווען ער רייסט זיך אָפ אויף אַ רגע פון די גרויע צייטונגס־שפאַלטן אָדער פונם אויסגעשריבענעם בויגפאַפיר, שמייכלט ער קוים באַמערקבאַר, נאָר מיט אַ באַפרידיקטקייט.

נאָך דריי יאָר צעשיידונג האָבן מיר רוים געפונען ווייניק פאַרענדערט. נאָך בולטער איז געווען די אָרעמקייט פון טראַנסטעווערע, נאָך אומזיניקער די שרייענדיקע פענער אויף די באַומרואיקטע חורבות—אַ אונטערשייד בלויז אין כמות. נישט צו פאַרלירן קיין צייט, האָבן מיר זיך גלייך אָנגעהויבן באַמיען וועגן אַן אווידיענץ ביים הייליקן פאַטער, נאָר דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זייער קאָמפליצירטע ענין. דער לערער האָט שוין געהאַט בדעה אָנצווענדן די אויסגעפרוווטע איילן־לאַנגע פאַספאָרטן מיט די רויטע חתימות, נאָר איך האָב פראָטעסטירט, דערמאָנענדיק זיך, ווי אַזוי איך פאַרליר דעם חיתוך הדבור, און דעם גאָרנישט־זאָגנדיקן „מערסי”. „איר וועט קאָנען זען דעם הייליקן פאַטער ערשט צו פסח”, האָט אונדז גרינגשעצנדיק אָפגעענטפערט אַ וויכטיקע, גייסטלעכע פערזאָן. „אָבער איך בין באַשעפטיקט!” האָט

אויסגערופן מיסטער קול, „כ׳קאָן נישט וואַרטן, כ׳האָב דריי האַרמאָטן-פאַבריקן!״ — „אָ, אויב אַזוי וועט איר קאָנען זען דעם הייליקן פאָטער שוין מאָרגן! כ׳האָב נישט געוואוסט, מיט וועמען כ׳האָב דעם כבוד צו רעדן!״

אויף צומאָרגנס זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין זאַל פאַר אוידיענצן. לויטן באַפעל פון מיסטער קול און נישט געקוקט אויף די פראָטעסטן פון די גייסטלעכע לאָקייען, האָט איישאַ גלייך נאָך אונז מוטיק אַריינגעקוילערט אין זאַל אַריין אַ קוילנוואַרפער. עמיצער האָט אַ קראַקע געטאָן: „סיניאָר קול, אייגנטימער פון האַרמאָטן-פאַבריקן, מיט זיינע שותפים!״ אויף אַ הויכן שטול האָבן מיר דערזען אַ זייער ליבנסווירדיקן, געדרונצלטן אַלטיטשקן, וואָס האָט מיטן דורכגעגנומענעם קול פון אַ ליבנדן זיידן געזאָגט: „מיר בענטשן אייער ניצלעכע אַרבעט. מיר ווינטשן אייך דעם ערפאָלג, וואָס איר פאַרדינט דורך אייער פלייסיקייט, און בעטן נישט פאַרגעסן אָן דער הייליקער קירכע, און אויך אָן די יתומים!״ אָפּזאָגנדיק דאָס, האָט דער אַלטיטשקער אַ שטויס געטאָן מיטן פאַנטאָפל אין פנים אַריין יעדן פון אונז לויט דער רייע (דערביי האָבן מיר אַלע, אָנשטויסנדיק זיך אין וואָס עס האַנדלט זיך, דעם פאַנטאָפל אַ קוש געטאָן), און דערנאָך, מסתמא פון צעשטרייטקייט, אויך אין פאַרריסענעם נאָז פון קוילנוואַרפער ג ב ד. אַז די צערעמאָניע איז געווען געענדיקט, האָבן מיר געוואָלט צוטרעטן צום שמועס, נאָר זייער גיך און פלינק זענען מיר מיט דער הילף פון די אייגענע גייסטלעכע לאָקייען איבערגעפירט געוואָרען אין שכנותדיקן זאַל, וואו מיר האָבן דערזען שוין נישט דעם פויפּסט, נאָר דעם קאַרדינאַל, וואָס האָט אונז דערקלערט: „מיטן הייליקן פאָטער טאָר מען נישט רעדן. דער הייליקער פאָטער רעדט נישט, ער זאָגט נאָר הייליקע שפּרוכן דאַגעגן איך וועל אייך קאָנען ענטפערן אויף אַלע פראַגן, וואָס אינטערעסירן אייך״. מיר האָבן זיך דער עיקר פאַראינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דער הייליקער הויפּט-שטאָט אין די מלחמה-יאָרן. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן גאָר גרויס. אין קאַנצעלאַריע האָבן געאַרבעט הונדערטער איבערזעצער. אויף איינצושפּאָרן צייט זענען פאַרשידענע ווינטשונגען, ברכות און

תפלות איבערגעזעצט געוואָרן און פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן גלייכצייטיק אין אַלע מלחמה=האַלטנדיקע לענדער. צו די פאָרשטייער פון דער קירכע זענען געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס ווי אַזוי, צום ביישפּיל, מ׳דאַרף אָפּריכטן דאַנק=תפלות נאָך אָפּגעהאַלטענע נצחונות, דערביי איז אויף אַ טייל בלעטלעך געווען אָנגעשריבן: „פאַנאַנדערגייענדיק זיך, שרייט אויס דער המון: „זאָל לעבן גאָט!, זאָל לעבן זשאָפר!״ (אויף פראַנצויזיש), און אויף אַנדערע: „האָך גאָט! האָך הינדענבורג!״ (אויף דייטש) און אַז. וו. אויפן פאַל פון ענדגילטיקן נצחון אָדער מפלה, ווערט רעקאָמענדירט צו ערקלערן דאָס ערשטע—מיט דער ברכה פון גאָט און מיט די תפלות פון דער „איינציקער אַפּאָסטאָלישער״, דאָס צווייטע—מיט גאָטס שטראָף פאַר דער נישט=געניגנדיקער אייפעריקייט צו דער „איינציקער אַפּאָסטאָלישער״ א. א. וו. אומעטום דאַרפן קאַטאָליקן אונטערהאַלטן די מלחמה ביז צום זיגרייכן נצחון. די אַרבעט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע, אָבער אַדאַנקבאַרע: טעג פון נסיון, רעליגיעזע אויפלעבונג. „מלחמה איז אַ וואונדערלעכע זאַך, מ׳דאַרף זי נאָר קאָנען פאַרשטיין!״

„ס׳איז דאָך אָבער געזאָגט געוואָרן: „לא תרצח!״—האָט אַרויסגעזיפצט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש.

„פאַרשטייט זיך, זון מיינער, דאָס זעקסטע געבאָט קאָן דורך קיינעם נישט באַזייטיקט ווערן. נאָר די שריפט איז אַ הייליק בוך. מ׳דאַרף קאָנען דערין לייענען. די דערבאַרעמדיקע קירכע האָט באַפרייט אייך און נאָך אַנדערע שעפּסעלעך פון דער דאָזיקער מי איבער די כחות, און האָט גענומען די גאַנצע טרחה פון פאַרשטיין און אויסטייטשן דעם געטלעכן אמת אויף אירע פרום=העלדישע פּלייצעס״.

„נאָר צי קאָן מען דען אויף פאַרשידענע אופנים אויסטייטשן „לא תרצח?״—האָט זיך אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש נישט געוואָלט אונטערגעבן. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט אָן דער דערפאַרונג מיט דער לאַבאַראַדאַנישער מיסיע און, וויסנדיק צו וואָסערע נישט־איינגענעמע פאָלגן עס ברענגט די ליידנשאַפט צו וועלן אויסטייטשן דערהויבענערע זאַכן, האָב איך אים געצויגן פאַרן אַרבל און ענדלעך אוועקגעצויגן אויף אַ זייט.

מיסטער קול האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ בעסערן דיפּלאָמאַטי. אָפּגעבנדיק פֿלערליי תהלות ותשבחות פאַר דער טעטיקייט פונם הייליקן טראָן און פון קאַרדינאַל גופא, האָט ער אים באַשיידן געפרעגט, וואָס קאָנען מיר טאָן, מיר: איינער אַן אמתער קאַטאָליק, איינער אַ פּראָטעסטאַנט, איינער אַ פּראַוואָסלאַוונער, איינער אַ געצנדינער און איינער אַ ייד (נאָר זייער אַן אָרנטלעכער, אַזוי אַז דאָס פילט זיך כמעט נישט) אויף צוריקצושטעלן אין אייראָפּע דעם פרידן, וואָס ווערט אַזוי באַגערט דורך דער גאַנצער מענטשהייט?"

„איך באַגער אויך שלום", האָט דער קאַרדינאַל געענטפערט, „און כ'בין מתפלל אויף דעם אינדערפרי און בייטאָג און אינאָוונט און אפילו ביינאַכט. נאָר ביז ווען וואָס וואָלט איך אייך געעצהט,— אויב אייערע געשעפטן אינדערהיים גייען שלעכט, וואָס איך דערקען לויט אייער שטאַרקן פאַרלאַנג נאָך שלום,—די דאָזיקע ליבע קליינינקייט, כ'מיין די טייוול־מאַשין, אַוועקצושענקען מיין פריינט, דעם בּיסקופּ פון ווין, וואָס איז באַרימט מיט זיין, איבעריקנס גאָר אומשולדיקער, ליידנשאַפט צו קאָלעקציאָנירן נאָך אומבאַקאַנטע מאָדעלן פון אַזעלכע נאַרישקייטן. פאַרשטייט זיך, די דאָזיקע מתנה וועט אייך געבן אַ מעגלעכקייט נישט שלעכט זיך איינצואָרדנען און רואיק מתפלל צו זיין וועגן צוריקשטעלן דעם אַלגעמיינעם פרידן!"

נאָר מיסטער קול איז, ווי דאָס איז צו זען פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, געווען אַ מענטש פון אידעען, און דערפאַר האָט ער איידל, אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעלענט דעם פאַרפירערישן פאָרשלאַג. דאַן האָט אונז דער קאַרדינאַל פאָרגעלייגט צו ווערן קאָמיוואָיאַזשערן פונם הייליקן טראָן און צושטעלן פאַר די פאַרבינדעטע לענדער פאַרשידענע ניצלעכע אויסאַרבעטונגען. הגם דאָס האָט דעם שלום נישט דערנענטערט, נאָר אַזוי ווי מיסטער קול האָט דאָס געשעפט ליב געהאַט נאָך פון קינדווייז, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט, און דער קאַרדינאַל האָט אונז מיט אַ ברכה אָפּגעשיקט צו עפּעס אַ מאָנאַך—דאָמיניקאַנער, דזשוזעפּאָס אַ ברודער, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיטן עקספּאָרט פון די דערמאָנטע אויסאַרבעטונגען.

דורכגייענדיק אַ רייע צימערן און קאָרידאָרן, זענען מיר אַריינגעקומען אין אַ גרויסן זאַל, וואָס האָט דערמאָנט אַן אוניווערסאַל־מאַגאַזין, אויסער ביכער, בראָשורן, גראַווירערייען און פּאָסטקאַרטן, האָבן מיר דערזען נאָך אַ סך אַנדערע אינטערעסאַנטע זאַכן. אין איין ווינקל זענען געהאַנגען פֿאַרשידענע צלמלעך, בילדלעך, מעדאַלן, וואָס דאַרפֿן באַשיצן די סאָלדאַטן פֿון טויט אָדער פֿאַרוואונדונג. ווען דעם האָבן עדות־געזאָגט פֿיל דאַנק־בריוו פו די, וואָס האָבן אויסגעפּרוווט אויף זיך די רעטונגס־אייגנשאַפֿטן פֿון די דאָזיקע זאַכן און וועלכע זענען געווען צונויפֿגענומען אין אַ היפּשער בראָשור. אין אַ צווייטן זאַל האָט זיך געפֿונען אַלץ, וואָס איז נייטיק פֿאַר קריגס־גלחים: אויסגעבויטע לויטן לעצטן וואָרט פֿון דער טעכניק באַוועגלעכע קירכעלעך, בימעס צום איבערטראָגן און אַפֿילו באַלערנדע צייכנונגען ווי אַזוי אָפּצוריכטן פֿאַרשידענע צערעמאָניעס, ווי אַ שטייגער: באַשפּריצן מיט הייליק וואַסער די האַרמאַטן, בענטשן די לופֿט־פֿליער, וואָס פֿאָרן וואַרפֿן באָמבעס אדגל. אין דריטן האָבן זיך געפֿונען ex-voto, דאָס הייסט פֿאַרשידענע מתּנות, פֿאַר דער הייליקער מרים און אויך פֿאַר אַנדערע גאָר באַזונדערס טייער־געהאַלטענע הייליקע נאָך אַ געלונגענער אַטאַקע. פֿאַר די לעבנגעבליבענע זעלנער — קליינע סאָלדאַטעלעך אין מונדירן צום שפּילן זיך, פֿאַר פֿאַרוואונדעטע, נאָר געזונט־געוואָרענע — וואַקסענע הענט און פֿיס אויף אַ פּעדימל, פֿאַר די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון מינעס — וואונדערלעכע רעליעפֿע מאַפּעס פֿון אייראָפּע מיט פֿאַרשידענע פֿאָרויס־צוגעגרייטע גרענעצן, צוגעפּאַסט צו אַלע מעגלעכקייטן.

מיט ניגיריקייט האָבן מיר אָנגעקוקט די אַלע זאַכן, וואָס לייקענען בולט אָפּ די ביזוויליקע רכילות פֿון אַפּיקורסים, אַז די קירכע איז פֿאַרשטיינערט געוואָרן און ווייזט נישט אַרויס מער קיין סמנים פֿון לעבן. מיר האָבן אַפֿילו נישט באַמערקט, ווי אין זאַל איז אַריינגעגאַנגען דער, אויף וועמען מיר האָבן געוואַרט, פּראַדזשוזעפּאַ, און מיר האָבן אַ ציטער געטאָן פֿון דעם שרעקלעכן אויסגעשריי: „סיניאָר! טייערער סיניאָר!” מיר האָבן זיך אומגעקוקט דערשראָקענע, און די אַלטע וואַטיקאַן־ווענט האָבן ווידער דערזען

פֿאַר זיך סצענעס פֿון צאַרטע, אומצווײדײטיקע, ברודערלעכע אומאַרמונגען, וואָס האַרמאָנירן אַזוי מיט זײ. פּראַ־דזשוזעפּאָ איז געווען נישט קײן אַנדערער, ווי אונזער פֿרײלעכער ערקאָלע. ער האָט געטראָגן אַ הײליקן מאַנטל, אונטערגעבונדן מיט אַ שטריק, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ציפּריסן־צווײגל און פֿון קאָפּ האָט אים אַראָפּגעלויכטן אַ מוסטערהאַפֿטע טאָנזורע.

„פֿרײנט מײנער, האָסט געוואָרפֿן אַן אומחן אויפֿן זינדיקן לעבן און געגאַנגען ראַטעווען דײן נשמה?“, האָט אים פֿרײנטלעך געפֿרעגט מיסטער קול.

„וואָס הײסט, ווי דען?“ און נישט אַכטנדיק אויף דער אַלטערטימלעכקײט און הײליקײט פֿון די מאַרמאָרנע פֿליטעס, האָט ערקאָלע, דערמאָנענדיק זיך די וויאַ פֿאַסקודיני, מיט פֿאַראַכטונג אַ שפּײ געטאָן. „פֿאַרפֿאַלן, ווערסט גאָרנישט מאַכן — מלחמה!“ און אַזוי ווי מיר האָבן גענוי געוואוסט, אַז קײן מאָביליזאַציע אויף אָנצופֿילן די קלויסטערס איז נאָך אין ערגעץ נישט דערקלערט געוואָרן, האָבן מיר נישט געקאָנט באַגרײפֿן די שײכות צווישן אַ מלחמה מיט עסטרײך און דער אומדערוואַרטעטער הלבשה פֿון אונזער פֿרי נט. נאָר פֿאַר אים איז די דאָזיקע שײכות געווען קענטיק אַ רעאַליטעט, וואָרים ער האָט זיך אַפֿילו נישט געפּרוווט זי אונז דערקלערן. אָנשטאָט דעם האָט ער גענומען ענערגיש בעטן דעם לערער, ער זאָל אים צוריקנעמען אַלס אַ ציצעראָנע און אים אַוועקפֿירן אין וואַסער ס׳איז לאַנד אַרײן, ווײל פֿון דער הײליקײט, וואָס רינגלט אים אַרום, איז ער געוואָרן טרויעריק, שלעכט און אויסגעטריקנט, אָט אַזוי ווי די „ענגלישע אײזלען“, וועלכע פֿאָרן שוין נישט, לײדער, מער קײן רוים.

דער לערער האָט אים קאַטעגאָריש געבעטן קודם כּל צו באַפֿרידיקן אונזער געזעצלעכע נײַגיריקײט און ערקלערן אַלצדינק, ד. ה. דער עיקר די טאָנזורע. ערקאָלע האָט געמאַכט מיטן פֿינגער אַ געהײמע באַוועגונג, האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די זײטן, צי ס׳שטײט נישט עמיצער, דערנאָך האָט ער אונז אַרײנגעפֿירט אין אַ שכנותדיק, אומגעווײנלעך שמוציק צימערל. מיר האָבן זיך אַבידערגעזעצט אויפֿן בעט, וואָס האָט געהאַט די פֿאַרב און פֿאָרם פֿונם

ברוק אויף חיא פאַסקודיני, וואָס איז אַזוי טייער צו באַמבוטשיס האַרצן, און גענומען טרינקען דעם וויין, וואָס ערקאָלע האָט געברענגט, מיטן שמייכלהאַפטן נאָמען „לאַקרימע קריסטי". בעת מיר האָבן געטרונקען האָט ערקאָלע דערציילט, דאָס הייסט הויפּטזעכלעך געשריגן, געשאָלטן און געשוואוירן זיך, אַז ער זאָגט נישט קיין ליגן. תחילת, ווי נאָר ער איז געקומען, איז געווען זייער פריילעך. אַלע האָבן געוואָלט מלחמה, געגאַנגען איבער די גאַסן מיט פענער, געזונגען, געשריגן „עוויוואַ!" מ'האָט אַפילו צעהאַקט אַ געוועלב פון אַן אומווירדיקן עסטרייכער, און באַמבוטשי האָט אויך געקריגן צוויי לייכטערס און אַ בראָנזענע יאַשטשערקע. דערנאָך האָט מען דערקלערט קריג און באַמבוטשין גערופן פאַר אַ זעלנער. דאָס איז אויך געווען נישט שלעכט. איין שיינע דאַמע האָט אים דערלאַנגט אַ בוקעט בלומען און צען סאָלדעס. איז ער געגאַנגען פון איין שענק אין דער אַנדערער און געטרונקען וויין. און דערנאָך?.. דערנאָך! ס'אַראַ סקאַנדאַל! מ'האָט אים אָפּגענאַרט, צו אַלדי רוחות! וואָס פאַר אַ מלחמה איז דאָס! ס'איז דאָך אַ שעכטהויז! נישט אַזוי ווייט האָט ער געשאָסן, ווי מ'האָט צו אים געשאָסן! און נאָך ווי אַזוי! ערקאָלע איז נישט אַזאַ נאַר ער זאָל זיצן און וואַרטן ביז מ'וועט אים דערהרגענען! ער האָט געזען פאַרוואונדעטע. יאָ! און דערהרגעטע! מיט די אייגענע אויגן געזען!

פון דערמאַנען זיך אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן איז ערקאָלע שוואַך געוואָרן, שטיל־געשוויגן, אויסגעטרונקען צוויי גלאָז וויין און דעמאָלט ערשט פאָרטגעזעצט זיין טראַגישע עפּאָפּעע. ער האָט באַשלאָסן נישט צו אַנטלויפן, נאָר פשוט אַוועקגיין אַהיים אויף וויאַ פאַסקודיני. מ'האָט אים געכאַפּט, גלייך ווי ער וואָלט עמיצן דערהרגעט, אָפּגעהאַלטן דדיי חדשים אין תפיסה, און דערנאָך צוריקגעשיקט אויפן אייגענעם אָרט. ערקאָלע האָט פאַרשטאַנען: מ'דאַרף צוטראַכטן עפּעס אַ שפּיצל, נאָר ווי אַזוי? ער האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט די חברים. אידיאָטן! אייזל־קעפּ! זיי האָבן אים פאָרגעלייגט דער גוטער יאָר ווייס וואָס — אַ שטייגער, דורכצושיסן זיך די אייגענע האַנט. איר הערט, נישט פון אַ עסטרייכער, נישט פון אַ גענעראַל, נאָר די אייגענע! גלייך ווי ער וואָלט האָבן הונדערט הענט!

אייזל-קעפּ! ניין, ער האָט צוגעטראַכט עפּעס בעסערס. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויפן שפּיץ פון אַ נישט-גרויס בערגל און, ווען ס'איז געפאַלן דער ערשטער שאָס, אַראָפּגעלאָזט זיך אונטן אַנידערגעלייגט זיך און גענומען שרייען מיט אַלע כּחות, ריטשען: „איך שטאַרב! אַ גלח ברענגט!" מ'האָט אים אויפגעהויבן און אַוועק-געטראָגן אין שפּיטאָל אַריין. דער דאָקטאָר: „וואָס איז מיט אייך?" — „ס'האָט מיך פאַרטשעפּעט די קויל און כ'האָב זיך אַראָפּגעקוילערט אין אָפּגרונט אַריין". „וואָסער קויל, קיין שום צייכן איז נישטאָ!" „וואָס נאָך, איר וואָלט געוואָלט ס'זאָלן זיין צייכנס, איך זאָל שטאַרבן? כ'זאָג אייך — אַ קויל, זי האָט מיך פאַרטשעפּעט, אַראָפּ-געקוילערט אונטן אַראָפּ און אַליין אַוועקגעפלויגן ווייטער. מ'האָט מיך אויפגעהויבן און איך קאָן נישט גיין — איך הינק". כ'האָב אפילו געפּרווט הינקען אויף ביידע פיס, נאָר ס'איז גאָרנישט אַרויסגע-קומען. דער דאָקטאָר, — הגם בכלל-גענומען אַ בלוטזויגער, ער האָט פאַרלאַנגט מיין טויט, — איז פונדעסטוועגן געווען נישקשה, ער האָט זיך נישט געטשעפּעט און דערקלערט, אַז כ'בין קאָנפוזירט געוואָרן. באמנות! און מ'האָט מיר געגעבן אורלויב אויף דריי חדשים. נו, איך בין נישט אַזאַ שוטה כ'זאָל נאָכאַמאָל קריכן אין דער דאָזיקער שטייג אַריין.

געקומען קיין רוים, נו, און וואָס! ראשית, די לייַדאַקעס, אומעטום פרעגן זיי דאָקומענטן, קיין איין ענגלישן אייזל-קאָפּ זעט מען נישט און אָן אַ שום קויל קאָן מען אויך ברוך-השם פּגרן פון הונגער. מ'מוז זיך עפּעס איינאָרדנען. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געקאָנט ווערן אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג. דאָס האָט אים געזאָגט איינער אַ השובער הער, ווען ער האָט אין אַ ווייַנקעלער דערציילט וואָס פאַר אַ גוטע זאַך עס איז מלחמה, וואָס פאַר אַ העלד ער איז געווען און ווי אַזוי אַלע דאַרפן גיין אַלס פריייווי-ליקע אויפן פראָנט. וואָרים ערקאַלע איז נישט קיין פאַררעטער, נישט קיין עסטרייכישע זרע, ניין, ער איז אַן ערלעכער פּאַטריאָט איצטער אויך! „עוויוואַ איטאַליאַ!" נאָר צו זיין אַ רעדאַקטאָר — דאַרף מען דאָך קאָנען שרייבן און בכלל קאָנען פאַרשידענע פּאָקוסן. ס'טויג נישט!

דעמאָלט האָט ער זיך לעבן רוים באַגעגנט מיט אַ מאָנאַך, וועלכער האָט זיך געהאַט פֿאַרליבט אין אַ שרעקלעך רייכער סינאָרינע און איצט האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן מיט איר. דאָס עסק איז געמאַכט. פֿון מאָנאַך ווערט — דער זעלבער באַמבוטשי אויף אַ געזעצלעכן אורלויב, פֿון ערקאָלען — פֿראַ-דזשוזעפּאָ, דער וואַנדערנדיקער מאָנאַך פֿון דאָמיניקאַנער-אָרדן. אויסגעצייכנט, נאָר אין דער הייליקער הלבשה דאַרף מען דאָך אויך עסן. האָט ער געפּרוווט זאַמלען נדבות אויף באַפּוצן די קלויסטערס אינעם הייליקן לאַנד. נאָר די גאַטלאָזע, די קמצנים, הלואי זאָלן זיי טייוואָלים פּרעגלען אין פֿאַרשטינקענעם אייל! פֿאַר אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט געקאָנט צונויפֿנעמען אויף אַ ליטער ווייַן! נו, און די פּרייזן!

דעמאָלט האָט ער אויסגעטאָן פֿון זיך דאָס בילדל און פֿאַרקויפֿט עס אַ זעלבער פֿאַר צוויי ליר, אַלס אַ באַשיצונג קעגן קוילן. פֿאַר איין ליר האָט ער געקויפֿט נאָך צוויי בילדלעך און דאָס עסק איז געגאַנגען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים וואָקזאַל און געשריגן: „אויפֿמערקזאַם! טייערע פּאַרטיידיקער פֿון פֿאָטערלאַנד! ווייסט איר דען, וואָס דאָס הייסט אַ קויל? זי ריטשעט, פּייפֿט, דונערט, דערנאָך זויגט זי זיך אַריין אין קערפּער אַריין, צערייסט די אינגעווייד, שלאָגט אַדורך דאָס האַרץ, די לעבער און דעם פּופּעק פֿון מענטשן! נאָר ס'איז פֿאַראַן אַ זיכער מיטל — אַ בילדל, וואָס שטעלט פֿאָר די הייליקע קאַטערינע פֿון סיען! טוט עס אָן אויף דער ברוסט און קיין שום קויל וועט אייך נישט אָנרירן! ווי נאָר זי וועט זיך אָנשלאָגן אָן בילדל, וועט זי פֿליען צוריק צו די פֿאַרשאָלטענע עסטרייכער! גיט אַ קוק, אָט איז אַ בילדל מיט אַ צייכן פֿון אַ קויל, וואָס האָט אים נישט געשאַדט. דריי הונדערט דאַנקבריוו ליגן ביי מיר אין קאַמער! איילט זיך! דאָס זענען די לעצטע בילדלעך, געהייליקט פֿונעם ביסקופּ אַליין! פּשוטע זענען נישט ווערט אַפֿילו קיין איין סאָלדי! גיכער! אַ ליר! איין ליר!" און מ'האָט געקויפֿט.

איינמאָל האָט אויף ערקאָלען געווענדעט זיין ליבנסווירדיקע אויפֿמערקזאַמקייט דער אָנפֿירער פֿון דער סאַן-דזשיאָוואַני-קירכע און אַוועקגעשיקט אים צום ביסקופּ, און דער צום קאַרדינאַל. זייבע

טאַלענטן האָט מען אָפּגעשאַצט און אים איבערגעגעבן צו פאַר־וואַלטן מיטן דאָזיקן געוועלבל אין וואַטיקאַן. און דאָס איז אַלץ. יאָ, ער האָט פאַרגעסן דאָס סאַמע וויכטיקסטע — די טאָנזורע. דאָס איז אָנגעקומען זייער שווער. צו אַ גאָלער אַריינגיין האָט ער מורא געהאַט, האָט ער זיך געקויפט פאַר 10 סאָלדעס אויפן מאַרק אַן אַלטן גאָלמעסער און אַליין געמוזט מאַכן דאָס עסן. אַן עקלדיקע באַשעפטיקונג! און בכלל איז ער נישט צופרידן. ווי נאָר ס'קומט עמיצער צו גיין אין געוועלב אַריין, מוז ער זיך באַברען אין די הייליקע ספרים און עפּעס ברומען אונטער דער נאָז, ווי ער וואָלט אָפּגעזאָגט אַ תּפלה. ליגן קאָן מען נישט, שפּייען קאָן מען אויך נאָר אין אויסערגעוויינלעכע פאַלן. בכלל איז עס נישט קיין לעבן, נאָר אַן אָפּקומעניש. צו אַלדי רוחות! זאָגט מיר, האַר, איר קלייבט זיך נישט איצטער מאַכן עפּעס אַ קליינע רעוואָלוציע? ס'איז פונ־דעסטוועגן אַ פרייליכערע זאַך, איידער האַלטן מלחמה אָדער פּאַטש־קען זיך מיט די דאָזיקע לאַנגווייליקע קיילעכלעך!

„פאַרקערט", האָט אים דער לערער געענטפערט, „מיר זענען ביז צום אויסערסטן פרידלעך געשטימט, אפילו אַהער־צו זענען מיר געקומען זוכן פרידן".

„נו, דאָס איז איינס און דאָס זעלבע", האָט ערקאָלע אויס־געשריגן, „אויב שוין נישט קיין רעוואָלוציע, זאָל כּאָטשבי זיין שלום, און צוריק אויף וויאַ פאַסקודיני! כ'בין מיט אייך!"

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס הייליקע מלבוש און מיר האָבן זיך טיף פאַרוואונדערט, דערזעענדיק מיט די אייגענע אויגן, ווי שטאַרק עס זענען די טראַדיציעס ביים דאָזיקן פאָלק. ער האָט באַהאַלטן אויף זיך די שפּורן פון פאַרשידענע עפּאָכעס, דאָס הייסט די אורשפּרינגלעכע שמאַטעס, וואָס האָבן אים אין גליק־לעכע טעג פאַרטרעטן אַ העמד, די געשטרייפטע אונטער־הויזן, וואָס דער לערער האָט אים געשאָנקען, און די זעלנערישע מאַרינאַרקע.

די וועכטער, וואָס זענען שוין געהאַט איינגעשלאָפן פון לאַנג־ווייליקייט און וואָס האָבן שוין קיין ברעקל הנאה נישט געהאַט פון זייערע אייגענע מונדירן, האָבן מיר פאַרשאַפט אַ פּאָר מינוט פרייד,

בעת כ'בין אַרויסגעגאַנגען פֿון די דורותדיקע וואַטיקאַן־טויערן אָן שלום, דערפֿאַר מיטן צוריק־געפֿונענעם ערקאָלע אין זיין עקלעקטישער הלבשה און מיטן איינגעה'טענעם קויל־גוואַרפֿער, וועלכן איישאַ האָט אַרויסגעקוילערט.

דעם אייגענעם אָוונט זענען מיר אַרויסגעפֿאָרן קיין פּאַריז.

דאס ניינצנטע קאַפּיטל

1713 פאַרשריפטן פון הומאַנישער שחיטה. — מיר זינקען. — די אויסערגעוויינלעכע איינריכטונג פון סאָציאַליסטישן האָטעל „פּאַטריאַ“

די נסיעה קיין רוים און ערקאָלעס פאַטעטישע באַשרייבונג
פון דער מלחמה האָבן אונז נאָך מער באַקרעפטיקט אין אונזערע
שלום־כוונות. באַזונדערס שאַרף האָט זיך אויסגעדריקט דער שלום־
באַגער ביי אַלעקסיי ספּירי׳ ינאָוויטש. נאָכן איבערלייענען צום צענטן
מאָל „פאַרברעכן און שטראָף“ און נאָכן דערמאָנען זיך דעם גע־
גערל, האָט ער פעסט באַשלאָסן אויסצוקויפן די זינד דורך ליידן.
דער ביישפּיל פון ראַסקאָלניקאָוון האָט אים געוויזן דעם וועג, און
איין פרימאָרגן איז אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, אַרויסגייענדיק אויפן
אָפּערע־פּלאַץ, אַנידערגעפאַלן אויפן טראָטואַר לעבן אייבגאַנג צו
דער אונטערערדישער באַן און געריטשעט: „בינדט מיך! משפּט מיך
כ׳האָב דערהרגעט אַ מענטשן!“ דער פּאָליציי־מאַן, וואָס איז גיך
צוגעלאָפן, האָט זיך גענומען אויספרעגן וואו און ווען דער פאַר־
ברעכן איז פאָרגעקומען. נאָר ווען אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט
אים דערקלערט, אַז בעת אַן אויפשטאַנד האָט ער דערהרגעט אַ
נעגער, איז דער פּאָליציי־מאַן, אַנשטאָט אים צו בינדן, געוואָרן
גלייך העפלעך, אויפגעהויבן אים און פריינטלעך געקלאַפּט איבער
דער פּלייצע: „אַ וואוילער יינג און אַ בראַווער סאָלדאַט, נאָר באַלד
פון אינדערפרי דאַרף מען נישט צופיל טרינקען!“ אַזוי שלימזל

דיק האָט זיך אויסגעלאָזט דער פּרוּוו פון אונזער פריינט צו גיין אין די וועגן פון די העלדן פון דער רוסישער ליטעראַטור.

אויף דער קירכע האָבן מיר שוין מער קיין האָפנונגען נישט געלייגט און האָבן באַשלאָסן צו ווענדן זיך קיין האַאַג צום קאָמיטעט פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט פון פריינט און אָנהענגער פון פרידן".

אַריינגעפאַלן אין אַ נייטראַלער מדינה, האָבן מיר גלייך דערפילט אַ שאַרפע אַנדערשקייט. אַלע, פאַרשידנראַסיקע דעזער-טירן איינגעשלאָסן, האָבן גערעדט וועגן שלום מיט גרויס צערטלעכקייט, זייענדיק שטאָלץ דערמיט, וואָס זיי באַטייליקן זיך נישט אין דעם באַרבאַרישן קריג, נאָר אַגב, האָבן זיי זיך שטאַרק געשראָקן, אַז די מלחמה קאָן זיך גיך ענדיקן, וואָרים זיי זענען געווען ליפעראַנטן פון פאַרשידענע אַרטיקלען, אָפטמאָל גאָרנישט קיין פאַציפיסטישע, פאַר די מלחמה-האַלטנדיקע לענדער. מיר האָבן זיי, נישט קוקנדיק אויף אונזער קנאַפּער קענטעניש אין האָלענדיש, לייכט פאַרשטאַנען, וואָרים די אייגענע שלום-לעכצעניש האָט באַ-גייסטערט אויך מיסטער קילן, איידער מיר זענען געפאָרן קיין סענעגאַל.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך אַביסל צוגעוואוינט צו דער נייט-ראַלער פּסיכאָלאָגיע, זענען מיר אַוועק צום פרידנס-פּאַלאַץ. צו אונזער גרעסטער פאַרוואונדערונג האָבן מיר דאָרט געטראָפן זייער אינטעליגענטע מענטשן, וואָס האָבן באַקוקט באַגעגנטן פון פאַרשי-דענע מוסטערן. כ'בין אַזוי-ווייט נתפּעל געוואָרן, אַז כ'האָב שוין געטראַכט, צי מיר זענען נישט אַמאָל, צוליבן נישט קענען די שפּראַך, אַריינגעפאַלן אָנשטאָט אין „פרידנס-פּאַלאַץ" גאָר אין קריגס-מיניסטעריום. נאָר די אינטעליגענטע הערן, וואָס האָבן זיך וווּנ-דערלעך פאַרשטענדיקט אויף אַלע שפּראַכן, האָבן אונז באַרויִקט, דערקלערנדיק, אַז דאָס פאָרשן זיי אויס די באַגעגנטן פון אַלע אַרמעען צי ס'איז נישט פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס ווידער-שפּרעכן די פּינקטלעכע פאָרשריפטן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט גע-וואָרן, אויב כ'האָב קיין טעות נישט, אין 1886 יאָר. דערנאָך זענען מיר געוואויר-געוואָרן אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן: די מלחמה איז כּלל נישט געווען קיין ווילדע רציחה, ווי דאָס האָט זיך אונז

אויסגעוויזן, נאָר עפּעס אַ האַרציקע זאַך, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט 1713 געזעץ-פּאַראַגראַפן וועגן הומאַנע אופנים פון הרגענען מענטשן. „פאַרשטייט מיך דאָך, כ'האָב דערהרגעט אַ מענטשן!" האָט געריפּשעט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש. „מיט וואָס?" „וואָס הייסט — מיט וואָס? אויסגעשאָסן און דערהרגעט!" „מיט וואָס פאַר אַ קויל?" „אַ געוויינלעכע קויל!" „אויב דאָס איז נישט געווען קיין דום-דום-קויל איז אייער טאַט נישט געגן די הומאַניטאַרע געזעצן!"

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס זענען אודאי געוויינלעכע מיט-גלידער פון דער געזעלשאַפט, און זענען אַוועק אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט. אין באַקוועמע פאָטעלן זענען געזעסן זקנים און גענאַגט ציגאַרן. „מיר אַלע האָבן זייער, זייער ליב דעם שלום", האָט אונז געזאָגט גאָר דער עלטסטער, „נאָר וואָס קאָן מען מאַכן, מיר זענען נישט מער ווי זעקס אין קאָמיטעט און נאָך זיבן אין דער געזעל-שאַפט... אַלע זענען מיר בירגער פון נייטראַלע מדינות און נישט אין מיליטער-עלטער. אַנדערע האָבן עפּעס גאָר ליב מלחמה. אַ שלעכטער שלום איז בעסער פון אַ גוטער מלחמה, און אַ גוטע מלחמה איז בעסער פון אַ שלעכטער מלחמה. דערפאַר טוען מיר פונדאַנעט נאָכפאָרשן, אַז איינע די אַנדערע זאָלן אויכהר.ענען ערלעך, ווי ס'דאַרף צו זיין".

פונדעסטוועגן האָבן מיר געפרעגט די אַלטע-לייט, צי זיי וואָלטן אונז נישט געקאָנט געבן עפּעס אַן עצה אונטערצונעמען וואָס עס איז אויף איינצושטילן איראָפּע? „איר קאָנט זיך פאַר-שרייבן אַלסווירקלעכע מיטגלידער פון דער „געזעלשאַפט פון פריינט און אָנהענגער פון שלום", דעמאָלט וועלן מיר האָבן ניינצן מיטגלידער. מיר וועלן אייך איבערגעבן אַן אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אַרבעט. ווי אייך איז באַקאַנט, באַנוצט מען איצט אין דער מלחמה גאַז, וואָס זענען נישט פאָרגעזען נישט אין קיין איי-נעם פון די 1713 פּאַראַגראַפן. נישט אָנערקענען זיי בכלל וואָלט געהייסן אַרויסווייזן צופיל פּעדאַנטעריע און רעאַקציאָנערישקייט. איר וועט זיי דאַרפן אויספאָרשן און קלאַסיפיצירן. דאַן וועט מען אויף דער קינפטיקער קאָנפערענץ, נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה, קאָנע-אַרויסטראָגן אַ באַשלוס, וואָס באַגרענעצט די אָנווענדונג פון ד

גאַזן, וואָס זענען אַמשעדלעכסטן פאַר רעם זיך שטיקנדיקן מענטשן.

מיר האָבן צוגעזאָגט זיך צו פאַרשרייבן פאַר מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, דאַגעגן פון אויספאָרשן די גאַזן האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט, מאָטיווירנדיק דאָס מיט אונזערע שטרעבונגען אַקטיוו צו דערשלאָגן זיך צו אַ שלום. „זעט איר", האָט געזאָגט אַן אַנדער אַלטיטשקער, „איך קאָן אייך אויך פאָרלייגן אַן אַרבעט, נאָר ערלויבט מיר פריער געוואויר־ווערן, וואָס פאַר אַ שלום, אייגנטלעך, פאַרלאַנגט איר?" „וואָס הייסט, וואָסערן?" „זייט מוחל, פשוט שלום ווייס איך נישט, ביי אונז איז פאַראַן איין צייטונג, וואָס זאָגט־פאָר אַן ענגלישן שלום, און אַ צווייטע, וואָס פאַרלאַנגט דורכויס נאָר אַ דייטשן שלום. איר קאָנט זיך אויסקלייבן וועלכע איר ווילט, ווייל ביידע צאָלן גוט און אין אָרטיקער וואַלוטע!" — ווידער נישט אָנגעמבאַר. האָבן מיר זיך אָנגעהויבן געזעגענען. אַלע זקנים, אויסער דעם מוטיקן פאָרזיצנדן, האָבן פאַר דער צייט באַוויזן איינצודרימלען און פון שלאָף אַרויסגעמורמלט: „נידער מיט דער מלחמה! בערטאַ זוטנער. נו, ווי קאָן מען דאָס אַזוי? אַ גוטע נאַכט!"

ביי די טויערן פון פּאַלאַץ איז, זעענדיק אונזערע פאַרצווייפלטע פּנימער, צוגעגאַנגען צו אונז אַ זייער סימפּאַטישער סקאַנדינאַווער און געזאָגט: „זייט נישט טרויעריק! פלייסט זיך, יונגע מענטשן! שרייבט ראָמאַנען געגן קריג, ס'קאָן זיין אין 1930 וועט איר באַקומען דעם נאָבל־פּרייז, אָדער פאַרנעמט זיך דערווייל מיט קאָנטראַבאַנדירן קעז קיין דייטשלאַנד". צווישן דער אַלגעמיינער פאַרהיהשונג האָבן די דאָזיקע נייטראַלע הערצער אָפּגעהיטן די אמתע מענטשן־ליבע!

מיר זענען אַוועקגעפאָרען פון האָלאַנד מיט אַ פלעשעלע וואונדערבאַרן „אַדוואָקאַט", מיט רירנדע ערינערונגען, אָבער אַלץ אָן שלום, און אונזער בענקשאַפט איז געווען אַזוי שאַרף, אַז דער גורל, דאַכט זיך, האָט שוין אַרויסגעוויזן פילאַנטראָפּישע כוונות אונז אויסצולייזן פון איר. ביים איבערפאָרן פון פליסינגען קיין הול איז די נישט־גרויסע שיף „האַניבאַל" דערטרונקען געוואָרען דורך אַן אונטערוואַסער־שיפל, און אין משך פון אַ מעת־לעת האָבן מיר זיך געוויגט אין אַקליין שיפל איבערן אָפענעם ים. אין די דאָזיקע

פייערלעכע שעהן זענען מיר אַלע געווען איבערצייגט, אַז אונזער טויט איז נאָענט, און יעדער האָט עס אויסגעדריקט אויף זיין שטייגער. בלויז דער לערער איז געווען אויסערגעוויינלעך רואיק. ער האָט געזאָרגט וועגן אונז, געשפּאַסט מיט איישאַן און דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אַלס קינד געהאַט בדעה דורכצושווימען אין אַ פּעסל פון ביר דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, נאָר, אוי וויי! אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן אים די כוואַליעס אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג אַרויס. כ'האָב אים געפרעגט—צי פילט ער טאַקע גאָר קיין מורא נישט פאַרן קענטיק אומפאַרמיידלעכן טויט? דער לערער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: „כ'בין געוואוינט! אויך אויף דער ערד פיל איך מיך נישט גאָר זיכער. מיין „אַניבאַל" איז דאָך שוין לאַנג דערטרונקען".

מיסטער קול האָט מיט אַ וואַטערמאַן-פעדער, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צו דער קעשענע, אויף אַן אַרויסגעריסן בלעטל פון טשעק-ביכל געשריבן אַ צוואה. אַלע זיינע קאַפּיטאַלן האָט ער געלאָזן דער „מיסיאָנערן-געזעלשאַפט". דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָן פויפסט און צוגעשריבן: אַרויסגעבן צו איין דאָלאַר אַלע יתומים נאָך די זעלנער, וואָס זענען אומגעקומען פון די פיילן, אויסגעפּאַרטיקט דורך דער פירמע „קול און שותפים". נאָכן אָנשרייבן האָט ער דאָס קוויטל אַריינגעלייגט אין אַ פלאַש פון „אַדוואָקאַט", וואָס איז צופעליק געבליבן גאַנץ ביי איישאַן אין קעשענע, (דעם ליקער, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר פריער אויסגעטרונקען) און געוואָרפן אין וואַסער אַריין. דערנאָך האָט ער אַ שטראַלנדיקער, זייענדיק געטריי די טראַדיציעס פון די אַמעריקאַנער מיליאַרדערן, אָנגעהויבן זינגען, שרעקלעך פעלשנדיק, דאָס קאַפּיטל תהלים „נענטער צו דיר, גאָט!"... איישאַ, וואָס האָט זיך תחילת דערשראָקן, האָט געוויינט, נאָר דער לערער האָט אים באַרואיקט, אפילו פריילעך געמאַכט, און שפּילנדיק זיך איז ער אומבאַמערקט איינגעשלאָפן אויף כורעניטאָס קני.

ס'איז לייכט זיך אָנצושטויסן, וואָס אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט געטאָן—ער האָט דערציילט זיין לעבנס-געשיכטע, פאַרלאַנגענדיק, אַז אַלע זאָלן אים באַזונדערס-אויפמערקזאַם אויסהערן,

חאָרים דאָס איז נישט קיין דערציילונג, נאָר אַ ווידוי פֿאַרן שטאַר־בן. נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּדערציילט און די אינטערעסאַנטסטע ערטער איבערגעחזרט צוויי מאָל, האָט ער באַגריסט דעם טויט: „אָ טאָכטער, לייכטערע פֿון עטער!" דערנאָך האָט ער, כליפּענדיק, געקוקט אַ פֿאַרצווייפֿלטער אין אומענדלעכן ים אַריין — צי ס'באַווייזט זיך נישט פֿונוואַנט עס איז אַ רעטונגס־שיפֿל.

ערקאָלע האָט געזידלט דעם לערער, אונז אַלעמען, די מאַ־דאָנע, די דייטשן, די ענגלענדער, די מלחמה, דעם שלום און דעם ים, מיט אַלע קללות, וועלכע ער האָט נאָר געקענט. וואָס הייסט? פֿאַרשאָלטן זאָל עס זיין! ער וואָלט זיך איצטער געקאָנט מרוקען זיין „אַווע" אָדער טרינקען „לאַקרימע", און דאָ נאַדיר גאָר — טויט! ס'האָט געלוינט צו פֿאַלן פֿון די ווילדע הויכקייטן! פֿאַררעטער!

מיך האָט דאָס הוידן פֿון שיפֿל אַביסל פֿאַרוויגט און כ'האָב געפּאָכעט מיט די נאָזלעכער. כ'האָב געזען די פֿאַרשידנסטע זע־עניש. כ'בין אַלט אַכט יאָר און שלאָג מיינע שוועסטער מיט אַ לעבעדיקער קאַץ, אַרומדרייענדיק איר ווידל אַרום מיין האַנט. מיט מי אַנטוואָפּנט מען מיך און מ'פֿאַרשליסט מיך אין שאַפֿע. דאָרט ליגן קוילן, כ'טו זיך אויס, קוילער זיך אין שוואַרצן שטויב און ווען ענדלעך עפֿנט מען די טיר, שפּרינג איך אַרויס און שרעק איבער די ניאַניע פֿלאַטאָנאָוונאַ, וואָס פֿאַלט אַנידער אויף די קני פֿאַר מורא און צלמט זיך, כ'לויף אַריין אין עס־שטוב און וואַרף אַראָפּ אויף דר'ערד די ברענענדיקע לאָמפּ. דעם פֿייער האָט מען מסתמא פֿאַרלאָשן. אַ שאָד! כ'בין אַלט פֿופֿצן יאָר. איך בין אַ רעוואָלוציאָנער. אַ מיטינג אויף דער פֿאַרבן־פֿאַבריק „פֿאַרבע" אין זאַמאָסקוואָרעטשיע. פּאָליציי. כ'אַנטלויף. קריך אַריבער איבער אַ פֿאַרקאַן מיט שטעכל־דראָט און לאָז אויף זיי די הויזן. בוך! אַראָפּגעפֿאַלן אין אַ פֿעסל מיט רעשטלעך פֿון פֿאַרב! פּאָליציאַנטן כאַפּן מיך נישט, נאָר ווי פֿלאַטאָנאָוונאַ... „פֿוי, טייוול, שוין איינמאָל אַ טייוול!..."

מיט פֿינף יאָר שפּעטער. געוואָרן אַ גלויביקער. דער שרייבער ושאַם האָט מיך צונויפֿגעפֿירט מיט מאָנאַכן: לורד, קלאָדעל א. אַז. וו.

דער פּאָטער אינאָקענטו. מאָרגן די טויף-צערעמאָניע. דערנאָך
דאָס אָפּשערן. כ׳האָב מיר אויסגעקליבן דעם נאָמען „ברודער הי-
פּאָליט״. נישקשה! די לעצטע אָנווייזונג. און אין מיר איבערווייַ-
ניק האָט עפּעס אַ ספּרענזשינקע, נישט אין מה, נאָר ערגעץ-וואו
אונטערן לעפּעלע, געפּלאַצט. הייליקער פּאָטער! כּי-כּי! ערלויבט,
כ׳וועל שפּילן פאַר אייך אויף דער גיטאַרע! „בלומען, בלימעלעך
איר מייַנע!...״ איר זענט מיר שוין אויף אַן אמת פאַרמיאוסט גע-
וואָרן, איר פּאַסטערס! און וואָס איז מכּה דער טאָכטער, כ׳מיין
ווירגיניאַ, וואָס פאַרזעצט אין גאָרטן ציבעלע, גרינס און אַנדערע
קלוגע זאַכן? ס׳וואָלט נישט שלעכט געווען, נו און דער טאַטע?
דערנאָר בענק אויף דער פּאָדלאָגע אַנידער און כ׳קריך: גאָט, גאָט,
גאָט, דערבאַרעם דיך! נו, נעם-זשע מיך שטעכן מיט דער נאָל, רייַסן
לעבעדיקע שטיקער, אַז כ׳זאָל פּגרן — איך, דער וואָרעם דער אומ-
ווירדיקער! נאָר דער פּאָטער, ווי דעמאָלט די ניאַניע, האָט פאַררימן
פאַר שרעק די קאַפּאָטע און פּישטשעט פון ווינקל אַרויס: „אַרויס!
אוי! ראַטעוועט!״ און איך פלי מיטן צוג קיין פּאַריז. דריטער קלאַס.
ענג. מאַטראָסן. שוין, דאַכט זיך, נאָכן זעקסטן פלעשל. וואָס וויגט
איר זיך, טויגעניכטסן! שטייט אויף אַן אָרט!

די אַלע בילדער זענען מיר פאַרבייגעשוואומען פאַר די
אויגן. כ׳האָב געזוכט אַ זיבען, אַן אָנשפּאַר פּונקט, נאָר כ׳האָב נישט
געפונען. דערנאָך זענען די בילדער פאַרשוואונדן און ס׳האָבן זיך
אָנגעהויבן בלויז צייט-ווערטער: געזויגן, געפּישטשעט, געשלאָגן, גע-
לערנט, געדאַוונט, געקושט זיך, געשלעפּט זיך, געטרונקען, געזיפּצט,
געשריבן, גענענעצט און נאָך, נאָך! פון דעם האָט נאָך מער גע-
שליידערט. דעמאָלט האָב איך מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנ-
צער זין איז אין דעם וויגן זיך, אין דער צילאָזער באַוועגונג,
אין דרייען זיך, אין טויש. כ׳בין אויפגעשטאַנען, געשריגן „איך
בענטש דאָס לעבן!״ און אָנגעהויבן ברעכן.

איינאָוונט האָט אַן ענגלישע פישער-שיף אונז באַמערקט און
אַרויפגענומען, און מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר שוין געגעסן
מיטאָג אין אַ פּאַריזער רעסטאָראַן. מיר האָבן זיך אויסגערוט נאָכן
איבערגעלעבטן און זיך ווידער גענומען צו די פאַרשידענע אויס-

טייטשונגען פונם וואָרט „פרידן", און נאָך די גלחים און פּאַציפיסטן האָבן מיר באַשלאָסן צו זוכן די מיטווירקונג פון די טונקעלע און פאַרדעכטיקע מענטשן, דאָס הייסט פון די סאָציאַליסטן. צו דעם צוועק זענען מיר אַוועק קיין זשענעוו.

כ'האָב שוין פאַר מיין לעבן געזען נישט ווייניק אַרכיטעקטור-משוגעתן און נישט ווייניק פאַרשידנאַרטיקע אופנים פון באַזעצן מענטשן — וואָלקנקראַצערס, די קעלערן פון ריימס אין די טעג פון מלחמה, דעניש פראָם-סאַלאָנען, פאַריזער פּיסואַרן, טאַטלינס פּראָיעקט פון אַ דענקמאָל פאַרן „דריטן אינטערנאַציאָנאַל", נאָר דאָס איז אַלץ בלאָס געוואָרן לגבי דער אייגנאַרטיקער שאַרפזיניקייט פונם האָטעל „פּאַטריאַ", ספּעציעל אויסגעבויט פאַר סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס. מיר זענען געגאַנגען אַהינצו אין גרויסער אויפרעגונג. מיסטער קול, דער איניציאַטאָר פון דער גאַנצער רייזע, האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין שרעק. ער האָט אָנגעטאָן די פּשוטסטע מלבושים, און אונטער דער אַרבעטס-בלוזע האָט ער אָנגעטאָן אַ מעטאַלענעם פּאַנצער געגן קוילן. „ווי עס זאָל נישט זיין, זענען דאָך דאָס פונדעסטוועגן פאַרברעכער!" האָט ער זיך פאַרענטפערט. אַ חוץ דעם האָט איישאַ, אויף זיין באַפעל, געדאַרפט טראָגן אַ גרויטע רויטע פאָן. אַזוי זענען מיר אַריינגעקומען אין גרויסן הויף פון „פּאַטריאַ" (ס'זענען געווען צוויי פראָנט-איינגאַנגען, נאָר דורך זיי האָט מען אונז נישט אַריינגעלאָזט, פאַרלאַנגענדיק רעקאָמענדאַציע-בריוו פון וועלכע-דאָרט מיניסטאָרן), דערביי האָט מיסטער קול גענומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". נאָר זיין קול איז פאַרלוירן געגאַנגען צווישן צענדליקער אַנדערע, וואָס האָבן פון רעכטס געזונגען „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס" און פון לינקס געענטפערט, „רולע בריטאַניאַ".

שוין בלויז די איינאָרדנונג פון הויף איז געווען משונהדיק. צוויי גרויסע פליגל-געביידעס, איינע באַפוצט מיט פענער פון די פאַרבינדעטע מלוכות, די אַנדערע מיט דייטשע. צווישן זיי זענען געווען גריבער, גראָבנס און דראָט-פאַרצוימונגען, מער קאָמפּליצירטע ווי די, וואָס כ'האָב געזען אויפן פראָנט. אין מיטן האָט זיך אויפגעהויבן אַן אָפענער פּאַוויליאָן, וווּ ס'איז געזעסן עפּעס אַן

אוראַלטער דעמאָקראַט, באַלייגט מיט פּראָטעסטן און רעזאָלוציעס. זעענדיק אונזער הילפֿלאָזן מצב, האָט ער אונז פֿרײַנטלעך צוגערופֿן צו זיך. „זאָגט מיר, אַ סך זענען זיי דאָ פֿאַראַן, די פֿאַרברעכער, דאָס הייסט, זייט מוחל, די רעוואָלוציאָנערן?“ האָט זיך קודם כּל פֿאַרינטערעסירט מיסטער קול. „אין איצטיקן מאָמענט געפֿינען זיך אין „פּאַטריאַ“ פֿיר מיניסטאָרן, עלף וויצע־מיניסטאָרן, ניין פֿאַרוואַלטער פֿון די אָפּטיילן פֿאַר מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע...“ מיסטער קול האָט אים איבערגעריסן און מיט שרעק אַ געשריי געטאָן צו איישאַן: „צערייס די פֿאָן, וואָס גיכער!“ ווייטער האָט אונז דער אַלטיטשקער דערקלערט די שאַרפֿזיניקע אײַנאָרדנונג פֿון „פּאַטריאַ“. אין די צוויי פֿליגל־געבײַדעס געפֿינען זיך די דעלעגאַציעס פֿון די צוויי קאָאַליציעס; כּדי זיך נישט צו קאָמפּראָמיטירן, איז נישט נאָר וואָס זיי באַגעגענען זיך נישט, נאָר זיי שרייבן זיך אַפֿילו נישט איבער צווישן זיך, וואָרים אַלע זענען זיי זייער גוטע און ערלעכע פּאַטריאָטן. נאָר אַזוי ווי אויסער דעם זענען זיי אויך סאָציאַליסטן און מיטגלידער פֿון אינטערנאַציאָנאַל, שטרעבן זיי טאַקע צו פֿאַרזיכערן אויף נאָך דער מלחמה די באַנײַאונג פֿון קעגנזײַטיקע חבֿרישע באַציאונגען. צו דעם צוועק ווערן אין די פֿענסטער פֿון די געבײַדעס אַרויסגעהאָנגען פּלאַקאַטן מיט רעזאָלוציעס, פּראָטעסטן און הכחשות. בעגן דעם קאָן קיינער גאָרנישט האָבן, וואָרים בײַ זיך אין דירה קאָן דאָך יעדער טאָן, וואָס ער וויל. דאַגעגן אין פּאַווילאָן געפֿינען זיך די חבֿרים־פֿאָרשטייער פֿון די נייטראַלע מלוכות, וואָס שמועסן זיך אַפֿילו אַדורך מיט די זיך פֿײַנט־האָבנדיקע פֿענסטער.

דאָס אַלץ איז געווען אַפֿילו אַביסל קאָמפּליצירט, נאָר באמת געניאַל. מיר האָבן באַשלאָסן צוצוטרעטן צום עסק און מיסטער קול האָט אַ געשריי געטאָן: „פֿאַרברעכער, ס'הייסט מיניסטאָרן, כ'מיין חבֿרים, צי זענט איר געגנער פֿון מלחמה?“ גלײַך האָבן זיך באַוויזן צוויי פּלאַקאַטן. אויף איינעם איז געשטאַנען: „יאָ, און מיר קעמפֿן געגן אימפּעריאַליזם פֿון די פֿאַרבינדעטע און זייערע שותּפֿים, די פֿאַלשע סאָציאַליסטן, די איניציאַטאָרן פֿונם פֿאַרברעכערישן קריג!“ און אויפֿן אַנדערן: „פֿאַרשטייט זיך! נידער מיטן דײַטשן אימפּעריאַליזם און מיט זײַנע משרתים די פּסעודאָ־סאָציאַ־

ליסטן, די שולדיקע אין דער אומפאַרשעמטער שחיטה!" די דאָזיקע זייער ענלעכע איינער אויפן אַנדערן ענטפערס האָבן דערוועקט אין מיר דעם חשד — צי פאַרשטענדיקן זיך נישט אַמאָל די שונאים צווישן זיך מיט דער הילף פון אונטערערדישע הײַלן? נאָר דער בײַטראַלער דעמאָקראַט האָט מיך באַרואיקט, דערקלערנדיק דאָס מיט דער גײַסטיקער קרובהשאַפט און געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט פון די סאָציאַליסטן.

דעמאָלט האָט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש געפרעגט: „צי האָט איר בדעה צו פּראָטעסטירן געגן דער מלחמה?" די פלאַקאַטן האָבן געענטפערט, אַז זיי וועלן אָנפרעגן וועגן דעם די אַנטשפרעכנדע רעגירונגען, און אין אַ שעה אַרום האָבן מיר איבערגעלייענט: „אַ חרפה פאַר די אונטערצינדער פונם דער קירכע אין ריימס! מיר פּראָטעסטירן פאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט געגן די דײַטשע אופנים פון פירן קריג!" „די אכזריות פון די קאָזאַקן און נעגערס שרײַען צום הימל! נידער מיט די פאַרבינדעטע — די אומברענגערס פון דער קולטור!" — „וואָס זאָלן מיר טאָן אויף צו דערנענטערן דעם שלום?" — האָבן מיר געפרעגט. „שטעלט איין אַ רעפּובליק אין רוסלאַנד, איטאַליען, פראַנקרײַך, אירלאַנד!" האָבן געענטפערט די דײַטשן. „שטעלט איין אַ רעפּובליק אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, טערקיי. איבערצײַגט די בײַטראַלע סאָציאַליסטן, אַז זיי דאַרפן זיך פאַרייניקן מיט אונז", האָבן געעצהט די פאַרבינדעטע.

נאָר ערקאָלע האָט זיך נישט אײַנגעהאַלטן: „אויסוואורפן! מיר זענען פאַר שלום!" און האָט אַרויסגעלאָזט אַ פעטאַרדע צוליב עפעקט. ס'האָבן זיך דערהערט דערשראָקענע אויסרופן: „דאָס איז אַ באָמבע!" און תיכף האָבן זיך באַוויזן צוויי רירנד-ענלעכע פלאַקאַטן. „פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען סאָציאַליסטן! פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטן אַ זאַל אין אַ גוטן האָטעל, וואו מיר וועלן זיך אַלע צונויפנעמען נאָך דער מלחמה. באַפּוצט די ווענט מיט רויטע פענער. געדענקט, וואַרפט נישט אין אונז קיין באָמבעס! זאָל לעבן דער אינטער!... איר האָט פאַרשטאַנען?" אינגיכן זענען געקומען פּאָליציי-לײַט און אונז געבעטן נישט צו באַאומרואיקן די בכבודיקע רעוואָלוציאָנערן.

מיר האָבן געלאָזן אויפן הויף די שטיקער שמאַטעס פון דער פאָן און, נישט האָבנדיק דערגרייכט דעם שלום, זענען מיר פאַר צרות אַוועק אין אַ שענק אַריין. „וואונדערבאַר אנגענעמע מענטשן זענען זיי, די סאָציאַליסטן, און ווי דערצויגן!" האָט אויסגערופן מיסטער קול און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּאַנצער, וואָס האָט אים געשטערט פאַנאַנדערצולייגן זיך ווי ס׳געהער צו זיין אין פאָטעל.

„אַלזאָ די אומהיילבאַרקייט האָט איר אַלע אָנערקענט, וואַלעריאַן־טראָפּנס נוצן שוין מער קיינעם נישט", האָט געזאָגט דער לערער, „מיר קאָנען זיך אומקערן אַהיים און פאַרנעמען זיך מיט אונזער גוטער און ערלעכער באַלעבאַטישקייט".

דאָס צוואַנציקסטע קאַפּיטל

מסיע דעלע באַקומט אַן אָרדן.—דער לערער וועגן דער מלחמה.—מיר ווערן געכאַפּט דורך די דייטשן

נאָך אין פּאַריז האָבן געוואַרט אויף אונז פאַרשידענע אומ-אָנגענעמלעכקייטן. קודם כל האָט די באַלעבאָסטע פון האָטעל—וועלכע האָט אונז פריער אויסגעפרעגט, צי מיר זענען נישט אַמאָל קיין דייטשן—דערציילט, אַז מיט אונז אינטערעסירט זיך געוואַלדיק אַ געוויסער מסיע, וואָס פרעגט זיך אויס גענוי: וואוהין מיר פאָרן אַזוי אָפט, וואָס מיר עסן אויף פרישטיק און וואָס פאַר אַן אַרט דענקען מיר האָבן. הגם אונזערע נסיעות האָבן געטראָגן אַן אויס-שליסלעך אידיליש כאַראַקטער, איז אונז פונדעסטוועגן נישט איבעריק געפעלן געוואָרן דעם מסיע'ס נייגיריקייט, הויפּטזעכלעך ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז „זייער אַ בכבודיקער" און טראָגט אַ שלייפל אין קלאַפּע. איבעריקנס, די אַלע איבערלע-בונגען האָבן זיך געצויגן נישט לאַנג, וואָרים אויף צומאָרגנס באַך אונזער קומען זענען מיר איידל איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען ערגעץ-וואו צוגיין. דאָרט האָט מען אונז אָפּגעוואַרט מיט אַלע ליבנסווירדיקייטן, אויך מיט אַ דע"האַלטענער מסירה. אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר איז געווען אויפגעשריבן, כמעט אָנגעריסעוועט: „אַ גענויער ראַפּאָרט וועגן די לעצטע אונטערנעמונגען פון די פינף דייטשע שפּיאָנען, לויט די מיטטיילונגען פון אַ מיטאַרבעטער פון דער „ליגע אויסצופאָרשן די מעשים פון די פאַרדעכטיקע". אַלץ

איז געווען באַמערקט און אונטערגעשטראָכן גאַנץ מאָלעריש: די דערמאָנטע שפּיאָנען פאַרנעמען זיך מיט איבערטראַנספּאָרטירן קוילנוואַרפערס קיין דייטשלאַנד דורך האָלאַנד. זיי האָבן פאַרקערט מיטן פויפּסט מכּה אַ פאָרשלאַג וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום. האָבן דערטרונקען אַ שיף, אויף וועלכער זיי אַליין זענען געפאָרן, נאָר זיי זענען געבליבן, פאַרשטייט זיך, גאַנץ, אונטערגעקויפט דורך דייטשע סאָציאַליסטן, ווילהעלמס לאָקייען, האָבן זיי געוואָרפן אַ באָמבע אויף די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן און שטאַרק איבערגעשראָקן איינעם פון זיי, דעם וויצע-מיניסטער פאַר קריגס-פאַרזאָרגונג. נאָכן אויסרעכענען די הויפּט-חטאים האָט עמיצער פריינטלעך דערקלערט, אַז אַזאַ אַרט לעבן ענדיקט זיך געוויינלעך מיט דערשיסונג. ווייטער איז שוין אַלץ געגאַנגען ווי געווינלעך. ערקאָלע האָט געריטשעט, מיסטער קול האָט געזונגען קאַפּיטלעך תהלים און אַזוי ווייטער. „אָט גייט דער פאָרזיצער פון דער ליגע", האָט עמיצער באַמערקט, ער וועט געבן די לעצטע ידיעות וועגן אייער אויספירונג, און דערנאָך — אַ געריכט און נאָך עטלעכע אַנדערע פאָרמאַליטעטן, נאָר כ'פאַרזיכער אייך, אַז אַלץ וועט זיין פאַרענדיקט אין פאַרלויף פון 24 שעה!" אַזוי הייסט עס, סך-הכּל געבליבן אַ מעת-לעת: ריטשע, ערקאָלע, זינגט, מיסטער קול! אָט גייט ער, דער שרעקלעכער עזריאל, דער אומבאַגרייפלעכער אָנזאָגער פון טויט. נאָר פאַרוואָס איז דער לערער אַזוי זאָרגלאָז, פאַרוואָס שמייכלט ער, שאָקלט מיטן קאָפּ און אָנשטאָט „אַווע צעזאַר", שרייט ער „באָנזשור מעסיע!" כ'פאַרשטיי גאָרנישט. כ'האָב מורא זיך אומצוקוקן, כ'קוק זיך אום... „מסיע דעלע, פריינט, טייערער! איר לעבט! און זיזי? באַשערט אונז נאָך צו זען זיך מיט אייך פאַרן טויט!..." „שטותים! אָט דער אויסוואורף, דער „באָש"*) איז דאָך נישטאָ מיט אייך? נו, פאַרשטייט זיך! דאָס האָבן זיך מיינע מיטאַרבעטער געמיט, נאָר איר דאַרפט זיך נישט באַאומרויִקן. הער קאָמענדאַנט, דאָס איז אַ קלאָרע מיספאַרשטענדעניש. דאָס זענען מיינע שותּפים אין האַנדלס-אינטערעסן. יאָ, יאָ, איך

*) פראַנצויזישער זידלוואָרט אויף אַ דייטש.

בין ערוב! איר זענט פריי, מײַנע פריינט, איצט אין „שאַטלע"— שוין צייט צו נעמען אַן אַפּערעטיוו!" אַזוי נעבעכדיק האָט זיך אויסגעלאָזט נאָך איין פּרוּוו פון גורל צו פאַרבייטן דעם אַלגעמיינעם פרידן, וועלכן מיר האָבן באַגערט, אויפן פרידן פון אונזערע פּינף נשמות.

ווער עס קען די פרייד פון באַגעגענען זיך נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג, דעם כּישוף פון נישט־געביטענע געוואוינהייטן, דאָס זיסקייט פון קליינלעכע ערינערונגען, און דעם תּענוג פון שוין פאַרגעסענער צונויפגעלעבטקייט, דער וועט לייכט פאַרשטיין אונזער צושטאַנד ביי אַ גלעזל „כּערעס". דער טייערער מסיע דעלע, ער איז נאָך אַלץ געווען דער אייגענער, פילן אין קעשענע, קלאָרקייט פון בליק און לייכטקייט פון שׂכל, וואָס אַן אמת, אָנשטאָט זיזין, וואָס האָט אים פאַרראַטן מיט פיר (ווען כאָטש נאָר מיט איינעם!) אַראַבער, האָט אין אַ קליין הייזל געוואוינט לוסי; וואָס אַן אמת, אין גאָרטן האָט נישט געבליט מער דאָס שמעקעדיקע אַרבעסל, וואָס איז אין נאָמען פון ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד פאַרטוישט געוואָרן אויף פּשוטן אַרבעס, נאָר דאָס זענען אַלץ געווען בלויז אומבאַדייטנדע קלייניקייטן. דערפאַר האָבן אויף מסיע דעלעס רויזיקע באַקן געברענט צייטנווייז די אָפּגלאַנצן פון די וועלט־שׂרפות, און זיין „טעמפּעראַמענט", דער ליבער, שטורמישער, וואָס שטויסט אַרויס דעם קאָרעק פון פלעשל, האָט זיך אינגאַנצן געווענדעט אויף דער הייליקער זאַך פון פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד און די ציוויליזאַציע.

ס'אַראַ וואונדערלעכע „ליגע" דאָס איז! ערשט נעכטן איך באַמערקט געוואָרן, אַז אַ געוויסער קריל שפּאַצירט אַרום — ווען וואָלט איר געמיינט? — פון 12 ביז 2 ביינאַכט, עסט באַגינען, פאַרנעמט זיך מיט גאָר נישט, טראָגט אַ באָרד, און גאָלט זיך די וואָנסעס. און וואָס מיינט איר — מ'געפינט ביי אים אַ דייטש־פראַנצויזישן ווערטער־בוך, אַ מעשן זעלנעריש קנעפּל און, ענדליך, (ס'אַראַ חוצפּה!) אָפן אויפן טיש אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס פון פאַרשידענע פעסטונגס־אַרבעטן, דערביי פאַרזיכערט ער, דער אויסוואורף, אַז דאָס

זענען פאָטאָגראַפיעס פון די בילדער פון עפּעס אײנעם פּיקאַסאָ, אויך, מסתמא, אַ שפּיאָן... אַ קלאָרע זאַך!...

אויסער דער „ליגע", איז נאָך דאָ אַ באַקטעריאָלאָגישע לאָבאָראַטאָריע. וואָס איז אַ פּאַס? — אַ פּאַפּירל! מסיע דעלע האָט לעבן באַסטיל אויפן גאַס קלאָר געהערט אַ געשפּרעך אויף דײַטש: זאָל מען אים נישט פּרוּוון איבערצײַגן, אַז דאָס איז ייִדישע לשון — ער איז נישט קיין שוטה. און פאַרוואָס איז אויף דעם שילד אויפגעשריבן דער צונאָמען זילבערשטײַן? נישט קיין דײַטשער? — פאַרשטײט זיך, ער איז אַ מענטש אָן פאָרורטײלן און אין די אַלע קלעריקאַלע לעגענדעס גלויבט ער נישט. קיין שום קריסטוס איז נישט געווען, דאָס איז שוין הונדערט מאָל דערוויזן געוואָרן, אַזוי אַז די ייִדן האָבן קריסטוסן באַין אופן נישט געקאָנט פאַרקויפן. אָבער פראַנקרײַך עקזיסטירט דאָך, מסיע דעלע איז אַ פאַקט, זי דערפאַר קאָן מען שוין יאָ פאַרקויפן. לאָזט איבער אײַער פּאַס! אַ קלײנעם שטאָך אין קלענסטן פינגער, אַ טראָפּן בלוט און אונטערן מיקראָסקאָפּ! דאָרט זעט מען גלײַך, וואָסער בלוט דאָס איז — ערלעך אָדער פּרייסיש! זײַנע געלערנטע האָבן געפונען אַ מיטל. ער וועט אַלע דעמאַסקירן. די טעג האָט זיך אונטערגערוקט עפּעס אַ גענעראַל, נו, איז וואָס?... דער אַנאַליז האָט באַוויזן 0,6 דײַטשע מיקראָבן! ס'וואָלט גוט געווען בײַנאַכט זיך אַרײַנגנבענען אין שלאָפצימער פון מיניסטער מאַלווי און אַ שטאָך טאָן אים שטילערהייט — זיכער אַ דײַטש!...

מסיע דעלעס דריטע באַשעפטיקונג איז דער „נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד צו קעמפן מיט די, וואָס באַהאַלטן זיך אויס פון מיליטער-דינסט". אַ באַפרײַאונגס-בילעט? — מאַכט זיך נישט נאַריש! געבראָכט? — זײַט מוחל ווײַזן! אין קריג פאַרלוירן אַן אויג? — מאַכט אַרײַן אַ קינסטלעכן! — מסיע דעלע לאָזט נישט אַראָפּ פון אויג אַלע פאַרדעכטיקע פרויען, וואָס שערן זיך די האָר, אָדער רעדן מיט אַ באַס-קול. אַ קלײדל איז אויך נישט קיין גאַראַנטיע. מ'דאַרף קלאָר מאַכן דעם תּוך...

אין אַ פרײַע מינוט רוט ער נישט, מסיע דעלע, נײן, ער זעצט פאָר זײַן אַרבעט און שרײַבט אַרטיקלען: „נידער מיט די

רכילותניקעס! מיר האָבן פאַרכאַפּט דאָס ביידל פונם איבערפירער אויפן טייך איזער! די פּאָרטוגעזן זענען מיט אונז! סיריען איז אויך נישט צו פאַרזינדיקן!" ער שרייבט אין צען צייטונגען: „דער מאָרגנשטערן פון פּאַנטואַז", „דער פויקן-פויקער פון קלערמאָנט-פעראַן", „רענעסאַנס פון באַיאָנאַ" און אין אַנדערע. ער גלויבט אין אונז. מיר ווילן שלום? ס׳וועט זיין שלום, תיכף, אין אַ יאָר אַרום, אין אַ חודש, קאָן זיין אפילו אין אַ וואָך אַרום, מ׳דאַרף נאָר צעממיתן די דאָזיקע פאַרברעכער און דורכפאָרן זיך קיין בערלין. מיר דאַרפן מיטהעלפן דערצו. צו דעם איז דאָס בעסטע, מיר זאָלן ווערן זשורנאַליסטן. דאָס איז אַ הייליקע זאַך. די פעדער—דאָס איז אַ געווער! און דערנאָך וועלן מיר זיגן, ווידער וועט אַלץ ווערן אין אָרדנונג, אַ גערטנדל, לוסי. אָ, ווי וואונדערלעך ער איז, דער פראַנצויזישער הימל! נאָך צו איין גלאָז—און אַלע צו דער אַרבעט!

מסיע דעלעס פאָרשלאַג האָט זיך אונז אויסגעוויזן זייער לאָקנדיק. מיסטער קולס באַלעבאַטישקייט, ווי כ׳האָב שוין פריער געזאָגט, האָט זיך געפונען אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד. דער לערער האָט געגלויבט אין דער גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער און דערפאַר צעשטערנדיקער קראַפט פון די צייטונגס-בלעטלעך. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, וואָס האָט זיך שוין לאַנג נישט באַפרידיקט נישט מיט אונז און נישט מיט די צופעליקע וואַגאָן-באַגעגענישן, האָט געגלויבט ווי נישט איז ברייטער אויסצוגיסן זיין נשמה. איך האָב אויך פון מיין פּראָפעסיאָנעלער געוואוינהייט גיכער געוואָלט מאַכן שורות, איידער שטופן וועגעלעך אָדער אָפּרייסן די באַרימטע בילעטלעך. מיט איין וואָרט, מיר האָבן זיך נישט געקרומט און גלייך מסכּים געווען.

אַמעריקע האָבן פאַרטיילט צווישן זיך דער לערער און מיס-טער קול. דער ערשטער האָט באַדינט די צייטונגען פון די צוויי און צוואַנציק דרום- און צענטראַל-אַמעריקאַנישע רעפּובליקן, דער צווייטער—דעם פּרעסע-פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס נעמט אַרום 817 פאַרשידענע אָרגאַנען. איישאַ איז באַפרייט גע-וואָרן פון יעטוועדע פליכטן, צוליב דעם, וואָס אין סענעגאַל עק-זיסטירט נישט קיין פעריאָדישע פּרעסע. וואָס ס׳איז שייך ערקאָ-

פֿן, איז די זאַך געווען קאָמפּליצירטער. צום באַדויערן, איז ער געווען אַן אַנאַלפֿאַבעט. נאָר מיר האָבן אַלע איינגעפֿונען, אַז ער באַזיצט אַ וואונדערלעכן צייטונגס־סטיל, דעם געהעריקן שוואונג און אַ ריזיקן פּאַטאָס. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז טעלעגראַמען פֿאַרן „דזשאָרנאַלע דעל אַרעצאָ" וועט שרייבן כורעניטאָ לויט ערקאָלעס דיקטאַנט. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך פֿון טעלעגראַמען אָפּגעזאָגט, מחמת ער האָט פֿאַראַכטעט קירצקייט. ווי אַזוי קאָן ער אין הונדערט ווערטער אויסדריקן דאָס גאַנצע מאַטעריש, דאָס זיסקייט פֿון מקריב זיין זיך, די אימה פֿון זינד און דאָס גלויבן אין דער דריטער ממשלה פֿונם הייליקן גייסט? ער האָט ליבערשט געוואָלט שרייבן לענגערע בריוו „אויף דער לעצטער גרענעץ" אין אַ צייטונג, וואָס אַן אמת אַ מיטלאַלטערלעכער, נאָר וואָס האָט נאָך איינגעהאַלטן איר גאַנצע בתולהשקייט, דהיינו: אין „רוסקיאַ וועדאָמאָסטי". דאַקעגן איך, ווי דאָס איז געוויסע לעזער באַקאַנט, בין געוואָרן אַ פֿלייסיקער קאָרעספּאָנדענט פֿון די נישט צופֿיל איבערקלייבערישע „בירזשעוויאַ וועדאָמאָסטי", אָדער אויפֿן המון־לשון — „בירזשאָווקי".

מיר אַלע, צוזאַמען מיט מסיע דעלע און ביי זיין מיטווירקונג, זענען אַרויסגעפֿאָרן אויפֿן פֿראָנט. תּחילת האָבן מיר באַשלאָסן צו שרייבן נאָר וועגן דעם, וואָס מיר זעען באמת: „רעגן. איין זעלנער שטייט אויף דער וואַך, ער איז דורכגעווייקט, זידלט ער אונז: „וואָס שלעפּט איר זיך דאָ אַרום, צו אַלדי רוחות, זשאַבעשע אייניקלעך!" מ'הערט ווי מ'שיסט. צוויי אַנדערע זעלנער שפּילן אין קאָרטן, נישט לאַנג האָט אונז אויף אַ סטאַציע אַ גויע פֿאַרקויפֿט פֿאַר צען פֿראַנק פֿינף פֿאַרשטונקענע אייער און געפֿרעגט צי ס'וועט שוין אײַנגיכן זיין שלום? די שטימונג איז ביי אונז אַ געהויבענע. דער פֿאָרזיצער פֿון דריי און דרייסיק פּאַטריאָטישע געזעלשאַפֿטן, מסיע דעלע, האָט אין אַן אינטערוויו, וועלכן ער איז געווען פֿריינטלעך אונז צו געבן ביי אַן אַפּעריטיוו, געזאָגט, אַז „דייטשלאַנד וועט צעשלאָגן ווערן".—נאָר אַלס ענטפֿער האָבן מיר אַלע באַקומען פֿון די רעדאַקציעס טעלעגראַמעס, אַז מיר זאָלן מער אויף אַזעלכע שמועס קיין געלט נישט פּטרן, מיר זאָלן טאָג־טעגלעך באַשרייבן

די דועלן צווישן הידראָפּלאַנען און טאַנקן, די בלוטיקע שלאַכטן אונטער דער ערד, אינטערוויוען מיט די הויפּט־אַרמעע־פירער, און אויך דריי מאָל אַ וואָך זאָגן מיר פאָרן אויף אַעראָפּלאַנען קיין עגיפּטן און אויף אונטערוואַסער־שיפלעך אין די דאַרדאַנעלן. מיר האָבן פאַרשטאַנען און ערלעך גענומען זיך אויסצופילן דאָס אַלץ׳ דאָס בלייבן אויפן פראָנט איז געוואָרן אומניצלעך, אפילו שעדלעך, וואָרים די אַלטעגלעכקייט האָט פאַרסמט די ריינקייט און דורכדרינג־לעכקייט פון אונזער פאַנטאַזיע. נאָר דער לערער האָט דוקא פאַר־לאַנגט, מיר זאָלן פאָרטזעצן אונזער רייזע ביז די פאָדערשטע פּאָ־זיציעס. צום פּראָגנאָז פון דער קרענק האָט ער געוואָלט נאָכאַמאָל אַנאַליזירן דאָס בלוט, מיסט און אויספלוס פון דער מענטשהייט.

מיר האָבן דורכגעמאַכט צענדליקער פאַרשידענע שטאַבן און זיך דערקליבן צו די געגנטן פון ווערדען. דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ זייער טשיקאַווע סצענע, וואָס פאַלט איבעריקנס נישט אַרונטער אונ־טער קיין איינער פון די דורך די רעדאַקציעס אָנגעוויזענע קאַטע־גאָריעס און איז דערפאַר נישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט. לעבן פאָרט מאַר, אויף אַן אָבסערווירונגס־פּונקט, האָבן מיר דערזען דריי סאָל־דאַטן. זיי זענען געווען זייער משונהדיק אָנגעטאָן: אויף די העל־מען האָבן זיי געטראָגן געשטריקטע טשעפּעקלעך, אויף די פּלייצעס אויסגעשטעפּטע קאָלדרעס, די פּיס פאַרזונקען אין גרויסע נישט־דורכנעצבאַרע פּענכערס, און די טשעפּעקלעך, קאָלדרעס און פּענ־כערס זענען אין דער ריי פאַרדעקט געווען מיט אַ דינער קאָרע פון געלן ליים, ענלעך צו דער פעל פון אַ לעמפּערט. צום אָרט, וואו זיי זענען געשטאַנען, האָט מען זיך געדאַרפט דערקלייבן אויפן בויך איבער אַ שוץ־גרובן, וואָס איז געווען צעאַקערט פון קוילן, דערביי האָט מען זיך געדאַרפט כסדר טונקען אין נאַסער ערד, מענטשלעכער צואָה און געפּגרטע מייז. מסיע דעלע האָט זיך אויסגעווישט דאָס פּנים און די הענט מיטן נאָז־טיכל און געווענדט זיך צו די סאָלדאַטן מיט דער פאָלגנדער באַגריסונג: „טייערע קעמ־פער! אייראָפּע, אַמעריקע, דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון אוןביידע פּאָלן קוקן איצט אויף אייך, אויף די אומדערמידלעכע העלדן, וואָס פאַרטיידיקן פרייהייט און רעכט! היינט, ווען כ׳בין

געקראָכן איבער די דאָזיקע היסטאָרישע ערטער, האָב איך אַליין אָנטיילגענומען אין אייערע ליידן, און איצט קאָן איך אייך ווי אַ גלייכער באַגריסן, הגם כ'גיי אין אַ קאַפּעלוש. מיר וועלן אויסהאַלטן, דאָס הייסט, איר וועט אויסהאַלטן דאָ און מיר וועלן אויסהאַלטן דאָרטן אין די געוועלבער, אין די ביוראָען פון די מיניסטעריומס, ביי די טאָנבענק, אין די באַרן—ביז דער שעה, ווען דער אויסגעמאָרעטער מענטשן־פרעסער וועט פאַלן. ערלויבט אייך אונטערטראָגן אַ באַשיידענע מתנה — מיין פּאַטריאָטישן אַרטיקל אין לעצטן נומער „זיגערישע גאַסקאָן", וואו איך זאָג: דרייסטקייט, דרייסטקייט און נאָכאַמאָל דרייסטקייט (דאָס זענען די ווערטער פון מיין לעצטער מעטרעסע, נאָר נאָך פריער האָט עס ביי אַן אַנדער געלעגנהייט געזאָגט דאַנטאָן). לאָמיר זיין פעסט ביז צום סוף!"

וואָס אַן אמת, די דאָזיקע רעדע איז גאָרנישט געווען ערגער פון אַ סך אַנדערע, וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן אויף באַנקעטן פון זשורנאַליסטן; פאַרקערט, זי האָט זיך אפילו אויסגעטיילט צום גוטן מיט איר קאָנקרעטקייט און אָנגעשטרענגטקייט, און נאָר מיט אַ צופאַל קאָן מען דערקלערן דאָס, וואָס ס'איז געשען דערנאָך. איין זעלנער, דער עלטסטער און פרידלעכסטער, האָט, אויסזידלענדיק אים אין דער שטיל, געזאָגט: „איר וואָלט אונז בעסער דערציילט, ה' פּאַטריאָט, וואָס מ'הערט מכּח שלום?" מסיעדעלע האָט געשוויגן באַליידיקט, נאָר אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך דערפרייט. „ברודער מיינער, איר זענט אויך פאַר שלום, פאַר ליבשאַפט! אַ מאָרד איז אַ פאַרברעכן, און די דאָזיקע ביקס פאַרמיאוסט די הענט!..." „ס'איז נישט אינגאַנצן ריכטיק", האָט פּראָטעסטירט דער זעלנער, „אַ ביקס איז אַ גוטע זאַך" (ער האָט אפילו געגלעט די קאָלבע), נאָר מ'דאַרף קאָנען זיך אומגיין מיט איר. אָט וואָלט גאָרנישט שלעכט געווען אַראָפּצוראַמען די אַלע גענעראַלן, דעפּוטאַטן, מיליטערישע, ציווילע, גלחים, סאָציאַליסטן, דאַמען און בכלל די גאַנצע משפּחטע!..." „טאָ ווער וועט דעמאָלט איבערבלייבן?" האָט מיסטער קול זאַכלעך געפרעגט. אויף דעם האָט דער זעלנער שוין גאָר אומזיניק געענטפערט: „איך שפּיי דערויף", און האָט ווירקלעך זאַפטיק אַ שפּיי געטאָן.

אַן אַנדער זעלנער, מיט אַ סך מער טעמפּעראַמענט, לויטן אויסזען אַ דרומדיקער, האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו ענטפערן מסיע דעלע מיט אַ גאַנצער רעדע. איך ברענג איר פינקטלעכע איבערזעצונג און בעט מוחל זיין אים און מיר די איבערטריבענע עקספּרעסיווקייט פון די בילדער. „טייערער שרייבערוק! אַ דאַנק פאַרן פּאַפּיר. די פאַרטיידיקער פון געזעץ נויטיקן זיך טאַקע זייער אין דעם. אויסער דעם קאָנסטו, מיטנעמענדיק מיט זיך די אויפגייענדיקע זון און די דאָזיקע פינף פאַרשויבעץ, זיך אָפּטראָגן אין מאָגן אַריין פון אַ קו. ס׳איז מיר זייער אָנגענעם, וואָס דו האָסט דיר אויסגעפּאַטשקעט דיין געמיינע מאָרדע און מיין שאַפונג, וואָרים איך שאַף אויך צוויי מאָל אַ טאָג, ווי דו אין דיין רעדאַקציע. כ׳ווינטש דיר צו פאַרברענגען דאָס גאַנצע לעבן אין קעמלנעם מיסט! הונדערט טויזנט פליכעוואַטע אַרבוזן! זעץ דיך אַריין אין דער מומעס וואַרעמע הויזן, טרינק ליפּענעם טיי און ביס אַ קאַץ אונטערן ווידל אַרונטער!”

מסיע דעלע האָט נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פון דער דאָזיקער איינלאַדונג, ווי אַ דריטער זעלנער, אַ יונגינקער און אַנוואַנסיקער, האָט מיטן אויסגעשריי „אַ מתּנה פאַר אַ מתּנה”, אַרויסגעשלעפּט פון בלאָטע אַ געפּגרטע מויז פאַרן ווידל און האָט זי פאַרטשעפּעט מסיע דעלע אין קלאַפּע, אויף יענעם אָרט, וואו געוויינלעך האָט זיך געפונען גאָר עפּעס אַנדערש. הגם מיר האָבן קיין רעדעס נישט געהאַלטן און קיין שום מתּנות נישט פאַרדינט, דאָך זעענדיק די ענערגיע פון די זעלנער, זענען מיר גיך אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און מיט דער מעגלעכער שנעלקייט געלאָזט זיך קריכן צוריק.

צוקומענדיק צו די ערטער, וואָס זענען אין אַלע היגזיכטן געווען מער פאַרטיידיקט, האָבן מיר גענומען באַטראַכטן מסיע דעלעס איבערלעבעניש. ערקאָלען איז אַלץ געוואַלדיק געפעלן געוואָרן. בנוגע דעם, וואָס מסיע דעלע איז באַלויגט געוואָרן מיט אַזאַ אייגנאַרטיקן אָרדן, האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגעשריגן: „דאָס איז אַזשעסט, וואָס פּאַסט פאַר אַ רוימער!” אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט געוואָלט „באַגרייפן די נשמה” פון די זעלנער: „זיי

זענען פראָסט, פּאַרביסן, נאָר כ'פּיל, אַז זיי זענען איבערגעגעבן דעם פרידן, ווי איך. פריינט, אומגעריכט האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט דריי נאָכפאָלגער פון דער לערע פון אונזער גרויסן טאָלסטאָי!"

„דיין נאַיוויטעט", האָט אים דער לערער געענטפערט, „נעמט אָן די פאָרם פון אַ הייליקן אַנעקדאָט. אויב אין רוסלאַנד איז פאַראַן אַ סך אַזעלכע ווי דו, דאַן וואונדער איך מיך, ווי אַזוי ס'האָבן זי נישט צעטראָגן ביזן לעצטן שטיינדל די אַלע, וואָס האַלטן נישט פון גריבלען די נשמה אויף יעדן טריט און וואָס אָפּנאַרן די, וואָס ווילן זיין אָפּגענאַרט, האַלטן זיי נישט פאַר קיין זינד. די דאָזיקע סאָלדאַטן זענען כּלל נישט קיין פּאַציפיסטן. די דעקאָראַציע, וועלכע זיי האָבן דערלאַנגט מסיע דעלע, וואָלטן זיי מיט פאַרגעניגן אויך אָנערקענט פאַרן פּויפּסט אין רוים און פאַר די האאַגער הומאַניסטן און פאַר ראָמען ראָלאַן און פאַר ז' אַלע איבעריקע שלום-ליב-האָבער און פרידן-מאַכער, פאַרשטייט זיך, ביי די געהעריקע באַדינגונגען. מיט צוויי יאָר צוריק האָט זיך זיי זייער געגלוסט הרגענען, און פאַר דער צייט איז ביי זיי נישט אַזוי ווייט דאָס געוויסן וואַך געוואָרן, ווי דער הינטן איז זיי נאַס געוואָרן. גיב זיי פרייהייט, קאָן זיין, אַז זיי וועלן הרגענען נישט די, וועמען מ'הייסט זיי איצט הרגענען. ס'איז אויך מעגליך, אַז זיי וועלן זיך איינאָרדנען טייערע קאַניקולן מיט זייערע סטאַטעטשנע ווייבער ביי דער זייט און מיט פרידלעכע שעפּסעלעך אויף דער לאָנקע. נאָר ס'וועט קומען אַ טאָג און זיי וועלן ווידער נעמען שיסן, וואָרים שוין-גראָבנס דאָס איז נישט קיין שול פון מענטשנליבע און נישט קיין דערציאונגס-הויז פאַר טאָלסטאָיאַנער. נעמען אַ ביקס איז זייער לייכט און אויסלערנען זיך שיסן—אויך נישט גאָר שווער, ווייסט דאָך אַליין—נאָר אַרויסלאָזן די ביקס פון האַנט איז אוממעגלעך, מ'קאָן נאָר אַזוי אויף אַ שעה-צוויי אַוועקשטעלן זי אין ווינקל אַריין. די שרעקלעכע צייט הייבט זיך ערשט אָן. אין פערצנטן יאָר, ווען זיי האָבן געשריגן „זאָל לעבן די מלחמה!" איז די דאָזיקע מלחמה (וועלכע לעבט נאָך, אָן עין הרע) געווען עפּעס אַזעלכס, וואָס שטייט אויסער זיי, אַ היסטאָרישער אַקט, אַ מלוכה-זאַך. איצט

בורטשען זיי „נידער מיט דער מלחמה", נאָר זי איז שוין אַריינ־געוואַקסן מיט די וואָרצלען אין זייערע פרידלעכע קערפּערס אַריין, זי איז געוואָרן זייער זאַך, און די דאָזיקע פּראָפעסיע וועלן זיי שוין קיינמאָל נישט פיינט קריגן, ווען זיי וועלן אַפילו טוישן די מלאכה, אָנטאָן אַנדערע הויזן. די האָסט זיך געדאַרפט אויסלערנען די פאַרשידענע אויסטייטשונגען פונם וואָרט „הייליקע מלחמה", איצט באַמי דיך תּופס צו זיין אַ נייע לעקציע: „שלום"; דאָס באַ־דייט — דער נאָכמיטאָג־שלאָף פון די מענטשנפרעסער, דאָס צעטיילן דעם רויב דורך די רויבער אויפן גראָז, דאָס איבערטראָגן די קריגס־טעטיקייט אויף מער צוציענדיקע ערטער, צום ביישפּיל, פון די דאָזיקע בערגלעך אויף „אונטער דעם לינדען", אָדער פון די מינסקער בלאָטעס אויף נעווסקי פּראָספּעקט, מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס איר ווילט, אויסער שלום!"

אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צו די ערטער, וואו ס'זענען נישט לאַנג פאָרגעקומען שלאַכטן, צווישן די פּאַרטן דאָמאָן און וואַ. אַרום איז געווען אַ פולשטענדיקע מדבר. קיין איין שטיין אין נישט גאַנץ געבליבן, קיין איין געוויקסל האָט זיך נישט אויסבאַ־האַלטן — אַלץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויער פליסיקער מאַסע־באַדעקט ווי מיט מיסט־קאַסטנס, צעאַקערט פון קוילן, און אין די גראָבנס איז געפלאָסן געל וואַסער. איבעריקנס, האָבן אויך וואו נישט־וואו אַרויסגעסטאַרטשעט מענטשלעכע פיס פון די געשוואָלענע, פוילנדיקע, פון דער ערד אַרויסקריכנדיקע גופים. „געדענקט", האָט אונז געזאָגט דער לערער, „אַז די מלחמה האָט אונז געגעבן נישט בלויז די ווירטשאַפט פון מיסטער קול, נאָר אויך דעם דאָזיקע גרויסן אַפּאָטעאָז!"

„ס'וועט זיין שלום", האָט מיסטער קול געענטפערט, „מיר מאַכן נאָך איין אַקציען־געזעלשאַפט און אין אַ יאָר־צוויי אַרום וועלן מיר אויפשטעלן דאָ אַזאַ ווירטשאַפט, אַז קיינער וועט מער נישט גלויבן דער פלוידעריי פון די לעבן־געבליבענע זעלנער, וואָס האָבן געזען די דאָזיקע מדבר".

„פאַרשטייט זיך", האָט כורעניטאָ געזאָגט, „ס'איז נאָכנישט קיין סוף און נישט קיין רייניקונג פון דער ערד. פל זמן דער

מיסטער, כּל זמן די מיסטער קולס לעבן—וועלן זיין שטעט, נאַכטהייזער, האַרמאַטן, דאָלאַרן, הייליקע ביכלעך, מיט איין וואָרט, וועט זיין דאָס אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן, אַז ער זאָל נישט אין אַ יאָר, נאָר אין פיר און צוואַנציק שעה פאַרעיפּושן דאָס בעסטע שטיקל פון דער אַזוי גערופענער „געטלעכער ערד”. מ'וועט בויען, מ'וועט זייען, די טויטע וועט מען טיפער פאַרגראָבן, אפילו דער באָב דאָ וועט וואַקסן שענער. נאָר קוקט זיך אַרום! אויף אַ מינוט, דאַכט זיך, רייסט זיך דורך דער פאָרהאַנג איבער די פאַרגאַנגענע צייטן. דאָס איז אַ פאָרגעפיל—אַ פאָרבילד פון דער לעצטער פייער-באָד!”

אויפן אַנדערן טאָג זענען מיר, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון מסיע דעלע, וואָס איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק, ווידער אַוועק צו די פּאָזיציעס, צום באַרג 384. ווען מיר זענען דערגאַנגען צו די פאָדערשטע גראָבנס, האָט די דייטשע אַרטילעריע אומגעריכט געעפנט אַ הוראַגאַן-פייער איבער דער גאַנצער ליניע. דורכקלייבן זיך אויף צוריק איז געווען אוממעגלעך. האָבן מיר זיך אַריינגעקליבן אין אַ גוט-אויסגעבויט שטיבל אין דער ערד און, איינהערנדיק זיך צום קנאַלן פון די אויפרייסנדיקע קוילן, האָבן מיר מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפט פאַרנומען זיך מיט אונזער געוויינלעכן ענין, דאָס הייסט אויף כּלערליי אופנים צו זידלען די מלחמה. מסיע דעלע האָט כּלומרשט נישט מסכּים געווען מיט אונזערע אויספירונגען, נאָר ער האָט קאָרעקט געשוויגן, וואָרים נאָכדעם, ווי ערקאָלע האָט זיך אויסגעדריקט גוט איבער דער אויספירונג פון די אומדערצויגענע זעלנער, האָט ער שוין בעסער געוואָלט איינגאַנצן זיך נישט אַרויסזאָגן, ער האָט נאָר פריינטלעך אונטערגעברומט: „דער עיקר, פריינט מיינע, איז טאָלעראַנץ און ברייטע אָנשויאונגען!”

נאָר דער לערער איז אַנטשלאָסן אַרויסגעטרעטן קעגן אונז און האָט גענומען פאַרטיידיקן די מלחמה: „פאַרנעמט מען זיך שוין אין וועג אַריין, דאַרף מען גיין. אויב ס'איז זייער שלעכט—איז צואיילן דעם טריט. נאָר נישט אומקוקן זיך אויף צוריק, וואו ביים אויוון איז געווען וואַרעם, און דער ווינט אין קוימען האָט געפייפט

אויף דיקענס שטייגער, און אויפן טישל איז געשטאַנען מאַרמעלאַד מיט צווענגעלעך, פּחדנים! איר זענט נישט קיין קינדער פון אייער אייזערנער צייט, נאָר קרינאָלינע־העלדן; ראָמאַנטיקער, וואָס שטיקן זיך מיטן שפּייעכץ פון אַנטציקונג, מיסטקלייבער פון דעם נעכטיקן וואוילזיין! איר פרעגט, וואָס איז דאָס גוטס, וואָס די מלחמה האָט געגעבן? זי האָט גוט דערלאַנגט איבערן פּנים אַלע פאַרשלאָפענע. דאָס איז קודם כּל. דערנאָך האָט זי אַ שפּאָרע דאָזע סטריכנין אַריינגעצטאָן אין אַלע — לויט אייך — קוואַלן פון באַגייסטערונג, און לויט מיר — בלאָטיקע בעדער. דאָס פאַרגאַנגענע איז געוואָרן אוממעגלעך, און ווי די מענטשן זאָלן זיך נישט מיען לויט די דערינערונגען, לויט די אָפּגעבלאַקעוועטע פאָטאָגראַפיעס אָדער לויטן שטאַמלען פון די אַלטע לייט צו רעסטאַווּרירן זייערע הייזער, וועלן זיי אַלץ זיין ענלעך אָדער אויף נחס תּיבה, אָדער אויף אַ טואַלעט־צימער פון 21־טן יאָרהונדערט. מסכּים, נישט איבעריק צוציענד, נאָר אַלנפאַלס בעסער, פאַרן 19־טן, ווייל — גראָב, זאַכלעך, מאַכט נישט קיין הייליקע אָנשטעלן און צווישן צוויי שווייגערייען לויט דער רייע נאָך דעקלאַמירט ער נישט שעלי אָ דער ווערלען. און דערנאָך איז ער פאָרויס — דער 30־ער, אָדער דער 50־טער, אָדער דער 100־טער, נאָר פאָרט דער געבענטשטער, און אַלץ, וואָס דערנענטערט אונז צו אים כאָטש אויף אַ טריט, איז געבענטשט!

„איר שעלט די מלחמה, און זי איז שוין נישט קיין טריט, נאָר אַ שפּרונג אין דער צוקונפט אַריין. זי האָט געהרגעט אַלץ, אין נאָמען פון וואָס זי האָט זיך אָנגעהויבן, און האָט געבוירן אַלץ, וואָס זי האָט געדאַרפט אומברענגען. „מלחמה אין נאָמען פון פרייהייט", און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז די פעלקער זענען צייטיק געוואָרן פאַר אַ גרויסער, אָפענער קנעכטשאַפט, וואָרים זיי האָבן שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די פּיקציע פון פרייהייט, אירע כּלומרשטע טובות.

„די מלחמה וועט אויפהויבן דעם גייסט, וועט איבעררייסן מיטן פאַרפוילטן מאַטעריאַליזם", האָבן אַזש ביז עקל געריטשעט די פּילאָזאָפן און פּשוטע גוטע מענטשן, וואָס זענען צוליב דער פולקייט פון קערפּער בענויגט צו טרוימערישקייט. נאָר די מלחמה, וואָס

איז געפירט געוואָרן מיט דער הילף פון דער מאַטעריע, האָט פאַר אַלעמען אַנטדעקט איר זין און קראַפט, צעשטערנדיק טויזנטער זאַכן, מיט מאַטעריע פאַרניכטנדיק מאַטעריע, האָבן זיך מענטשן אויסגעלערנט אַכטן די מאַטעריע אַלס אַזעלכע, האָבן זי ליב געקריגן אַזוי, ווי זיי האָבן נישט געקאָנט ליב האָבן אין די גליקלעכסטע טעג פון שלום. מיט דער האָפנונג, אַז ס'איז געקומען זייער סעזאָן, זענען אַרויסגעקראָכן די געהייליקטע פאַרשוינען פון אַלע קולטן, אַרויסגעשלעפּט די לאַנג פאַרגעסענע סחורה — גוטס פון יענער וועלט. נאָר די מלחמה האָט זיי גרויזאַם אָפּגענאַרט. וואָס נענטער די דאָזיקע מענטשן זענען געקומען צו דער פאַרניכטונג פון דעם טאָג־טעגלעכן רעאַלן לעבן, אייגענעם און פרעמדן, אַלץ מער האָט דאָס דאָזיקע לעבן זיי געצויגן צו זיך.

„מלחמה — דאָס איז שנאה פון פאָלק צו פאָלק, און פונדעסטוועגן האָבן קיין שום אָנזאָגער פון ברידערלעכקייט, קיין שום שרייבערישע ביכלעך, קיין שום רייזעס — וואָס רייזעס? אַפילו די פעלקער־וואַנדערונגען־האָבן נישט געקאָנט אַזוי די מענטשן דערנענטערן, צונויפבינדן, צעגראָבן די גרענעצן, ווי די דאָזיקע יאָרן אין די אָקאָפּעס. און ווידער די קונץ־שטיקלעך פון דער מלחמה — אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט קאַפּויר. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע גלייך האָבן פיינט, באַגייסטערן זיך, שרעקן זיך, שטעכן, ליידן אין די טראַנשעען, קדעכצן שטאַרבנדיק און פוילן אין דער ערד, אַלע: אי פראַנצויזן, אי דייטשן, אי רוסן, אי ענגלענדער, אויף אַ וואונדערבאַרן אופן גלייך. זיי זענען געזעסן איינע נעבן די אַנדערע — האָבן זיי באַמערקט. כל זמן איינער האָט געגרעמפּלט אויף אַ מאַנדאָלינע און דער אַנדערער איז געגאַנגען שיסן בערן — האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש; אָבער, ווי נאָר מ'האָט זיי געשיקט טאָן איינע און די זעלבע זאַך — איז גלייך געוואָרן קלאָר: אַפילו נישט קיין צווילינג, נאָר סתם געטאָפּלטע עקזעמפּלאַרן, מיט דעם איינעם אונטערשייד, וואָס איינער האָט אַ בראָדעווקע, דער צווייטער שלוקערצט אָפּט.

„ווייטער: ווער נאָך האָט געלייגט אַזויפיל האָפנונגען אויף דער מלחמה, ווי די פאָרטיידיקער פון אַלטער היערארכיע, פון

געטלעכער פאַרשידנאַרטיקייט, פון דערהויבנדיקן קאַמף, פון דער אומבאַגרענעצטע פערזענלעכקייט און אַלע וואַריאַנטן: אימפעראַטאָר — איז נישט קיין לוין־אַרבעטער, ראָטשילד — איז נישט קיין בעטלער, פאָעט — איז נישט קיין פאַבריקאַנט פון טואַלעט־פאַפיר, פילאָזאָף — איז נישט קיין פאַסטוך און אַזוי ווייטער. ווידער אַן אַנטוישונג — אַלע, ווען מ'זאָל זיי נאָר אויסטאָן די גאָרנאָסטאַי־מאַנטלען, די פרעק און קראַגנס, און אַריינזעצן אין אַזעלכע ליים־שטיבלעך, וואו ס'איז נישטאָ קיין לידער וועגן דער מאַדאָנע, נישט קיין טואַלעט־פאַפיר און נישט קיין פראָגמאַטיזם — זעגען זיי ביז גאָר אידענטיש, ממש צו פאַרטוישן. פאַרשטייט זיך, ס'זענען דאָ שליפעס, שטאַבן, גראַציעזער אונטער־פראָנט און דעסגלייכן. נאָר דאָ איז לעת עתה וויכטיק נישט דער תוך, נאָר די פיטשינקע דעמאָנסטראַציעלע. וויפיל זענען ווערט כאָטש בלויז די נישט־דערקענטע מתים, וואָס סטערטשען פון דער ערד. מסיע דעלע, אייערע זעכצן קלאַסן מתים קאָנען זיך צונויפמישן, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

„דאָס אַלץ זע איך, און ווען איר זידלט די מלחמה, בענטש איך זי ווי דעם ערשטן טאָג פון אַ טיפוס־היץ, פון וועלכער דער מענטש וועט אָדער איבערגעבוירן ווערן, אָדער שטאַרבן, אָפּרייניקנדיק די ערד פאַר נייער היגטישקייט אָדער פאַר זיגערישע לעגיאָנען מייז, מוראַשקעס און אינפוזאַריעס!"

די דאָזיקע לערע פון כוליא כורעניטאָ איז מיר בענוי און בולט געבליבן אין זכרון. מיר האָבן אים אויסגעהערט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, נישט טראַכטנדיק וועגן דער געפאַר, וואָס דראָט אונז. דאָס געברום פון די האַרמאַטן, דאָס טראַסקעריי פון די קוילנוואַרפערס, דאָס מענטשלעכע ריטשעריי האָבן ווי אויסגעזען צו באַשטעטיקן די אומרחמנותדיקע ווערטער פון לערער. און מיר דאַכט זיך, אַז ווען אין די דאָזיקע מינוטן וואָלט געקומען צו אונז דער טויט אין געשטאַלט פון אַ בכבודיק שטיק האַרמאַטן־קויל, וואָלטן מיר עס אַלע, אַפילו מסיע דעלע און ערקאָלע, די אַמשטאַרקסטן צום־לעבן־צוגעבונדענע, באַגעגנט מיט דער געהעריקער רואיקייט.

ווען דער לערער האָט געענדיקט רעדן, איז אַלץ אַרום געהײמניספול אַנטשוויגן געוואָרן. ס׳האָבן זיך געהערט בלויז אָפּגעריסענע ביקסן־שאָסן. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוקריכן און פּרוּוון אַריבערקלײַבן זיך אויף צוריק. נאָר אויבן האָט אונז אָפּגעוואַרט עפּעס שרעקלעכערס, ווי די קוילן. דערזעענדיק די ליכטיקע שײַן, זענען מיר פאַרשטאַרבן געוואָרן—פאַר אונז זענען געשטאַנען דײַטשע סאָלדאַטן מיט האַנט־באָמבעס. „וואַרף!” האָט אײנער אויסגעשריגן. נאָר דער אַנדערער האָט זיך קעגנגעשטעלט: „דאָס מוזן זײַן זײער וויכטיקע לײַט, מיר וועלן זײ אַוועקפירן אין דיוויזיע־שטאַב אויף אַן אויספאָרשונג, דערשיסן זײ וועלן מיר נאָך באַווײַזן!” נאָכן איבערצײַגן זיך, אַז קײן געווער האָבן מיר נישט, האָבן די סאָלדאַטן אונז געטריבן דורך פאַרשידענע קאָרידאָרן און גרויסע גריבער פון קוילן און פאַר זיכערקײטס־וועגן אונז אונטערגעשטורקעט מיט די קאָלבעס. באַזונדערס האָט זײ געריצט דער אָרעמער אײשאַ. די גאַנצע צײַט האָבן זײ געחזרט, אַז זײ וועלן אונז מיט פאַרגעניג דערשטעכן מיט די שטיקעס, ווײַל מיר זענען נישט קײן סאָלדאַטן נאָר שפּיאָנען. האָפן איז נישט געווען אויף וואָס און נישט ווילנדיק, נישט געקוקט אויף די קלעפּ, האָבן מיר געשטעלט פאַמעלעכערע טריט, פאַרשטײענדיק, אַז דער דאָזיקער וועג — איז דער לעצטער.

מיר זענען שוין פאַרבײַגעגאַנגען די צווײטע ליניע דײַטשע אָקאָפּעס. אַלץ, וואָס מיר האָבן געזען, האָט אונז דערמאָנט אָן אַלטע געוויינלעכע בילדער: אין קעסלען האָט מען פאַרבײַגעפירט זופּ, עמיצער האָט געשריבן אַ קאַרטל אַהײם, אַ גרופּע סאָלדאַטן האָבן געשפּילט אין קאָרטן. כ׳האָב זיך דע מאָנט דעם לערערס ווערטער וועגן דער בײער דערנעענטערונג. נאָר אָט זענען—נאָענטע, באַלד וועלן זײ אונז דערהרגענען. און אַזוי וואונדערלעך האָט זיך מיר אויסגעוויזן דאָס לעבן. מיט קנאה האָב איך געקוקט אויף דעם באַוואָגנסעטן געלן זעלנער, וואָס איז געזעסן בײַם שײַטער און, אויסטוענדיק דאָס העמדל, געזוכט לײַז. לעבן אַזוי ווי ער, זיצן אַזוי צונויפגעקנאָרעט, טרינקען ברויד פונם בלעכענעם קענדל און דערנאָך אין שמוץ אַנטשלאָפן ווערן. ווי פיל דאָס איז און ווי אוממעגלעך!

כ׳ווייס נישט וואָס אין דער האַלבער שעה האָט געטאָן דער לערער און די פּרייבט, ווי אַזוי זיי האָבן איבערגעלעבט דעם וועג צום טויט. איך בין געקומען צו זיך ערשט לעבן אַ קליין פּויעריש הייזל. דער דייטש האָט מיך גראָב אַרייַנגעשטופּט אין דער טונקע־לער ענגער שטוב אַריין. אויפן טיש האָט געברענט אַ ליכט. כ׳האָב דערזען גענעראַלישע שליפּעס און רוזיקע, פולשטענדיק ליידנ־שאַפטסלאָזע אויגן. כ׳האָב פאַרשטאַנען — קיין רעטונג איז נישטאָ, און אויסנוצנדיק דאָס, וואָס דער לערער איז נאָך מיט אונז, האָב איך שטיל אַ קוש געטאָן זיין פּלייצע, געזעגענענדיק זיך מיט דעם גרויזאַמסטן און ליבסטן, וואָס איז געווען אין מיין קורצן און בהלה־דיקן לעבן.

דאָס איין און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

וועגן שמידטס אַרבעטן, וועגן אַ געוויסן קריגער און וועגן טיי־וואָרשטלעך

ווער ס'איז גענויגט צו גלויבן, אַז דער תּהו־ובהו פון לעבן האָט אַ וועלכן ס'איז געהיימניספולן, פאַרן מענטשן אומדערגרייכבאַרן זין, צו גלויבן אין די גליקלעכע באַרישקייטן און פאַרצווייפלטע צופעליקייטן—דער וועט זיך בלי שום ספק פאַרטראַכטן איבער מיין בוך. כמעט יעדן חודש האָבן מיר איבערגעלעבט אַ געפאַר פון טויט, נאָר שטענדיק האָט עפּעס אַ „נאַר" אונדז געראַטעוועט—אַמאָל אַ פישער־שיפל, אַמאָל אַ וויזיט־קאַרטל פון אַ דעפּוטאַט און אַמאָל דער גוטמוטיקער געלעכטער פון מסיע דעלע. דער פּראָצענט פון אונזער אויסגעלייזט ווערן שטייגט באַדייטנד אַריבער די לורדישע און אַנדערע נסים, און אויף אַזאַ אופן וואָלט איך דאָ לייכט געקאָנט שפּעקולירן אויף השגחה עליונה, הויפּטזעכלעך, ווען אָנשטאָט דערשיסן און אַ פּאָר גענעראַלישע אויגן האָב זיך אַרויסגעוויזן אויך אַ פּאָר אויגן—נאָר שמידטס און אַ פלעשל קאָניאַק, הגם „ערזאַץ". נאָר איך בין נישט צוגעוואוינט צום „ערהאַבענעם" אַרט דענקען. פון קינדווייז אויף גיי איך איינגעהויקערט, אויפן הימל קוק איך בלויז דעמאָלט, ווען איך הער דאָס געטראַסק פון אַן אַעראָפּלאַן, אָדער ווען כ'קלער צי זאָל איך אָנטאָן דעם גומימאַנטל אָדער נישט? אין דער איבעריקער צייט קוק איך אונטער די פיס, דאָס הייסט אויפן ברודיקן, אויסגעדעפּטשעטן שניי, אויף

די קאַלוזשעס און מיסט־הויפֿנס. מ׳קאָן זיין, אַז מיט די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן פֿון מיין, איצט ליידער, שוין פֿאַרשטאַרטן חוץ־השדרה דערקלערט זיך מיין נייגונג צו אָרדינערע און נידעריקע זאַכן. מיט איין וואָרט, דייטשן איז פֿאַראַן עפּעס אַרום 55 מיליאָן. אויב אויף דער רולעטקע קאָן מען געווינען איין שאַנס אויף 36, איז 1:55,000,000 בלויז אַן אונטערשייד אין צאָל, און פֿונדאַנעט ביז מיסטיק איז נאָך ווייט.

שמידט האָט אונדז תּיכף דערקענט, דאַגעגן ער אַליין אין דעם שאַרף־שפּיציקן העלם, אַ מענערישער און אָפּגעברענטער, האָט קוים דערמאָנט דעם אָרעמען שטוטגאַרטישן סטודענטל. און איך האָב טאַקע נישט פֿעסטגעשטעלט נישט זיין ראַנג און נישט דעם פּינקטלעכן כאַראַקטער פֿון זיין דינסט. לויט זיינע ווערטער האָט מען געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז באַלד אין די ערשטע קריגס־חדשים האָט ער זיך אַרויסגערוקט, אַ סך באַוויזן און איצט שפּילט ער אַן אָנגעזעענע ראָל סיי אין לאַנד, סיי אויפֿן פֿראָנט.

נאָכן באַרואיקן אונדז בנוגע אונדזער גורל האָט שמידט געזאָגט, אַז אין זיין רשות געפֿינט זיך אַכצן מינוט, וועלכע ער וועט גערן ווידמען אויף אַ געשפּרעך מיט אונדז. דער לערער האָט זיך פֿאַרינטערעסירט מיט זיינע איצטיקע באַשעפֿטיקונגען. „זיי זענען זייער קאָמפּליצירט", האָט שמידט געענטפֿערט, „די מלחמה האָט אָנגענומען אין אַ געוויסער מאָס אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי איך האָב פֿריער גערעכנט. ס׳איז אַ קלאָרע זאַך, אַז אייננעמען גאַנץ אייראָפּע און ברענגען זי אין אָרדנונג פֿאַר איין קלאַפּ וועט אונדז דאָס מאָל נישט געלונגען. דאַן בלייבן צייטווייליקע אויפֿגאַבן—קאָלאָניזירן רוסלאַנד, צעשטערן וואָס גרינטלעכער פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, כּדי עס זאָל דערנאָך זיין לייכטער זיי צו אָרגאַניזירן. דאָס איז אין אַלגעמיין, איצט פּרטים. אינגיכן וועט אונדז צוליב סטראַטעגישע טעמים אויסקומען אָפּצורייניקן אַ בּכבודיק שטיקל פֿון פּיקאַרדיען; ס׳איז מעגלעך, אַז מיר וועלן זיך שוין אַהין נישט צוריקקערן און ס׳איז קלאָר, אַז מיר וועלן עס נישט פֿאַרייניקן. דערפֿאַר גרייט איך צו אַ פֿולשטענדיקע פֿאַרניכטונג פֿונעם דאָזיקן לאַנד. אַ בּכבודיק שטיקל אַרבעט. מ׳דאַרף אויסשטו־

דירן אַלע צווייגן פון אינדוסטריע: אין אַמע איז פאַראַן אַ זייף־פאַבריק—אויפרייסן; שאָני שמט מיט אירע באַרגעס—אויסהאַקן אַלעביימער; לעבן סאַן־קענטען זענען פאַראַן וואונדערלעכע מילך־ווירטשאַפטן—די פי איבערפירן צו אונז און אַזוי ווייטער. מיר וועלן איבערלאָזן אַ הויליקע ערד. אויב מ'וואָלט דאָס געקאָנט אַזוי דורכמאַכן ביז מאַרסעל און די פירענעען—וואָלט איך געווען גליקלעך: דאָס איז דער אומווייטאָקלעכסטער, הומאַניטאַרער און שנעלער איבערגאַנג צום זיג פון דייטשלאַנד, דערנאָך צו דער אָרגאַניזירונג פון איין ווירטשאַפטלעכער אימפעריע און צום גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט״.

„דאָס איז באַרבאַריי!״ האָט אויסגעשריגן אַלעקסיי ספירידאָנאָוויטש, „איך האָב דערהרגעט איין בעגער און פון דעמאָלט אָן בין איך דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. און איר ווילט אויסהרגענען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן. איר רעדט וועגן גליק פון דער מענטשהייט און דערטרינקט קינדער אין דער „פּוזיטאַניאַ״, מאַכט חרוב מיטלאַלטערלעכע קלויסטערס, פאַרברענט שטעט. מיר וועלן אייך נישט לאָזן קאָלאָניזירן רוסלאַנד, מיר וועלן אַרויס קעגן אייערע טייוולס־מאַשינען מיט הייליקע בילדער, מיט תּפֿלות. און איר וועט אומקומען!״

„איר מיינט, אַז מיר, אַז אונז דייטשן איז אָנגענעם צו דערהרגענען? איך פאַרזיכער אייך, אַז טרינקען ביר אָדער דעם דאָזיקן קאָניאַק, גיין אויף אַ קאָנצערט אָדער אַפילו צו מיין אַלטער באַקאַנטער פרוי כאַזע איז אַ סך אָנגענעמער. גיין, הרגענען—דאָס איז אַ נישט־אָנגענעמע נויטווענדיקייט. זייער אַ שמוציקע באַשעפטיקונג, אָן פייערלעכע אויסגעשרייען און אָן שייטערהויפנס. איך גלויב נישט, אַז פאַר אַ כירורג זאָל זיין זייער געשמאַק און פרייליך אַריינצוקריכן מיט די פינגער אין מאָגן אַריין, וואָס איז אָנגעבלאָזן מיט גאַזן און מיט נישט־פאַרדייטן געקעכץ. נאָר ס'איז נישטאָ קיין ברירה. איך, מיין משפחה, מיין שטאָט, מיין היימאַט, די מענטשהייט — דאָס זענען אַלץ שטופן. דערהרגענען פאַר דעם וואויל פון דער מענטשהייט איין חסר־דעהדיקן אַלטן מאַן אָדער צען מיליאָן — איז אַ חילוק בלויז אין אַריטמעטישער. און דערהרגענען

מוז מען, אַז נישט וועלן אַלע ווייטער ציען דאָס נאַרישע, זיגלאָזע
לעבן. אויפן אָרט פון די דערהרגעטע וועלן אויסוואַקסן אַנדערע.
קינדער האָב איך אַליין ליב נישט ווינציקער פון אייך און כ'וועל
אייך דערמאָנען, אַז כ'האָב אַפילו צעטרעטן די בלומען אין שטוט-
גאַרטער גאָרטן אַלס פּראָטעסט קעגן דער אָרדנונג, וואָס פאַרמשפּט
אַ זויג-קינד אויף הונגער. און דערפאַר טאַקע אויב אויף צו געווי-
נען די שלאַכט, דאָס הייסט פאַרן וואויל פון דייטשלאַנד — מאָרגן,
און פון דער מענטשהייט — איבערמאָרגן, וועט נויטיק זיין צו דער-
טרינקען אַלע „לוזיטאַניעס" און אויסראָטן הונדערטער טויזנטער
מענטשן, וועל איך מיך קיין איין מינוט נישט וואַקלען. צי איז נאָך
כדאי צו רעדן וועגן די שטעט, קירכעס און דעסגלייכן. אַ שאָד
איז, — פאַרשטייט זיך.

„אַגב וועל איך אייך דערציילן, אַז מיט איינער פון די באַ-
טאַרעען, וואָס האָבן געשטורעמט ריימס, האָט אָנגעפירט פּראָפעסאָר
שניידער, דער מחבר פון וואונדערלעכע אַרבעטן איבער דער גע-
שיכטע פון גאָטישן סטיל. אָנקוקנדיק דורכן שפּאַקטיוו די קאַטעדרע,
וועלכע ער האָט שוין לאַנג געחלומט צו זען, האָט דער הער שניי-
דער געלאָזט אַ טרער, און דערנאָך געגעבן אַ פאַראָרדנונג צו עפע-
נען די שיסעריי. איך האָב בכלל, ווי אייך איז באַוואוסט, נישט
ליב קיין אַלטוואַרג. מ'וועט אויסבויען אַ פאַבריק אָדער אַ קאַזאַרמע
וועט זיין עפּעס אַ פעולה, און נישט אַ גאַנץ לעבן זיך אַרומניאַנט-
שען מיטן ווייבערשן קעסטל און אַרומגיין קריעה בלועה!

„וואָס ס'איז שייך רוסלאַנד האָב איך שוין געהערט וועגן
אייער משונהדיקן מנהג אַרויסצוגיין קעגן די קוילנוואַרפערס מיט
הייליקע בילדער, כ'פאַרשרייב דאָס אויפן חשבון פון דער שלעכט-
אַנטוויקלטער נעץ פון שולן און אייזנבאַנען ביי אייך אין לאַנד.
נאָר ס'מאַכט נישט אויס, מיר וועלן דאָס פאַרריכטן! כ'האָב אייך
זייער ליב, הער טישין, נאָר ווען מיר וועלן קומען קיין רוסלאַנד
וועט איר מוזן איבערלאָזן אייערע זיפצן און טרערן און פאַרנעמען
זיך מיט ערנסטע ענינים — מיט אַגראָנאָמיע אָדער מיט פייגלצוכט. די
הייליקע בילדער וועלן מיר איבערטראָגן אין די מוזעומס אַריין, און

די תפלות וועלן מיר אַרויסגעבן פֿאַר די, וואָס אינטערעסירן זיך מיט פֿאָלקלאָר.

„איך מיין, אַז דאָס וועט געשען אינגיכן. דערווייל וועט איר דאַרפֿן פֿאַרברענגען ביי אונז אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער. דאָרט וועט איר ערשט זען דייטשע אָרגאַניזירטקייט און דייטשע קולטור!..״

ס׳איז געבליבן נאָך צוויי מינוט, און אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, וואָס האָט פֿון אויפֿרעגונג אַראָפּגעריסן פֿון זיך דעם שניפּס, און אויך מסיע דעלע האָבן געוואָלט ענטפֿערן אויף שמידטס ווערטער. נאָר צו דער צייט זענען אין צימער אַריינגעקומען די וועכטער און געבראַכט אַ יונגינקן זעלנער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ געוויסער זעלנער, קריגער, וועלכער איז פֿון אַ בריוו געוואויר געוואָרן׳ אַז זיין ווייב האַלט ביים שטאַרבן, און נישט האָבנדיק קיין האָפֿנונג צו באַקומען אורלויב, האָט געפּרוווט אַנטלויפֿן, נאָר מ׳האָט אים גלייך געכאַפּט לעבן שטאַב. „כ׳פֿאַרשטיי אויסגעצייכנט אייערע געפֿילן״, האָט אים שמידט געזאָגט, „און כ׳וואָלט אייך מיט פֿאַרגעניגן תיכּף אָפּגעשיקט צו אייער פֿרוי, נאָר דאָס וואָלט געהאָלפֿן פֿאַרשטאַרקן די דעזערטירעריי און וואָלט פֿאַרקלענערט די קאַמפּפֿעיקייט פֿון דער אַרמעע. און דערפֿאַר וועט איר, צום וואויל פֿון אייערע קינדער און אויב איר האָט נישט אַזעלכע — צום וואויל פֿון דייטשלאַנדס קינדער, מוזן שטאַרבן אין צען מינוט אַרום. איר קאָנט איבערגעבן אייערע זאַכן און אויך אַ בריוו צו אייער ווייב דעם דיזשורירנדיקן אויבער־אָפֿיציר!״ ווי ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, האָט ער אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר, זיך שנעל געזעגנט מיט אונז און אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן אויטאָמאָביל, וואָס האָט אויף אים געוואַרט.

מ׳האָט אונז אַרויסגעלאָזט אין גערטל אַריין און דאָרט האָבן מיר געדאַרפֿט וואַרטן אויף די פּאַרטיעס געפֿאַנגענע, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן בעת די שלאַכטן, כּדי אינאיינעם מיט זיי אָפּגעשיקט צו ווערן אויף מזרח. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען פֿון הייזל אַרויסגעפֿירט קריגערן. ער איז געגאַנגען רואיק און פּשוט, ווי אויף איבונגען אָדער אויף אַ פּאַראַד. מ׳האָט אָנגעהויבן צוזאַמענרופֿן די וואַך־סאָלדאַטן. זיי האָבן צו דער צייט געגעסן ברויט מיט טיי־וואורשטלעך און געטרונקען קאַווע. אָפּווישנדיק זיך מיט די

הענט די ליפּן, האָט דער אונטער אַ קאָמאַנדע געטאָן: „אויסשטעלן זיך!״ קריגערן האָט מען צוגעשטעלט צו דער וואַנט פֿון שפּייכלער. צו אים איז צוגעלאָפֿן דער הונט פֿון הויף, נאָר פֿאַרדרייענדיק דעם וויידל איז ער באַלד אַוועקגעלאָפֿן. נישט ווייט האָט אַ זעלנער געסקראָבעט אַ פֿערד מיט אַ באַרשט. אַלץ איז געווען שטיל, פּראָסט, טאָג-טעגלעך, כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף קריגערן, ער האָט געקוקט דאָ אונטער די פֿיס, דאָ אויפֿן הימל, דאָ אויף דער גאַס, ווי ער וואָלט פֿון ערגעץ-וואו אָפּגעוואַרט די פֿולשטענדיק-אוממעגלעכע רעטונג. דער אונטער האָט אַ געשריי געטאָן. דער ערשטער זאַלפּ איז געווען נישט געלונגען און קריגער, אַ פֿאַרוואונדעטער אין אונטערשטן טייל בויך, איז אונטערגעשפּרונגען מיט אַ געברילל. נאָך איינער. דער אונטער איז צוגעגאַנגען פֿאַרזאָרגט צום מת און מיטן פֿוס אַ רודער געטאָן זיין קאָפּ כדי זיך איבערצייגן אין רעזולטאַט. דערנאָך האָבן צוויי זעלנער אַוועקגעשלעפּט דעם מת אָן אַ זייט און אַלע האָבן זיך צוריקגעזעצט צום טיש צו די נישט דערעסענע בוטער-בראָדן. מ׳האָט נאָר געהערט, ווי אין צימער האָט עמיצער דיקטירט: „נומער 4812-טער... קריגער האַנס... 4 מיט 15 מינוט נאָכמיטאָג...״

„לערער״, האָב איך געשעפּטשעט, „וואָס איז דאָס? קאָן מען דאָס אַמאָל פֿאַרגעסן? ער האָט זייער זאַכלעך גערעדט, הער שמידט, אָבער עס האַנדלט זיך דאָך נישט בלויז אין אַריטמעטיק. זאָל זיין, אַז דער „וואָס״ שטימט, בלייבט דאָך נאָך דער „ווי אַזוי״. איז דען נישט בעסער אויסצוהרגענען אַלע מענטשן אויף דער וועלט פֿאַר דעם אייגענעם נאַרישן שטיקל גליק, אָדער פֿאַרן גליק פֿון דער געליבטער אין אַן אָנפֿאַל פֿון כעס, משוגעת און חילדקייט, איידער, כדי צו ראַטעווען די מענטשהייט, רואיק, אויסגערעכנט, ביים שפּייכלערל, פֿיר נאָכמיטאָג, אַזוי זאַכלעך פֿאַרניכטן אַ געוויסן, אפשר קיינעם נישט נויטיקן קריגער?״

„נעם דיר אַלץ אין זכּרון אַריין, אַלץ״, האָט כורעניטא געזאָגט, „אָט דעם צעשפּריצטן מאַרך אויף דער וואַנט און די פּינקטלעכע שטיקלעך וואורשט. זאָל דאָס שטיין בלייבן פֿאַר דיינע אויגן, אויב

די ווערסט אַ מידער אויסשטרעקן די האַנט און וועלן בענטשן די חרפה און דעם עיפּוש פון דער ערד".

ביינאַכט, ווען איינגעשפּאַרטע אין אַן ענגן לאַסט-וואַגאָן, זענען מיר ערגעץ-וואו געפאָרן, אַליין נישט ווייסנדיק וואוהין, האָב איך מיטאַמאָל געזען דערזען פאַר די אויגן די גאַנצע סצענע פון דערהרגענען דעם דעזערטיר. נאָר כ'בין זיך מודה און זאָג אָפן, נישט קיין שנאה האָב איך דעמאָלט געפילט, נאָר אַן אייגנעמע עקלדיקע באַפרידיקונג, וואָס ביים ווענטל בין נישט איך געשטאַנען, נאָר עמיץ אַן אַנדערער. וואָס איך לעב, פיל די וואַרעמקייט פון דער אָנגעאָטעמטער, דורך מענטשן דערהיצטער לופט, קאָן פאַררויכערן אַ פייקע אָדער צודריקן זיך צום דיקינקן מיסטער קול און אַנטשלאָפן ווערן. פאַרן לערער האָב איך זיך אין דעם נישט מודה געווען, נאָר כ'האָב געוואוסט, אַז אָט דאָס לאַנגווייליקע, בלינדע ציענייש צום לעבן, אַלצאיינס צו וואָסערן, זאָל זיין אַפילו אין אַ חזיר-שטאַל, שטערט מיר צו פאַרווירקלעכן אין לעבן זיין הויכע לערע. טראַכטנדיק וועגן דעם, האָב איך זיך אַ גאַנצע נאַכט געמאַטערט, ביז פאַרטאָג, ווען כ'האָב ערשט פאַרשטאַנען, אַז שוואַכקייט הייסט באָכנישט טויט, אַז די כלל נישט גינציקע נאַכט פעטערס ביים שייטער האָט אים נישט געשטערט צו שטאַרבן בכבוד, און שעפּטשענדיק זיס: „כ'בין מותר, אָבער בלויז צייטווייליק", בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאָס צוויי און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

די אָרדנונג און קולטור פון דער גרויסער אימפּעריע.— דער רעוואָלוציאָנערער פּעטראָגראַד באַגריסט אונז

מ׳האָט אונז געבּרענגט אין לאַגער אָבּערלאַנשטיין, לעבּן קליי־נעם טייכל לאַן. אין ערשטן טאָג איז צו אונז געקומען שוין נישט קיין יונגער לייטענאַנט. ער האָט אונז דערקלערט, אַז דייטשלאַנד שלאָגט זיך פאַר קולטור, רעכט, פרייהייט, פאַר דער זאַך פון אַלע קליינע פעלקער פון דער וועלט. דאָס איז געווען אויף אַזוי ווייט ענלעך צו דעם, וואָס מיר האָבּן זיך אָנגעהערט טאָג־טעגלעך אין די פאַרבּינדעטע לענדער, אַז כ׳האָבּ שוין געצווייפלט צי קלייבּט זיך נישט אַמאָל דער דייטש, נאָכן איבּערלייענען די לאָזונגען פון „מאַטען", צו דערקלערן זיך פאַר אַן אָנהענגער פון די פאַרבּינדע־טע און פּראָוואָצירן אונז אויף איבּעריקער אָפנהערציקייט. נאָר דער לערער האָט אונז דערקלערט, אַז „קולטור", „פרייהייט" און דעס־גלייכן איז דאָ אויך זייער אין דער מאָדע און אַז דער אָפיציר האָט לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן געלייענט וועגן דעם נישט אין „מאַטען" נאָר אין „דויטשע צייטונג". דערנאָך האָט דער לייטענאַנט געפרעגט צי ס׳געפינען זיך נישט צווישן אונז רוסישע—נישט־רוסי־שע (אוקראַינער), ענגלענדער — נישט־ענגלענדער (אירלענדער), און פראַנצויזן — נישט־פראַנצויזן (סאָציאַליסטן פון לינקן שניט). אַזעל־כע האָבּן זיך נישט געפונען, נאָר דער דייטש האָט, באַהאַלטנדיק זיין אַנטוישונג, אונז געזאָגט פונדעסטוועגן, אַז מיר וועלן מסתמא

אָפּשאַצן אין לאַגער די קולטור און די אָרדנונג פון דער גרויסער אימפּעריע.

נאָכן לייטענאַנט איז געקומען אַן אונטער און האָט זיך אונדז געהייסן אויסשטעלן אין דער ריי: מיסטער קולס בויך, ערקאָלעס הענט, מיין האָרב און ענדלעך דער גאַנצער מסיע דעלע זענען אַרויסגעפאַלן פון דער ריי. דער אונטער איז געבליבן זייער נישט צופרידן פון דעם און האָט מיטן גאַנצן כח אַ שטויס געטאָן מיסטער קולן אין בויך אַריין, גאָר געוואָר־ווערנדיק, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער, האָט ער עפּעס אַרויסגעמורמלט ווי אַן איבערבעטונג און האָט באַלד דערנאָך דערלאַנגט איבערן אויער אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, וועמענס בויך און אונטן זענען געווען אין אָרדנונג. כ'האָב דערנאָך באין אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם דאָזיקן מנהג, וואָס איז שוין איבערגעגאַנגען אין אַ רגילות, אַז חוץ נאָר אונדזערע שומרים האָבן זיך געבייזערט אויפן לערער, אויף מיסטער קול אָדער אויף מסיע דעלע, האָבן זיי באַשטראָפט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, אייַשאַן אָדער מיך. נאָך די דאָזיקע איבונגען האָט מען אונדז דערלאַנגט צו שיסל קרופּניק פון נישט קיין אָנגענעמען קאָליר.

דערנאָך האָט זיך טאָג נאָך טאָג אָנגעהויבן דאָס כסדרדיקע אַריינפירן אונדז אין די סודות פון דער אימפּעריעס קולטור און אָרדנונג. מיסטער קול האָט זיך תיכף געקאָנט איבערצייגן אין דעם, אַז זיינע דאָלאַרן האָבן נישט פאַרלוירן זייער מאַגישע קראַפט. ער און מסיע דעלע האָבן באַקומען פאַר זיי וואונדערלעכע מאָלצייטן, און אינגיכן האָבן זיי זיך אין לאַגער גערעכנט בלויז פּיקטיוו, וואָרים זיי זענען אַריבערגעפאָרן צו דעם עלטסטן פעלדפעבעלס ווייב, פרוי קנאַבע, וועלכע האָט געהאַלטן עפּעס ענלעכס אויף אַ פאַמיליען־פּענסיאָן פאַר געפאַנגענע פון דער בעסערער געזעלשאַפט. מסיע דעלע האָט זיך געקלאָגט בלויז אויף דער שווערוואָגיקייט פון די געקעכצן, וואָס צווינגען אים אָנצוקומען צו אַ טאָפּעלע פּאָרציע „פינק"־פּילן און צו דער דייטשקע עמכען, וואָס איז אומבאַוועגלעך, ווי די סטאַטוע „גערמאַניאַ", און קען נישט קיין איינעם, אַפילו דעם סאַמע פּרימיטיוופסטן, פון לוסיס פּאָקוסן.

דערפאַר זענען מיר, פאַרמשפּטע אויף דער דאָזיקער וואַסער־זופּ פון קאַרטאָפל־שאָלן, נאָך אַ חודש אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז מיר האָבן נישט געקאָנט גיין און בלויז צו דער קאָנטראָל זענען מיר אויפגעשטאַנען פון דער ערד.

איבעריקנס האָבן מיר זיך געקאָנט טרייסטן ווייסנדיק, אַז אַזאַ אָרדנונג עקזיסטירט אויף אויסערן לאַגער. איין זעלנער האָט מיר דערציילט, אַז זיין פרוי האָט אַזוי געהונגערט אין די חדשים פון טראָגן, אַז דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אָן האָר, אָן נעגל, פשוט אַ מוילוואורף. און דער הער לעווען, אין דעם אייגענעם ביבריך, דער אינטענדאַנט פרעסט אויף יעדן טאָג אַ גאַנצע אינדיטשקע. כ׳ווייס נישט צי שמידט האָט געוואוסט וועגן דעם; לויט דעם, ווי ער האָט פאַרניכטעט בלויז פראַנצויזישע גערטנער און האָט זייער געלויבט דאָס פליכט־געפיל פון הערשאַפט לעווען און בכלל די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע מיין איך, אַז די געשיכטע פונם דאָזיקן קינד איז צו אים נישט דערגאַנגען.

מיט דער קולטור איז דער ענין געשטאַנען נישט ווייניקער טרויעריק. איישאַ האָט אין זיין אומענדלעכער נאַיוויטעט דערציילט אַ דייטשן זעלנער, אַז ביי די דערהרגעטע שונאים האָט ער אַרויסגעריסן די ציין, ווייל „גרי־גרי" שיצט אים פון בייזן גייסט — האַרמאַט, דערביי האָט ער דעם דייטש געעצהט טאָן דאָס אייגענע. נאָך איישאַן האָט מען אומרחמנותדיק צעשלאָגן, צעבראָכנדיק זיין שטאָלץ און פרייד — די האַנט „אולטימאַ", דערנאָך האָט מען אים געוואָלט דערשיסן און נישט דערשאָסן בלויז דערפאַר, ווייל מ׳האָט אים אָנגעהויבן אָפּפאָטאָגראַפירן און ווייזן פאַר די פאַרשידענע האָלענדער און שוועדן, ווי אַ מוסטער פון גרויזאַמקייט און באַרבאַריזם. מ׳האָט אים איידל אַרויסגעפירט אויפן הויף, עפּעס דערקלערט די הערן אין די צילינדערס, געמאָסטן דעם קאָפּ, און דערנאָך, ווען די חשובע געסט זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט מען אים מיט זידלעריי און שטויסעריי אַריינגעוואָרפן אין אַ טונקעלע שאָפּע. מיין אָרעמער, איידעלער איישאַ, האָסט נישט געוואוסט, אַז אין די דאָזיקע שעהן האָסטו מיט דיין באַרבאַרישקייט געדאַרפט בולט מאַכן די קולטור און הומאַניטעט פון דיינע באַליידיקער! האָסט אַפילו נישט

געוואוסט, וואָס ס'באַדייט דאָס משונהדיקע וואָרט „קולטור", ווען מ'האָט געקוקט אויף דיר האָסטו פאַרשעמט געשמייכלט, און ווען מ'האָט דיך געשלאָגן—האָסטו הויך אויפן קול געוויינט, ווי אַ קינד ערקאָלע, וואָס איז שטאַרק אַראָפגעפאַלן אויפן לייב, האָט צוגעלקחנט אין קיך עטלעכע קאַרטאָפל, פאַרוואָס ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה און איז אויך צעהרגעט געוואָרן. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט די גאַנצע צייט געזיפצט, זיין לעבער־קראַנקהייט, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין אַפריקע, איז קאָמפּליצירט געוואָרן. ער איז געווען דערדריקט ביז צום אויסערסטן און האָט זיך געוואַקלט צווישן דריי אויסגאַנגען—אויפהענגען זיך, ווערן ענדגילטיק אַ טאָלסטאָיאַנער, ד. ה. מוחל זיין אַלצדינג די פאַרברעכער און אפילו אַליין פאַרלייגן דעם אונטער ער זאָל אים אויסהרגענען ביז צום טויט, אָדער פאַרוואַנדלען זיך אין אַ טישענקאָ כדי איבערצוגיין אין לאַגער פון די אוקראַאינער, וואו די באַדינגונגען זענען גענען געוועזן באַדייטנד בעסערע. ער האָט זיך אויף קיין זאַך נישט געקאָנט אַנטשליסן און פון צרות איז ער אַנידערגעפאַלן. איך האָב געזיפצט אײנײנעם מיט אים, געשאָלטן אויף כלערליי אופנים די קולטור, געשריבן אַלץ, וואָס אַ רוסישער שרייבער דאַרף שרייבן ביי אַזעלכע באַדינגונגען, און דאָס געשריבענע האָב איך געלייענט פאַר אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן—ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, געריטשעט: „יאָ, יאָ, זי קומט!" און דערנאָך האָט ער, אייבגראָבנדיק זיך אין קישן, געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. דאַגעגן איך, נישט קענענדיק וויינען, האָב אָדער נאָך געשריבן, אָדער געזעצט זיך אַנטקעגן דעם פראַנצויז, וואָס פלעגט קריגן אָפט פעקלעך פון דער היים, און מיט מיין גאַנצער נביאישער אייגנעשפּאַרטקייט געקוקט אים אַזוי לאַנג אין מויל אַריין, ביז ער האָט אין פאַרצווייפלונג נישט אָפּגעשניטן פאַר מיר אַ פּיטשינק שטיקעלע חזיר.

דער לערער האָט סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך נישט רעאַגירט נישט אויף דער קולטור און נישט אויף דער אָרדנונג. ווי אַ מעקסיקאַנישער בירגער וואָלט ער זיך געקאָנט באַפרייען, אָדער על כל פנים איבערפאָרן פון לאַגער אין פּענסיאָן פון פרוי קנאַבע, נאָר ער האָט אונז נישט געוואָלט איבערלאָזן. ער האָט זיך אויסגעלערנט גימנאַסטיק, די

שפּראַכן פון האַוס און הערעראָ, די איינריכטונג פון די צוויקל-
הירטשאַפטן אין אוקראַינע און די פאַרשידענע ערפאַרונגען פון ד
מלוכה-מאָנאָפּאָלן אויפן מערב. איך בין נישט ווייניק געווען איבער-
ראַשט פון כורעניטאָס פעיקייטן צוצופּאַסן זיך צו די סאַמע אונטער-
טרעגלעכסטע לעבנס-באַדינגונגען. און ער איז דאָך געווען דער
פיינסטער גאַסטראָנאָם אָן ערן-מיטגליד פון פּאַריזער „קלוב פון
גאַרגאַנטואיס נאָכפאָלגער", אַ קענער פון אַלע בורגונדישע און
באָרדאָער ווייַנען, אָן עקספּערט אויף די ליציטאַציעס פון אַלטע
ווייַן-קעלערס, און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם האָט ער געזופּט
די לאַגער-זופּ מיט אַפּעטיט, זייענדיק מונטער, געזונט און פריילעך.
די באַליידיקונגען האָבן אים אויך נישט אָנגעגריפן, ער האָט זיך
אַפילו באַצויגן צו זיי מיט דעם נישט-באַהאַלטענעם אינטערעס פון
אַ רייזנדן, וואָס שטודירט די זיטן פון אַ לאַנד, אָדער, ריכטיקער
וואָס שטודירט ברעם'ען פאַר דער שטייג אין זאָאָלאָגישן גאָרטן
בכלל איז ער אָן שום ספק געווען פאַרנומען מיט עפּעס אייגענע
געדאַנקען און פּלענער, וועלכע ער האָט אונדז נישט אָנגעטרויט. מיט
מיר האָט ער, וואָס אַן אמת, אַ סך געשמועסט, נאָר מער פון אַלץ
וועגן נאַרישקייטן, און, ווי ער האָט אַליין מודה געווען, אויף איינ-
צואיבן זיך אין דער רוסישער שפּראַך.

אָנהייב פעברואַר האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות; אונדז אַלע-
מען, מיסטער קול און מסיע דעלע איינגעשלאָסן, האָט מען אומ-
דערוואַרטעט אַוועקגעשיקט פון לאַגער אויפן מזרח-פראָנט אין דער
געגנט פון קאָוונע און דאָרט אונדז געהייסן פאַרריכטן די וועגן.
דאָס איז געווען אומגעהויער שווער, און איך בין איבערצייגט, אַז
ווען ס'וואָלטן נישט געשען פיל זאַכן, וועלכע מיר האָבן כלל
נישט פאָרויסגעזען, וואָלטן מיר אַלע, אויסער דעם לערער, אין אַ
חודש-צייט אַרום געפונען די אמתע, נישט ראָמאַנטישע באַרואיקונג.

אין אַ דריי וואָכן נאָך אונזער אָנקומען האָבן די דייטשן
אויסגעפּוצט דעם שטאַב מיט פענער און אונדז פריילעך באַגריסט:
„אין רוסלאַנד — אַ רעוואָלוציע. דעם צאַר האָט אַבדיקירט"! ווי
אַזוי גיט מען איבער די איבערלעבונגען פונם דאָזיקן טאָג, אַלעק-
סיי ספּירידאָנאָוויטשעס טרערן און אומאַרמונגען, מיין באַגייסטערט

געזאַנג, די שרעק פון מסיע דעלע און דעם לערערס רואיקע פריי־דיקע צופרידנהייט?

אויפן אַנדערן טאָג, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט וואַלצעווען דעם האָפנונגסלאָזן וועג, האָט כורעניסאָ אונז אַלעמען צונויפגענו־מען און געזאָגט: „פריינט מיינע, כ'לייג אייך פאָר צוגרייטן זיך צו דעם צאַרטן געזעגענען־זיך מיט די תענוגים פון דער גרויסער קולטור און צו אַ קליינער איבערוואַנדערונג אויף מזרח. כ'פאַרזי־כער אייך, אַז די אייגענע קאַרטאָפל־שאָלעכץ וועט דאָרט סער־ווירט ווערן אַ סך שאַרפזיניקער און אינטערעסאַנטער. די קראַנק־הייט הויבט אָן אַריינטרעטן אין דער צווייטער פאַזע, וועלכע כ'האָב שוין לאַנג פאָרויסגעזען. אַרויסגעשטראָמט פון די ענגע, שמאָלע פראָנטן, רייסט זיך די מלחמה מיט אַ מוראדיקן אימפעט, ברעכנדיק אַלע צוימונגען, אונטערצוואַשן דעם גראַניט און דעם פונדאַמענט פון דער וועלט. גלויבט מיר, אין דעם ווילדן פעטראָגראַד צע־שטערט מען איצט און מען בויט פאַנטעזאָנען, קוויטיסאַנען, אַקראָ־פאָלן און בי־באַ־באָ'ען פון דער אַל־וועלט!"

מיר האָבן נישט אינגאַנצן תופס געווען דעם ריכטיקן זין פון דעם לערערס רייד, נאָר אַלנפאַלס האָבן מיר זיך אייליק גענומען גרייטן צום אַנטלויפן. פאַרווירקלעכן דאָס פאַרטראַכטע איז אונז גע־לונגען ערשט אין אַ חודש אַרום, און דעם 7־טן אַפּריל האָבן מיר, איבערגעטאָגנענע פאַר דייטשן, (איישא נאָך אַלץ מיטן פאַרבאַנ־דאַזשירטן קאָפּ), זיך דורכגעקליבן צו די פאָדערשטע פאָזיציעס.

דאָס, וואָס מיר האָבן דערזען, האָט כּלל נישט דערמאָנט קיין מלחמה. קיינער האָט נישט געשאָסן און פון דער זייט פון די רו־סישע אָקאָפּעס האָט מען געהערט די קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָ־נאַל" און מ'האָט געזען רויטע פלאַקאַטן מיט די אויפשריפטן: „ברי־דער, קומט צו אונז! זאָל לעבן דער שלום!" פולשטענדיק פריי זע־נען מיר דורכגעגאַנגען דעם שטח צווישן די רוסישע און דייטשע אָקאָפּעס און דערזען פאַר זיך אַן אויסערגעוויינלעך בילד. אַ ראָטע דייטשן, וואָס האָט מאַרשירט אין פולשטענדיקער אָרדנונג, האָבן אויף דער קאָמאַנדע פון די אָפיצירן: „רעכטס! קושן די רוסן!" אַרומגענומען די בערדיקע פערם־ און וויאַטקא־בירגער, וואָס זענען

געווען אויסער זיך פון אַנטציקונג, געצלמט זיך און געוויינט. אין דער זעלבער צייט האָבן אַנדערע דייטשן געגנוי אַרומגעקוקט די פּאָזיציעס און געגראַבלט דאָרט מיט טאַשן־אַפּאַראַטן „צום אַנדענקען". נאָך די ערלעך אויסגעהאָרעוועטע אומאַרמונגען האָבן די דייטשן איינגעאָרדנט אויף דעם אָרט אַ נישט קיין גרויסן נאָר אָנשטענדיקן באַזאַר, טוישנדיק פּאַפּירענע פּאַפּיראָסן־פּושקעס, לעמפּלעך, וואָס צינדן זיך נישט אָן, אַן עקלדיקע פּליסיקייט, רוישיק אָנגערופן קאָניאַק, אויף זייף, טיי, חזיר, צוקער און נאָך אַנדערע פּראָדוקטן פונם ווילדן לאַנד. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט זיך גערופן „פאַרברידערונג".

מיר זענען געווען פון דעם אַלעם שטאַרק פאַרוואונדערט, הויפּטזעכלעך, ווען צווישן די זיך ברידערנדיקע האָבן מיר דערקענט אונזער פּריינט קאַרל שמידט, אין אַ פּראָסטן זעלנערישן שינעל. ווען ער האָט אונז דערזען, האָט ער זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן, נאָר באַלד איז ער געקומען צו זיך און דערקלערט, אַז מיט זיין קאַריערע האָט ער פאַרענדיקט, ער חלומט וועגן ברידערלעכקייט פון פעלקער, און אַ פאַרבלענדטער פון דעם שלום־פאַרלאַנג פונם נייעם רוסלאַנד גייט ער קיין פּעטראָגראַד כדי זיך דאָרט צו „ברידערן". כ'וועל נישט באַהאַלטן, אַז אין שמידטס אָפנהערציקייט האָב איך געצווייפלט און מיט מיינע אָנשוױנגען האָב איך זיך געטיילט מיט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש. נאָר ער האָט אויסגעשריגן: „דו האָסט אַ פאַרשטיינערט האַרץ! אין די דאָזיקע טעג פון דעם ערשטן אמתן פרילינג פון דער וועלט האָבן די ברידערלעכקייט־שטראַלן צעשמאָלצן אַפילו דאָס אייזן פון דער אימפּעריע. דו פאַרשטייסט נישט — שמידט איז דורכגעלויכטן געוואָרן, שמידט האָט חרטה. ער איז מיין ברודער און איך פריי זיך אָן אַ שיעור, וואָס ער פאָרט מיט אונדז!"

מילא, פאַרפאַלן, אַ ברודער איז אַ ברודער. כ'רעד נישט מער אַנטקעגן. זאַלבע זיבן פאָרן מיר אין טיף רוסלאַנד. נאָך צען יאָר צעשיידונג זע איך ווידער די גרויסע, פאַרדרויכערטע פעלדער, די קליינע סטאַנציעלעך, וואו ס'שפּאַצירן אַרום ריינע, רוסישע מיידלעך און חלומען וועגן מאָסקווע, וועגן קינסטלערישן טעאַטער און וועגן

דער ליבע פון עפּעס אַן אידעישן געהילף-אַדוואָקאַט; די קניפּ-סטאַציעס מיט די געהאַקטע קאָטלעטן און פּאַפּירענע בלומען, מיטן שכורן שטאַבס-קאַפּיטאַן, וואָס טרינקט פון אַ טשייניק בראָנפן, מיט דער קופּע זעלנער, גויעס, קינדער, וואָס ליגן צונויפגעקנאָרעט אויפן פאַרשפּיגענעם פּעראָן, קעמען זיך לאַנגווייליק אַרויס די לייז און זידלען זיך אין דער מאַמען אַריין. רוסלאַנד—דאָס ביסטו!

פון פּסקאָוו שיקט דער לערער אַ דעפּעש צום אויסערן-מיניסטער פון דער צייטווייליקער רעגירונג. „ס׳פאָרן קיין פּעטערבורג אַ מעקסיקאַנישער דעלעגאַט, דריי פאַרבינדעטע, צוויי פּאָליטישע עמיגראַנטן, איין דייטש, וואָס איז קעגן אַנעקסיע און קאָנטריבוציע, איין באַפרייטער נעגער. נעמט אָן מיטלען". אַ קאָפּיע — אין די רעדאַקציעס פון אַלע צייטונגען.

הגם (צו יענער צייט) איז דאָס אָנקומען פון אַן אויסלענדישער דעלעגאַציע געווען אַ טאָג-טעגלעכע דערשיינונג, דאָך האָט מען אונז באַגעגנט זייער ריירנד, אַפילו פייערלעך. אויפן וואָקזאַל האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פאָרשטייער פון די פאַרשידנאַרטיקסטע אָרגאַניזאַציעס, אַ שטייגער: פונם ראַיאָן-ראַט פון זעלנערישע דעפּוטאַטן, פון דער „ליגע פאַר דער ענדגילטיקער באַפרייאונג פון רוסלאַנד", פונם „פאַרבאַנד פון גענעראַלן-סאָציאַליסטן", פון דער „פאַרייניקונג פון די פאָלקסשולן" און אַנדערע. די ליגע האָט דערלאַנגט מסיע דעלען אַן אַלבאָם מיט פּאָרטרעטן פון די טוער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע—פּואַנקאַרע, אַלבערט טאָמאַ און טשכעידזע; די גימנאַזיסטקעס האָבן פאַרלאַנגט אונטערשריפטן אין אַלבאָם אַריין ביי איישאַן, וואָס האָט זיך שוין גאָר געהאַט פאַרלוירן, מסיע דעלע איז פון די פאָטאָגראַפיעס געבליבן צופרידן. טשכעידזען האָט ער אַפילו געלויבט—„אַ שיינער מאַנסביל!"—נאָר ווען דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל", האָט ער זיך דערשראָקן און גענומען שעפּטשען מיסטער קולן: „איר הערט! עס הויבט זיך אָן... מ׳דאַרף זיך ראַטעווען! אָ! אַפילו ביי די „באָשן" איז געווען רואיקער! איבעריקנס, נאָכן ענדיקן דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָבן זיך די קלעזמער גענומען צו דער „מאַרסעליעזע", און דאָס האָט באַרואיקט מסיע דעלען.

מער פון אַלע האָט זיך מיט דער באַגעגעניש געפרייט ערקאָלע. ער האָט געריטשעט זיין „עוויוואַ", ביי אַ שטילן סטודענטל האָט ער אַרויסגעריסן זיין פלייט און מיטן גאַנצן כּח גענומען בלאָזן אויף איר, דערביי האָט דער המון געמיינט, אַז דאָס שפּילט מען אַן אויסלענדישן הימן און האָט מיט יראת הכּבוד אָפּגעדעקט די קעפּ; ערקאָלע האָט פאַרלאַנגט מ'זאָל לאָזן בענגאַלישע פייערן און צום סוף איז ער אַ מידער אַריין אין די פאַראַדנע, אַזוי גערופענע „בּאַרישע" זאַלן פון וואָקזאַל, אויסגעלייגט זיך אויף די בוכאַרישע דיוואַנעס און גענומען שפּייען. ווען קיינער האָט אים נישט גע־הייסן אַרויסגיין, נאָר פאַרקערט, מ'האָט אים גענומען פאָטאָגראַפירן און דערלאַנגען בלומען, האָט ער אַ געשריי געטאָן צו אונז: „דאָס איז אַ וואונדערלעך לאַנד! ענדלעך האָב איך געפונען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו מיין וויאַ פאַסקודיני, נאָר ווייכער און באַקווע־מער!..."

דאָס דריי און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

הערקאָלע מאַכט קאָזשעלקעס — מיר קוויקן זיך און זענען באַומרואיקט

צוטרעטנדיק צום דאָזיקן קאַפּיטל, וועט דער לעזער, קאָן זיין, ווערן אויפגערעגט צוליב דער לייכטזיניקייט און כאַאָטישקייט פון מיין דערציילונג. אויף צו פאַרענטפערן זיך וועל איך בלויז זאָגן, אַז די ערשטע הדשים פון דער רעוואָלוציע בין איך געווען פאַרכאַפּט אויסשליסלעך פון איין באַשעפטיקונג: כ'האָב מיך אַנטציקט. מיין אַנטציקונג האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשידענע פאָרמען: דאָ בין איך מיט אַנדערע אויך אַנטציקטע געגאַנגען איבער די גאַסן און געפּרווט זינגען, דאָ האָב איך זיך אַרויפגעשטעלט אויף פּיעדעסטאַלן פון דענקמעלער, אויף בענק, אָדער פּשוט אויף העכערע זאַכן און געהאַלטן לאַנג־שעהדיקע רעדעס, דאָ האָב איך אינדערהיים פאַר די בילדער פון די באַליבטע פירער גענומען שרייען: „אוראַ!" „נידער!" און דערביי נישט ווייניק איבערגעשראָקן די דינסט דוניאַשע, ביי אַזאַ אַרט לעבן, פאַרשטייט זיך, איז שווער געווען אַכטונג צו געבן און צו בעמען זיך אין זכרו אַריין נישט בלויז די געשעענישן, נאָר אַפילו די מעשים פון מיין לערער. זיי זענען געבליבן אין מיין געדעכעניש קלאָרע, אָפּגעריסענע, צונויפגעבונדן בלויז דורך זייער פאַרביקער צופעליקייט.

אויף צומאָרגנס נאָך אונזער קומען זענען מיר געוואָרן איינגעלאַדן אויף אַ מיטינג אין צירק טשיניזעלי אויף האַלבע נאַכט.

די צייט און דאָס אָרט האָבּן מיך אַביסל איבּערראַשט, נאָר אַ באַקאַנטער עס-ער האָט אונז דערקלערט, אַז אַפילו דער יונגער מלוכה־אָרגאַניזם האָט שוין זיינע טראַדיציעס, און איך האָבּ זיך נישט באַמיט צו דערגיין זייער אָפּשטאַמונג. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מיטינג. נישט בּלויז איך, אַלע אָנוועזנדיקע, און געווען זענען זיי בּכלל נישט ווייניקער פון טויזנט מאַן, האָבּן זיך אָפּן און פריי אַ:טציקט.

דער ערשטער איז אַרויסגעטרעטן מסיע דעלע. „בּירגער, ערלויבּט מיר אייך בּאַגריסן אין נאָמען פון אַ לאַנד—דער מוטער פון אַלע רעוואָלוציעס! (הוראַ!) מיינט נישט, אַז דאָס איז עפּעס נייעס. בּיי אונז איז אַלץ געווען נישקשה—מ'האָט זיך געגעבּן אַן עצה! איצט איז אַ רעפּובּליק (אוראַ!) און נאָך וואָס פאַראַ! אומעטום איז אָנגעשריבּן „פרייהייט—גלייכהייט—בּרידערלעכקייט!" אַפילו אויף די תּפיסות. (פון דער גאַלעריע — „נידער, פאַרלאַנגען פון פראַנקרייך אַמנעסטיע!" דער פאָרזיצער: „אָרדנונג! אַלע האָבּן רעכט זיך אַרויסצוזאָגן!"). אָבּער אין די תּפיסות זיצן דאָך בּלויז פאַרבּרעכער, שונאים פון דער אָרדנונג. בּיי אונז, בּירגער, איז דאָ אָרדנונג. און גלויבּט מיר, דאָס לעבּן איז וואונדערלעך, ווי אַ רויז אין מאַי. איך האָבּ אַ הייזל מיט אַ גערטל, אין גערטל בּליען רויזן („בּורזשוי!") און די קליינינקע לוסי. . . (דער פאָרזיצער: „מ'האָט מיר דערלאַנגט אַ קוויטל: „כ'בּעט דעם אָראַטאָר זין האַלטן נעענטער צו דער טעמע „רעוואָלוציע און די אַלוועלט!"). בּירגער, כ'וועל דאָס מאַכן קורץ. איר פאַרשטייט אַליין, וואָס מיר דערוואַרטן פון אייך. גייט אויפן פראָנט! שטאַרבּט וואָס גיכער פאַר אייער פרייהייט! (מיר וועלן שטאַרבּן!) און פאַרן סימבּאָל פון דער אייבּיקער פרייהייט—פאַר פראַנקרייך!" מסיע דעלעס רעדע איז בּאַגלייט געוואָרען מיט אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען—„זאָל לעבּן פראַנקרייך!"

בּאַלד דערנאָך גייט אַרויס שמידט און אָן דער הילף פון אַן איבּערזעצער, געגוג גראַמאַטיקאַליש, הויבּט ער אָן רעדן: „בּירגער און חברים! מיר זענען אַלע מיד (ריכטיק!). מיר אַלע ווילן שלום. איך ווייס אויף זיכער, אַז דייטשלאַנד ציט אויס אַ פריינטלעכע האַנט

צום רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. די ענגלישע אימפּעריאַליסטן פאַרלאַנגען, אַז איר זאָלט זיך פאַרטיידיקן („אַ חרבה!”) און אַזוי, ני-דער מיט דער מלחמה!” ווידער אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן.

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש: „ברידער! דאָס נביאות איז מקוים געוואָרן! די אויגן פון דער גאַנצער וועלט זענען געווענדעט אויף משיחן, אויף דער שאָף, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן. ווען דער חכם פון יאַסנע-פּאָלאַנע וואָלט דערלעבט די דאָזיקע מי-נוט! שטייט אויף, ברידער! (אַלע שטייען אויף; פון אונטן: „זעצט זיך, איר שטערט צו הערן!”) וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו האָט געשריבן: „נאָכן מלכות פונם פאָטער און זון וועט קומען דאָס מלכות פונם הייליקן גייסט.” גרייט זיך צו דער לעצטער העלדנטאַט! ברידער, אויפן אַנדערן מיטינג וועל איך אייך דערציילן מיין גאַנצע לעבנס-געשיכטע און איר וועט זען ווי אַזוי די אויגן האָבן מיר זיך גע-עפנט אַ דאַנק דער רעוואָלוציע. איצט, ליידער, האָב איך נאָך אין מיין רשות נישט מער ווי צוויי מינוט. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט צייט? מיר וועלן עס בייקומען! נידער מיט דער צייט! („נידער! צו אַלדי רוחות!”) פאַראַן די אייביקייט און די רעוואָלוציע פון גייסט!” (בראַוואָ! פאַרלענגערן די צייט! נאָך! גענוג! אורא!).

עס גייט אַרויס אַ בעל-מלאכה: „דאָס הייסט, איך, חברים, מיין, אָט ווי אַזוי יענער חבר האָט גערעדט וועגן גייסט — ראשית-כל אַפּלאָזן אַלע רעזערוויסטן אַהיים, און דערנאָך דאַרף מען די פוי-ערים נעמען פאַרן קאַרק, פינף רובל רייסן זיי פאַר קאַרטאָפל. („מעלדן דער רעגירונג!” „לאָזט-זשע זיך אַרויסזאָגן אַ פאָרשטייער פון פּראָלעטאַריאַט!”).

דערנאָך זינגט עפּעס אַזאַ דיקלעכער אַרטיסט: „טאָרעאַדאָר, מוטיקער אין שלאַכט אַריין!” אַ קורסיסטקע לייענט פון אַ ביכל מיט געפיל: „מוזע פון פאָלקסצאָרן”. פון אונטן שרייט מען: „מ'האָט אָפּגענאַרט! אַהער דעם מעקסיקאַנער!”

דער לערער: „ווען איך וואָלט נישט געקוקט ווייטער ווי ביזן מאָרגנדיקן טאָג און וואָלט נישט געקאָנט אויפהויבן דאָס בלעטל פון אַפּרייס-קאַלענדאַר, וואָלט איך אייך געזאָגט: איר זענט די גרע-סטע רעאַקציאָנערן. די פרייהייט, וועגן וועלכע איר אַלע רעדט,

איז אַ דאַנק גאָט („נידער מיט די פּאַפּן!) און דער מלחמה אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין אַרכיוו אַריין. נאָר איר דאָ לעבט דאָך נישט, איר חלומט, און אין חלום דערמאָנט איר נישט וועגן דעם, וואָס איר האָט נישט געהאַט, נאָר איר קוקט אַריבער צו דער ווייטסטער צוקונפט. איך באַגריס אייער משוגעת, — אייערע ווילדע געשרייען, אומזיניקע רעזאָלוציעס און די דאָזיקע צירק־אַרענע, אויף וועלכער איר פירט אויס, מיט דער גאַנצער גאָטספאָרכטיקייט און ערנסטקייט, קאָזשעלקעס פאַר די אויגן פון דער צעטומלטער אייראָפּע!"

אַ מיספאַרשטענדעניש, מ׳שהייגט. די שטימונג, דאַכט זיך ווערט קאַליע. עס קריכט אַרויס עפּעס גאָר אַן אוממעגלעכע גויע אין אַ טיכל מיט אויסגעשאָטענעם אַרבעס, די ציינער טרייסלען זיך, זי ניאַמקעט: „כ׳האָב טאַקע געזען, פּאַטערל, אין חלום, ווי אַ מוראַדיק־גרויסע גריל האָט זיך אָנגעפרעסן מיט איינגעמאַכטס, אַ גאַנצן סלאָיעק אַריינגענאַשט און קריכט זיך באַהאַלטן ביים טאַטן מיכאל אונטערן אונטן און אַז ער גיט זי נישט אַ שליידער אַוועק מיט די וואָנסעס. נו, איז דאָס אַן עסק? נישט אַנדערש, נאָר עמיצער קריכט אויפן טראָן!"

געוואַלדן. אויבן שלאָגט מען זיך שוין. צו אַלע צרות וויל זיך ערקאָלע, וואָס איז אַנטציקט פון דעם בילד, אויך באַווייזן. אויף געפלינק לאָזט ער זיך אַראָפּ אונטן אויפן זאַמד און מאַכט אַ קאָזשעלעק. דאָס איז נישט קיין אַלעגאָריע, פּשוט אַ וואונדערבאַרער זשעסט, וואָס פּאַסט פאַר דעם „רוימער באַמבוטשי". מ׳טומלט. מ׳איז נישט צופרידן.

„פּראָוואָקאַטאָר!" „ווער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר?" „אַ טויט די פּראָוואָקאַטאָרן!" די אונטערשטע רייען לאָזן זיך פילן. ערקאָלע איז אין געפאַר, נאָר עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ פּראָוואָקאַטאָר איז נישט ער, נאָר עפּעס אַ הער אין אַ פילצענעם קאַפּעלוש, איבעריקנס דער דאָזיקער הער איז אַ וויצע־מיניסטער און בכלל אַ חבר, און דער פּראָוואָקאַטאָר, ווייזט אויס, איז נעלם געוואָרן. באַרואיקונג. מ׳שטימט אָפּ רעזאָלוציעס. נאָר ערקאָלע איז אומצופרידן, וואַרפט ער איבערלופטן די פון פריער צוגעגרייטע פּעטאַרדעס. „מ שיסט!" אַ פּאַניק. קוים וואָס מיר ראַטעווען זיך. מ׳שרייט: „ווי קאָן מען

דאָס זיין אַזוי אומבאַוואוסטזיניק, חבר, איר זענט אַרויפגעטרעטן דעם קינד גלייך אויפן קעפּל אַרויף!"

איך בין געווען אַנטוישט מיט אַזאַ אויסלאָז פון אונזער מיטינג, נאָר דער דערמאָנטער עס ער האָט זיך ווידער פאַררופן אויף טראַדיציעס. דער לערער, פאַרקערט, איז געבליבן פולשטענדיק צופרידן פון דער שטורמישער נאַכט און האָט באַשלאָסן זיך צו ספּעציאַליזירן אויף מיטינגען, ער האָט זיי איינגעאָרדנט אין די צענדליקער, אונטער פאַרשידענע נעמען און פאַר מענטשן פון כלערליי קאַטעגאָריעס.

באַזונדערס זענען מיר געבליבן אין זכרון דריי מיטינגען: פון גנבים, פּראָסטיטוטקעס און מיניסטאָרן. דער מיטינג פון גנבים איז אַדורך זייער לעבעדיק. דער פאָרשטייער פון איינעם פון די מיניסטעריומס, אויך אַן עס-ער, (אַגב אורחא, אַ גאָר פאַרמעגלעכער מענטש, אַ הורט-סוחר פון קאַווע), האָט דערוויזן די גנבים, אַז ראַשית איז אייגנטום, ווי דאָס האָט נאָך פּרודאָן דערוויזן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, גנבה, נאָר צווייטנס איז גנבהענען דאַרף מען נישט, און ס'איז נויטיק ערלעך צו אַרבעטן, כדי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. די גנבים האָבן זיך געגנגעשטעלט, פאַררופנדיק זיך אויף דער שווערקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זייער פאַך, זיי האָבן באַשלאָסן אויסצודריקן אַ פּראָטעסט געגן די טאָפּעלע שלעסער ביי די איינגאַנגס-טירן, וואָס רירן אָן די פרייהייט פון די בירגער. געענדיקט האָט זיך דער אָוונט מיט אַ סקאַנדאַל: דער עס-ער האָט באַמערקט, אַז ט'פעלט אים אַ טייסטער מיט ענגלישע פונטן, האָט ער זיך ווילד צעריטשעט: „שווינדלער, גנבים, אַלע אין טורמע אַריין!" און האָט גערופן מיליציאַנטן. נאָר דער מיליציאַנט, וואָס איז געקומען באַגינען, האָט דערקלערט, אַז פריער מוז ער זיך אָנפרעגן ביי זיין קאָמיטעט, און דער עס-ער, וואָס האָט דאָ צום ערשטן מאָל זיך דערמאָנט מיט בענקשאַפט אָן „גאָראָדאָוואָי", איז אַוועקגעגאַנגען אויפן צווייטן מיטינג.

אויפן מיטינג פון די פּראָסטיטוטקעס האָט זיך אָנגערעדט צו דער זעט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש: ער האָט דערמאָנט סאָנעטשקע מאַ מעלאַדאָוואַ און מאַריאַ עגיפּעטסקאַיאַ, האָט געבעטן מחילה,

האָט אייַן אַלעמען מוחל געווען, האָט דערציילט זיין לעבנס־געשיכטע און, ענדלעך, האָט ער פאָרגעלייגט די פאַרזאַמלטע „אָפּצוטובלען זיך אין די וואַסערן פון רעוואָלוציאָנערן ירדן און פאַרנעמען זיך מיט נייעם אונטערהויזן פאַר די מוטיקע פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד און פון דער פרייהייט.”

אַ סך האָבן געוויינט. דערנאָך האָבן פאַרשידענע בירגערינס פאַרלאַנגט מ'זאָל העכערן די טאַריפן. אַלעקסיי ספּירידינאָוויטש האָט ווידער געפּרוווט רעדן, האָט ער זיך צעוויינט פון גערירטקייט און איז אָוועקגעפירט געוואָרן פון אַ געוויסער מאַריאַ עגיפּעטסקאַיאַ, וואָס האָט געשעפּטשעט: „חבר־קאַוואַלער, איר זענט שרעקלעך סימפּאַטיש!”

גאָר באַזונדערס באַזוכט איז געווען דער מיטינג פון די מיניסטאָרן, וואָרים ס'זענען געווען איינגעלאַדן געוועזענע, איצטיקע און קינפטיקע מיניסטאָרן. אַזוי ווי די דאָזיקע דינסט האָט געדויערט זייער קורץ, און יעדער האָט געקאָנט אויסרעכענען, נישט היינט איז מאָרגן וועט ער זי פאַרלאָזן,—דערפאַר זענען אין צירק געקומען נישט ווינציקער, ווי צוויי טויזנט מאַן. די זיצונג פון דער רעגירונג איז צוליב דעם געוואָרן אָפּגערופן. אַלע מיניסטאָרן, אפילו די קומענדיקע, האָבן זיך מתודה געווען, און פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן נישט זיין קיין מיניסטאָרן דעמאָלט, ווען זיי וועלן עס זיין. זיי האָבן גערעדט זייער פּאָעטיש—וועגן ים, וועגן זון־אונטערגאַנג, וועגן פאַרזשאַווערטע קייטן, וועגן שליסלען צו די הערצער און אַזוי ווייטער. בכלל האָב איך שטאַרק מורא פאַר מיניסטאָרן, נאָר די דאָזיקע זענען גאָרנישט געווען שרעקלעך און כ'האָב זיך געפילט ווי אין דער געזעלשאַפט פון אָנפאַנגענדיקע פּאָעטן. איך האָב אפילו באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן מיט דער פאָלגנדיקער רעדע: „בירגער, פאַר די צען יאָר זיך אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סך נישט־גוטע מלאכות. ס'איז מיר אויסגעקומען צו גאָלן פודעלס, שלעפן וואַגאָנדלעך, באַלאַדנט מיט פאַרדעכטיקן געפעס, זיין אַ קאַסירער אין אַן עפנטלעך הויז פון מיין פריינט מיסטער קול. נאָר, באמונות, איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין מיניסטער און וועל אַזאַ נישט זיין. בכלל האָב איך ליב מענטשן און איר זענט מיר באַזונדערס זייער סימפּאַטיש. איך עצה

אײך צו פֿאַרנעמען זיך מיט עפּעס אַנדערש. איר אַלע װײַזט אַרױס אַ נײגונג צו פּאָעזיע און איר קאָנט אומבאַדינגט שרײַבן רעקלאַמעס פֿאַר שאַפּשאַלס פּאַפּיראָסן אָדער אַפֿילו באַשרײַבן די לאַנדװירטשאַפֿטלעכע שײנקײטן אין „רוסקאָיע באָגאַטסטװאָ”.—זאָל לעבן דערפֿאַר די רײנע פּאָעזיע”! מ'האָט מיך לאַנג אַפּלאָדירט.

נאָך די מיטינגען און די אַרטיקלען אין די צײַטונגען זענען דעם פֿערערס פֿאַרדינסטן געװען אָפּגעשאַצט דורך אַלעמען. ער איז געװאָרן באַשטימט אַלס איבער-קאָמיסאַר, נאָר פֿון װאָס—האָט ער געגנבֿעט נישט געקאָנט געװאויר װערן, װאָרים דער, װאָס האָט אונטערגעשריבן די נאָמינירונג, האָט, אײַלנדיק זיך אויף אַ מיטינג, זי נישט פֿאַרענדיקט. מ'האָט אונז געטרײסט, אַז ערגעץ-װאו װעט מען שוין די זאַך פֿאַנאַנדערקלײַבן.

אין מיטן זומער האָב איך פּלוצלינג אױפֿגעהערט זיך צו אַנטציקן און האָב זיך פֿאַרנומען מיט אַן אַנדער זאַך, דהײנו, כ'האָב אָנגעהױבן װערן אומרואיק. אויף דעם איז אויך פֿאַרגאַנגען אַ סך צײַט. כ'האָב זיך באַומרואיקט אינדערפֿרי, שטײענדיק אין דער רײ נאָך ברויט, לײענענדיק די צײַטונגען, בײַטאָג אויף די זיצונגען און, אינאָװנט אויף די מיטינגען. בײַנאַכט בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די באַלעבטע פּראָספּעקטן. ס'האָבן אַרומשפּאַצירט אָפֿיצירן, מאַטראָסן, מיניסטאָרן, פּראָסטיטוטקעס, שפּעקולאַנטן, עס-ערן, פּשוטע בירגער, און אַלע זענען אויך געװען אומרואיק. יעדן אָװנט האָט עמיצער געפּרוּװט נעמען די מאַכט, נאָר דערנאָך האָט ער זיך איבערגעלײגט אָפּגעלײגט אויף שפּעטער און דער ענין האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ נישט גרויסן געשלעג. פֿון די װאָקזאַלן האָבן זיך געטראָגן טויזנטער בערדיקע סאָלדאַטן, אומװאַרפֿנדיק די דאַמען, װעלכע זענען סײַ-װי געפֿאַלן אין חלשות פֿון זײער אויסזען, און אויך די װאונדערלעכע „זעמהאָוזאַרן”, װאָס האָבן אַגיטירט די בערדיקע צו גײן אויפֿן פֿראָנט „פֿאַר ערד און פֿרײהײט”. אין די ערשטקלאַסיקע רעסטאָראַנען, װאו הין מיסטער קױל פֿלעגט אונדז אַמאָל פֿאַרבעטן, האָבן זיך די קעלנערס װי אין די אַלטע צײַטן געבוקט ביז צו די קני, ס'האָבן געראַשט די פֿאַרבינדעטע רומענער („עי, רומפּראָגט, אַנו, טו נאָר אַ שפּיל-אָפּ װעגן דעם מײדעלע!”). אין די באָקאַלן האָט

געשווימט קושאַן „אירוואַ", און די געסט האָבן מיט ברייטע זשעסטן, שאַרנדיק אין די טייסטערס, געוואָרפן דרייערובלדיקע פאַר די געאָרגעוווסקי־קאַוואַלערן („טאָמער וועלן זיי העלפן די גענעראַלן אויסראָטן די לומפן!"). אָפּהולענדיק אַזוי, האָבן מיר דערנאָך דריי טעג געהונגערט, וואָרים קיין געלט האָט נישט געקלעקט אפילו אויף קיין ברויט.

מיינע פּריינט זענען אויך אַלע געווען אומרואיק: מסיע דעלע דערפון, וואָס די רוסן גרייפן נישט אָן, שמידט דערפון, וואָס פונדעסטוועגן קלייבן זיי זיך צו מאַכן אַן אָנגריף, מיסטער קול האָט נישט בעקאָנט פאַרטראָגן די פינאַנציעלע פּאַניק, ערקאָלע האָט שוין פאַרנוצט אַלע פעטאַרדעס, וואָס זענען געווען אין פּעטראָגראַד, קיין פרישע האָט מען נישט געברענגט, אייזשאַן ווידער האָבן עפּעס אומבאַקאַנטע שכּורים צעשלאָגן ערגעץ אויף די אינזלען, אָנגעמענדיק אים אָדער פאַר אַ שד, אָדער פאַר אַ שוואַרץ־מאַהניק, און ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אַליין אויפן גאַס. מער פון אַלע האָט זיך באַאומרואיקט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, ער האָט זיך שוין געהאַט פאַרשריבן אין „טויטן־באַטאַליאָן" צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד. נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער עפּעס חרטה געקריגן: מ'האָט דאָך געדאַרפט אַריינגיין אין אַ וועלכער נישט איז פּאַרטיי אָדער על כּל פּנים שטימען בעת די וואַלן צו דער שטאָט־דומע אויף עפּעס אַ צעטל. נאָר די רעכטע עס־ערן זענען געווען פאַר אים צו־לינק, דאַקעגן די לינקע עס־ערן צו־רעכט. ער האָט זיך פאַרלוירן, געזיפצט און נאָכן אויסטרינקען אַ גלאָז קרושאָן, האָט ער געוויינט פאַר מיסטער קול: „עס שלאָגט צוועלף אַזייגער! רוסלאַנד גייט אונטער! און איך דאָ טרינק קרושאָן — אַ גוטער בירגער, אַ זון פון פאָטערלאַנד! תּשובֿה טאָן לאָזט! גיט מיר פיין! אָ־אָ!"

דערנאָך האָבן די דייטשן גענומען אָנגרייפן. שמידט האָט זיך געפרייט און האָט מכבד געווען אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן, וואָס האָט שוין נישט געטיינט, נאָר געשלאָכט, מיט ריגער קימל. מסיע דעלע האָט געדראָט: „אָט וועל איך גאָר נעמען איינפּאַקן די טשעמאָדאַנעס און אַוועקפאָרן, חעט מען זען, וואָס רוסלאַנד וועט קאָנען אויפטאָן אָן מירז" איבער נעווסקי איז מען אַלץ מער גע־

לאָפּן, געזונגען, געזידלט זיך, געשאָסן. ענדלעך זענען אָנגעזאָגט געוואָרן גרויסע פײערונגען לכּבוד דעם פרײען ליבעריען, דערבײ האָט מען אײַשאַן געצוואונגען געבוירן צו ווערן אין דער דאָזיקער רעפּובליק אנשטאָט אין סענעגאַל. איבעריקנס, האָט ער דאָס נישט באַדויערט: מ׳האָט אים באַזעצט אויף אַן ערן־אָרט און אויף כּלערליי אופנים אים אָפּגעגעבן כּבוד: עפּעס אַ דאַמע האָט גערעדט וועגן ביטשער־סטאָו און האָט געעצהט די רוסן, „די דאָזיקע נעבעכדיקע צעבונטעוועטע קנעכט”, אַז זײ זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכּל, געגנוי פון וועמען האָט זי נישט אָנגעוויזן, צי פון ביטשער־סטאָוען, צי פון די נעגערס. אַ פּראָפעסאָר, אַ לינקער קאַדעט, האָט זײער רעקאָמענדירט אײַשאַן אָנצווענדן אין ליבעריען דאָס סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאָרשטײערשאַפט און האָט פאָרגעלײגט אַפילו זײַן מיטווירקונג. צום סאַמע סוף איז אַרויסגעגאַנגען אַ לאַנג־האָריקער בחור׳ל און געשריגן: „דער עיקר איז — פאַנאַנדערבינדן דעם גײַסט, דער פוטוריזם פון לעבן! אויב דו ביסט אַ ליבעריאַנער, — אַ נואף, אַ מערדער, אַ פאַרברעכער, האָב איך דיך ליב! מירן אויסשמירן אונזערע מאָרדעס אין סאַזשע און זינגען אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם קומענדיקן פּרימיטיוו. הײַנט אין אָוונט גײט אַלע אין טענישעווס שול אויפן רעפעראַט „דער נאָפּל און נאָך עפּעס מיט פּראַקטישע דעמאָנסטראַציעס!”

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער אודיטאָריע, וואו די דאָזיקע פײערונג איז פאָרגעקומען, האָב איך פאָרגעלײגט מיר זאָלן תּיכּף אַוועק אויף דער פוטוריסטישער לעקציע, נאָר דער לערער האָט געזאָגט: „צוגעגעסן. בכּלל, מײַנע פרײַנט, הײַנט אין אָוונט ווער איך פאַרשוואונדן, פאַרשטײט זיך, נאָר אויף אַ צײַט — אײַנגיכן וועלן מיר זיך זען.

„קוקט אָן די דאָזיקע דערשראָקענע, אומרואיקע און פאַרצווײפלטע גאַסן. יעדער שטײנדל, יעדער ײנגל רופט: „נעמט אַוועק די פרײַהײט, זי איז שווערער פון יעדן יאָך, זי איז נישט פאַר די כּחות! קאָן מען זיך דען דענקען פרײַהײט אָן אַ פולשטענדיקער האַרמאָניע? זי ווערט שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ באַהאַלטענער קנעכטשאַפט. איך וועל ווערן פרײַ, דריקנדיק אַן אַנדערן. מ׳קאָן זיך זײער

ביך אויסלערנען נישט צו לאָזן זיך דריקן פון עמיצן, נאָר ס׳זענען בויטיק אייזערנע יאָרהונדערטן פון פרישער אומדערהערטער אָנשטרענגונג אום צו פאַרלירן דעם חשק צו דריקן אַנדערע. גלויבט נישט די שיינע לעגענדעס און זיפצן וועגן העלאַדע. די געשיכטע האָט פאַרוואָרפן אַ פאַרשענערונגס=שלייער אויף דעם פרייען קלוגן פילאָזאָף, וועמענס בית=הכסא ס׳האָט געגראָבן דער פשוטסטער, געווייגלעכסטער קנעכט. לאַכט, ווען מ׳דערציילט אייך וועגן דער געטלעכער היעראַרכיע אין אינדיע, אָדער וועגן דער פרייהייט פון די אומאָפהענגיקע בריטן. דאָס אַלץ איז נישט מער, ווי אַ פּאָעטישע פאָרמולירונג פון אייגער און דער זעלבער ווירקלעכקייט. קיין פרייהייט איז נישטאָ און ס׳איז קיינמאָל נישט געווען. נישט געקוקט אויף קיין ואַך, האָט פונדעסטוועגן עפיקטעט דאָך געוואָלט עסן. תחילת ווערן געגעבן די געזעצן, און וואָסער אַ פּאָעטישן אומזין ערענבורג זאָל נישט פלוידערן, גייט ער דאָך אויף צוויי פיס, האָט ליב אָפּצועסן, צו קליידלעך איז ער נישט גלייכגילטיק און אַזוי ווייטער. די טויזנטער פאַרשידענע רעליגיעס, דאָגמעס, פילאָזאָפישע סיסטעמען, געזעצן באַשטעטיקן נאָר דעם פאַקטישן זאַך=צושטאַנד.

„איצט גייט די מענטשהייט בכלל נישט צום גן=עדן, נאָר צום שטרענגסטן, שוואַרצן, שוויס=יאָגנדיקן גהינם. עס קומט אָן, דאַכט זיך, דער פולשטענדיקער בין=השמשות פון דער פרייהייט. אַשיר און מצרים וועלן איבערגעשטיגן ווערן דורך דער דאָזיקער אומדערהערטער נייער קנעכטשאַפט. נאָר די קאַטאָרגע וועט זיין אַ צוגרייטונגס=קלאַס, אַ גאַראַנטיע פון דער פרייהייט—נישט פון די סטאַטועטן אויף די פּלעצער, נישט פון דער אויסגעטראַכטער פאַנטאַזיע פון אַ שרייבערל,—נאָר פון דער שפּעטערישער פרייהייט, פון דער אומבאַפלעקטער גלייכגעוויכטיקייט, פון דער ענדגילטיקער האַרמאָניע. איר וועט פרעגן—צו=וואָס האָט מען באַדאַרפט דעם דאָזיקן גאַנג אויף צוריק אָדער אָן אַ זייט, די דאָזיקע ציללאָזע, משוגענע חדשים? אַ גוטע אָנשויונגס=לעקציע! איצט איז עס—פאַלש! איצט איז עס — די זעלבער אויף די וואָקזאַלן און די „זעמהוזאַרן", „אָגאָנקעס" און „אירואַס" קרושאָן, פּיקאַסאָ ביי שטשוקינען, און דאָס לייזיקע, טעמפּע „וואָס ווילסטו!" נאָר ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען

דאָס וועט זיין אַן אמת. אַזוי איז אוממעגלעך, אַזוי מוז געשען! אַ פרייהייט, וואָס איז נישט אָפּגעצאָלט מיט בלוט, נאָר איז אויפגע קליבן בחינם ווי „טרינק-געלט", גוססט אויס. נאָר געדענקט—דאָס זאָג איך אייך איצט, ווען טויזנטער הענט ציען זיך צום שטעקן און מיליאָנען גרייטן גיריק זייערע פלייצעס — ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען דער שטעקן וועט קיינעם נישט זיין מער נויטיק, אַ טייער טאָג! דערוויילע צום ווידערזען!"

דאָס פיר און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

אלץ קאַפּויר.—מסיע דעלע ווערט גייסטיק־קראַנק

מיר זענען געבליבן אַליין אין דער דאָזיקער אויסגעטראַכטער און, לויט די פולשטענדיק פּינקטלעכע הנחות פון אַלע רוסישע שרייבער, לגמרי נישט עקזיסטירנדיקער שטאָט.

אין די נעכט האָב איך זיך אַרומגעשלייכט איבער די פלאַכע גלייכע גאַסן. אין די אַלע גלייכע נידעריקע הייזער האָבן געוואוינט בפירוש פאַרדעכטיקע באַאַמטע, וועלכע האָבן צווישן צוויי איינגעשריבענע נומערן, אָן מאַטערניש, בלויז מיט טינט־פאַרשמירטע פינגער, געבוירן דעם אַנטיקריסט אַליין; שניידערס־פינלענדער און אפשר דייטשן, משונהדיק־פּינקטלעכע מיט אָנגעקראָכמאַליעטע ווייבער, וועלכע האָבן, אויסטרינקענדיק אין אַ יום־טוב־טאָג אַביסל קמינעק, געמאָסטן מיט אַן אַרשין דעם הימל איבערן קלויסטער פונם הייליקן יצחק און געפרעגט דעם אומזעבאַרן, דאָרט העכער איבער יצחקן, צי ס'קוועטשט אים נישט עפּעס אונטער דער פּאַכווע; קלויסטער־גבאים, דימיסיאָנירטע שווייצאַרן, קברנים, וואָס באַשפּריצן די טראָפּישע בלומען־טעפּ מיט עפּעס אַן עקלדיקער פליסיקייט און דערנאָך הויבן זיי אונטער דאָס ברעט פון דער פּאָדלאָגע און זוכן —אָדער אַ געפּגרטע מויז, אָדער אַ באַהאַלטענעם דריירובלדיקן, אָדער נאָר דעם סאַמע נאָפּל פון דער ערד. מיט איין וואָרט, די אַלעמען באַקאַנטע פּעטערבורגער, אָדער סאַנקט־פּעטערבורגער פלוידערייען. אומגעריכט איז פון דער ברודיקער נעפּל־וואַטע ענטשטאַנען אַ גרוי־

סע קוואַדראַטיקע געביידע מיט טויבע ווענט, מיט אַן אויף אייביק פאַרגליווערטער ווינדע צווישן פערטן און פינפטן שטאָק און מיט אַ שרייב־מאַשינקע, וואָס האָט ביז ציין־ווייטאָק אויסגעקלאַפּט: „ראַטעוועט, רוסלאַנד!"

טרויעריקע און פאַרלוירענע מאַסן זענען גאַנצע טעג אָפּגע־שטאַנען ביי די ווייסע עקראַנען פון די רעדאַקציעס. ס'איז געווען קלאָר, אַז די זאַך שמעקט מיט נבוכדנאצרן, נאָר אָנשטאָט „תקל" און אַנדערע נאָרמאַלע ווערטער, איז אַרויסגעקומען אַ פּלוידעריי: „אַ נייער קאַבינעט אין שפּאַניען—טשערנאָוו לאַנדווירטשאַפטס־מי־ניסטער—רויכערט די פּאַפּיראָסן „קרי־קרי!" כ'האָב אויסגעפּרוווט דעם טראָטואַר אויף נעווסקי, ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן; די נאָדל אויף דער אדמיראַליטעטס־געביידע, אָן וועלכער, ווי באַ־קאַנט, עס קאָנען נישט לעבן די רוסישע פּאָעטן, איז אויך געשטאַ־נען אויף איין אָרט.

כ'בין געגאַנגען אין דער „וויענאַ" און געשריגן: „פּאַרביי־סעכץ און־איר ווייסט שוין וואָס!... נאָך, ראַטעוועט!" און די פּלי־כעוואַטע קעלנערס האָבן צוגעשעפּטשעט: „ראַטעוועט!" און אָנעסנ־דיק זיך צו דער זעט האָט דער רעפּאָרטער געשלוקערצט—„מ'מוז ראַטעווען", און די גלעזלעך האָבן געקלימפּערט „ראַטעווע, ראַ־טעווע!"

אין אָקטאָבער איז געוואָרן גאָרנישט אויסצוהאַלטן. אויפ־שטייענדיק איינמאָל האָב איך זיך דערמאַנט, אַז ס'איז פאַראַן אַ מאָסקווע, האָב איך זיך דערפרייט און בין געלאָפן אָפּזוכן אונזערע אין אָוונט האָבן מיר שוין באַלאַגערט דעם צוג אויפן ניקאָלאַיע. ווער וואָקזאַל. נאָכן איבערצייגן זיך, אַז אויסער פּעטערבורג איז נאָך פאַראַן ערד, געלע בלעטער, און וואו־נישט־וואו אַרום די דערפער פריילעכע חזירימלעך, האָב איך זיך באַרואיקט און אַנט־שלאָפן געוואָרן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע איז געווען פייכט אויפן פּעטערבורגער שטייגער, די קוילנוואַרפערס האָבן געטראַס־קעט, מיט איין וואָרט, אַלץ גאָר ווי געוויינלעך. אין וואָרט־זאַל פון וואקזאַל האָבן אַ באַאַמטער און אַ סאָלדאַט לאַנג און לאַנגווייליק

באַמיט זיך איבערצושרייען איינס דאָס אַנדערע, איינער האָט גערישעט: „ראַטעוועט רוסלאַנד", דער אַנדערער — „ראַטעוועט די רעוואָלוציע". דערנאָך האָבן זיי זיך, לטובת דער טאָפּעלער רעטונג, צעהרגעט. אינגיכן האָבן גאָר נאָענט גענומען לשון הארמאַטן און מיר האָבן זיך געאײַלט פאַנאַנדערצוגיין, וואו איינער האָט געקאָנט, אויף פאַרשידענע אַדרעסן.

ווי באַקאַנט, האָט אַ וואָך צייט געדויערט די בייזע שלאַכט. כ'בין געזעסן אין אַ טונקל קעמערל און פאַרשאָלטן מיין שלימזלדיקע קאָנסטרוקציע. איינס פון די ביידע. אָדער מ'האָט מיר געדאַרפט אַריינזעצן נייע אויגן, אָדער צונעמען ביי מיר די דאָזיקע פּאַ־יוצלחדיקע הענט. איצט מאַכט מען אונטערן פענסטער געשיכטע — נישט מיט מות, נישט מיט בבא מעשיות, נישט מיט לידלעך — ניין, מיט די הענט מאַכט מען זי. „גליקלעך איז דער, וואָס האָט דערקענט די וועלט אין די מינוטן, ווען איר גורל איז אַנטשידן געוואָרן". דאַכט זיך, וואָס קאָן זיין לייכטער — לויף אַראָפּ איבער די שטיגן און מאַך, מאַך זי, גיכער, כל־זמן צווישן די פינגער איז ליים און נישט קיין גראַניט, כל־זמן מ'קאָן זי שרייבן מיט קוילן און נישט לייענען אין זעקס בענדער ביי אַ געלערנטן דייטש! נאָר איך זיץ אין קעמערל, קיי אַ קאַלטן קאָטלעט און ציטער טיוטשעוון. פאַרשאָלטענע אויגן, סקאָסאָקע, בלינדע אָדער גאָר ווייטזיכטיקע, אַלנפאַלס נישט קיין גוטע. צוואָס טויג צו זען דריי און דרייסיק אמתן, אַז דו קאָנסט נישט פון זיי כאַפּן, צודריקן אין דער פויסט כאָטש איינעם, זאָל זיין אַ קורצינקן, אָבער אַן אייגענעם, אַ קרעפּטיקן?

אַרום, צום ווינציקסטן, יובלט מען, מ'פרייט זיך און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן לויבט מען דעם אַלמעכטיקן. „אַ לויב צו גאָט, עס גייט אַלעקסייעוו, מ'האָט פאַריאָגט די דאָזיקע רויבער!" שרייט אַ ליב מיידעלע לעלא. „אַ דאַנק דיר גאָט", איז גערירט לעלאס דינסט מאַטרעשאַ, „די באָלשאַקעס זיגן!" איך אָבער בין אַפילו אויף דעם נישט פעיק: ווען דער לערער וואָלט געווען, וואָלט ער אַראָפּגענומען פון מיר די אומדערטרעגלעכע פרייהייט, וואָלט געזאָגט — „גיי" און איך וואָלט געגאַנגען. נאָר ער איז נישטאָ און
ז

איך קיי דעם קאָטלעט. נעמט זיך אין זכרון אַריין, הערן פֿון די אַזוי גערופֿענע „ווייטערע דורות“, מיט וואָס ס'האָט זיך פֿאַרנומען אין די דאָזיקע אויסטערלישע טעג דער רוסישער פּאָעט איליאַ ערענבורג!

דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן. לעלא, דאָס ליבע מיידל (ריין, שטראַלנדיק, רוסיש), איר ברודער סעריאָזשאַ, אַ גוטער, מיט פֿאַנגע האָר, אַן ערלעכער, אידעישער, דער, וואָס מיט לאַוראָוון און מיכאַילאָווסקין, מיט איין וואָרט אַלע אַרום האָבען גענומען ווייגען. איך אַליין קאָן נישט ווייגען (מסתמא זענען דאָרט עטלעכע דריי־לען שוין נישט טעטיק), נאָר ווייגענדיקע האָב איך זייער ליב. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינע הזכרה. דערביי האָבן פֿיל באַוויינט דאָס, וואָס, זיי האָבן פֿריער גאָרנישט באַמערקט, אָדער באַמערקנדיק — נישט מסכים געווען דערויף. לעלא — די גרויס־מלוכהדיקייט, סעריאָזשאַ (מיט מיכאַילאָווסקין) — די קירכע, דער גימנאַזיסט פֿעדיאַ (דער יונגערער ברודער) — די אינדוסטריע און פֿינאַנצן. דאָס איז געווען פֿונדעסטוועגן אַ באַשעפֿטיקונג, און אַזוי ווי כ'האָב קיין אַנדערע נישט געהאַט, האָב איך אויך גענומען באַ־ווייגען.

כ'האָב אָראָפּגעשיילט ווי פֿון אַ ציבעלע די דערינערונגען פֿון די פֿאַרגאַנגענע יאָרן. דעם קינדערישן גלויבן, דעם טעם פֿון די עס־שטובן, באַשטעלט מיט פֿיקוס־ביימער און פֿאַרבייסעכץ, רוס־לאַנדס מיסיע לויטן „דגעוויק פּיסאַטעלא“, די קופּאָלן פֿון די פּסקאָווער צערקוועלעך, „באָמס“ קאַפּע אויף טווערסקע מיט די פּי־טער־זעמלעך און מיט אַלעקסיי טאָלסטאָיס פֿרייליכע דערציילונגען וועגן אַ תהלים־זאָגער, וואָס האָט געפּאַקט אין מויל אַריין ביליאַרד־קוילן, קיין טרערן זענען נישט געווען, נאָר איך האָב געוואָיעט האַרציק, לאַנג, ווי אַ הונט אין אַ שלעכט וועטער.

כ'בין געבוירן געוואָרן אין 1891־טן יאָר, געלערנט אין דער ערשטער מאָסקווער גימנאַזיע, און זייענדיק נאָך אין פֿערטן קלאַס האָב איך פֿאַרשריבן אויפֿן קאַלענדאַר „טאָוואַרישטש“ — „אייער ליבסטער שרייבער?“ — „דאָסטאָיעווסקי“, „אייער ליבסטער העלד?“ — „פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום“. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט נישט וואָיען און

נישט קלאָגן זיך? כ'האָב מיר שוין געהאַט מײַנע געוואוינהייטן: אפילו בײַם מיטאָג האָב איך זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צו דער נידעריקער מאַטעריע. ׳אין מיר האָט געלעבט דער אמתדיקסטער שאָוויניזם. אַזוי, דאַכט זיך, גאָרנישט, געשלעפּט זיך איבער אויסלאַנד, און פּלוצלינג באַווײַזט זיך עס: „בײַ אונז איז אַלץ גאָר איינגאַרטיק, אַפילו גאָט איז איינגאַרטיק, אויך די בײַכער שנײַדן מיר אויף אַן איינגאַרטיקן אופן”. ס'הייסט, כ'האָב ליבערשט פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל די בײַכער נישט שנײַדן, נאָר צײַטנווײַז פלעגן עפּעס ווי באַפאַלן מיך און ערגעץ, וואו אין געמיטלעכן קאַפּע פון קאָפּענהאַגן האָב איך מיך אָנגעהויבן מיטאַמאָל פילן אַלס סקיט, און האָב נישט פאַרטראָגן די נעבעכדיקע, בירגערלעכע אייראָפּע און אַזוי ווייטער.

די אַלע לאַנגווײַליקע אויטאָביאָגראַפישע ידיעות טייל איך מיט, כדי צו דערקלערן מײַן מצב אין הערבסט פון זיבעצנטן יאָר. כ'האָב געלעבט מיט זכרונות, געשריבן לידער און געלייענט זיי אין די פילצאָליקע „קאַפּעס פון פּאָעטן” מיט אַ מיטעלן דערפאָלג.

אַזוי זענען פאַרבײַ צוויי חדשים. דער לערער האָט נישט געגעבן צו וויסן וועגן זיך. דערפאַר איז אין איין פראָסטיקן דעצעמבער־פרימאָרגן אַרײַנגעלאָפן צו מיר מסיע דעלע, אַנידערגעפאַלן אויף אַ פּאָטעל און אויסגעשריגן: „איך שטאַרב!” ווײַסנדיק, אַז די פראַנצויזן טיילן זיך אויס מיט אַן איידעלן קערפּער־בוי, אַז אַפילו בלויז בײַ 2—3 גראַד פראָסט אין פאַריז שטאַרבן זיי אויס פאַרטיעס־ווײַז פון אַ ספּעציעלן זיי צוגעאייגנטן בלוט־צופלוס — האָב איך אָן אויפגערעגטער גענומען אים טאַפּן דעם דפק. מסיע דעלע האָט אַרויסגעריסן זײַן האַנט און דערקלערט, אַז ער איז באמת נישט־געזונט, ער לײַדט אויף אַ נאָכנישט איבערגעלעבטע קיינמאָל מאָגן־פאַרשטאָפּונג, אָבער דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דעם, נאָר וועגן סטרוּוש קוזמאַ און בכלל וועגן רוסלאַנד.

כ'דאַרף צוגעבן, אַז זײַענדיק פאַרנומען מיטן באַווײַנען, האָב איך קיין איין מאָל נישט באַוויזן צו באַזוכן וועמען עס איז פון מײַנע פרײַנט, נאָר איינמאָל האָב איך אין „קאַפּע פון פּאָעטן” באַגעגנט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, וועלכער האָט, נאָכן אויסהערן

מיינע לידער, אויך גענומען באַוויינען, נישט ליטעראַריש, נאָר מיט אַ נאָטיכל. וועגן מסיע דעלעס לעבן האָב איך גאָרנישט געוואוסט און דערפאַר איז פאַר מיר קוזמאַ געווען אַ געהיימניספולע פּערזענלעכקייט. כ׳האָב געבעטן ביי מסיע דעלע די נויטיקע דערקלערונגען, און ער האט אַ נישט צופרידענער, ווייבעגדיק און זיפצנדיק דערציילט מיר וועגן זיינע איבערלעבונגען.

תחילת, ווי נאָר „די דאָזיקע אַפּאַשן" פאַרכאַפּן די מאַכט באַשליסט מסיע דעלע אַלס צייכן פון פּראָטעסט נישט אַרויסצוגיין אויפ׳ן גאַס. ס׳איז שרעקלעך פאַר דער פּנ[illegible]ייאונג, נאָר קולטור איז העכער פון אַלץ! ער וואַרט, אַז צו אים וועט קומען עפּעס אַ דעלעגאַציע—אונטערהאַנדלונגען, הנחות. קיינער נישט! ענדלעך, נישטפּאַרדייאונג, שלאָפלאָזיקייט. צו דעם אַלעם האָט מסיע דעלע באַוויזן צו באַהאַלטן אין אַ סעיף פון „ליאָנער קרעדיט" זיין באַליבט פּעקל. מ׳דאַרף אַרויסגיין. נו, וואס? קיין סעיף איז נישטאָ! און קיין באַנק איז נישטאָ! גאָרנישט נישטאָ! איר הערט? בלויז מענטשן און אַ סקאַנדאַל! אויף קוזניעצקי באַגעגנט ער אַ באַקאַנטן גענעראַל,—דאַכט זיך פּיריקין, אָדער גאָר ריפּיקין—וואַרפט ער זיך אויף אים: „וואָס זאָל איך טאָן, מאָן זשענעראַל?" און דער—ציטערנדיק מיט אַ דראָבנע ציטערניש—„נישט מאָן זשענעראַל, זאָגט ער, נאָר טסס... און שוין. דאס איז שוין מער נישטא". איר הערט? שוין קראַנטער פאַרנאַכלעסיקן דעם מאָגן, קראַנטער זיך פרייוויליק דערהרגענען, איידער אַרומגיין איבער דעם דאָזיקן גיהנם, וואו ס׳איז גאָר נישטאָ.

„נאָר מ׳וויל אים אַפילו נישט ערלויבן שטילערהייט צו שטאַרבן. עס באַווייזן זיך אַזעלכע רויבערס, וואָס אין פּאַריז וואָלט מען זיי אַפילו אין תּפיסה נישט אַריינגעלאָזט, און דערקלערן, אַז פון איצט אָן וועלן זיי וואוינען אין מסיע דעלעס דירה, וואָרים זיי זענען נישט פּשוט זעקס שלעפּערס, נאָר אָט וואָס... מסיע דעלע לייענט: „אונטער-אָפּטיילונג אויף צו באַשיצן מוטערס און קינדער". דאָס אַלץ איז געניאַל, נאָר דערלויבט מיר געוואוירווערן, וואו דאַרף ער, מסיע דעלע, אַליין וואוינען. דאָס איז שרעקלעך, דאָס איז באַרבאַריזם!" מסיע דעלע זיפצט און שפּרינגט

אַרום איבער מיין צימער — „זיי לייגן מיר פאַר אַ ענג קעמערל. וואָס הייסט?—„דאָ איז פאַראַן אַ פולשטענדיק גענוגנדיקע צאָל קובישע אַרשינען לופט!" אָנשטאָט אַן עס=שטוב, שלאָף=שטוב, זאַל, קאַבינעט, אויפנאַם=צימער, קובישע אַרשינען. מסיע דעלע איז אַ פראַנצויז, ער האָט ליב פרייהייט, רחבות, לופט, אַפילו אויף די בילדער מוז זיין „פלען ער"*), ער וועט דערשטיקט ווערן אין די דאָזיקע אַרשינען. ס'מאַכט קיין שום איינדרוק נישט!"

דעמאָלט באַשליסט זיך מסיע דעלע אויף אַ פאַרצווייפלטן זשעסט, אויף אַ העלדישע טאַט, ער גייט אַליין אַוועק אין דער נעסט פון די דאָזיקע פאַרברעכער, אין „ראַיאָן=ראַט"! און וואָס?—דאָרט דערזעט ער צווישן אַנדערע ווייסע=חברהניקעס—דעם סטרוזש, זיין אייגענעם סטרוזש, קוזמאַ. קאָן מען נישט משוגע ווערן? מסיע דעלע שטאַרקט זיך אַלץ -- ער איז אַ פראַנצויז, אומבאַרירלעך, פאַרשטאַנען? „אונז גייט דאָס נישט אָן, מיר האָבן אַפילו דריי קאָנסולן פאַר גרויסע שפיצלעך געוויזען די טיר. אייער קלאַסן=אָנגעהעריקייט?" אַ שטראַל פון האָפנונג! באַקאַנטע ווערטער! די אומפאַרגעסלעכע זעכצן קלאַסן! ער ענטפערט שטאָלץ — „פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי ווי איר אויף דריי יאָר אין אַלגעמיינעם גרוב פון זעכצענטן קלאַס לויט מיין חסד, איך בין פון פערטן קלאַס, פון דריטן, אַן אייגענער קבר אויף אייביק, כ'קאָן אויך זיין אויסער אַלע קלאַסן, אָט וואָס!"

„אָ, טייערער ערענבורג! מיט אייער לאַנד איז געשען דאָס שרעקלעכסטע, זי האָט זיך איבערגעדרייט מיטן באָדעם אַרויף. אַלץ איז אומרחמנותדיק פאַרפּלאָנטערט געוואָרן. איך האָב זיך אַרויסגעוויזן גאָר אונטן. זיי האָבן מיך איבערגעיאָגט, און קוזמאַ האָט אַפילו געשמייכלט—„אָט האָט איר, חבר,—אָ! אָ! אָ! אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט! — חבר דעלע, אייערע אויסער=קלאַסן!..." פריינט=ראַטעוועט מיך! וואו איז דער שותף כורעניטאָ? וואו זענען אַלע אונזערע? כ'קאָן דאָ אויפן אָרט שטאַרבן! כ'גיי אויס! דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, פאַרלוירן

---

*) פרישע לופט.

דאס גליסטונג, פאַרלוירן אַלץ! אַפילו די „פינק"-פילן העלפן מיר שוין נישט מער: גיט מיר אַ טוץ אמתע אויסטערן, אַ פלעשעלע „שאַבלי", גיט מיר לוסין — איך ריר זיך נישט פון אָרט. איר האָט אין פעטערבורג געוואָלט עמעצן ראַטעווען — איצט ראַטעוועט דעלען!"

אויסהערנדיק די דאָזיקע רירנדיקע קלאָג-רייד, האָב איך דורכן טעלעפאָן מיטגעטיילט אין רעדאַקציע, אין קאַפּע „טריליסטניק" און נאָך צו אַ וואונדערלעכער אַקטריסע, אַז היינט קאָן איך נישט באַווייזן, און האָב באַשלאָסן צו גיין צוזאַמען מיט מסיע דעלע לויט די פאַרשריבענע אַדרעסן אָפּזוכן אינזערע פריינט. אפשר וועט עמיצער קאָנען העלפן דעם שטאַרבנדיקן פריינט.

קודם כל זענען מיר אַוועק צו מיסטער קול, נאָר אויפן וועג האָט מסיע דעלע געהאַט נאָך אַ צוויי אָדער דריי היסטערישע אַטאַקן. גלייך פון טיער האָט ער זיך געוואָרפן צו דער וואַנט, אויף וועלכער מ'האָט יעדן פרימאָרגן אויפגעקלעפּט דעקרעטן און האָט פאַרלאַנגט איך זאָל זיי אים איבערזעצן. ער האָט ליב געהאַט די דאָזיקע באַשעפטיקונג, געפינענדיק אין דעם עפּעס אַ מאַטערנדיקע זיסקייט. רואיק האָט ער געהערט וועגן דער מאָביליזאַציע פון אַגראָנאָמען און וועגן דער רעגיסטראַציע פון ניי-מאַשינען, נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע האָבן אים אָנגערירט, נאָר נאָכן דריטן פּאַפּירל האָט ער זיך צעשריגן אויפן קול. דאָס איז געווען אַ פּאָעמע פון אַ יונגן פוטוריסט, אונטערן טיטל „דעקרעט". אויף אַ קאָמפּליצירטער שפּראַך, רייך מיט נייע ווערטער-בילדונגען, איז דאָרט פאָרגעלייגט געוואָרן די מענטשן, זיי זאָלן ענדערן און פאַרשענערן זייער לעבן, זיי זאָלן די בילדער אַרויסשלעפּן אויפן גאַס און אויף די מערק פּויקן אין באַראַבאַנעס. די פּאָעמע האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער מאוימדיקער וואָרנונג, אַז די נעבעכדיקע פּאַסעיסטן, וואָס וועלן דאָס נישט דערפילן, וועלן סיי-ווי שטאַרבן אָן כבוד. „אָ, פאַרשאָלטן זאָל עס זיין! הייסט עס מאָרגן וועט מען מיך שיסן! יאָ, יאָ — מאָרגן, איך ווייס, ביי זיי איז אַלץ אין פיר און צוואַנציק שעה! מאָרגן האַלב עלף! נאָר וואָס זאָל איך טאָן? כ'וואָלט מיט פאַרגעניגן אַרויסגעטראָגן אויפן זובאָווסקער מאַרק מיין בילד „אַ מיידל, וואָס חלומט אין פרוכט-גאָרטן," נאָר זיי האָבן עס צו.

געגומען ביי מיר, אָט די אויסוואורפן פון דער „מוטערשאַפט". אויף קיין באַראַבאַן קאָן איך נישט שפּילן! הייסט עס דער סוף, טויט, און אפילו אָן אַ ביוראָ!"

קוים־קוים, וואָס כ'האָב אים באַרואיקט, דערקלערנדיק, אַז דאָס זענען בלויז לידער. „וואָס הייסט? מיט דעם דאָזיקן וואונדערלעכן נאָמען רופט איר אָן דאָס בילן פון אַ משוגענעם הונט? כ'האָב אליין ליב לידער! כ'האָב שטענדיק מיט זיזן געלייענט „פּאַר נ'עם" הוגאָ אָדער ראָסטאַן אויף צו באַקומען חשק און „דערנאָך", אָפּרוענדיק זיך, מיוסע אָדער קאָנטעס־דע־נאָיי. נאָר דאָס איז אַ שרעק, דאָס איז אַ פאַרברעכן, נישט קיין לידער!"

אויף די גאַסן זענען צוליב עפּעס אַ יום־טוב (זייט מ'האָט מיך אַרויסגעטריבן פון גימנאַזיע, האָב איך פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אַלע הייליקע, און דעם אויך צו די רעוואָלוציאָנערע) געווען אויסגעהאָנגען פּלאַקאַטן פוטוריסטישע, קוביסטישע, סופּרעמאַטישע, עקספּרעסיאָניסטישע און נאָך אַנדערע. אויסקלייבנדיק זיך איינעם, דעם פאַרשטענדלעכסטן, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ פרוי אין שמאַראַגד־פאַרבן, מיט פיס, וואָס וואַקסן אַרויס פון די בריסטן, און מיט פיר אויגנס אין פאַרשידענע פּאָזעס, באַלייכטונגען און באַהאַנדלונגען, האָט מסיע דעלע ערשט זיך צעקלאָגט: „קונסט! אָ מיין ליבער יעגער, וואָס האָט מיר צוגעגעבן גליסטונג! אָ, שיינהייט! פרוי! ליבע! אַלץ איז פאַרשוועכט געוואָרן!"

אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אויפן טעאַטער־פּלאַץ, וואו מ'ר האָבן געטראָפן אַן אינטערעסאַנטע סצענע. איינער מיטן נאָמען כראַשטש און לויט דער פּראָפעסיע אַ טשעמפּיאָן פון פראַנצויזישע וואַלקעס און אַ „פוטוריסט פון לעבן", וואָס האָט געגעבן עצות יונגע מיידלעך ווי אַזוי צו באַהעפטן זיך מיט דער זון, האָט זיך אַליין אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל אין אַ גערטנדל. ער איז געווען גוט געבויט, מיט גאָלד־געקרייזטע האַרטלעכע בינטלעך האָר, מיט באָרוועסע פיס, אַן אומאויסדריקלעך פּנים און וואונדערלעכע צוויי פּאָסטאַמענטן. אויף דער סטאַטוע שטייט ער אינגאַנצן נאַקעט, מיט אַ פאַרטראַכטן אויסזען און פאַררייסט איין פוס אין דער לופטן. דער המון האָט געשוויגן אַ דערשראָקענער, מיינענדיק, אַז דאָס

איז עפּעס „אַ גרויסער באָלשעוויק." מסיע דעלע האָט געכליפּעט. דערנאָך איז געקומען אַ רויט־אַרמעער, האָט אַ שפּיי געטאָן, די סטאַטוע אומגעוואָרפן אויף דער ערד און צעבראָכן.

דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום האָטעל, וועלכן מיסטער קול האָט אונז אָנגעוויזן. אוי־ווי, דאָרט זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז דער אַמעריקאַנער — איז ווי אַ „פּאַרדאָרבענער עקספּלואַטאַר" אָפּגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער לעבן סימאָנאָווער מאָנאַסטיר. „דאָס איז דער צווייטער מבול!" האָט געשריגן מסיע דעלע. מיר האָבן באַשלאָסן תּיכּף צו באַזוכן דעם אָרעמען מיסטער קול. מיר האָבן אים געטראָפן אין אַ מצב פון אומענדלעכער דערדריקטקייט. ער איז אויסגעמאָגערט און האָט זיך אַפילו פאַרלאָזט אַ באָרד. פון לאַנגווייליקייט האָט ער אויפן טשעק־ביכל, וואָס האָט פאַרלוירן דעם כשוף פון אַן אומאויסשעפּלעכן אוצר פון תּענוגים, פאַרשריבן די נישט־קאָמפּליצירטע געשעענישן פון טורמע־לעבן: „דעם 24־טן האָט מען אַרויסגעגעבן צו צוויי פונט געטריקנטע הערינג. — דעם 27־טן איז אויף מיטאָג געווען הירזש. — 29־טן. דער פאַבריקאַנט סמידטס האָט דערהאַלטן אַ פּעקל פון אַ פונט צוקער און האָט מיר אַנטליען דריי שטיקלעך". וועלנדיק טרייסטן מיסטער קולן, האָב איך אים געבערענגט אַ מתּנה די ביבל, אַ גרויסן באַנד מיט אילוסטראַציעס, און ער האָט זי גענומען לייענען: „די לעצטע וועלן זיין די ערשטע". נאָר פון דער שלעכטער דערנערונג מסתּמא איז מיסטער קול קראַנק געוואָרן אויף אַ שלעכטן זכרון און, נישט דערקענענדיק זיינע באַליבטע טעקסטן, האָט ער מיר אַרויסגעריסן פון די הענט דאָס דיקע בוך און מיט כּעס דערלאַנגט מיר מיט דעם איבערן קאָפּ: דערנאָך האָט ער גענומען שרייען, אַז מסיע דעלע איז אויך אַזאַ „פּאַרדאָרבענער" ווי ער, אַזוי אַז מ׳דאַרף אים אויך אַריינזעצן אין לאַגער אַריין. דעמאָלט האָבן מיר צוגעאיילט אונזער אַוועקגיין.

פון מיסטער קול זענען מיר אַוועק צו אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש. שוין אויף די טרעפּ האָבן מיר דערהערט זיפצן און קלאָגעניש. דאָס האָט אונזער פריינט געלייענט די צייטונג. „אויסגע־

האַקט געוואָרן דער „קאַרשן-גאָרטן", האָט ער אויסגעשריגן, אַפּילו זיך נישט באַגריסנדיק מיט אונז, „געשטאָרבן רוסלאַנד! וואָס וואָלט טאָלסטאָי געזאָגט, ווען ער וואָלט דערלעבט די דאָזיקע טעג?" דערנאָך האָט ער זיך געוואָרפן מסיע דעלען אויף דער ברוסט. איך בין נישט קיין קלייבער פון פאָטאָגראַפיעס, נאָר אַ סך וואָלט איך אָפּגעגעבן אום צו קאָנען זען איצט די דאָזיקע סצענע, פאַרקערפּערט אויף אַ בילד. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט דערקלערט מסיע דעלע, אַז צו דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר, האָט רוסלאַנד קיין שום באַציאונג נישט, ווייל דאָס אַלץ איז דאָס ווערק פון אַ צוויי-דריי דויטשן אונטערגעקויפטע פרעמדע. נאָר אינגיכן וועט קומען די באַפרייאונג — און ער, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, שווערט זיך פאַר מסיע דעלע, אַז אַלע, אַלע חובות, ביז צום לעצטן סאַנטים, וועלן ווערן באַצאָלט. דערווייל קאָן ער אים גאָרנישט העלפן, ווייל ער איז קראַנק אויף אַ נערוון-צעשטרייאונג, ער סאַבאָטירט און וואַרט אויף דעם ליכטיקן טאָג, ווען ס'וועט זיך עפענען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

נישט פיל פריילעכער האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויך אונזערע ווייטערדיקע וויזיטן. צו שמידטן, וועלכער האָט פאַרנומען עפּעס זייער אַ וויכטיקן פּאָסטן, האָט מען אונז בכלל נישט צוגעלאָזט. ווען מיר האָבן שוין ענדלעך, נאָך אַ פיל-טעגיקן אָפּשטיין אין די רייען, באַקומען זיבן פאַרשידענע דערלויבענישן זיך צו באַוועגן, זענען מיר ערשט פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ מענטשן, וועמען ס'זענען נישט געפעלן געוואָרן נישט די חתימות אויף די ערלויבענישן און נישט אונזערע פּנימער. דערפאַר האָבן מיר אויפן גאַס באַגעגנט ערקאָלען. ווי ער האָט אונז דערזען, האָט ער גלייך אָנגענומען אַ העלדישע פּאָזע, איין האַנט אויסגעשטרעקט פאָרויס און די אַנדערע צוגעדריקט צום האַרצן. „איר ווייסט גאָרנישט — איך בין איצט אַ דענקמאָל, יאָ, יאָ, אַ מאָנומענט, דאָס איז פּונקט אַזאַ באַשעפטיקונג, ווי אַלע אַנדערע, בכלל נישט ערגער, ווי איבערקלייבן הייליקע צווייגלעך!" ערקאָלע האָט אונז דערציילט, אַז מ'האָט געהאַט בדעה צו נעמען אים אויף צוואַנגס-אַרבעטן, שניידן זיך, צונויפנעמען, נישט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס ער,

דער רוימער, באַמבוטשי, האָט קיינמאָל נישט געאַרבעט און וועט נישט אַרבעטן. דעמאָלט האָט ער אָפּגעזוכט דעם איטאַליענער, וואָס פאַרקויפט קרעלן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן עצה־האַלטעניש — וואָס טוט מען? ערקאָלע האָט זיך געוואָלט אומקערן צו זיין וואַטיקאַנער פאַרגאַנגענהייט און ווידער דערקלערן זיך פאַר אַ דאָמיניקאַנער. „זאָל דיך די מאַדאָנאַ באַוואָרענען", האָט זיך צעשריגן דער קרעלן־סוחר, „דאָס איז איצט גאָרנישט בכּבודיק, אַפילו פאַרקערט!" — „אויב אַזוי וועל איך זאָגן, אַז כ'האָב געהרגעט טויזנט עסטרייכער, אַז איך בין כמעט אַ גענעראַל, אַ וויצע־גענעראַל". — „נאָך ערגער, דערפאַר קאָן מען דערשיסן". — „נאָר וואָס־זשע דען האָבן זיי ליב, טייוואָלים?" — „קונסט — דאָס איז איצט, ווי אַמאָל די מאָנאַכן". ערקאָלע האָט זיך אַ דערפרייטער גענומען דערמאַנען זיין היימישן רוים, די סטאַטועס פון די געטינס, די טייוואָלים אויף די פאָרטאַלן פון די קירכעס און די ענגלענדערין, וואָס האָט זיי געצייכנט; תחילת האָט ער באַשלאָסן צו דערקלערן זיך פאַר אַ קינסטלער. „אָבער מ'קאָן דאָך דיך צווינגען אַכט שעה אין טאָג צו צייכענען בילדער". אַ קלער. אַ שפּיי. אַן אויסגאַנג איז געפונען. ער וועט זיין נישט קיין קינסטלער, נאָר אַ בילד, דאָס הייסט נישט קיין בילד, נאָר אַ סטאַטוע.

אויף צומאָרגנס האָט ער, דורכברעכנדיק אַלע פאַרצוימונגען, זיך אַריינגעריסן אויף אַ זיצונג פון עפּעס אַן אַרכעאָלאָגישער קאָמיסיע און האָט אָנגעהויבן פאָרשטעלן געטער, מאַרשאַלן, טריטאָנען און שרייבער פונם שטיינערנעם רוים. אַהיים איז ער געגאַנגען מיט דער באַגערטער באַשטעטיקונג, וואָס האָט געזאָגט, אַז „דער חבר ערקאָלע באַמבוטשי שטייט אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער אָפּטיילונג צו שיצן די קונסט־און אַלטערטימלעכקייטס־דענקמעלער פון ר. ס. פ. ס. ר."

מיטטיילנדיק אונז דאָס אַלץ און נאָך צוגעבנדיק, אַז ער באַקומט אַ גאַנץ געמיינעם פּאַיאָק, נאָר פונדעסטוועגן קאָן ער שענקען מסיע דעלע אַ פונט קאַשע און אַ פערטל פונט אַזוי גערופענע „קאַנדיטאָרישע אויסאַרבעטונגען" — האָט ערקאָלע געוויזן נעפּטונס פּאָנטאָן, אויף דעם סמך געזונט אַ שפּיי געטאָן און אַוועקגעגאַנגען.

די אַלע צאַגעגענישן און שמועסן האָבן שרעקלעך געווירקט אויף מסיע דעלע. פאַר דער וואָך, וואָס כ׳האָב מיט אים פאַרבראַכט, האָב איך זיך געקאָגט איבערצייגן אין דער ערנסטקייט פון זיין מצב. ס׳איז געבליבן בלויז די לעצטע שוואַכע האָפנונג: ערקאָלע האָט אונז איבערגעגעבן ווי אַזוי מיר קאָנען געפינען איישאַן, און האָט צוגעגעבן, אַז אים לעבט זיך זייער גוט. מסיע דעלעס געמיט האָט זיך אַביסל געשטאַרקט, ער האָט אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז איישאַ דינט אַוודאי ביי אַן „אָנגעזעענעם באַנדיט", ד. ה. ביי אַ באָלשעוויק און וועט קאָנען אומקערן מסיע דעלע די באַנק, דעם סעיף, דאָס ביכל, און אויך העלפן אים אַרויסקריגן זיך פון דעם דאָזיקן באַרבאַרישן לאַנד.

מיר זענען געגאַנגען לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס, דאָס הייסט אין קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדערישע ענינים. אין די רחבותדיקע אויפנאַם־זאַלן איז געווען ווייניק באַזוכער, ווייל צו דער צייט איז רוסלאַנד אין קיין שום באַציונגען מיט קיין שום מלוכה נישט געשטאַנען. נאָר איין עלטערע דאַמע, מסתמא אַ גוווערנאַנטין, האָט דעם קאָמיסאַר אַליין געמאַכט אַ שטורמישע סצענע, הלמאַי מ׳האָט ביי איר אומגעזעצלעך — אַ שווייצאַרישע בירגערין — רעקווירירט נאַכט־העמדער און אַנדערע זאַכן, וועלכע זי, אַלס נישט־באָלשעוויסטקע, נאָר אַלס ערלעכע קאַלוויניסטקע, קאָן נישט אָנרופן ביים נאָמען. מסיע דעלע האָט נישט געוואָלט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט און אויך גענומען זיך אויפרעגן, רעדנדיק מיטאַמאָל וועגן סעיף, וועגן קוזמאַן און וועגן די „פינק׳־פילן". נאָר דעם קאָמיסאַר איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן און, דיפּלאָמאַטיש שמייכלענדיק, איז ער אַרויסגעגאַנגען.

מיר זענען אַריבערגעגאַנגען אין די אונטערשטע אַמטלעכע צימערן. דאָרט איז געווען אַ סך מענטשן און די אַרבעט האָט געקאָכט. מיר האָבן געפרעגט אויף איישאַן, האָט מען אונז אַריבערגעפירט אין דער „סעקציע פאַר אַפריקאַנישע פעלקער".

הגם פאַר דער צייט פון מלחמה און רעוואָלוציע האָב איך פאַרלוירן דאָס געטלעכע געפיל פון פאַרוואונדערונג, דאָך האָט מיך איישאַס דערציילונג געריירט. סוף כל סוף איז ערקאָלע געווען

נישט קיין שלעכטער רענקמאַל, און מיסטער קולן מיט זיין דורשט גאָר גייסטיק לעבן האָבן נישט שלעכט אַנטשפּראָכן די תּפיסה־קראַ־טעס. נאָר איישאַ, דער ליבער איישאַ, מיט וועלכן כ'האָב אַרומ־געשטיפּט אויף די ברעגעס פונם געבענטשטן סענעגאַל — אין דער ראָל פון אַ פּראָפּאַגאַנדע־לייטער צווישן די נעגערס, — דאָס איז געווען אויסערגעוויינטלעך, פאַרחדושט צו ווערן, גענייאַל אין דער פּשטות. „די ווייסע האָבן אונז געהרגעט, נישט קיין גוטע געווען. איצט וועלן מיר שוין נישט לאָזן צו זיך די גוטע קאַפּראַלן!" מיט איין וואָרט, איישאַ האָט זיך געפילט אויסגעצייכנט אין דער נייער ראָל. דערפאַר האָב איך מורא געהאַט אָנצוקוקן מסיע דעלע; ער האָט געהאַטווילדע אויגן, געכריפּעט און, כ'ווייס נישט נאָכוואָס, געפּרוווט אָפּשטעמפּלען איישאַס אָרט מיט דער חתימה, וואָס איז געלעגן אויפן שרייבטיש. איישאַ האָט אַרויסגעוויזן אַ גוטן זכרון און גוטהאַרציקייט; ווענדנדיק זיך צו מסיע דעלע, האָט ער גע־זאָגט: „געדענקסט, דו געזאָגט איישאַן: איישאַ איז מיינער, פראַנ־צויזישער, גיי, איישאַ, אַרבעט אויף דער מלחמה. איצט זאָגט איי־שאַ: דו ביסט מיינער, סענעגאַלישער, איישאַ האָט דיך זייער ליב גיי אַרבעטן, וועסט זיין דער יונגערער געשעפטספירער ביי מיר אין קאַנצעלאַריע."

דעמאָלט איז פאָרגעקומען עפּעס ווילדעס. מסיע דעלע איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און מיט אַ שפּיציקן, הענערישן קול זיך צעשריגן: „איך בין אויסער אַלע קלאַסן! זשאַבעס! נבלה פון זעכצנטל! איר ווילט מיך קנייפּן אין די קנעכלען! איך וועל אייך ווייזן! ווי זיי שטינקען! המון! נבלות! גיט מיר דריי הונדערט פּער־פומירטע נאָז־טיכלעך! איך פאַרהתמע אייער סענעגאַל און באַגראָב אים לויטן דריטן קלאַס! גיט צוריק דעם סעיף! וויוו ל'אַליאַנס פראַנקאָ־ריס!*) בריגאַדיר! בינדט קוזמאַן און צו מסיע דייבלערן אים אַוועקפירן! טשיק־טשיריק! און דערנאָך, אָן אַ ביוראָ, אין גרוב אַראָפּ!"

אַך! ס'איז שוין נישט געווען וואָס צו צווייפלען—דער אָרע־

*) זאָל לעבן דער פראַנצויזיש־רוסישער בונד!

מער מסיע דעלע איז משוגע געוואָרן. מ׳האָט אים געבונדן און אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל אַריין אויף דער קאַנאַטשיקאָווער דאַטשע. אויפן אַנדערן טאָג האָב איך זיך גענומען צו מיינע איבערגעריסענע באַשעפטיקונגען און באַוויינענדיק אַלצדינג, האָב איך האַרציק געוויינט אויפן גורל פונם טייערן מסיע דעלע, וואָס האָט אין נאָמען פונם כימערישן „אוניווערסאַל-נעקראָפּאָל“ פּאַרטווישט די אַרבעסלעך און לוסין אויף די מרה-שחורהדיקע געצעלטן פונם משוגעים-הויז. זיין געפּיל פּאַר אָרדנונג און האַרמאָניע, זיין שלאַנקע, ווי די גאָטישע קלויסטערס, וועלט-היעראַרכיע, זיין לייכטע לעבנס-פרייד און זאָרגלאָזע שמייכלענדיקע חכמה האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דאָזיקן תהו-ובהו אָדער, לויט דעם לערערס נביאות, דעם „ליבלעך-געמיטלעכן צוגרייטונגס-קלאַס“.

דאָס פינף און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

כורעניטאַ שרייבט דעקרעטן. — אַ וויכּוח וועגן פרייהייט אין וועטשעקאַ

תחלת פריילינג, ווען אַפילו די רעגירונג האָט זיך איבערצייגט אין דער אילוזאָרישקייט פון פעטערבורג און איז איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, האָט זיך פלוצלינג באַוויזן דער לערער. ער איז געקומען צו מיר צוגיין, זיך נאָכגעפרעגט וועגן מיין אַרטלעבן, נישט מסכים געווען אויף אים און פאָרגעלייגט מיר תיכף אָפּצושטעלן דאָס באַוויינעריי און פאָרן מיט אים קיין קינעשמא אַלס זיין פערזענלעכער סעקרעטאַר. אויף מיין פראַגע, וואָס אייגנטלעך האָט ער געטאָן פאַר די זעקס חדשים, האָט ער געענטפערט קורץ: „אַ קרעפטיקער לעבנס־שטייגער, צום טייוול! געמאַטערט זיך אויף אים אויסקארטשעווען, מאָזאָלעס אָנגעריבן!” קיין קינעשמא איז ער געפאָרן אַלס קאָמיסאַר.

אין דריי טעג אַרום זענען מיר שוין געזעסן אויפן אייגנעפאַלן בעטל אין קינעשמער האָטעל, און דער לערער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, וואו אָרטיקע לאָבוסעס האָבן, טייטלענדיק מיט די פינגער אויף זיך־פאָרנדיקע הינט, געקניפּט דערווייל שלעפעריקע גויעס מיט אָקסענע אויגן, — און אַנטוויקלט זיין פּראָגראַם: „דאָס ערגסטע וועט זיין, אויב אָנשטאָט ברעכן און בויען וועט מען נעמען פאַרריכטן. וואָס קאָן נאָך זיין געמיינער, ווי נאָכן איבערזעצן די גאַלאָרקע אויפן פאַרטער אַראָפּ, ווייטער ציען די אייגענע אי[illegible]

שע דראַמע? כ'וועל זיך באַמיען פאַרווירקלעכן אין לעבן נייע פּרינציפּן פון גלייכהייט, אָרגאַניזאַציע, שכלדיקער עקזיסטענץ״.

דערנאָך האָבן זיך אין שכנותדיקן צימער צעפּויקט די שרייבמאַשינקעס—דאָס האָט כורעניטאָ געשריבן דעקרעטן. ער האָט אָנגעהויבן פון גלייכהייט. אַלע קאָמיסאַרן, סאָוויעטישע ספּעצן און קינסטלער פונם שטאָטישן „קאַבאַרעט אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס״ ווערן איבערגעפירט אין אַרבעטס-קעמערלעך און קעלערס. ווייטער, פאַר די קאָמיסאַרן—וואָס פאַרוואַלטן מיט די מלבושים-סקלאַדעס, אָדער וואָס שטייען בראש פון דער „קאָמיסיע צונויפצונעמען די מותרות ביי דער „בורזשואַזיע״, ווערט פעסטגעשטעלט אַן איינהייטלעכע הלבשה: אַ קאָסאָוואָראָטקע,*) אַ קורץ פעלצל (אַ פּשוטס), אַ היטל, זעלנערישע שטיוול. צום סוף איז דער מעניו פון די העכערע און נידעריקע באַאַמטע פון דער שפּייז-אָפּטיילונג באַגרענעצט געוואָרן בלויז אויף הירזש. נאָר די דאָזיקע אַן און פאַר זיך גאַנץ שכלדיקע מיטלען האָבן געברענגט צו דער גרעסטער אומאָרדנונג. די טעטיקייט פון פאַרשידענע זייער-וויכטיקע אַנשטאַלטן (צווישן זיי אויך פון דער „קאָמיסיע צונויפצונעמען די מותרות ביי דער בורזשואַזיע״ און פון „קאַבאַרעט אויפן נאָמען פון מאַרקס״) האָט זיך כמעט אָפּגעשטעלט. אין צענטער זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן פיל אָנקלאַגעס.

כורעניטאָ איז נישט פאַרצווייפלט געוואָרן, ער האָט זיך גענומען צוגרייטן מיט אַלע מיטלען די אָרגאַניזאַציע און אויסראָטן דאָס געשפּענסט פון פערזענלעכער פרייהייט, וואָס קומט אום לויט זיינע ווערטער. אין איין און דעמזעלבן טאָג — דעם 12-טן אַפּריל — האָט ער אַרויסגעגעבן דריי נישט גרויסע דעקרעטן אויף פאַרשידענע געביטן. דאָס איז זייער גענויער נוסח:

I. „אַזוי ווי ס'איז אַ מאַנגל אין רויע לעדער און אין פאַרטיקע שיכוואַרג, און אויך צוליב דעם שלעכטן צושטאַנד פון די טראָטואַרן אין דער שטאָט קינעשמאַ, ווערט, אָנהויבנדיק פון 1-טן ד. ח., פאַרבאָטן פאַר די בירגער צו גיין איבער די גאַסן

*) אַ מענער-מאַנטל מיט אַ קאָלנער, וואָס פאַרקנעפּלט זיך אַן אַ זייט.

אין די אַרבעטס־שעהן פון 10 ביז 4 אַ זייגער נ. מ., אויסער פאַר די, וואָס גייען אין דינסט־אָנגעלעגנהייטן און זענען פאַרזען מיט געהעריקע שיינען".

II. „ביז די צענטראַלע ראַטן־מאַכט וועט נישט אויסאַרבעטן אַן איינהייטלעכן פּלאַן פון געבורטן אויפן יאָהר 1919 ווערט פאַר די אייוואוינער פון דער שטאָט קינעשמאַ און קרייזל, אָנהויבנדיק פונם 15־טן ד. ח., פאַרבאָטן צו מאַכן געבורט־התחלות".

III. „די באַדינגונגען פונם איצטיקן מאָמענט פאָדערן פון אַלע ערלעכע בירגער די שטאַרקסטע אָנשטרענגונג פון די כחות אויף אויפצובויען די אינדוסטריע און קאָמוניקאַציע. דערפאַר, צוליב דער עקאָנאָמיע פון מח־אַרבעט ביי די מיטאַרבעטער, ווערט אין דער געזעלשאַפטלעכער ביבליאָטעק צייטווייליק אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן פילאָזאָפישע און טעאָלאָגישע ביכער." די דאָזיקע דעקרעטן האָבן אַרויסגערופן אַן אמתן שטורם. די קינעשמער קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז כורעניטאָ איז נישט קיין מאַרקסיסט און האָט זיך געווענדט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

„אָ, צבועקעס!" האָט זיך אויפגערעגט דער לערער, „זיי זענען באַרופן צו צעשטערן, נאָר צווישן די חורבות, מיטן ברעכאייזן אין האַנט, פרווון זיי שפּילן די ראָל פון אַרכעאָלאָגן, אָדער, צום ווינציקסטן, פון אַנטיקוואַרן. מיט וואָס איז דער דאָזיקער וואונדער באַרער לייטער פון פּאַיאָקעס, פון אַן אכטל ברויט ביז פוטער־ברויט מיט רויגן, ערגער פון די זעכצן קלאַסן פון אונזער אומגליקלעכן פרייבנט? זיי האָבן ליב פרייהייט נישט ווינציקער פון גלאַדסטאָנען, גאַמבעטאַן און אַלע מיטגלידער פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון קליינהאַנדל אין די דרום־דעפּאַרטאַמענטן פון פראַנקרייך". און ווי דזשענטלמענער פון „אָלד־ענגלאַנד" זאָרגן זיי זיך וועגן דער הייליקייט פון דער פאַמיליען שטוב. זעט אויס, אַז צווינגען עמיצן צו געבוירן אָדער פאַרבאָטן דאָס איז שווערער, ווי באַפעלן צו הרגענען אָדער דאַווענען, ווי פאַרבאָטן צו דענקען נישט לויט דעם אָנגענומענעם שטייגער אָדער צו שלאָפן מיט נישט באַצאָלטע און נישט געשטעמפּלטע אָביעקטן? צבועקעס, אַמאָטאָרן צו

דראַפּען זיך אויפן וועזוף־קראַטער, גרויסוועלטישע װאוילדע יינגען, איבערגעטאָן פאַר אַפּאַשן, שניידערלעך, וואָס לייגן די לעצטע, טראַגישע לאַטע, אויסגעשניטן פון סאַמע נישט פּאַסיקסטן אָרט, אויף די ביז צום לעצטן פּאָדים אויסגעטראָגענע הייזעלעך אָדמס!"

נאָר כורעניטאָס שונאים האָבן אַנדערש געטראַכט און האָבן ענערגיש געאַרבעט אויף אים צו באַזייטיקן. אין דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער פּעטערבורגער „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ", איז דער לערער פאָרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ „גאוהדיקער איגנאָראַנט", „איינער פון די צוגעטשעפּעטע", וואָס פאַרשעמט מיט זיינע מעשים די הייליקע פּראָלעטאַרישע זאַך.

די ענדגילטיקע שלאַכט האָט זיך אָפּגעשפּילט אינגיכן צוליב כוראָניטאָס באַציונג צו עסטעטישע פּראָבלעמען. דער לערער האָט געהאַלטן, אַז קונסט — אַזוי ווי זי איז ביז איצט פאַרשטאַנען געוואָרן, — דאָס הייסט אַלס פאַרמערונג פון פולשטענדיק ניצלאָזע זאַכן, — איז פאַר דער נייער געזעלשאַפט נישט־נויטיק און דאַרף ווי מעגלעך שנעלער פאַרניכטעט ווערן. אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועל איך ברענגען גענוי די הנחות, מיט וועלכע דער לערער האָט זיך געריכטעט אין זיין נייעם בילדערקאַמף. דערווייל באַנוגן איך זיך מיט די אויספירן, דאָס הייסט מיט זיין פעסטן באַשלוס צו האַנדלען מיט די ניין מוזעס פּונקט אַזוי, ווי מ'האָט געהאַנדלט מיטן „פאַרדאָרבענעם" מיסטער קול. די קינעשמער באָלשעוויקעס האָבן געהאַט פאַרקערטע אָנשויונגען און קונסט האָבן זיי ליב געהאַט ביז משוגעת. אין שטאָט האָט מען געפּענט אַכצן טעאַטערן, דערביי האָבן געשפּילט אַלע: די מיטגלידער פון איספּאָלקאָם, טשעקיסטן, די פאַרוואַלטער פון די סטאַטיסטישע אָפּטיילונגען, די שילער פון ערשטן קלאַס פון דער איינציקער שול, מיליציאָנערן, אַרעסטירטע „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן", אַפילו אַרטיסטן. אין „טעאַטער אויף ליבקנעכטס נאָמען" האָט דער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד יעדן טאָג געשפּילט אַ פּיעסע — „אַ שוויגער אין הויז, — אַלץ קאַפּויר", דערביי האָט די שוויגער כלל נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך די וועלטלעכע רעוואָלוציע, נאָר די פּשוטע, ערלעכע שוויגער „פון די אַלטע גוטע צייטן".

דאָס אַלץ האָט זיך בלויז אין כמות אונטערגעשיידט פונם פֿריערדיקן קינעשמער טעאַטער, וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורכן סוחר קוטעכין. אויפֿן געביט פֿון מאַלעריי איז אויך נישט חייניק אויפגעטאָן געוואָרן. אַ דאַנק דער אומבאַוואוסטזיניקער באַציאונג פֿון די פֿויערים צו קונסט־שאַפֿונגען זענען פֿונם נאָבטן גוט אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿאַרשידענע אַנטיקן, און אין קינעשמאַ איז פֿייערלעך געעפֿנט געוואָרן אַ מוזעום. דער שטאָלץ פֿון מוזעום זענען געווען דריי בילדער: אויפֿן ערשטן איז געווען פֿאָרגעשטעלט אַ געפֿגרטער פֿיש מיט אַן אָפֿן מויל, אַ ליידיק פֿלעשל און אַ הייפֿטל קרויט, מיט דער צושריפֿט — „האָלענדישע שול”, אויפֿן צווייטן, „געהער מסתמא דעם פּינזל פֿון אַנדרע־דעל־סאַרטאָ”, איז געווען אויסגעמאָלט אַ פֿול־ברוסטיקע, געזונטע פֿרוי, וואָס האָט קאָקעטיש געשמייכלט צו עפּעס אַ בריוו־טרעגער אין אַ קאָסטיום פֿון אַ מלאך, מיט אויגן פֿון אַ שעפּס; דאָס דריטע איז געווען אויסגעשמירט מיט פֿאַרשידענע פֿיאָלעטענע און פּשוט ברודיקע, ווי טינטענע, פֿלעקן, און האָט לויט ווערובעלן געדאַרפֿט איבערגעבן דעמאָנס אומבאַוועגטשלעכע ליידנשאַפֿט.

דער לערער האָט אָן וואַקלעניש געהייסן דעם מוזעום און אַלע טעאַטערן תּיכּף פֿאַרמאַכן, די געביידעס אָפּגעבן לטובת די פּראָפֿעסיאָנעל־טעכנישע שולן, די קינסטלער מאָביליזירן אויף אויסצואַרבעטן אַ סאָלידע און באַקוועמע פֿאָרם פֿון מענער־שיך און שטולן פֿאַר די סאָוויעטישע קאַנצעלאַריעס, און די אַקטיאָרן, נאָכן באַזאָרגן זיי מיט די געהעריקע דירעקטיוון, אַוועקשיקן אין דער פּראָווינץ אויף צו אַגיטירן די פֿויערים זיי זאָלן זעצן וואָס מערער קאַרטאָפֿל.

דער „ראַביס”, דאָס הייסט דער פֿאַריין פֿון קונסט־אַרבעטער, האָט אַוועקגעשיקט אַ פֿאַרצווייפֿלטע טעלעגראַמע קיין מאָסקווע, און אינגיכן איז אָנגעקומען אַן ענטפֿער: „באַזייטיקן דעם וואַנדאַל”. דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געפֿייערט זיין נצחון: „איך האָב געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין מאַרקסיסט, נאָר אַ בורזשוי, דאָס הייסט אַ וואַנדאַל!” איך מיט כורעניטאָן זענען אַוועק קיין מאָסקווע.

באַלד נאָכן אָנקומען זענען מיר אַוועק אויף אַ גרויסן קאָ-

מוניסטישן מיטינג אין דער אווידיטאָריע פון פּאָליטעכנישן מוזעום. לויט די רעדעס פון די ערשטע רעדנער האָבן מיר זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז דער שטאַנדפּונקט פון די קינעשמער אַקטיאָרן איז אויך דער שטאַנדפּונקט פון אַלע גרויסע מאַכערס און רעדלפירער. אָט וואָס זיי האָבן געזאָגט: „אין דער פּראָלעטארישער מלוכה ווערט אויפגעלעבט ווערן די שיינקייט פון דער אַנטיקער וועלט", „מיר זענען קעמפער פאַרן פרייען געדאַנק", „איצט איז אָנגעקומען דאָס אמתע מלכות פון פרייהייט". דער לערער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס דאָזיקע פאַרעלטערטע איבערקייעכץ פון אָפּגעבלאַקעוועטע פאַרגעס־מיך־נישטן און הונדערט טויזנט דורכגעלעכערטע שטרוי־זעק — האָט ער אַ געשריי געטאָן: „ווי שעמט איר זיך נישט אַרומצושלעפּן זיך מיט דער פאַרעיפּושטער שיינקייט אָדער מיט דער שוין אונטערגעפוילטער פרייהייט? איר זענט אמתע קאָנטררעוואָלוציאָנערן!"

ס'איז געוואָרן אַ שטיקל בהלה און ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון מוזעום און געמאַכט אַ הונדערט טריט, האָבן אונז צוויי עלעגאַנטע יונגעלייט זייער העפלעך פאָרגעלייגט דעם ווייטערדיקן וועג פאָרטצוזעצן אין אַ אויטאָמאָביל, און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן האָבן זיי אונז אָפּגעפירט אין ו. טש. ק.

דאָס אויספאָרשן דעם לערער איז געווען זייער קורץ. „איר לייקנט די עקזיסטענץ פון שיינקייט און פרייהייט אין אַ קאָמוניסטישער מלוכה?" „אומבאַדינגט!" „איר האַלט די, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן אויפן מיטינג, פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערן?" „זעלבסטפאַרשטענדלעך!" איך האָב אויף דער אויספאָרשונג שעמעוודיק געשוויגן, געקלאָגט זיך אויף בויך־ווייטאָק, און סוף כל סוף אונטערגעשריבן זיך אונטער דעם לערערס דערקלערונגען.

אין אָוונט איז מען געקומען אונז דערקלערן, אַז מיר זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ שטראָף פון דער העכסטער מדרגה. „וואָס מיינט דאָס?" האָב איך געפרעגט. „אַזוי ווי פאַרמשפּטן אונז אויף אומשטערבלעכקייט זענען זיי נישט בכח, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מוז זיין דער סאַמע באַנאַלסטער טויט־אורטייל", האָט מיר כורע ניטאָ געענטפערט.

ווידער האָב איך איבערגעלעבט מרה־שחורהדיקע, לאַנגווייליקע שעהן פאַרן טויט. ס׳האָט זיך מיר זייער נישט געגלוסט צו שטאַרבן, ראשית, ווייל כ׳האָב אָפן און חוצפּהדיק ליב דאָס לעבן, יעדער לעבן, אַפילו אין קאַמער פון טשעקאַ, שנית, אויס נייגיריקייט מיט וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן דער דאָזיקער וואונדערלעכער תהו־ובהו. כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט מיר קלאָר מאַכן, פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם פאָרקומענדיקן; אונטערוואַרפנדיק זיך בלינד דעם לערערס ווערטער, האָב איך נישט פאַרשטאַנען זיינע כוונות און אָפט האָב איך געמורמלט אין זיך. טייל־מאָל האָב איך פיינלעך באַגערט אַ פשוט טאָג־טעגלעך לעבן, אָן צַן אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב, אָן טויזנטיעריקע פּערספּעקטיוון, ווען מ׳דאַרף נישט אויפהייבן די פיל־פודיקע שטיינער פון טראַכטעניש, ספקות און דעסגלייכן, אַ לעבן מיט געפילטע קיכעלעך און מיט באַלמאָנטס לידער. דעמאָלט בין איך אַנטלאָפן צו אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן, ביי וועמען ס׳איז געהאָנגען אַ גרויסע מאַפּע פון רוסלאַנד און וועלכער האָט שטענדיק פּינקטלעך געוואוסט, וואו עס געפינען זיך די טשעכאָ־סלאָוואַקן, דאָנער, דייטשן אָדער פראַנצויזן מיט איין וואָרט, צי ס׳איז שוין נאָנט „דער ליכטיקער טאָג פון תחית־המתים”.

און אָפטמאָל, ווען כ׳בין אַריינגעפאַלן אין דער געזעלשאַפט פון ליפּעראַנטן אָדער געשוואוירענע אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן פשוט אַוועקגעחלשט אָן דער „רוסקאָיע סלאָוואָ” ביי דער פרימאָרגנדיקער קאַווע מיט די באַהאַרצטע פעליעטאָנען פונם עקס־פּאָפּ גריגאָרפּעטראָוו, אָן פרישטיק אין „פראַגאַ”, אָן דער בירזשע, אָן קלוב, אָן דער „פרייהייט פון וואָרט, דרוק, געוויסן און באַוועגונגען”, בין איך פּלוצלינג אַריינגעקומען אין אַ פריילעכער שטימונג און געפרייט זיך פון זייערע צרות. אין אַזעלכע מינוטן האָב איך איבערגעלעבט אַ טיפע מאָראַלישע באַפרידיקונג צוליבן זיג פון דער גערעכטיקייט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גוטן ענגלישן ראָמאַן, און אויך אַן אמתן עקסטאַז, וועלכן עס קענען אַלע אָנהענגער פונם באַדייטנדיקן קינאָמאַטאָגראַפישן אַקטיאָר טשאַרלי, וואָס ברעכט אויף אַן אידעאַלן אופן געפעס און וואַרפט אום בכבודע דאַמען.

נאָר ס'זענען געווען אויך מאָמענטן, ווען אַפילו טשעכאָסלאָוואַקן מיט זעמעלעך און צעקלאַפּטע בלומען-טעפּ האָבן מיך נישט באַפרידיקט. כ'האָב מיך באמת משיג צו זיין דעם לערערס ווערטער וועגן אַ נייעם אייזערנעם נסיון, כ'האָב געוואָלט אָנקוקן זיך אַליין מיט אילאָוואַיסקיס פאַרשטויבטע אויגן. דעמאָלט האָב איך געזען וואונדערלעכע און שרעקלעכע זאַכן—דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט ציקלאָפּישע ספּיראַלן און קובן. איבער די טומלדיקע, ליכטיקע, קאַלטע מאַרק-פּלעצער האָבן מאַרשירט באַוואוסטזיניקע טאַבונען פון די קינפטיקע דורות. די נאַטור האָט זיך געטולעט, געבויגן צו זייערע פיס און אַרויסגעשליידערט פון אונטער איר „געהיימניספולן צוד?ק" עפּעס ענלעכס אויף ווייסע פעדלעך. און צום סוף האָט מיר געשוועבט פאַר די אויגן עפּעס ענלעכס צו דער לעצטער באַן-קאַטאַסטראָפע מיטן אַנטייל פון קאָמעטן און אַנדערע זייטיקע זאַכן, און אפשר אָן זיי, שטיקלעך גלאָז, זשאַווער, באַפרייאונג.

אָפּוואַרטנדיק אַזוי דעם טויט אין קאַמער פון ח. טש. ק. האָב איך קראַמפּהאַפטיק געטראַכט וועגן אַלעם און געפילט, ווי נאַריש, ווי אומזיניק דאָס איז צו שטאַרבן, נישט דערוואַרטנדיק זיך אַפילו ביזן סוף פון ערשטן אַקט. די נאַכט איז אַדורך שלעכט, און אינדערפרי האָט מען אונז אַרויסגערופן און געפירט איבער גליטשיקע, מיט קרויט און קעץ שמעקעדיקע שטיגן, דורך קאָרידאָרטשיקלעך און פאַרהעמערטע אינעווייניקסטע הויפן. דער פערער האָט ניך געפירט אונטערן האַנט, בלויז דאָס האָט מיך דערהאַלטן ביי די כחות. ער האָט געשמייכלט און געשפּאַסט מיט די סאָלדאַטן, פּראָטעסטירט געגן דעם, וואָס מ'האָט אים נישט אַרויסגעגעבן אינדערפרי קיין פּאַיאָק אויף אַ גאַנצן טאָג, וועלכן ער וואָלט נאָך באַוויזן אויפצועסן. מיר האָט געפייפט אין די אויערן און אומזיניק האָבן געשוועבט פאַר די אויגן אומגעריכטע שטיקער תכלית, נישט אָפּגערייטע פון הימל. דערנאָך האָט מען אונז ווידער געפירט איבער שטיגן און דורכגענג, און אָנשטאָט פּשוט און ערלעך דערשיסן, האָט מען אונז אַריינגעלאָזט אין אַ שטוב מיט ברוידיקע, פּערפּעצטע טאַפּעטן, וואו אויף אַ קאַנאַפּע האָט עפּעס אַן

אינטעליגענט געטרונקען טיי און צוגעביסן.

ער האָט אונז אַ קוק־אָן געגעבן מיט זיינע קורצזיכטיקע, גאַנץ גוטע אויגן און געזאָגט, אַז לכבוד דעם אָנקומען קיין מאָסקווע פון אַ דעלעגאַציע, דאַכט זיך, פון סיאַמער קאָמוניסטן, איז דערקלערט געוואָרן אַן אַמנעסטיע און צווישן אַנדערע וועט מען אויך אונז נישט דערשיסן. דער לערער האָט דאָס אויסגעהערט שווייגנדיק, און איך האָב אַרויסגעזאָגט העפלעך, ווי מ'האָט מיך געלערנט אין דער יוגנט — „מערסי". נאָר דער אינטעליגענט, וואָס האָט בכיון נישט געלייגט אויף מיר קיין שום אַכט, האָט זיך געווענדעט צו כורעניטאָן מיט דער פראַגע: „זאָגט מיר, כ'בעט אייך, נישט שוין זשע זענט איר טאַקע אַזוי פאַרביסן און בלינד אין אייער שנאה צו דער אַרבעטער־און פויערים־מאַכט, אַז איר זעט נישט דאָס, וואָס אַלע זעען, אַז איר ווילט נישט אָנערקענען דעם פשוטסטן אמת, דהיינו, אַז ר. ס. פ. ס. ר. — איז די אמתדיקע מלוכה פון פרייהייט?"

דער לערער האָט אַ שמייכל געטאָן: „חבר, ליידער בין איך נישט בלינד און נישט פאַרביסן, כ'זאָג „ליידער", וואָרים פאַרביסנקייט און בלינדקייט איז אַ גאַראַנטיע פאַר קאַמף, באַוועגונג, אַלזאָ פאַר לעבן. צום באַדויערן האָב איך קלאָרזעעוודיקע אויגן, אַ ניכטערן שכל, און אַ גלייכגעוויכטיקן טעמפּעראַמענט. נאָר דאָס איז אַזוי זיך, אַגב אורחא. נאָך ווינציקער קאָן איך פיינט האָבן מאַכט, וואָרים דאָס לעבן האָט מיך אויסגעלערנט צו אַכטן יעטוועדע מלאכה, מיט וועלכער דער מענטש זאָל זיך נישט באַשעפטיקן. די רעוואָלוציע, פאַרקערט, איז מיר פולשטענדיק צום האַרצן, און איך מיין, אַז אין פאַרלויף פון די איינאונדרייסיק יאָר פון מיין לעבן האָב איך זיך גיכער פון אַלץ פאַרנומען מיט פאַרניכטן, אויפרייסן, אונטערגראָבן און מיט כלערליי רייניקונגס־אָפּעראַציעס. וואָס ס'איז שייך פרייהייט איז דאָס אַן אַבסטראַקציע, אין אונזערע טעג אַ באַזונדערס שעדלעכע. איר פאַרניכט די פרייהייט, דערפאַר באַגריס איך אייך. איר זענט די גרעסטע באַפרייער פון דער מענטשהייט, ווייל איר טראָגט פאַר איר אַ וואונדערלעכן יאָך, נישט קיין געגילדטן, נאָר אַן אייזערנעם, סאָליד און אָרגאַניזירט. ס'וועט קומען אַ טאָג,

ווען פרייהייט וועט פאַר גימנאַזיסטן פון לעצטן קלאַס זיין אַ רע-
וואָלוציאָנערער לאָזונג און פון אים וועלן פליען, ווי פעדערן פון
אַן אַרומגעציפּטער הון, די שיינקייט און די טויזנטער באַפּוצונגען
פון דער וועלט, וואָס ווערט איצט געבויט. נאָר היינט „פרייהייט"—
איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערער באַגריף, אַ קישעלע פון אַ רענטיער,
אַ צוקערל אין דער פּויסט פון אַ מענטשן-פרעסער, אַ קאַנאַניזירונג
פון אַלע מיסטקאַסטנס פון דער וועלט. איך באַגריס אייך, ווייל אין
משך פון אַ יאָר האָט איר באַוויזן גרינטלעך אויסצוראָטן דעם פריי-
הייטס-באַגריף פון די קעפּ פון פאַרשידענע פּוסטעפּאַסניקעס, בעלי-
חלומות און פאַרסליגעטע טרוימער. נאָר ס'איז מיר זייער נישט צום
האַרצן צו זען, אַז איר זענט נישט דער קאַפּיטאַן פון דער שיף,
און אַז אין דער עצם איבערקערעניש איז שולדיק נישט דער רו-
דער, נאָר די שוואַרצע כוואַליעס. קירצער — איר אַליין קענט
זיך נישט אויף דעם, וואָס איר טוט. דאָס געשעט, פאַרשטייט זיך,
גאַנץ אָפּט. אָבער פונדעסטוועגן איז נישט פריילעך. אויב איר דער-
שיטט מיך נישט, וועל איך לויט מיינע כחות מיטאַרבעטן מיט אייך,
דאָס הייסט, פאַרניכטן די שיינקייט, די פרייהייט פון געדאַנקען,
געפילן און מעשים אין נאָמען פון דער געזעצמעסיקער, איינהייט-
לעכער, פּינקטלעכער אָרגאַניזירונג פון דער מענטשהייט!"

דער אינטעליגענט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ רע-
וואָלוציאָנערן אויספאָרשונגס-ריכטער, איז געוואָרן אויפגערעגט. ער
האָט אָפּגערוקט דאָס טיי-טעפּל און איז אַפילו אַראָפּ פון קאַנאַפּע,
דורכגעלאָפן איבערן שטוב און, מיטן ווילן צו איבערצייגן דעם
לערער, אויפגעעפנט דעם „קאָמוניסטישן אלף-בית" און גענומען
פון דאָרט אַרויסלייענען וועגן מערוועט. נאָכן איבערלייענען אַ
זייטן דריי, האָט ער אויסגעשריגן: „איצט, גלויב איך, האָט איר
פאַרשטאַנען — פון דער מלוכה פון נויטווענדיקייט זענען מיר
אַריינגעטרעטן אין דער מלוכה פון פרייהייט!"

„טייערער חבר! כ'צווייפל בכלל נישט, אַז די מלוכה פון
פרייהייט וועט אַמאָל אָנקומען (מעגלעך דעמאָלט, ווען ס'וועלן זיין
אויסגעראָטן די לעצטע מענטשן אויף אונזער פּלאַנעט). דערווייל
טרעטן מיר דווקא אַריין אין אַ מלוכה פון בולטער אויסגעצוואונגענ-

קייט, וואו די געוואַלט פֿאַרדעקט זיך נישט מיט דער געמיינער, זיסלעכער מאַסקע פֿונם ענגלישן לאָרד. איך בעט אייך, באַפּוצט נישט אייערע שטעקנס מיט פֿיילכן=בלימעלעך! גרויס און קאָמפּליצירט איז אייער מיסיע — אַזוי ווייט צוגעוואוינען דעם מענטשן צו די שלעסלעך, אַז זיי זאָלן זיך אים אויסווייזן, ווי צערטלעכע אומאַרמונגען פֿון אַ מוטער. צו דעם דאַרף מען זיך דערנענטערן גאָר נישט פֿאָרזיכטיק, נישט אונטערגנבענענדיק=זיך, און נישט באַהאַלטנדיק די שלעסלעך אונטער דער פּלייצע. ניין, מ'דאַרף שאַפֿן אַ נייעם פֿאַטאָס פֿאַר דער נייער קנעכטשאַפֿט. עס גענוגט נישט אַרייַנצוגענאַרן דער יונגן תּלמיד מיט דיפּלאָמען, מ'דאַרף אים אויסלערנען זיך פֿרייען מיט די אַכט יאָרן — יאָרהונדערטן — און אפֿשר יאָרטויזנטן. איר, דאַכט זיך, זענט, נישט געקוקט אויף אייער אינטעליגענץ און ליידנשאַפֿט צו ציטאַטן, אַ טיכטיקער און ענערגישער מענטש. לאָזט=זשע איבער די פֿרייהייט פֿאַר די סיפֿיליטיקער פֿון די מאָנמאַרטרישע שענקלעך און טוט אָן איר דאָס, וואָס איר טוט, אייגנטלעך, סיי=ווי=סיי!"

„איר זענט שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער", האָט טרוקן געענטפֿערט דער אויספֿאָרשונגס=ריכטער. „צוליב אייער משונהדיקער טערמינאָלאָגיע איז מיר נישט אינגאַנצן אויפֿגעקלערט, צי זענט איר אַ מאָנאַרכיסט אָדער אַן אַנאַרכיסט. יעדנפֿאַלס זענט איר אַ קאָנטר=רעוואָלוציאָנער און אייערע סימפּאַטיעס צו דער סאָוויעטישער מאַכט טראָגן אַ בולטן פּראָוואָקאַטאָרישן כאַראַקטער: מיר זענען נישט קיין שונאים, נאָר הייסע פֿאַרטיידיקער פֿון דער פֿרייהייט. די טויט=שטראָף בנוגע צו אייך און צום בירגער ערענבורג ווערט פֿאַרביטן אויף צוואַנגס=אַרבעטן אין קאָנצענטראַציאָנס=לאַגער ביז צום סוף פֿון בירגער=קריג. איך האָף, אַז דאָרט וועט איר זיך קלאָר מאַכן אייערע פֿעלערן!

דאס זעקס און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

מיסטער קול אין אַ קאָמוניסטישער פאַמיליע.—די טרערן פון „פּראָדקאָם”.—דער הייליקער גראַאַל

מיר זענען אַריינגעפאַלן אין דעם לאַגער אַריין, וואו ס'האָט זיך אויפגעהאַלטן מיסטער קול און אויף אַזאַ אופן האָט אונזער אַרעסט געהאַט אויך עפּעס איינגענעמעס. דער אומדערמידלעכער מי־סיאָנער האָט פאַר דער צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט באַוויזן זיך אַביסל צוצוגעוואוינען צו די פאַרגעקומענע ענדערונגען און אפילו צו מאַכן שלום מיט זיי. פאַרשטייט זיך, ער איז נישט געוואָרן קיין קאָמוניסט, ער האָט זיך אפילו נישט דעקלאַרירט פאַר אַ „מיטפילנ־דיקן”, אָבער סונדעסטוועגן איז ער געוואָרן ווייכער און האָט צוריק־געשטעלט זיין פריערדיקע אַכטונג צו זיינע צוויי ביכעלעך—צו דעם בלויאינקן און צו דעם אין סאַפיאַן־לעדער. „כ'האָב אַ טעות געהאַט, מיינענדיק, אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן: דאָלאַר און מאָראַלישקייט הערשן נאָך איצט אויך איבער די מענטשן. וואָס מער דער דאָלאַר ווערט פאַרפאָלגט, אַלץ שנעלער וואַקסט ער, און די אויסגעלאַכטע מאָראַלישקייט געוועלטיקט ווידער איבער די, וואָס חוזקן פון איר־גלויבט אין דעם פּראַקטישן אָדערל פון מיסטער קול —דער קאָ־מוניסט איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מ'מאָלט אים.”

דער לערער האָט געפירט מיט מיסטער קול לאַנגע געשפּרעכן אויף אַבסטראַקטע טעמען, ווי אַ שטייגער: „דער באַגריף פון אייגנטום ביי די עוואַנגעליסטן”, „דער הייליקער פּאַול און לענין” וכדומה. איך דאַגעגן האָב פאַרטריבן די צייט, שפּילנדיק מיטן

אַמעריקאַנער אין „זעקס און זעכציק" אויף אַ פערטל טאַבאַק פאַר זעקס און זעכציק געוואונענע פּאַרטיעס. הגם מ׳האָט אונז אָפּגע־שיקט אויף צוואַנגס־אַרבעט, האָבן מיר אויסער די דערמאָנטע באַ־שעפטיקונגען, מער קיין זאַך נישט געטאָן און טאָן נישט געקאָנט.

דער קאָמענדאַנט פון לאַגער האָט אויף אונזערע אָנקלאַגעס געענטפערט, אַז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וועט זיך אינגיכן פאַרנעמען מיט אויסזוכן פאַר אונז אַן אַרבעט, וואָס זאָל זיין פּראָדוקטיוו. דער לערער האָט זיך צו קאָמיסיעס שטענדיק באַצויגן מיט אַ נישט באַהאַלטענער סקעפּטישקייט, און דערפאַר האָט ער, אַ געפּייניקטער פון אונזער געצוואונגענעם ליידיקגיין, גענומען זוכן און אינגיכן געפונען אַן אַנדער אויסוועג.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר קאָנען באַפרייט ווערן אויף אַן ערבות פון צוויי מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דער ערשטער האָט געקאָנט זיין, פאַרשטייט זיך, איישאַ. וואָס ס׳איז שייך דעם אַנדערן, האָבן מיר זיך געוואַקלט. צו אונז זענען דער־גאַנגען קלאַנגען, אַז שמידט זאָל האָבן אינגאַנצן געוואָרן אַן אַנ־דערער, ער האָט געוואָרפן צום טייוול זיין אימפּעריע און געוואָרן אַ טעטיקער „ספּאַרטאַקיסט", נאָר דאָס זענען געווען נישט מער, ווי קלאַנגען. דער נייער „ווייסער ביין" האָט זיך מיט קיין שום אוי־סערלעכע אייגנשאַפטן נישט אויסגעצייכנט — אַלע סמנים, וואָס זענען אונז אָנגערופן געוואָרן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע; פּאָרטרעטן פון מאַרקסן און רויטע שטערנדלעך האָבן באַנוצט אויך אומפּאַרטייאישע, כדי באַקוועמער דורכצופאָרן זיך אויפן טראַמוואַי.

מיר האָבן שוין געהאַט כמעט פאַרלוירן יעטוועדע האָפענונג צו געפינען דעם צווייטן קאָמוניסט, נאָר ס׳האָט אונז געראַטעוועט אַ גליקלעכער צופאַל. אין אונזער לאַגער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ געוויסער ברוכאַלאָוו, אַ געוועזענער אייגנטימער פון אַ שענק מיט אַ גערטנדל אויף שאַבאָלאָווקע. קיין צייט אומזיסט האָט ער נישט פאַרלוירן, די גאַנצע צייט האָט ער געקרעכצט איבער עפּעס ביכ־לעך און אָפּטמאָל ביינאַכט האָב איך געהערט, ווי ער האָט טעמפּ, נאָר מיט עקשנות געחזרט: „שטאָקהאָלמער צוזאַמענפאָר, לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר. הייליקע מוטער, ראַטעווע מיך און האָב רחמנות!"

אָט דער דאָזיקער ברוכאַלאָװ האָט אײנמאָל צוגענומען מײַן טאַבאַק־פּאָרציע — 15 פּאַפּיראָסן — און פּאַררוקט צו זיך אין קעשענע אַרײַן, איך בין געװען זײער אױפגערעגט און האָב פון כּעס אַפילו גענומען הוסטן. נאָר ברוכאַלאָװ האָט מיר צװישן אַנדערן פרײַנטלעך דערקלערט, אַז בכלל איז ער אין לאַגער גאָרנישט פאַררעכנט, ער געפינט זיך דאָ פון אײגענעם װילן ביז ער װעט נישט באַקומען אַן אָרדער פון דעם ערד־ און װאַרבונגס־אָפּטײל, װאָרים נעכטן האָט ער באַלײגט דעם פּאַרטײ־עקזאַמען און איז אָפּגערעכנט געװאָרן אַלס קאַנדידאַט אין קאָמוניסטישן „קעמערל״. איך האָב גלײַך אױפגעהערט צו הוסטן, דאָס הײסט כ׳האָב אָנגעהױבן אײדל אונטערצוהוסטן. ברוכאַלאָװ האָט זיך אַרױסגעװיזן פאַר אַ גוטן מענטשן, מיט נישט קײן פאַרשפּיצטער נאָז. נאָך אַ קורצן אָבער ערנסטן געשפּרעך מיט מיסטער קול אױג אױף אױג האָט ער געגעבן זײַן אונטערשריפט.

מיר זענען באַפרײַט געװאָרן און תּיכּף זענען מיר אַלע דרײַ געגאַנגען אױף פּאָסטנס: דער לערער צו אײַשאָו אין דער אָפּטײלונג פאַר דרום־אַמעריקע, מיסטער קול אין דער „קאָמיסיע צו קעמפן מיט פּראָסטיטוציע״, און איך אין דוראָװס קינדער־טעאַטער, װאו כ׳האָב דעם טײַערן װלאַדימער לעאָנידאָװיטש געהאָלפן אױסבילדן װעװעריקעס און ים־חזירימלעך אױפן געביט פון שיסן פון האַרמאַטן, אױפציִען פענער און אַנדערע העלדישע זאַכן.

באַזעצט האָבן מיר זיך אַלע אינאײנעם אין צװײ צימערן, װאָס זענען רעקװיזירט געװאָרן בײַ אַ געװיסן שפּעקולאַנט גראָסמאַן. בשכנות מיט אונז האָט געװאױנט דאָס קאָמוניסטישע פּאָרפאָלק נאַזימאָװ. מיסטער קול האָט זיך געפילט גלענצנד. צוזאַמען מיט גראָסמאַנען האָט ער אין אַמעריקאַנער מאַסשטאַב פאַרװירקלעכט אַן אײגנאַרטיקע פּאָרטזעצונג פון „טױטע נפשות״. זײ האָבן אױפגעקױפט נאַציאָנאַליזירטע פאַבריקן, אַנולירטע אַקציעס, רעקװירירטע צירונג. גראָסמאַן איז אַרומגעקראָכן יעדן טאָג איבער געהײמע קװאַרטירעס, לױט צװײפלהאַפטע אַדרעסן, דאָס רוב דורכן קיך־אײַנגאַנג, און געבראַנגט צוטראָגן די אָפּגעריבענע אָבליגאַציעס. פאַר מיסטער קול האָט ער אין אַ פאַרשפּורטן צושטאַנד

אָנפּאַרטרויט דעם סימבאָל פון זיין גלויבן: „העכער פון אַלץ איז די בערזע! טרייבט אונז אַרויס — וועלן מיר אַוועק אין די קאַטאַקאָמבן און דאָרט, אין דער פינסטער, שטיקנדיק זיך, וועלן מיר לעבן מיט דעם גערויש פון ציפערן, מיט דעם געפּליסטער פון פּאַפּירלעך. איך בין מסכּים דערפאַר צו שטאַרבן און אַפילו פאַרן טויט וועל איך אויסשרייען: די דר'פּראָצענטיקע וואַקסט! אָרעמע מאַלצעווער! דער פונט איז אומבאַרירלעך! די בערזע—איז דער פּולס פון דער וועלט; כ'קום אַריין אין דעם נעבעכדיקן קעמערל, וואו ס'וואוינט דער בערזע-הענדלער טשיבישטשעוו, ביי וועמען „זיי" האָבן אַלצדינג צוגענומען. פּרוי, קינדער אויוון, זופּ, וועש! דלות, רויך, קיין לעבן נישט! און דעמאָלט געשעט דאָס לעגענדאַרע, געהיימניספולע. טשיבישטשעוו שעפּטשעט מיר: „דער דאָלאַר וואַקסט, אין פּאַריז זיך אויפגעהויבן אויף צוויי פונקטן!" און איך זע דעם נצחון פון דער „נייער וועלט" איבער אייראָפּע, די פרייהייטס-סטאַטוע אין ניו-יאָרקער פּאָרט. „לירן פאַלן!" אָ־עמע איטאַליען. דאָרט הייבן „זיי" אָן צו אַרבעטן. אין די אָדערן פון דער וועלט יאָגט דאָס בלוט און איך, גראָסמאַן, אָפּגעשניטן פון די הייליקע בערזעס פון לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין, הער דאָ, אין דער באָלשעוויסטישער מאָסקווע, ווי עס ברענט און לויפט". מיסטער קול האָט, אַ שטראַלנדיקער און געריריטער, געדריקט גראָסמאַנען די הענט.

נאָר ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, ער האָט זיך אויך באַפריינדעט מיט די נאַזימאָווס, דאָס זענען געווען זייער ליבע, ערלעכע מענטשן, אַלטע פּאַרטיי-טוער. מיסטער קולן איז געפעלן געוואָרן זייער מאָראַלישקייט. איינמאָל, ווען צו מיר איז געקומען אַ פאַרערערין פון פּאָליטישן טאַלאַנט און איז נישט אַוועקגעגאַנגען צו דער צייט, האָט זיך די חברטע נאַזימאָוואַ געטיילט מיט מיסטער קול מיט אירע השערות: „ערענבורג איז אַ גלענצנדער ביישפּיל פון דער אויסאַרטנדיקער בורזשואַזער קולטור. איך, פאַרשטייט זיך, בין קעגן חתונה-האָבן דורך קלויסטער, אָבער מיר האָבן דאָך איינגעשטעלט די ציווילע חתונה. און דער עיקר, איך וואָלט גאָרנישט געהאַט צו אייך דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געמאָלדן אין דער אונטער.אָפּטיילונג פאַר ציווילע אַקטן וועגן זיינע

פלענער בנוגע דער דאָזיקער חברטע-פּרוי, אויב איך וואָלט געפילט, אַז צווישן זיי איז פאַראַן אַן אמתע אידעאישע נאָנטקייט, נאָר דאָס איז דאָך נישטאָ! איך בין מיט מיין מאַן, חבר אַנדריי, צונויפגע-בונדן דורך דרייצניעריקער פּאַרטייאישער אַרבעט. נאָר מיט דעם לאָזט זיך אַלץ דערקלערן. שטעלט אייך פאָר, ווען ער וואָלט געווען אַ מענשעוויק, ווי וואָלט איך געקאָנט?...״ אין צימער פון די נאַזימאָווס זענען געהאָנגען פּאָסט-קאַרטלעך: דאָס בילד פון קאַרל מאַרקס, „ס'אַראַ רחבות״ פון ריעפּינען און ווענוס פון מילאָ, וואָרים די נאַזימאָווס האָבן היילִיק טייער-געהאַלטן שיינקייט און קונסט. ווען נאַזימאָוו איז געגאַנגען אויף אַ „סובאָטניק״ *), ד. ה. שלעפּן האָלץ אויפן ראַזאַנער וואָקזאַל, האָט ער איבערן וועג די גאַנצע צייט געחזרט זיך די באַליבטע פערזן באַלמאָנטס: „איך פאַרלאַנג געביידעס זאָלן ברענען! איך פאַרלאַנג שטורעמס זאָלן שרייען!״ נאַזימאָוואָ האָט זייער ליב געהאַט צו באַזוכן דעם קינסטלערישן טעאַטער, און ווען דאָרט האָט געפייפט דער ווינט, די ברילן האָבן געמאַכט קולות, קלעפּערלעך האָבן געקלאַפּט אָדער עפּעס האָט גע-בורטשעט אין די מאָגנס פון „איבעריקע מענטשן״, דעמאָלט איז זי געווירט געווען — „דאָס הייסט אַן אמתער טעאַטער, אַ טרוים, אַ חלום!״

געלעבט האָבן די נאַזימאָווס זייער באַשיידן, שטיל, אינדער-פרי אויף די פּאָסטנס, בייטאָג אין די קאָמיסיעס, אין אָוונט אויף זיצונגען. אָפטמאָל, נאָך אויפרעגנדיקע געשפּרעכן מיט גראָסמאַנען, פלעגט מיסטער קול שפּעט נאָך האַלבער נאַכט ליב האָבן אַריינצו-גיין צו די נאַזימאָווס אין צימער. דאָרט האָט געמיטלעך געברענט די לאָמפּ און חברטע אָלגאַ האָט געלייענט דעם חבר אַנדריי די לעצטע „טעזיסן וועגן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען״, דאַגעגן ער האָט איר אַלע ווייל‍ע איבערגעריסן מיט באַמערקונגען: „דאָס איז סינדי-קאַליזם״, „און וואו איז מאַרקס?״, „אַ געפערלעכע דעמאַגאָגיע פון די מאַרטאָוועצעס״ און נאָך אַזעלכע. מיסטער קול האָט זיך אַנידער-געזעצט און אויך געהערט, אייגנטלעך פיל געהערט, וויפיל גע-

*) אַ טאָג אומזיסטע אַרבעט לטובת דער מלוכה.

קוויקט זיך מיט דעם פּאָרוואורפסלאָזן פרידן און שטילקייט פון דער דאָזיקער פאַמיליע. „איר זענט נישט קיין רעוואָלוציאָנערן", האָר ער געזאָגט, איר זענט די סאַמע חשובסטע קוואַקערס. איך האָב פאַר אייך נישט קיין מורא", און ער האָט דרייסט אָנגערירט די האַנט פון חבר אַנדריי, וועלכער האָט אים נישט געהערט, זייענדיק אויפגעטרעסלט פון דער „קליינבירגערליכער האָפנונג פון דער אַרבעטער אָפּאָזיציע".

מיסטער קול האָט צוגעצויגן דעם חבר נאַזימאָוו צו דער אַרבעט אין דער קאָמיסיע פאַר קעמפן מיט פּראָסטיטוציע. ווי אַ רייע אַנדערע מלאכות האָט דער דאָזיקער פאַך שטאַרק געבליט אין מאָסקווע; ער האָט פאַרלוירן זיין פריערדיקן ענגן קאַסטע-כאַראַקטער. אַלע, פאַרשטייט זיך, האָבן פאַרשטאַנען זיינע טיפע סאָציאַלע וואָרצלען, נאָר נישט באַנוגנט זיך מיטן דיאַגנאָז, און אָנגעווענדעט אַלערליי פּאַליאַטיוון. מיסטער קול האָט פאָרגעלייגט איינצופירן פאַר די, וואָס וועלן איבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט, די חברטע נאַזימאָוואַ (וועלכע האָט זיך ווי דאָס רוב פון די קאָמוניסטקעס, וועלכע כ'האָב באַגעגנט, אויסגעצייכנט מיט עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם) — איז געגוג פאַר מאָראַלישער פּראָפּאַגאַנדע, באַזונדער פאַר רעפעראַטן וועגן די גרויסע קאָמוניסטקעס פון דער וועלט.

אַ גרויסע ראָל אין דער קאָמיסיע האָט אויך געשפילט דער חבר ראַדעלאָוו, קאָמיסאַר פון פּראָדקאָם.*) טייל מאָל פלעגט ער קומען פון מיסטער קול און איך האָב מיך מיט אים באַקענט. אַלס אַ מענטש, וואָס איז אינגאַנצן איבערגעגעבן זיין אידעע, האָט ער גערעדט אויסשליסלעך וועגן וואַגאָנעס משאות, פודן ברויט, געטריקנטע פיש און דאָסגלייכן. אַליין איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַן איבערגעניצעוועטן אָפּגעשליסענעם דאַמען-זשאַקעטל, וואָס כ'ווייס נישט ווי ארום ער איז צו אים אַריינגעפאַלן, האָט זיך דערנערט מיט אַ פונט ברויט און מיט עפּעס אַן עקלהאַפטער פליסיקייט, וואָס האָט געהייסן „זופּ פון פרוכטן פאַר די רעסטאָראַ-

---

*) פּראָדאָוואָלסטווענני קאָמיסאַריאַט — שפּייז-פאַרזאָרגונגס-קאָמיסאַריאַט.

ציִעס פון צווייטער קאַטעגאָריע", איז מאָגער געוואָרען, געקרענגט, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער קיין זאַך נישט אין זינען געהאַט אַ חוץ די געהיימניספולע וואַגאָנעס, וואָס זענען געקראָכן דאָרט איבער די ליניעס. נאָר ראַדעלאָוו האָט געהאַט איין שוואַכקייט — צייטנווייז פלעגט אים באַפאַלן אַ ווילדע, אַן אוממענטשלעכע לײדנשאַפט צו דער פרוי, נישט צו אַ באַשטימטער, וואָרים ער, אַ באַלאָדענער מיט וואַגאָנעס, האָט קיין מענטשן נישט באַמערקט, נאָר בכלל צו אַ פרוי. שיין איז ער געווען ממש ביז צו אַ מוזעיִשער אויסטערלישקייט, אַ פורפור-פנים, טיף אויסגעדלובעט מיט פאָקן, מיט אַ בילמע אויפן לינקן אויג און מיט אַ מוראַדיק-גרויסן גאָרגל, וואָס האָט געציטערט אונטערן הויכן פאַפירענעם קראַגן: קיין שום פרוי האָט צו אים קיינמאָל גאָרנישט, אויסער עקל געמישט מיט רחמנות, נישט געפילט. גיין צו אַ פראָסטיטוטקע האָט זיך ראַדעלאָוו אויף קיין פאַל נישט געקאָנט באַשליסן, וואָרום דאָס איז געשטאַנען אין אַ סתירה צו זיינע פרינציפן, נאָר אין מאָמענטן פון צערייצטקייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט גאַנץ נאַיווער זעלבסטנאַרעריי. דהיינו — ער האָט דערטאַפט ערגעץ אַ דינסטמיידל אָדער אַ בייטאָרין, געבערענגט איר מתנות, גערעדט אַ האַלבע שעה אָן ערך וועגן זיינע אידעען, און דערנאָך האָט ער שוין, ענדגילטיק פאַרלירנדיק דעם באַוואוסטזיין, אויפגעהערט רעדן נאָר געטאָן.

גראָד אַזאַ מין אויפגערייצטקייט פון לאַנג נישט באַפרידיקטע לײדנשאַפטן האָט ראַדעלאָוו איבערגעלעבט, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט. מינוטנווייז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט-אָט וועט געשען אַן אומגעווייגלעכע קאַטאַסטראָפע מיט זיינע מיסטישע צוגן, און אַלע ציפערן וועלן נעמען פליען אין דעם אומהיימלעכן אָפגרונט פון תאווה.

אַמאָל אין אַן אָוונט האָט ראַדעלאָוו מיך מיט כורעניטאָן איינגעלאַדן צו גיין אינאיינעם מיט אים צו אַ געוויסער סימפאַטישער טעלעפאָניסטין, וועלכע ער מאַכט באַוואוסטזיניק און איניגיכן וועט ער זיין איר „טויף-פאָטער" אין פייערלעכן טאָג פון אריינגעמען זי אין „קעמערל!" מיר האָבן מסכים געווען, און ראַדעלאָוו האָט מיטגענומען מיט זיך אַ צוויי פונט צוקער און אַ פונט

ליינען-אייל — זיין גאַנצן חודשדיקן פּאַיאָק. ווי כ'האָב שוין געזאָגט, האָט ער אַליין געגעסן טרוקן ברויט און טיי (פון מערן) האָט ער געטרונקען אָן צוקער.

די טעלעפאָניסטין—חברטע מאַרוסיאַ איז געווען זייער אַ מילד און נאָכמער אַ מאָגער באַשעפעניש. כ'האָב געזען אין מאָסקווע מאָגערע מענטשן, אייגנטלעך בלויז מאָגערע האָב איך דאָרט געזען, נאָר מאַרוסיאַס מאָגערקייט איז געווען עפּעס שרעקלעכס: אַ סקעלעט מיט אַ שלעכט-פּאַרצויגענער דאַרער הויט. דערזעענדיק דעם צוקער און אייל האָט זי תחנונימדיק אָנגעשטעלט אויף זיי די אויגן און זיי מער נישט געקאָנט אָפּרייסן. און ראַדילאָוו האָט מיט אַ באַזונדערן טעמפּעראַמענט גענומען דערציילן וועגן די וואַגאָנעס און משאות, וויפיל פוד פון וועלכן אַרטיקל עס גייט קיין מאָסקווע. „אויף די צעטלעך „אַ" וועלן מיר נאָך אַרויסגעבן הערינג און נאַפט. וויפיל גרויסקייט ליגט אין דער דאָזיקער אַלגעמיינער געברויך-גלייכהייט. 13,102 וואַגאָנעס! אַן אייגנהייטלעכער ווירטשאַפטלעכער פּלאַן! דאָס ערשטע מאָל זענען די אַרבעטס-עלעמענטן, באַפרייט פון די פּאַראַליזירטע, פּאַרזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן!" מאַרוסיאַ האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו קוקן באַוועגלאָז, מיט עקסטאַז, אויף דעם פלעשעלע מיט דער מוטנער, געלער פליסיקייט.

פּלוצלינג האָט עפּעס מיט ראַדעלאָוון אַ טרייסל געטאָן. נישט פאַרענדיקנדיק דעם הימן לכבוד דעם נייעם קאַרטן-סיסטעם, האָט ער זיך צוגעזעצט נענטער צו מאָרוסיאַן און מיט אַ געשיקטן קול אַרויסגעמורמלט: „איר חברטע!... זינט אַ באַוואוסטזיניקע און אַ וואונדערשיינע!..." — מיר זענען אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט און גענומען אויפמערקזאַם באַטראַכטן דאָס בילד בעקלינס „דער אינזל פון די טויטע", וואָס איז געהאָנגען אויפ'ן וואַנט.

נאָר אומגעריכט איז ראַדעלאָוו אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי: „ביינער סטאַרטשען דאָך ביי אייך אַרויס, איר הערט, ביינער! וואָס באַדייט דאָס? וואָס הייסט?" מאַרוסיאַ, וואָס האָט אַ פּאַרלוירענע זיך צורעכט געמאַכט די בלוזקע, האָט געשעפּטשעט: „אַז דעם פּאַיאָק האָבן זיי פּאַרקלענערט, פּאַר'ן פּאַרגאַנגענעם חודש אינגאַנצן

גישט ארויסגעגעבן, קיין פּעטס איז נישט צו קריגען, זייט מוחל, חבר!..." ראַדעלאָוו האָט געוויינט אויפ'ן קול, ער האָט שוין אַפילו נישט געוויינט, נאָר געוואָיעט, פון זיין אָכצן האָבן זיך דורכגעשלאָגן איינציקע ווערטער: „פּאַיאָק!... איך קאָן נישט!... פּעטס!... וואָס הייסט?... אָרעמע..." ער האָט אויסגעזען נאָך מיאוסער, אַן אָגגעבלאָזענער, אַ רויטער, איז ער געזעסן צונויפגעקנורעט און געוויינט, געוויינט.

מיר זענען אַרויסגעגאַנגען. אויף די טרעפּ איז גע[ו]ען גליטשיק — די שטיגלעך זענען פאַרפרוירן געוואָרן — און פינטטער, און פון צימער האָט זיך נאָך אַלץ דערטראָגן דאָס ווילדע געוואָיערס. דער לערער האַט געזאָגט צו מיר: „מענטשן לאַכן פון יעדן איינעם, וואָס קאָן נישט אויסרעכענען קיין טריט, וואָס שפּרייזנדיק באַמערקט ער נישט קיין שטיגל און פאַלט. אָרעמע מענטשן — ווי לויה'דיקפייערלעך זיי שטעלן זיך איין פאַר נאַרישקייטן, און ווי זאָרגלאָז און טעמפּ זיי זענען לגבי דעם גורל, לגבי דער אוממעגלעכקייט! פון די 13,102 וואַגאָנעס [ב]יז מאָרוסיאַס זשעברעלעך איז אין איין טריט די אוממעגלעכקייט. ראַדעלאָווס טרערן זענען גרויס און אומפאַרגעסלעך. אויב איך וואָלט מיך אַפּגעגעבן מיט צערעמאָניעס וואָלט איך זיי צונויפגענומען אין איין בעכער אַריין — אַ נייער הייליגער גראַאַל. און ווען די מענטשהייט וואָלט איינגעשלאָפן, כראָפּנדיק פון צופרידנקייט, מיט אַ פאַרטיק לידל מיט אַ צוגעטראַכטער פולשטענדיק אויספירבאַרער רעפאָרם. — וואָלט איך מיט די דאָזיקע טרערן פון פאַרצווייפלונג און שאַנד געהייליקט די „האַרמאָניע"־באַשאַפער און פראָגרעס־קעמפער, און צו פעטע ערד, וואָס איז באַמיסטיקט מיט דער נישטיקייט פון געשטאָרבענע און אָנגעפרעסנקייט פון לעבעדיקע"

דאָס זיבן און צוואַנציגסטע קאַפּיטל.

דער גרויסער אינקוויזיטאָר — אַנטבלויזט פון דער לעגענדע.

אין יענע טרויעריקע און געמאַטערטע טעג, הונגערנדיק און פרירנדיק רעגלמעסיג, אַרומגעוויקלט מיט אַ געשטריקטן שאַל אַרום קאָפּ, האָב איך גענומען נישט טראַכטן, נאָר גריבלען זיך, דאָס הייסט, כ׳האָב מיך באַמיט אַרומצוגיין די וועלט און זיך אַליין פון אַלע זייטן. ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, וואָרים דער אַנפאַס האָט פאַרשטעלט דעם פּראָפיל, די גאַנצקייט דאַגעגן איז אוממעגלעך געווען אויפצוכאַפּן. נישט דער הייליקער גראַאַל פון פּראָדקאָם, נישט די נאַזימאָווישע אידיליע האָבן ערקלערט דעם זין פון די געשעענישן. פּונקט אַזוי אומפּרוכטבאַר זענען אויך געווען מיינע אַרבעטן אין דוראָווס טעאַטר.

טאָג און נאַכט האָב איך זיך געגריבלט, אַזוי פּשוט און אין לידער דערביי האָב איך די לידער ערלעך אַ נאָמען געגעבן „מאָסקווער גריבלענישן". כ׳האָב זיך שרעקלעך געשראָקן נישט צו ווערן דער אַנדערסענישער נאַר און באַמערקן, אַז דער מלך איז נאַקעט, וואָרים שוין בלויז די פרומע בליקן פון מיליאָנען וואָלטן לאַנג געקאָנט אויסוועבן די פּרעכטיגסטע מלבושים, ווען אַפילו נאַטירלעכערהייז וואָלטן זיי נישט געווען, נאָר אויך די פּאַרקערטע עקסטרעמיטעט האָט מיך ווייניק וואָס באַפרידיקט. אַזעלכער בין איך שוין, שטייט אַ געזונטער בחורעץ און באַזינגט די שטערן, און איך שטיי און טראַכט — וואָס פאַר אַ פּרישצעוואַטע

שווייסיקע נאָז ער האָט, און ער טראַכט זיך אַוודאי איצטער: „כ'וועל ענדיקן זינגען, וועל איך עסן קאַלטן באָרשט און פֿון בענקשאַפֿט דעם קעצל וואַסקאַ אַ פּיק טאָן אין דער נאָז. נאָך בעסער — דעם אַפּאָסטאָל סאַוול אַרײַנזעצן אין אַ שטײַג אַרײַן, ווי אַ גנבֿ, אָדער שטײַן מיט אַ צעעפֿנט מויל פֿאַר יעדן, וואָס מאַכט נאָך געטער און אָפּוואַרטן — אָט־אָט וועט ער אַ נײַע עוואַנגעליע געבוירן?

אָט אַזוי האָב איך זיך געחקירהט, איבערקלײַבנדיק די כראָניק פֿון דער „איזוועסטיאַ", לעגינס רעדעס און דעם האַלב פֿונט פֿיש, וואָס כ'האָב באַקומען אויפֿן קופּאָן 87 פֿון אײַנעם פֿון ראַדיעלאָווס געהילפֿן. וועגן אַלע מײַנע ספֿקות האָב איך דערצײלט כורעניטאָן. דער לערער האָט געענטפֿערט: „איך וויל אַליין אָפּרײ־ניקן אַביסל מײַנע געדאַנקען פֿון די פֿאַרשײדענע פֿישן. צו דעם צוועק וועלן מיר באַזוכן דאָס קאַפּיטאַנסקע בריקל און שמועסן מיט עמיצן, וואָס שטייט דאָרטן.

„דאָרט וועסטו קאָנען, ווי אַ מעדיקער פֿון ערשטן קורס בעתן אַרומגיין איבערן שפּיטאָל, זאַכלעך באַטראַכטן די פֿאַרשידע־נע סימפּטאָמען פֿון דעם דאָזיקן נײַעם פּאַציענטישן פֿיבער. אַלזאָ — מאָרגן צוויי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט".

קענענדיק דעם לערער האָב איך נישט געוואָלט זינדיקן מיט נײַגיריקייט און אויספֿרעגן אים צו וועמען, אײַגנטלעך, מיר גייען, פֿאַרוואָס אין אַזאַ שפּעטע שעה און, ענדלעך, ווי אַזוי האָפֿט ער צו באַקומען אַן ערלויבניש.

ווען מיר זענען שוין געגאַנגען איבערן לײדיקן, נישט־היימלעכן קרעמל צום „קאַפּיטאַן"; האָב איך דערפֿילט, אַז כ'האָב מורא: נישט, אַז כ'זאָל האָבן געגלייבט אין די וואונדערלעכע לעגענדעס פֿון די ווײַבער פֿון די אַמאָליקע געהילף־פּראָקוראָרן, וואָס האָבן פֿאַרגעשטעלט די באָלשעוויסטישע פֿירער, ווי עפּעס אַזוינס צווישן דזשעקעלע מעסערשטעכער און אַן אַפּאָקאַליפּטישן הײשע־ריק. ניין, כ'האָב פּשוט מורא געהאַט פֿאַר די מענטשן, וואָס קאָנען עפּעס טאָן נישט בלויז מיט זיך אַליין, נאָר אויך מיט אַנדערע. די דאָזיקע שרעק פֿאַר מאַכט האָב איך געפֿילט שטענדיק, אפֿילו אַלס

ייגל, ווען כ'בין פאָרזיכטיק פאַרבייגעגאַנגען דעם גוטמוטיקן סטראָזשניק, וואָס האָט געדרימלט אין באַשליק אויף עק פּרעטשיסטענקי. אין די לעצטע יאָרן, ווען כ'האָב דערזען פיל פון מיינע פריינט — ביישלעפערס און קאַמעראַדען — אין דער ראָל פון מיניסטאָרן, קאָמיסאַרן און אַנדערע „מעכטיקע", האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין שרעק אַנטשטייט נישט צוליב די מענטשן, נאָר צוליב עפּעס אַ זייטיקע זאַך, ריכטיקער — צוליב אַ טעקע, מאָנאָמאַכס היטל, אַ פּיטשינק מאַנדאַטעלע. ווער ווייס אים וואָס אים קאָן זיך פאַרגלוסטן, אַלנפאַלס (אין דעם איז שוין נישט צו צווייפלען), אַז ס'וועט זיך אים פאַרגלוסטן וועט ער אויספירן. מיט איין וואָרט, כ'האָב דערקלערט דעם לערער, אַז צו דעם דאָזיקן וויכטיקן קאָמוניסט וועל איך נישט גיין, ווייל כ'האָב שטאַרק מורא פאַר אים, כ'וועל שוין ליבערשט זיך אַרומדרייען ביים טויער, צוואַרטן, און ער וועט מיר דערנאָך אַלץ דערציילן. דאָס איז שוין געווען פאַרן אַריינגאַנג און אָנשטאָט צו ענטפערן האָט מיך דער לערער פאָטערלעך אַ שטופּן אַרויף געטאָן אויף די שטיגן. נאָר די שרעק מיינע איז געוואַקסן ווען דער לעצטער וועכטער האָט לאַנג געפאָרשט מיין פּנים, און צום סוף מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פייערלעכקייט געזאָגט — „גייט".

אַריינקומענדיק אין קאַבינעט אַריין האָב איך נאָר באַוויזן צו באַמערקן עמיצנס חוזק-מאַכנדיקע און קלוגע אויגן. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף אַנטלויפן, נאָר אָנשטאָט דעם האָב איך זיך געוואָרפן אויפן פּאָסטאַמענט מיט ענגעלס ביוסט, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל, באַהאַלטן זיך אונטער אים, געזעסן אויף די שפּיץ נעגל, געציטערט און געפּייניקט זיך — „אָט וועט מען מיך באַלד פּאַקן. ס'אַ חרפּה! ווי אַזוי וועט דאָס באַשרייבן אַמאָל דער קומענדיקער ביאָגראַף פון איליאַ ערענבורג — דעם פּאָעט? כ'האָב נישט מורא געהאַט נישט פאַר האַרמאַטן, נישט פאַר קוילנוואַרפער, נישט פאַר שמידטן, נישט פאַר איישאַס לאַנדסלייט, און פּלוצלינג האָב איך זיך דערשראָקן פאַרן גוטמוטיקן פעטערל, וואָס איז מיט פינף יאָר צוריק געווען אין פּאַריז מיין שכן און געטרונקען „באָקס" אין מיין באַליבטן קאַפע..." און דאָך האָב איך נישט געקאָנט גובר זיין די שרעק. די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן גערעדט, בין איך

געזעסן אין ווינקל, איינמאָל נאָר האָב איך, פון אַ שטויבעלע, וואָס איז מיר געפאַלן אין נאָז אַריין, אַ ניס געטאָן און אַרויסגערופן אַ פאַרוואונדערטן בליק „פון אים אַליין" און אַ לייכטשעצנדיקע באַמערקונג פון לערער: „דאָ איז מיט מיר דאָ אַ חבר אייגער, לייגט נישט קיין אכט".

אין דער אייראָפּעאישער פרעסע האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע צאָל פאַרשידנאַרטיקסטע אינטערוויוען מיט די פירער פון קאָמוניזם. באַזונדערס אויסגעצייכנט האָבן זיך צוויי — דער שמועס פונם ענגלישן שריפטשטעלער אועלס מיט לענינען וועגן די שפּאַצירן און די קינפטיקע שטעט, וואָס איז באַגלייט געווען מיט דעם פרייליכן געקלאַפּערײ פון פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, מאַקסימאַל אָנגעשטעלט, און די דערציילונג פון דעם אייגענעם קאָרעספּאָנדענט פון דער מאַדרידער צייטונג „בוענאָס דיעס" וועגן דעם ווי טראָצקי האָט בעת'ן אינטערוויו, מיט גיריקייט געשלונגען אַזעלכע קריי־זע קאָטלעטלעך, פון פלייש פון בורזשואַזע זויג־קינדער. פונדעסטוועגן מיין איך, אַז דער נאַכטיקער שמועס פון לערער מיטן קאָמוניסט האָט אַ בעזונדערן אינטערעס, אַ דאַנק דער שאַרפקייט און נייקייט פון די באַרירטע טעמעס. נישט געקוקט אויף מיין טרויעריקן מצב האָב איך באמת געפילט, ווי דער נישט־גרויסער צימער מיט די הויכע פענסטער, וואָס גייען אַרויס אויף די פאַרשנייטע פוסטקייטן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַפּיטאַנישן טורעם, און דער טויטער קרעמל און דאָס גאַנצע אייזיקע, נישט־הימלעכע רוסלאַנד — אין אַ ווילדע שיף, וואָס שווימט אָפּ אין דער נאַכט אַריין.

תחילת האָט דער קאָמוניסט געפּרוווט אָנהייבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, נישט ענטפערן, נאָר דער עיקר פרעגן — צי ס'איז שוין נאָנט צום אויסברוך פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין מעקסיקע? צי איז דאָרט אָנגעווענדעט געוואָרן עלעקטריפיקאַציע אין אַ ברייטן מאַסשטאַב? א. אז. וו. נאָר דער לערער האָט פלינק איבערגעפירט דעם שמועס אויף אַנדערע רעלסן. דערצו האָט ער אָנגעווענדעט דאָס אויסגעפּרוווטע מיטל פון אָנפאַלן, צווינגענדיק דעם קאָמוניסט זיך צו פאַרטיידיקן און דורך דעם צו אַנטפלעקן זיך.

„וואָס דענקט איר", האָט כורעגימאָ אָנגעהויבן, וועגן דער אומטעטיקייט פוילקייט און ווילדער פאַרשווענדונג פון כחות, וואָס הערשן אין ראַטן־רעפובליק? אויפן טאָג־אָרדנונג שטייען איצט: די זיי־קאָמפּאַניע, דאָנבאַס (דאָנער באַסיין), פּראָדאַגיט (שפּייז־אַגיטאַציע) און ענדליך עלעקטראָפיקאַציע. און אויף וואָס ווערן פאַרשווענדט די כחות? די פּאָעטן שרייבן לידער וועגן מאַריצן און וועגן די שילקרעטן פון עפירן, די קינסטלער צייכנען בערך אין שפּייקעסטלעך, די פילאָזאָפן קוועטשן אויס פילאָזאָפישע סיסטעמען, די פילאָלאָגן גריבלען זיך אין די וואָרצלען, די מאַטעמאַטיקער שטייען נישט אָפּ פון זיי. אין טעאַטער — קלאָדעפּס מיסטעריען. פאַרוואָס זענען נישט פאַרמאַכט אַלע טעאַטערן, איז נישט באַזייטיגקט די פּאָעזיע, די פילאָזאָפיע און דאָס גאַנצע איבעריקע פוסט־און־פּאַסקייט?..."

„וועגן דעם אַלעם", האָט פרידלעך דער קאָמוניסט געענטפערט, רעדט בעסער מיט אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש. קונסט דאָס איז זיין שוואַכקייט, איך דאַקעגן בין דאָרט גאָרנישט תופס און מיט די דורך אייך אויסגערעכנטע מלאכות אינטערעסיר איך מיך כלל נישט. מיר ווייזט זיך אויס אַ סך אינטערעסאַנטער צו שרייבן דעקרעטן וועגן נאַציאָנאַליזירן בהמות, וואָס וועקן אויף מיליאָנען פון שלאָף, איידער לייענען פושקינס לידער, פון וועלכע איך אַליין וואָלט ערלעך אַנטשלאָפן. פון קינדווייז אויף האָב איך גאָרנישט געלייענט און איך לייען נישט, אויסער ווערק וועגן מיין ספּעציאַליטעט. איך קוק נישט אויף קיין בילדער, ווייל ס'איז מיר אינטערעסאַנטער צו קוקן אויף דיאַגראַמען: כ'בין קיינמאָל נישט געגאַנגען אין טעאַטער, נאָר אָט פאַראַיאָרן איז אויסגעקומען צו גיין אַמטלעך מיט געסט פון דער רעפובליק", איז עס געווען נאָך שלעפעריקער פונם גימנאַזיאַלן פושקין. כדי איבערצוגיין צו קאָמוניזם דאַרף מען קאָנצענטרירן אַלע כחות, אַלע געדאַנקען, דעם גאַנצן ווילן, דאָס גאַנצע לעבן אויף איינס — אויף עקאָנאָמיק. אַ פאַרזייטער העקטאַר לאַנד, אַן אויפגעבויטער לאָקאָמאָטיוו, אַ פאַמטיע מאַנופאַקטור, אָט דאָס איז דער וועג צו אים, אַלזאָ אויך דער ציל פון אונזער לעבן, זיין פּאַטאָס און באַרעכטיקונג. לאָזט גע-

מאַך מיט דער סאַנסקריטישער ווערטער־זוכעריי, ליבע־אָכצעניש, מיט דעם בויען נייע אָדער פאַרריכטן אַלטע געטער, מיט די בילדער, לידער, טראַגעדיעס און דעסגלייכן. מאַכט בעסער איין קאַסע, באַקומט אַרויס איין פונט ברויט!"

„איך פאַרשטיי אייך", האָט כורעניטאָ געזאָגט, „איר זענט אַ דערהויבענער ביישפּיל פון געזונטער מאַנאָ־אידייאישקייט. אַ לעבן מיט אַ סך געדאַנקען ענדיקט מען אויף די קני, ערגעץ אונטער אַ פּאָסטומענט (דאָס איז געווען שוין נאָך מיין ניסן), אָנהויבן הויבט מען אָן, פאַרקערט, אין שאַרפע ברילן, וואָס קאָנצענטרירן די גאַנצע ענערגיע אויף איין געדאַנק. איין אידעע דאָס איז — טאַט, באַוועגונג, לעבן. נאָכדיינקען — דאָס איז שוין פאַרבליבנדיקע צעשטרייאונג, דער דעסערט פונם מאָלצייט פאַרן טויט.

„ערלויבט מיר, וואָס כ'וועל אייך איצט שטעלן אַ צווייטע פראַגע. ווי אַזוי קאָנט איר דולדן די לינקע עס־ערן, וואָס טרעטן אַרויס אויף מיטינגען, די אידעאַליסטן, וואָס הערן נישט אויף, זאָל זיין אין דער שטיל, אין פאַמיליען־קרייז, צו מאַכן אַ תל פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, און ענדלעך די אַלע מיליאָנען מענטשן, וואָס גלויבן נאָך ביז איצט נישט אינם זיג פון קאָמוניזם נאָר אין די הייל־פעיקייטן פונם הייליקן פאַנטעלעמאָן?"

„דאָס איזליידער נישט לויט מיין אָפּטיילונג. נאָך ערקלערונגען ווענדט זיך צום חבר.:. (צוליב אַ שאַרפן אָנפאַל פון שרעק האָב איך פאַרהערט דעם נאָמען). מיר דאַכט, אַז אומשעדלעכע מענטשן, אַפילו ווען זיי בלאָנדזשען, דאַרף מען נישט באַליידיקן. פאַרשטייט זיך, גערעכט זענען מיר. אין אַ טעות זענען זיי, אַ טייל פון זיי זענען שוטים, אַ טייל פאַררעטער: די ערשטע וועלן מיר באַוואוסטזיניק מאַכן, די צווייטע—באַזייטיקן".

„איר זענט אַוודאי גערעכט, האָט דער לערער באַשטעטיקט, צבועקעס וועלן אייך זידלען, אַז איר זענט אַ פאַנאַטיקער. נאָר צי קאָן מען דען עפּעס אויפטאָן, נישט זייענדיק קיין בלינדער נישט גלויבנדיק אין דער אייגענער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט? אויב איך קאָן זיין גערעכט, נאָר ס'איז אויך גערעכט דער שונא

מײנער, אײנער, אַ צװײטער, אַ דריטער, און אַלע פאַרטאָגן מיר בלױז שטיקלעך פון אַן אײנציקן אמת, װי דאָס פאַרזיכערן די אימפאָטענטן פון געבירט, דאַן בלײַבט נאָר איבער אָנצוערקענען די פאַקטן, דאָס הײסט אַװעקזעצן זיך אױפן קישעלע און גלעטן זיך דעם בױך ביז דער שעה פון טױט. די טאַט הײבט זיך אָן דאָרט, װאו עס ענדיקט זיך דער איבערגעשפּיצטער „אָבער". כ'האָב פולשטענדיק אָפּגעשאַצט די גאַנצע קראַפט פון אײער „פאַרשטײט זיך". דאָס באַדײט, אַז בײ אײך איז פאַראַן נישט 99/100, נאָר דער גאַנצער אמת, װאָרים אויב אַ װעלכער דאָרט מענשעװיק האָט כאָטשבי 1/100 פון אים איז אַנשטאָט אין בוטירקי דאַרף מען אים רופן אין ראַט, אָנהױבן זיך עצהן, באַטראַכטן, אַרײַנטראַכטן זיך, צװײפלען און אױפהערן טאָן. אײער באַנד אױף די אױגן — איז אַן אױסגעצײכנטער פאַנצער פאַר דעם טײוול פון הכמה, אַלצװױסנדיקײט און פון די איבעריקע דאָרט שטותערײען. הײנט איז אין די איװױעסטיאַ פאַרעפענטלעכט אַ צעטל פון דערשאָסענע...

דער קאָמוניסט האָט איבערגעריסן דעם לערער מיטן אויסרוף; „דאָס איז שרעקלעך! נאָר װאָס קאָן מען העלפן — מ'מוז!" איך האָב נישט געזען זײן פנים, נאָר לויטן קול האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז באמת געפײניקט דורך די דאָזיקע מאָרדן, אַז זײנע װערטער זענען נישט קײן דיפּלאָמאַטיש אױסדרײען זיך, נאָר דער אמתער צער פון אַ מענטשן, מסתמא זײער אַ גוטמוטיקן, װאָס האָט קײנמאָל קײנעם נישט באַלײדיקט.

ער האָט פאָרטגעזעצט: „מיר פירן די מענטשהײט צו אַ בעסערער צוקונפט. אַ טײל, פאַר װעלכע דאָס איז נישט באַקװעם, שטערן אונז אױף כלערלײ אופנים, באַהאַלטנדיק זיך אונטער קשאַקעס, שיסן זײ אױף אונז, רײסן אױף די װעגן און שלעפּן אָפּ דעם באַגערטן אָפּרו. מיר מוזן זײ באַזײטיקן, דערהרגענדיק אײנעם כדי צו ראַטעװען טױזנטער. אַנדערע װידער עקשנען זיך אײַן, נישט פאַרשטײענדיק, אַז זײער אײגן גליק האָבן זײ פאַר זיך, זײ שרעקן זיך פאַר דעם שװערן איבערגאַנג, טשעפּען זײ זיך אָן אָן דעם נעבעכדיקן שאָטן פונם נעכטיקן בײדל. מיר טרײבן זײ פאָרױס,

יאָגן זיי אין גן־עדן אַריין מיט אייזערנע בייטשן. אַ דעזערטיר־רויטאַרמעער דאַרף מען דערשיסן דערפֿאַר, כּדי די קינדער פֿון דעם דערשאָסענעם זאָלן פֿאַרזוכן די גאַנצע זיסיקייט פֿון דער קינפֿטיגער קאָמונע!...״

ער איז אויפֿגעשפּרונגען, אַ לויף געטאָן איבערן קאַבינעט און גענומען רעדן שוין דאָס מאָל אָן שמייכל, גיך און אַרויס־הויסטנדיק פֿאַרצווייפֿלט די ווערטער: „צוליב וואָס דערציילט איר מיר וועגן דעם? איך ווייס אַליין! איר מיינט ס'איז לייכט? פֿאַר אייך איז לייכט — צו קוקן! פֿאַר זיי איז לייכט — צו פֿאָלגן! דאָ איז די שווערקייט, דאָ איז דאָס מאַטערניש! פֿאַרשטייט זיך, היסטאָרישער פּראָצעס, אומפֿאַרמיידלעכקייט א. אז. וו. אָבער עמיצער וואָלט דאָך געדאַרפֿט זיך אַרומקוקן, אָנהויבן, שטעלן זיך בראש. מיט צוויי יאָר צוריק איז מען אַרומגעגאַנגען מיט די פֿאַרשפּיצטע דרענגלעך, געריטשעט, געריסן אויף שטיקער די גענעראַלן און ביי ראַסאָווע קי די אייטערס אייסגעשניטן. דער ים האָט געשוימט, גערוישט. מ'האָט געדאַרפֿט נעמען די גאַנצע קראַפֿט פֿון כּעס, דעם גאַנצן דורשט נאָך אַ ניי לעבן לענקען אויף איין קלאָרן, בולטן פּונקט: שטיי, פּחדן, מיטן ביקס, פּאַרטיידיק די ראַטן! אַרבעט, פּוסט־און־פּאַסניק, מאַך אַ לאָקאָמאָטיוו!

„זייט, פֿאַרריכט וועגן, פּיילט שרויפֿן! מ'האָט געפּייניקט די גענעראַלן, די גוטבאַזיצער האָט מען אונטערגעצונדן אין די גיטער זייערע, אונטעראָפּיצירן דערטרונקען אין דער סאָיקאַ און דערנאָך געקראָכן אויף אַלע פֿיר צו די הייליקע בילדער, געצייטערט און געקלאָפּט זיך אין האַרצן אַריין. זיי זענען געקומען;... ווער? — איך, צענדליקער, טויזנטער, די אָרגאַניזאַציע, די פּאַרטיי, די מאַכט. די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט מען אַראָפּגענומען. פֿון די שטיבער, פֿון די קאַזאַרמעס האָט מען זיי אַריבערגעטראָגן אַהער־צו, אין די פֿון־אייביק־אָנעדיקע אַפּאַרטאַמענטן, אין די פֿאַרשאָלטענע פּאַלאַץ־סאַלאָנען. וואַלגערן זיך דאָ צווישן די בילדער וויל איך נישט, חרטה האָבן אויף די זינד אויך נישט, און די הענט וועל איך אייך נישט וואַשן, כ'זאָג אייך פּשוט — ס'איז שווער. נאָר אַזוי דאַרף זיין, איר הערט, אַנדערש איז אוממעגלעך!...״

כ'האָב אַרויסגעריקט דעם קאָפּ און דערזען, ווי דער לערער איז צוגעלאָפן צו אים און אים אַ קוש געטאָן אין הויכן, געוועלבטן שטערן. אַ איבעררעשטער פון אומערוואַרטקייט און שרעק האָב איך געגומען אַנטלויפן. און געקומען צו זיך ערשט ביי די קרעמלשע טויערן, וואו דער וועכטער האָט פאַרהאַלטן מיך מיט כוראַניטען און געפאָדערט אַ שיין.

„לערער, צוליב וואָס האָט איר אים אַ קוש געטאָן, צו בענטשן אים, אָדער פון רחמנות?" „ניין. איך האָב שטענדיק דרךארק פאַר די טראַדיציעס פונם לאַנד. ווי כ'האָב באַמערקט זענען אויך די קאָמוניסטן זייער טראַדיציאָנעל אין זייערע געוואוינהייטן. נאָכן אויסהערן אים האָב איך זיך דערמאָנט אָן אַנאַלאָגישע פּרעצעדענסן אין די ווערק פון אייער דאָסטאָיעווסקי און אָפּהיטנדיק דעם עטיקעט האָב איך אים, פאַר פּילע און פּילע, אָפּגעגעבן דעם דאָזיקן ריטועלן קוש".

דאָס אַכט און צוואַנציקסטע קאַפּיטל

מאַרק אוירעליוס און די „גלאַווקי" — „שאַקסעי וואַקסע".

נאָך דעם באַנאַכטיקן וויזיט איז כוראַניטאָס לאַגע פאַרשטאַרקט געוואָרן און ער האָט באַקומען אַ הויך פּאָסטן אין קאָמינטערן. דאַקעגן איך האָב פאָרטגעזעצט צוזאַמען מיט דוראַוון דאָס רעוואָלוציאָניזירן קרוליקעס, באַקומענדיק דערפאַר אַ האַלבן אַקאַדעמישן פּאַיאָק. אַזוי זענען פאַרגאַנגען חדשים. כ'האָב געגעסן הירזשענע קאַשע, און ביינאַכט האָב איך שטילערהייט, אַזוי ווי בגניבה געחלומט וועגן פעטע ביפשטעקסן, וועגן פּאַריזער קאַפּעען, רוישיקע און ליכטיקע, וועגן דעם לייכטן לעבן, וואָס וועט זיך שוין מער נישט אומקערן. טיילמאָל איז געוואָרן אומערטרעגלעך, און כ'האָב געזוכט אַן אונטערשטיצונג ביי כוראַניטאָן, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו זיין מונטער, הגם ער איז שוין אויך געווען אויסגעמאָגערט ביז צום לעצטן און פון דער קעלט פון צימער האָט ער געליטן אויף רעוומאַטיזם.

כ'האָב ליב געהאַט צו גיין מיט אים שפעט ביינאַכט איבער די פוסטע, אָפּגעשטאָרבענע גאַסן, מיט די פאַרוויכערטע, ברודיקע הייזער. מאָסקווע האָט אויסגעזען ווי אַ לייבלעכע שוועסטער פון בריגע אָדער ראַווען, מיט דעם מוראדיק-גרויסן מאַוזאָלעום, און בלויז די אומגעריכטע, שרעקעדיקע אויטאָמאָביל-סיגנאַלן און די פיבערדיקע פלעמלעך אין די פענסטער פון די שטאַבן אָדער קאָמיסאַריאַטן האָבן דערמאָנט, אַז דאָס זענען נישט קיין חורבות, נאָר

הילדעביימער־געדיכטעניש, אַז מיר זענען נישט קיין קלאָגעריגס, פאַרשאָטן מיט שניי, נאָר משוגענע מרגלים, וואָס זענען פאַרגאַנגען צו־טיף אין דער נישט־אויסגעפאָרשטער נאַכט אַריין.

בעת איינעם פון אַזעלכע שפּאַצירן אויף קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד האָבן מיר געטראָפן אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס איז שוין ענדגילטיק פאַרגאַלט און פאַרצווייפלט. ער האָט אונז דערציילט, אַז, אַך, דער גייסט איז טאַקע גייסט, נאָר פונדעסטוועגן צום מאָגן קומט עס נישט. מיט איין וואָרט, ער האָט זיך געמוזט „אונטערגעבן אין דעם נישט־גלייכן קאַמף” און אָננעמען אַ פּאָסטן. ער האָט זיך לאַנג געוואַקלט ביז דער לעצטער מינוט האָט ער געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד און וועגן אַנטלויפן אויפן דאָן, דערנאָך האָט ער געשריבן אַ צוואה, וואו ער האָט באַרעכטיקט זיין שריט, און ענדלעך האָט ער אויסגעפונען אַ שטעלע, וואו דער פּאַיאָק איז געווען אַ ביסל בעסער, ווי ערגעץ אַנדערש (צוויי פונט פּוטער). דער אַנשטאַלט האָט זיך גערופן „גו־וואוז”, און ער האָט געדאַרפט לייענען וועגן דער רוסישער ליטעראַטור פאַר די קורסאַנטן, וואָס האָבן שטודירט די לערע וועגן קריגס־ווירטשאַפט. „נו, שטעלט אייך פאָר, ווי שרעקלעך דאָס איז! באַרבאַרן! קאָן מען אַזעלכעס איבערלעבן? און אייראָפּע שווייגט נאָך אַלץ! כ׳האָב זיי אָנגעהויבן לייענען וועגן טשעכאָוון, וועגן די צאַרטע, גייסטיקע זעמצעס, וואָס חלומען וועגן גאָטס מלכות אויף דער ערד, נאָר פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ קאָמיסאַר און האָט מיר ערקלערט, אַז דאָס אַלץ איז קיינעם נישט נויטיק, אַז ס׳איז שוין צייט אָפּצוואַרפן די בורזשואַזע זיפּצעניש און אָנהויבן שרייבן ניצלעכע דערציילונגען וועגן העלדן פון אַרבעטספראָנט, וואָס האָבן איבערגעשטיגן אויף 100 פּראָצענט די נאָרמע, וואָס דער גלאַווק האָט באַשטימט. לערמאָנטאָווס לידער וועגן מלאך זענען אים אויך נישט געפעלן און ער האָט אָנגעוויזן אויף עפּעס איינעם דעמיאַן בידני, וואָס רעדט אָן די פּויערים זיי זאָלן טוישן קאַרטאָפל אויף טשוועקעס. וואָס זאָל מען טאָן? ס׳איז געזאָגט געוואָרן — אַלץ וועט פאַרגעבן ווערן, אויסער דאָס לעסטערן דעם הייליקן גייסט!...”

דער לערער איז געבליבן רואיק: „דער דאָזיקער קאָמיסאַר, זעט אויס, איז אַ וואוילער בחור, און נישט קיין נאַר. איך בעט דיך, באַקען מיך מיט אים. איך בין אַנטשלאָסן בעסער פאַר אַ קאָמוניסט, וואָס איז פאַרליבט אין טשוועקעס, איידער פאַר אַ קאָמוניסט אין דער ראָל פון לאָרענצאָ דעם פּרעכטיקן, וואָס צעשמעלצט זיך ממש פון אַנטציקונג פאַר דער „אייביקייט פונם איבערקלאַסישן לערמאָנטאָוו". וואָס קאָן מען העלפן, מיין ליבער, נישט דו האָסט דיר אויסגעקליבן אַן עפּאָכע געבוירן צו ווערן. אָן ספק, אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן נישט אין דיין סעזאָן אַריין, ס'איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף דיר, נאָר שעלטן זיך און דערמאָנען געשיכטע איז נישט כדאי. אַזעלכע שפּיצלעך מאַכט זי נישט דאָס ערשטע מאָל. ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען גלאַווקי, טשוועקעס, און דאָס איבעריקע נישטיקייט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואונדערלעכער מיטאָלאָגיע, און אויסערגעוויינלעכע עפּאָפּעיע: כ'האָב אַפילו די העזה צו טראַכטן, אַז דער עפּירשער פּאַסטוך האָט פריער געוואָרעמט זיין געקעכץ אויפן פלאַם-פייער, איידער זיין פּאָעטיש אייניקל האָט געבראַכט אויף דער וועלט דעם פּראָמעטיי: איצט איז די צייט פון התחלה, דאָס הייסט פון באַרבאַריזם, אַן אָפּלייקונג פון אַלצדינג, פּרימיטיווע מאַכט פון די ערשטע באַוועגונג. פון וועלכע (געגן דער געוואוינהייט) עס איז פאַרכישופט נישט די איבערגעשראָקענע מאַמעשי, נאָר ער אַליין, דער גענוג אין זיך פאַרליבטער זויגלינג. זיי מוחל, נאָך אַ ביסל גינעקאָלאָגיע; כדי דער זויגלינג זאָל לעבן דאַרף מען אָפּשניידן דעם פּופּיק. דערנאָך וועט מען אים געבן צו זויגן די מוטערס בריסט און ס'וועט אַוועק אַ צעבליטער רענעסאַנס. אין דער על פּי נס אָפּגעראַטעוועטער ביבליאָטעק וועט מען אָפּגראָבן דיין לערמאָנטאָוון און מ'וועט זיפצן: „ווי וואונדערלעך! און אים האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען!..."

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט נישט געקאָנט מסכים זיין:

„זיי זענען באַרבאַרן, נאָר קיין דערהויבענעם גייסט האָבן זיי נישט, קיין עטישן איבערגעוויכט! קיין גאָט איז ביי זיי נישטאָ! זיי זענען נישט קיין קריסטן, נאָר פּשוט וואַנדאַלן! איך אַליין האָר געוואַרט אויף אַ נייער אַנטפּלעקונג, איך אַליין בין געמאַטערט גע-

וואָרען פון אייראָפּעס מאַטעריאַליזם, איך אַליין בין גרייט געווען אַז אויף דעם טעאַטער-פּלאַץ צו פאַלן כורעים פאַרן שטרענגן נביא. נאָר וואָס פאַר א שייכות האָבן אַהער הייליקע טשוועקעס און צניעותדיקע „גלאַווקיס?“.

„גאָר פשוט! דו האָסט געוואַרט אויף אַ נביא, וואָס זאָל זיין ענלעך צו דיר און זיין אידעאַלער געשטאַלט דאָס הייסט אַזעלכן, וואָס שטודירט סאָלאָוויאָוון און דאָסטאָיעווסקין, נאָר אינצווישן לויפט ער נישט צו קיין מיידלעך. און אַרויסגעקומען איז גאָר עפּעס אומערוואַרטעטעס. אָבער דערמאָן זיך נאָר — צי האָבן דען די רוימער געקוקט אויף די ערשטע קריסטן, ווי אויף טרעגער פון א גרויסער אַנטפּלעקונג“, און נישט ווי אויף נעבעכדיקע קנעכט, וואָס האָבן פאָראורטיילן און אַ פּרימיטיווע מאָראַל? אָנשטאָט דעם דערהויבענעם רוימישען געזעץ — אַ קאָמוניסטיש פלאַפּלערײַ פון נישט דערמלעטע יהודה'ער אָנשטאָט האָמערן — דער נעבעכדיקער דעקאַלאָג פון אַ וועלכן דאָרט באַזיגטן שבט. האָט דען נעראָן פאַראַכטעט קריסטן? ער האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר זיי, און פאַראַכטעט האָבן אַנדערע—די מיטברידער פון דיין מערעזשקאָווקין—מאַרק אַורעליוס, פּליניוס. „גלאַווקי“ — דאָס איז אַ נייער טעסטאַמענט!

„גיב אַ קוק! (מיר זענען גראָד פאַרבייגעגאַנגען לעבן גרויסן טעאַטער) אויפן האַלב-איינגעפאַלענעם הויז פּלימערן לעמפּלעך. וואָס באַדייט דאָס? רעקלאַמען פון נייע פּאַפּיראָסן? ניין, די שטיינערנע לוחות פון באַרג סיני—„זאָל לעבן די עלעקטריפיקאַציע! אין אַ לאַנד, וואָס טראָגט שוין אויף זיך די לעצטע פאָר הויזן, וואָס קורטשעט זיך פון הונגער און טיפוס, וואָס ווערט פאַרפרוירן און די צעלעכערטע הייזער, ווייל עס פעלן טשוועקעס, דו הערסט, טשוועקעס, און נישט צדיקים, — דער משוגענער אויסגעשריי: „עלעקטריפיקאַציע!“ ס'נעמען זיך צונויף מענטשן, הערן רעפעראַטן, צייכענען סכעמען, און פאַר זיי לייכטן די גראָשענע פייערלעך, באַשטראַלנדיק דעם ווייטן עלעקטראָפיצירטן גן-עדן מיט טאַנצנדיקע דרעש-מאַשינען, זאָרגלאָזע מילן, און וועלדער פון רויכלאָזע, שמייכלדיקע פאַבריק-קוימענס! און צוליב דעם זאָל פאַלן פון לייב

אַראָפּ דאָס לעצטע שטיקל העמד, זאָלן לייז צעפּרעסן דעם פון קוקורוזע אויפגעשוואָלענעם בויך, זאָלן אין די טורמעס, אין די הויפן פון „טשעקא" אויסשטאַרבן הונדערטער טויזנטער. „איך גלויב אין דעם פייערל", שרייט ער. פאַרוואָס זאָל דאָס נישט זיין דער מאָדערנער נביא?"

דעם לערערס ווערטער האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק. כ'האָב גענומען אונטערן אָרעם דעם זיבצנדיקן אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש און איהם אָוועקגעפירט צו זיך. מיר האָבן געגריזשעט האַרטע שטיקלעך ברויט און גענומען טרייסטן איינער דעם אַנדערן — אפשר איז דאָס אַלץ נישט אַזוי, נאָר פאַרקערט. די קאָמוניסטן וועלן באַזיגט ווערן דורך אַ נייע רעוואָלוציע פון גייסט, אָדער זיי וועלן אַליין ווערן אַנדערש, בעסער, גייסטיקער, זיי וועלן דערלויבן מיר צו דרוקן לידער וועגן דער הייליקער מוטער און אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן לייענען פאַר די קורסנטן: „מיסיוס, וואו ביסטו?"... און צודעקנדיק זיך מיט מיין האַלב-פּעלצל, מיט צוויי אַלטע וועסטלעך און מיטן קליינעם טעפּיכל זענען מיר, ענדלעך, אַנטשלאָפן געוואָרן.

די נאָענטסטע וואָכן האָבן מיר געברענגט אַ געוויסע צעשטרייאונג. דער לערער איז קאָמאַנדירט געוואָרן קיין קאַווקאַז אָנטיילצונעמען אין „צוזאַמענפאָר פון די מזרח-פעלקער", און האָט מיטגענומען מיך מיט איישאַן מיט זיך.

מיר זענען געפאָרן וואונדערלעך, וואָרים דער לערער, וועלנדיק אויספאָרשן די מדות און מנהגים פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ קופּע אין שלאָף-וואַגאָן, מיט מאַטערניש האָבן מיר זיך אַריינגעקריגן אין דער „טעפּלושקע" אַריין און דאָס אויך אַ דאַנק דעם, וואָס דער לערער האָט אָנגעווענדעט מעטאָדן פון פּראַבנצויזישע וואַלקעס און אַ דאַנק איישאַס אַ קריגערישן ריטש. אין טעפּלושקע האָבן מיר געפונען אַ פרייליכע און פאַרשידנאַרטיקע קאָמפּאַניע, נאָר, צום באַדויערן, צוויי וואָכן איז אונז אויסגעקומען צו שטיין אויף די פיס, וואָרים בלויז אַ לייכטע באַוועגונג מיט דער האַנט האָט אַרויסגערופן אַ געמורמל און אויפרעגונג פון גאַנצן וואַגאָן- איבעריקנס. אויפן דריטן טאָג זענען

פיר שוין היימיש געוואָרן און זיך אויסגעלערנט שלאָפן שטייענדי=
קערהייט. דער צוג איז געגאַנגען זייער אייגנאַרטיג, פון איין גליק=
לעכער געלעגנהייט ביז אַ צווייטער. מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי
אַ וועלכער ס'איז סטאַציע=שאָפּע און צענומען אויף שטיקלעך די
גאַנצע געביידע, די ברעטער האָבן געקלעקט דעם פרעסערישן לאָ=
קאָמאָטיוו אויף עטלעכע שעה. ווען מיר זענען פאַרבייגעפאָרן אַ
וואַלד, זענען די פאַסאַזשירן אַרויסגעקראָכן און געגאַנגען האַקן
האָלץ. ווי נאָר מיר האָבן געזען אַ גרעסערע קאַלוזשע אָדער
טייכל, האָבן מיר זיך אַרויסגעשטעלט אין אַ קייט און דערלאַנגט
דעם עמער פון איין האַנט אין דער אַנדערער, אָנטרינקנדיג אַזוי
אַרום, שלונג נאָך שלונג, אונזער פאַרזעניש=צוג.

אויסער די דאָזיקע פרידלעכע טאָג=טעגלעכע באַשעפטיקונגען
זענען לאַנגע רייזע=טעג באַלעבט געוואָרן דורך קריגס=טעטיי=
פיר מאָל זענען אויף אונז אָנגעפאַלן פאַרשידענע מענטשן (גענבי=
ווער — זענען מיר נישט געוואויר געוואָרן, דער קאָמיסאַר האָט
מרה„שחורהדיק געענטפערט — „באַנדעס”), געשאָסן, לעבן כאַרקאָוו
אַפילו פון אַ קוילנוואַרפער. מיר האָבן אויך געשאָסן און ווי=נישט
איז זיך אַרויסגעראַטעוועט. די שמוגלאַרס, וואָס זענען געפאָרן אויף
די דעכער פון די וואַגאָנעס, זענען געווען אונזערע פאָסטנס אויף
דער וואַך. פאַרן גאַנצן וועג האָבן מיר פאַרלוירן סך=הכל פיר
פאַסאַזשירן געהרגעטע, און נאָך איינער אַן אַלטער מאַן איז פשוט
געשטאָרבן, איך מיין פון אַלטקייט.

אונזערע מיטרייזנדע, דאָס רוב פויערים, האָבן, אין די
הפסקות צווישן די שלאַכטן, זיך געטיילט מיט אונז מיט זייערע
אָנשויאונגען אויף רעליגיע, אויף דעכער, אויף קולטור און אויף אַסך
אַנדערע זאַכן. אַלנפאַלס האָט מען נישט געקאָנט זאָגן, אַז זיי
זענען נישט אייגנאַרטיק. קיין הער גאָט איז, לויט זייערע ווערטער
נישט געווען, אים האָבן אויסגעטראַכט די פּאָפּן אויף צו קאָנען
שלעפּן צדקה, נאָר די צערקווע איבערלאָזן דאַרף מען, וואָס פאַר
דאַרף וועט עס זיין אָן אַ מקום קדוש? נאָך בעסער וואָלט געווען
אויסצושעכטן די יידן. און די, וואָס זענען געגן די באָלשעוויקעס—
די פירשטן און פריצים, זיי האָט מען גאַנץ ווייניק געשאָכטן,

מ'וועט דאַרפֿן נאָך, נאָר די קאָמוניסטן אויסשעכטן וואָלט אויך
נישט געשאַדט. דער עיקר איז — אונטערצינדן אַלע שטעט-
טייל פֿון דאָרט קומט די מהומה און געשלעגן. נאָר פֿאַר
דעם וואָלט גוט געווען דאָס גאַנצע גוטס פֿון דאָרט אַרויסצופֿירן,
ס'וועט צוניץ קומען, אַ שטייגער דעכער-בלעכן נישט קיין שלעכטע
אָנגעטועכץ, און נאָך פּיאַנינאָס. דאָס איז דאָס פּראָגראַם. וואָס
ס'איז שייך טאַקטיק, איז דער עיקר — האָבן שטיין אין דאָרף אַ
האַרמאַטל און אַ טוץ קוילנוואַרפֿערס. קיין זייטיקע קיינעם צו זיך
נישט אַריינלאָזן, און דעם סחורה-אויסטייליש פּאַרטרעטן מיט די פֿיל
קלוגערע, אָנפֿאַלן אויף צוגן און מיט רעקווירירן באַגאַזש פֿון
פּאַסאַזשירן.

איישאַן איז דאָס אַלץ שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. אויך דער
לערער האָט נישט נאָר נישט אָפּגעווענדט, נאָר מיטפֿילנדיק מסכּים
געווען צו די אַלע פּראָיעקטן, עצהנדיק בלויז אָנשטאָט פּיאַנינאָס
צו נעמען גראַמאָפֿאָנען—ס'איז לייכטער און אינטערעסאַנטער. דאַ-
קעגן מיך, אַ מענטשן אַ שטאָטישן און דערצו נאָך פֿון דער פֿרייער
יוגנט אַ דערצויגענעם אויף יידישקייט, האָבן אַזעלכע געשפּרעכן
געערגערט. כ'האָב באַשולדיקט כורעניטאָן אין נישט-קאָנסעקווענט-
קייט און דערמאָנט אים די מאָסקווער געשפּרעכן. „נישט-שוין-זשע
זאָלן טאַקע די דאָזיקע אייניקלעך פֿונם זיידן פּוגאַטש זיין די
אַפּאָסטאָלן פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער מענטשהייט?"

דער לערער האָט מיר געענטפֿערט: „ליבינקער ייִנגל (אגב
וועל איך באַמערקן, אַז סך-הכּל בין איך ייִנגער געווען פֿאַר אים
אויף דריי יאָר, דו ביסט אויסגעצייכנט אין דיין ערלעכקייט און
נאַיוויטעט. צי האָסטו דאָס טאַקע ערשט איצט באַמערקט, אַז איך
בין אַ טויגעניכטס, פּאַררעטער, פּראָוואָקאַטאָר, רענעגאַט און אַזוי
ווייטער, אַזוי ווייטער? מ'דערקענט אויף דיר, אַז דו האָסט גע-
דרוקט דיינע לידער אין „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" און אַז דו האָסט
ליב (לייקן נישט! כ'ווייס!) די שיינהאַרציקע עס-ערן, דו קאָנסט זיך
נאָך אַמאָל דערמאָנען אָן דעם לייטאַרטיקל אין אַ ליבעראַלער צייַ-
טונג און ערקלערן מיר. „ווער ס'האָט געזאָגט „אַ", דאַרף זאָגן
„ב!" כאַ! און איך וועל נאָכאַמאָל זאָגן „אַ", אָדער כ'וועל גאָר נע-

מען דעם באַזייטיקטן אות פון אלף־בית. און אים גאָר אַרויסשלעפּן פאַר די אויערן אַרויס. וואָס אַרט עס מיך! אַזויפיל בנוגע קאָנסעקווענץ, און וועגן די אַפּאָסטאָלן פון דער אָרגאַניזאַציע וועל איך דיר אויך ענטפערן, אַלע אינטעליגענטן פון אייער לאַנד סיי די, וואָס שעלטן די רעוואָלוציע, און סיי די, וואָס באַגערן זי אויפצונעמען, ווילן נאָך אַלץ חתונה מאַכן דעם אַלטן סטענקא ראַזין, אָנשטאָט מיט דער פּערסישער גרעפין, גאָר מיט דער איבערגעשפּיצטער קאָמונע. שוטים! ס'איז געווען איין מאָמענט, אַ מאָלערישער וואָס אַן אמת, נאָר אַ קורצער, ווען די וועגן פון דער סטיכיע און די וועגן פון די, וואָס גלוסטן די דאָזיקע סטיכיע אויפן אייגענעם שטייגער אויסצונוצן, — זענען זיך צונויפגעפאַלן — הערבסט פון זיבעצענטן יאָר. פון דעמאָלט אָן איז אַריבער מער ווי צוויי יאָר, און די „ראַזינאָווטשינע“, דאָס הייסט דאָס באָקעם־שטענדיקע רוסלאַנד, חורבן, תהו־ובהו, דאָס גלוסטן נאָך אַביסל אויסצושניידן, דאָס איז פאַר די קאָמוניסטן איצט דאָס אייגענע, וואָס פאַר אַ לאָקאָמאָטיוו האָלץ. עס גיט נישט קיין ריכטונג דער מאַשין, עס שפּייזט, וואָס אַן אמת, אַמאָל, ווען ס'איז פייכט, פאַרהאַלט עס דעם גאַנג, אָדער פאַרקערט, אַמאָל אַנטוויקלט עס אַזאַ היץ, אַז די קעסלען נעמען פּלאַצן און דער מאַשיניסט פליט מיט די פיס אין דער לופטן. די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע איז איצט נישט רעוואָלוציאָנער, זי לעכצט נאָך אָרדנונג, איר לאָזונג איז פון דער ערשטער מינוט אָן געווען נישט פרייער בונט, נאָר האַרטער סיסטעם. און די דאָ ווילדעחצן, מאַטערן זיך. האָלטן געוואָלט אַמאָל אונטערצינדן די וועלט. אַמאָל וואַקסן ווי דעמבעלעך געזונטערהייט ביי זיך אויפן בערגל, אָט אַזוי ווי די זיידעס זייערע זענען געוואַקסן, נאָר געבונדענע דורך אַ געטרייע האַנט פליען זיי אין אויוון אַריין און גיבן צו כח דעם זיי פיינטלעכן לאָקאָמאָטיוו“.

ענדלעך האָבן זיך געענדיקט די שלאַכטן, די רעפעראַטן פון די פּויערים, דעם לערערס באַמערקונגען און מיר זענען געקומען צופאָרן. ווידער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט געבענטשטע טעג, און צייטנווייז, זיצנדיק מיט איישאַן אין דוהאַן *), האָב איך דערמאָנט

*) קאַווקאַזער ווייַן־קעלער. — ד. א.

דעם ווייטן סענעגאַל. אַרום האָט אַלץ, אַפּילו די דעקרעטן און די אונאויפהערלעכע שאַסן, געטראָגן, נאָך דער קלויסטערשער מאָסקווע, אַ זאַרגלאָזן, שלעפעריקן, אָפּרוענדיקן כאַראַקטער. איך, מוז איך מודה זיין, האָב אינגאַנצן אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם גורל פון דער וועלט, כ׳בין געגאַנגען אין באָד אַריין, וואו מ׳האָט מיך אַרומגעקלעפּט מיט אַ „שמעקעדיקער" בלאָטע, און נאָך וועלכער ס׳איז פאַרשוואונדן פון מיר די חיהשע באַוואַקסנקייט און אין באַסיין האָב איך זיך אָפּגעשפּיגלט כמעט ווי אַ נאַרציס. אין די דוכאַנען האָב איך שטודירט משונהדיקע ווייבער, פאַרשידענע „נאַפּאַרעאולס" און „טאַליאַנס". וועלכע כ׳האָב געטרונקען פון אַ גרויסן האָרן. כ׳האָב געהאַט טרויעריקע סאַזאַנדאַרן און ווילדע, פאַרטויבנדיקע דודוקעס. מיט איין וואָרט, כ׳בין געווען כמעט אַן ענגלישער טוריסט.

אויפן צוזאַמענפאָר האָב איך זיך באַוויזן בלויז איין מאָל. אין אַ גרוים זאַל זענען געזעסן קאַווקאַזער און טשערקעסקעס, אַפּגאַנצעס אין טשאַלמעס, אין צעראַטענע כאַלאַטן, בוכאַרער אין שרייענדיקע יאַרמולקעס, פערסער אין פעטקעס און פיל אַנדערע. אַלע האָבן געהאַט צוגעשטאָכן צו דער בריסט פאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס מיט זיין פאַטריאַכאַלער באָרד. אינמיטן איז געזעסן אַ חבר, פשוט אין אַ רעקל, און געלייענט רעזאָלוציעס. די דעלעגאַטן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן און אויף אַלערליי אופנים אַבראָבירט די קלוגע טעזיסן. איך האָב געהערט, ווי איין פערס, וואָס איז געזעסן אין די אונטערשטע רייען, האָט נאָכן אויסהערן דעם רעפעראַט וועגן די פאָלגן צון עקאָנאָמישן קריזיס, זיך אָפּגערופן פריינטלעך אויף רוסיש צו אַ יונגן אינדוס: „ס׳איז זייער אָנגענעם צו שעכטן ענגלענדער", אויף וואָס יענער האָט, צולייגנדיק די פינגער צו די ליפּן, אַרויסגעשעפּטשעט: „זייער".

פלוצלינג האָט זיך אונ״ערן פענסטער דערהערט אַ ווילדע, אוממעגלעכע מוזיק פון קופּערנע טאַצן און טרומייטן. דער פערס, דער אייגענער, וואָס האָט אַזוי געשמאַק געטרוימט אין שטול, איז גיך אויפגעשפּרונגען און, נישט דערשטימענדיק דעם צוועלפטן פונקט פון דער רעזאָלוציע „געמענדיק אין אכט"... אַרויסגעלאָפן אויפן

נאָס אַרויס. כ׳האָב זיך פאַראינטערעסירט דערמיט און באַשלאָסן נאָכצוגיין נאָך אים, בפרט, ווען דער דאָזיקער אפילו גענוג מאָלערישער צוזאַמענפאָר האָט זיך מיר אויסגעוויזן שרעקלעך לאַנגווייליק.

כ׳בין פולשטענדיק באַלוינט געוואָרן, וואָרים כ׳האָב דערזען אַ בילד, הגם עס איז שוין נישט איינמאָל באַשריבן געוואָרן, אָבער פאָרט איז עס נישט צום באַשרייבן. אויף טראָג־בעטלעך, באַפוצט מיט העלע דיוואַנעס און בלענדנדיקע מיניאַטורן, זענען געזעסן פערסערינס, פאַרוויקלט אין שוואַרצן זיידנס. אַרום זענען געלאָפן יינגלעך, און רייטערס אויף פערד האָבן זיי געיאָגט מיט נאַגייקעס. אונטער זיי האָבן זיך געצויגן גאַנצע סטאַציעס האַלב־נאַקעטע פערסן, וועלכע האָבן מיט אייזערנע קייטן געשמיסן זיך די פלייצעס, וואָס זענען געדיכט בלוי געווען פון די קלעפּ. נאָר דאָס שרעקלעכסטע האָב איך ערשט דערזען אויפן סוף. מענער יונגע־לייט, עלטערע פאָטערס, אָנמעכטיקע זקנים אין ווייסע, ווי שניי, כאַלאַטן זענען געגאַנגען שורותווייז, געגאַנגען און געוויגט זיך אין טאַקט, און אויסרופנדיק „שאַקסע־וואַקסעי!”, געקלאַפּט זיך מיט שווערדן איבערן פנים; וואָס ווייטער זיי זענען געגאַנגען, אַלץ מער האָבן זיי זיך צעפלאַמט, די געוואַלדן זענען געוואָרן דורכדרינגלעכער, די קלעפּ שווערער, און דאָס ליכטיקע, פינקע בלוט איז מיט ברייטע שטראָמען געפלאָסן איבער די פנימער, איבער די כאַלאַטן, איבער דער דער אויסגעטרוקנטער ברוינער ערד. טייל זענען געפאַלן, נאָר קיינער האָט נישט געלייגט דערויף קיין אַכט. מיין פערס איז אַריינגעלאָפן אין אַ הייזל אַריין און אין אַ מינוט אַרום האָט ער שוין אין אַ כאַלאַט, נישט דערשטימענדיק די רעזאָלוציע, אָבער פול מיט דעם העכסטן עקסטאַז, געשריגן „שאַקסע וואַקסעי!” און מיט דעם בלוט זיינעם פאַרזיכערט טריישאַפט פאַר עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז מיר פרעמד און אומבאַקאַנט.

דער לערער האָט אויך געזען די דאָזיקע פאַנטאַסטישע צערעמאָניע און ביינאַכט ווען כ׳האָב געטיילט מיט אים מיינע איינדריקן, האָט ער געזאָגט: אָט איז נאָך האָלץ. אָ, צו וועלן זיי נישט ציזעצן אַמאָל די גאַנצע מאַשין! פאַרשטייט זיך, די מענטשן פון

מזרח זענען להוט נאָך קולטור-גיטער. זיי גיבן אַוועק זייער וואונדערליכע קריגן פאַר עמאַלירטע טשייניקעס און טוישן אויס דיוואַנעס אויף געמאַלעוועטע טאַפּעטן. נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי אויפגעהאַלטן עפּעס אייגענס, אייגנאַרטיקס: וועלכער אייראָפּעער, אַפילו דער דריי מאָל גליקלעכער, אַלץ איינס אין וואָס — אין פּאַנטאָפל פון פּויפּסט, אין וועלט-פּראָגרעס, אָדער אין די סימפּאַטישע „סאָוויעטן", — וועט זיך צעבלוטיקן מיט אַ שפּילקע אין נאָמען פון אַ אידעע? און די דאָזיקע, נישט נאָר די פון גאַס, נאָר אויך די דעלעגאַטן, איבעריקנס די מיט יענע אינאיינעם, וועלן מיט פאַרגעניגן איינאָרדנען אַ פייניקע וועלט — „שאַקסע-וואַקסעי", פאַרשטייט זיך נישט בלויז איבער די אייגענע פּנימער, נאָר אויך איבער אַן סך אַנדערע, תחילת אַמגערנסטן איבער ענגלישע, און דערנאָך... פאַרשטייט זיך, אַ לאָקאָמאָטיוו איז אַ שכלדיקע זאַך און נישט פאַר קיין פּערס איז דאָס אויפצובויען, נאָר צעברעכן אים וועט ער אויך באַוויזן, און אַפילו נישט אָן פאַרגעניגן.

„אַ גוטע נאַכט, ערענבורג! שלאָף גוט! היינט האָבן מיר געזען וואונדערליכע חיות, וועלכע זענען צוליב גרויסער סטראַטעגיע ארויסגעלאָזן געוואָרן פון שטייג. צוריק איז דער וועג קאָמפּליצירטער. מעגלעך, אַז פונדאַנענט וועט קומען צו גרינטליכע באָד פאַר דער אָרגאַניזירטער מענטשנייט. איינגענעמע חלומות!"

דאָס בײַן און צװאָנציקסטע קאַפּיטל

די לעבנספעיקייט פון אַ געװײנלעכן שטעקן.

שמידטס סכעמעס

צוריק זענען מיר שוין געפאָרן אין אַ שלאָף־װאַגאָן און אונטער דער שוץ פון אַ װאַך. נאָר דערפאַר האָט אונז געװאַרט אַן אומאָנגענעמער, הגם אין אַ געװיסער מאָס א טריװיאַלער נסיון: נישט דערפאָרנדיק ביז מאָסקװע זענען מיר אַרעסטירט געװאָרן דורך די מיטאַרבעטער פון די „טשעקאַ״־שאַטירונגען, דהיינו: דורך דער „אָרטאָטשעקאַ״, ד. ה. אַזאַ טשעקאַ, װאָס גראַסירט אויף די באַנען.

נישט דעמאָלט און נישט דערנאָך זענען מיר ניט געהאויר־געװאָרן די סבות פון אונזער אַרעסט. איך מיין, אַז אַ חשד האָט אַרויסגערופן איישאַ, װעלכער האָט זיך אָנגעהאָנגען אויפן קאָסטיום נידעריקער פון דער ברוסט דריי רויטע שטערן אַ האַמער און אַ סערפּ, אַ אָרדאָר פון דער רויטער פאָן און זעקס מעדאַליאָנען מיט די פּאָרטרעטן פון מאַרקס, ענגעלס, ליבקנעכט, לענין, טראָצקי און זינאָװיעװ. אַזוי צו אַזוי, מ׳האָט אונז אָפּגעפירט שוין װייט נישט אין קיין שלאָפװאַגאָן, קיין מאָסקװע און אַריינגעזעצט אין בוטירקי, װאו כ׳בין שוין אַמאָל געזעסן, אַלטזייענדיק זעכצן יאָר פאַר אַ פּראָקלאַמאַציע צו די גימנאַזיסטן, װאו כ׳האָב זיי גערופן צו אַ שטרייק.

כ׳האָב געקאָנט פעסשטעלן, אַז פאַר יאָרן פון גרויסע אויפטרייסלונגען און איבעראַנדערשונגען האָט די טורמע אַרויסגעװיזן

די גרעסטע שטאַנדהאַפטיקייט, נישט ענדערנדיק זיך אויף קיין האָר, אויך די וועכטערס האָבן געשטאַרט ביי די טירן און געמיין אַרומגעטאַפּט דעם קערפּער, פּונקט אַזוי האָבן געשטונקען די קלאָזעטן און דער פון זיי נישט אָפּשטייענדיקער באָרשט אין די גרין־געחאָרענע שיסלען. אַפילו די גוזלשאַט האָט אויסערגעוויינלעך דערמאָנט די אַמאָליקע: אַ וועלכער דאָרט מענשעוויק האָט פּאַרטיידיקט דעם מאַרקסיזם פאַרן צעפלאַמטן מאַקסימאַליזם. מ'האָט גערופן אויף אויספאָרשונגען, געפירט אויף זעונגען דורך צווי קראַטעס, אַמאָל געמשפּט, אַמאָל דערשאָסן, אַמאָל געשריגן; „נעמן די זאַכן", — און אַרויסגעלאָזט.

מיך האָט זייער פאַרוואונדערט די דאָזיקע שטאַנדהאַפטיקייט. דאַגעגן דער לערער האָט דאָס פאַרקערט, געפונען פאַר זייער עסטעטיש.

„אַ שטע . אין וועלכע האַנט ער זאָל זיך נישט געפונען, בלייבט ער אַ ״ אַ שטעקן", האָט ער מיך געטרייסט, ער זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אָ מאַנדאָלינע אָדער אין אַ יאַפּאַנישן פעכער איז נישט אַזוי לייכט. אַ רעגירונג אָן אַ טורמע איז אַ דעגענערירטער, נישט אָנשטענדיקער באַגריף, עפּעס אַזעלכעס, ווי אַ קאַץ מיט אָפּגעשוירענע נעגל.

„האָבן זיך געוואוינט אין בוטירקער ראַיאָן צוויי מענטשלעך, חבר איוואַן און חבר פּעטער. דער ערשטער איז געווען אַ באָלשעוויק און האָט געאַרבעט אין „מאָסקווער קאָמיטעט ר. ס. ד. ר. פּ.", דער צווייטער, אַ מענשעוויק, איז געווען אין דער „מאָסקווער אָרגאַניזאַציע פון ר. ס. ד. ר. פּ." געלעבט האָבן זיי זיך פרידלעך, דאָס הייסט צוזאַמען געגאַנגען אויף דער „רעגיסטראַציע", זיך אויסבאַהאַלטן אינאיינעם אין די נעכט ביי מיטפילנדיקע אַדוואָקאַטן, אינאיינעם געזעסן דאָ אויף בוטירקי, געקריגט זיך ביז צום פאַרלירן דאָס קול, וואָרים איוואַן איז געווען פאַר „צעשטיקלען" די ערד, און פּעטער פאַר מוניציפּאַליזירן, נאָר אַזוי ווי די ערד איז געווען נישט ביי איוואַנען און נישט ביי פּעטערן, נאָר ביים גוטבאַזיצער, האָבן זיי איבגיכן געמאַכט שלום, פאַרייניקט זיך, ווידער צעקריגט זיך, מיט איין וואָרט, אַן אידיליש פאַר־פאָלק, נישט אי־

וואַן און פּעטער, נאָר „פּאָל און ווירגיני". דערנאָך איז עפּיס וואָס אויף דער וועלט געוואָרן אַנדערש — איוואַן האָט זיך באַזעצט אין קרעמל און האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן שוין נישט קיין פּראָסטע רעזאָלוציעס פאַר פינף באַוואוסטזיניקע זעצער, נאָר דעקרעטן, וואָס זענען פאַרפליכטנד פאַר 150 מיליאָן רוסן. פּעטער האָט איבערגעלייענט די דעקרעטן און נישט מסכים געווען מיט זיי: האָט ער פון געוואוינהייט געוואָלט גיין פאַרפירן אַ וויכוח, נאָר ביי די „טויערן פונם הייליקן קרעמל" האָט אים אָפּגעשטעלט אַ זעלנער: „אָן אַן ערלויבניש טאָר מען נישט אַריינגיין!" פאַר צרות האָט ער צונויפגענומען פינף אויך באַוואוסטזיניקע זעצער און פאָרגעלייגט זיי צו פּראָטעסטירן. איוואַן איז געוואויר געוואָרן, אָנגעצונדן זיך פאַר כעס, און אַזוי ווי ביי איוואַנען איז שוין געווען דער דאָזיקער וואונדערלעכער טויזנטיעריקער שטעקן, האָט ער נישט געשפּאַרט זיך, נישט אויסגעשלאָסן, נישט גערופן „וועמען ס'איז„ און, נישט פאַרלירנדיק קיין איבעריקע ווערטער, אַרויסגעגעבן אַ קורצן באַפעל. און דערנאָך איז עס שוין געגאַנגען ווי געשמירט — פּעטער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, גענעכטיקט ביי אַדוואָקאַטן, האָט מען אים געזוכט, געכאַפּט און געבּרענגט אין דער אַלטער דירה אַריין:

„דו ביסט אויפגערעגט, דו ביסט נישט צופרידן? פריינט מיינער, אוטזיסטו! צי דען מיינסטו, אַז פּעטער אויף זיין אָרט וואָלט געהאַנדלט אַנדערש? זאָל ער אפילו געוועסט זיין נישט פּעטער, נאָר וואַלענטין אָדער מאַקסימיליאַן, וואָלט ער זיך אָן אַ „וועמען ס'איז" נישט באַגאַנגען. רעגירן אָן אים איז אַלצאיינס, ווי אַנידערזעצן זיך אויף אַ שטול פון דריי פיסלעך; פאַרשטייט זיך, ס'איז אָריגינעל, נאָר לענגער ווי אַ מינוט וועסטו נישט אויסזיצן און דאָס איבעריקע קומט שוין אַליין איינגיכן: מאַך ערקאָלען פאַר איטאַליענישן קעניג — ער וועט נישט באַוויזן אפילו די הויזן אָנצוטאָן און שוין וועט ער נעמען געוואַלדעווען — „עי, איר אַזעלכע און אַזעלכע!..." עס וועלן פאַרבייגיין נישט קיין יאָרן, נאָר עפּאָכן, שטיקער צייט, אַ סך מאָל וועט מען נאָך אויספּוצן די מענטשהייט צום לעצטן פּאַראַד, און פּונקט אַזויפיל מאָל וועלן אומגעריכטע

גערסן פאַרוואַנדלען די ראָזיקע פאַראַדן אין פרייליכע „שאַקסע־וואַקסערס", ביז די מענטשלעכע רעשטלעך וועלן נישט פאַרשטיין, אַז דער עיקר גייט נישט אין דעם, ווער אייגנטלעך עס האַלט היינט דעם שטעקן, נאָר אין שטעקן גופא, מ׳וועט אויפהערן טוישן און אָנהויבן ברעכן: ביז ווען וואָס, לאָמיר נעמען זופן די פאָכלאָפּקע, אַז נישט וועט זי אינגאַנצן קאַלט ווערן".

מיר וואָלטן אַזוי וואַרשיינלעך אָפּגעזעסן מי יודע ווי לאַנג וואָרים מיט אונז, זעט אויס, האָט זיך קיינער נישט פאַראינטערעסירט, ווען אויפן אָרט פונם אומגליקלעכן צופאַל לויט דער רייע וואָלט נישט געקומען אויך אַ צופאַל, און אויך לויט אַ רייע, נאָר דאָס מאָל אַ גליקלעכער. עס איז אָנגעקומען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פונם מאָסקווער ראַט אויסצופאָרשן די טורמעס. קיין שום האָפנונגען האָבן מיר אויף איר נישט געלייגט, וואָרים שוין פריער האָבן אונז געהאַט באַזוכט פאַרשידענע אינספּעקציעס און דעלעגאַציעס. נאָר ווען אין קאַמער איז אַריינגעקומען שמידט, האָב איך אַזש אַ פּישטש געטאָן פאַר פרייד. דאָס צווייטע מאָל שוין האָט אים דער גורל געשיקט ער זאָל זיין אונזער רעטער. דערנאָך איז שוין אַלץ צוגעגאַנגען פשוט: אַ קלונג דורכן טעלעפאָן, אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער, און אין אַ שעה־אַרום האָט מען אונז מיט כלערליי אַנטשולדיקונגען אַרויסגעלאָזט אויף יענער זייט פון די אַלטינקע, נאָר פונדעסטוועגן נאָך גוטע טורמישע טויערן.

די קלאַנגען, וואָס זענען צו אונז דערגאַנגען וועגן שמידטס עוואָלוציע, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיגע. דער וועג פון אַ גענעראַל אין דער קייזערלעך־דייטשער אַרמעע ביז צו אַ שטרענגן ספּאַרטאַקער אין אַ געלאַטעטן רעקל קאָן פאַרחידושן מיט זיין לענג, נאָר מ׳דאַרף דערמאַנען, אַז נאָך זייענדיק אַ סטודענט, האָט שמידט געזאָגט, אַז ער קאָן ווערן סיי אַ פאַרברענטער דייטשער פּאַטריאָט, סיי אַ עקסטרעמער סאָציאַליסט, וואָרים אי די ערשטע אי די צווייטע פאַרפאָלגן איין טייערן ציל אָרגאַניזירן — די מענטשהייט. קומענדיק קיין רוסלאַנד אַלס איבערצייגטער דייטשער נאַציאָנאַליסט, האָט ער די ערשטע חדשים אויף כלערליי אופנים געווירקט פאַר דייטשלאַנדס נצחון. נאָר נאָך דער אָקטאָבער־איבער־

קערעניש האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים נייע האָריזאַנטן, ברייטערע און מער רייצנדיקע. ער האָט באַשלאָסן, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיכערער קאָנען איינאָרדנען אייראָפּא לויט אַן איינהייטלעכן פּלאַן, איידער די אומאַנטשלאָסענע און שווין אונטערגעגראָבענע אין איר מאַכט אימפּעריע. פריער איז ער געווען אַ פאַרביסענער שאָוויניסט אַ פאַרברענטער מאָנאַרכיסט, נאָר צו דער נייער זאַך איז ער צוגעטרעטן ערלעך, אָן הינטערגעדאַנקען, מיט דער גאַנצער פאַר אים געוויינלעכער עקשנות און גראַדליניקייט. בעת די שלאַכטן מיט די ווייסע איז ער צוויי מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. אויסערלעך האָט ער געלעבט אָרעם, געאַרבעט אַפּצן שעה אין מעת-לעת, פון אַ קאַזאָנעם אויטאָמאָביל, נישט געקוקט אויף זיין דורכגעשאָסענעם פוס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, הינקענדיק אַזוי פון איין קאָמיסאַריאַט אין אַנדערן אַריין, מיט איין וואָרט, אין אַלע הינזיכטן איז ער געווען אַ ערלעכער און קאָנסעקווענטער קאָמוניסט.

אויף צומאָרגנס נאָך אונזער באַפרייאונג זענען מיר אַוועק צו אים אין זיין אַרבעטס-קאַבינעט. אויף די ווענט זענען געהאָנגען סכעמעס, קאָמפּליצירטע און משונהדיקע. שמידט איז געווען אַרום-געקלעפּט מיט פּלענער, פּרייז-אויסרעכנונגען, צייכנונגען. מיט ברען האָט ער גענומען אונז דערציילן וועגן זיינע אַרבעטן. ביז איצט האָבן מענטשן אומפּראָדוקטיוו פאַרוועגדעט זייערע כּחות: אַלץ איז געווען צופעליק און אומגעלומפּערט. אין יאַפּאַן אָדער האָלאַנד איז מען דערשטיקט געוואָרן פון ענגשאַפט, און סיביר אָדער שפּאַניען האָבן געפּוסטעוועט. אינם שוואַרצערדיקן רוסלאַנד האָט מען קאָרן געוואָרפן אין טייך אַריין, נישט וועלנדיק אים פאַרקויפן פאַר גראָשנס און באַמיענדיג זיך אַזוי-אַרום נישט צו לאָזן פאַלן דעם פּרייז, און די קוליס אין פעקין זענען געשטאָרבן פון הונגער. אין ענגלאַנד האָט מען אויסגעאַרבעט אַזוי פיל שטאָפן, אַז ס'איז נישט געווען זיי וואו אַהינצוטאָן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריזיס און די אַרבעטער האָבן געקלאָגט ביי די אָפּגעשטעלטע וועב-שטולן, און דער פויער פון קאַלוגא האָט נאָך אַלץ געחלומט וועגן אַ פּאָר הויזן. די פּאָעטן זענען אַרומגעלאָפן איבער די רעדאַקציעס און

-עבעטן זיך אָפּצודרוקן אַ לידל כאַטשבי פאַר פ״ק קאָפּיקעס די שורה, דאַגעגן האָבן געפעלט אַגראָנאָמען. אַדוואָקאַטן איז געווען מער, ווי קרימינעלע פאַרברעכער, נאָר אָפטמאָל איז שווער געווען צו געפינען אַן עלעקטראָטעכניקער. אַ תהו-ובהו, אַן אומזיניקער, אַ ווילדער, אַ ווירטשאַפט פון משוגע-געוואָרענע יריד-בעל-עגלות, אָדער פון מאַלפּעס, וואָס האָבן אָנגעטאָן סורדוטן. איצט וועט אַלץ זיין אַנדערש. אָט אויף דער מאַפּע איז באַשטימט — וויפיל מענטשן עס דאַרפן וואו וואוינען, פינקטלעך, לויטן קוואַדראַט-מעטער.

אַ צווייטע סכעמע ווייזט די צעטיילונג פון אַרבעטער לויט די פאַכן. מ׳באַדאַרף האָבן אַזויפיל אינזשענערן, אַזויפיל שלאָסערס, אַזויפיל פּאָעטן. קיין שום אָפּווייכונגען נישט. טולאַ ווייס, אַז לויטן פּלאַן אויפן יאָר 1930 דאַרף זי אַרויסלאָזן 80 דאָקטוירים, 7 קינסט-לער, 600 מעטאַליסטן, 350 טעפּערס און אַזוי ווייטער. אַ קינד לערנט מען פון פריער עלטער אָן ליב צו האָבן דעם פאַך, וואָס איז פאַר אים באַשטימט, ס׳ווערט איינגעפּירט אין שול דער פּראָ-דוציר-אַלף-בית, וואו יעדער אות באַצייכנט אַן אַרבעטס-מכשיר, פון געגעבענעם פאַך. די אַלגעמיינע צאָל געבורטן ווערט אויך גענוי אויסגערעכנט אויף פאָראויס און דאַרף אַנטשפּרעכן די אויפגאַבן פון צענטר. די פאַמיליע דאַרף מען פאַרניכטן, מ׳קאָן נישט איבער-לאָזן קינדער אונטער דעם צופעליקן און שעדלעכן איינפלוס פון די עלטערן, ד. ה. פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. קינדער-היימען, שולן, אַרבעטס-קאָלאָניעס גרייטן צו אַרבעטער. דערנאָך — קאָלעקטיווע דירות, געזעלשאַפטלעכע דערנערונג, איינהייטלעכע פאַרטיילונג. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט האָט יעדער דאָס רעכט צו גיין אין ביוראָ, וואָס פאַרטיילט די פאַרווייילונגען אין זיין ראַיאָן, וואו ער איז צוגעשריבן. דאָרט איז צו באַקומען אַ באַ-שטימטע דאָזע עסטעטישע עמאָציעס; מוזיק, כאָראַלע דעקלאַמאַציע, פייערליכקייטן לויט אַ באַשטימטן סצענאַר, וואָס פאַרטרעט אַ טע-אַטער. און ענדלעך ווערן אויך באַגרענעצט די געשלעכטלעכע פּיסגרויכן, איבער וואָס עס אַרבעט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון דאָקטוירים ביים „באַרקאָמזדראַוו״. אָט דאָס איז דאָס לעבן פון אַ מענטשן!

שפּידט האָט אונז געוויזן די סאַמע געהיימניספולסטע סכעמע—

ד׳ איז געווען ענלעך אויף די וואורצלען פון עפעס אַ גיגאַנטיש געוויקס. דאָס לעבן פון אַ מענטשן!

כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן נאַיווע מאַרק-בילדלעך: אַ יינגעלע שפּילט זיך, אַ פאַרליבטער יונגערמאַן מיט אַ בלימל, אַ פּאָטער פון אַ פאַמיליע, וואָס צערטלט אַ קינד, אַ רייפער מאַן, וואָס האַלט אין האַנט אַ גענזענע פעדער (כ׳ווייס נישט פאַרוואָס), און אַן איינגעפאַלענער זקן, וואָס הינקט אונטער צום אָפענעם קבר. נאָר דאָ איז גאָר עפעס אַנדערש געווען: ווייסע קוואַדראַטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גרינע פּיראַמידן, די לעצטע האָבן זיך פאַרבונדן מיט רויטע קרייזן, די קרייזן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין פאַראַלעל-זייטן און נאָך אַזוי לאַנג און קאָמפּליצירט און מ׳האָט גאָרנישט געזען דעם באַפרייענדיקן קבר, נאָר בלויז שוואַרצע דרייעקן פון בנינים פאַר ארבעטס-אינוואַלידן.

און שמידט, וואָס האָט אונז געוויזן די אַלע וועגן און דורכגאַנגען, וואַרפנדיק מיט הונדערטער ציפערן און נעמען פון די אַרגאַניזירנדיקע צענטרן, האָט מיט פּאַטאָס גערעדט: „אָט איז דאָס לעבן! עס איז שוין נישט מער קיין געהיימניס, קיין לעגענדע, קיין וויזיע, נאָר אַן ארבעטס-פּראָצעס, וואָס איז אין דעם דאָזיקן נעבעכדיקן צימער צעלייגט אויף באַשטאַנד-טיילן און צוריק פאַרייניקט דורך דער קראַפט פונם שכל!”.

כ׳האָב זיך אויך דערמאָנט אָן דעם קעמערל דאָרט אויפן בוידעם אין שטוטגאַרט, דעם פּלאַן אויפן וואַנט, די זעכציק מאַרק און די פּרוי׳ ראָזע. נאָר די קלאַסנדיקע שרייב-מאַשינען, דער סעקרעטאַר, וואָס האָט אָן אויפהער געבערענגט פאַפּירן אויף אונטערצושרייבן, די אינטערעסאַנטן-רייע אין אויפנאַם-צימער האָבן מיר דערציילט וועגן דעם, אַז דאָס איז נישט קיין קינדערשע משוגעת נאָר אַ גיגאַנטישער ווערקשטאַט, וואו ס׳ווערט געבויט אַ נייע וועלט

פאַר שרעק בין איך גרייט געווען זיך פאַנאַנדערצווויינען, נאָר אומגעריכט האָב איך זיך פאַנאַנדערגעלאַכט,—נישט אָנשטענדיק געלאַכט, דערהערנדיק פון גאַס דאָס פּאָפּולערע לידל:

אוי, אַן אומגליק! אָן אַ שיין

בין איך אין קלאָזעט אַריין.

אָן אַ שיין! כ׳בין גרייט צו נעמען.
נעם—אַז ס׳איז נישטאָ ביי וועמען.

דערנאָך האָט ש־ידט גערעדט מיטן לערער וועגן זיינע אַרבעטן און האָט אים פאָרגעלייגט צו פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן דאָס כאַאָטישסטע און שווערסטע געביט, די קונסט. דער לערער האָט זיך דערפרייט מיטן פאָרשלאָג און אין עטלעכע מינוט איז אַלץ געוואָרן דערליידיקט.

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען, האָב איך גענומען אַרויסזאָגן פאַרן כורעניטאָן מיינע באַמערקונגען וועגן שמידטן און זיינע סכעמעס: „דאָס אַלץ, קאָן זיין, איז אפשר גענ‍יאַל, נאָר וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַהער דאָס לעבן פון אַ מענטשן? דאָס איז פשוט געדרייט אַ פיטשינק שרייפעלע!”.

דער לעזער האָט אָפגעשפאַרט: „ניין, דאָס זענען נייע מענטשן, וואָס אונטערשיידן זיך אויף אַזויפיל פון דיר. ווי די איינוואוינער פון—לאָמיר זאָגן קאַמערון. דו האָסט אינגאַנצן נישט באַמערקט, ווי פון די טיפּעבישן פונם לעבן, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי איינגעפונדעוועט, איז אויפגעגאַנגען אַ נייער שבט. זיי האָבן זיך זייער פסיכאָלאָגיע, זייערע מידות, זייער רעליגיעזן פאַטאָס. די פריערדיקע מענטשן זענען געפאַלן קורעים פאַר דעם אומדערגרייכבאַרן, געהיימניספולן, צופעליקן. יעדע אָפּנייגונג פון דעם געוויינלעכן, פון דעם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אויפן עמפּירישן וועג, איז פאַרגעטערט געוואָרן ווי אַ נס. דער פאַטאָס פון די נייע מענטשן ליגט אין דער גרזעצמעסיקייט פון די ערשיינונגען, זייער ניכטערער עקסטאַז באַשטייט אין פילן די אומגרייזיקייט פון אַרבעט, אויפטוען, געשעענישן. דו קאָנסט גוט פאַרשטייען די אורעלטע באַגייסטערונג פון די מענטשן, וואָס האָבן געדינט צום פייער: בעת דו זיצסט אַזוי אין דיין געפריירן קעמערל, אויף די שפּיץ נעגל, פאַר די פלאַמענדיקע פונקען, וואָס פליען פון אויוון אַרויס. איצט פאַרשטיי אַן אַנדער באַגייסטערונג—פון אַ מעכאַניקער, בעת ער האָט צום ערשטן מאָל באַנומען, באַגרייפן דעם גאַנג פון אַ קאָמפּליצירטער מאַשין!”.

מיר זענען געגאַנגען איבער מיינע באַליבטע געסלעך צווישן

פערשטשיסטענקאַ און אַרבאַט. די פּיטשינקע הייזלעך מיט די שטאַפּעטלעך, דער בעז, די קופּאָלן פון דעם ווייסינקן צערקווועלע אויף מאַגילצי — דאָס אַלץ האָט מיך געשטאַרקט אין מיין פּראָטעסט:

„לערער, די דאָזיקע גייע מענטשן, וועגן וועלכע איר רעדט, זענען מיאוס, און דערפאַר אומדערטרעגלעך. אין זייער לעבן פעלט דאָס צופעליקע, אַלזאָ דאָס סאַמע וואונדערלעכסטע, נישטאָ די אומגעריכטקייט, דער ווידערשפרוך, די ראָמאַנטיק, נישטאָ גאָרנישט. דאָס זענען מיליאָנען שמידטס, אָן אַ חעלכן ס'איז פּיטשינקן נאַפּאָלעאָן, ס'אַראַ לאַנגווייליקייט!...

„נו, איז וואָס, וועסט זיך אַ ביסל לאַנגווײלן, ווייל דו ביסט אַ מענטש פון אַלטן שניט. ס'וועלן אונטערוואַקסן אַנדערע לויט דער סכעמע נאָך, זיי וועלן אַרבייטן און נישט לאַנגווײלן זיך. בכלל דאָס אַלטע שמעקט מיט פוילקייט און נאַפטאַלין, נאָר דאָס דאָזיקע ריח'ל קאָטירט זיך הויך אונטערן נאָמען „ראָמאַנטיש". מ'האָט זיך צעשיידט מיט די פּריסטער, מיט די מאַדאָנעס, מיט אַלערליי עקסצעלענצן — און גאָרניט ס'גייט!... מ'וועט אַוועקוואַרפן אויך די ליבע משוגעת'ן — פון אַמעריקאַנער מיליאַרדערן, ס'וועט מער ניט ווירקן, די מאַלערישקייט פון טראַנטעס, דער צויבער פון לוקסוס, דער קינעמאַטאָגראַפיש-צוציענדיקער קאַמף פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער פאַר אַ באַרג געלט. אַלץ, וועגן וואָס דו דאַגאה'סט אַזוי, איז אַ קאַפּריז, — דער פוילונגס-פּראָצעס איז כמעט פאַרענדיקט און אינגיכן וועט דער ריח שוין אַפילו נישט דערגיין צום נאָז. פאַרשטייט זיך, אַז דו קאָנסט דיר דינגען אַ באַזונדער צימער, אָן מיטוואוינער, און זיך זעצן וויינען דערויף ביז צום סוף פון דיין לעבן, נאָר כ'גלויב קוים צי דאָס וועט וואָס-נישט-איז ענדערן.

„האָסטו געזען די בילדער פון די היינטיקע קינסטלער-קוביסטן? נאָך די פאַרשידענע „געטלעכע קאַפּריזן" פון די אימפּרעסיאָניסטן — געניע, באַרעכנטע פאָרם-קאָנסטרוקציעס, און אַ פולשטענדיקער קרובהשאַפט מיט שמידטס סכעמעס.

„ביסט געווען אויף דער מלחמה? וואָס האָסטו דאָרט געזען — נאַפּאָלעאָנס, דוד'ס, זשעסט, נצחון פון אַ העלדישן פאָנען-טרעגער, צי די מוסטערהאַפטע ווירטשאַפט פון מיסטער קול?

„נישט געקוקט אויף דיין צעדולדקייט, האָסטו ליב צו שפּילן אין שאָך. גיב אַ קוק ווי אַזוי דער קאָמבינאַטיווער אופן פון שפּילן טרעט אָפּ דאָס אָרט דעם פּאָזיציאָנעלן. אָנשטאָט אומגעריכטע קאָמבינאַציעס און איידעלע גאַמביט־קרבנות — אַ געניטער, קאַרגער, פּינקטלעך־אויסגעפּאָרשטער פּלאַן. איך חידוש זיך אויף ווי ווייט בלינד דו ביסט — וואַלגערסט זיך אַרום אומעטום און באַמערקסט נישט די גרינגטלעכסטע, די סאַמע אומצווייפלהאַפטע שטריכן פון אונזער צייט?"

„אויב אַלץ איז טאַקע אַזוי," האָב איך זיך אויפגערעגט, — „טאָ צוליב וואָס אייגנטלעך זאָל מען לעבן? און אגב, צוליב וואָס זאָל מען דאָס איבערשרייבן שמידטס דעקרעטן, אָנשטאָט אים ווי נישט איז צו פאַריכטן?

„אַז דו וועסט פון טויזנטער באַטאַרעען נעמען שיסן אויף דער זון אין אויפגאַנג, וועט זי אַלצאיינס אויפגיין. מעגליך, אַז כ'האָב נישט ווייניקער פאַר דיר פיינט דעם דאַזיקן אויפגייענדיקן טאָג נאָר כדי עס זאָל קומען דער מאָרגן דאַרף מען מוטיק באַגעגענען דעם גרויזאַמען ליכט־שטערן' דאַרף מען העלפן די מענטשן זיך דורכבאַקומען דורך זיינע שטראַלן, און נישט אָנטשעפּען זיך אָן דעם קופּאָל פון קלויסטער, אויף וועלכן עס האָט זיך פריער, געכטן געוואַרעמט דער זיך לעשנדיקער זון־פאַרגאַנג!"

דאָס דרייסיקסטע קאַפּיטל

„די פרייהייט פון שאַפן" אָדער אינטריגעס פון קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן.

אויף דער זיצונג פון דער קאָמ'סיע, וועלכע ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אָרגאַניזירן די קונסט, זענען אַחוץ לערער געקומען פרויען פון אָנגעזעענע קאָמוניסטן, דאַן אומבאַדייטנדע קאָמוניסטן, נאָר ערלעכע מענטשן, וואָס האָבן ליב ריינע אַרבעט, אַקטיאָרן, מער פון צווישן די געוועזענע „סאָליסטן פון זיין קייזערלעכער", קינסטלער, וואָס האָבן דאָס גאַנצע לעבן געמאָלט מאַרקיזעס קרינאָלינעס. פאָרזיצער פון דער דאָזיקער הויכגעשטעלטער קאָמיסיע איז געווען אַגעוויסער זייער רעוואָלוציאָנערער מאַן, וואָס האָט אויף אַזוי ווייט אָנגעשראָקן אַלטעטשקע פראָפעסאָרן אַז זיי זענען גרייט געווען נעלם צו ווערן, זיי האָבן דאָס נישט געטאָן בלויז כדי צו ראַטעווען די אומפאַרגעסלעכע „אַלמאַ מאַטער",— אין דער אמתן איז דער פאָרזיצער געווען אַ גוטמוטיק דיק מענטשל, אַמוסטערהאַפטער פאַמיליע-מענטש, מיט אַגאָלדן קייטל איבערן בייכל און מיט אַן איידעלער ליידנשאַפט צו קונסט. ער האָט אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט באַלמאָנטס „ליטורגיע פון שיינקייט" און פלעגט באַשטעלן ביי די קינסטלער,—חלילה נישט ביי פוטוריסטן, נאָר ביי די אייגענע, וואָס האָבן דאָ נישט לאַנג געמאָלט די ווייבער פון די מאָסקווער מילנערס און די מעטרעסעס פון די גרויספירשטן, — פאָרטרעטן: זיין אייגענעם — באַזונדער (דער קעמפער

פאַר אידעען) מיט דער פרוי (אויך אַ קעמפער), פון דער פרוי מיטן קינד (מוטערליכקייטן), פון קעמפערס פרוי און פון זיך אַליין אין פאַמיליען-קרייז (אַפרוי פון קעמפער). אַלע פּאָרטרעטן האָבן פאַרמאָגט אויסדריקלעכקייט און זענען געווען אין בראָנזענע ראַמען.

די קאָמיסיע האָט געדאַרפט באַטראַכטן די פראַגע — ווי אַזוי פאַרווענדן די קונסט אויף אַגיטאַציע און דערביי נישט אונטערברענגען די שעפערישקייט? דער פאָרזיצער האָט לאַנג גערעדט וועגן דער הויכער ווירדיקייט פון קולטור, וועגן די הויכקייטן פונם מענטשלעכן גייסט און האָט פאָרגעלייגט אָנצונעמען אַ פשרה-באַשלוס — אַרויסצוגעבן די קינסטלער, וואָס וועלן שאַפן אַגיטאַציע-ווערק, אַ פּאַיאָק, וואָס זאָל לויט די קאַלאָריעס זיין גלייך צו צווייט אַקאַדעמישע. אַלע איבעריקע זאָל אַרויסגעגעבן ווערן, נישט אָנגרייפנדיק די פרייהייט פון דער מוזע, אַ פשוטער פּאַיאָק, לויט דער אַרבעטס-קאַרטע קאַטעגאָריע „ב".

נאָך אים איז אַרויסגעטרעטן כורעניאָ, וועלכער האָט גלייך אַריינגעטראָגן אַ ראַדיקאַלן פאָרשלאַג — צו באַזייטיקן די קונסט. אָט וואָס ער האָט געזאָגט אויף צו פאָרטיידיקן זיין פאָרשלאַג: דאָס, וואָס איר לייגט פאָר, איז נישט מער, ווי אַ ביי שילדל איבער אַן אַלטן ברוד, אַן איינשפריצונג פון קאַמפער אין אַ קאַלטן בר-מינן. פאַרוואָס האָט איר באַזייטיקט די רעליגיע, אויב איר פילט אַ באַדערפעניש, אַז עמיצער זאָל אַרומרינגלען מיט נימבן אייער סאָלידן הערשערישן שטעקן? מיט וואָס איז אַן אָפגעריסענע קאַסטע פריווילעגירטע כהנים פון דער אָפיציעלער קונסט בעסער פאַר קרייצבויכיקע גלחים? וואָס וועט אייך אַרויסקומען? אַ צענדליק דערזשאַווינס, וואָס וועלן אויספאַרטיקן, פּאַרדאָן, שאַפן אָדעס וועגן גאָט, וועגן פייגעלע און וועגן אַנדערע זאַכן, וואָס גייען נישט אַריין אין פּלאַן פון דער מלוכה-בויאונג. אַלע לידער, טראַגעדיעס, בילדער, סימפאָניעס, געמאַכט לויט אַלע פאָרשריפטן, וועלן זיין קלענער, שוואַכער, ווי די אַמאָליקע, און די פשוטע בירגער וועלן פאַרגלייכן די דערמאָנטע מיט פּושקין, שעקספּיר אָדער גרעקאָ און באַשליסן, אַז שולדיק איז אונזער צייט, דער קאָמוניזם. דאָס טאָר

מען נישט דערלאָזן; מיטן פאַרניכטן די קונסט דאַרף מען אַלעמען דערווייזן, אַז זי, נאָר זי איז שולדיק, זי האָט געוואָלט איבערלעבן זיך אַליין, און זי פאַרדינט דערפאַר אַ קויל אין הינטן, אָנשטאָט אַ ערלעכן טויט אויפן פאַמיליען־בעט.

„די הויכקייטן פון אַ מענטשלעכן גייסט, וועגן וועלכע דאָ האָט זיך גערעדט, זענען אומבאַדינגט געווען מלוכה־פאַרברעכער, ווייל זיי האָבן אונטערגעריסן אַלע יסודות פון אַ שכלדיקן, ניכטערן זיין. פאַרשטייט זיך, אַרונטערדרייסן די ענגלישער קעניגען, די דייטשע פירשטלעך אָדער ניקאָלאַי דעם ערשטן איז — לויט אונזער קוק נישט פאַרברעכעריש, נאָר פאַרדינט אַ לויב. ליידער, חברים, האָט איר אַ טעות אין איין זאַך, איר מיינט ס'איז פאַר זיי געווען וויכטיק, וואָס דווקא זיי רייסן אונטער? ס'הויבט זיך נישט אָן! ווען מעסינאַ וואָלט געווען דאָס זיך־אָרט פון עפעס אַן אַלטערטימלעכן דעספּאָט, צי פון אַ קאָמוניסטישער קאָלאָניע — די טעטיקייט פון וועזוף וואָלט זיך דערפון נישט געענדערט. מאָרגן וועלן די גנעכ־טיקע „הויכקייטן“, וועלכע איר, שעלט על פי טראַדיציע און די היינטיקע, אויף וועלכע איר קאַרגט נישט קיין קאָנדיטאָריי־אויסאַרבעטונגען, נישט קיין פעטס, — נעמען אונטערגראָבן אונזער געזעלשאַפט. קונסט — דאָס איז די נעסט פון אַנאַרכיע, קינסטלער — דאָס זענען יערעטיקער, סעקטאַנטען, געפערלעכע בונטאַרן.

„און אַזוי, דאַרף מען זיך נישט וואַקלען און פאַרבאָטן די שפּאַנטט, פונקט, ווי ס'איז פאַרבאָטן אויסצואַרבעטן אַלקאָהאָל־געטראַנקען, אָדער אַריינפירן אָפּיום. דאָס איז לייכטער דורכצופירן, ווייל די קונסט, אַ געעלטערטע און שוואַכע, רייסט זיך אַליין שוין צו פאַרענדיקן איר נישט־בכּבֿודיקע עלטער דורך זעלבסטמאָרד. די קונסט קריכט פון דער הויט אויסצומישן זיך מיטן לעבן, און דאָס איז פאַר אונז דאָס בעסטע מיטל צו ליקווידירן די געפערלעכע עפּידעמיע. באמת, אַנדערע גאַזן, קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, דראָען יעדע מינוט מיט אַן אויפרייס, ווירקן דערשטיקנד, ציגדן זיך אָן, אָבער ווען זיי ווערן צערונען אויף דער אַטמאָספער ווערן זיי אומשעדלעך.

„גיט אַ קוק אויף דער געגנווערטיקער מאָלער — זי וואַרפט

אָפּ דאָס בילד, זי פאַרפאָלגט אויסשליסלעך קאָנסטרוקטיווע זויפ-
גאַבן, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון פאָרמען, וואָס
קאָנען פולשטענדיג פאַרווירקלעכט ווערן אין טאָגטעגלעכן לעבן.
דער פאַברעכן פון גרעקאַ, דזשאָטאָ, רעמבראַנדט באַשטייט אין
דעם, וואָס זייערע בילדער זענען אומאויספירבאַר, איינציק, אַלזאָ
אומניצלעך. די בילדער פון די קוביסטן אָדער סופּרעמאַטיסטן קאָ-
נען אויסגענוצט ווערן צו די פאַרשידנסטע צוועקן — פּלענער פון
קיאָסקן אויף די בולוואַרן, אָרנאַמענטן אויף שטאָפן, מאָדעלן אויף
בייע שיך און אַזוי ווייטער. מ'דאַרף בלויז קאָנען געבן אַ ריכטונג
דעם דאָזיקן שטראָם, פאַרבאָטן צו פאַרגעמען זיך מיט מאָלעריי
אַלס אַזעלכער, אַז די ראַם פון בילד זאָל נישט ווידעראַמאָל לאָקן
דעם מאָלער צו דעם משוגעת פון בילדער, — צופּעסטיקן די
קינסטלער צו פאַרשידענע פּראָדוקציע-געביטן, די פּלאַסטישע קונסטן
ווילן אויפהערן צו לעבן זעלבשטענדיק און צו דראָען דער גע-
זעלשאַפט, נאָר זיי ווילן שאַפן דעם קאָמוניסטישן שטייגער, —
אייזער, טעלער, הויזן.

„דאָס אייגענע באַציט זיך אויך צו אַנדערע אַרטן קונסט.
די פּאָעזיע גייט איבער צום לשון פון צייטונגען, דעפּעשן, געשעפט-
לעכע געשפּרעכן, וואַרפט אַראָפּ העמדל נאָך העמדל — די גראַמען,
מאָס, בילדלעכקייט, פּאַטאָס, קאָנווענציאָנעלקייט און ענדלעך—דעם
ריטם, זי בלייבט נאַקעט צייכנט זיך נישט אויך מיט קיין זאַך נישט,
און מ'דאַרף האָבן אַ סך פּראָפעסיאָנעלע דערפאַרונג אום צו פאַר-
שטיין פאַרוואָס אַנדערע מאָדערנע לידער זענען — לידער, און
נישט קיין לייט-אַרטיקלען אָדער אַ רעקלאַמע „ספּערמין". אויף אַזאַ
אופן באַשטייט דאָ די זאַך גאַנץ פּשוט, מ'דאַרף בלויז פאַרבאָטן צו
דרוקן ביכער, וואָס די שורות זענען אין זיי, לויט דער טראַדיציע
פון די אַמאָליקע פּאָעמעס, פאַרטיילט נישט-עקאָנאָמיש, און אויס-
מעקן פון ווערטער-בוך דאָס וואָרט „פּאָעט", וואָס איז מסוגל צו
ברענגען צו אַ נסיון. דער טעאַטער ברעכט אויך זיין פאַנצער—די
ראַמפּע, פאָרט אַראָפּ אין זאַל אַריין אָדער אויפן מאַרק אַרויס,
שלעפּט דאָס פּובליקום אויף דער סצענע אַרויף, שאַפט אָפּ די שריי-
בער און אַקטיאָרן. אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה קאָן ער

אינגאַנצן אונטערגעזעגט ווערן דורך די צווישן־סטאַציעס פון כלערליי יום־טובים, פראָצעסיעס און ד. גל. שפּעטער וועלן אַפילו די דאָזיקע אָרגאַניזירטע פאַראַנשטאַלטונגען ווערן אַלטעגלעכע און וועלן פאַרלוירן גיין צווישן זשעסטן, פּאָזעס און גלייכווערטלעך.

„שוין אין קינעשמאַ האָב איך געמאַכט אַ פּרווו דורכצופירן די ליקווידאַציע פון דער קונסט, גאָר מיר האָט געשטערט דער בירגערלעכער עסטעטיזם פון אַ סך רעוואָלוציאָנערן. איך גלויב, אַז איצט וועט איר אָננעמען מיין פאָרשלאַג און דער היינטיקער טאָג וועט זיין די דאַטע, ווען ס׳שטאַרבט אָפּ איינס פון די גרעסטע שטותערייען פון דער מענטשהייט, וואָס האָט איר געשטערט איינצואָרדנען ווי ס׳געהער צו זיין דאָס לעבן אויף דער ערד!”

ס׳האָבן זיך אַ שאָט־געטאָן פּראָטעסטן... „מיר זענען נישט קיין באַרבאַרן”, האָט געסאָפּעט דער פאָרזיצער. „מיר האָבן ליב אַלץ, וואָס איז שיין”, — האָבן געוואָרטשעט די ווייבער. „ווער איז פאַר?” בלויז איין שטים פון כורעניטאָן אַליין. דער פאָרשלאַג איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן.

מ׳האָט באַשלאָסן צו לאָזן די קונסט ווייטער לעבן און אָפּערירנדיק מיט אַ גאַמע פון פאַיאָקן, צו שטופּן דאָס שאַפן אין דער קאָרעטע אַריין. דער לערער האָט זיך צעשמייכלט: „איר קענט נאָך באַשליסן אויסצוגוזצן אַ ציקלאָן אויף צו באַוועגן ווינט־מילן!” פאַר מיר האָט ער שטילערהייט זיך מודה געווען: „דאָס, וואָס איך האָב פאָרגעלייגט, איז פולשטענדיק לאָגיש און ריכטיק, נאָר ס׳איז פאַראַן בלויז איין „נאָר” — דאָס איז ערקאָלע און שמידטס טשעמאָדאַן. איך מיט דיר וועלן איבער דעם נישט וויינען, נאָר פאַר די גרויסע און קליינע סטראַזשניקעס פון דער קינסטיקער וועלט וועט ער פאַרשאַפן נישט ווייניק קלאָפּאָט. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די קלעפּ פון אַ דונער אָנשטאָט די טייערע שוועדישע שוועבעלעך אויף צו פאַררויכערן פּאַפּיראָסן. דאַגעגן איך האָב פאָרגעלייגט צו פאַרנעמען זיך בעסער מיט אויסאַרבעטן שוועבעלעך, און דעם דונער, אום צו באַרויקן די קאָמוניסטישע קינדער, אינגאַנצן באַזייטיקן. פאַרשטייט זיך, דאָס קאָן אים נישט שטערן אין אַ שיינעם זומערדיקן האַלב־טאָג, אַראָפּצופאַלן אומגעריכט אויף דעם פּליך פון

אַ מענטשן, וואָס איז איבערצייגט, אַז שטורעמס זענען שוין אויף אייביק אָפּגעשאַפּט דורך אַ דעקרעט. ביז ווען וואָס וועלן מיר זיך צוקוקן צו די רעזולטאַטן פון זייער טעטיקייט!"

אין משך פון די גאַנצע וואָכן איז מאָסקווע אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך אַ רייע אויסטערלישע און טרויעריקע געשעענישן, וועלכע האָבן גלענצנד באַשטעטיקט די גרויזאַמע התראות, וועלכע דער לערער האָט געגעבן די עסטעטן פון דער קאָמיסיע. דער קאָמפּאָזיטאָר קריס, וועמענס מוזיק ס'איז ביז דער לעצטער צייט געווען אומבאַקאַנט אַפילו פאַר פּראָפעסיאָנאַלן, האָט אָנגעשריבן אַ סימפאָניע „דער טיטאַן ציט זיך אויס". זי איז אויסגעפירט געוואָרן פאַר טויזנטער צוהערער. נאָר אָנשטאָט אַן ערציערישע ווירקונג האָט דידאַקטישע מוזיק אויפגעוועקט די סאַמע נישטדערלאָזבאַרע געפילן. אויף צו-מאָרגנס זענען די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן געווען פּוסט, וואָרים קיינער פון די, וואָס האָבן געהערט די סימפאָניע, איז נישט געקומען צו דער אַרבעט. נאָך מער, אַ סך האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוקערן דעם שניי פון די גאַסן, און דערביי געפייפט, געוויינט און אַרויסגעגעבן נישט-אַרטיקולירטע קלאַנגען. איינער איז אינגאַנצן משוגע געוואָרן און שרייענדיק, אַז ער איז נישט מער בכח צו זיצן אין קאַנצעלאַריע און רעגיסטרירן די אָרדערס אויף קאַלאָשן, איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפן דאַך אַרויף, געוואָרפן אַ שליסל אויפן מיליציאָנער, פאַרוואונדעט אים און צום סוף אַליין געהרגעט געוואָרן, בעת ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן. די „איזוועסטיאַ" האָבן געשריבן: „ווידער סאַבאָטאַזש. די הערן מענשעוויקעס אַרבעטן פאַר די קאַפּיטאַליסטן". דאַקעגן דעם הויפּט-שולדיקן, קריס, האָט קיינער נישט געשירט, ער האָט אַפילו געקריגן פאַרן קאָנצערט 100 טויזנט רובל און 25 פּאַפּיראָסן.

מ'האָט נאָכנישט געענדיקט שרייבן וועגן סאַבאָטאַזש, ווי ס'איז אַנטשטאַנען אַ נייע אַוואַנטורע. דער יונגער פּאָעט יערשאָוו איז געפאַלן אויף אַ המצאה, ער האָט אָפּגעקויפט ביים קאָאָפּעראַטאָר כיילאָוו אַן אָרדער צו דער דרוקעריי און האָט אָפּגעדריקט אַ בוך לידער אונטערן טיטל: „צום גערלן אָגער זייט מתפלל, קופּ-

קופּ!" דאָס איז געווען געשטאַמלטע היץ־רייד פון אַ לעצטן טרוימער, וואָס האָט געקייט הירזש אין זעק, צוגעבונדן צו דער מאָרדע, און וואָס וואָלט דערפילנדיק זיך אַלס אָגער גענומען הירזשען אויף אַלע קולות. דאָס בוך האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן ערפאָלג, די אויפלאַגע איז זיך צעגאַנגען אין משך פון עטלעכע טעג. און אינגיכן האָט זיך געשאַפן אַ סעקטע, הויפּטזעכלעך פון פרויען, וואָס האָבן „געצייגערט" און אין איין רעגנדיקן פרימאָרגן זענען זיי, אָנשטאָט צו גייען, לויט דער אַרבעטס־פליכט, אונטער־הויזן פאַר די רויטאַרמעער, אַרויסגעגאַנגען אויף טווערסקאַ מיט אַ הירזשעריי און ווען די צונויפגעלאָפענע מיליציאָנערן האָבן זיי גענומען אויספרעגן וואוהין זיי איילן דאָס אַזוי, האָבן זיי אָנגעהויבן שפּרינגען. וועגן דעם איז געווען אַ נאָטיץ אין דער צייטונג: „אַ נייע פאָפּישע דעמאָנסטראַציע".

און ענדלעך, האָט דער רויטאַרמעער קריווענקאָ, דער געוועזענער סעמינאַריסט, געפּרווט אויפרייסן מיט אַן אַלטן האַנט־גראַנאַט די ספּאַסקער קאַזאַרמעס, און דערביי זיך געמזיקט דעם קלענסטן פינגער. אַן אַרעסטירטער האָט ער געגעבן כאַאָטישע דערקלערונגען, נאָר מיט אַן ענטוואָפנענדיקער אויפריכטיקייט, אַז די טעג האָט מען אים מיט חברים אַריינגעפירט אין אַ מוזעאום, וואו ער האָט געזען אויסערגעוויינלעכע בילדער: הייזער, וואָס צעפליען זיך אין אַלע זייטן, פיאָלעט־ווייבער, צעהאַקטע אויף פיצלעך, זיבן טעפלעך אויף איין טעצל אין שרעקלעכע אָראַנזש־קוואַדראַטן. דאָרט האָט ער עפּעס פאַרשטאַנען, אָבער גענוי וואָס — קאָן ער נישט פינקטלעך דערקלערן. נאָר נאָכן צוריקקומען אין קאַזאַרמע אַריין, דערשפּירנדיק דעם ריח פון פוס־טראַנטעס, דערזעענדיק די נאַרעס, קעסטלעך און שיסלען מיט זופּ, האָט ער גלייך באַשלאָסן, אַז די דאָזיקע צוויי וועלטן פאַרטראָגן זיך נישט און איינער פון זיי מוז אומקומען. צוליב דעם אַלעם האָט מען אים דערקלערט פאַר אַן עס־ער, נאָר נישט ווויסנדיק צי ער איז אַ לינקער אָדער אַ רעכטער, האָט מען אים אויף פעסטצושטעלן אַוועקגעשיקט אין אַנטשפּרכנדיקן אָרט. דאָרט האָט מען געפּרווט צונויפבינדן אַלע דריי פאַקטן און מ'האָט אַרעסטירט אַ צוויי טוזנט פאַרדעכטיקע.

צווישן זיי איז אַרייַנגעפאַלן אויך יערשאָוו, נאָר תיכף האָט מען אים, ווי אַ פּאָעט, באַפרייט.

דאַכט זיך, אַז נאָך אַזעלכע טרויעריקע אינצידענטן וואָלט די איינציקע שכלדיקע זאַך געווען צו דערמאָנען זיך אָן לערערס עצה און נעמען זיך צו פאַרניכטן די קונסט. נאָר אָנשטאָט דעם האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זייער מילדע און פאַר קיינעם נישט אינטערעסאַנטע מענטשן, וועלכע זענען אַמאָל, ביזן סאָציאַליזם און ביז דער רעוואָלוציע, געווען סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, און איצט האָבן זיי שטילערהייט געביינקט נאָך דער „אוטשרעדילקע” *) און נאָכן סטראַזשניק—געביינקט נודנע, פיינלעך, ווי פון ציין־ווייטאָק.

אויך אויף כירעניטאָן האָט מען גענומען קוקן קרום, אַזוי אַז ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו ענדערן דעם קלימאַט. נאָך אַ באַראַטונג האָבן מיר באַשלאָסן: צו פאָרן אויף דרום, און כדי צו הויבן דעם פּרעסטיזש — מיטנעמען מיט זיך אייזאַן, און אויס מענשן ליבע, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן און מסיע דעלע. אונזער מערטירער, אַ ליוב צו גאָט, איז געזונט געוואָרן און איז אַרויס פון משוגעים הויז, דערפאַר איז אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש דערדריקט פון דעם, וואָס עס פאָרט זיך עפּעס נישט פרייהייט פון גייסט און און פּאַיאָקעס, היינט גרייט געווען צו פאַרנעמען יענעמס פּלאַץ.ביידע האָבן נייטיק באַדאַרפט אָפּרוען.

אין דער לעצטער מינוט איז צו אונז צוגעשטאַנען אויך טיסטער קול. וועלכער האָט זיך געוואָלט אַריבערקלייבן קיין אוקראַינע, כדי צו קויפן נאָך עטלעכע טויטע נשמות, דאָס הייסט נאַציאָנאַליזירטע צוקער־ פאַבריקן.

אַזוי ווי וועגן קוראָרטן איז סייווי נישט געווען וואָס צו טראַכטן, האָבן מיר געשטעלט אויפן מזל און געהייסן אייזאַן אַ ווייז טאָן ערגיץ מיטן פינגער אויף דער מאַפּע. איז אויסגעפאַלן יעליזאַוועטגראַט. מיר האָבן לאַנג נישט געטראַכט, נאָר אַרויסבאַקומען פינף גוטע קאָמאַנדיראָווקעס, אַרייַנגעזעצט זיך אין דעלעגאַטן־וואַגאָן, און פּאַוואָליע, נישט אײַלנדיק זיך, אַוועקגעפאָרן אין דער דאָזיקער אונבאַקאַנטער סאַנאַטאָריע אַריין.

*) בריגדונגס־פאַרזאַמלונג.

דאָס איין און דרייסיקסטע קאַפּיטל

עלף רעגירונגען, — דער לערער — אַ פּרעטענדענט אויפן רוסישן טראָן.

ווי נישט איז זענען מיר אין משך פון דריי וואָכן [illegible] קיין יעליזאַוועטגראַד, גוט אויסגעשלאָפן זיך און אינדערפרי באַשלאָסן גיין אָנקוקן די מערקווירדיקייטן פון דער שטאָט, וואו ין דער גורל האָט אונז פאַרפירט, ווי אין אַ פאַרשפּראָכן לאַנד אַריין. אָבער ווי נאָר מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון הויז, האָט אונז פאַרהאַלטן אַ פּאַטרול און געפאָדערט דאָקומענטן. כורעניטאָ האָט שטאָלץ אַ דערלאַנג געטאָן דעם סאָלדאַט דעם סאָלידן בויגן פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'איז געווען געשריבן, אַז מיר ווערן קאָמאַנדירט אין דער שטאָט יעליזאַוועטגראַד אויף אויסצופאָרשן די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס געפינען זיך דאָרטן. נאָכדעם, ווי דער סאָלדאַט האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט דעם פּאַפּיר, האָט ער אים געוויזן זיין חבר, און ביידע האָבן עפּעס געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אונז צו דערשיסן. דעם לערערס פאַרזיכערונגען, אַז אויפן מאַנדאַט איז אונטערגעשריבן „אופּראַוודיעל" אַליין, האָבן בלויז פאַרשטאַרקט זייער דאָזיקן אומפאַרשטענדלעכן פאַרלאַנג.

מ'האָט אונז אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַשטאַב אַריין; מ'[illegible]דינען געווען איבערצייגט, אַז דאָרט וועט דאָס מיסטעריעזע קלאָר ווערן, זענען מיר געגאַנגען פריילעך, קוויקנדיק זיך מיט דער זון, וואָס האָט זיך געפּלאָסן אין דער בלאָטע פון די געסלעך,

מיט די שילדלעך „מענער־שניידער", וואו ס'זענען געווען אויסגעמאָלט וואונדערלעכע ברונעטן, מיט די צופרידענע, וואונדערבאַר־זאָרגלאָזע ייִנגלעך, וואָס האָבן געוואָרפן שטיקלעך צעבראָכענע פלעשער אין אַ פאַרשיווער, אויסגעקראָכענער צויג, מיט איין וואָרט, מיט די אַלע אומשולדיקע פריידיקייטן פון אַ קליינער, אָבער ליבער שטאָט.

פלוצלינג, דערנענטערנדיק זיך צום שטאָב, האָב איך אַ קוק געטאָן און אויסגעשריגן: „זיי טראָגן שליפּעס!" „וואָס באַדייט דאָס?" האָט מסיע דעלע געפרעגט זאָרגלאָז. „דאָס באַדייט, אַז מ'וועט אונז אָן קאַטאָוועס דערשיסן." ווי נאָר מיסטער קול האָט דערזען, אַז פאַר אונז שטייען נישט קיין באָלשעוויקעס, איז ער מונטער געוואָרן: „זאָרגט נישט, מיינע פריינט, מיט אָרנטליכע מענטשן וועל איך באַווייזן זיך צו פאַרשטענדיקן". און ווירקלעך, ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיטן אָפיציר אין נאָמען פון אונז אַלע, דערקלערנדיק, אַז ער איז אַן אייגנטימער פון פיל אונטערנעמונגען און אַז ער איז אַנטלאָפן פון דער פאַרשאָלטענער סאָוועטישער, ראַטעווענדיק זיך, די נשמה אין די דאָלאַרס. מסיע דעלע און כורעניטאַ דינען זיינע שותפים, אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש און איך — אָנגעשטעלטע, און איישאַ — דער לאָקיי. די דאָזיקע טענה, געשטאַרקט מיטן אַמעריקאַנער פּאַס, האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זיין גענוג איבערציַיגנד, נאָר דער אָפיציר, הגם ער האָט זיך אַביסל געוואַקלט, איז פון דעסטוועגן נאָך אַלץ געווען גרייט אונז צו דערשיסן. מיסטער קול האָט באַשלאָסן אָנצווענדן זיינע צוויי הערשישע מיטלען. ער האָט אַרויסגענומען די ביבל און ערנסט פאָרגעלייענט פאַרן אָפיציר: „דאָס זעקסטע געבאָט — לא תרצח!" דער אָפיציר האָט געענטפערט אַז ער איז נישט קיין אַפיקורס, אין גאָט גלויבט ער; ער האָט זיך אַפילו איבערגעצלמט, אָבער דאָס איז בלויז געזאָגט געוואָרן בנוגע ערלעכע מענטשן' אָבער נישט בנוגע באָלשעוויקעס און זשידעס, וועלכע מ'דאַרף אויסהרגענען ביי יעדער מעגלעכקייט, ווי משוגענע הינט. אַ סך דערפאָלגרייכער האָט זיך אַרויסגעוויזן די ווירקונג פון דעם פּעקל דאָלאַרס, וואָס מיסטער קול האָט דערלאַנגט אין מאָסקווע מיט גראָסמאַנס הילף. דעם

אָפּיציר האָבן זיי געזאָגט מער, וויפֿיל אונזער מאַנדאַט אָדער די ביבל, און ער האָט אונז אַרויסגעלאָזט.

דער קוראָרט־רעזשים פֿון יעליזאַוועטגראַד האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר זייער אייגנאַרטיק, און מיר האָבן זיך נישט מיטאַמאָל צו אים צוגעוואוינט. די געגנער פֿון די באָלשעוויקעס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פֿיל־אַרטיקייט — צווישן זיי זענען געווען אָנהענגער פֿון אַ „אייגציקער, אומטיילבאַרער", אוקראַיִנער סתּם, אוקראַיִנער סאָציאַליסטן, סאָציאַליסטן סתּם, אַנאַרכיסטן, פּאָליאַקן. און נישט ווינציקער ווי אַ דריי טוץ אָנגעזעענע „אַטאַמאַנען", נישט רעכענענדיק די קלענערע, וואָס האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט דער היימישער אינדוסטריע, דאָס הייסט מיט באַרויבן די צוגן און מיט אויסשעכטן קליינשטעטלדיקע יידן. זיי אַלע האָבן געקעמפֿט נישט בלויז מיט די באָלשעוויקעס, נאָר איינע מיט די אַנדערע און כּסדר נאָך דער רייע נאָך פֿאַרכאַפּט אויף אַ קורצע צייט אונזער רעזידענץ. אין משך פֿון דריי חדשים האָבן מיר איבערגעלעבט עלף פֿאַרשידענע רעגירונגען. ס'האָט געדאַרפֿט זיין דער לערער, מיט זיין גלענצנדן מעקסיקאַנישן סטאַזש, אום זיך כאָטש אַביסל צו אָרענטירן אין דעם דאָזיקן תּהו־ובֿהו. אַרויסגייענדיק אינדערפֿרי אויפֿן גאַס האָבן מיר נישט געוואוסט, אין וועמענס הענט די שטאָט געפֿינט זיך, און אויף יעדן פֿאַל האָבן מיר אין אַלע קעשענעס פֿון די מאַרינאַרקעס, וועסטלעך, הויזן, געהאַלטן די פֿאַרשידנאַרטיקסטע באַשיינונגען אויף די פֿאַרשידנסטע שפּראַכן און דיאַלעקטן, מיט אָדלערס אין אַ קרוין און אָן איר, מיט סערפּן, מיט דרייצאַיינערס, אַפֿילו מיט היי־גאָפּלען, וואָס האָבן פֿאָרגעשטעלט דעם הערב פֿון אַטאַמאַן שילאָ.

איבעריקנס דאַרף מען באַמערקן, אַז די דאָזיקע פֿאַרשידנאַרטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין די פּענער און אין די הערבן, אויפֿן שטאָטישן לעבן האָט עס קיין שום ווירקונג נישט געהאַט. באַפֿרייט ווערנדיק יעדע וואָך פֿון יאָך, האָבן דאָס די בירגער אַפֿילו נישט באַמערקט, וואָרים די מעשׂים פֿון די „טיראַנען" און „באַפֿרייער" זענען אויף אַ מערקווירדיקן אופֿן געווען ביז גאָר ענלעך צו זיך, דערביי זענען אַלע געווען אַלצאייבנס אָנגעטאָן,

טראָגנדיק נאָך אַלץ די גרויסע שינעלן פֿון דער צאַרישער אַרמעע. אַ חוץ דעם האָבן זיך די טראַדיציעס פֿון די ערטער אַרויסגעוויזן שטאַרקער פֿאַר די מענטשלעכע רעפֿאָרמען; אין די מעבלירטע צימערן, וווּ ס'האָט זיך פֿריער געפֿונען די „טשעקאַ", האָט זיך איצט באַזעצט די קאָנטר-ראַזוויעדקע*) און אַלע איבעריקע צען אינסטיטוציעס פֿון ענלעכן כאַראַקטער. די תּפֿיסה איז געבליבן אַ תּפֿיסה, הגם אַהינצו האָט מען אָן אויפֿהער געברענגט די, וואָס נעכטן האָבן זיי אַליין נאָך איינגעזעצט אַנדערע; נישט קיין מוזיק-קאָנסערוואַטאָריום און נישט קיין קינדער-גאָרטן איז זי פֿון דעם נישט געוואָרן. אַפֿילו דערשאָסן האָט מען אויך אויף דעם זעלבן טראַדיציאָנעלן פּלאַץ, הינטער דער טורמע. אַלע האָבן, אָנקומענדיק, אַרויסגעגעבן געזעצן וועגן פֿרייהייט און אומבאַרירלעכקייט פֿון דער פּערזאָן, איינגעפֿירט באַלאַגערונגס-צושטאַנד און טויטשטראָף פֿאַר דעם מינדעסטן אויסדרוק פֿון אומצופֿרידנקייט מיט דער דערמאָנטער פֿרייהייט. דערנאָך האָט אין זיך אין משך פֿון דער קורצער עקזיסטענץ געאײַלט „צוריקצושטעלן דעם נאָרמאַלן לעבנס-גאַנג", דאָס הייסט, באַרויבן וואָס מענלעך מער יידישע זייגערמאַכערס און באַוויזן צו דערשיסן די אַלע, וואָס האָבן נישט קיין סימפּאַטישע פֿיזיאָנאָמיעס און נישט קיין וואוילקלינגענדיקע פֿאַמיליע-נעמען.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי אין אַ קליין שמוציק קאַפֿע-הויז, וואָס האָט אַ דאַנק דער באַוועגלעכקייט פֿונם גריכישן אייגנטימער פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פֿאַרוואָרפֿענעם שטילן אינזל אין דעם דאָזיקן צעבושעוועטן אָקעאַן, האָט זיך דער לערער פֿאַרינטערעסירט: „און וואָס פֿאַר אַ רעגירונג האָבן מיר הײַנט? אוקראַאינער, ווי?" דער גריך האָט פֿאַרצווייפֿלט אַרויסגעצישעט: „וואָס פֿאַראַ ווערטער רעדט איר! מיר, ס'הייסט אַלע — זענען בלויז מאַלאָרוסן, און די רעגירונג איז ביי אונדז אַ ראָסטאָווער. ראָמאַנאָווקעס**) האָבן זיך אָט אַזוי אויפֿגעהויבן, און פֿאַר אוקראַאינקעס גיט מען סך-הכּל אַ דרייערל פֿאַר אַ הונדערט, אַפֿילו טאָוויעטסקע זענען טייערער!" „דאָס מאַכט

---

*) דעפֿענסיווע.

**) אַלט צאַריש געלד

מיך ייִנגער", האָט זיך כורעניטאַ צעלאַכט, „האָב איך דען אַמאָל געטראַכט, אַז אויף מײַנע עלטערע יאָר וועל איך אַרײַנפאַלן כמעט צו זיך אין מײַן היימלאַנד אַרײַן!"..."

אײַשאַ האָט אים געפרעגט: „בעל־הבית, זאָג אײַשאַן, אײַשאַ איז זייער נאַריש, ער פאַרשטייט נישט. פאַרוואָס זאָגן זיי אַלע, אַז זיי האָבן נישט ליב איינער דעם אַנדערן, און טוען כמעט די אייגענע זאַך, ווי געבוירענע ברידער".

„ליבער אײַשאַ. דו ביסט נישט נאַריש, נאָר צו־קלוג, וואַרף אַוועק הויכקייטן פון דער אַפריקאַנישער פילאָזאָפיע. דו ווילסט אָפזוכן אַ געוויסן אונטערשייד דאָרט, וואו אַזאַ קאָן נישט עקזיסטירן. דאָס איז אַן עסק פאַר דײַן ווילדער נאַטור — צו הערן רעדעס און קוקן אויף די פענער; מיר, קולטורעלע מענטשן, אינטערעסירן זיך מער מיט די פאַרשידענע סיסטעמען קיילנוואַרפער. פאַרשטייט זיך, עס וואָלט בעסער געווען שאַרפזיניקער, ווען די אַלע פאַרייניקן זיך אום אויסצופירן די דאָזיקע אַרבעטן, נאָר דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט וואָרצלט נישט אין דעם דאָזיקן צעך. איך שטעל מיר פאָר אַלע באַקוועמלעכקייטן פון אַ „פראָפעסיאָנעלען פאַרבאַנד פון כלל־טוער, וואָס באַמיען זיך צו פאַרכאַפן די מאַכט". ס'אַראַ עקאָנאָמיע פון כחות און צײַט! יעדע סעקציע באַקומט אַ שטאָט אויף איין חודש, מאַכט שיטערער די שטאָטישע געדיכטקייט, קעמפט מיטן לוקסוס, ווירקט מיט אויפצוהייבן די פראָדוקטיוויטעט פון דרוקער־ און מאַלער־אַרבעטער, וואָרום זי דרוקט דאָך אַ ניי געזעץ־בוך און ענדערט די אָרטאָגראַפיע אויף אַלע שטאָטישע שילדן — און דערנאָך, צונויפנעמענדיק אַלע אַרטיקלען פון פאַרברעכערישן לוקסוס: די פענער, דאָס געזעץ־בוך און די איבעריקע מכשירים, טראָגט זי זיך איבער אין אַן אַנדער שטאָט אַרײַן, אָפטרעטנדיק דאָס אָרט פאַר חברים־געגנער. צום באַדויערן, איז דער באָדן פאַר אַזאַ פאַראייניקונג נאָכנישט גרייט, און דו דאַרפסט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס די קאָנקורענטן שעכטן אויס, אויסער דעם לעגאַלן אָביעקט, ס'הייסט די איינוואוינער, אויך איינער דעם אַנדערן".

און בינו לבינו, ווי לאַנג מיר האָבן אַזוי אין די שטילע

טעג, דאָס הייסט אַן האַרמאַטן-שיסעריי, געשלעפּט זיך איבערשטאָט, געטרונקען ביים גריך קאַווע און פילאָזאָפירט, האָבן דער ווייל מיסטער קול און מסיע דעלע נישט פאַרלוירן קיין צייט און זיך וועגן עפּעס וואָס שטאַרק באַראַטן צווישן זיך.

דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע באַראַטונגען איז געווען אַן אומדערוואַרטעטער, דהיינו, אין איין פרימאָרגן, אַ פולשטענדיק רויִקן, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ אידילישן שפּאַציר, האָבן זיך ביי אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש אין צימער באַוויזן ביידע סאָלידע פריינט, און מסיע דעלע האָט פייערלעך, אָבער האַרציק דערקלערט: „די גרויסע שעה האָט געשלאָגן! טייערער הער טישין, איר זענט מאָביליזירט!" אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז נאָך געלעגן אין בעט און געטרוימט; דערהערנדיק די ווערטער, איז ער אויפגעשפּרונגען און אַ געשריי געטאָן: „וואָס רעדט איר? ביי גאָט! אָבער דורך וועמען?" מיסטער קול האָט אים ערנסט געענטפערט: „פאַרשטייט זיך, אַז נישט דורך אונז. מיר מישן זיך נישט אין אייערע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. צו דעם צוועק האָבן מיר געדונגען איינעם אַן אויסגעדינטן וואַכמייסטער און ער האָט אונטערגעשריבן דעם באַפעל. פריינט מיינער, איר דאַרפט נישט קלאָגן, נאָר פרייען זיך, וואָרים איר גייט פאַרטיידיקן די קולטור און די פרייהייט קעגן די באַרבאַרן!" נאָך דעם האָבן זיי איבערגעלאָזט דעם באַפעל און צוויי דאָלאַר אויף מונדירונג און אַוועקגעגאַנגען. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, וואָס האָט שוין אַמאָל פאַרטיידיקט די קולטור קעגן באַרבאַרן, איז אַנידערגעפאַלן אויפן בעט און גענומען מאַכן קולות, אַזוי ביזן אָוונט, ווען דער לערער און איך זענען געקומען צו גיין.

ער האָט אונז דערציילט וועגן אַלע זיינע מאַטערנישן. פאַרשטייט זיך, די באָלשעוויקעס זענען באַרבאַרן, מ'דאַרף זיי אומברענגען. נאָר ער איז געגן געוואַלט, ער איז כמעט אַ טאָלסטאָיאַנער, נישט אומזיסט האָט זיך די הייליקע סאָפיאַ פאַרענדיקט מיטן טויט פון איישאַס ברודער. אַ חוץ אַלעם איז עס פאַר אים אַ שרעקלעכע זאַך צו שיסן אין אייגענע, אין רוסישע. וואָס אַן אמת, מסיע דעלע פאַרזיכערט אים, אַז די רויטע אַרמעע באַשטייט פון וועמען

איר ווילט, נאָר נישט פון רוסישע — פון באַשקירן, קירגיזן, יידן, אונגאַרן, כינעזער, לעטן. נאָר אַלץ קאָן געשען, וואָס וועט זיין אויב צווישן זיי וועט זיך פלוצלינג אַרויסווייזן כאָטש איינער אַן איינגענער, אַ רוסאַק? גאָט, וואָס טוט מען?״

נאָר קיין עצה איז נישט געווען. פון מסיע דעלע האָט אַלעק־סיי ספירידאָנאָוויטש באַקומען אַ ביקס און אַ דריי־פאַרביקע פאָן פון מיסטער קול די ביבל און נאָך איין דאָלאַר און ער איז אַוועק מיט נאָך דרייסיק „פרייוויליקע״, אַזוי ווי ער, ברענענדיקע צו דער שלאַכט, כדי אָפּצונעמען ביי די רויטע דאָס דאָרף דירקי.

מיט אַ העלדישער אַטאַקע, נאָכן פאַרלירן דריי און צוואַנציק מענטשן, האָבן די „פרייוויליקע״ פאַרנומען דאָס דאָרף און די דערביי־איקע צוקער־פאַבריק. צו זיין גרעסטער שטוינונג און שרעק איז אַלעקסיי ספירידינאָוויטשן אויסגעקומען צו דערשטעכן מיט אַ שפּיז אַ רוסישן, און אַלע טויטע, וועלכע ער האָט געפונען אין דירקי, זענען עגלעך געווען נישט אייך כינעזער, נאָר אויף טולער און קאַלוגער פויערים. זיינע יסורים האָבן זיך פאַרטאָפּלט. צו דעם אַלעם זענען נאָך קיין דירקי אַראָפּגעקומען מיסטער קול און מסיע דעלע דאַנקען און באַגריסן „דאָס זיגרייכע חייל״, דערביי האָט מיסטער קול דערקלערט, אַז די פאַבריק קוטומענקאָ האָט ער דער־אָבערט פאַר גראָשנס, און מסיע דעלע האָט דערמאַנט די „באַפריי־טע פויערים״, אַז מ׳דאַרף אַרבעטן ערלעך אויף צו דעקן די חובות פון רוסלאַנד, צו וועלכע ס׳איז נאָך צוגעקומען דער באַטרעף פון דרייסיק ביקסן, צוויי פענער און געהאַלט פאַרן וואַכמייסטער.

דאָס אַלץ האָט אַזוי געווירקט אויף אַלעקסיי ספירידאָנאָ־וויטשן, אַז ביינאַכט איז ער אַנטלאָפן פון דירקי גלייך צום לערער אין וואַוינונג, די ביקס האָט ער אויסגעטוישט אויף צוויי פלעש־לעך בראָנפן און אַ שכורער האָט ער דערקלאַמירט: „צו די פאַר־לוימדער פון רוסלאַנד״, דערביי האָט איישאַ געדאַרפט שטיין אַלס דער „פאַרלוימדער״, און מקבל זיין פאַרניכטנדיקע בליקן, שפייען, שפריצן און אַפילו האַנט־דראַאונגען.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך אַלעקסיי ספירידאָנאָוויטש געמוזט אויסבאַהאַלטן, דער עיקר פאַרן וואַכמייסטער און פאַר מסיע דעלע־

ער איז שרעקלעך צראָפּגעפּאַלן פון פנים און אָפּגעלאָזט זיך. גאַנצע טעג איז ער געלעגן אין לערערס שפּייכלער און געחלומט וועגן דעם, אַז ווען מ׳וואָלט אַזוי צו קערענסקיס פרייהייט צוגעלייגט שמידטס אָרגאַניזאַציע, דאָלאַרן אין נאָך דעם העכערן גייסט, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז פאַרן סלאַוונטום, וואָלט געווען גוט. אַזוי אָבער — איז טאַקע זייער מיאוס!...

מיין לאַגע איז נישט געווען בעסער. איך האָב די ליפּן פון אַ סעמיט און אַ פאַרדעכטיקן צונאָמען, ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָב איך אין דער ערשטער בעסטער רגע געקאָנט פאַרענדיקן מיין שווערן ערדישן גאַנג ביי אַן אָפּגעקראָכן ווענטל פון אַ יעליזאַוועטגראַדער שפּייכלער.

איינ[illegible] ביינאַכט האָבן מיך אויפן גאַס פאַרהאַלטן מיליטערלייט. „שטיי! דו ביסט אַ זשיד?" אַלס ענטפער האָב איך זיי אויסגעזידלט, אַזוי זאַפטיק און גרינטלעך, ווי עס טוען דאָס אין דאָראָגאָמילאָוו די שוסטערס אויסגעטרונקענערהייט, בעת זיי טראָגן אָפּ די באַשטעלונגען. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר איבערצייגנד, און מ׳האָט מיך אָפּגעלאָזן.

צום לערער אין וואָרינונג, וואו אויך איך האָב געוואוינט, איז געקומען עפּעס אַ פּאַרשוין אין אַ מונדיר און געריטשעט: „די זשידעס! קריסטוסן האָבן זיי געקרייציקט! רוסלאַנד פאַרקויפט!" און גלייך אָן אַ הפסקה אַפילו, אַזוי געשעפטמעסיק: „ווי מיינט איר, די ציגאַרן-טאַש איז אַ זילבערנע?"

אַפילו דער לערער איז נישט אַרויס טרוקן. אין איינעם פון די טראַדיציאָנעלע „דריי טעג", ווען דער דאָזיקער בייער ספּאָרט איז באַזונדערס קולטיווירט געוואָרן, איז ער אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן. אויפן גאַס האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מיליטער-מאַן אין אַ פאַרחלומטער פּאָזע. „זשיד! קום נאָר אַהער!" „איך בין אַ מעקסיקאַנער". „אויב אַזוי, בעט איך אייך איבער. אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, וואו מ׳קאָן געפינען כאָטשבי איין זשיד? „זוכט". „אָט אַן אומגליק. אַלע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן — פון באַגינען שטיי איך שוין אַזוי בחינם", און צונעמענדיק ביים לערער זיין

פוטערן היטל, איז דער אומגליקלעכער יעגער אוועק זוכן דאָס זעלטענע געפאַנג.

בכלל איז דער לערער אויך געווען שלעכט געשטימט. שוין אין מאָסקווע האָב איך די לעצטע חדשים באַמערקט אין אים אַ מידקייט און אַפּאַטיע. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נאָך געהאַלטן און זיך באַפריינדעט מיט אַ סך ווייסע, וואָס זענען לענגער פון אַנדערע געבליבן אין שטאָט.

איינער פון זיי, דער אָפיציר אושקאָוו, איז געווען אַ רירנד און וואונדערלעך יינגל. זיין משוגעת איז געווען די ראָמאַנטיק פון דער פאַרגאַנגענהייט, די פאַנפאַרן־קלאַנגען פון דער אַלטער גוואַרדיע, דער זיגערישער גערויש פון די גרויסמאַכט־פענער. די אידעען זיינע זענען געווען גרויילעכע, מאָגערע, נאָר באַליבט האָט אים אַ קרעפּטיק, פאַטעטיש ליבע־געפיל צום געוועזענעם, צום אַמאָל. אין זיינע געדאַנקען האָבן זיך צונויפגעגאָסן: די קוליקאָווער שלאַכט, דער ווערבעס־שבת מיט די פייערלעך, וואָס שפּרינגען איבער מאָסקווער גאַסן און געסלעך, די קרעמלער סאָבאָרן, דער באַל מיט דער שוועסטערס חברטעס — די אינסטיטוטקעס, דער קריג אין 1812, די מאַמע, דער ווייַנאַכט־בוים — אַלץ אין איין גאַנצקייט, וואָס איז אים ליידנשאַפטלעך באַליבט און איז אים צוגענומען געוואָרן דורך פרעמדע מענטשן. דער לערער האָט געזאָגט וועגן אים: „אָט עווגעני! אַ מאָדנע אומגליקלעכער מענטש, ער וואַרט נישט ביז דעם רייטערס לייב וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין מעש. ווער איז שולדיק, אויב כוליאַ כורעניטאַ האָט אַוועקגעשטופּט דעם סצענאַר און איז אַרויסגעשפּרונגען מיט פינף יאָרהונדערטן פריער, ווי ס'איז געווען געפּלאַנט, און דער שטילער אושקאָוו האָט פונקט אויף אַזויפיל פאַרשפּעטיקט, אַדורכלאָזנדיק דעם שטילסטן פון די צאַרן און די האונדערלעכע אָפיצירן, וואָס זענען אומגעקומען אויף די פעלדער פון באָראָדינאָ, וואָס האָבן משוגע געמאַכט די פאַריזערינס מיט זייערע טענץ און וואָנסעס, און וועלכע זענען פאַרליבט אין די היימישע נאַטאַשאַס און אין דער אויסלענדישער מאַסאָנקע „פרייהייט“?

אין איין פולק מיט אושקאָוון האָט געדינט דאַווילאָוו, אַ יונ־

נער גוטבאַזיצער, אָן אַזאַרט־שפּילער, נאָר אַ מענטש מיט ניכטערנע געדאַנקען. אושקאָוון האָט ער גערופן „דאָס מיידעלע. „די זאַך איז פּשוט און קלאָר, אָן ראָמאַנטישע שטותערייען: אָדער מיר, אָדער זיי. איך וויל בעסער אומקומען פון אַ קויל, איידער שלעפּן דאָס בידנע לעבן פון אַ פּראָלעטאַריער און צופּאַסן זיך צו אַ לשון, פון וועלכן ס׳עקלט מיר. אויב מיר וועלן זיגן — וועלן מיר לעבן, ווי ס׳געהער צו זיין, לעבן ווי ס׳האָבן געלעבט אונזערע טאַטעס און זיידעס, מיט אויפנאַמען ביי די מאַרשאַלקעס, מיט הולאַנקעס אויף דער „סטריעלנאַ״ *), מיט טויזנטערס אויפן גרינעם טיש, — מיט ברייטן פּאַרנעם, דרייסטקייט, זאָרגלאָזיקייט, געפּייפערײַ, — אויב ניט און מיר וועלן אומקומען, — וועלן קומען די „חברים״ און אָנטרייבן אויף אַ משך פון פינף יאָרהונדערטן אַזאַ לאַנגווייליקייט, אַז אַפילו די ריין־בלוטיקע רוסישע פליגן אויך זיי וועלן נעמען אויסשטאַרבן״.

כורעניטאָס דריטער פריינט, דער קאָזאַקן־כאָראָנזשי, איז געווען אַ ייִנג פון אומגעווייטלעכער גרויס מיט ריזיקע פיס, וועלכן אַלע האָבן גערופן „דער טאַנק״. „דער טאַנק״ האָט געקוקט אויף דעם בירגער־קריג, ווי אויף אַ יאַגד אַ געפערלעכע אָבער אויך רייצנדיקע. ער האָט זיך געיאָגט נאָך קאָמיסאַרן, נאָך אַטאַמאַנען, נאָך אַלע, וועמען מ׳האָט נאָר געקאָנט פּאַקן, און צום צענטן אָדער צום הונדערטסטן מאָל זענען די בריליאַנטענע אויריִנגלעך פון דער סוחרטע יאַגאָדיזעוואַ און די ענגלישע פונטן פונם ספּעקולאַנט אייזנשטיין איבערגעלאָפן אין פרישע הענט. „אַ אונזעריקער, אַ מעקסיקאַנער״, האָט מיט שטאָלץ געזאָגט דער לערער, קלאַפּנדיק איבער דעם מאַסיוון רוקנביין פונם „טאַנק״, וועלכער האָט באַוויזן זיין נייע רויב — אַ געבלאָזענע בראַסלעט. „דו, ברודער, האָסט פאַרשפּעטיקט ניט אויף פינף יאָרהונדערטן, נאָר סך־הכל אויף דריי יאָר. אין זיבעצעטן יאָר וואָלסטו געלעבט אַ גוטן טאָג צו דער זעט. איצט קאָן מען שוין ניט, איצט האָבן דאָרט די ש. ידטס אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע איינגעפירט; מ׳וועט דיך שיקן אויסלאָדעווען

*) דאָרט פלעגט מען זיך שיסן.

וואַגאָנעס, אָבער פריער וועט מען איבערציילן אלע קעסטלעך!"...

נישט געקוקט אויף דער פריינטשאַפט מיט די באַשריבענע אָפּיצירן, האָט מ'צן דעם לעזער דאָך נישט געלאָזן צורו: דאָ האָבן זיך די קאָנטר־אויסשפּירער אינטערעסירט, וואָס, אייגנטלעך, כורע־ניטאָ האָט געטאָן דעם 12־טן יולי 1915; דאָ זענען די אָסעטינער געקומען צום הונדערטסטען מאָל אויפקלערן זיין גלויבן און דערביי פאַר איין וועגס פאַרכאַפּט אַ פּאָר אַלטע הויזן אָדער אַ טיי־סערוויז. קאָן זיין דערפאַר, און מעגלעך, אַז פּשוט פון לאַנגווייליקייט האָט דער לעזער מיט אַמאָל באַשלאָסן אָנצוהויבן ווירקן, — און אום־געריכט פאַר אַלע האָט ער זיך דערקלערט אַלס פּרעטענדענט אויפן רוסישן טראָן. ער האָט דערוויזן זיין קרובהשאַפט מיטן דערשאָסע־נעם אימפּעראַטאָר פון מעקסיקע, מאַקסימיליאַן, וואָס שטאַמט פון די האַבסבורגער, וועלכע זענען פאַרבונדן מיטן דענישן הויף — אַלזאָ מיט די ראָמאַנאָווס. וועגן זיין פּלאַן אַרויפצוזעצן זיך אויפן ליידיק־געוואָרענעם טראָן האָט ער מיטגעטיילט די אַרטיקע „קאָנטר־אויסשפּירער", דעם „אָסוואַגן" און די אויסלענדישע מלוכות. די „קאָנטר־אויסשפּירער" האָבן אָנגעשטעלט זייערע נישט־אָנגענומע וויזיטן, און איינער פון זיי האָט אַפילו לכבוד דעם געבערענגט דעם לעזער אַ פלעשל מאַרטעלס קאָניאַק, וועלכן מיר האָבן אויסגע־טרונקען נישט אָן פאַרגעניגן; „אָסוואַג" האָט אַרויסגעהאָנגען כורע־ניטאָס פּאָרטרעט ביי זיך אין פענסטער און דערביי דיפּלאָמאַטיש פאַרשוויגן וועגן טראָן, כדי נישט צו באַליידיקן די דעליקאַטע געפילן פון עטלעכע היימישע סאָציאַליסטן. פון אויסלאַנד האָט דער לעזער באַקומען דעפּעשן, וואו מ'האָט אים געוואונטשן דערפאָלג, און אויך הונדערט פראַנק אויף קליינע קעשענע־הוצאות. דאָס דאָ־זיקע געלט, נאָכן אָפּטוישן עס ביי מיסטער קול אויף הונדערט טויזנט רובל, האָבן מיר אַזוי גרינטלעך פאַרשכורט, דערביי איז איישאַן דאָס טרינקען, איבערהויפּט דער ראַכאַט־לוקום ביי גריך אין קאַפע־הויז, אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער פאַרלאַנג זיך אויך דערקלערן פאַר אַ פּרעטענדענט, כדי אויך צו באַקומען הונדערט פראַנק.

נאָך דער טערמין פון דער עלפטער רעגירונג האָט זיך שוין

דערנענטערט צום סוף. אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן די געוויינלעכע בהלה — צו די ראַגאַטקעס האָבן זיך געצויגן וועגענער, אָנגעלאָדן מיט האָב און גוטס, אַלץ האָט דערמאַנט מאָסקווע אין די אַלטע גוטע צייטן צום אָנהויב פון די זומער-פּעריען. מיד פון די געשעענישן און קאָמפּראָמיטירט דורך כּורעניטאָס מאָנאַרכיסטישע אַרויסטרעטונגען, האָבן מיר אויך באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אויף זומערוואוינונג. פונוואַנעט עס קומט דער שונא און ווער אייגנטלעך עס קומט — האָבן מיר נישט געוואוסט. מיר זענען געגאַנגען, וואו די אויגן האָבן געטראָגן און ביינאַכט, נאָכן דורכמאַכן אַ וויאָרסט צוואַנציג, זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ דאָרף, וואָס איז געווען פאַרנומען דורך די רויטאַרמעער. מיר האָבן אַרויסגעשלעפּט פונם אונטערשלאַג פון דער מאַרינאַרקע די אַלטע, גאָר בכבודיקע סאָוויעטישע באַשייניגונגען, בשלום איבערגעקומען די ביין אָ. אָ. (אָסאָביע אָטדיעלי״) *), און געלאָזט זיך אויף צפון. קיין מאָסקווע

---

*) געהיימע אויספאָרשונגס-אַמט

דאָס צוויי און דרייסיקסטע קאַפּיטל

אַביסל ווידערשפּרוכן.

אונזער וועג קיין מאָסקווע האָט זיך געצויגן זיבן וואָכן. אַפּטמאָל איז אויסגעקומען, כדי צו ראַטעווען די אייגענע הויט, אַרויסצוקריכן פון דער „טעפּלושקע“ און לאָזן זיך צו פוס טיאָפּקען איבער אומבאַקאַנטע וועגן. נאָך די סכּנות פון שמידטן האָבן מיר איצט דערזען אַ לאַנד, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ אומגעהייער מדבר־זומפּ, מיט אויפשטאַנדן און עקזעקוציעס, וואָס האָבן דערמאָנט פיבער־אַטאַקן, אַן אומגעהויער אָרעם לאַנד, וואָס האָט אויף אַלע רעדעס, אויפרופן, מאַניפעסטן געענטפערט אַלץ מיט דעם אייגענעם אייביקן „וואָס“? — פון גלייכגילטיקייט, טעמפּקייט, טויט.

הונגעריקע זענען מיר געגאַנגען איבער די דערפער און אומזיסט געבעטלט אַ שטיקל ברויט, אָפּגעבנדיק פאַר אַ טראָפּן מילך וועסטלעך, קאַפּעלושן. אַפילו מסיע דעלעס ברעלאָקן — „גלויבן, ליבע און האָפענונג“ — אַלע דריי זענען אויסגעטוישט געוואָרן אויף איין איי, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַרשטונקען. איישאַ האָט אונז ענדגילטיק אונטערגעפירט, וואָרים אָנשטאָט אַן אויסטויש פון סחורות האָט זיך אָנגעהויבן אָדער אַ פּאַטעטיש אַנטלויפן, אָדער אַ העלדיש אַרויסטרייבן די פאַרשאָלטענע געצנדינער. איבעריקנס, אַמאָל איז אונז געלונגען גובר צו זיין דעם אומצוטרוי, און די פויערים האָבן מיט אונז האַרציק פאַרברענגט, מכבד געווען מיט קוקורוזע־ אָדער גערשטן־פּלעצלעך און דערפאַר גענומען עפּעס אַ העמד, אָדער אַ לעדערן בייטעלע.

אין דעם דאָזיקן הונגער־לאַנד האָט מיך זייער פאַרוואונדערט אָט־די פעטע, שוואַרצע, מיט גריגס באַוואַקסענע, נישט־פאַרזייטע ערד. אונזערע מיטשפּרעכער, פאַרקערט, האָבן דאָס געהאַלטן פאַר זייער גאַטירלעך און האָבן אַפילו באַרואיקט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז דעם קינפטיקן יאָר וועט מען נאָך ווינציקער פאַרזייען — „בלויז אַזוי פיל, מ׳זאָל אַליין נישט פגרן. אויף וועלכע רווחות זאָל מען זייען — מ׳וועט סיי־ווי צו נעמען!”

„פאַרשטייט”, — האָט מיך אויפגעקלערט דער לערער, — „פון הונדערט מיליאָן „וואָ—אָ—סן” פאָדערט מען אַן אויסשליסלעכע, קרבנותפולע אַרבעט אין נאָמען פון אַן אידעע, וואָס איז זיי נישט פאַרשטענדלעך. ווער האָט פריער פאַרלאַנגט הכנעהדיקייט? — דער בעל־הבית, דער סוחר, דער צאַר, נאָר הינטער אַלעמען איז געשטאַנען גאָט מיט אַ גאַנצן לייטער פאַרמיטלערס, אָנהויבנדיק פון דער הייליקער מוטער און ענדיקנדיק מיטן דאָרפישן גלח. גאָט האָט נישט צוגענומען, ער האָט געגומען אויף באָרג, מיט אַ צוזאָג אומצוקערן אַלץ אויף יענער וועלט מיט פראָצענט. די קרעדיט־פעיקייט איז געווען אַן אַבסאָלוטע: אַלע אַסקעטן, פרומע און נזירים האָבן בלויז אויסגעטוישט די צייטווייליקע אַסיגנאַציעס פון די פערציק־פופציק יאָר צווייפלהאַפטע ערדישע פאַרגניגנס אויף דעם „אייביקן, הימלישן גאָלד”. איצט האָט מען זיי פּלוצלינג קלאָר געמאַכט, אַז דער עיקר האַנדלט זיך טאַקע אין די דאָזיקע פערציק יאָר, אין דעם ברויט, אין די מאַרציפּאַנעס, וועלכע ס׳האָט ביז איצט געפרעסן דער פאַראַזיט, אין די פערינעס, אין די ווייבער, אין די טעאַטערן, מיט איין וואָרט אין דער דריי מאָל טייער געליבטער ערד. גלענצנד האָט דאָס אויסגעשריבן אייער וואונדערבאַרער פאָעט מאַיאַקאָווסקי:

„ס׳האָט אונז דערעסן דער מאַן פון הימל,
קאָרן־ברויט גיט אונז צו פרעסן צו דער זעט!
ס׳האָבן אונז דערעסן פאַפירענע ליידנשאַפטן, —
אַ לעבעדיק ווייב גיט אונז צו פילן!”

נאָר אָנשטאָט די תיכפדיקע, אומגעשטערטע שעהן מיטן ווייב

און א גוט שטיקל ברויט, לייגט מען פאר אן אכטל (האט עס אויך
א טעם פון לײם), ארבעטן איבער-שעהן, שבת-ארבעטן, זונטיק-אר-
בעטן, אומאויפהערלעכע פליכטן-גזירות, האר-לײבלעך, אפאסטאליש-
קייט, און דערצו קיין שום וועקסל אויף מלכות-שמים גיט מען
נישט, פארקערט, מ'גאראנטירט בפירוש פאר ווערים אין קבר. עמי-
צער-דארט, קינדער, קינדס-קינדער, אייניקלעך, אור-אייניקלעך וועלן
אמאל לעבן בעסער! גערעכטיקייט? דאס איז דאך אן אבסטראקציע
אדער צוזאג אן שום גאראנטיעס. דער אידעאליסטישער מאטעריא-
ליזם האט זיך ארויסגעוויזן הונדערט מאל העכער און שווערער
פארן מאטעריאליסטישן אידעאליזם. ווי אזוי קאנסטו זיך וואונדערן,
וואס הונדערט מיליאן מענטשן זענען נישט געווארן קיין איבער-
קדושים. וואונדער זיך ליבערשט, וואס ס'האבן זיך אפגעזוכט טויזנט
נייע נזירים, גרויסע זעלבסט-פארברעכער, וואס לעכצן — נישט אנט-
פלויגן צו ווערן מיטן רויך אין הימל אריין, נאר מיט זייערע קער-
פערס אביסל צו דערווארעמען דאס פרירנדיקע לאנד".

אין וואגאן האבן מיר זיך צערעדט מיט אן אנגעשטעלטן פון
מאלא-יאראסלאוויעץ, א הויקערדיקע מיאוסקייט. אויף אן אייגנאר-
טיקן אופן איז ער באפאלן דעם קאמוניזם: „וואס בין איך? אן
עקלדיק באשעפעניש! א ווערימל מיט א מענטשלעכן פאס! פריער
האב איך מיך כאטש געקאנט טרייסטן מיט א האפנונג: כ'וועל ווערן
רייך, א רויש טאן מיט די פאפירלעך, וועל איך אלץ אניאגן. אפשר
וועט איר זאגן, אז פאר געלט האט מען נישט געקאנט אלצדינג
האבן? האט איר א טעות, כאטש עס עקלט איר פון מיר, וועט זי
מיך צאצקען, קושן דעם האָרב, און ליבן דעם פארך מיינעם! און
איצט וואס? ארבעטן פאר א פאיאק? גלייכקייט? טא זאלן זיי פרי-
ער פאר אלץ מאכן, אז מענטשן זאלן געבוירן ווערן אזעלכע גליי-
כינקע, שייניקע, קרעפטיקע. גוט, פאר אכט שעה ארבעט אנדערט-
האלבן הערינג. אבער פארן הארב, פרעג איך אייך, פאר מיין דער-
נידערונג, פאר דער בענקשאפט ווער וועט באצאלן? איין אויסוועג
איז מיר געבליבן — כ'וועל אריינטרעטן אין טשעקא, און קיינער
וועט נישט וואגן מיר דאס אויפצווארפן. כ'וועל מיר דארט פארדי-
נען נישט מער, וויפל אנדערע קלייבן אויף בחינם איבערן וועג.

גישט צוליב גיריקייט וועל איך ווערן אַ טשעקיסט, נאָר אין נאָמען פון דער הייליקער פרייהייט".

פון דער גאַנצער נסיעה איז געבליבן ביי מיר אַזאַ שווער געפיל, אַז נאָך מער, ווי ווען נישט איז, האָב איך געלעכצט נאָך די דערמוגטערנדיקע און דערהויבנדיקע ווערטער פון לערער. נאָר ער איז געווען אָנגעבלאָזן און האָט געשוויגן. אַזעלכע פּעריאָדן האָבן געטראָפן ביי אים אויך פריער, נאָר דעמאָלט האָט ער געאַרבעט איבער זיינע אויספאָרשונגען, איצט האָט ער אָפן אויסגעדריקט זיין מידקייט, גלייכגילטיקייט, לאַנגווייליקייט. כ'בין אומרויק געוואָרן — צי איז ער נישט אַמאָל קראַנק? כורעגימאַ האָט אַ שמייכל געטאָן: „איך בין נישט קראַנק, מסיע צעלע, מיט „פונק"-פילן וועסטו מיינע ענינים נישט פאַרריכטן!"

בלויז איינמאָל האָט ער זונד געטרייסט און צוגעגעבן מונטערקייט. פאַר פינף „קאָפּעס"*) האָבן מיר געקויפט אַ פּיטשינק ווייס זעמעלע, ערלעך צעטיילט עס אויף מינף טיילן און זאָרגזאַם אויפגעקליבן אַלע קרישקעס. דער לערער האָט געזאָגט: „פרייט זיך פריינט, איצט דערקענט איר די גרויסקייט פון מענטשלעכער מי, די הייליקייט פון דעם, וואָס ווערט באַשאַפן דורך האָרעפּאַשנע הענט. געדענקט איר דעם פּרייז פון ערב מלחמה, ווען ער האָט זיך געשטיקט פון דער שפע אומנייטיקע זאַכן, פון דער מי, וואָס האָט דערמעגט דאָס שיטן אַרבעס דורך אַן אַרעסטאַנט? ווער האָט דעמאָלט געקאָנט תופס זיין די הויכקייט, שטראַליקייט, דעם געלעכן כאַראַקטער פון, אַ זעמל אָדער אַ שוך? איצט איז אייך צוריקגעקערט געוואָרן די בראשיתדיקע פרייד און נאָכן פאַרלירן עטלעכע הונדערט פאַלשע אידעאַלן, האָט איר דעראָבערט ווירדיקע, געטלעכע זאַכן. איר האָט געטרעטן איבער דער געבענטשטער ערד און דערביי געגראַבלט אין די הימלען, נישט אין די אַסטראָנאָמישע, נאָר אין די, וואָס יעדער אַביסל נישט פוילער לאָבוס מאָלעוועט אויס. און אונטער אייערע פיס זענען געלעגן פרייד, גליק, באַגייסטערונג, אָט די ווייסע קרישקעס, ענלעך צו די בעסטע פון

*) סאָוויעטיש געלד אין פאָלקס-זשאַרגאָן.

די שטערן. איר האָט פאַראַכטעט די אַרבעט און געבויקט זיך צו די פלוידערנדיקע ליידיק-גייער, וואָס פלאַפּלען וועגן עדעמס און אַנטלאַנטידעס, און זענען נישט פעיק צוצונייען אַ קנעפּעל צו די הויזן. איצט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ניצלעכע עקספּערטיזע און די פאַלשע שטיינער זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון די ווערטפולע".

די דאָזיקע ווערטער זענען געווען דער איינציקער ליכט-שיין פאַר די לאַנגע חדשים פון שווימען. דער לערער איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרן. מיט פרישע ספקות און מיט אַ פרישער שווערקייט אויפן האַרצן זענען מיר אַרויסגעקראָכן אויפן שמוציקן פעראָן פון מאָסקווער וואָקזאַל.

דאָס דריי און דרייסיקסטע קאַפּיטל

וועגן העלדישקייט, וועגן לאַנגווייליקייט, הויפּטזעכלעך וועגן אַעראָפּלאַן, וואָס פליט נישט.

קיין מאָסקווע זענען מיר אָנגעקומען אינדערפרי, אַרום צען אַ זייגער. אַרויסקומענדיק אויפן פּלאַץ, האָבן מיר דערזען קאַראַוואַנען סאָוויעטישע באַאַמטע, וואָס גייען אין די קאַנצעלאַריעס אַריין מיט זעקלעך פאַר די פּאַיאָקן. זעלטן האָבן זיך אַדורכגעטראָגן אויטאָמאָבילן מיט הויכגעשטעלטע לייט און שליטגס, אין וועלכע עס זענען געזעסן חברים, לויטן ראַנג נישט נידעריקער פון אַ אָבטיילונגס-שעף פון אַ נאַרקאָמאַט.*)

אין דעם שפּייז-פּאַרטיילונגס-פּונקט 93 האָט מען אויפן קופּאָן 107 אַרויסגעגעבן זויערע קרויט און אַ פונט זאַלץ. אַ לאַנגע רייע פון פרויען, זקנים, קינדער און באַאַמטע מיט פּאָרטפעלן, וואָס ריזיקירן צו פאַרשפּעטיקן אויף די זיצונגען פון די קאָמיסיעס — איז שווייגנדיק געשטאַנען ביים איינגאַנג.

אויף די ווענט האָט אַן אַלטע גויעס צעקלעפּט די „איזוועסטיא“, און איינער אַ לאַנג-האָריקער, לויטן סאַרקאַסטישן שמייכל מסתמא פון דער „אָפּאָזיציע“, האָט געלייענט דעם לייט-אַרטיקל וועגן דער וועלט-רעוואָלוציע, פרירנדיק דערביי און אונטערטאַנצנדיק אָט אויף איין פוס אָט אויף אַ צווייטן; אַ פריילן האָט פאַרקויפט דריי קאַראַ-

---

*) מיניסטעריום

מעלן, נאָר אַלע, ווייזט אויס, — אַ חוץ אונז, — האָבן געוואוסט, אַז דאָס קאָסט דריי טויזנט, און אויסדרייענדיק זיך זענען זיי אויף גיך פאַרבייגעגאַנגען. בלויז אַ יונגט איז געווען, וואָס האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע בלייך־געוואָרענע, עקזאַלטירטע אויגן.

אַלע האָבן אויך געוואוסט, וואָס זיי — די געוועזענע לעזער פון די „רוסקיאַ וועדאָמאָסטי" — דערוואַרט היינט, מאָרגן, איבערמאָרגן, אָט מוז מען לויט די אַלטע טאַריפן קליגלען זיך און צונויפשטעלן אַ בייעם ביודזשעט אַזוי, אַז דער „ראַבקרין *) זאָל אים אדורכלאָזן, אָפּשיקן צוריק מיט ליידיקע הענט הונדערט פּראָווינץ־דעלעגאַטן, וואָס זענען געקומען איינקויפן ביכער אָדער מאַשינען, צונויפשטעלן אַ באַריכט וועגן דער ליידיק־גייעריי פון פאַרגאַנגענעם חודש און מאַכן אַ פּלאַן פון ליידיק־גייעריי אויפן קינפטיקן חודש, מיט איין וואָרט, דורך שפּרייזן' שטייענדיק אויף אַן אָרט, דורך כסדרדיקן צוטופּען, דורך שאַרן מיט די פיס און דורך מורמלעריי אַרויסרופן דעם איינדרוק פון פיבערהאַפטער אַרבעט. דערנאָך אַ מיטאָג פון וואַסער מיט הירזש אויפן ערשטן און הירזש מיט וואַסער אויפן צווייטן געריכט, דערנאָך טיי פון קרייטעכצער מיט סאַכאַרין, „רויטער שטערן", געקויפט פאַרן חודשדיקן געהאַלט, דערנאָך אַ קריטיק שטילערהייט — בשותפות מיטן ווייב — פון דער ראַטן־מאַכט, טרוימען וועגן פאַרלוירענעם גן־עדן און ביסקוויט „איינעם", און אויפן סאַמע סוף — שלאָפן אין דער געפרוירענער נאָרע אונטער פאָרהענגלעך, וואָס שמעקן מיט הינטיש מיסט. דאָס אַלץ האָבן אויסגעדריקט זייערע פאַרגרעבט־געוואָרענע פּנימער.

דער לערער האָט געזאָגט צו אונז: פילט איר, ווי עס שמעקט מיט שטייגער? ס'איז גאָרנישט, וואָס דער שטייגער איז אַ נעבעכדיקער, ער וועט אַמאָל קומען צו די כוחות. פרייט זיך, מסיעדלע, — דאָ גייט מען שוין נישט מער אויפן קאָפּ, נאָר אויף פשוטע, וואָס אַן אמת, שטאַרק אויסגעמאָגערטע פיש". ווירקלעך, דאָס מאָל זענען מוטן צוריקקומען קיין מאָסקווע געבליבן אַממערסטן צופרידן די פאַרביסנסטע שונאים פון דער רעוואָלוציע—מיסטער

*) „ראַבאָטשאַ קרעסטיאַנסק. אינספּעקציאַ" — אַרבעטער און פּויערים־אינספּעקציע

קול און מסיע דעלע, מיט אַ הערלעכקייט, וואָס פּאַסט פֿאַר פּאַריז אָדער לאָנדאָן, האָט מען זיי דערקלערט פֿאַר „געסט פֿון דער ראַטן־רעפּובליק", באַזעצט אין אַ פֿיינעם האָטעל, געקאָרמעט מיט פֿלייש. קאָטלעטן און געפֿירט אויפֿן באַלעט „סילפֿידאַ" אין דער ליטערע־לאָזשע פֿון „גרויסן טעאַטער". פֿון דעם אַלעם, אַריינרע־כענדיק אויך די קלאַסישע „פּאַ"ען פֿון די וואונדערלעכע באַלערי־נעס, זענען זיי געווען פֿולשטענדיק צופֿרידן, זיך דערפֿילט פֿאַר יחסנים און גענומען ריידן מיט ביטול שוין נישט בלויז מיט אונז. נאָר אויך מיטן לערער. מיר האָט מסיע דעלע איינמאָל אַרויסגע־טראָגן אין קאָרידאָר אַריין אַ האַלבן קאָטלעט, וועלכן ער האָט נישט דערעסן צוליב דער שלעכטער ווירקונג פֿון די „פּינק־פּילן", און געזאָגט: „אָט איז אַ גנעדיקער זשעסט פֿון אַ גאַסט פֿון דער רעפּובליק!" אַזוי ווי זיי האָבן אונז באַערט בלויז מיט קורצע רע־פּליקן, האָב איך נישט געקאָנט גענוי פֿעסטשטעלן, מיט וואָס זיי האָבן זיך נאָך באַשעפֿטיקט, אויסער דעם אויבנדערמאָנטן. כ'בין בלויז געוואויר געוואָרן, אַז מיסטער קול שפּילט אין די אָוונטן אין ברידזש מיט הויכגעשטעלטע באַאַמטע און דינגט אויס ביי זיי וויכטיגע קאָנצעסיעס: עפּעס אַן ערך האַלב טורקעסטאַן אָדער אַן אַכטל סיביר. מסיע דעלע האָט פֿאָרגעלייגט דער לערער צו פּרוּוון אונטערהאַנדלען מיט די אייגענע דיפּלאָמאַטן וועגן „אוניווערסאַל־נעקראָפּאָל", נאָר כורעניטאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט, מאָטיווירנדיק דאָס קורץ אָבער אויסדריקלעך: „ס'האָט שוין דערעסן!"

דערפֿאַר אָבער האָט זיך ערקאָלעס לאַגע אַ וואַקל געטאָן, ער איז געקומען צו אונז אַ שרעקלעך פֿאַרטרויערטער: צו אַלדי רוחות! ווי אַלץ בייט זיך! „מ'האָט אים געפּאַקט! ס'איז געקומען עפּעס אַ קאָנטראָלאָר, און נישט יופּיטער, נישט טריטאָן האָבן ניט געהאָלפֿן. אים, ערקאָלע באַמבוטשי, האָט מען פֿאָרגעלייגט ער זאָל טאָן עפּעס אַן אַרבעט!... ווי מיינט איר, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט? שיסן פֿון ראַקעטן? פֿאַנאַנדערהענגען פֿענער? ס'הייבט זיך נישט אָן! אַ פּראָדוקטיווע אַרבעט! בלוטזויגער! יעזואיטן! צו וואָס דאַרף מען אויף אַזאַ פֿאַל די „סאָוויעטן"? מיט וואָס אונטערשיידט זיך עס פֿון דייטשלאַנד? מ'האָט אים אַרויסגעגעבן עפּעס דאָרט אַן אַר־

בעטס־ב״כל, אַריינגעשריבן אַהינצו, אַז ער האָט באַקומען פון „סאָ־בעז״*) אַפּאָר אַלטע הויזן און אַ לאַקייעישן פראַק, און מ׳וויל נאָך אַריינשרייבן, וויפיל שעה, ער האָט אָפּגעאַרבייט. אָבער דערצו, שוטים, איז דאָך נויטיק, ער זאָל אַרבעטן! דער קאַפּיטאַל־סאָבאָר וועט חרוב ווערן, אָבער דאָס וועט נישט געשען!...״

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט נאָך זיינע דערפאַרונגען אין צירק, אויפגעהערט אָפּצוואַרטן גענעראַלן און פאַרבינדעטע. אַלע זיינע האָפנונגען האָט ער געלייגט דערויף, אַז אין די קאָמוניסטן וועט זיך סוף כּל סוף אָפּרופן דאָס געוויסן און נאָכן צוריק עפּענען די קאָלאָניאַל־געוועלבער וועלן זיי אויך דערלויבן אַרויסצוגעבן ווידער די „רוסקיע וויעדאָמאָסקי״. דעמאָלט וועט אַלץ אַוועק אויס־געצייכנט.

איך מיט איישאַן זענען ערלעך צוריקגעגאַנגען אויף אונזע־רע פּאָסטנס, ער איז באַשטימט געוואָרן צו דער רעוואָלוציע אין אַפריקע, איך צו די קראָליקעס, וואָס זיינען אַ דאַנק דער אויסער־געוויינלעכער ענערגיע פון וו. ל. דוראָוו געוואָרן פיל באַוואוסט־זיניקער פאַר דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט.

נאָר, ליידער, די אַרבעט האָט מיך נישט באַפרידיקט און כ׳האָב זיך געמאַטערט. כ׳בין געזעסן אין אַ קליין צימערל און לאַנג עוסק געווען אין מעטאַפיזישע טראַכטענישן וועגן דעם, וואָס ס׳איז בעסער: קעלט צי רויך? באַשליסנדיק, אַז רויך איז פאָרט בעסער פון קעלט, בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, אַריינגע־שלעפּט שטילערהייט דאָס האָלץ, וואָס מ׳האָט געברענגט פאַרן שכן, דעם אייגנטימער פון דער קראָם פון נישט־נאָרמירטע פּראָדוקטן, דאָס הייסט פון סאַכאַרין און פאַרפרוירענע עפּל — צעהאַקט עס און ווי נישט איז אויסגעהייצט דאָס אייוועלע. דעמאָלט האָבן די פאַרפרוירענע וועגט גענומען שמעלצן זיך, און איך האָב זיך גע־פילט אויפן בעט, ווי אין אַ שיפל אויפן איי־אָקעאַן. אויסער דעם האָט דורכן פענסטער, וואו ס׳איז אַרויסגעגאַנגען די רער, געבלאָזן אַ ווינט, דאָס אייוועלע האָט זיך געטרייסלט און אַרויסגעהוסט שטיקער גריזשעדיקן רויך. כ׳האָב אויך געהוסט, און אַ חוץ דעם געוויינט און זיך מתודה געווען. דערנאָך האָב איך אַ פאַרצווייפל־

טער אַרויפגעשלעפּט אויף זיך אַ האַלבפּעלצל פון פאַרדעכטיקער אָפּשטאַמונג און בין אַרויסגעגאַנגען אויף די טרעפּ. אפשר גיין אין „פּרעסע־הויז" — דאָרט: אַ פּוטערשניט מיט רויטע רויגן און אַ ווײַכוח וועגן „פּראָלעטאַרישער כאָר־דעקלעמאַציע", אָדער אפשר גאָר אין „פּאָליטעכנישן מוזיי", דאָרט קיין פּוטערשניטן קריגט מען נישט, דערפאַר לייענען זעקס און צוואַנציק יינגע פּאָעטן זייערע לידער „ראָקאָמאָטיוו־תּפלות". ניין, כ'וועל אַזוי זיצן אויף די שטיגן, ציטערן פון קעלט, און טרוימען וועגן דעם, אַז דאָס אַלץ איז נישט בחינם, אַז איך, זיצנדיק אַזוי דאָ אויפן שטיגל, גרייט צו דעם ווייטן אויפגאַנג פון דער אויפלעבונגס־זון. כ'האָב געטרוימט פּשוט און אין לידער דערביי זענען אַרויסגעקומען דערטרעגלכע יאַמבן:

וי העל דער ווייסער מיטן־טאָג וועט שײַנען!
די אויסגעבלאָזט וועט דאַן הימל זײַן.
דער צייט־געלויף אין דורכזיכטיקן ווײַן
וועט אויספּרעסן פון מערדערישן ווײַנשטאָק.

אַזוי זענען געגאַנגען די טעג. כ'האָב קיינמאָל נישט געלעבט אַזוי ערלעך, באַשיידן, גײַסטיק און צניעותדיק. גאַנץ מאָסקווע האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ קלויסטער מיט אַ שטרענגן רעגולאַמין מ'ט אַן אייביקן פאַסטן, מיט נאָכמיטאָג־תּפלות און דינערן. אין דער לאַגגווייליקייט גופא איז געווען עפּעס העלדישעס, און בלויז מיט פּעטס באַוואַקסענע הערצער וועלן נישט פאַרשטיין די ריינדיקע גרויסקייט פון דעם דאָזיקן ווילדן־משוגענעם פאָלק, וואָס האָט אַריינגעשריגן אין דער ריגנדיקער הערבסט־נאַכט וועגן אָנגעקומענעם גן־עדן מיט שטערן, וואָס פליסן אויף דער ערד אַראָפּ, און דערנאָך, אַ פאַרשיטער פון דער זאַוויערוכע, האָט ער שטיל געשוויגן, העלדיש געקייעט דעם לעצטן הויפן קערנדלעך, אָבער נישט געזעצט זיך צום פייער־פלאַם, ביי יועלכן נישט איין אַפּאָסטאָל האָט באַוויזן זיך אָנצוואַרימען!

דער לערער האָט אין ערגעץ נישט געאַרבעט, גאָרנישט געטאָן, געוויכערט אָן אויפהער מאַכאָרקע און געקוקט סתּם אַזוי פאַר זיך מיט די גאָרנישט־זעענדיקער אומבאַוועגלעכע אויגן. צו מיר

האָט ער געזאָגט: „דער פּאָעט שערשענעוויטש האָט אָנגעשריבן אַ בוך „אַ פערד ווי אַ פערד". אויב מ'זאָל אַזוי פּאָרטזעצן — קאָן מען זייער לוסטיק צונויפשטעלן „אַ מלוכה ווי אַ מלוכה". מיסטער קול ווערט געהאַלטן אין גרויס חשיבות. ערקאָלע איז אַ קוריער, אויף די צעשיטע פּאַפּיראָסן און אויף דער קאַווע פון מערן — איז אַ הערב פון דער בוגטאַרישער רעפובליק „ר. ס. פ. ס. ר". די פראַנצויזן האָבן אויף די ווענט פון די תפיסות געשריבן: „פרייהייט — גלייכהייט — ברידערלעכקייט", — דאָ איז אויף די צענטויזנטיקע אַסיגנאַציעס, מיט וועלכע ס'שטופן זיך אָן די קעשענעס די שפעקולאַנטן און ליפעראַנטן, אויפגעשריבן דער רעוואָלוציאָנערער לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!" איך קאָן נישט קוקן אויף דעם דאָזיקן נישט-פליענדיקן אַעראָפּלאַן: ס'איז לאַנגווייליק! איבעריקנס, לייג נישט קיין אַכט, מ'קאָן קוקן אויף דעם אַלעם אויך פון דער פאַרקערטער זייט. ווי נאָר איך האָב דאָס דערזען, האָב איך אַפילו באַשלאָסן אָפּצושלאָג- ביי דיר דיין ברויט, אַ לידל אָנשרייבן. הער זיך צו:

ניין! אין רוסלאַנד איז קיין בונט נישט, קיין מרידה
איר פענער — מלכות-קליידער
מיט טויזנט הענט זי געלייגט אַ בריק
צום נייעם סדר.

זאָל זיין: די טאָג-אַרבעט איז מיאוס,
דער מזרח איז מיט בלוט באַנעצט,
אַ ריזיקער שמעטערלינג האָט האַלב-צעריסן
זיין גרויע נעץ.

פון רויט-ארמייער-שפּיז, פון בלוט און ליידן,
פון די פּאַפּירן דורכן סאָוונאַרכאָז געשריבן,
וואַקסט אויס אין גרויסע חבלי-לידה
די רויז פון גרויסער ליבע.

„און אַזוי ווייטער. כ'האָב זיי געוואָלט שיקן שמידטן אין סאָוונאַרכאָז *) אַריין, נאָר כ'האָב באַשלאָסן, אַז ער קאָן זיך נאָך באַליידיקן פאַר דעם וואָרט „נעבעכדיקע" און זיי צעריסן. טאַראַראַבומבאַ! זעסטו, ערענבורג, די מעשה אָט, וואָס, איך מוז שטאַרבן, ווייל מיינע זאַכן האָב איך שוין אָפּגעטאָן!"

פאַר שרעק און פאַרצווייפלונג האָב איך נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט, נאָר אַריינבייסנדיק זיך אין כורעניטאָס קני, האָב איך אומזיניק געשאָקלט מיטן קאָפּ. און דער לערער האָט ווייטער געצויגן:

„מיר האָט שוין סוף כל סוף אַלץ דערעסן. נאָר שטאַרבן איז, ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, דאָך אַ גענוג קאָמפּליצירטע אונטערנעמונג. איין גראָבער יינג רופט מיך „גיד", אַ צווייטער — „שותף", אַ דריטער — „פריינט", אַ פערטער — „חבר", אַ פינפטער — „בעל-הבית", אַ זעקסטער — „האַר", און דו דער זיבעטער — „לערע". וואָס וועלן זאָגן די אַלע זיבן, געוואויר ווערנדיק, אַז כוליאָ כורעניטאָ האָט פאַרענדיקט מיט זיך ווי אַן אָפּגעבאַרטע מאָדיסטקע? אויפן גאַנצן לעבן וועט שוין זייער גלויבן אין מסחר, אין פריינטשאַפט, אין געטלעכקייט זיין אונטערגעגראָבן. איך בין נישט אַזוי גרויזאַם. איך דאַרף שטאַרבן בכבודיק. פאַר דעם ערשטן בעסטן איז דאָס פון די לייכטע זאַכן, וואָרים ס'איז גענוג צו האָבן איבערצייגונגען, וואָס זענען נישט אין הסכם מיט די אַלגעמיין-אָנגענומענע. איך, ווי דו ווייסט, האָב נישט קיין שום איבערצייגונגען, און דערפאַר פלעג איך אַרויסגיין מיט אַ פריילעכן שמייכל פון אַלע פּאָליציי-פּרעפעקטורן, קאָמענדאַנטורן, טשערעוויטשיקעס און קאָנטר-אויסשפּירונגען. פאַר אידען קאָן איך נישט שטאַרבן, בלייבט איבער נאָר איין האָפנונג — די שטיול..."

אָן אויפגעטרייסלטער פון דעם לערערס שרעקלעכע ווערטער און פון זיין אומפאַרשטענדלעכן דערמאָנען די שטיול, האָב איך באַשלאָסן, אַז ער האָט געמוזט אַראָפּ פון זינען, און האָב געוואָלט לויפן נאָך מסיע דעלע, וואָס האָט שוין דערפאַרונג אין אַזעלכע

*) ראַט פון פאָלקס-ווירטשאַפט.

פֿאַלן. נאָר דער לערער האָט מיך אָפּגעהאַלטן און ווידער פֿאַרגע־לייגט צו באַוואונדערן זיינע היבשע ענגלישע שטיוול, פֿאַרשנוּרעוועט ביז אַרויפֿצו, וועלכע ער האָט באַקומען אין יעליזאַוועטגראַד, בעת ער האָט דאָרט פּרעסענדירט אויפֿן רוסישן טראָן.

„איך קאָן אומקומען בלויז צוליב די שטיוול. די צרה איז די, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אַרויסגעפֿירט פֿון מאָסקווע אַלע באַנדיטן. דערפֿאַר וועט מיר אויסקומען צו פֿאָרן אויף דרום, וואו די זיטן זענען אַ סך פּרימיטיווער. דו און איישאַ וועלן פֿאָרן מיט מיר. אים האָב איך ליב מער פֿון אַלע, דיך האָב איך אינגאַנצן נישט ליב, נאָר דו וועסט שרייבן מיין ביאָגראַפֿיע און דערפֿאַר דאַרפֿסטו מיך באַגלייטן ביזן סוף. גרייט דיך צו — מיר פֿאָרן מאָרגן קיין קאָנאָטאָפּ, דאָס איז, דאַכט זיך, אַ גאַנץ געמיטלעך שטעטל".

פֿון שרעק און פּיין האָב איך גאָר פֿאַרלוירן דעם זינען. אפֿשר האָט מען געדאַרפֿט זיין דרייסטער און אָפּרעדן דעם לערער אָדער באַמיען זיך, אין אַזאַ פֿאַל, אַרויסקריכן פֿון די פֿאַרשאָל־טענע דריזן איינמאָל אין לעבן כאָטש איין טרער. נאָר איך בין, ניט קלערנדיק, אַוועק צו באַקאַנטע און אַרויסבאַקומען דאָקומענטן פֿאַרן לערער און פֿאַר אונז. אין די פּאַפּירן האָט זיך געזאָגט, אַז מיר פֿאָרן קיין קאָנאָטאָפּ „ליקווידירן דעם אַנאַלפֿאַבעטיזם".

אַהיימקומענדיק אין אָוונט, האָב איך דאָס אייזעלע נישט איינגעהייצט, קיין לידער נישט געשריבן, קיין טרוימען נישט גע־טרוימט, נאָר אַוועקזעצנדיק זיך אין ווינקל אויף די שפּיץ נעגל, האָב איך ביז אינדערפֿרי געשריגן: „ראַטעוועט! ראַטעוועט! דער לערער וויל שטאַרבן צוליב די שטיוול!..." און האָב געשלאָגן אַ טרויער־מאַרש.

דאָס פיר און דרייסיקסטע קאַפּיטל

דעם לערערס טויט

דאָס איז געווען אַ וועג פון געברענטע יסורים. ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ זין און אַ גרויסקייט אין דעם כסדרדיקן טוישן זיך פון וועלטן, עפּאָכן און מענטשן. איך האָב געוואוסט, אַז דער לערער פאַרענדיקט דעם וואונדערלעכן בנין פון זיין לעבן, אַז פאַר די קומענדיקע דורות וועט דער טויט זייַנער זיין אַן אומפאַרמיידלעך און פייערלעך פינטל אויף אַ זייטל, וואָס האָט נישט געקאָנט נישט זיין. דאָס לעצטע. נאָר איך האָב איס ליב געהאַט מיט אַ פּשוטער חיהשער ליבשאַפט, ווי ס׳איז פעיק ליב צו האָבן בלויז אַ הונט, וועלכן מ׳האָט אויפגעקליבן אויפן גאַס אַן אַלט פאַרשיווע, בלינד באַשעפעניש. און זייענדיק געטריי דעם דאָזיקן געפיל, האָב איך נישט געטראַכט וועגן די קומענדיקע דורות, נישט געלייגט קיין אַכט אויף די פאַרהידושטע פּאַסאַזשירן, נאָר מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ לאַנג און פאַרצווייפלט געוואָיעט.

צו וואָס שרייב איך איצט וועגן מיינע צרות, וועגן מיין שוואַכקייט? נישט כדי צו טיילן זיך מיט מיינע איבערלעבונגען שרייב איך דאָך דאָס דאָזיקע גרויסע בוך. דאָס איז — אַ דערציילונג וועגן גרויסן לערער, און נישט וועגן שוואַכן, נישטיקן, פאַראַכטונגס־ווירדיקן תלמיד. איליא ערענבורג — דער מחבר פון מיטלמעסיקע לידער, דער אויסגעשריבענער זשורנאַליסט, דער פּחדן, דעזערטיר, קליינלעכער צבועק, ציניקער מיט אידעישע, פאַרחלומטע

אויגן — האָט געוואָיעט אויף דער באַנק פון וואַגאָן. ווער וועט קאָנען פאַרטראָגן די דאָזיקע באַליידיקנדיקע, נודנע איינצלהייט, ווען לעבן דיר אין דעם אייגענעם וואַגאָן האָט דרייענדיק דאָס קאָנצעפּיסל און שפּאַסנדיק מיט איישאַן געגרייט זיך צו שטאַרבן דער הויכווירדיקסטער מאַן נישט פון אַ יאָרהונדערט, נאָר פון יאָרהונדערטן. שוויג־זשע, נעבעכדיק האַרץ, מיט דיינע נישט־אָנשטענדיקע קלעפּ באַליידיק נישט די ליטורגישע ריינקייט פון דעם דאָזיקן איין און איינציקן ערב־טויט!

כ'וועל דאָ נישט רעדן נישט וועגן איישאַס וויטאַק, נישט וועגן אונזער אָנקומען אין דעם קליינינקן שטעטעלע אַריין, וואָס איז פון איצט אָן געוואָרן אומשטערבלעך. אַלץ איז געשען אַזוי ווי דער לערער האָט פאָרגעזען. דעם 12־טן מערץ פאַרנאַכט זענען מיר געזעסן אויף אַ באַנק פונם לאַנגן בולוואַר, וואָס ציט זיך פון וואָגזאַל אין צענטער שטאָט אַריין. דער לערער, אַ ריין־אָפּגעגאָלטער און פייערלעכער, האָט אונז געפירט שפּאַצירן. ווען נישט זיין צעריסענער אָנצוג וואָלט איך זיך ווידער געפילט אַלס סעקרעטאַר פונם לאַבאַרדאַנישן אַמבאַסאַדאָר. מיר האָט זיך אַפילו צוליב מיין נאַרישקייט אויסגעוויזן, אַז דער לערער האָט זיך איבערגערעכנט און האָט בדעה נישט צו שטאַרבן, נאָר דערקלערן זיך אַלס צאַר, פּרעזידענט אָדער בעגום פון אַ וועלכער ס'איז פּרעכטיקער מלוכה. נאָר ער האָט זיך געווענדעט צו אונז מיט די פאָלגנדיקע ווערטער, דעם לערערס לעצטע ווערטער:

העכסט וואַרשיינלעך וועט היינט אַ וועלכער ס'איז באַנדיט אַ לאָקער טאָן אויף מיינע שטיוול. חבר אָלטענקאָ האָט מיר געזאָגט, אַז די רויבערייען אין שטאָט האָבן זיך פאַרשטאַרקט. צום באַדויערן, וועלן די קומענדיקע דורות נישט געוואויר־ווערן זיין נאָמען. איך זע קלאָר פאַר זיך דעם דענקמאָל, וואָס וועט אין 1980 אויפגעשטעלט ווערן דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן אויסלייזער, וואָס האָט די געוועזענע, געגנווערטיקע און קומענדיקע מלוכות אויסגעלייזט פון דעם מעקסיקאַנישן באַנדיט כוליאָ כורעניטאָ. אַ שאָד, וואָס כ'קאָן נישט לייגן קיין קראַנץ צו זיינע פיס — דאָס איז זייער אַן אייגענעמע באַשעפטיקונג. צוליב דעם און צוליב אַ סך

אַנדערע זאַכן זאָלסט דו, ערענבורג, נאָך מיין טויט זיך אַוועקלאָזן אין אַ שטיל אָרט. די צייט דייגע, וואָס איז קיינעם נישט נויטיק, זאָלסטו נישט זאַלעווען, נו און קיין איבעריקע באַשרייבעכצן (ווי דו האָסט דאָס ליב) זאָלסטו נישט מאַכן, נאָר זאָלסט אָנשרייבן יאָר נאָך יאָר אַלצדינג, וואָס דו ווייסט וועגן מיין לעבן, מיינע געשפּרעכן, אַרבעטן און אַנעקדאָטן, קודם כל די אַנעקדאָטן. שוין לאַנג האָט דאָס אָרט פון דער עפּאָפּעע אָדער פון פּרעדיקט פאַרנומען דער געבענטשטער אַנעקדאָט — ער איז דער שליסל צום אוצר פון דער מענטשהייט. קלוגע וועלן לאַכן פון דעם דאָזיקן בוך, נאַראָנים וועלן זיין צופרידן. איבעריקנס, סיי די ערשטע, סיי די צווייטע וועלן ווייניק וואָס פאַרשטיין. דעמאָלט זאָלסטו נישט האָבן קיין עגמת נפש פון דיין טאַלענטלאָזיקייט. מיך פאַרשטיין — איז בכלל אַ שווערער ענין. שוין אין סאַמע אָנהויב פון דעם טרויעריקן פייערלעכן טאָג האָב איך פאַרגעזאָגט, פאַרלויפנדיק פאָרויס, ווי אַ הונט אַרומשמעקנדיק און צוהערנדיק זיך, וואָס ס'וועט לעשן מאָרגן. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט מיך אַמאָל געפרעגט, נישט שוין זשע האָב איך באמת אַזוי פיינט דאָס לעבן?... ניין, נישט קיין שנאה, נאָר די געוואַלדיקסטע אומליבע האָט וויסט געמאַכט מיין הארץ. בויט! אַרבעט! וואַקסט! איך רוף אייך נישט אויף צוריק, קיין באָמבעס שאַר איך נישט אונטער און פאַשן שעפּסן אָן די הויזן לויטן ביישפּיל פון ריימאָנד דונקאַן רעקאָמענדיר איך אייך נישט. טייערער איישא, גלייב מיר, דו ביסט דער וואונדערלעכטער פון אַלע מענטשן, וואָס כ'האָב באַגעגנט אין לעבן. נאָר נישט דיין קינדהייט וועט ראַטעווען די וועלט. דו האָסט שוין צען מאָל „פּאַרטיידיקט די קולטור”, זיצסט אין דער אונטער-סעקציע און קוויקסט זיך מיט אַליינשרייבנדיקע פּענעס און גראַמאָפאָנען-מיט איין וואָרט — די צייטן פון יאָר גייען לויט דער ריי נאָך און אַזוי ווייטער. כדי דער ספּיראַל פון דער וועלט זאָל זיך אַ קער טון צום נייעם גליק איז נויטיק, עס זאָל אַריבער אַ קרייז פון יאָרהונדערטן, אַ קרייז פון בלוט, שווייס, קוילן, אַן אייזערנער קרייז.

„איך זע דעם האַלב-טאָג פון דעם דאָזיקן קומענדיקן טאָג.

אין די שפּייז-זאַלן פון די קומענדיקע שטאָטן וועלן, לויט פאַרפענאַן דערמאָנט ווערן, ווי אַ נעבעכדיק שפּילצייג. פאַר די מוסקולן פון דער ערשטער בעסטער וואַסער-פּלומפּ וועלן זיך פאַרשעמען די שפּלע הענט פון די גאָטישע קלויסטערס. אַ פּשוטער פּיסואַר אויפן גאַס וועט מיט דער מעכטיקייט פון זיין בעטאָן, מיט דער אומבאַפלעקטער ריינקייט פון זיין גלאָז איבערשטייגן די פּיראַמידע פון כעאָפּס. אַזוי וועט זיין! דאָ, אין דעם קבצנותדיקן, חרובן רוסלאַנד רעד איך וועגן דעם. וואָרום עס בויען נישט די, וואָס האָבן אַ שפּע פון שטיינער, נאָר די, וואָס נעמען זיך אונטער די דאָזיקע שטיינער צו פאַרפעסטיקן מיטן אייגענעם צעמענטירנדיקן בלוט.

אין זע דאָס פאָר, אָבער איך פריי זיך נישט.

„אין די דאָזיקע לעצטע שעהן מיינע ווילט זיך מיר דורכבליקן עפּעס אַנדערש, שפּעטערדיקס, פאַרנעפּלטעס. אָט גייט אַ מענטש מיט אַ פּאַק פּאַפּירן. אין ספּעציעלער אונטערשטער קעשענע האַלט ער אַ „בראַונינג“. שרעקט זיך נישט, דאָס איז נישט קיין באַנדיט, נאָר אַן ערלעכער באַאַמטער. אינדערפרי, נאָכן אָפּקלאַפּן עפּעס אויף דער מאַשינקע מיטן געהעריקן נומער, האָט ער דערשאָסן אַ מענטשן, וואָס האָט אין עפּעס וואָס מיט אים נישט מסכים געווען. איצט האָט ער אָפּגעגעסן מיטאָג און מונטער גייט ער אויף אַ זיצונג. איר זעט די קאַץ, וואָס שפּרייזט לעבן אים? לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, האָט זי אַוודאי אויך הייַנט אויפגעפרעסן עפּעס אַ מויז. דערלויבט מיר צו בוקן זיך פאַר דער קאַץ, פאַר איישאַן, פאַר דעם, וואָס קיין נומערן איז נישטאָ, און אַ קוק טון פאַרויס — נישט שוין זשע זענען דאָרט נישט קיין קעץ, נאָר בלויז נומערן, נומערן, אַפילו די קעץ זענען נומערירט? די תעלט איז פאַרשלאָסן פאַרן מענטשן. וואָס גייט אים אָן, נישט בלויז דער מאַרס, נאָר אַפילו דער ענין פון פערד? וועגן שטערן טראַכט ער בלויז אין די טעג, ווען ער איז פאַרליבט, ווי וועגן אַ ספּעציעלער הימל-אילומינאַציע. נייע וועלטן — הייסט אָרגאַניזירן אַן עקספּעדיציע צום דרום-פּאָל. ער איז אַוועק ביחידות, אָפּגעשלאָסן זיך און אין דעם בויאונגס-פּראָצעס פון לעבן פאַרלוירן דעם זין פאַר דער גאַנצקייט. מ׳קאָן דעם מענטשן הייסן גיין איבער אַ שטריק, אָבער ווי נאָר די

צוקוקער ווען אוועקגיין וועט ער זיך אַ שליידער טאָן אין דעם ווייך זאַמד אַריין פון דער אַרענע. אָן האַרמאָניע איז נישטאָ קיין ליבשאַפט, קיין פרייהייט, נישטאָ קיין בייקומען דעם טויט. אָדער מיסטער קול ברענגט אום איישאַן מיט וויסנשאַפטלעכע מיטלען, ווי מען ברענגט אום טאַראַקאַנעס, אָדער איישא עסט פשוט אויף פרישטיק אין פאַמיליען-קרייז אַ לידקע פון מיסטער קול. אָדער מ'וועט זיי ביידן איינשפאַנען אין איין יאָך אַריין, און זיי וועלן, פיינט האָבנדיק איינער דעם אַנדערן, אַלע מענטשן און אַלע זאַכן, שלעפּן דעם וואָגן פון „דער בעפרייטער מענטשהייט." אָדער ערקאָלע איינער אַליין, וואָס קראַצט זיך דעם פּופּעק אויף וויאַ-פּאַס. קודיני, אָדער שמידטס אייביקע מיליטערישע מושטירונג. מ'אַנטלויפט פון טויט, מ'זוכט דעם טויט, אָבער קיינער וועט נישט אַנטלויפן אויף אַ פּשוטן אויפן, אַלע צאַפּלען זיך און שליידערן זיך. אַנשטאָט ליבע — אַ הכנסה-הוצאה-בוך — פון נאָנט-זיין, הילף, פאַרראַט, צעשיידונג — אַ ליבשאַפט נישט פון קיין אָביעקט, נאָר פונם אייגענעם געפיל, אַ מין אָנוואַרעמען אויף אַ פרעמד הארץ די אייגענע דערפרוירענקייט, לויטן רעצעפט פונם גוטן דוד המלך. און אָן האַרמאָניע איז נישטאָ קיין לעבן, נאָר בלויזע עקזיסטענץ פון מענטשן און שבטים. אָט מסיע דעלע האָט אויך דערמאָנט וועגן האַרמאָניע. פאַר אים איז דאָס אַ פאַרנונפטיקע דיעטע, דער דורכשניט פון וועלט-כוחות, ווען מען לייגט אַלע זיי צענויף אינאיינעם. נישט וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, רעד איך. נאָר וועגן דעם פאַרלוירן געגאַנגענעם מענטשלעכן געפיל, וואָס איז נויטיק אויף צו באַשאַפן זיך אַ שיין לעבן.

„איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס וועט דערגרייכט ווערן: אין די לאַבאָראַטאָריעס, אויף די חורבות פון אַ סטיכישער קאַטאַסטראָפע, אָדער מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג פונם שכלדיקן ווילן. איך ווייס נישט, ווען ס'וועלן קומען די דאָזיקע שעה פון פרייהייט, באַגייסטערונג, געוואַגטקייט. איך ווייס נאָר, אַז זי וועט קומען, און נאָך ווייס איך, אַז צוליב דעם דאַרף מען אונטערדרוקן דאָס אומפאַרמיידלעכע ווייזרל פון די געשעענישן, מלחמות, רעוואָלוציעס פון אונזערע אומליבע טעג.

טוט עס, ווי איר קענט. איך האָב שוין מער קיין חשק נישט. כ'בין זאַט איבערן האַלז, אין מאָגן פֿיל איך אַ לאַסט. מיט איין וואָרט, די גרעסטע נישט-פֿערדייאונג, וואָס אַפֿילו אונזער דעלע וואָלט פֿון איר אויפֿגעטרייסלט געוואָרן. זייט געזונד, מיינע פֿריינט! היט אייער געזונט! מיט מיין טייטן קערפּער שלעפּ זיך נישט אַרום! נאָך עפּעס, אין מאָסקווע זאָלט איר עסן זויער-מילך דאָס איז אַ נישט-נאָרמירטער פּראָדוקט און ווערט שטאַרק רעקאָמענדירט אַלס מיטל צו אומשטערבלעכקייט".

נאָכדעם ווי דער לערער האָט געענדיקט רעדן, האָט ער אויפֿגעגעסן אַ געפֿרוירענע באַרנע, אָפּגעווישט דעם שטערן מיט אַ גרויס, רויט, זיידן טיכל, האָט אַ קוש געטאָן איישאַן, און מיר האָט ער געשאָנקען אַ אָפּגעבריטן ציגאַרן-שפּיצל און הייסנדיק אונדז אַלעמען בלייבן אויף דער באַנק, איז ער אוועק פֿאַרויס מיט דער ליידיקער גאַס. איך האָב געציטערט און געקרעכצט.

באַלד דערנאָך האָט זיך דערהערט עמיצנס אַ דורכגעמעגדי-קער געשריי, געפֿייף און נאָנטער שאָס. איישאַ האָט גענומען לויפֿן, כּדי דעריאָגן דעם לערער, און איך בין אַראָפּגעפֿאַלן אונטער דער באַנק אַרונטער און בין געבליבן ליגן אַ פֿאַרשטאַרבענער.

אין אַ פֿערטל שעה אַרום בין איך אַרויסגעקראָכן און זיך אַנטשלאָסן צו גיין זוכן. הונדערט טריט פֿון דער באַנק האָב איך דערזען דעם לערער, ווי ער ליגט אין אַ קאַלוזשע מיט אַ פּאָר בלוטיקע פּנים: ער איז געווען טויט, די שטיוול אַראָפּגענומען פֿון די פֿאַריתומטע קאַלטע פֿיס. איך בין אַנידערגעפֿאַלן דערלעבן און נישט אַרויסגעלאָזט פֿון האַנט זיינע פֿיס אין די געקעסטעלטע פֿאַרצערוועטע שקאַרפּעטקעס, דאָ איז געווען אַלץ, מיט וואָס איך האָב געלעבט!

איישאַ איז געקומען צולויפֿן. פֿאָכענדיק מיט זיין גרויסן אַפֿריקאַנישן מעסער. ער האָט געוואָלט כאַפּן דעם מערדער, נאָר בחינם. וואָס טוט מען מיטן קערפּער פֿון לערער? מירן דאָך נישט רופֿן קיין מיליציאָנערן זיי זאָלן די גרעסטע מיסטעריע פֿאַר-

שוועכן מיט אַ מיאוסן פּראָטאָקאָל. אויסנוצנדיק די פּוסטקייט אויף די גאַסן און די פֿינסטערניש, האָבן מיר אַוועקגעטראָגן דעם לע־רערס קערפּער אונטער דער שטאָט אַוועק, אויפֿן פֿעלד, און דאָרט האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט מיט אײַזנס מעסער געגראָבן אַ קבֿר.

ווען אַלץ אַרום האָט אַ ציטער געטאָן פֿון דער אויפֿגייענדי־קער זון, איז דער קבֿר געווען פֿאַרטיק און דער טרויעריק פֿרי־מאָרגן־ליכט האָט ווי דערמאָנט אונדז אין דעם לערערס נבֿיאות. כ'האָב געפֿינען אַ דרענגל, האָב איך עס אַרײַנגעקלאַפּט און אויפֿ־געהאַנגען דערויף מײַן אַרבעט־צעטל — קיין שום אַנדער זאַך האָב איך אונטער דער האַנט נישט געהאַט — אויף וועלכן כ'האָב אויפֿגע־שריבן: „פֿאַרזיכטיק! דאָ איז באַגראָבן דער לערער פֿון דער מענטש־הייט כוליאָ כורעניטאָ, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן דעם 12־טן מערץ 1921 יאָר 8 אַ זייגער מיט 20 מינוט אינאָוונט. מסתמא איז שוין איצט קיין זכר נישט געבליבן פֿון דעם דאָזיקן הייליקן קבֿר.

כּל זמן מיר האָבן געאַרבעט האָבן די אָנשטרענגונגען און די קליינע דאגות פֿאַרשטעלט פֿון מיר דאָס, וואָס איז געשען. נאָר ווען מיר זענען צוריקגעקומען אויפֿן וואָקזאַל און כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז יעצט וועלן מיר שוין פֿאָרן אָן לערער, אַז קיינמאָל וועל איך שוין מער נישט דערהערן זײַן רויִק באַליבט קול, האָב איך אַזש אַ געשריי געטאָן פֿאַר ווייטאָק. אומזיסט האָט זיך איישאַ באַמיט מיך צו באַרויִקן, פֿאַרזיכערנדיק מיך, אַז איצט איז כורעניטאָ געוואָרן אַ גאָט, אַז זײַן נשמה לעבט אין אַנדערע מענטשן. דאָס זענען אַלץ געווען נאַרישע פּלוידערײַען, וואָס פּאַסן נישט פֿאַר זײַן נאָמען. איך האָב געוווּסט — ער איז געשטאָרבן, אויף אייביק, אויף אייביק, און איך בין געבליבן און האָב אויך קיין שטיוול נישט, און אפֿילו ווען כ'וואָלט יאָ געהאַט, וואָלט איך זיי אויך באַהאַלטן, כ'וואָלט זיך אַליין באַהאַלטן, און וואָלט פֿונדעסטוועגן געלעבט...

פֿון משוגעת האָב איך זיך געוואָרפֿן אויף עפּעס אַ העלדערין און איבערקערנדיק איר בײַדל, געשריגן: „איר פֿאַרשטייט, דער לערער איז געשטאָרבן, געשטאָרבן צוליב אַ פּאָר שטיוול! איך וויל דאָס נישט אויסהאַלטן!“ ווי דער לעזער זעט פֿון דעם בוך, איז

דאָס נישט געווען קיין רעאַלע דראָונג, נישט מער ווי אַ בילד, וואָס האָט אויסגעדריקט די אומענדלעכקייט פון מיין צער.

מ'האָט מיך צעממיתט, אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט אַריין, און אינאָוונט אַרויסגעלאָזט, און מיר זענען אַוועקגעפאָרן אין דער פוסטער מאָסקווער אַריין, אין דער וועלט, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס רעבט פון דרייען זיך, פון יאָגן זיך אָן אַ ציל, אָן אַ ענד...

דאָס פינף און דרייסיקסטע קאַפּיטל

און, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, דאָס נישט נייטיקע

מעגלעך, אַז כ'וואָלט געדאַרפט זיך אָפּשטעלן אויפן לערערס טויט און נישט אָנהייבן דאָס דאָזיקע בלאַט, לאַנגווייליקע קאַפּיטל, וואָס וועט נישט מער זיין באַלייכטן מיט זיין ליכטיקער אָנוועזנ־הייט. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז פאַרן לעזער האָט אַן אינטערעס אַ קורצער איבערבליק איבער דעם, וואָס איז געשען מיט די מענטשן, וועלכע האָבן באַגלייט דעם לערער אויף זיין לעבנסוועג. אַ חוץ דעם, איז דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב געזען אין אייראָפּע, האָט אַזוי אויפגעטרייסלט מיין שוואַכע פאַנטאַזיע, אַז איך האַלט נישט פאַר מעגלעך צו באַהאַלטן דעם פּאַטעטישן און נישט־גלייכגילטיקן צו־שטאַנד, אין וועלכן כ'האָב מיך געפונען איידער כ'האָב גענומען שרייבן דאָס דאָזיקע בוך. דערפאַר האָב איך באַשלאָסן צוקלעפּן צו דעם האַרמאָנישן געביי דאָס נישט־געראָטענע, אָרעמע צובייעכץ פון אַ פינפאונדרייסיקסט און לעצט קאַפּיטל.

ווי איך בין צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, האָב איך צונויפ־גערופן אַלע אונזערע אום מיטצוטיילן זיי וועגן לערערס טויט. מיר האָבן זיך צונויפגענומען אין זיין צימער, און ס'האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז דאָס ליבנסווירדיקע, איראָניזירנדיקע געשטאַלט זיינס פאַרברענגט נאָך אומאויפהערלעך מיט אונז. ביטער האָט געוויינט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש, דערמאָנענדיק זיך זיינע אַלע שמועסן מיטן לערער, די אַלע אַטאַקן פון אומצופרידנקייט, שוואַכקייט, פאַרראַט:

„איך בין אַ שבועה-ברעכער"! האָט ער געשריגן, און יענער באַנ-
דיט — זאָל ער געשטעמפּלט ווערן אַלט „קעניג-מערדער!" מסיע דעלע
האָט נישט געקאָנט רואיק אויסהערן מיין דערציילונג וועגן גרוב
מיטן דרענגל, וואָס איך האָב אַריינגעשלאָגן אין דר'ערד: „אַזאַ
אָרנטלעכער מענטש, מיין שותף, און זאָל באַגראָבן ווערן נאָך ער-
גער, ווי לויט דער זעכצנטער קאַטעגאָריע!... אַ לאַנד פון באַרבאַרן —
דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן זאָגן!"

קלאָגנדיק און וויינענדיק, דערמאָנענדיק זיך די ווערטער
און געוואוינהייטן פון לערער, זענען מיר אַזוי ביסלעכווייז איבער-
געגאַנגען צו דער פראַגע וועגן אונזער צוקונפט. נישט געקוקט
אויף די פאַרשידענע אינטערעסן און באַשעפטיקונגען, האָט דער
עיקר די אָנוועזנהייט פונם לערער אונז פאַרייניקט און צוגעבונדן
צו מאָסקווע. מוסטער קול, הגם ער האָט געהאַט אָנגעקניפּט עפּעס
פאַרבינדונגען, איז פונדעסטוועגן גרייט געווען אויסצוטוישן די קאָט-
לעטן פון אַ „גאַסט פון דער רעפּובליק" אויף וואַטעל'ס אויסטערן
און לאַנגוסטן, וועלכע ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט. מסיע דעלע
האָט אַלע ווײַלע דערמאַנט זיך אָן זיין וואונדערלעך פאָטערלאַנד:
„לאַ בעל, לאַ דוס פראַנס", *) זיזי, לוסי און דאָס אַרבעסל. ערקאָלע
האָט זיך אויך געלאַנגווײליקט אָן דער רוימישער זון, אָן וויין, אָן
דעם שילדל אויף וויאַ-פאַסקודיני. אַלעקסיי ספּיראָדאָנאָוויטש האָט
נאָך קיין שום זאַך אייגנטלעך נישט געבענקט, די ערדישע באַדערפ-
נישן האָט ער פאַראַכטעט, נאָר ער האָט באַגערט אויסצוּוואַנדערן,
כדי צו ראַטעווען די פרייהייט פון גייסט פון די צעשטערער און
פאַרגוואַלטיקער". איך האָב מיך צו זיינע הויכן נישט געקאָנט
דערהייבן, איז פאַר מיר אַלס גרעסטע לאָקעניש געבליבן אַ טעפּל
געמיינע קאַווע מיט בייליקן „מאַר" אויף דער טעראַסע פון מיין אומ-
פאַרגעסלעכער „ראָטאָנדע". נאָר אַ אידעישע סבה האָב איך געהאַט
וואָס האָט מיך באַוואויגן אומצוקער'ן זיך מיט חשק קיין אייראָפּע.
נישט געקוקט אויף דעם ענגן עגאָיזם און דעם איבערגעוויכט פון
די חיהשע אינסטינקטן, האָב איך געפילט מיין חוב פאַר דער-

---

*) דאָס שיינע, זיסע פראַנקרייך — דער איב.

מענטשהייט—האָט דאָך מיר דער לערער באַפוילן אָנצושרייבן די געשיכטע פון זיין געהיימניספול און באַלערנדיק לעבן. שרייבן אין מאָסקווע אָדער בכלל אין רוסלאַנד איז געווען אויסערגעווייגלעך שווער—אַ סך צייט האָבן פאַרנומען, אויב נישט די קראָליקעס אליין, איז די קאָמיסיעס וועגן זיי, דאָס אַרויסבאַקומען פאַרשידענע פאַיאָקעס און דאָס אויפזוכן אויף געהיימע פלעצער אַ פערטל פונט טאַבאַק. אַפילו פּאַפּיר באַקומען אויף אַזאַ גרויסע אַרבעט איז אויך געווען נישט פון די לייכטע זאַכן. אַחוץ דעם בין איך אָפּגעפּאַלן פון די כחות און מיט מי איז מיר אָנגעקומען צו קאָנצענטרירן זיך אויף דעם לערערס האַרבע פּראָבלעמען. און ענדלעך די אַטמאָספערע פון דער געשיכטע אין איר שאַפן זיך; וואָס איז געווען אַרום מיר, האָט ווייניק געקאָנט געבן די רואיקייט און שטילקייט, וואָס איז נויטיק פאַר אַ כראָניק-שרייבער. איך האָב געוואוסט, אַז ס'איז געגנוג בלויז אַריינצופאַלן אין „ראָטאָנדע" אַריין, אויסטרינקען עטלעכע גלעזלעך, אַ געשריי טאָן: „גאַרסאָן, דע קוא עקריר!"*) און תיכף זאָל די פלינקע האַנט נעמען אַרויסטראָגן אויף די מיט קאַווע באַשפריצטע פּאַפּיר-זייטלעך די הייליקע נביאות פונם לערער. וואָס ס'איז שייך איישען, איז ער נאָכן פאַרלירן זיין האַר, אַ פאַר'יתומטער און הילפלאָזער, גרייט געווען צו גיין נאָך אונז, אַלצאיינס וואוהין.

און אַזוי האָבן מיר אַלע, אַריינגעפירט דורכן לערער אינם גן-עדן פון דער רעוואָלוציע, איצט געלעכצט זיך אומצוקערן אין געמיטלעכן גהינם אַריין, אָדער אויב די דאָזיקע באַצייכענונג איז ניט גאָר שכלדיק — איז אין דעם נישט-דורכגעלויפטערטן גן-עדן אַריין, אָבער אויספירן דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, נאָר צום גליק האָט זיך אויך שמידט נעקליבן קיין אויסלאַנד, וואָס אַן אמת, צוליב באַזונדערע פאַר אונז באַהאַלטענע סבות. מיט זיין הילף האָבן מיר באַקומען פּעסער, און מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר שוין אין אַ גוטן היגן רעסטאָראַן זיך געקוויקט מיט פעטע שווייגען-קאָטלעטן, מיט איינעם נאָכן צווייטן; אַלע, אַפילו

*) „קעלנער, טינט און פעדערן"—ד. איב.

מסיע דעלע, האָבן מיר פאַרלוירן דאָס מינדסטע געפיל פון מאָס־
אונזערע גומענס, און אויך פון צענדליקער אַנדערע אַרומ־
האָבן געאַרבעט קלינגנדיק, סאָלידאַר, פייערלעך. די פאַרשלאָפענע
מוזיקאַנטן האָבן ערלעך צוגעשפּילט: „פוּפכען". מיסטער קול האָט
מיט אַ מאַך מיט דער האַנט צוגערופן צו זיך, ווי אַ הינטל, אַ באַ־
שיידענע בתולה, געגעבן איר אַ דאָלאַר און באַקומען אַלץ, וואָס
ער האָט דערפאַר געדאַרפט באַקומען. מסיע דעלע, וועלכער האָט
זיך דערווייל פאַנאַנדערגעשמועסט מיט די שכנים אויף פּאָליטישע
טעמעס, איז געווען גערירט דערפון, וואָס דייטשלאַנד האָט אַרויס־
געגעבן די פאַרבינדעטע מילך־קי און ער האָט געשעפּטשעט: „די
גערעכטיקייט האָט געזיגט!" דאָס איז געווען אַן אָוונט פון באַ־
גייסטערונג און פון פאַרברידערונג, פון ברייטע ווייכע אומאַרמונגען,
געעפנטע אויף אויפצונעמען דעם זון, וואָס איז אַרויס לתרבות
רעה. אונזערע אַלעמענס געפילן האָט גוט אויסגעדריקט מיסטער
קול, וועלכער האָט אויפגעהויבן אַ באָקאַל מיט פאַלשן שאַמפּאַנער:
„פרייַנט, פאַר דער זיגערישער רעוואָלוציע!"

פון גערירטקייט בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן זיך
אָפקילן. אָט איז זי, די קלוגע, אייביק־וואונדערש׳ינע אייראָפּע!
צאַרטערהייט האָט זיך איינגעשטילט דאָס שאַמקען מיט די גומענס,
דער טומלדיקער „פוּפכען" און דאָס טשמאָקעריי מיט די ליפּן.
אַלצדינג האָט איינגעהילט אַ מאַיעסטעטיש כראַפּען, מיט אַ צו־פּיי־
פעריי, אונטערבורטשעריי און סאָפּעריי. מסיע דעלע, ריגע, אייראָ־
פּע, זענען נאָכן אָפּעסן און נאָכן אָפּוואַלגערן זיך אויפן חתונה־
געלעגער, נאָכן פאַרדינען דאָס טעגלעכע ברויט און נאָכן פּרווון
אָפּנעמען דאָס ברויט ביי אַ צווייטן, וואָרים „לא על הלחם לבדו
יחיה האדם" — אַלץ איז פרידלעך געשלאָפן. איך בין שוין אינ־
גאַנצן גערירט געוואָרן און אָנגעהויבן זינגען: „באַיו—באַיושקי—
באַיו", נאָר כ׳האָב צו הויך זיך צעזונגען. ס׳איז געקומען דער
קעלנער און מיך געבעטן איך זאָל איבעררייסן די דאָזיקע מלאכה,
וואָרים איך שטער די רואיקייט פון אַלע צוואַנציק קאַבינעטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן די ריינדע גע־
זעגענישן, טרערן, צוזאָגן צו שיקן אַנזיכטס־קאַרטלעך. וואָס אַן

אמת, דאָס אַרויספּאָרן איז אָנגעקומען נישט אַזוי פּשוט, צוליב דעם
וואָס פאַר אונזער אָפּוועזנהייט איז אייראָפּע רייכער געוואָרן מיט
אַן אינסטיטוט, הגם אַ ביסל אַ באַשווערנדיקן, אָבער דאָך אַ שׂכל=
דיקן, — מיט וויזעס. באמת האָבן דאָך שוין לאַנג עקזיסטירט קיי=
טעלעך אויף די טירן, שטרענגע לאַקייען — און גוט=שטודירטע
וויזיט=קאַרטן. אויב אַזאַ פּאָרזיכטיקייט ווייזט אַרויס אַ פּשוטער ביר=
גער, הייגס וואָס פאַר אַ שטות וואָלט עס געווען מצד אַ מלוכה
אַריינצולאָזן צו זיך אין די טויערן פרעמדע, איידער מ׳קוקט זיי
געגוי אַרום, צי זיי האָבן סימפּאַטישע פיזיאָנאָמיעס, פאַסיקע אי=
בערצייגונגען און געגוג=גראָבע טייסטערס. אַ דאַנק דער דאָזיקער
איינפירונג זענען מיר אַרויסגעפאָרן נישט צוזאַמען, נאָר איינציק=
וייז, באַשטעטיקנדיק דערמיט די ריכטיקייט פון דער נאַציאָנאַלי=
טעטן=היעראַרכיע.

אין ערשטן קלאַס האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיך געפונען
מיסטער קול און מסיע דעלע, און ווען אַלע זענען שוין געווען
אָפּגעפאָרן, בין איך נאָך מיט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן אין משך
פון לאַנגע שעהן אָפּגעשטאַנען אין די קאָנסולאַטן פון די גרויסע
און קליינע מלוכות. נאָר מיר האָבן אַליין פאַרשטאַנען די ריכטי=
קייט פון דער דאָזיקער איינטיילונג, און אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש
האָט אויף דער פראַגע וועגן בירגערשאַפט געענטפערט, ווי ער
וואָלט געבעטן מ׳זאָל אים מוחל זיין, מיט אַן אומבאַשטימטער
האַנט=באַוועגונג: — „איר ווייסט דאָך... אַ געוויס לאַנד... אויף
מזרח פון אייראָפּע...”

אָבער נישט קיין נקמה, נאָר באַרמהערציקייט האָט געהערשט
אין די קולטורעלע מלוכות און אָפּוואַרטנדיק הכנעהדיק די געהערי=
קע צייט, האָבן אַפילו מיר די וויזעס באַקומען. דריקנדיק די האַנט
דעם לאַקיי פון קאָנסולאַט, וועלכער האָט אין משך פון חודש באַ=
וויזן זיך צוגעוואוינען צו מיר, ווי צו אַ חפץ, האָב איך זיך נאָך
אַמאָל פאַרגויגט פאַר דער וואונדערלעכער טשינבאַרע, וואָס האָט
אויפגענומען אויף איר שויס דעם דעמבן=בלאַט, כ׳האָב אַפילו גע=
וואָלט דערציילן וועגן דעם דעם לאַקיי, נאָר כ׳האָב זיך דערמאָנט,

אַז דאָס לאַנד פון ראָמאַנסאָרן ליבט נישט קיין באַרבאַרישע פּאָעטן, און בין שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען.

הייסט עס, דער קרייז איז דורכגעמאַכט — איך פאָר אין דעם טייערן צוריק־געוואונענעם פּאַריז.

די גאַנצע רייזע איז נאָך די לאַנגע יאָרן פון מלחמה און רעוואָלוציע געווען פאַר מיר איין אומאויפהערלעכע דעמאָנסטראַציע, אַז געזיגט האָבן פרידן, אָרדנונג, קלאָרער שכל און ציוויליזאַציע.

אַ וואָך האָב איך פאַרברענגט אין דעם גאַסט־פריינטלעכן קאָפּענהאַגן, און הגם צוליב מיין ניכטערן כאַראַקטער האָב איך די מיסטישקייט זיינע, וועלכע באַנג באַזינגט, נישט באַמערקט, נאָר דערפאַר בין איך גערירט געוואָרן פון די רייכע שוי־פענסטער און פון דער שפע פון עסנווואַרג. די מענטשן, וואָס כ׳האָב באַגעגנט אויף די גאַסן, זענען אַלע געווען דיק, רויט, פריילעך. נאָך די מאָסקווער מאַטערנישן האָב איך געפילט אַ רירנדיקן פּיעטעט פאַר יעדן קיילעכדיקן בייכל, וואָס האָט זיך אַזוי צום טאַקט געוויגט אונטער דעם געמיטלעכן וועסטל. אין קאַפע „טיוואָלי" האָב איך געזען, ווי אַ קעלנער האָט, אָנגיסנדיק זיך אַ טעפּל קאַווע, פריער דורכגעשווענקט זי מיט אַ פּעטער, געדיכטער שמיטאַנקע. כ׳בין אַפילו איפגעשטאַנען, אַזוי טיף האָט מיך גערירט דער אויסערגעוויינלעכער פאַקט. ערגעץ־וואו דאָרט אין ווין צי אין פּעטערבורג שטאַרבן איצט טויזנטער קינדער צוליב מאַנגל אין אַ טראָפּן מילך, און דאָ פליסט עס, ווי אין אַרקאַדיען. דאָ האָט מען קיין רעוואָלוציעס נישט געמאַכט, מ׳האָט זיך נישט געמיט איבערצואַנדערשן די וועלט, נאָר מ׳האָט ערלעך געהאַנדלט, דורכגעפירט געזעצן אין ריקסדאַג און געפּאַשעט די קי. ס׳אַרא באַלערנדע געשיכטע פאַר אונזערע קינדער וועגן די צוויי יינגלעך: אַן אָרנטלעכן און אַ לאָבוס! צי קאָן מען דען נאָך דעם נישט אויסשרייען מיט פאַרביסנקייט: אַוועק מיט די העלדן, פירער, פּאָעטן, רעוואָלוציאָנערן, משוגעים פון אַלערליי קאָלירן, — זאָל לעבן דער ערלעכער סוחר!

אין לאָנדאָן בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, ווי אין אַ קלויסטער, אויף די שפּיץ נעגל און אָן אַ קאַפּעלוש: כ׳האָב מיך

ווידער געפֿונען אין דעם אוראַלטן לאַנד פֿון רעכט, פֿרײַהייט, אומבאַרירלעכער פּערזענלעכקייט, אין דעם לאַנד פֿון „האַבעאַס קאָרפּוס". ס'אַראַ ווירדע, ס'אַראַ אומאָפּהענגיקייט אויף די שטאָלצע פּנימער אַפֿילו פֿון די דראָבנע קלערקן אין סיטי! כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי די ענגלישע פּאָליסלייט האָבן געשלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ פֿון די באַטומער איינוואוינער, וואָס האָבן אָנגערירט די פּאַרעפּנטלעכע געזעצן. איצט אין לאָנדאָן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז שולדיק זענען די אומקולטורעלע רוסן, גרוזינער, טערקן, וואָס האָבן נישט פֿאַרדינט קיין „האַבעאַס קאָרפּוס" און זענען ווערט געווען דאָס טיף־דערציערישע בײַטשן־שטעקעלע.

מײַן ענטוזיאַזם האָט דערגרייכט זײַן העכסטע שטופּע, ווען כ'האָב ענדלעך דערזען דעם טײַערן מאָנפּאַרנאַס און די „ראָטאָנדע". הגם די מדות אירע האָבן זיך געביטן, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מענטשן אין די יאָרן שוין, דאָך האָב איך זיך ווידער דערפֿילט אין אַ היימישער נעסט. צו־וואָס האָט דאָס געטויגט חלומען, בענקן, אַרומוואַלגערן זיך, אום דערנאָך אומקערן זיך צוריק צום קײַלעכדיקן טישל מיטן בערגל טעצעלעך? נאָר דאָ האָב איך מיט אַ באַזונדערער קראַפֿט דערפֿילט דעם זיך נישט אומקערנדן פֿאַרלוסט. ווי אַזוי האָב איך אָן ל ע ר ע ר געקאָנט צוגעבן אַ וועלכן ס'איז זין אָט דעם גלעזל, דער שטאָט, דעם גאַנצן לעבן דאָ? אָנשטאָט אַ האַרמאָניש בילד האָבן מיר זיך פֿאַר די אויגן געפּלאָנטערט די בונטע פּינטלעך פֿון די פּוענטאַליסטן,*) שאַפֿנדיק פֿונדערווײַטנס די אילוזיע פֿון אַ זעונג, אָבער נישט געבנדיק קיין ממשותדיקן אָנשפּאַר.

דער ליבער פּאַריז איז נאָך אַלץ געווען דער אייגענער. די ליכטער פֿון די רעקלאַמעס און קאַפֿעען האָבן געבלענדט, ווי געטרײַע האַפֿן־לאַמטערנעס, וואָס ווערן געצונדן דורך דער וואַכער האַנט פֿון וועכטער. ס'האָבן געפֿלאָסן די רובין־קאָלירענע און שמאַראַגד־פֿינקלדיקע אַפּערעטיווון, די דעפּוטאַטן האָבן, זיך העלדיש אָנשט־ענגנדיק, אומגעוואָרפֿן מיניסטאָרן־קאַבינעטן, פּאָעטן האָבן געשריבן פֿאַרוואורפֿסלאָזע לידער וועגן בריסטן און היפֿטן, אין קלײנינקע זשורנאַלעכלעך האָבן רעוואָלוציאָנערן איינמאָל אין

*) אַ ריכטונג אין דער מאָלערײַ.

וואָך געשטורעמט די, איבעריקנס צו דעם גאַנץ גלייכגילטיקע, רעגי־ר.נג, און די באַאַמטע פון די לייַ־קאַסעס האָבן אין די פּאָרזיכטיק באַוואָרנטע ביכלעך אַרייַנגעטראָגן פרישע נולן.

אָבער אַ סך זאַכן זענען אויך צוגעקומען נייע — מאַנסלייט האָבן זיך געצאַצקעט מיט זייערע אָנצוגן, צונויפגעצויגן אין דער טאַליע, מיט ברוסטן און אונטנס, פּאַסיקע גיכער פאַרן צווייטן גע־שלעכט, דאָס האָט זיך דערקלערט מיט דער מאָדע אויף ליבע אַביסל אַ פאַרקערטער פון דער אַלגעמיין־אָנגענומענער. אין קאַבאַ־רעט און אין די סאַלאָנען האָט מען געטאַנצט דעם נייעם טאַנץ „פאָקס־טראָט“, וואָס איז געשטיצט אויף אַסאָציאַטיווע חיגונגען. ענדלעך האָבן די צייטונגען איינגעפירט אַ נייען, פריער אומבאַ־קאַנטן, גאַנץ גאַנגבאַרן ספּאָרט־קאָנקורס אויף מאַרשאַלן.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מיין אָנקומען בין איך איני־גאַנצן צעטומלט געוואָרן פון דעם באמת וואונדערלעכן בילד, וואָס כ'האָב געזען. ס'איז דערקלערט געווען אַ מעטש צווישן צוויי באַ־רימטע באָקסערס, אַ פראַנצויז און אַ ענגלענדער. פּאַריז — די הויפּט־שטאָט פון דער וועלט, און נאָך איר אַלע שטעט פון אייראָפּא און אַמעריקא, האָבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט אויפן אויסגאַנג. צוזאַמען מיט אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטשן בין איך אַוועק אָנקוקן דעם דאָזיקן גרויסן דועל. אויף דער אַרענע זענען אַרויס צוויי זייער געזונטע, גרויסע מענטשן. אַלע זענען פאַרשטאָרבן געוואָרן, פאַרשטייענדיג, אַז איצט וועט באַשלאָסן דער גורל פון דער וועלט.

תחילת דערלאַנגט דער ענגלענדער, אַ צעיאַכמערטער, מיטן גאַנצן כח אַ זעץ דעם פראַנצויז איבערן פנים, ער האָט אים אויס־געהאַקט אַ צאָן און צעבלוטיקט... אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש זיפצט: „גאָט וואָס טוען זיי! דאָס פנים! דעם צלם אלהים!... איך קאָן נישט!“ נאָכן אָנלייענען זיך מיט טאָלסטאָיען האָט ער, דער אָרעמער, אויפגעהערט צו פאַרשטיין די שיינקייט פון מלחמה, פון מלוכה־קראַפט, פון קונסט, פון באָקס, מיט איין וואָרט, דאָס אַלץ, מיט וואָס דער מענטש אונטערשייד זיך פון אַ חעלכער ס'איז שאָף. איך בין פאַרכאַפּט פון דער שלאַכט און איך קריג זיך נישט מיט אים, די קלעפּ שיטן זיך איינער נאָכן אַנדערן. וועגן יעדן פון זיי מעל־

דעם תיכּף צו ראַדיאָ-סטאַציע איבער דער גאַנצער וועלט. אויף ד
פּלעצער פון לאָנדאָן ניו-יאָרק, פאַר די גיגאַנטישע עקראַנען שטייען
מאַסן און דיסקוטירן וועגן דער וואָג און באַדייטונג פון דער פויסט,
וואָס האָט אויסגעהאַקט דעם צאָן. ס'ווערן געשלאָסן געוועטן אויף
מיליאָנען דאָלאַרן און פונטן. אויף דער שיף „טורבאַניאַ" אין
שטילן אָקעאַן שטויסן זיך די פּאַסאַזשירן ביים פונקן-אָפּנעמער,
אויפגערעגטע דערפון, וואָס דער פראַנצויז האָט שוין געכאַפּט דעם
צווייטן זעץ אין גאָמבע אַריין. איך ווייס, אַז איך געפין זיך איצט
אין צענטער פון דער אַל-וועלט. נאָר אָט טוט דער פראַנצויז אַ נעם
צונויף די כּחות און מיט דער גאַנצער קראַפט גיט ער אַ זעץ דעם
ענגלענדער אין נאָז. בלוט רינט. דאָס גרויסע קינד פאַלט אויף
דער ערד. קנאָק אָוט. „וויוו לאַ פראַנס!" איך לויף אַרויס אויפן
פּלאַץ. וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג! אילומינאַציעס זענען געצונדן.
איבער פּאַריז פליען דריי אַעראָפּלאַנען, וואָס וואַרפן פאַנאַנדער
בילעטענען וועגן נצחון. טראָמפּייטן בלאָזן, פרויען וואַרפן בלומען.
אָט איז אַן אמתער יום-טוב פון נאַציאָנאַלער אייגנליבע, וואָס איז
גרינדלעך באַפרידיקט געוואָרן!

דער באָקס-אָוונט האָט מיך שוין, נאָך די אַלע אַטנציקונגען,
וואָס כ'האָב איבערגעשיקט אין די פריערדיקע טעג, אינגאַנצן באַ-
טויבט און פאַרשיכּורט. כ'האָב פאַרלוירן די גייסטיקע רו. כ'האָב ווי-
דער געהאַט וויזיעס, משוגע-געוועזן, גרייט געווען יעדע מינוט
אַנידערצופאַלן אויפן ברוק און קושן די אַלטע, גרויע, ליבע
שטיינער. דעמאָלט האָבן אומבאַקאַנטע פריינט מיינע באַשלאָסן מיך
צו ראַטעווען. ווער זיי זאָלן נישט זיין — ווייס איך איינס: אַ גע-
פיל פון ליבשאַפט צו דער מענטשהייט, צו דער רוסישער דיכטונג,
צו מיר האָט געפירט מיט זיי, און איך וועל דערמאָנען די דאָזיקע
געהיימניספולע וואוילטעטער כּל זמן דעם מענטשן איז געגעבן צו
לעבן און געדענקען. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איך בין שוואַך
אויפן קערפּער און אויפן גייסט, אַז איך נויטיק מיך אין רו, אין
ריינע לופט און זיי האָבן מיר פאַרגעלייגט תּיכּף אַריבערצופאָרן
אין אַנדערע לענדער.

כ'בין צוועק אין דעם גאַסטפריינטלעכן בעלגיען אַ[illegible], אַ בי-

זיך, נאָכן אָפּקילן זיך פון דער שפע איינדריקן, צוגעטרעטן צו דער אַרבעט, וואָס דער לערער האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט. נאָר איידער כ'וועל באַשרייבן מיין לעבן פאַר די דאָזיגע חדשים, דאַרף איך דערציילן אַלץ, וואָס איז מיר באַוואוסט וועגן דעם גורל פון מיינע פריינט — די תּלמידים פון כוליאַ כורעניטאַ.

מיסטער קול דינגט זיך נאָך אַלץ מיט די פאַרשטייער פון רוסלאַנד. אַ חוץ דעם באַמיט ער זיך צו פאַרזיכערן דעם מענטשהייט אַ דויערנדיקן שלום. שוין פון אַן אַלטערטימלעך ווערטל איז באַקאַנט, אַז צו דעם צוועק דאַרף מען זיך גרייטן צו אַ מלחמה, מיסטער קול, אַלס באַדייטנדיקער הומאַניסט פון אונזער צייטאַלטער, פילט דאָס אויס מיט דער פאַר אים געוויינלעכער ענערגיע. זיינע אויפסניי געלאָזטע באַוועגונג פאַבריקן און שוץ-וואַרשטאַטן אַרבעטן מיט אַ טאָפּעלער אינטענסיוויטעט, ווי אין די טעג פון מלחמה. אַלע ערפינדונגען, וואָס דער לערער האָט געמאַכט אין די יאָרן 1915—16, זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. נאָר מיסטער קול פאַרגעסט אויך נישט גלייכצייטיק אָן די ריין-עטישע אויפגאַבן — ער שרייבט טראַקטאַטן וועגן די מעלות פון פרידן לגבי קריג און אַרבעט-מיט אין „פעלקער-בונד”.

איך האַלט זיין טעטיקייט פאַר אַ גאַראַנטיע פון דערפאָלג און פרידלעכער אויפבליאונג. נישט אָן זיין מיטווירקונג איז דייטשלאַנד ענדגילטיק אַנטוואָפנט געוואָרן, און, פאַרשטייט זיך, איר ביישפּיל וועלן נאָכטאָן די איבעריקע גרויס-מאַכטן. צוליב עפּעס דאָרט אַ סבה קומען פאָר אין אייראָפּע פאַרשידענע מאָביליזאַציעס, און עפּעס — האַלב-ווילדע דאָרט הערן נישט אויף אין שלעזיען, אינגלאַנד, אין טערקיי און אין אַנדערע ערטער צו גיין מיט די אַלטמאָדישע וועגן, נישט פאַרשטייענדיק די איבעריקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען.

מיסטער קול שרייבט מיר: „איך בין גליקלעך. די רעליגיע פאַרפעסטיקט זיך. דער דאָלאַר איז פעסט. מיין באַלעבאַטישקייט בליט. אויף די קוילן, וואָס מיינע פאַבריקן אַרבעטן אויס, איז דאָ אַ מאַרקע — אַ פאַלמען-צווייגל פון פרידן. זיי וועלן נאָך פאַרנאַ-

דערטראָגן אַמאָל די גוטע בשורה איבער אַלע לענדער, אינזלען און וועלט־טיילן״.

נישט ערגער פאַר אים לעבט אויך מסיע דעלע. גאַנץ גיך איז ער געקומען צו זיך נאָך די איבערגעלעבטע אויפטרייסלונגען. און, נישט באַנייענדיק מער די טעטיקייט פון „נעקראָפּאָל״, האָט ער זיך געשטעלט בראש פון אַ ביוראָ, וואָס אָרגאַניזירט עקסקורסיעס צו די ערטער, וואו עס זענען נישט לאַנג פאָרגעקומען שלאַכטן, אונטערן טיטל: „וועני־ווידי־וויצי!״ פיל אַמעריקאַנער, ענגלענדער און אַפילו פראַנצויזען פון ביידע געשלעכטער, וואָס האָבן גאַנץ זאָרגפעלטיק מיט עטלעכע יאָר צוריק אויסגעמיטן די נאָנטקייט פון פראָנט, האָבן זיך איצט באַטראַכט און ווייזן אַרויס צו אים דעם לעבעדיקסטן אינטערעס. אויף צפון־פראַנקרייך געפינט זיך אַ ברייטער פאַס ערד, פולשטענדיג חרוב פון די שלאַכטן, מיט רעשטלעך פון פאַרפעסטיקונגען, מיט אַן אשיר דראָט־פאַרצוימונגען, מיט וועלדער פון צלמים, און אין נעבעכדיקע באַראַקן וואַלגערן זיך דאָרטן חרוב־געוואָרענע, אומגליקליכע איינוואוינער. מסיע דעלע האָט מיטן אויג אָפּגעשאַצט די הויך־פּאַטריאָטישע און קאָמערציאָנעלע באַדייטונג פון אַזעלכע עקסקורסיעס. מענער און דאַמען אין קאָמפאָרטאַבעלע אויטאָמאָבילן פאָרן אַרויס פון פּאַריז. אין ווערדען באַקוקן זיי די חורבות און די בית־עולמס און עסן אָפּ אַ גוטן פרישטיק. דערנאָך פאָרן זיי ווייטער, אין די ערטער, וואו עס זענען פאָרגעקומען די באַזונדערס גרויזאַמע שלאַכטן, האָט מסיע דעלע איינגעאָרדנט נישט קיין גרויסע קאַפּעצן, דאָרט קאָן מען אויסטרינקען קאַלטן אָראַנזשאַד און צוועקשיקן צו פריינט אַן אַנזיכטס־קאַרטל פון דער מדבר ווייטער־מיטאָג אין ריימס. ס׳ווערן פאַרקויפט שטיקלעך האַרמאַטן־קוילן אַלס אָנדענק, און מ׳קערט זיך רואיק אום אַהיים.

„מיין פריינט,״ שרייבט ער מיר, „כ׳האָב ווידער דערפילט דעם טעם — פון לעבן. איך טו נישט בלויז אַ געשעפטס־זאַך, עס איז די גרויסע עובֿדה פון פּראָפּאַגאַנדירן העראָאישקייט און נצחון. מיין הייזל איז גאַנץ און מ׳דאַרף עס נישט מער, ווי אַביסל פאַרריכטן. פאַר אַ באַלעבאָסטע האָב איך מיר גענומען גאָר אַ יונגינקע

מיידעלע, פריילן גאַבריעל פון אַרקאָשאָן. באַדויערט מיך נישט — איך בין נאָך מונטער, און—נישט געקוקט אויף מיינע פינף צענדליך— נאָך פול מיט חשק!... „אָ, ווי שרעקלעך איז דאָס לעבן!״ האָט אויסגערופן דער קעניג עדיפּ (פריילן גאַבריעל האָט מיך לכבוד איר געבורטס־טאָג געפירט נעכטן אין אָוונט אין „קאָמעדי פראַנסעז״ — זי איז אַן ערגסטער מענטש אָבער זי ווייס אויך עפּעס אַנדערש). דאַגעגן איך וויל אויסשרייבן: „ווי וואונדערלעך־שיין איז דאָס לעבן!״

ווייניקער ליבנסווירדיק איז דער גורל געוועזן לגבי ערקאָלען. נאָך אין ריגע איז ער אַרעסטירט געוואָרן, ווייל אַריינקומענדיק אין אַן ערשטקלאַסיקן רעסטאָראַן און אָנעסנדיק זיך ווי ס׳געהער צו זיין, האָט ער, פאַרשטייט זיך, די רעכנונג נישט באַצאָלט, און ווען ער האָט דערנאָך געדראָט, אַז תיכף וועט ער דאָ אויפן אָרט אין רעסטאָראַן איינאָרדנען אַזאַ „סאָוויעטאָ״, אַז די טישן וועלן אַזש נעמען אַנטלויפן, דעמאָלט ערשט האָט מען אים אַרויסגעלאָזט. נאָר נישט לאַנג האָב איך אין דער צייטונג „דזשאָרנאַלע ד־איטאַליאַ״ איבערגעלייענט, אַז אין רוים אויף וויאַ־פּאַסקודיני איז בעת אַ צוזאַמענשטויס צווישן סאָציאַליסטן און פאַשיסטן פאַרהאַלטן געוואָרן אַ געוויסער ערקאָלע באַסבוטשי, וועלכער האָט געשאָסן אַזוי אין די ערשטע ווי אין די צווייטע און אויף דער אויספאָרשונג האָט ער ערקלערט, אַז ער סימפּאַטיזירט מיטביידע גלייך, נאָר מער פון אַלץ האָט ער ליב אויף דער וועלט אומאָרדנונג און בענגאַלישע פייערווערק.

וועגן שמידטן ווייס איך אויך בלויז פון די צייטונגען—דורך דער דייטשער פּאָליציי איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן בעת דעם לעצטן נישט־געלונגענעם פּוטש.

איישאַ פאַרנעמט אַ געגוג אייגנאַרטיקן אַמט, דהיינו, מאַדאַם זשאַב, די פרוי פון אַ ליפעראַנט, וואָס איז רייך געוואָרן בעת דער מלחמה, האָט אים געדונגען אַלס גוווערנער צו איר געליבט הינטל, דעם בריסעלער שפּיץ, וואָס רופט זיך „וויקטואַר״. איישאַ דאַרף דערציען אין אים ליבשאַפט צו אָרדנונג, פירן אים שפּאַצירן,ריי־

ניקן אים מיט אַ צײַן־בערשטל די צײַן און באָדן אין בראָנטע־בעדער, אַרום „וויקטאָר” ליידט אויף דער קרענק אישיאַס.

מאַדאַם זשאַב איז נישט לאַנג געקומען קיין אָסטענדע, און איך האָב געזען אײַשאַן. ער באַציט זיך צו זײַן אַרבעט מיט דעם זעלבן אײַפֿער, מיט וועלכן ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געאַרבעט אין דער אונטער־קאָמיסיע פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע. אַ באַגײַסטערטער האָט ער מיר געוויזן די ספּעציעלע הינטישע קאַלאָשן, וואָס מ׳טוט אָן „וויקטאָרן” אין אַ פֿײַכטן וועטער. איך האָב פֿולשטענדיק פֿאַרשטאַנען זײַנע געפֿילן. קאָן מען דען נאָך די דאָזיקע קאַלאָשן אָפּלייקענען דעם פּראָגרעס פֿון דער וועלט? די סקעפּטיקער וועלן זאָגן, אַז די קינדער פֿון אַ סך אַרבעטסלאָזע האָבן נישט קיין גאַנצע פּאָר שיכלעך. אַ גראַדליניקער, טעמפּער געדאַנק, וואָס פֿאַרדינט נישט קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט. וויכטיק איז נישט די קוואַליטעט, נאָר די קוואַנטיטעט. באָרוועסע קינדער זענען געווען און וועלן זײַן, אָבער צי זענען דען אין די פֿינסטערע מיטלאַלטערלעכע צײַטן געווען הינטישע קאַלאָשן און גוווערנערן? מיר באַוועגן זיך פֿאָרויס!

אַן ערגערן גורל האָט געהאַט דער אָרעמער אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש. מיט אַן אָפֿן האַרץ האָט ער זיך געוואָרפֿן צו די רוסישע עמיגראַנטן, נאָר דאָרט האָט מען אים אויפֿגענומען ווײַט נישט פֿרײַנטלעך. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַ סך הינזיכטן איז ער זיך אַליין שולדיק. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט ער גענומען דערציילן די געשיכטע פֿון זײַן לעבן פֿאַר אַ בכּבֿודיקן אַקאַדעמיקער, נאָר דער האָט אים גלײַך צוטומלט מיט דער פֿראַגע — „דאָס זענען אַלץ קליינלעכע אײַנצלהייטן, אָט דערציילט אונדז בעסער ווי אַזוי די קאָמוניסטן קאָכן אין באָרשט פֿינגערלעך פֿון קליינע קינדער?” אַלעקסיי ספּיראָדאָנאָוויטש האָט געענטפֿערט, אַז הגם די באָלשעוויקעס זענען טאַקע באַרבאַרן, והא ראיה זיי האָבן אים פֿאַרבאָטן צו לייענען טשעכאָוו פֿאַר די קורסאַנטן, נאָר מכּוח דעם באָרשט הערט ער דאָס ערשטע מאָל און קיין שום גענויע פּרטים קאָן ער וועגן דעם נישט געבן. דער אַקאַדעמיקער האָט זיך צעבייזערט: „און ערלויבט מיר געוואויר צו ווערן, פֿון וועלכן גלויבן זענט איר?” „פֿון פּראַוואָסלאַוונעם”. „און פֿון וועלכן שטאַנד?” „פֿון אַדעליקן”. דאָס האָט

שוין אויסגעזען צו זיין איבגאַנצן אומוואַרשיינלעך, און אַלס ענטפער איז געקומען אַ לאַנגע שמייכל־גרימאַסע אויף די ליפּן, וואָס פּאַסט פאַר די בעסטע פון די אַקאַדעמיקעס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין איינער פון די עמיגראַנטישע צייטונגען געווען אָפּגעדרוקט, אַז דער באָלשעוויק טישין איז געווען אַ קאָמיסאַר פון דער טשערזוויטשייקע אין סאַמאַרקאַנד, וואו ער האָט מיט צוקער־צווענגלעך געפּייניקט די אָרטיקע קרעמער. אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט אַן איפּגערעגטער תּיכּף אָנגעשריבן אַ „בריוו אין רעדאַקציע״, נאָר פון גרויס צעטומלטקייט האָט ער פאַרמישט די אָרטאָגראַפיעס. באַכן איבערלייענען דעם בריוו האָט שוין דער רעדאַקטאָר ענדגילטיק געגלויבט אין דעם, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט אויסגעקלערט.

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש איז געווען געצוואונגען זיך אויסאויבאַהאַלטן. נישט קוקנדיק אויף דעם האָט ער געחלשט צו פאַרברענגען מיט די ערלעכע רוסישע עמיגראַנטן פון דער גרופּע „די שעה דערנעענטערט זיך״. אַן אויסגעפּרוווטער, האָט ער שוין מער געגבן באָרשט נישט פּראָטעסטירט, פאַרקערט, ער האָט נאָך אָנגעגעבן פאַרשידענע אופנים, ווי אַזוי אים צורעכט צו מאַכן. איבעריקנס, זענען די עמיגראַנטן, וואָס זענען באַשטאַנען פון דעמאָקראַטישע שוואַרץ־מאַהניקעס און מאָנאַרכיסטישע סאָציאַליסטן, געווען זייער פאַרנומען און האָבן נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין סך צייט פאַר אינטימען עסן.

אין די פרימאָרגנס האָבן זיי אָפּגעריכט לאַנגע הזכּרות נאָך די געקרוינטע פּערזענלעכקייטן. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען צו די סים־פּאַטישע רומענער אָדער פּאָליאַקן און זיי באַווייזן די נויטיקייט תּיכּף צו פאַרניכטן אַלע באָלשעוויקעס, צווישן וועלכע עס געפינט זיך נישט קיין איין רוסישער. אין אָוונט, נאָכן איבערלייענען אין צייטונג, אַז די יאַפּאַנער האָבן דערהרגעט אַ רוס, האָבן זיי געשפּעטשעט — „מסתמא אַ באָלשעוויק״ און זענען געווען געטרייסט. און ביינאַכט האָבן זיי מיטאָם געגעסן „קאַוויאַר־רייס״ *) און געטרונ־

---

*) רוסישע [illegible] — ד. איב.

קען שאַמפּאַניער פאַר דער קומענדיקער „אויפלעבונג", פאַר דעם באַשיידענעם אָבער ערלעכן לובה־בויער דעם סטראַזשניק.

אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש האָט זיך נישט גאָר גוט געפילט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט: הזכרות, וואָס אַן אמת, האָט ער אפילו ליב געהאַט, נאָר פאַר די יאַפּאַנער האָט ער שטערבלעכן מורא געהאַט, און אויף „קאַוויאַר" האָט קיין געלט נישט געקלעקט. קיין געלט איז בכלל נישט געווען, אפילו אויף ברויט נישט. אומזיסט האָט ער געזוכט עפּעס אַ פעדדינסטל; הונגערנדיק, האָט ער דערמאָנט אפילו די „אירוש". ענדלעך, נאָכן באַקענען זיך אויפן גאַס מיט אַ פּריוואַטן דעטעקטיוו, האָט ער באַקומען אַ שטעלע, וואָס האָט אים על כל פנים פאַרזיכערט מאַטעריעל, הגם גייסטיק האָט עס אים פאַרשאַפט שרעקלעכע יסורים.

ער וואוינט אין דער דירה פון אַ געוויסער מאַדאַם דירקס, אין אַ פינסטער און געהיימניספול אַלקערל, דערביי ווייס קיינער נישט וועגן זיין עקזיסטענץ אויסער דער דאָזיקער דאַמע. דער דאָזיקער משונהדיקער אַרט לעבן דערקלערט זיך לגמרי נישט מיט דער אויסגעלאַסנקייט פון מאַדאַם דירקס. נאָר מיט איר איבערגעטריבענער צוגעבונדנקייט צו פאַמיליען־גליק. דער מאַן אירער איז זייער אַ לייכטזיניקער, און אַלעקסיי ספּירידאָנאָוויטש דאַרף אים אומעטום באַגלייטן, מעלדנדיק וועגן דעם, וואָס ער זעט, דער מאַדאַם דירקס.

איך וועל דאָ ברענגען אַ אויסצוג פון מיין פּרייוואַטס אַ בריוו, וואָס כאַראַקטעריזירט זיין גייסטיקן מצב:

„...ברודער מיינער, וואו ביסטו? איך גיי פאַרלוירן! כ'וועל שוין נישט רעדן וועגן דער פּשוטער שרעק, אַז דער באַלעבאָס דאָס הייסט דער באַלעבאָסטעס מאַן, וועט מיך סוף כל סוף פּאַקן באַליידיקן ווי כ'פאַרדין דאָס און נאָך גוט אָנשלאָגן. נאָר צוליב וואָס בין איך אַנטלאָפן פון די תליינים פון מענטשלעכן גייסט? נישט שוין־זשע צוליב דעם כדי נאָכצושפּיאָנירן, צי דער דאָזיקער געלער רענטיער פאַראַט נישט זיין צווייטע העלפט? וואו־זשע איז דאָס

לעבן? תאוו־ושע זעבען די הייליקע אידעאלן? פארשוועכט, אויס־געלאכט, דערהארגעט! א, ווי געדעכט איז געווען כורעניטא, דער־מאנענדיק מיר, אז ס׳איז גארנישט נישטא, אז ס׳איז אפילו נישטא, ס׳איז שרעקלעך דאס ארויסצוזאגן, קיין מענטש! ער איז אוועק אין אנדערע וועלטן, קיין לעטא, קיין נירוואנא, און איך בין געבליבן. נאג דו מיר, וואס טוט מען? צוליב וואס לעבן?״...

חי כ׳האב באקומען דעם בריוו, האב איך זיך אליין א וואקל געטאן און טרויעריק געווארן. מיינע תחילתדיקע באגייסטערונגען האבן זיך אביסל געמעסיקט. כ׳האב זיך אנגעהויבן פרעגן — פאר־וואס איך דען נישט דעם לערער?... די בריוו פון פרייגט, שווערע ערינערונגען פון די לעצטע יארן און, ענדלעך, דער אן־עין־הרע־דיקער וואוקס פון דער קולטור האבן מיך געדריקט און אומרואיק געמאכט. כ׳האב אפילו אפגעזוכט אין א געוועלב א פאר שטיוול, ענלעך צו די, וואס האבן באפרייט דעם לערער פון לעבן, און האב אנגעשריבן עטלעכע לידער פאר דער אויסגאבע נאכן טויט. נאר גיך האב איך צונויפגענומען די כחות, ווייסנדיק, אז ס׳שטייט מיר נאך פאר א גרויסע אויפגאבע — דערציילן דעם לערערס לעבן.

איצט האב איך פארענדיקט דאס בוך. אין מיין נשמה איז פוסט און רואיק. יאר נאך יאר האב איך אויפ׳סניי איבערגעלעבט דאס פארגאנגענע און רעסטאווירט דאס געשטאלט פונעם לערער, וואס האט שוין געזומען בלאס ווערן. כ׳שרעק מיך שוין נישט מער, אז איך פארראט דעם אומפארגעסלעכן פארדעטער. איך אנטלויף נישט פחדנותדיק פון די נישט בייגעקומענע ווידערשפרוכן, וואס מיט זיי האט געלעבט און געאטעמט כורעניטא. פאר מיר גייען פארביי רוסלאנד, פראנקרייך, קריג, רעוואלוציע, זאטקייט, אויפ־שטאנד, הונגער, פרידן. איך דיספוטיר נישט און בוק זיך נישט. איך ווייס, אז אסך זעבען פאראן קייטן, פון פארשידענע מעטאלן און פארמען, אבער אלע זיינען דאס קייטן, און צו קיין איינער פון זיי וועט איך נישט אויסציען מיין שוואכע האנט.

דאס וואס טרייסט מיך איז — די שפארע גרויקייט, די

אָפּטע קאָמפּליצירונגען פונם האַרץ, די שוואַכקייט. איך בין שוין איבער די שווערע באַרג־גרעניץ, און מעגלעך, אַז ס'איז שוין ניט ווייט די שעה, ווען כ'וועל קאָנען מער ניט אויפשטיין פון שלאָפניט וואַשן זיך, ניט עסן קיין מיטאָג, ניט שרייבן, אַפילו ניט דערמאָנען זיך. מיין חוב איז דערפילט: דאָס בוך איז אָנגעשריבן. איך ווייס, אַז עס וועט אָפּשטויסן פון מיר די אַלע, וואָס פון גרויסער ליבע צו דער ליטעראַטור אָדער פון מיטגעפיל צו מיר האָבן זיי זיך נאָך גענייט מיך צו פאַרשטיין און באַרעכטיקן. וועלכער קאָנסול וועט איצט וועלן אַרויפלייגן די וויזע אויף מיין פּאַס? וועלכע מוטער פון אַ פאַמיליע וועט מיך לאָזן אויף דער שוועל פון איר הויז, וואו עס וואוינען ערלעכע יונגעלייט און ריינע מיידלעך? איינזאַמקייט, פאַרלאָזנקייט וואַרטן אויף מיר. אין אַ דערציילונג וועגן אמתע געשעענישן און אויפריכטיקע געפילן וועלן די אומרחמנותדיקע טאָמאַשעס דערזען אַ געמיינעם פּאַסקוויל, און אַפילו דער נאָמען מיינער וועט פאַראַכטעט ווערן. זאָל זיין אַזוי! איך האָב שלעכט געלעבט — און אַ גליקלעכער בין־השמשות וואָלט געווען ניט מער ווי אַן אומזיניקער און באַליידיקנדיקער דיסאָנאַנס.

אַרום מיר איז איצט אַ שטיל, גלייך, כמעט טויזנטיעריק לעבן. אין די פרימאָרגנס שפּילט עמיץ אויפן גאַמען. דערנאָך קלינגט מען צו מיטאָג. איך גיי און איך עס זופּ, פלייש מיט קאַרטאָפל, קאָמפּאָט. די דאַמען, וואָס וואוינען אין פּענסיאָנאַט, טייטלען אויף מיר — „אַ משונהדיקער טיפּ“. איך שווייג, רויכער די פּייקע, שפּאַציר אַביסל, לייען אַביסל ראָמאַנען דערציילונגען וועגן אשת־איש־ליבעס אָדער איינשטיינס „טעאָריע פון רעלאַטיוויטעט“ אין אַ פּאָפּולערער פאַרטייטשונג. און צום סוף דריי איך אָן דאָס ווינגערל, לייג אַוועק אויפן טיש די פּייקע און לייג מיך שלאָפן.

אַזוי לעב איך. ניט גוט לעב איך, אָבער איך שעם מיך ניט און פאַרצווייפל ניט. איך וועל שטאַרבן און וועל ניט האָבן, פאַרשטייט זיך קיינמאָל געזען די ווילדע פעלדער מיט די משונהנע טענץ, ריטשעריי און מיט דעם יינגליש אמעריקן געגלעכטער פון די ענגלען באַוויילטע מענטשן. נאָר איצט ווען

איך דעם זוימען פון די דאָזיקע געוויקסן. דאָס אומפאַרמיידלעכע וועט קומען, איך גלויב דערין, און אַלעמען, וואָס וואַרטן אויף דעם, אַלע ברידער אָן אַ גאָט, אָן אַ פּראָגראַם, אָן אידעען, נאַ־קעטע און פאַראַכטעטע, וואָס ליבן נישט מער, ווי חיים און סקאַנ־דאַל, שיק איך מיין לעצטן קוש. הורא! [illegible]! [illegible]! זשיוויאָ! האָך! עוויוואַ! באַנזאַי!

טראַך — טאַראַראַך!

1921

Free Public Library, Newark, N. J.